י. י. טרונק

# שלום-עליכם

(זיין וועזן און זיינע ווערק)

פ אַ ר ל אַ ג „ק ו ל ט ו ר - ל י ג ע"

1937 וואַרשע

בילד פון י. י. טרונק – געמאָלט פון נ. קאָזשען

דאָס בוך געשריבן אין די יאָרן 1931—1936

Printed in Poland

I. I. TRUNK

SZOŁEM-AŁEJCHEM

Spółdzielnia Wydawn. „Kultur-Liga“

Warszawa 1937

געדרוקט אין 3000 עקזעמפּלאַרן

קאָרעקטור: מרדכי פּערלערער, זאַמענהאָף 24 ה. 89

געזעצט: ה. גלאַנק, מוראַנאָווסקע 28 ה. 25

Druk. „Grafia“, Nowolipki 7.



י. י. טרונק

# צום לעזער

די דריי – סינטעטישע – הויפּט־ווערק שלום־עליכמס: „מנחם־מענדל“, „טביה דער מילכיקער“ און „מאָטל פּייסי דעם חזנס“ האָב איך אין דעמדאָזיקן בוך נישט באַהאַנדלט באַזונדער. איך האָב זיי אויסגענוצט בלויז אין שייכות מיט דעם גאַנצן בילד פון שלום־עליכמס שאַפן. אין דעם פאַרליגנדיקן ווערק איז מיר דער עיקר געלעגן אין דער אַנאַליטישער דיאַגנאָזע פון שלום־עליכמס מהות. שלום־עליכמס שאַפן אַלס שליסל צו דער יידישער קאָלעקטיווער פּסיכיק אין איר גאַנצן היסטאָרישן פאַרנעם.

דאָס „מנחם־מענדל“־בוך, – דאָס בוך פון שיקזאַל און שפּיל, דאָס „טביה“־בוך – דאָס בוך פון שיקזאַל און בטחון, און דאָס בוך פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס“ – דאָס בוך פון שיקזאַל און גליקזעליקייט, – זענען די אויסבליק־ווערק. דריי סינטעטישע ביכער פון שלום־עליכמס שאַפן. פאַרשטייט זיך – סינטעזעס פון פאַרשידענע געפילס־שטאַנדפּונקטן. לגבי דידאָזיקע דריי ווערק שפּילן אַלע ווערק שלום־עליכמס די ראָלן פון אַנאַליטישע געשטאַלטונגען פון שלום־עליכמס שאַפערישקייט, ד. ה., דאָס טראַגישע שלום־עליכמישע וועלט־געפיל אַלס אַנאַליטישע באַוועגונג. יענע דריי ווערק זענען רו־פּונקטן אין דערדאָזיקער אַנאַליטישער באַוועגונג. דאָס צוריקקומען צו זיך. אינערלעכע זאַמלונג שלום־עליכמס. אויסבליקן און חשבונות־הנפש. אויסקריסטאַליזירונג און זעלבסדערקענטעניש פון זיין אייגענעם שלום־עליכמישן – טראַגישן – וועג.

אויב דער פאַרגלייך קוקט נישט אויס צו עקזאָטיש –

וואָלט איך יענע ווערק אָנגערופן די דריי מאָמענטן פון שלום־עליכמס נירוואַנאַ.

איך האָב מיך באַמיט צו קאָנסטרויִרן מיינע אַרבעטן וועגן שלום־עליכמען אומגעפער לויט דער גענעזיס פון שלום־עליכמס מהות, און לויט דעם אופן ווי עס האָט זיך געשטאַלטיקט דאָס קאָנסטרוקטיווע בילד פון שלום־עליכמס שאַפן. אין מיין פּלאַן האָב איך דידאָזיקע אַרבעטן איינגעטיילט אין צוויי באַזונדערע — קאָנסטרוקטיוו פון זיך דורכויס נישט אָפּהענגיקע ביכער. דאָס בוך, וואָס איך לייג איצטער פאַר פאַרן לעזער איז אַ פּרווו צו אַנאַליזירן שלום־עליכמען פון שטאַנדפּונקט פון דער היסטאָרישער און קאָלעקטיווער יידישער פּסיכיק. וועגן „טביה דעם מילכיקן", „מנחם־מענדלען" און „מאָטל פּייסי דעם חזנס" ספּעציעל — שרייב איך אַ באַזונדערע אַרבעט, — אַן אַרבעט, וועלכע איך גלויב זי צו קענען שטעלן אונטער אַ גאַנץ אַנדער ליכט־און־שאָטן.

דאָס געשטאַלט שלום־עליכמס אויפן הינטערגרונט פון יידישן שאַפן פאַרלאַנגט פאַר זיך די ברייטסטע רוים־פלאַכן, — און נאָר אויף ברייטע רוים־פלאַכן קאָן מען ערשט זען זיין באַטייט.

נאָך עטלעכע ווערטער צום לעזער. עס האָט מער אַ שייכות צו מיין באַשיידענעם שרייבערישן חשבון. Pro domo sua.

דאָסדאָזיקע בוך וועגן שלום־עליכמען באַטראַכט איך — אין דער אידעאָלאָגישער ליניע — פאַר דעם לעצטן טייל פון אַ טרילאָגיע, וואָס איך האָב אָנגעשריבן (און פאַרעפנטלעכט) בנוגע די אידעישע טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור. איך בין אין דער מיינונג: אַ ליטעראַטור — אַלס גאַנצעס — קאָן נאָר באַטראַכט־ווערן אַלס אַ היסטאָרישער פענאָמען. אַ היסטאָרישער פענאָמען — זעלבספאַרשטענדלעך — אויפן באָדן פון אַ גאַנץ אַנדערער און אייגנאַרטיקער דימענסיע. ביי פולשטענדיק־פרייע אַנטוויקלונגסוועגן פון יעדן באַזונדערן שריפטשטעלער און ביי דעם פולשטענדיק־זעלבסשטענדיקן פאַנאַנדערשפיל פון דער קינסטלערישער אינדיווידואַליטעט, — האָט די ליטעראַטור אין

איר גאַנצער געשטאַלט דעם ריטם פון אַ קאָלעקטיווער פסיכיק. אַ ליטעראַטור, פונקט ווי די שפּראַך, לאָזט זיך (אויך) דעפינירן אַלס די ריטמישע באַוועגונג פון אַ קאָלעקטיווער פסיכיק. מ׳קאָן קיינמאָל נישט גענוג אונטערשטרייכן די אָרגאַנישע צוזאַמענהאַנג־גען צווישן ליטעראַטור און שפּראַך. דאָס געשטאַלטהאַפטיקע זע־בילד פון דער ליטעראַטור איז דאָס געשטאַלטהאַפטיקע זע־בילד פון דער מענטשלעכער שפּראַך. דאָס געמיט און דער ריטמוס פון דער ליטעראַטור איז דאָס געמיט און דער ריטמוס פון דער שפּראַך. דער ריטם פון דער וועלט אין מענטשלעכן געמיט – דאָס איז דער לעבנס־ריטם פונם קאָלעקטיוו; וועלט־איינהייט. די מאָטיוון פון דער וועלט־איינהייט אין דער דיאַ־לעקטיק פון דער געשיכטע. אויף די פּליינען פון דער היסטאָר־יע איז די ליטעראַטור די סובלימירטסטע פאָרם פון דעם וועלט־איינהייטס־געפיל.

וועגן דער פריער דערמאָנטער טרילאָגיע:

אין „אידעאַליזם און נאַטוראַליזם אין דער יידישער ליטע־ראַטור" האָב איך געפּרוווט צו געבן – נאָך אויף אַן אַב־סטראַקטן אופן – די גרונטשטריכן פון דער אַזוי־גערופענער היס־טאָרישער אידעע פון דער יידישער ליטעראַטור. אין „צווישן ווילן און אָנמעכטיקייט" האָב איך בכיוון אויסגעקליבן ה. ד. נאָמבערגן אַלס דעם־יעניקן מאָדערנעם יידישן שריפטשטעלער און די נאָמבערגישע פיגורן אַלס די־יעניקע מאָדערנע יידישע מענטשן, וואָס זענען געבוירן־געוואָרן אין די בין־השמשותן פון דער היסטאָרישער דיאַלעקטיק, און ווייסן נישט וואוהין צו גיין. זיי זענען – אַלס יידישע מענטשן – אומבאַהאָלפן אין זייער אייגענער טראַגיק. זיי ווייסן אַליין נישט ווער זיי זענען און וואָס זיי ווילן אין זייער וועזנהאַפטיקייט. עס זענען יענע אינטעלי־גענטישע סקעפּטיקער ביי יידן – סך־הכל וועגלאָזע און צע־בראָכענע מענטשן, – וואָס האָבן פאַרלוירן אַלע אינערלעכע אָנהאַלטן און דרייען זיך נעבעך אַרום אויף גאָר אַ קליין עולם־התוהולע. דערביי האָבן זיי די גענוג קאָמישע איינרעדעניש צו

זיין די קלוגע לעבנס־פילאָסאָפים און די פּראַקטישע „בעסער־ווייסער״.

דאָס פאָרליגנדיקע ווערק וועגן שלום־עליכמען איז דאָס דריטע בוך פון דער טרילאָגיע. מיט מיינע באַשיידענע מעג־לעכקייטן האָב איך מיך דאָ פּאַרמאָסטן אָנצוצייכענען די לעבנס־באַוועגונג און די פּסיכישע לעבנס־בילדער פונם יידישן מענטש אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין היסטאָרישן מהות.

**י. י. טרונק**

**וואַרשע, יוני 1937.**

# קליינע מענטשעלעך

# I

„דאָס קליינע מענטשעלע מיט די קליינע השגות" — דאָס איז דער קלאַסישער מאָטיוו, וואָס שלום־עליכם האָט אַריינגעפירט אין דער יידישער ליטעראַטור. דעם באַגריף פונם יידישן קליינעם מענטש אונטערצושטרייכן אַלס ווערט אין דעם גייסטיקן באַוווסטזיין פון דער יידישער געזעלשאַפט — דאָס איז דאָס פאַרדינסט פון שלום־עליכמען. זיין היסטאָרישע טאַט. אין דערדאָזיקער הינזיכט איז ער דער ערשטער און דער גרעסטער.

י. ל. פרצס כוח אין דער יידישער ליטעראַטור איז גראָד געווען צו צייכענען די יידישע אינדיווידועלע פערזענלעכקייט. איבערהויפט די אידעאַלן, די קאַמפן און די טראַגעדיעס פון דער־דאָזיקער פערזענלעכקייט; דער יידישער איינצלנער מענטש אין שייכות און אין קאָנפליקט מיט דער וועלט. אַפילו דאָרט, ווו פרץ רעדט וועגן די „שטומע נשמות" אין דער גרויער יידישער מאַסע, — די יידישע וואַסער־טרעגער, די האָלץ־העקער און די איבעריקע נסתרים און ל"ו־ניקעס — זענען עס ביי אים נישט קיין קליינע מענטשעלעך. נישט קיין מאַסע אַלס אַזעלכע. פאַר־קערט — עס זענען כסדר „אַרויסגעהויבענע" פערזענלעכקייטן. צדיקים. שטאַרקע און אויסגעשפּראָכענע אינדיווידועלע כאַראַק־טערן. מיר באַמערקן בלויז שווער דעם ספּעציפישן עלעמענט פון פערזענלעכקייט אין דידאָזיקע גרויע „שטומע נשמות". דאָס פערזענלעכע און אינדיווידועלע דריקט זיך דאָרט אויס אין גאַנץ פרימיטיווע פאָרמען. עס לעבט זיך נישט אויס אינטעלעקטועל און פאַרנונפטהאַפטיק. דאָס אינטויִטיווע אַלס פערזענלעכקייט ווערט זיך נישט באַוווסטזיניק. עס נערט זיך בלויז פון אַן אי־

נערלעכן וועלט-אינסטינקט. רעאַגירט פּרימיטיוו. אינדיווידואַליס-טישע וועלט-אינטויִציע אָן אינדיווידואַליסטיש וועלט-באַוווסט-זיין. מיט דעם, אָבער, וואָס אַ פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ק י י ט שטעקט אי-נעווייניק אין דער מאַסע און שיידט זיך סיי אינטעלעקטועל, סיי מיט אַנדערע אַטריבוטן, אויבנאויפיק נישט אָפּ פון איר—מיט דעם ווערט נאָך דאָס אינדיווידואַליסטישע, דאָס פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ע אַלס וועלט-געפיל-עלעמענט, דאָס פּערזענלעכע אַלס וו ע ר ט, נישט מאַסנ-האַפטיק. קוואַליטאַטיוו ווערט עס נישט צוגעשריבן אויפן חשבון פון דער מאַסע. הגם דער קריטישער אַנאַליז פון די צייט-באַדינ-גונגען און אַנדערע סיבות און פּאַרהעלטענישן קאָנען אויפווייזן די איינפלוסן פון דער מאַסע אויף דער ספּעציפישער פּערזענ-לעכקייט. דאָס פּערזענלעכע ווערט פּ ע ר ז ע נ ל ע ך גראָד דער-מיט, וואָס עס האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער מאַסע מיט באַזונ-דערע כאַראַקטער-ווערטן, באַזונדערע ווערטלעכע אייגנשאַפטן, באַזונדערער יחידישער ווילנס-ליניע. די פּערזענלעכקייט איז דאָס מענטשלעך-מיקראָקאָסמישע אין דעם מאַקראָקאָסמאָס פון דער מענטשלעכער אַלגעמיינקייט — דער מאַסע. אין אירע אַלע באַ-ציִונגען פילט אויף זיך די פּערזענלעכקייט אַן אייגענע פאַראַנט-וואָרטלעכקייט פאַר דער וועלט. די פּערזענלעכקייט איז עגאָטיש אַפילו דאַן, ווען זי טראָגט אויף זיך די גרויסע פּאַרבּ פון דער מאַסע. זי פילט זיך באַרופן אויסצולעבן זיך אין איר אייגענעם שיקזאַל. נאָר צום צוזאַמענשפּיל, אָדער צום קאָנפליקט פון אָט דעם אייגענעם שיקזאַל מיטן שיקזאַל פון דער וועלט, איז גע-וואָנדן די לעבנס-ליניע פון דער פּערזענלעכקייט.

צייכענען און דערציילן אין דער יידישער ליטעראַטור פון דעם שיקזאַל, די קאַמפן, די גלויבונגען און די טראַגעדיעס פון דער יידישער פּערזענלעכקייט איז געווען די פּאַרדינסטפולע טאַט פון י. ל. פּרץ.

אין זיין קינסטלערישן וועלט-באַנעם שטייט שלום אַש אין קעגנזאַץ צו פּרצן. שלום אַש זעט דעם היסטאָריש-מענטשלעכן ווערט נישט אין דעם מהות פון דער פּערזענלעכקייט, נאָר אינם מהות פונם קאָלעקטיוו. בלויז די געמיינזאַמקייט טראָגט אין זיך

(לויט אַשן) אַלע אייגנשאַפטן פונם מענטשלעכן שיקזאַל. פונ־דעסטוועגן, הגם אַש איז דורך־און־דורך אַ קאָלעקטיוויסטישע נאַ־טור, שילדערט ער נישט אוממיטלבאַר דעם קאָלעקטיוו אַלס אַזעלכן, צייכנט ער נישט די מענטשלעכע מאַסע, דעם עלעמענט מענטש אין זיין קאָמפּאַקטקייט. שלום אַש פּערזאָניפיצירט דאָס קאָלעקטיוויסטישע וועלט־געפיל זיינס אין אַ געוויסן טיפּ. די היס־טאָרישע ווערטן פון קאָלעקטיוו ווערן ביי אַשן געוויזן דורך אַ מעדיום. סעלעקציע. אַש קלויבט־אויס דאָס סאַמע כאַראַקטער־פולסטע, דאָס טיפּישסטע פון דער יידישער קאָמפּאַקטקייט, כדי אינם אויסגעוויילטן קאָלעקטיוויסטישן עקזעמפּלאַר צו דעמאָנ־סטרירן דעם מהות פונם יידישן קאָלעקטיוו. מיר קאָנען נעמען אַלס ביישפּיל די גאַלעריע פון די אַשישע טיפּן און דעם אופן ווי שלום אַש באַנעמט זיי קינסטלעריש. ביי זייער גאַנצער מאַסנ־האַפטיקייט שיידן זיך דאָך אַשס פיגורן אָפּ פון דער מאַסע ווי קאָנצענטראַציע־פונקטן. קאָנצענטראַציע־פונקטן, ווו עס קומט באַ־זונדערס בולט צום אויסדרוק סיי דאָס מאַסנהאַפטיקע אַלס אַזעל־כעס, סיי דאָס, וואָס שלום אַש וויל זען אין דער מאַסע. שלום אַש איז אין זיין וועלט־געפיל הונדערט־פּראָצענטיקער אידעאַליסט. ער אידעאַליזירט דעם קאָלעקטיוו מיט דעם, וואָס ער פּערזאָני־פיצירט אים.

שלום־עליכם באַציט זיך צו דער מענטשלעכער מאַסע אומ־מיטלבאַר. פּנים־אל־פּנים. ער זעט זי נישט דורך דער צווייטער האַנט, דידאָזיקע אומצייליקע מענטשלעכע מאַסע. וואָס איז מענטש־לעכע מאַסע? וואָס איז געמיינזאַמקייט? פאַר שלום־עליכמען איז עס אַ גרויסער גרויער כלל פון „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע השגות". אַ גרויסער קאָמפּלעקס פון לעבן, וואָס איז צוזאַמענגעגע־וועבט פון קליינע ווינציקע לעבנדלעך. דאָרט שיידט זיך קיינער פון קיינעם מיט גאָרנישט נישט אָפּ. איינער איז נישט כאַראַקטע־ריסטישער פאַרן צווייטן. אַלע זענען זיי דאָרט צוזאַמענגעקניפּט און צונויפגעבונדן אין איין כאַראַקטער, דערמיט אויך אין איין שיקזאַל. ווען שלום־עליכם נעמט־אַרויס פון דערדאָזיקער צוזאַ־מענגעקניפּטער מענטשן־מאַסע אַ געוויסן טיפּ, כדי אים צו ציי־

כענען, איז נישט דערדאָזיקער פאַרשוין, ווי ביי אַשן, אַ באַזונ־
דערער כאַראַקטעריסטישער עקזעמפּלאַר. ניין. שלום־עליכם האָט
נאָר אויסגעקליבן פון דער מאַסע דעמדאָזיקן, וואָס איז אים צו־
פעליק געקומען אונטער דער האַנט, כדי אין פנים פונם יחיד
אונז צו ווייזן דאָס פנים פונם כּלל. אַפילו די באַקאַנטסטע טיפּן
שלום־עליכמס, ווי מנחם־מענדל און טביה, וואָס קאָנען אויבנ־
אויפיק אויסקוקן ווי ספּעציפישע כאַראַקטער־עקזעמפּלאַרן, זענען
נישט מער ווי צופעליק אַרויסגעהויבענע פיגורן פון דער מאַסע.
מנחם־מענדל און טביה זענען אויף אַ האָר נישט כאַראַקטעריס־
טישער ווי די מנחם־מענדלס און טביהס, וואָס בילדן, לויט
שלום־עליכמען, דאָס פּרצוף פון דער יידישער קאָמפּאַקטקייט. זיי
זענען נאָר פּרטים אין דעם כּלל. מיר זעען דאָס אַמבעסטן אין
די מיטשפּילער און אין די נעבן־פיגורן אַרום שלום־עליכמס הויפּט־
פיגורן. די נעבן־פיגורן, וואָס שפּילן די צווייטע ראָל אין די
שלום־עליכמישע, אַזוי־צו־זאָגן, „העלדן״־נאָוועלן, הגם זיי הייסן
נישט מנחם־מענדל, אָדער טביה, און טויכן נאָר פאַרבייגייענדיק
אויף פּאַר אונזערע אויגן — שטייען זיי פונדעסטוועגן סיי אין
זייער וועזן, סיי אין טעמפּעראַמענט, פאַנטאַזיע און אַלע איבערי־
קע אייגנשאַפטן, פולשטענדיק אויף דערזעלביקער פּלאַך, וואָס
דער הויפּט־העלד. מיר וועט נאָך שפּעטער אויסקומען אויספירלע־
כער צו רעדן וועגן מנחם־מענדלען, נאָר איך וויל שוין איצטער
דעם לעזער אויפמערקזאַם־מאַכן דערויף, אַז די אַלע מעקלערלעך,
שדכנים און סתם פאַרשוינען, וואָס דרייען זיך אַרום מנחם־
מענדלען, זענען פונקט די אייגענע מנחם־מענדלס, ווי דער לייב־
לעכער מנחם־מענדל גופא. פון אייגענעם טראָפּן וואַסער. דאָס
עבן־בילד פון אַ שבט אַזעלכן. שלום־עליכם נעמט־אַרויס פון צווישן
די מנחם־מענדלס איין פּשוטן מנחם־מענדל, כדי אים צו צייכענען
און צו דערציילן פון זיינע געדאַנקען און זיינע מעשים. פונקט
אַזוי, אָבער, טוען און דענקען אַלע מנחם־מענדלס. „איך באַ־
שרייב אַלע שלימזלען, וואָס שטייען מיט מיר אויף איין אַכסניה״,
שרייבט דער גלייכער שלימזל מנחם־מענדל צו זיין ווייב שיינע־
שיינדל. „אַלע יידן זענען מנחם־מענדלס און דאָס בוך („מנחם־

מענדל״) איז נאָר אַ בריוונשטעלער, ווו יעדער ייִד קאָן זיך אויסקלייבן זיין בריוו״. (שלום־עליכמט הקדמה צום מנחם־מענדל־בוך). דאָס איז דער אופן פון שלום־עליכמס שרייבן. אים אינטע־רעסירן נישט די מעשים און די רעיונות פון דעם יחיד. אים אינטערעסירט, ווי אַזוי עס דענקט דער מין, ווי אַזוי עס לעבט דאָס געשלעכט, דער שבט, די ראַסע. דער אַזוי־גערופענער העלד, דער ליטעראַרישער העראָיִזם איז אַבסאָלוט פרעמד דעם ווע‍ן פון שלום־עליכמס קונסט. ווען שלום־עליכם באַמיט זיך דווקא צו געבן דעם העלד – און ער טוט עס אַביסל צו אָפט, צ. ב. אין זיינע ראָמאַנען, – דאַן טוט ער זיך אויפּס־כּוח. ער ציט דעם העלד ביי די אויערן אַרויס פון דער מאַסע. און טון טוט ער עס גראָד זייער שלעכט. שלום־עליכם פאַלט דאַן אַריין אין דעם שאַבּ־לאָן פונם ביליגן סענטימענטאַלן ראָמאַן און טרעט־אַריבער די געפערלעכע גרענעץ. שלום־עליכם, ווי אַלע ווירקלעכע מייסטער, האַלט זיך תּמיד ביי דערדאָזיקער געפערלעכער גרענעץ – צווישן קונסט און שונד. נאָר וועגן דעם וועט מיר נאָך אויסקומען צו רעדן.

דורך אָט דער אויסגעשפּראָכענער אייגנשאַפט שלום־עליכמס – דער אייגנשאַפט צו זען דעם יחידישן מענטש בלויז אַלס קליין מענטשעלע, אַלס „מאַסע״ אין דער מאַסע, – באַקומען מיר אין דער האַנט דעם איינציק ריכטיקן שליסל צו שלום־עליכמס הומאָר. שטעלן מיר אַוועק אויף איין זע־פעלד פון איין זייט דאָס קליינע מענטשעלע אַלס יחיד, און פון דער צווייטער זייט – דאָס מאַסן־בילד פון די קליינע מענטשעלעך, דאַן באַקומען מיר צום אָנבליק אַ גרויסע דיספּראָפּאָרציע. אַ דיספּראָפּאָרציע צווישן אַ משונה־דיק, אומגעלומפּערט געבײַ פון אַנגרויסן מענטשלעכן כּלל און אַ קליין מענטשעלע אין דער פּאַראיינצלטקייט. דער וואַסער־טראָפּן נעבן ים. שלום ראַבינאָוויטש פון וואָראָנקע – פּסעוודאָנים: שלום־עליכם – איז דעמאָלט געוועזן אַזאַ קליין מענטשעלע, וואָס איז געשטעלט־געוואָרן אין דער פּערספּעקטיוו צו דער מאַסע פון די „קליינע מענטשעלעך מיט די קליינע השגות״. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צו דעם גראָטעסקן גרויען כּלל אין דער פּערס־

פּעקטיוו — און אויפגעהויבן די האַנט אים צו צייכענען אין קאָנטורן און דעטאַלן. עס איז געווען אַ דיספּראָפּאָרציע צווישן דעם אָביעקט און די באַציִונגען צו אים. די דאָזיקע דיספּראָפּאָרציע האָט געמאַכט גראָטעסק די באַציִונגס⸗פאַרהעלטניש צווישן דעם קליינעם מענטשעלע שלום ראַבינאָוויטש און דעם קאָלעקטיוו פון קליינע מענטשעלעך. די באַציִונגען צווישן יחיד און מאַסע האָבן עפּעס ניִשט געפּאַסט צווישן⸗אַנאַנדער אין זייער וואָגיקייט. דאָס פעלן פון ב אַ נ ע מ ע ר י ש ע ר פּראָפּאָרציע צווישן שלום ראַבינאָוויטשן און זיין סביבה איז געווען די ערשטע סיבה פון שלום⸗עליכמס הומאָר. שלום⸗עליכם האָט אָנגעהויבן צו זען זיינע באַציִונגען צו דער וועלט אין דעם קרומען שפּיגל פון דער דיספּראָפּאָרציע. פון דעמדאָזיקן שפּיגל אַרויס האָט די גאַנצע וועלט און אַלע מענטשן אַרויסגעקוקט צו אים מאַסקנהאַפטיק און גראָטעסק. ווי אויסטערליש און לעכערלעך ס'איז די דאָזיקע וועלט אין דער פּערספּעקטיוו! שלום⸗עליכם האָט זיך דאַן נאָך געפילט אינם לעבן ווי אין אַ נאַרן⸗הויז.

אַן איבערראַשטער פון אָט⸗אָ⸗דעם מאָדנעם געפיל איז די ערשטע רעאַקציע שלום⸗עליכמס געווען: זיך צעלאַכן, הויך און זאָרגלאָז זיך צעלאַכן.

לאַכן, ווייל „לאַכן איז געזונט".

אינפאַנטיל זיך צו חדושן. שפּילן זיך נאַיִוו. איבערפלעכלעך לאַכן אין דעם קרומען שפּיגל. דאָס זענען געווען שלום⸗עליכמס קינסטלערישע קינדער⸗יאָרן. דער שפּעטערדיקער אַנטוויקלונגס⸗וועג שלום⸗עליכמס איז געווען אַ שווערער קאַמף אויסצוואַקסן פון די קינדער⸗שיכלעך פון הומאָר. צו פאַרטיפן זיך אין דער מאָדנער, גראָטעסק⸗שאָטנהאַפטיקער, דיספּראָפּאָרציאָנעלער וועלט, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען; צו קאָנסטרויִרן די האַרמאָניע פון זיין אייגענער וועלט אין דעם קרומען שפּיגל פון זיינע באַציִונגען. ביטער ערנסט צו ווערן אין דעם קינדערשן געלעכטער. פאַנטאַסטיש צו ווערן אין דעם גראָטעסק⸗שאָטנהאַפטיקן. פאַרוואַנדלען דעם נישט באַוווּסטזיניקן הומאָר אין באַוווּסטזיניקער איראָניע.

## II

אינטעלעקטועל, אַלס אָביעקטיווער לעבנס־באַטראַכטער, איז שלום־עליכם אַליין נישט געשטאַנען פיל העכער פון דער מאַסע. אין זיין וועלט־באַנעם איז ער געווען איינער פון די קליינע מענטשעלעך. דידאַזיקע אינטעלעקטועלע דעפעקטן האָבן זיכער געשטערט שלום־עליכמען אין זיין וועג צו זיין אייגענער טיפקייט. זיי האָבן אָבער געהאַט די אויסטערלישע מעלה, וואָס זיי האָבן שלום־עליכמען — דעם גרעסטן יידישן קינסטלער — געשטעלט אין אַן אייגנטימלעכער לאַגע, אין אַן אָרגאַנישן ווי־דערשפרוך מיט זיך אַליין; מאַסנהאַפטיק אין זיין ווען, מאַסנהאַפטיק אין זיין וועלט־געפיל, מאַסנהאַפטיק אין זיינע באַדערפנישן און פאָדע־רונגען צו דער וועלט; אין דער אייגענער צייט—דורך אַ שטאַרקן אי־נערלעכן דראַנג, דעם דראַנג פון גרויסער קינסטלערישקייט—ווי דורך אומבאַקאַנטע פליגל אַ ר ו י ס ג ע ה ו י ב ן פון דער מאַסע. די מאַסע, צו וועלכער ער געהערט, שלום־עליכם, ווערט פאַר אים געשטעלט אין אַ וויזיאָנערער פערספעקטיוו. טיפער צוויי־שפאַלט צווישן די מאַסן פונם קינסטלערישן געפיל שלום־עליכמס — און די מאַסן פון דער מענטשלעכער אינטעליגענץ שלום־עליכמס. אין דערדאָ־זיקער וועזנטלעכער דיסהאַרמאָניע מיט זיך אַליין פון אַ גרויסן קינסטלער — וואָס איז דאָ גראָד אַנטשטאַנען צוליב זיין, שלום־עליכמס גרויסער קינסטלערישקייט — דאַרף מען זוכן די רעאַקציע פון שלום־עליכמס הומאָר. עס עפנט זיך דאָ אָבער אויך אַן אריינ־בליק אין דער צווייטער געניאַלישער אייגנשאַפט פון שלום־עליכמען. די אייגנשאַפט, וועלכער ער האָט צו פאַרדאַנקען זיין אויסוואַקסן און פאַרטיפונג, זיין באַנעמען זיך אַליין, דאָס דער־וואַכטע באַוווסטזיין זיינס אינם קינסטלערישן שאַפן — די אייגנ־שאַפט פון דער פ אַ נ ט אַ ז י ע.

הומאָר און פאַנטאַזיע זענען צוויי זייטן פון דער איינער מטבע, דערשיינונגען פון איין־און־דעמזעלבן מאָטיוו. „ווען עס קומט צום באַוווסטזיין, אַז מיט דער געשעעניש און מיט דער דערשיינונג שעפּט זיך נישט אויס די אומענדלעכע באַוועגונג פון לעבן, ווען מ׳הייבט־אָן צו נעמען רעלאַטיוו די ענדלעכע געשעעניש פון לעבן אין דער אומענדלעכער באַוועגונג פון לעבן"*) — דאַן הייבן זיך אָן צו שאַפן די גרויסע מיספאַרשטענדנישן צווישן דעם רעלאַטיוון און אַבסאָלוטן; דיספּראָפּאָרציעס צווישן רעלאַטיוון און אַבסאָלוטן סיי אין ר ו י ם, סיי אין דער א י ד ע ע. די רעלאַטיווע, די איינצלנע, די ענדלעכע לעבנסבאַוועגונג, וואָס האַרמאָנירט נישט אין איר ענדלעכקייט מיט דעם אומענדלעכן — זי קומט זייער אָפט אין קאָנפליקט און אין צוזאַמענשטויס מיט דער אומענדלעכער באַוועגונג פון לעבן הן אָביעקטיוו, — אין צוזאַמענשפּיל מיט די אויסערלעכע געשעענישן, — הן סוביעקטיוו — אינם מענטשלעכן באַנעמען פון די געשעענישן. אין דעמדאָזיקן צוזאַמענשטויס ווירקט דאָס ענדלעכע — נישט דערקענענדיק זיך אַלס ענדלעך — קאָמיש און גראָטעסק. קאָמיש און גראָטעסק לויט זיינע ד י ס פּ ר אָ פּ אָ ר צ י ע ס צ ו ם א ו מ ע נ ד ל ע כ ן.

יעדע דיספּראָפּאָרציע צווישן צוויי דערשיינונגען ווירקט גראָטעסק אויפן אָביעקטיוון צושויער. יעדע דיספּראָפּאָרציע ווירקט לעכערלעך; אין דער דיספּראָפּאָרציע גייט־פאַרלוירן דער אינערלעכער צוזאַמענהאַנג צווישן די פאַרשידענע טיילן.

הומאָר — אין זיין קאָמישער פאָרם — אַנטשטייט תמיד, ווען עס גייט־פאַרלוירן דער צוזאַמענהאַנג פון אַ ד ע ר ש י י נ ו נ ג מיט די ד ע ר ש י י נ ו נ ג ע ן.

הומאָר איז דיספּראָפּאָרציע.

די שעפערישע פאַנטאַזיע גייט־אַרויס פון דעמזעלבן מאָטיוו, וואָס דער הומאָר. אויך אין די מאָטיוון פון דער פאַנטאַזיע טרעפט זיך דאָס איינצל־ענדלעכע צוזאַמען מיט דער אומענדלעכער באַוועגונג. ווען אין דער איינצעלער אָפּגעריסענער דערשיינונג קומט יאָ צום באַוווסטזיין איר אָפּהענגיקייט פון דער אומענדלעכער באַ־

*) אומגעפער אזוי זאָגט גונדאָלף אין זיין בוך „ראָמאַנטיקער“.

וועגונג, דאַן טרעט־אויף, אַנשטאָט דעם הומאָר, די פ אַ נ ט אַ ז י ע. דער הומאָר אַקצענטירט די טאָטאַלע ענדלעכקייט פון דעם ענד־לעכן — אין דערדאָזיקער בלינדער איבערגעטריבענער אַקצענ־טירטקייט ווערט דאָס ענדלעכע קאָמיש — די פאַנטאַזיע דעקט גראָד אין דעם ענדלעכן אויף די צאָלרייכע אייגנשאַפטן פון דעם אומענדלעכן. אינם רעלאַטיוון געפינט־אויס די פאַנטאַזיע אַלע אַטריבוטן פון דעם אַבסאָלוטן. אינם באַוווסטזיינפולן ריטם פון דער פאַנטאַזיע צעפליסן אַלע ענדלעכקייט־אַטריבוטן פון דעם ענד־לעכן. אין דעם קליינעם ענדלעכן דעקט־אויף די פאַנטאַזיע אַלע אייגנשאַפטן און אַלע מעגלעכקייטן פון דער אומענדלעכער באַ־וועגונג. אינם אָפּשיין פון אמתער פאַנטאַזיע ענדערט דעריבער דאָס ענדלעכע זיין רעלאַטיוון כאַראַקטער; הייבט דאָס רעלאַטיווע אָן צו פּראָיִצירן אַזעלכע דערשיינונגען, בילדער און דימענסיעס, וואָס נאָר די אומענדלעכע באַוועגונג פון לעבן קאָן זיי אפשר אַמאָל אַרויסברענגען. די רעלאַטיווע דערשיינונג, וואָס מיר זענען געוווינט צו באַטראַכטן זי אַלס געוויינלעך און ענדלעך, ווערט אומגעוויינלעך און אומענדלעך אין דער פאַנטאַזיע. עס נעמט זיך דערפון, וואָס די פאַנטאַזיע טראָגט די ענדלעכע דערשיינונג אַרי־בער אויף אַן אַנדערן פּאָן, — אויפן פּאָן פון דער אומענדלעכער באַוועגונג פון לעבן. דאָס מאַקראָקאָסמישע הייבט־אָן—דורך דער פאַנ־טאַזיע—צו שפּילן די איבערוועגנדיקע ראָל אין דעם מיקראָקאָסמישן.

איך קום איצט צוריק צו שלום־עליכמען.

גראָד ביי שלום־עליכמען קאָן מען זייער בולט נאָכווייזן, ווי עס אַנטוויקלען זיך אַרום דעם אייגענעם מאָטיוו זיינע צוויי אייגנטימלעכע אייגנשאַפטן: דאָס קאָמישע און דאָס פאַנטאַסטישע.

איך חזר־איבער: אין זיין גאַנצן אינטעלעקט, אין דער קאָנסטרוקציע פון זיין וועלט־באַנעם איז שלום־עליכם מאַסנהאַפ־טיק. דאָך, איז ער דורך זיין קינסטלערישקייט אַרויסגעהויבן־געוואָרן פון דער מאַסע. שלום־עליכם — אַ קליין מענטשעלע — האָט, דורך אַ שטאַרקן אינערלעכן (קינסטלערישן) דראַנג, אַרויספּאַר־בלאָנדזשעט פון דער „סטאַדע״. די מאַסע, מיט וועלכער ער איז ביז־איצט געווען צוזאַמענגעבונדן אין איין סטיכישער גאַנצקייט,

י. י. טרונק, שלום־עליכם, 2.

דערשיינט פלוצלינג פאַר דעמדאָזיקן פאַרבלאָנדזשעטן קליינעם מענטשעלע אין דער פּערספּעקטיוו. — פאַר דעם פּרצישן אינדיווי־דואַליסט איז דידאָזיקע פּערספּעקטיוו באַרעכטיקט. ער איז נאַ־טירלעך אַרויסגעהויבן פון דער מאַסע. דער גאַנצער יחידישער סוביעקטיוויזם פונם פּרצישן העלד איז געבויט אויף דערדאָזיקער אַרויסגעהויבנקייט. די דיפערענציאַציע צווישן יחיד און מאַסע איז נאָר דער פּועל־יוצא דערפון, וואָס דער אַרויסגעהויבענער יחיד און דער כּלל זענען שטאַרק אָפּגעטיילט פונאַנדער אין זייער וועלט־געפיל; אָפּגעטיילט אין שיקזאַל פון לעבן — אויך לעבנס־שיקזאַל איז וועלט־געפיל! אַפילו דער אַשישער קאָלעקטיוויסטי־שער עקזעמפּלאַר איז באַרעכטיקט אין זיין „אַרויסגעהויבנקייט".
אין דערדאָזיקער אַשישער סעלעקציע ווערן דאָך באַזונדער בולט געוויזן די אַטריבוטן און די ווערטן פון קאָלעקטיוו. שלום־עליכם אליין אָבער, פונקט ווי די שלום־עליכמישע פיגור, האָט סיי מאָ־ראַליש, סיי אַלס דער כאַראַקטעריסטישער עקזעמפּלאַר, קיין שום אינערלעכע רעכט נישט זיך צו שטעלן איבער דער מאַסע, האָט נישט די מינדסטע יחידישע אַטריבוטן. אויב דאָס „אַרויסגעהויבן־זיין" איז געשען, אַזוי־צו־זאָגן, דורך דעם „צופאַל", וואָס שלום־עליכם איז אַ גרויסער קינסטלער, איז ממילא דאָס ערשטע, וואָס האָט זיך אים, שלום־עליכמען גופא, באַזונדערס געוואָרפן אין די אויגן, געווען דער דיספּראָפּאָרציאָנעלער צוזאַמענהאַנג צווישן זיך אַליין, שלום ראַבינאָוויטשן פון וואָראָנקע, — דאָס ווינציקע חלקל, דאָס פּינטעלע מענטש, דאָס קליינע מענטשעלע, — און דעם גרויסן כּלל פון מענטשן; צווישן זיך און דער קאָמפּאַקטער מאַסע פון קליינע מענטשעלעך, פון וועלכע אַ קינסטלערישער דראַנג האָט אים, שלום־עליכמען, אַרויסגעריסן. שלום־עליכם איז געשטעלט־געוואָרן אויף אַ הייך, וואָס איז פאַר אים אַליין געווען ווענטלעך פרעמד. אומבאַקאַנט. שלום־עליכם אַלס באַטראַכטער — און דער כּלל אין דער פּערספּעקטיוו! אין דערדאָזיקער שטעלונג מוז שלום־עליכם, דורך פּשוטער פּסיכאָלאָגישער נויטווענדיקייט, אָנהייבן באַטראַכטן די מאַסע אָביעקטיווער, ווי בעת ער איז געווען אַבסאָלוט מיט איר צונויפגעמישט: נאָר דורך אַ פּסיכישן

דראַנג באַטראַכט ער זי אָביעקטיוו, כאָטש אָן שום אָביעקטיווער אינטעלעקטועלער אַרויסהויבונג.

לאָמיר פרווון אַנאַליזירן דידאַקטיק אייגנאַרטיק־פסיכישע שטעלונג שלום־עליכמס.

דורך זיין אינערלעכן (קינסטלערישן) אויפוואַכן — פון וועלכן עס פאָלגט בלויז די אינסטינקטיווע אָביעקטיוויטעט— הייבט ער מיטאַמאָל אָן צו זען די דימענסיעס און די באַוועגונג־גען פון אַ כלל מענטשן — די באַוועגונגען פונם קאָלעקטיוו. די אינסטינקטיווע אָביעקטיוויטעט האָט אים אויפמערקזאַם־געמאַכט דערויף, וואָס ער האָט, דורך דער פולשטענדיק־אָרגאַנישער צו־זאַמענגעוואַקסנקייט מיטן קיבוץ, נישט באַמערקט, נעמלעך: די נישט־זעלבסטשטענדיקייט פונם יחיד אינם קיבוץ. ערשט דורך דעם אָביעקטיוון שטח זעט ער, ווי ווייט נישט־זעלבסטשטענדיק אָט די אַלע פינטעלעך מענטש, וואָס שטעלן־צוזאַמען דעם כלל, פירן־אויס אַלע פונקציעס פון לעבן. אַ יעדער פון די קליינע מענטשע־לעך מיינט צו זיין דאָרט, אינם כלל, עפּעס אַ מיטל־פונקט, אַ באַזונדערער יש. די קליינע מענטשעלעך זענען אָבער, ווי די ליאַלקעס אין מאַריאָנעטן־טעאַטער, אָנגעבונדן אויף אַ נישט־אָנ־זעעוודיקער שנור — דער פאַטום פון דער מאַסע — מיט וועלכער זיי ווערן געצויגן און באַוועגט אויף דער בינע, וואָס הייסט: קאָ־לעקטיוו. זיי שפילן זעלבסטשטענדיקייט, — און זענען אויף אַ האָר נישט זעלבסטשטענדיק. אין די ערשטע פאַזן פון זיין אינסטינק־טיווער אָביעקטיוויטעט איז שלום־עליכמען נאָך נישט איינגעפאַלן טיפער נאָכצוקוקן און צו וועלן באַנעמען, ווער איז עס דער כוח, ווער דער שיקזאַל, און ווער דער פאַטום, וואָס שטייט הינטער דעם רוקן פון אָט די מענטשישע מאַריאָנעטקעס—די יידישע קליינע מענטשע־לעך? שלום־עליכמס אויג ווערט בלויז פאַרכאַפּט פון דער נייער אַנטדעקונג, וואָס ער האָט געמאַכט אין דעם לעבנס־אופן פון דעם כלל, מיט וועלכן ער לעבט צוזאַמען און מיט וועלכן ער איז צוזאַמענ־געבונדן מיט דער גאַנצער פּסיכאָלאָגיע זיינער. מענטשן אין קאָ־לעקטיוו! ווי מאָדנע זיי זענען אין דער פּערספּעקטיוו, אָט די אַלע באַשעפענישן, ווי גראָטעסק זיי ווירקן אין דער נישט־זעלבסט־

שטענדיקייט פון זייער פאַטום! ס'איז דאָך אַלץ פורים-שפּיל, שאָטן-שפּיל, קלאָון-שפּיל! אומבאַהאָלפענע מענטשישע מאַריאָנעטן שפּילן זעלבסטשטענדיק לעבן, שפּילן זעלבסטבאַוווסטזיין, שפּילן טאַט און ווילן, שפּילן כאַראַקטער! ווי גראָטעסק! צוקוקנדיק זיך צו דערדאָזיקער מעכאַניזירטער אומבאַהאָלפענער לעבנס-באַוועגונג,— וואָס טויכט פאַר שלום-עליכמען אויף פון דעם כלל, מיט וועלכן ער לעבט,—רייצט עס אים ווירקלעך צום לאַכן. שלום-עליכם לאַכט דאַן נישט פון לעבנס-חכמה, ער לאַכט פון פאַרוווּנדערונג — (אין יענע צייטן איז נאָך שלום-עליכמס הומאָר נישט ווייט געווען פון דער קאַריקאַטור) — ס'איז דאָך אַלץ אַזוי קאָמיש, אַזוי קאָמיש אין דערדאָזיקער מעכאַניזירטקייט! די גאַנצע סביבה זיינע באַקומט דאָרט דאָס אויסטערלישסטע פּנים. מענטשן? ניין, ס'זענען אילוזאָרישע שאָטן-בילדער פון מענטשן. זיי גלויבן צו לעבן זייער לעבן, — און זיי ווערן אַלע נאָר מיאוס אָפּגענאַרט פון זייער אייגענעם פאַטום. זיי פאַרמאָגן נישט דעם מינדסטן איבערבליק איבער זיך אַליין און דרייען זיך אַרום אין אַ ראָד, וואָס דרייט זיך איבער אַ קרומען שפּיגל. אילוזיע. אין דערדאָזיקער משונה-דיקער אילוזיע טוען זיי אַלע לעבנס-פונקציעס און זיי טרייבן דערמיט אַליין דאָס ראָד, וואָס מאַכט זיי גראָטעסק. וואָס שנעלער זיי באַוועגן זיך — אַלץ קאָמישער ווערן זיי, די מאַריאָנעטן. גראָד אין זייערע לעבנס-פונקציעס ווירקן זיי אַמקאָמישסטן. דער צושויער שלום ראַבינאָוויטש — פּסעוודאָנים שלום-עליכם — פרייט זיך ווי אַ נאַיִוו קינד מיט דידאָזיקע גראָטעסקע שאָטן-בילדער פון לעבן. אים ווילט די שפּיל פון באַוועגונגען. ער באַמיט זיך אויפצוכאַפּן און אָפּצוצייכענען אָט די אַלע קאָמישע באַוועגונגען אויפן פּאָן פון דער פּערספּעקטיוו, וואָס עס פירן-אויס — נישט אָפּגעבנדיק זיך דערפון דעם מינדסטן דין-וחשבון — זיינע מיט-מענטשן, זיינע קרובים, זיינע פריינט און באַקאַנטע, זיין משפּחה. ער באַשרייבט זיי אי פאַר זיין אייגן פאַרגעניגן, אי כדי נאָך מענטשן זאָלן זיך פרייען און לאַכן. אָבער אָט-אָ-דער גראָטעסקער מעכאַניזם פון אַ מענטשלעך מיליע — דער מאָטיוו פון דעם קאָמישן — אַנטפּלעקט זיך אינגיכן פאַר שלום-עליכמען אין זיין

צווייטער קעגנזעצלעכער אייגנשאַפט: אין די אַטריבוטן פון דעם פאַנטאַסטישן.

שלום-עליכם דערציילט וועגן זיך:

„די פאַנטאַזיע איז ביי מיר געווען פון קינדווייז-אָן מאָדנע גרויס און צעהיצט. הייזער האָבן ביי מיר אויסגעזען ווי שטעט הויפן – מדינות,ביימער – מענטשן, מיידלעך – בת-מלכּהס, רייכע יונגעלייט – פּרינצן, גראָז – חייל, שטעכעלקעס און קראָפּיווע – פלשתים, אדום און מואב, און איך פלעג גיין אויף זיי מיט „מלחמה". אויף אַן אַנדער אָרט אין זעלביקן בוך („פונם יריד") דערציילט שלום-עליכם וועגן זיין פריינט שמואליק: „עטלעכע צונויפגעלייגטע קלעצער אין הויף, איינס אויף דאָס אַנדערע, זענען שוין געווען גענוג פאַר אים. ער זאָל זיך אַרויפכאַפּן אויף זיי גאַנץ הויך און זיך פאָרשטעלן, אַז דאָס איז אַ „וויספּע" און ער איז דער פּרינץ, און די גענז מיט די קאַטשקעס, וואָס שפּאַצירן-אַרום אין הויף – דאָס זענען די ווילדע מענטשן-פרעסער, און ער איז איבער זיי דער מלך... עס איז גענוג-געווען, אַ שטיקל גלאָז, טאָמער האָט ער געפונען, זאָל עס ווערן ביי אים פאַרוואַנדלט אין אַ טייערן וואונדערשטיין, אַ מין כּדכּד".

כאַראַקטעריסטישע ערשטע געבורט-צייכנס פון שלום-עליכמס פאַנטאַזיע. זי קומט, צוגלייך מיט דעם גראָטעסקן הומאָר, פון די-זעלבע מאָטיוון.

איך האָב שוין געזאָגט, אַז „ווען דער מאָטיוו האָט נישט מער קיין באַציִונג צו דער אומענדלעכער באַוועגונג פון לעבן און שטעלט דעם גאַנצן אַקצענט אויף זיין רעלאַטיוויטעט, יאָ, ער טרייבט אַפילו איבער די רעלאַטיוויטעט זיינע, דאַן קומט דער הומאָר, די דיספּראָפּאָרציע, דאָס גראָטעסקע". מיטלמעסיקע הומאָריסטן קומען קיינמאָל נישט אַרויס איבער די גרענעצן פון אָט דער דיספּראָפּאָרציע. ביי די גרויסע קינסטלער פון הומאָר טרעפן מיר דעם פאַרקערטן פאַל: זיי פירן-צו דאָס רעלאַטיווע צו זיינע לעצטע קאָנסעקווענצן, – צום הומאָר. און דווקא יענע העכסטע, גראָטעסקע שפּיצן פון רעלאַטיוון הייבן פּלוצים אָן באַלויכטן צו ווערן מיט די אָפּשיינען פונם אַבסאָלוטן. מיר האָבן קלאַסישע

ביישפּילן בײַ סערוואַנטעסן, בײַ שעקספּירן, בײַ גאָגאָלן (ווען דער אַנאַלאָגיע גאָגאָל — שלום-עליכם וועט מיר נאָך אויסקומען שפּעטער צו רעדן). בײַ זיי פאַרוואַנדלט די פאַנטאַזיע דאָס קאָמישע אין דערהויבט עס צו דער מדריגה פון העכסטער וועלט-באַנעמונג. גרויסע קינסטלער מאַכן יעדע ענדלעכע דערשיינונג כאַראַקטערפול אַלס אומענדלעכקייט. דערמיט מאַכן זיי דאָס ענדלעכע שיקזאַלהאַפטיק. אַזוי פירן זיי צו יעדע דערשיינונג ביז צו איר אייגענעם אָפּגרונט, ביז צו איר לעצטער דערקענטעניש-גרענעץ, ביז צו איר דערוואַכונג אין דער אומענדלעכער באַוועגונג פון לעבן. דאָס רעלאַטיווע לעזט זיך אויף אין זיין פּלאַטאָנישער א י ד ע ע, אין זיין אַבסאָלוטן מקור. אַזוי שליסט זיך דער קרייז פון די געשעענישן אין דער קינסטלערישער דערקענטעניש. די קינסטלערישע פאַנטאַזיע פירט-צו יעדע רעלאַטיווע געשעעניש צו דערדאָזיקער לעצטער קאָנסעקווענץ: צו דער דערוואַכונג פונם באַוווסטזיין פון אומענדלעכער באַוועגונג. די פאַנטאַזיע באַפרייט די ענדלעכע דערשיינונג פון די געזעצן פון קויזאַליטעט און פאַרוואַנדלט דאָס שטאַרע און האַרטע געזעץ פון לעבן, — אין פרייער קינסטלערישער שפּיל.

די קליינע מענטשעלעך, וואָס טראָגן בײַ שלום-עליכמען די מאָטיוון פון הומאָר — זיי טראָגן צוגלייך די מאָטיוון פון פאַנטאַזיע. צו פאַראייניקייטלעכן דידאָזיקע צוויי מאָטיוון צו איין וועלט-געפיל-סינטעז — דאָס איז די העכסטע קינסטלערישע מדריגה.

בײַ די גרויסע מייסטער פון דער קאָמעדיע טרעפן מיר כמעט תמיד דעם ווילן צו פאַרוואַנדלען דעם לץ אין דעם טרעגער פון טיפסטער וועלט-חכמה. דעם, וואָס טראָגט אויף זיך דאָס קלינגענדיקע נאַרן-מיצל און דאָס פאַרביקע קאָמעדיאַנטן-קלייד, — אים גראָד גיבן די מייסטער צו טראָגן דעם בעכער, וואָס איז פול מיט דעם געטראַנק פון דער דערקענטעניש. אַריבערצוטרעטן פון דעם הומאָר צו דער איראָניע — דאָס איז פון די וויכטיקסטע גענג אין דער קונסט. איראָניע! — דערהויבענער שמייכל איבער דער וועלט, ווען עס שליסט זיך דער קרייז פון דערקענטעניש.

איראַניע! דו, שטילער אָוונט פונם וויסן. ביי שלום-עליכמען פליסן זיי נישט תּמיד צוזאַמען, דער הומאָר און די פאַנטאַזיע, פאַרייניקן זיך נישט תּמיד אין איין איראָנישן סינטעז. ס׳וועט מיר נאָך אויסקומען צו רעדן וועגן די סיבות פון דידאַקטיק דע-פעקטן ביי שלום-עליכמען. די גרויסקייט-אייגנשאַפט פון שלום-עליכמען אַלס קינסטלער ליגט דערין, וואָס אין זיין גאַנצן שאַפן ראַנגלט ער זיך און זוכט מיפּול (ס׳רוב אינטויִטיוו נאָר!) צו געפינען דאָס וווּנדערלעכע טירל, וואָס פירט פון הומאָר צו אי-ראָניע. ער שפּילט מיט זיינע קליינע מענטשעלעך קאָמעדיע. אָט-אָ די גרויסע מאַסע פון פּינטעלעך מענטש, — זי באַוועגט זיך אַזוי מעכאַניש-גראָטעסק אויף די וועגן פון לעבן. די קליינע מענטשע-לעך זענען אַזוי קאָמיש אין זייער ווינציקייט און מיר לאַכן אַזוי האַרציק און ווײלן זיך איבער זייער אומבאַהאָלפנקייט. — אָט-אָ דאָס לאַכן אונזערס פאַרוואַנדלט פּלוצים די פאַנטאַזיע אין רע-ליגיעזן שוידער. מיר ציטערן-אויף. אָ, סוד און געהיימנישפול-קייט! דידאַקטיקע קליינע מענטשעלעך אין דער מאַסע, די, וואָס וואַנדערן, ווי מוראַשקעס, און לעבן, דוכט זיך, אָן שום ציל, אָן מאָרגן און האָפנונג, געטריבן פון שיקזאַל, — זיי טראָגן עס (ווונ-דערלעכע קאַראַוואַנע!) אויף זייערע פּלייצעס די משא פון אַחריות פאַר אונז אַלעמען — די טיפסטע דערקענטעניש פון לעבן.

דאָס געשיכטלעכע מענטשלעכע ווען אַלס אומענדלעכע באַוועגונג.

דאָס אַבסאָלוטע אינם ליכט פון דער איראָניע.

III

איינע פון די כאַראַקטעריסטישסטע גראָטעסקעס שלום־עליכמס, איז די נאָוועלע וועגן דעם „פאַרכישופטן שניידערל". אין דערדאָזיקער נאָוועלע האָבן זיך סיי שלום־עליכמס מעלות, סיי זיינע חסרונות צונויפגעזאַמלט אין אַ ברען־פונקט. מ'קאָן זיי דאָרט באַזונדערס גוט באַאָבאַכטן. אַלע אייגנשאַפטן, דער מהות, דאָס קינסטלערישע וועלט־געפיל שלום־עליכמס קומען דאָ בולט צום אויסדרוק.

שוין שפּראַכלעך טראָגט אין זיך די נאָוועלע אַלע שלום־עליכמישע אייגנטימלעכקייטן. אין איר שפּראַך דערמאָנט זי אין די בעסטע פּראָזע פון „טביה דעם מילכיקן". שווונגפולע און פרייע שפּילעווודיקייט פון וואָרט און זאַץ־בוי. הומאָרפולע איינפאַלן ביי די כּלומרשט עס־הארצישע העברעיִשע אויסטייטשונגען. אמתע מייסטערשאַפט ווייזט־אַרויס שלום־עליכם ביים אָפּערירן מיט אָט דעם וואונדערפולן שפּראַכלעכן ווילקיר, בעת ער שילדערט אין דיאַלאָגישער פאָרם דעם כאַראַקטער און די זעעלן־קאָנסטרוקציע פון זיין העלד. די טאָטן און האַנדלונגען פון שלום־עליכמס אַ העלד, — נישט בלויז אין זיי אַנטפּלעקט זיך פאַרן לייענער דער לעבנס־עלעמענט און דאָס אינערלעכע זעעלן־בילד פונם שלום־עליכמישן מענטש. גראָד איז די שפּראַך שלום־עליכמס דער זעלטענער אינסטרומענט, וואָס ברענגט אויפן פאַרביקסטן און איידלסטן אופן צום אויסדרוק דאָס וואַרעמסטע, עכטסטע און אינטימסטע פון דעם אַלעם, וואָס עס פילן זיינע מענטשן און ווי אַזוי זיי רעאַגירן אויף דער וועלט אַרום זיך. די שפּראַך איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט זייערע געדאַנקען און מעשים. אַנאַליזיר

דעם זאַץ־בוי און די וואָרט־קאָנסטרוקציע פון דעם שלום־עליכמישן מענטש,—און דו קוקסט־אַריין אין די אינערלעכסטע עלעמענטן פון זיין פסיכיק, אין דעם פסיכישן אויפבוי זיינעם. די געדאַנקען און די האַנדלונגען פון דעם שלום־עליכמישן מענטש פעלט יעדעס געזעץ פון שווערקייט, און ער איז דעריבער בכוח צו זשאָנגלירן מיט די ווירקלעכקייטן ווי מיט באַלעמס, וואָרים פאַר אים איז נאָר דאָס גראָטעסקע דאָס וועזן פון דעם ווירקלעכן. דערדאָזיקער אינערלעכער הפקר־אינהאַלט, דער „הוליע־קבצן" פון אַלעם, וואָס איז ווירקלעך, באַהערשט אויך דאָס וואָרט און די שפּראַך שלום־עליכמס. (וועגן שלום־עליכמען לאָזט זיך זאָגן דאָס, וואָס געטע האָט אַמאָל געזאָגט וועגן שעקספּירן, נעמלעך: די באַדייטונג פון שעקספּירס ווערק ליגט נישט אין זייער דראַמאַטישער האַנדלונג, נאָר אין דער שפּראַך זייערער). ווי עס איז זיין שפּראַך־געפּיל, אַזוי איז אויך שלום־עליכמס וועלט־געפּיל. דאָס לעבעדיקסטע און וואַרעמסטע אָפּבילד פון שלום־עליכמס וועלט ליגט אין זיין שפּראַך! ממש מייסטערהאַפט גלאַנצט שלום־עליכם מיט דידאָזיקע אייגנשאַפטן, ווען ער פּרוּווט אויסצוטייטשן עפּעס אַ וואָרט, אַ שפּרוך, צי גאָר אַ לשון־קודשדיק וואָרט — אַ שטיקל מדרש, ווי ער רופט עס אָן — דאַן טרעט־אַרויס דאָס זשאָנגלערישע אין שלום־עליכמס כאַראַקטער. ער זשאָנגלירט מיט יעדער ווירקלעכקייט, ווייל זי האָט פאַר אים נישט קיין וואָג און זי צעפליסט אין איר באַרירונג מיט זיין פאַנטאַזיע; ווייל ווירקלעכקייט איז נאָר רעלאַטיוויטעט, סוביעקטיוויזם; יעדע ווירקלעכקייט איז נאָר אַ מעגלעכקייט, — און יעדע ווירקלעכקייט טראָגט אין זיך אַ סך אַנדערע ווירקלעכקייטן. נישט בלויז יעדע ווירקלעכקייט איז אומבאַשטימטע מעגלעכקייט, — אויך יעדער מענטשלעכער געדאַנק און יעדעס מענטשלעכע וואָרט האָט נישט אין זיך קיין שום באַשטימטקייט. עס איז רעלאַטיוו. עס איז שפּיל. עס איז הוילע מעגלעכקייט. דער געדאַנק און דאָס וואָרט איז דער שאָטן פון דעם, וואָס איז שאָטן. אינהאַלט? צייכן? אויסדרוק? וואָסער אינהאַלט און וואָסער אויסדרוק קאָן האָבן דער מיראַזש? דעריבער שפּרינגט שלום־עליכם אַזוי לייכט אַריבער די גרענעץ און די מחיצה, וואָס צווישן אינ־

האַלט און אינהאַלט. ער מאַכט זיינע — אַזוי-צו-זאָגן — אַקראָבאַ-טישע שטיק איבער די באַגריפן פון לעבנס-וועזנטלעכקייטן (די שפּראַך), פּונקט ווי איבער אַלע לעבנס-וועזנטלעכקייטן גופא (די רעאַליטעט). גאָרנישט שטייט שלום-עליכמען אין וועג,—ווייל גאָר-נישט קאָן שטיין אין וועג. אין זיין באַנעמען די שפּראַך פון די מענטשן שפּילט זיך אָפּ דיזעלביקע געזעצלאָזיקייט, דיזעלבע קאַפּריזהאַפטיקייט, דערזעלבער ווילקיר, וואָס איז פאַראַן אין זיי-נע השגות און געפילן וועגן מענטשלעכן לעבן, מענטשלעכע מעגלעכקייטן, מענטשלעכע מעשים. דערביי — און דאָ ווייזט זיך אַרויס די טיפקייט פון שלום-עליכמס קונסט — זענען דידאָזיקע ווילקירלעכע באַגריפן און בילדער (די שלום-עליכמישע שפּראַך)— פול מיט סטיל. פּונקט ווי דאָס געזעצלאָזע אויסטערלישע יידישע לעבן, וואָס שלום-עליכם בויט-אויס אין זיינע ווערק, איז פול מיט סטיל. איז דאָך אין שלום-עליכמס אויגן דאָס געזעצלאָזע, דאָס שפּילהאַפטיקע, דאָס לייכטע און קאַפּויערדיקע, — דער סטיל און דאָס וועזן פון דער יידישער וועלט און פון דער וועלט ב כ ל. אַזוי איז דאָס פּנים און דאָס איז דער סטיל פונם מענטשנס לעבן! „כל ישראל יש להם חלק — איטלעכער ייד באַדאַרף האָבן אַ ציג". „למה רגשו גוים — וואָס טויג אייך אַ יידיש וואָרט?" „קאַפּאָטע במשכנתא שוויינקייך בגרונם — פאַרזעץ די קאַפּאָטע און נעם אַ ביסל בראָנפן". שמלה לך קצין תהיה לנו — פּעטש זאָלסטו כאַפּן און גבאי זאָלסטו זיין"... „לך לך מארצך — קריך, שמעון-אלי, אין זאַק אַריין! האָב חתונה פאַר ציפּע-ביילע-רייזען! האָב קינדער! ווער פאַרשוואַרצט אויף דיינע יאָרן און טעג! כי לכך נוצרת — דערויף ביסטו אַ שניידער!..."

דידאָזיקע ציטאַטן זענען נאָר איינצלנע מוסטערן פון דעם שפּראַך-מאַטעריאַל, פון וועלכן עס איז אויסגעבויט דאָס „פאַר-כישופטע שניידערל". שוין די שפּראַך אַליין זאָגט עדות, פון וואָ-סער אויסטערלישער עקזאָטיק, פון וואָסער האָקוס-פּאָקוס-שפּיל שלום-עליכם האָט אַרויסגעפּישט זיין פיגור. דאָסדאָזיקע יידישע קליינע מענטשעלע איז תמיד באַרוישט. דאָס לעבן ווירקט אויף אים ווי האַשיש-געטראַנק, מאַכט אים דעם געהירן הייס

און צעררייצט. ער גייט־אַרום אויף דער וועלט, — און די גאַנצע סביבה, די גאַנצע וועלט אַרום אים איז שאָטנהאַפּטיק, וויזיאָנע־ריש, מאַסקנהאַפּטיק. עס דרייען זיך אים אין קאָפּ פּלערליי הוריות און וואַן־פאַרשטעלונגען. דערדאָזיקער מענטש איז אויך נאָר אַ לעבנס־מעגלעכקייט אין דעם פּאַרביקן קאַרנאַוואַל פון לעבנס־מעגלעכקייטן. דעריבער איז די שפּראַך פון אָט־אָ־דעם פּינטעלע מענטש אַן אָנגעשיכּורטע, אַ ווילדע, אַ לופּטיקע. סיי ער, סיי זיינע געדאַנקען, סיי זיין וועלט — אַלץ גייט כּאָדאָראָם.

„איש היה בזלאָדייעווקע" — אַ מענטש איז געווען אין זלאָדייעווקע, אַ שטעטל, וואָס ליגט אין דער סביבה פון מאַזע־פּעווקע, נישט ווייט פון כּאַפּלאַפּאָוויטש און קאָזאָדאָיעווקע, צווישן יאַמפּעלי און צווישן סטריטש, פּונקט אויף דעם וועג, וואָס מען פאָרט פון פּישי־יאַבעדע דורך פּעטשי־כּוואַסט קיין טעטרעוועץ און פון דאָרטן קיין יעהופּעץ; ושמו שמעון־אליהו — און זיין נאָמען איז געווען שמעון־אלי, און גערופן האָט מען אים: „שמעון־אלי שמע־קולנו", מחמת ביים דאַווענען אין שול האָט ער גע־האַט אַ טבע שרייען, אַרבעטן, זינגען און ציקלען זיך אויף קולי־קולות. והיה האיש חייט — און געווען איז דער מענטש אַ שניי־דער, נישט חלילה פון די געהויבענע שניידערס, וואָס נייען נאָכן „טאַבעלטיר", נאָר אַ שניידער אַ לאַטניק, אַ גרויסער מומחה, הייסט דאָס, אויף לייגן אַ לאַטע, פּאַרצירעווען אַ לאָך, אָדער אי־בערניצעווען וואָס־פּאַראַ מלבוש איר ווילט, אויף דער לינקער זייט, ממש מאַכן פון אַלט ניי".

„צווישן בעלי־מלאכות, חברה „פּועלי־צדק", האָט זיך „שמעון־אלי שמע־קולנו" גערעכנט פּאַר אַ יודע־נגן, אויף זייער שפּראַך האָט דאָס געהייסן: אַ מענטש, וואָס פּאַרשטייט אין די קליינע אותיותלעך, מחמת שמעון־אלי פלעגט שיטן מיט פּסוקים, מיט גאַנצע שטיקער גמרא און מיט מדרשים, וואָס נישט־געשטויגן, נישט־געפלויגן: „עמך"... „קטונתי"... „אגיל ואשמח"... „היום הרת עולם"... „ויתרוצצו ויתפוצצו"... „וואַט טיבי יוצר המאורות"... כּכתוב — ווי אין פּסוק שטייט געשריבן"... וכדומה אַזעלכע לשון־קודשדיקע ווערטער, וואָס זענען ביי אים תּמיד געווען גרייט"...

„ויהי לו בנים ובנות — און ער איז געווען אַ מטופּל מיט קינדער פון אַלערליי וווקס, צווישן טעכטער, צווישן זיי עט־לעכע דערוואַקסענע. ושם אשתו — און זיין ווייב האָט געהייסן ציפּע־ביילע־רייזע און זי איז געווען זיין כּנגדו, דאָס הייסט פּונקט דער היפּך פון אים: אַ הויכע, אַ רויטע, אַ געזונטע, אַ יידענע אַ קאָזאַק. פון דעם ערשטן טאָג אָן, וואָס נאָך דער חופּה, האָט זי אים גענומען אין די הענט אַריין און נישט אַרויסגעלאָזט אים און איז געגאַנגען אין ספּאָדעק, דאָס הייסט: זי איז געווען דער מאַן, נישט ער! ער האָט פאַר איר געהאַט גרויס דרך־ארץ. זי פלעגט אויף אים עפּענען אַ מויל, פלעגט ער פאַרציטערט־ווערן. און אַמאָל, אונטער פיר אויגן, אַז ס'איז אויסגעקומען — פלעגט זי אים אָפּשטעקן אַ פּאַטש אויך... דעם פּאַטש פלעגט שמעון־אלי באַהאַלטן אין קעשענע און זאָגן בשעת־מעשה אַ ווערטל מיט אַ פּסוק.“

מיט אָט־אָ־דעם זעלטענעם אַריינפיר הייבט שלום־עליכם אָן צו דערציילן אַ מעשה פון אַ שניידערל. ס'איז איינער פון די טיפּישע קליינע מענטשעלעך, וואָס פון זייער לעבן־און־שטערבן דערציילט שלום־עליכם כּסדר אין זיינע ווערק. שמעון־אלי, דאָס שניידערל פון זלאַדייעווקע, דערמאָנט פולשטענדיק דעם באַקאַנטן מענטשן־שניט, — דעם יידישן מענטש — וואָס מיר טרעפן ביי שלום־עליכמען. אין זיין שפּראַך און אין זיין באַנעמונגס־שטייגער איז ער כּמעט דער לייבלעכער ברודער פון טביה דעם מילכיקן; עס איז דאָס קליינע יידישע מענטשעלע אינם היסטאָרישן יידישן מענטש: דער „טראָפּן יידישער מענטש“ אין דעם גרויסן ים פון מענטש־לעכן קאָלעקטיוו. דאָס פּינטעלע יידישער מענטש. נישט קוקנ־דיק אויף זיין ווינציקייט אַלס יחיד, טראָגט ער אין זיך אַלע נאַציאָנאַלע אייגנטימלעכקייטן, די נאַציאָנאַל־היסטאָרישע פּסיכאָ־לאָגיע פון יידן, די היסטאָרישע כאַראַקטער־שטריכן און אַטרי־בוטן פון יידישן קאָלעקטיוו. שמעון־אלי שיידט זיך אָבער אָפּ פון טביהן דעם מילכיקן דערמיט, וואָס דאָס באַוווסטזיין וועגן וועלט און שיקזאַל איז נאָך אין אים נישט וואַך־געוואָרן ווי אין טביהן. שמעון־אלי איז נאָך נישט געוואָרן וועלט־טראַגיש. ער

לעבט נאַיִוו, ווי „די ליליע אויפן פעלד". ער לעבט אינסטינקט־מעסיק. אַפילו אין זיין מאַסנהאַפּטיקייט איז ער נאָך גאַנץ פּרי־מיטיוו. ביי אַלע זיינע חכמות איז שמעון־אלי אַ טעמפּע בריאה, אַ שטומע נשמה, אָן אָרימער חי־וקיים. ער איז אַ פּעמינאַלער טיפּ, אַ ווייבערישער מאַנסביל, הגם די פּסוקים שיטן זיך פון אים, ווי פון אַ לעכערדיקן זאַק און הגם ער האָט ליב דעם עמוד סכּנות־נפשות, מישט זיך מכּלומרשט אין קהלישע זאַכן און האָט פיינט נגידים און בעלי־טאַקסע. שוין דער אימפּעט פון זיין באַ־רעדעוודיקייט איז אַ ווייבערישער. די פּסוקים און די זאַצן קלעבן זיך צואַנאַנדער, ווי אַרבעס צו דער וואַנט. דידאָזיקע שטומע און פריילעכע נשמה, וואָס שלום־עליכם באַשרייבט, איז נישט פּרצס „באַ־האַלטענער צדיק", ד.ה., דער פּשוטער פאָלקס־מענטש מיט באַזונ־דערע גייסטיקע ווערטן. באַזונדער שטעלט מיט זיך שמעון־אלי גאָרנישט נישט פאָר. ער איז נאָר אַ חלקל, וואָס ווירבלט זיך אין דער מאַסע, איינס פון די רירעוודיקע זעמדלעך אין דער וועלט פון די מענטשן.

פון אָט־אָ־דעם „פּינטעלע מענטש" דערציילט אונז שלום־עליכם. די געשעעניש איז פאָלגנדיקע: „ויהי היום — טרעפט זיך אַ מעשה. ציפּע־ביילע־רייזע קומט צוגיין אַמאָל זומער מיטן קאָ־שעק פונם מאַרק, טוט אַ שמיץ דאָס בינטל קנאָבל מיטן ביסל פּעטרושקע מיט די קאַרטאָפלעס, וואָס זי האָט איינגעקויפט, און רופט זיך אָן מיט כּעס:

— לאָז דאָס גיין אין דער ערד אַריין! אַלע טאָג זיך ברעכן דעם מוח, צו טראַכטן וואָס קאָכט מען וואַרימעס. מע באַדאַרף האָבן אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער. ווידער אַמאָל טייגלעך מיט פאַ־סאָלעס און אָבער אַמאָל טייגלעך מיט פאַסאָלעס — גאָט זאָל נישט שטראָפן פאַר די רייד! אָט, למשל, נחמה־ברכה. אַזאַ קבצנטע, אַזאַ עני'טע, אַזאַ דלפונטע, באַדאַרף זי האָבן אַ ציג! פאַרוואָס? ווארים זי האָט אַ מאַן לייזער־שלמה, טאַקע אַ שניידער, נאָר פאָרט אַ מענטש! אַ קליינינקייט אַ ציג! פאַראַן אַ ציג אין שטוב, איז פאַראַן אַ גלעזל מילך..."

שמעון־אלי ענטפערט איר, ווי געוויינלעך, מיט אַ פּסוק

און נעמט זיך צו קלויבן אַ גראָשן צו אַ גראָשן, כדי פּאַמעלעך צונויפזאַמלען עטלעכע קערבלעך און צו קויפן אַ ציג.

אין אַ דערנעבנדיקן שטעטל, קאָזאָדאָיעווקע, ביי חיים־חנא דעם מלמד איז פאַראַן אַ ציג צו פאַרקויפן. שמעון־אלי וויל יענע ציג קויפן. „הבוקר אור — ס'איז נאָר טאָג געוואָרן — האָט זיך אונזער שניידער געפּעדערט, אויפגעשטאַנען און אָפּגעדאַוונט, גע־נומען מיט זיך דאָס שטעקל מיטן גאַרטל און איז אַוועק אין וועג אַריין בשלום צופוס.

באמצע־דרך — פונקט אין דערמיט וועג צווישן זלאָדייעווקע און קאָזאָדאָיעווקע שטייט אַ פעלד־קרעטשמע, וואָס מ'רופט זי: די דעמבענע. דער באַלעבאָס פון דער קרעטשמע, דאָדי דער רענ־דאַר, איז אַ ייד אַ מוכסן, אַ גראָבער, אַ האָריקער, מיט אַ גרויסן בויך און מיט אַ בולבעוואַטער נאָז. פּרנסה האָט ער געהאַט מיטן פולן מויל, נאָר אַ ליידיקער מענטש, אַ גראָבער נפש, אַ סליחה און אַ הגדה און אַ בענטשערל איז ביי אים געווען אַלץ איינס, און דערפאַר פלעגט זיך מיט אים שמעון־אלי דער שניידער שע־מען. דאָדי, פון זיין זייט, פלעגט זיך שעמען, וואָס ער האָט אַ „שניי־דער, אַ פּאַלגע" פאַר אַ קרוב... זיי האָבן זיך געשעמט איינער מיטן אַנדערן. פונדעסטוועגן, אַז דאָדי האָט דערזען שמעון־אלין, האָט ער אים אָפּגעגעבן אַ גאַנץ ברייטן ברוך־הבא, מחמת דאָדי דער רענדאַר האָט פשוט מורא־געהאַט נישט אַזוי פאַרן קרוב אַליין, ווי פאַרן קרובס פּיסק".

שמעון־אלי ווייזט טאַקע אויף זיין קרוב, דאָדין דעם רענ־דאַר, אַז ער, דאָדי, איז אַ גראָבער יונג, אַן עם־הארץ און קנאַפּ באַהאַוונט אין די קליינע אותיות. דאָדי, דער רענדאַר, פלאַנט נקמה: ער שיכּורט־אָן שמעון־אלין, כּדי זיך צו פאַרזיכערן, אַז צוריקקערנדיק מיט דער געקויפטער ציג וועט ער אָפּטרעטן ביי אים אין קרעטשמע. און שמעון־אלי שמע־קולנו גייט־אַרויס פון דער דעמ־בענער קרעטשמע בגילופין, גאַנץ פריילעך. „ויבוא—דערציילט ווייטער שלום־עליכם — און ער איז געקומען בשלום געזונטערהייט קיין קאָזאָדאָיעווקע" — — — „און אַז ער איז געקומען קיין קאָזאָדאָ־יעווקע, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו פרעגן, ווו זיצט דאָ ערגעץ

ר' חיים־חנא דער קלוגער, וואָס האָט אַ ווייב טעמע־גיטל די שטילשווייגנדיקע מיט צוויי מעלקנדיקע ציגן? נאָר לאַנג נאָכ־פרעגן זיך האָט ער נישט באַדאַרפט, וואָרים דאָס שטעטל קאָזאָ־דאָיעווקע איז נישט אַזאַ כרך פון די כרכי־הים, וואָס מען זאָל דאָרטן קאָנען, חלילה, פאַרבלאָנדזשעט־ווערן. דאָס גאַנצע שטעטל ליגט פאַר די אויגן, ווי אויף אַ טעלער". שמעון־אלי קומט־אַריין צו ר' חיים־חנא דעם מלמד בשעת יענער זיצט מיט זיין חדר און קנעלט — ר' חיים־חנא לערנט מיט זיינע תּלמידים גמרא אויף וועגן אַ ציג. „האי ברחא, דידאָזיקע ציג, וואָס רבא האָט געפּסקנט, אַז זי דאַרף באַצאָלן פאַרן עסנוואַרג און פאַרן פעסל". נאָר מכּוח דער פליישיקער ציג, וואָס ר' חיים־חנא האָט צו פאַר־קויפן, קאָן זיך שמעון־אלי מיט אים נישט צונויפרעדן. ער וואַרט אויף דער מלמדקע טעמע־גיטל דער שטילשווייגנדיקער.

נאָך לאַנגער דינגעניש קויפט שמעון־אלי ביי טעמע־גיטלען איינע פון אירע ציגן.

שמעון־אלי נעמט די ציג אויפן גאַרטל. ר' חיים־חנא דער קלוגער „מיט זיין כבוד און מיטן קאַנטשיק" העלפט אַרויספירן די ציג פון זיין שטוב.

און דער שניידער שמעון־אלי גייט אין זיין וועג אַריין.

ער טרעט, ווי געוויינלעך, אָפּ אין דער דעמבענער קרעטש־מע ביי זיין קרוב דאָדי דעם רענדאַר.

דאָדי הייבט־אָן צו פירן זיין נקמה־שפּיל מיט שמעון־אלין, ער שיכּורט אים ווידער אָן און שפּעטער, ווען שמעון־אלי וויל שוין אַהיימגיין קיין זלאָדייעווקע, טוישט אים דאָדי אויס די ציג אויף אַ באָק.

אין דער היים קוקט שוין אויס ציפּע־ביילע־רייזע איר מאַן שמעון־אלין מיט דער ציג. שמעון־אלי באַווייזט זיך ענדלעך, ער צעגאַרטלט זיך, שטעלט־אַוועק די ציג אין הויז און הייבט־אָן צו שיטן מיט ווערטער, ווי פון אַ זאַק:

— הערסטו, מיין ווייב? האָב איך דיר געקויפט אַ ציג — פון ציגנלאַנד, דאָס איז אַ ציג אשר לא ציגונו אבותינו".

ציפּע־ביילע־רייזע גייט־אַרויס אויסמעלקן די ציג, אין שטוב

איז אַ גרויסע פרייל̈עכקייט, אַל̈ע וואַרטן שוין אָפּ די ציגענע מילך, שמעון-אלי רעדט ניין מאָס רייד, שיט מיט פסוקים, וואַשט זיך, מאַכט „המוציא" און גרייט זיך צו צו דער מילכיקער סעודה. פל̈וצים עפנט זיך די טיר און עס קומט-אַריין „ציפּע-ביילע-רייזע מיט אַ ל̈יידיק טעפּל̈, רויט ווי פייער, אין כּעס מיט סכנות-נפשות, און אַ רעגן פון קל̈ל̈ות און חרמות האָט זיך אָנגעהויבן צו שיטן אויף שמעון-אליס קאָפּ". — — —

„אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן צו דער ציג און דערזען דעם שיינעם תּכשיט ווי ער שטייט צוגעבונדן צום פּל̈עקל̈ פון דער טיר און מעלה-גרהט זיך קאַל̈טבל̈וטיק, איז ער געבל̈יבן שטיין אין די הינער-פּל̈עט, נישט געוווּסט: וואָס טוט מען? וווּהין גייט מען? געשטאַנען, געטראַכט, געטראַכט און אַ זאָג-געטון צו זיך אַליין: תּמות נפשי עם פּל̈שתּים — עס וועט אַ רוח אין זייער טאַטנס טאַטן אַריין, דער מל̈מד מיט דער מל̈מדקע! זיי האָבן געפונען מיט וועמען צו טרייבן קאַטאָוועס. — — —

„אַזוי האָט זיך געטראַכט שמעון-אלי שמע-קול̈נו און האָט זיך געל̈אָזט גיין צוריק קיין קאָזאָדאָיעווקע מיט דער דעה, ער זאָל̈ זיי אָפּשפּיל̈ן אַ וויוואַט, ווי זיי זענען ווערט!" — —

געגאַנגען פאַרביי דער דעמבענער קרעטשמע און דערזען דעם רענדאַר אויף דער טיר מיטן ל̈יול̈קע-ציבעקל̈ אין די ציין, האָט זיך אונזער שניידער צעל̈אַכט נאָך פון דער ווייטן".

דאָדי גיט שמעון-אלין ווידער צו טרינקען, טוישט אים איבער דעם באָק אויף דער ריכטיקער ציג און שמעון-אלי גייט קיין קאָזאָדאָיעווקע.

שמעון-אלי קומט-אַריין מיט אַ גרויסן סקאַנדאַל̈ צו חיים-חנא דעם מל̈מד. ביי שלום-עליכמען ווערט עס דערציילט אַזוי: „ל̈מה הרעות ל̈עם הזה — וואָס קוקט איר מיך אָן, ווי אַ בייזער מאַרשאַל̈עק? — טענהט שמעון-אלי. — איך קום צו אייך צוגיין און קויף ביי אייך אַ ציג, נעמט איר און רוקט מיר אַריין דער רוח ווייס וואָס".

טעמע-גיטל̈: „קומט צום רב! ל̈אָזן כאָטש יידן זען, ווי אַ זל̈אָדייעוקער שניידער טשעפּעט זיך, טראַכט-אויס אַ בל̈בול̈".

שמעון־אלי: „קומט, אדרבא, לאָזן מענטשן זען, ווי ערלעכע יידן, כּלי־קודש כּלומרשט, דערטאַפּן אַ פרעמדן מענטשן און מאַכן פון אים אַ האַנטשירקע, ווי מיר זאָגן אין לאַנגן ויהי־רחום: ללעג ולקלעמעניש".

נאָך אַ לאַנג געטענהכץ ביים רב, האָט טעמע־גיטל אַנטליען ביי דער רביצין דאָס מעלקשעפל און „האָט אויסגעמאָלקן די ציג פּאָר אַלעמען אין די אויגן". „דערזען אַזאַ מעשה, האָט זיך שמעון־אלי פּאַוואָלינקע אַרויסגערוקט פונם רבס שטוב און האָט געמאַכט פּליטה..." און האָט נאָך געדאַנקט גאָט, „וואָס ער איז אַרויס חנם אין כּסף — טרוקן אָן פּעטש".

אָפּטרעטנדיק אַהיימצוווענס ביי דאָדין אין קרעטשמע, נעמט ער ווידער צו ביסלעך בראָנפן, די צונג בינדט זיך אים אויף און עס קומט־אַרויס, אַז שמעון־אלי הייבט־אָן חושד צו זיין, אַז עס שטעקט דאָ עפּעס אַ פאַרבלענדעניש מיט דער ציג, אַ כּישוף־שפּיצל, מעשה־שד, גלגול, לץ, שרעטעלע און וואָלקעלאַקעס. דאָ־די באַקרעפּטיקט אים נאָך דאָס געפּיל זיינס און טוישט אים ווי־דער אויס די מעלקנדיקע ציג אויף אַ באָק.

ביי שמעון־אלין אין דער היים חזרט זיך ווידער איבער די וואונדערלעכע מעשה. שמעון־אלי דערציילט ציפּע־ביילע־רייזען, אַז איצט האָט ער שוין געבּרענגט די אמתדיקע מעלקנדיקע ציג. דאָס ווייב גייט אויסמעלקן די ציג — און וואָס ווייזט זיך אַרויס? עס האָט נישט לאַנג געדויערט — „און ציפּע־ביילע־רייזע איז אַריינגעלאָפן אין שטוב אַריין שוין אָן ווערטער: זי האָט אָנגע־נומען שמעון־אלין, מחילה, פון הינטן ביים קאָלנער און האָט אים מיט דריי גוטע סטוסאַקעס אַרויסגעוואָרפן מיט דער שיינער ציג אינאיינעם צו אַלדע שוואַרצע וויסטע פינסטערע יאָר."

אין די לעצטע סצענעס פון דער נאָוועלע, זעען מיר שמעון־אלין, ווי ער דרייט זיך אַרום מיט דער ציג איבערן שטעטל. דער קלאַנג, אַז שמעון־אלי האָט איינגעהאַנדלט אַ גלגול, פאַרשפּרייט זיך. קיינער לאָזט אים נישט איבער דער שוועל. עס ווערט שוין נאַכט. „די לבנה שפּאַצירט צווישן שטיקער וואָלקן. מיט אַ האַלב פּנים קוקט די לבנה אַראָפּ אויף דער שטאָט זלאָדייעווקע, וואָס

י. י. טרונק, שלום־עליכם, 3

האָט געהאַלטן אין רעכטן שלאָף. אַ טייל באַלעבאַטים, וואָס האָבן מורא פאַר וואַנצן, האָבן זיך אַריבערגעפּעקלט מיטן בעטגעוואַנט אין דרויסן, זיך איבערגעדעקט מיט די געלע ליילעכער איבערן קאָפּ און געזען זיסע חלומות.״ אין דערדאָזיקער שטילער נאַכט דרייט זיך אום שמעון־אלי דער שניידער איינער אַליין איבער דער גאַנצער שטאָט און רעדט צו זיך שטילערהייט:

— ניע מאַלאַ באַבאַ כלאָפּאָטע — קופּילאַ סאָבי קאָניאַ!...

און שמעון־אלי אַליין הייבט־אָן אויף אַן אמתן צו גלויבן, אַז ער איז פאַרפאַלן צו די נישט־גוטע. ער דערמאָנט זיך אין דער „קאַלטער שול״, וווּ עס דאַווענען אַלע שבת־צו־נאַכטס די מתים. ער הייבט־אָן צו שרייען שמע־ישראל, בינדט־אָפּ דעם גאַרטל און וויל אַנטלויפן, נאָר די ציג לויפט אים נאָך פון הינטן, יאָגט אים, מעקעט אים נאָך אויף אַ דין ציגן־קולכל. עס קומען נאָך עטלעכע קליינע גראָטעסקע סצענעס צווישן זלאָדייעווקע און קאָזאָדאָ־יעווקע, נאָר דעם סוף פון דער מעשה וויל שלום־עליכם נישט דערציילן. „צווינגט מיך נישט, קינדער! דער סוף איז געווען נישט קיין גוטער סוף. אָנגעהויבן האָט זיך די מעשה זייער פריילעך און אויסגעלאָזט האָט זי זיך, ווי דאָס רוב פריילעכע געשיכטעס — אוי ווייי — זייער טרויעריק... און מחמת איר קענט דעם מחבר פון דער געשיכטע, אַז ער איז בטבע נישט קיין מרה־שחורהניק און האָט פיינט קלאָגנדיקע און האָט ליב בעסער לאַכנדיקע מעשיות — לכן געזעגנט זיך מיט אייך דער פאַרפאַסער מתוך שחוק, לאַכנדיק, און ווינטשט אייך, אַז יידן און גלאַט מענטשן אויף דער וועלט זאָלן מער לאַכן איידער וויינען. לאַכן איז גע־זונט. דאָקטוירים הייסן לאַכן...״

ווי מיר זעען, איז עס אַ ריין אַנעקדאָטישער מאָטיוו, אויס וועלכן שלום־עליכם בויט־אויס די מערקווירדיקע פּאַסירונג מיטן קליינעם מענטשעלע, דעם שניידער שמעון־אלי. ביי שלום־עליכמען זענען זייער אָפט די טראַגישסטע איבערלעבענישן און קאָנפליקטן פאַראורזאַכט דורך אַ קאָמישער מיספאַרשטענדעניש, דורך אַן אָפּ־געטון שפּיצל, אָדער גאָר פּשוט דורך אַ וויץ. אַזאַ ווינציקע ראָל שפּילט ביי שלום־עליכמען דאָס פאַרהעלטעניש צווישן דעם רעאַלן

לעבן, אין וועלכן זיינע העלדן עקזיסטירן, און דעם סוביעקטיוון רעאַגירן זייערן אויף דעמדאָזיקן רעאַלן לעבן. שלום־עליכם בויט נישט די טראַגישע מאָטיוון פון זיינע דערציילונגען אויף קאָנפליקטן און געשעענישן פון דער ווירקלעכקייט. דעם טראַגישן קאָנפליקט בויט ער אויף דעם סוביעקטיוון באַנעמען די אָטריבוטן און אייגנשאַפטן פון לעבן. דאָס וועלט־געשעען געשיט פאַר שלום־עליכמען ווי אַן אינערלעך איבערלעבעניש פון זיינע העלדן. שאָפּענהויערס אַקסיאָם „די וועלט איז מיין פאָרשטעלונג" איז ביז אויף דער האָר צוגעפּאַסט צו דעם ווען פון שלום־עליכמס מענטשן. דעריבער איז ווירקלעך נישט קיין שטאַרקע נפקא־מינה ווי גרויס עס איז דער פאַרנעם און די וואָגיקייט פון דעם אָביעקטיוון מאָטיוו, וואָס האָט פּראָוואָצירט די סוביעקטיווע רעאַקציע פון די שלום־עליכמישע מענטשן. דער פּראָוואָצירנדיקער מאָטיוו קאָן אַפילו לגמרי נישט שטיין אין פאַרהעלטעניש צו דער סוביעקטיווער רעאַקציע. וואָרים עס גייט נישט דערין, ווי די וועלט קוקט־אויס אין דרויסן — ווי זי קוקט־אויס אַלס רעאַלע עקזיסטענץ. דער עיקר איז דאָס אינערלעכע, דאָס סוביעקטיווע זיך פילן אין דער וועלט. „די וועלט אַלס פאָרשטעלונג". צי עס פרייט זיך דער מענטש מיט דער וועלט, צי עס ליידט דער מענטש פון דער וועלט — עס איז נישט קיין חילוק, וואָסער אויסערלעכע סיבה עס האָט דאָ צו־געטון איר האַנט: צי ווירקלעכקייט, צי מיראַזש, נאַראָנים־שפּיצל אָדער מיספאַרשטענדעניש. די גאַנצע אָביעקטיווע וועלט איז נישט מער ווי דער טריבער אָדער הייטערער שפּיגל פון אַ סוביעקטיוו וועלט־געפיל.

דורך דעמדאָזיקן בלינדן סוביעקטיוויזם קומט־אַרויס אין שלום־עליכמס דערציילונגען גאַנץ לאָגיש דאָס מערכנאַרטיקע פּרצוף פון דער ווירקלעכקייט. עס איז לאָגיש דער האָקוס־פּאָקוס פון די לעבנס־דערשיינונגען, לאָגיש זענען אַלע אומוואָרשיינלעכקייטן פון די שטויס־ און אַנטוויקלונגס־מאָטיוון, לאָגיש — די ווילקיר, מיט וועלכער די דערציילערישע מאָטיוון אַנטוויקלען זיך, די קאַפּריזישקייט, וואָס הערשט דאָ, אָנשטאָט פעסטע לעבנס־געזעצן. וואָרים פאַר דעמדאָזיקן סוביעקטיוויזם עקזיסטירן נישט

קיין רעאַלע לעבנס־נויטווענדיקייטן. די אויסערלעכע וועלט באַ־קומט, נישט נאָר איר פאַרב – נאָר אויך איר מעגלעכקייט און איר געזעץ – פון דעם אינערלעכן וועלט־געפיל. דער ווונטש פון האַרץ – נישט בלויז ער איז דער פאָטער פון דער טאַט, נאָר אַלע גרענעצן צווישן ווונטש און טאַט זענען אָפּגעווישט. ווונטש איז שוין במילא טאַט. עס עקזיסטירט נ'שט קיין שום טאַט מחוצן ווונטש.

עס איז אַ חילקירלעכע וועלט פון ווילדע קאַפּריזן און אויס־טערלישע צופאַלן. אין אַט־אָ דער וועלט אַלס „פאָרשטעלונג" איז באַזונדערס אינטערעסאַנט–איך וויל דערמיט באַטאָנען דעם וועזנט־לעכסטן ווערט שלום־עליכמס – ווי זי קוקט־אויס, דידאָזיקע וועלט, ווען נישט גראָד די זיך־באַוווסטזיניקע העכערע און אינטעלעק־טועלערע פערזענלעכקייט ווערט די טרעגערין פון דער סוביעק־טיווער און פאָרגעשטעלטער וועלט. די „וועלט אַלס ווילן און פאָרשטעלונג" פון דער א י נ ד י ו י ד ו ע ל ע ר יידישער פערזענ־לעכקייט ווערט אונז געוויזן אין די ווערק פון י. ל. פרץ. ווי קוקט־אויס די וועלט־פאָרשטעלונג דאַן, ווען דאָס ווינציקע פּינ־טעלע מענטש, דאָס קליינע מאַסן־מענטשעלע – ווען דווקא ער הייבט־אָן צו ווערן דער סוביעקטיווער „פאָרשטעלער" פון דער וועלט? ווי קוקט־אויס דער עפּאָס פון דער וועלט אין דער פאָר־שטעלונג פון דעם יידישן קליינעם מענטשעלע?

זענען דאָך שלום־עליכמס ווערק כסדרדיקע פּרוון צו קאָנסטרויִרן דאָס פנים פון דער וועלט אינם ווען פון דער גרויער יידישער ווירקלעכקייט.

אין דער נאָוועלע וועגן דעם „פאַרכישופטן שניידערל" איז שלום־עליכמען באַזונדערס געלונגען צו געבן דאָס פנים פון אַן אָביעקטיווער וועלט אין דער „פאָרשטעלונג" פון דעם קליינעם מענטשעלע.

ווי קוקט דאָרט אויס די וועלט?

דידאָזיקע אָביעקטיווע וועלט קומט, אין פלוג, אויס זייער גראָטעסק, ווען דאָס קליינע מענטשעלע הייבט־אָן אין איר אַריינ־צופראָיִצירן זיינע פאַרלאַנגען, זיינע ווילנס, זיינע אייגענע לעבנס־

אינהאַלטן, זיינע גייסטיקע אייגנשאַפטן. דורך זיינע עגאָטישע האַריזאָנטן און דורך זיין קנאַפן אינטעלעקט, איז דעם קליינעם מענטשעלע פסיכיש אוממעגלעך צו באַהערשן דעם כאַאָס פון די דערשיינונגען. עס איז אים שווער צו באַנעמען, אַז אָט די דערשיינונגען, וואָס הייסן: וועלט, זענען סוף־כּל־סוף אונטערגעוואָרפן אונטער זייערע אייגענע געזעצן, אַז זיי זענען געבונדן אין דער לאָגיק פון דער קויזאַליטעט. נומער איינס. נומער צוויי: — פון די דערשיינונגען פון לעבן וואַקסט־אַרויס, ווי אַ געשפּענסט, דאָס אַלמעכטיקע שיקזאַל. דער אינטעלעקטועלער מענטש, וויפל ער זאָל זיך נישט וועלן צופּאַסן צום שיקזאַל, וויפל ער זאָל נישט וועלן פּאַר זיך אַליין דערקלערן זיין שייכות צום שיקזאַל, איז ער דאָך געצוווּנגען מודה־צו־זיין, אַז עס איז אומזיסט: דאָס שיקזאַל שפּילט אים תּמיד אַנטקעגן. ביי דער בלינדער מויער פונם שיקזאַל ברעכט זיך ענדלעך דער פּערזענלעכער ווילן, ברעכט זיך די עגאָטישקייט. דאָס קליינע מענטשעלע וויל אפילו דאָס שיקזאַל אַרויסאַבסטראַהירן פון אַן עגאָטישן לעבנס־באַנעמען. אין זיין קינדישער נאַיִוויטעט וויל זיך גאָר דאָס קליינע מענטשעלע אַרויפזעצן רייטנדיק אויפן ספינקס פון שיקזאַל! די אַנעקדאָטיש־גראָטעסקע אַטמאָספער, אין וועלכער עס אַנטוויקלט זיך די פּאַבולע פון דעם „פאַרכישופטן שניידערל", די סיטואַציעס אָן שום אינערלעכער לאָגיק, זיי שטרייכן, נעמלעך, אונטער דעם ווילדן תּוהו־ובוהו פון די לעבנס־דערשיינונגען אין דער פאָרשטעלונג פון דעם קליינעם מענטשעלע. דאָס קליינע מענטשעלע איז, פּשוט, נישט אימשטאַנד צו באַנעמען די קויזאַליטעט און דעם שיקזאַל, דעם סדר און די נויטווענדיקייט פון לעבן. דעריבער גייט אין די אויגן פון דעם קליינעם מענטשעלע די וועלט תּמיד אַרויס פון אירע פוּגעס. פאַר אים איז די וועלט מער שפּיל, ווי ערנסט, מער שאָטן ווי ווירקלעכקייט, מער אילוזיע, ווי ממשותדיקייט. ער, דאָס פינטעלע אין דער מאַסע, פילט זיך גראָד משונה האָפערדיק אין דערדאָזיקער שפּילעוודיקער וועלט, אין דעמדאָזיקן לעבנס־שוים, אין דערדאָזיקער צעוויגטקייט פון געזעצן. ער ווערט אָנגעשיכּורט פון די לעבנס־דערשיינונגען, וואָס וואַקסן אים איבערן קאָפּ, ער

ווערט פאַרכלינעט פון זיינע אייגענע פאָרשטעלונגען. אַלע נאַר־מאַלקייטן באַקומען דאָס פּנים פון געשפּענסטער. זיי העצן און יאָגן אים אינם פּישוף־ראָד. עס הייבט זיך אָן דאָס קאָמיש־גראָטעסקע געיעג פונם קליינעם מענטשעלע מיטן לעבן, דאָס אָב־יעקטיווע, האַרטע לעבן, וואָס ער באַטראַכט עס בלויז ווי אַן אויסגעבוירט פון זיין עגאָטישן ווילן, ווי אַ ווידערשפּיגל פון זיינע אייגענע חלומות, און קאָן בשום־אופן נישט באַנעמען דאָס לעבן אַלס שווערן, טראַגישן קאַמף, דאָס לעבן אַלס ווידערשטאַנד, דאָס לעבן אַלס זעלבסטשטענדיקן מהות.

מיר לייענען אין שלום־עליכמס ביכער די פאַנטאַסטישע דערציילונגען וועגן אָט דעם משונהדיקן געיעג פון אַ מענטש מיטן לעבן — און מיר לאַכן: דאָן־קישאָט מיט די ווינטמילן! דאָס „פאַרכישופטע שניידערל" איז פון די פראַכט־עקזעמפּלאַרן פונם שלום־עליכמישן שטייגער. עס אָטעמט דאָ אַלץ מיט דעם בלינדסטן צוטרוי צו דער אייגענער עגאָטישקייט. ווי סוביעקטיוו איז דאָ די האָפערדיקייט! די אָביעקטיווע סיטואַציעס, די דערציילערישע אַרט, די שפּראַך, — אַלץ איז לויז, אויפגעבונדן, צעטראָגן, וועגט גאָרנישט, פּאַסט זיך נישט איינס צו ס'אַנדערע. אין אָט־אָ דעם לוסטיקן תוהו־ובוהו פון אַ „וועלט אַלס פאָרשטעלונג" לויפט דער „פאָרשטעלער" שמעון־אלי, דאָס קליינע מענטשעלע, אָנגעשיכורט פון ווילן, באַטרונקען פון עפּעס אַ קאָמישן לעבנס־אָפּטימיזם. עס דרייט זיך אים אַלץ פאַר די אויגן, די ערד וויגט זיך אים אונ־טער די פיס, עס טאַנצן שאָטנס. שאָטנס שפּילן זיי צו: עס האָט זיך פאַרוואַנדלט דאָס לעבן אין אַ לצים־חתונה. דאָס קליינע מענטשעלע האָט פאַרבלאָנדזשעט אויף אָט דער אויסטערלישער חתונה. שמעון־אלי לויפט צווישן די שאָטנס, זוכט דעם נעכטיקן טאָג, כאַפּט־אָן די לופט, רעדט, שמאַיעט, דרייט אַ ספּאָדעק, קויפט, האַנדלט, ווערט אָפּגענאַרט, לאָדט זיך מיט דיזעלבע „פאַר־כישופטע" פאַרשווינדלעך ווי ער אַליין, כאַפּט פעטש, שיט מיט פּסוקים, פּלאָנטערט זיך אין דעם שדים־ראָד... ווי ווילד! מיט וויפל אימפּעט דאָס וויקלט זיך פונאַנדער! מיר, די לעזער, שטייען ווי אָביעקטיווע צושויער פאַר דעמדאָזיקן מאָדנעם. פאַנ־

טאַסטישן שפּינגעוועב פון לעבנס־געשעענישן. מיר זעען צו־גוט די פעדים, אויף וועלכע עס הענגט אָנגעבונדן דאָס רירנדיקע קליינע מענטשעלע, שמעון־אלי. ער גלויבט, אַז ער האָט פרייע ווילנס־מאָטיוון פאַר זיינע טאַטן; אָבער ניין. אָט די מאַריאָנעטן־דראָטן, וואָס טראָגן אים, ווי אַ מעכאַניזירטן אָביעקט איבער אַ קליינעם שטח פון באַוועגונגען — נאָר זיי, זענען די איינציקע מאָטיוון פון זיינע טאַטן. גראָד ווייל מיר, צושויער, שטייען מחוץ די גרענעצן פון אָט דעם שטח, זעען מיר דעם גאַנצן מעכאַניזם, וואָס טרייבט דאָס געוועב פון מיספאַרשטענדענישן, די פאַר־בלענדעניש, די נעץ, אין וועלכער דאָס רעלאַטיווע איז פאַר־וויקלט, רייסט זיך און רייסט זיך און קאָן זיך נישט אַרויסבאַקומען... אָט־אָ די דיספּראָפּאָרציאָנעלע דיסטאַנץ, וואָס מיר באַנעמען דאָ צווישן די דערציילטע געשעענישן און דער ווירקלעכער ווירק־לעכקייט, מאַכט פאַר אונז די געשעענישן קאָמיש, פאַרוואַנדלט זיי אין אַנעקדאָט, מאַכט אַפילו דאָס טראַגישע אין זיי גראָטעסק, לייכט, נישט־ערנסט.

הומאָר. זיכער. שלום־עליכמס הומאָר, הגם ער איז קיצלדיק און וויציק, שטאַמט ער בשום־אופן נישט פונם כיטרען, איבער־געשפּיצטן וויץ. שלום־עליכמס הומאָר קומט פון זיין דיכטערישער פאַנטאַזיע, שטאַמט גאָר פון זיין קינסטלערישער נאַיִוויטעט. די כיטרע שקאָצעריי פון דעם וויצלינג באַשאַפט בלויז דעם אַנעק־דאָטישן הומאָר. דער עכטער, טיפערער הומאָר, אָבער, דער הו־מאָר ווי אַ וועלט־געפיל, איז דורכאויס אַן אייגנשאַפט פון דער קינסטלערישער פאַנטאַזיע. נאָר קינסטלער, ביי וועלכע די פאַנ־טאַזיע איז אַ שפּעדיקע, אַ רייכע, — און דאָס דווקא אַזעלכע וואָס די לירישע מאָטיוון דאָמינירן אין זייער קונסט, — נאָר ביי זיי טרעפט מען די וווּנדערלעכסטע עקזעמפּלאַרן פון עכטסטן הו־מאָר. איך וועל בלויז אָנרופן די נעמען פון שעקספּיר, היינע, מאָפּאַסאַן, טשעכאָוו, גאָגאָל, כדי צו ווייזן, ווי אָרגאַניש געקניפּט־און־געבונדן ס'איז דאָס הומאָריסטישע מיטן פאַנטאַסטישן, די אי־ראָניע פון אינטעלעקט מיט דער נאַיִוויטעט פון די העכסטע זעונ־גען. פון געפיל פון אַבסאָלוטן אויסצולאַכן דאָס רעלאַטיווע —

דאָס איז דער הומאָר פון גרויסער קונסט. און ווייל אויך שלום־עליכמס הומאָר קומט פון דער פאַנטאַזיע, דעריבער שיידט ער זיך אָפּ פון דעם באַנאַלן און וויצלדיקן הומאָר. (דער באַנאַלער הומאָר טרוימט נישט... דער באַנאַלער הומאָר לאַכט נישט פון ערפאָרכטיקייט). ניין, עס איז נישט דער וויץ, עס איז די וועלט־אינטויִציע אַלס פאַנטאַזיע, וואָס צעלייגט פאַר שלום־עליכמען די דערשיינונגען פון לעבן; וואָס באַלייכט, ווי אַ געהיימנישפול אויפּטויכנדיק ליכט, אַלע טונקלקייטן; וואָס דעקט־אויף דאָס פאַרבאָרגענע; וואָס דעקט־אָפּ די האָריזאָנטן, הינטער וועלכע עס פליסט אין דער אייביקייט יענע אומענדלעכע באַוועגונג — דאָס לעבן.

דעפיניציע פון קאָמיזם:

ווען דאָס רעלאַטיווע טויכט־אויף ווי אַ פאַרגליווערט שטיק, ווי אַן אייז־קריע, אויף דער אויבערפלאַך פון דער אומענדלעכער לעבנס־באַוועגונג; ווען דאָס רעלאַטיווע ווערט נאָר אויפס־געוואַלט מיטגעשלעפּט מיט דער לעבנס־באַוועגונג, אָבער אַליין, אין זיך גופא, איז דאָס רעלאַטיווע אָפּגעריסן, אינערלעך אָפּגעשלאָסן פון דעם אומענדלעכן ריטמוס, וואָס באַוועגט זיך, — דער ריטמוס פון אַבסאָלוטן לעבן אַלס באַוועגונג, — ווען עס געשעט דאָסדאָזיקע דיספּראָפּאָרציאָנעלע קעגנשפּיל צווישן רעלאַטיוון און אַבסאָלוטן,— דאַן שיילט זיך אַרויס דאָס וועזן פון דעם קאָמישן. דאָס מעכאַנישע, דאָס האַרטע, פון זיין אָפּהענגיקייט זיך אַליין נישט באַוווסטע, דאָס שאַרף־אָפּגעגרענעצט ענדלעכע, דאָס שטאַרק זיך־באַטאָנענדיק קליינלעכע, — עס ווירקט שוין לויט זיין קאָנטראַסט און דיספּראָפּאָרציע מיט דער אומענדלעכער לעבנס־באַוועגונג — גראָטעסק און לעכערלעך. תמיד מוז מען האָבן אַ גרויס קינסט־לעריש וועלט־געפיל, כדי אויפן באָדן פון — און אין דער פּראָפּאָרציע צו — דעמדאָזיקן וועלט־געפיל צו שאַפן די קאָמישע סי־טואַציע, צי די קאָמישע פיגור.

וועלט־געפיל מאַכט דאָס קאָמישע איראָניש, פול קלוגשאַפט. ערשט אַזוי באַקומט דאָס קאָמישע ווירקלעכע וואָגיקייט. שלום־עליכם — דערמיט געהערט ער צו דער משפּחה פון די גרויסע

קינסטלער — ווען ער שאַפט די געשטאַלט פון דער יידישער קאָמישער פיגור, טוט ער עס נישט דערפאַר, ווייל ער ווערט, אַזוי־צו־זאָגן, „פיזיאָלאָגיש" געררייצט און געקיצלט פון דער לעכערלעכער אומבאַהאָלפנקייט פון דער יידישער קאָמישער פיגור. (ווי צ. ב. מענדעלע). גראָד פון געפיל פון אַ גרויסן היסטאָרישן ריטמוס, — די באַוועגונג פון יידישן מענטש אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, אין דער געשיכטע פון די מענטשן — פון אָט יענער באַוועגונג אַרויס שיילט זיך אויס פאַר שלום־עליכמען דאָס פנים פון דער יידישער קאָמישער פיגור. עס שיילט זיך אויס ווי אַ סימבאָל. די יידישע קאָמישע פיגור שלום־עליכמס דעקט־אויף דעם גאַנצן געשיכטלעכן כאַראַקטער און די היסטאָרישע פסיכיק פון דער יידישער נאַציע. ווי ביי אַלע גרויסע קינסטלער, ווערט אויך ביי שלום־עליכמען די קאָמישע פיגור סוף־כל־סוף אַ טראַגישע פיגור. טביה דער מילכיקער איז דער טראַגישער אויסגאַנג פון שלום־עליכמס קאָמיזם. די טראַגעדיע איז דער קאָנפליקט און דער לעצטער צוזאַמענשטויס צווישן דעם ענדלעך־רעלאַטיוון מיט דער אומענדלעכער באַוועגונג. די רעלאַטיוויטעטן, וואָס האַלטן זיך אָפּגעשלאָסן אויף דער אויבערפלאַך פון דער לעבנס־באַוועגונג, וויל דער קינסטלער צופירן צום טראַגישן צוזאַמענשטויס. — אינם טראַגישן קאָנפליקט וויל דער קינסטלער דאָס רעלאַטיווע — אויך דאָס רעלאַטיווע, וואָס נעמט־אָן די קאָמישע געשטאַלט — אויפלעזן אין דער אומענדלעכער באַוועגונג פון לעבן: פאַראייני־הייטלעכן דאָס רעלאַטיווע מיט דער אומענדלעכער לעבנס־באַוועגונג,— און אַזוי־אַרום אַרויסברענגען די אַטריבוטן פונם אַבסאָלוטן אין רעלאַטיוון. קלאַסישע מוסטערן, ווי דאָס רעלאַטיווע אַלס קאָמישע געשטאַלט ווערט דורך דער קונסט אויפגעלעזט אין אַ פאַנטאַסטיש לעבנס־מיסטעריום — (אויך דאָס קינסטלערישע מיסטעריום איז אַ ספּעציעלע אַבסטראַקטע פאָרם פון דער אומענדלעכער באַוועגונג) — געפינען מיר ביי גאָגאָלן. איך וועל ברענגען אַלס ביישפּיל אַזעלכע עכט גאָגאָלישע נאָוועלן ווי די „נ אָ ז" און דער „ש י נ ע ל". שלום־עליכמס קינסטלערישער שטייגער, איבערהויפּט אין דער נאָוועלע פון „פאַרכישופטן שניידערל",

איז זייער ענלעך צום כאַראַקטער פון דידאַזיקע גאָגאָלישע נאָוועלן. אויף אַן אַנעקדאָטישן אופן און מיט איבערגעטריבן-גראָטעסקע מיטלען ברענגט גאָגאָל אַרויס (אין „נאָז" און „שינעל") דעם טיפּ פון רוסישן קליינעם מענטשעלע מיט זיינע פאַרלאַנגען און באַציִונגען צו דער וועלט: די וועלט אַלס „פאָרשטעלונג" פון דעם רוסישן קליינעם מענטשעלע. דאָס שטויבעלע רוסישער מענטש אַלס ווינציקע רעלאַטיווע עקזיסטענץ אין דער גרויסער באַוועגונג פון עקזיסטענץ — (דער מאַסע) — הייבט-אָן אין העכסט-קאָמישע פאָרמען צו פּראָיִצירן זיין איך, זיין ווילן, זיינע אַמביציעס. דאָס רעלאַטיווע, דאָס פאַרשטאַרטע און אָפּגעגרענעצטע אויף דער אויבערפלאַך פון דער לעבנס-באַוועגונג, דאָס רעלאַטיווע, וואָס האָט פון דעם באַוועגונגס-שטראָם, פון וועלכן עס ווערט געטראָגן, דאָס מינדסטע באַוווסטזיין נישט, שאַפט דאָ, ביי גאָגאָלן, די קאָמישע סיטואַציע און דעם קאָמישן כאַראַקטער. אַקאַקי אַקאַקאָוויטש ווירקט אַלס קאָמישער פאַרשוין נאָר דורך דער דיספּראָפּאָרציע פון זיין עגאָטישער לעבנס-פונקציע צו דער גרויסער פונקציע פון לעבן. דער האָריזאָנט פון דער וועלט לאָזט זיך אויס צוזאַמען מיטן האָריזאָנט פון זיינע אַמביציעס, און דער קאָמישער אַקצענט ווערט גראָד געגעבן דערמיט, וואָס צוזאַמען און אין הינטערגרונט פון אַקאַקי אַקאַקאָוויטשן זעען מיר דאָס מעכטיקע וועלט-געפיל גאָגאָלס, זעען מיר גאָגאָלס טיפע לעבנס-חכמה, גאָגאָלס באַנעמען אַלע עלעמענטן פון לעבן. די פיגור אַקאַקי אַקאַקאָוויטש וועגעטירט אָפּגעזונדערט אויפן פאָן פון גאָגאָלס וועלט-געפיל; זי טראָגט זיך ווי אַ מאַנעקין אין מיטן דער באַוועגטקייט פון אַ גרויס וועלט-באַנעמען (אויך לעבעדיק דענקען און פילן איז באַוועגונג!) — און דאָס איז איר קאָמישקייט. וואָרים נאָר אין צוזאַמענהאַנג מיט גאָגאָלס קלוגשאַפט ווירקט אַקאַקי ווי אַ נאַר. (ווען אַ גרויסער מייסטער ווייזט אונז דאָס קליינלעכע און נישטיקע, זעען מיר ערשט, ווי קליינלעך און נישטיק דאָס קליינלעכע און נישטיקע איז). גאָגאָל שפּילט זיך אָבער בלויז אַ קורצע ווײַלע מיט זיינע פיגורן. די פאַנטאַזיע זיינע לעזט זיי באַלד צוריק אויף אין דער אומענדלעכער באַוועגונג. אין „שינעל" און „נאָז", ווו מיר לאַכן

אין אָנהייב אַזוי האַרציק איבער דעם ווונדערלעכן הומאָר אין אַט די נאָוועלן, ווערן שפּעטער די קאָמישע כאַראַקטערן און די קאָמישע סיטואַציעס אַריבערגעטראָגן אין דער אַטמאָספער פון מיסטיציזם; די וועלט און דאָס לעבן אַלס דאָס גרויסע געהיימ־ניש; דאָס מיסטעריום פונם אַבסאָלוטן; „דאָס דינג אַן זיך“. די אַלע געזעצלאָזיקייטן און אומלאָגישקייטן אין מיטן די געזעצן און דער לאָגיק פון לעבן, מיט וועלכע גאָגאָל האָט זיך באַנוצט ווי מיט מאָטיוון צום גראָטעסקן און צום הומאָר – גראָד אין אָט די געזעצלאָזיקייטן און אומלאָגישקייטן הייבט זיך ביי גאָגאָלן אָן אויפצושלייערן דאָס פנים פון דעם גרויסן ספינקס וועלט. איבער דעם הומאָר פון דער געזעצלאָזיקייט הייבט־אָן צו ווייען דער אָטעם פונם טיפסטן געהיימניש. געזעצן? וועט עמעצער פרעגן. – זענען מיר אַלע דאָך נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אַקאַקי אַקאַקאָוויטשעס, „קליינע מענטשעלעך“ אין די ד׳ אמות פון אונזער רעלאַטיוויטעט, און לעבן און דענקען נאָר אין די פאָרמען פון אַן אָרימען מענטשלעכן פאַרשטאַנד. ווער קען דאָס זאָגן, וואָס עס זענען אַזוינס געזעצן? אַלע זענען מיר גראָטעסק און אומבאַהאָלפן, אויב מען וויל נישט צוגעבן, אַז מיר לעבן סוף־כל־סוף אין אַ ווונדערלעכער וועלט, ווו אַלץ איז מעגלעך און ווו אונזערע האָפנונגען און אונזער לעבנס־פרייד איז נאָר דאָס אינערלעכע באַוווסטזיין פון דער מעגלעכקייט פון די אוממעג־לעכקייטן.

„מען קאָן זאָגן, וואָס מען וויל“, – ענדיקט גאָגאָל די „נאָז“, – „אַזעלכע געשעענישן (פון וועלכע עס ווערט דערציילט אין דער נאָוועלע) קומען ווירקלעך פאָר זעלטן, אָבער זיי קומען־פאָר“. דער סוף פון גאָגאָלס „טויטע נפשות“ פאַרוואַנדלט דידאַ־זיקע העכסט קאָמישע דערציילונג אין אַ גרויסן סימבאָל.

אַזוי ווייט ביי גאָגאָלן. אָט־אָ די עלעמענטן פון באַדייטנדיקער קונסט,–וואָס אָט אַנטפּלעקן זיי זיך אַלס הומאָר, אָט אַלס פאַנטאַזיע,– זיי זענען אויך די וועזנטלעכע יסודות פון שלום־עליכמישן שאַפן. דער קאַרדינאַלער חילוק צווישן שלום־עליכמען און גאָגאָלן ליגט קודם־כל דערין, וואָס שלום־עליכם פערזענלעך איז אַ „קליין

מענטשעלע״, אַן אַ גרויסער וועלט־אָנשויונג. שלום־עליכם שאַפט בלויז מיט דער פּרימיטיווער אינטויִציע און מיטן בלינדן אינ־סטינקט פון זיין קינסטלערישקייט. דאָס הומאָריסטישע (דאָס רע־לאַטיווע) קומט דעריבער אַרויס ביי אים בולט, רייף, גוט אויס־געבויט אַלס מאָטיוו: אינם רעלאַטיוון פילט זיך שלום־עליכם פרייער, היימישער, זיכערער. ס׳איז אים נענטער צום האַרצן, דאָס רעלאַטיווע. ס׳איז זיין עלעמענט. צו דער פאַנטאַזיע אָבער פעלט שלום־עליכמען אינטעלעקט: גייסטיקע וואַכקייט אינם וועלט־באַנעמען. ער פאַרמאָגט טיפע קינסטלערישע אינטויִציע, אָבער עס פעלט אים דער קינסטלערישער פאַרשטאַנד. מיטן איידעלן אינסטרומענט פון פאַנטאַזיע ווייסט זיך שלום־עליכם קינסטלעריש נישט קיין עצה צו געבן. ווען דער הומאָר הייבט־אָן צו ווייזן דאָס צווייטע פּנים זיינס, און דאָס רעלאַטיווע אין אים הייבט־אָן אויפצוּוואַכן אין דער אומענדלעכער באַוועגונג (די פאַנטאַזיע), איז אָנשטאָט דערפון צו ווערן וועלט־קלוגער, ווי גאָגאָל, דערשרעקט זיך גאָר שלום־עליכם פאַר דערדאָזיקער גרויסער פאַרוואַנדלונג, ווערט ער קינסטלעריש אומבאַהאָלפן אין אָט־אָ דער שרעק. ביי נישט קיין זייער געהויבענעם אינטעלעקט קערט זיך לייכט די אייגענע פאַנטאַזיע איבער אין בלינדער געשפּענסטישקייט. אין דעמאָנאָלאָגיע. די שאַפערישע פאַנטאַזיע איז זייער אַן איידעלער, זייער אַ פילבאַרער עלעמענט. נאָר דער אינטעלעקטועל־וואַכער קינסטלער ווייסט צו געפינען דעם קאָנטאַקט און דאָס האַרמאָ־נישע צווישן־שפּיל צווישן דער פאַנטאַזיע און דערווירקלעכקייט; דאָס פאַנטאַסטישע אין דעם ווירקלעכן און דאָס ווירקלעכע אין דעם פאַנטאַסטישן. די וויי־ניקער־וואַכע נאַטורן קאָנען זיך בשום־אופן נישט אָריענטירן אין דעם איינהייטלעכן מקור, פון וועלכן אָט די ביידע עלעמענטן פון וועלט־באַנעם קומען־אַרויס. דער אינ־טעלעקטועל קנאַפּ־וואַכער קינסטלער נעמט אָפּט די ווירקלעכקייט צו־רעלאַטיוו (אַ גרויסער טייל פון דעם אַזוי־גערופענעם נאַטוראַ־ליזם) און דאָס פאַנטאַסטישע ווירקט ביי אים פּרעמדאַרטיק, גע־שפּענסטערהאַפטיק, דעמאָניש, אָבערגלויבעריש. ביי פּרימיטיווע פעלקער און פּרימיטיווע מענטשן פאַרוואַנדלט זיך נישט די פאַנ־

טאַזיע אין לעבנס־קלוגשאַפט — וואָרים פאַנטאַזיע איז לעבנס־קלוגשאַפט — נאָר די פאַנטאַזיע דעגענערירט צו דעמאָגאָלאָגיע און צו אָבערגלויבן. די פאַנטאַזיע, וואָס באַדאַרף דעם מענטש מאַכן מוטיקער און קלוגער — פאַנטאַזיע איז די טיפסטע באַאָבאַכטונג — מאַכט זי אים גאָר שרעקעוודיקער און פחדנישער. אינם אופן ווי אַזוי אַ קינסטלער דאַרף זיך אומצוגיין מיט דער אומענדלעכער לעבנס־באַוועגונג — אין פאָרם פון דער פאַנטאַזיע, — איז נאָך שלום־עליכם גענוג פרימיטיוו. אין „פאַר־כישופטן שניידערל" וויל ער, ווי גאָגאָל, דאָס גראָטעסקע פונם רעלאַטיוון אויפלעזן אין דער איראָניע און אין די מאָטיוון פונם פאַנטאַסטישן. דער קאָמיזם הייבט־אָן אַנצונעמען דאָס געשטאַלט פון ווונדערלעכקייט. דאָסדאָזיקע אויסוואַקסן פון זיין אייגענעם הומאָר קאָן שלום־עליכם נישט אויפבויען מיט קאָנסעקווענטער קינסטלערישער לאָגיק. גאַנץ אַנדערע וועגן (פון וועלכע ס'וועט מיר אויסקומען צו רעדן אַן אַנדערש מאָל) האָט שלום־עליכמס הומאָר זיך אויסגעקליבן, כדי צוצוקומען צו ג ר ו י ס ק י י ט. די לעצטע סצענעס פון „פאַרכישופטן שניידערל" באַווייזן באַזונדערס, די סכנות, וואָס לויערן אויף אַ קינסטלער, וואָס דער אינטעלעקטו־עלער וועלט־באַנעם זיינער שטייט נישט אין קיין פאַרהעלטעניש צו זיין שאַפערישער א י נ ט ו י צ י ע. אין די סיטואַציעס, ווו דאָס גראָטעסקע אַליין ווערט דורך זיין אומוואָרשיינלעכקייט צו־געטריבן צום וויזיאָנערישן, דאָרט ווערט שוין דורך אַן אינער־לעכער קינסטלערישער לאָגיק אָט־אָ די וויזיאָנערע גראָטעסקע לייכט אומגעביטן אין אַ פאַנטאַסטיש־מעטאַפיזישער וויזיע (ביי שעקספּירן נויגט תמיד דאָס קאָמישע און גראָטעסקע צום פאַנ־טאַסטיש־מעטאַפיזישן).

איבער די טיפסטע אָפּגרונטן פון לעבן דעמאָנסטרירן די קליינע מענטשעלעך זייער רעלאַטיוויטעט אין איבערגעטריבענעם גראָטעסקן שפּיל. פון יענע אָפּגרונטן אַרויס הייבט־אָן די אומ־ענדלעכע באַוועגונג פון לעבן אויפצוטויכן אַלס פאַנטאַסטישע זעונג. ביי דעמדאָזיקן שאַפערישן ווענד־פּונקט קומען די בילדער ביי שלום־עליכמען אַרויס מטושטש און צעשוומען. ווי דער שינעל

ביי אַקאַקי אַקאַקאָוויטשן, אַזוי איז אויך די ציג ביי שמעון־אלין דער אָביעקט, וואָס שטייט ווי אַ מיטל־פּונקט אין אַלע זיינע פאַרלאַנגען, באַציִונגען און אַמביציעס. פּונקט ווי דער שינעל, זאָל דאָס די ציג טראָגן דאָס גליק און די לעבנס־צופרידנקייט פאַרן קליינעם מענטשעלע: זי איז דער קווינט־עסענץ פון דער „פאַרגעשטעלטער וועלט". דידאָזיקע טרעגערין פון דער „וועלט", די ציג, איז אָבער אין איר רעלאַטיוון מהות נישט מער ווי אַ פאַרבלענדעניש און מיראַזש. אָט־אָ דער „וועלט־טרעגער" פאַר־פּלאָנטערט זיך אין זיין אייגענער רעלאַטיוויטעט און פאַרלירט דורך דעם יעדע לאָגיק, יעדע קויזאַליטעט, יעדע וואָרשיינלעכקייט; וואַקסט גאָר אַליין אויס צום געשפּענסט. דאָס קליינע מענטשעלע, וואָס יאָגט נאָך דערדאָזיקער, לייכט צו באַהערשנדיקער „וועלט", דערשרעקט זיך פאַר אָט דער פּלוצלינגער אומוואַנדלונג פון אַ רעאַליטעט אין אַ געשפּענסט. ס'ליגט נישט אין כוח פונם קליינעם מענטשעלע צו באַנעמען דאָס ווילדע שאָטן־שפּיל פון די דער־שיינונגען. אַלע זייפנבלאָזן, וואָס האָבן געטראָגן זיינע לעבנס־אַמביציעס, פּלאַצן — און אינם פּלאַצן פון אַלע זייפנבלאָזן גלויבט דאָס קליינע מענטשעלע צו הערן, ווי עס קראַכט די וועלט אונ־טער זיינע פיס. אַלע אָפּגרונטן עפענען קעגן אים זייערע פינצ־טערע מיילער. דער אומשולדיקער האָקוס־פּאָקוס ווערט אַ בייז־אַרטיקער לץ. וואַנזיניקייט און שגעון נעמט־אַרום דאָס קליינע מענטשעלע. ער אַליין ווערט אויך אַ געשפּענסט. די וועלט באַ־קומט אין איר רעלאַטיוויטעט אַ פּנים פון אַ שוואַרץ־שבת. אָט־אָ די אַלע אויסגאַנגס־מאָטיוון פונם גראָטעסקן צום פאַנטאַסטישן און מיסטישן, וואָס גאָגאָל בויט אַזוי מייסטערהאַפט אויס, מיט זיי וויל שלום־עליכם (אונטער גאָגאָלס איינפלוס) פאַרענדיקן די וווּנדערלעכע מעשה מיטן פאַרכּישופטן שניידער. ס'איז אים נישט געלונגען. די סיבות האָבן מיר געזען. דידאָזיקע זייער טיפּישע דערציילונג, ווו ער האָט געוואָלט, לויט אַ קינסטלערישער לאָגיק, מאַכן אויסן קליינעם מענטשעלע אַ גאָגאָלישן טיפּ, ענדיקט שלום־עליכם מיט אַ פינאַל, וואָס איז האַלב אָבערגלויבן, האַלב וויץ. די אינערלעכע טענדענץ פונם סוף איז נישט קלאָר, און פון דער פאַנטאַזיע, — ווערט אַ פּלאָנטער.

איך האָב מיך אַזוי לאַנג און אַזוי אויספירלעך אָפּגעשטעלט אויף דעם „פאַרכישופטן שניידערל", ווייל אין אים זעט מען באַזונדערס בולט סיי דעם גלאַנץ פון שלום־עליכמס אייגנשאַפטן, סיי די העמונגען און שטרויכלונגען, וואָס נעמען זיך דערפון, וואָס דער גרויסער באַשרייבער פון די קליינע מענטשעלעך,— איז אַליין נאָר אַ קליין מענטשעלע. נישט תמיד ווייסט ער דעריבער אויסצונוצן די מאָטיוון, וואָס אינספירירן זיין שאַפונגס־קראַפט. דאָסדאָזיקע קליינע ווערק האָט שלום־עליכם אָנגעהויבן מיט אמתר מייסטערשאַפט. ער לאָזט דאָ — דווקא אויף אַ גאַגאָלישן שטייגער — צעשפּילן זיינע אייגנשאַפטן מיט ווירטואָזיטעט און עלאַן. ער קען אָבער נישט אין דערזעלבער ווירטואָזיטעט מיטשוועבן מיט דער אינערלעכער שטייגערונג פון די מאָטיוון. די כוחות פאַרלאָזן אים אין מיטן דעם ריטם פון די גאָגאָלישע טענדענצן. שלום־עליכם שליסט די נאָוועלע מיט זייער נישט קיין גערעטענעם סוף: „דער סוף איז געווען נישט קיין גוטער סוף. אָנגעהויבן האָט זיך די מעשה זייער פריילעך און אויסגעלאָזט האָט זי זיך, ווי דאָס רוב פריילעכע געשיכטעס, אוי וויי, זייער טרויעריק... און מחמת איר קענט דעם מחבר פון דער געשיכטע, אַז ער איז בטבע נישט קיין מרה־שחורהניק און האָט פיינט קלאָגנדיקע און האָט ליב בעסער לאַכנדיקע מעשיות — לכן געזעגנט זיך מיט אייך דער פאַרפאַסער מתוך שחוק, לאַכנדיק. לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן".

אַזוי פאַרענדיקן הייסט: זיך וועלן אַרויסדרייען פון דער אויפגאַבע.

## IV

די „פריילעכע קאָמפּאַניע“ איז אַ טיפּישע שלום-עליכמישע נאָוועלע, וואָס דערציילט אונז פון דעם, ווי-אַזוי עס לעבן און שטערבן די קליינע מענטשעלעך.

ערגעץ „אויף אַ פינפטן שטאָק, אין אַ קליין פינצטער חדרל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ טויבנשלאַק אויף אַ בוידעם“, הויזן צוזאַמען דריי מאָדנע פּאַרשוינען פון די אמתע „אָרימע נאָר פריילעכע“. איינער „אַ הויכער טרוקענער פּאַרשוין מיט אַ בראָנזן גלאַנציק פּנים, מיט אַ ליסינע אויפן קאָפּ און מיט אַ גרוי גע-שוירן בערדל“. ער זיצט אַ דאַרער, אָדם-נאַקעט ביים פענצטער אויף אַ צעבראָכן בענקל און דרייט פּאַפּיראָסן. בראָנזנטאָלער. דער צווייטער, אַרקאַדי שווייצער, איז „אַ שוואַרצער יונגערמאַן, אַ געגאָלטע מאָרדע, אַלטע אָפּגעבאַרטע מלבושים, תמיד אַ פריי-לעכער“. מיר האָבן נאָך אַ דריטן. טשיידעלע דער מחבר: „אַ מאָד-נער נפש מיט אַ בלאַס פּנים, הונגעריקע אויגן, אונטערגעבויגענע, שיטערע, שטאַרק-אָנגעשמירטע האָר. אָנגעטאָן אין אַ טשעשונ-טשאָווע פּידזשאַקל מיט מאָדנע ברייטע אַרבל, אַ קאָלנער פון פּאַפּיר מיט אַ שניפּס אַ שאַרף-רויטן ווי פייער, מיט דינע שמאָ-לע ווייסע הויזן אויף אַ פּאָר קליינטשיקע פיסעלעך. דערצו האָט ער נאָך אַ טבע אונטערצושפּרינגען און האָט אַ הייזעריק קולכל.“

אַלע דריי לעבן זיי אין אָט-אָ דעם „טויבנשלאַק“ אויפן בוידעם. דריי פון די אָרימסטע. קבצנים. וואַגאַבונדן. טויגעניכטסן — אָבער דריי משונהדיקע טרוימער, זיצן זיי אין „טויבנשלאַק“. אונטער זיי רוישט אַ וועלט; לעבט און אַנטוויקלט זיך די מענטש-לעכע געזעלשאַפט אונטער שווערע עקאָנאָמישע געזעצן. יעדע

מענטשלעכע סאַט איז אונטערגעוואָרפן באַדינגונגען און פאַרהעלטענישן, סיבות און סיבותלעך. עס שאַפט זיך דאָס לעבן אין שווערן היסטאָרישן קאַמף. פאַר די דריי שלום־עליכמישע פאַרשוינען גילטן נישט אָט די אַלע שווערע פאַרהעלטענישן פון לעבן. נישט בלויז אין זייער אָביעקטיווער וואַגאַבונדישקייט און אין זייער אויסערלעכער אָרימקייט זענען אָט די מענטשן אַרויסגעשטויסן און אָפּגעבונדן פון אַלע קאָמפּלעקסן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. דער עיקר — סוביעקטיוו, אינערלעך, שטייען זיי נישט מיט דער רעאַל־עקזיסטירנדיקער וועלט אין קיין שום שייכות. זיי שטייען אַבסאָלוט מן־הצד פון דער וועלט. זיי פילן צומאָל נישט דעם אייגענעם ביטערן דלות; כסדר פאַרטון מיט די וויזיעס און פאָרשטעלונגען פון זייער גערייצטן סוביעקט. כ'ווייס נישט, צי האָבן זיי אַפילו חוש פאַרן אייגענעם גוף, — זיי הונגערט קיינמאָל נישט. זיי זענען עפּעס זאַט פון זיך אַליין. דאָס זענען מענטשן, וואָס הגם די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט לאָזט זיי נישט געניסן פון די וועלט־גיטער — שטייען זיי אָבער גראָד צו דער מענטשלעכער געזעלשאַפט און צו די וועלט־גיטער אין אַ מאָדנע פּסיכאָלאָגיש מיספאַרהעלטעניש. זיי האָבן גאָר נישט קיין חוש דערפאַר, אַז די מענטשלעכע געזעלשאַפט באַשטייט פון גראָבע ממשותדיקע כוחות, וואָס לאָזן זיך נישט באַצווינגען פון הוילע סוביעקטיווע פאָרשטעלונגען; אַז אַלע גוטע סוביעקטיווע ווונטשן מוזן זיך סוף־כל־סוף צופּאַסן צו די רעאַליטעטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. ניין, זיי באַנעמען גאָר דאָס נישט! קודם־כל: עס פעלט זיי יעדע עמפּינדונג פאַר דעם, אַז דאָס רעאַלע לעבן וועגט עפּעס, האָט יש, האָט ווידערשטאַנד. אויפן רעאַלן לעבן קוקן זיי אַרויס פון דער „הייך“ פון זייער „טויבנשלאַק“ און זיי זעען דאָרט אַ וווּנדערלעכן מיראַזש: דאָס לעבן איז אַ גרויסער, רוישיקער און פאַרבנרייכער מאַסקנבאַל. די ליבע מענטשן זענען די געבעטענע געסט. אַלע זענען שיכּורלעך אויפגעלייגט און טרייבן האַזאַרד. ווילדע שפּילן, טישן מיט כּל־טוב זענען אָנגעגרייט פאַר אַלעמען. געבראָטענע טייבעלעך פליען הענדום־פּענדום פון אַלע

י. י. טרונק, שלום־עליכם, 4.

וייטן אין מויל אַריין. גרויסע געווינסן וואַרטן. גאָלד און זילבער וואַלגערט זיך אונטער די פיס. גאָרנישט, מ׳דאַרף נאָר לייכט אויסצושטרעקן די הענט און זיך פיל אָנצושיטן די קעשענעס פון דעם לעבנס־אוצר. און זיין גליקלעך. אָט־אָ די שלום־עליכמישע אָרימע און הונגעריקע וואַגאַבונדן קאָנען באמת מיט אַ לייכט גע־מיט איגנאָרירן די אָרימקייט זייערע. פאַרוואָס זיך טאַקע אָפּעסן דאָס האַרץ אומזיסט? נאַקעטע און באָרוויסע? אומזין! זיי זענען דאָך אויך פון די געבעטענע געסט אויף דער שפּעדיקער חתונה פון לעבן. נישט־מער, — זיי וואַרטן נאָר אויף דער ריי אויסצו־שטרעקן די הענט און צו נעמען.

אַזעלכע דריי גליקלעכע „וואַרטערס״ אויף זייער ריי שיל־דערט שלום־עליכם אין דער „פריילעכער קאָמפּאַניע״.

ווי אין אַ מעשה פון „טויזנט און איין נאַכט״. דריי „וואַר־טערס״ אויפן שטערנדל פון גליק זענען זיך דאָ צונויפגעקומען אויפן בוידעם. איטלעכער איז דאָ אַהערגעקומען מיט זיין לעבנס־געשיכטע. שוין טעכניש איז די נאָוועלע קאָנסטרויִרט פון די דריי לעבנס־געשיכטן. דידאָזיקע לעבנס־געשיכטן זענען אייגנטלעך פול מיט דורכפאַלן און מיסדערפאָלגן. דאָך זענען אַלע מיסדערפאָלגן נישט אימשטאַנד־געווען די דריי מענטשן צו איבערצייגן, אַז דאָס טעלערל פון הימל — (וואָס דאָס לעבן גרייט מכלומרשט צו פאַר יעדן איינציקן פון זיי) — איז נישט קאַ׳ זאַ זיכערע זאַך. פאַר־קערט; דאָס לעבן האָט פאַר זיי גאָרנישט — אַ חוץ נויט און עלענטקייט. צו דערדאָזיקער ביטערער איבערצייגונג מוז מען האָבן אינסטינקט פאַר דערווירקלעכקייט. דערדאָזיקער אינסטינקט איז ביי זיי טאָטאַל אַטראָפירט. דעריבער איז אויף דער וועלט נישט פאַראַן דער כוח, וואָס זאָל זיי אויסניכטערן. אַרקאַדי שוויי־צער דערציילט: „די האָר זענען נישט מיינע! אַוועקגעטראָגן אין לאָמבאַרד דעם גוטן זייגער פון זהב־טהור מיטן גילדענעם רינג, מיט ווו איך האָב געהאַט ערגעץ אַ זאַך, וואָס מע קאָן פאַר־זעצן... און נאָך אַלע היומס, זאָג איך אייך, לאָם איך נאָר באַקו־מען דעם ערשטן פינף־און־צוואַנציקער — און איך וועל אים, אם־ירצה־השם, מיט גאָטס־הילף באַקומען — מאַך איך אַ פאַרמעגן

פון אַריבער מאה אלפים! איר קוקט מיך אָן ווי אַ משוגענעם? אַ יאָ? אָט וועל איך אייך ווייזן גאָר אַ קורצן חשבון, וועט איר אַליין זען, אַז אַזאַ נפש, ווי איך, קאָן מאַכן פון אַ כ'פ־היי'ער די ריינע הונדערט טויזנט איינציקע, און נאָך מיט אַ סמיטשיק; איר ווייסט, וואָס סע באַטרעפט דרייצן פּאַסן פון אַ פינף־און־צוואַנציקער? אַנו, נעמט נאָר אָקאָרשט, זייט מוחל, אַ טינט און פּען!"

דער מחבר שלום־עליכם גיט נאָך צו: „ווער עס האָט אין יענער מינוט נישט געזען דעם נייעם שכן אַרקאַדי שווייצער, דער האָט אויף זיין לעבן נישט אָנגעקוקט קיין גליקלעכן מענטש אויף דער וועלט!"

בראָנזנטאָלער איז אַ הויכער טרוקענער פּאַרשוין, וואָס זיצט אַדם־נאַקעט ביים פענצטער אויף אַ צעבראָכן בענקל און דרייט פּאַפּיראָסן. ער דאַרף אויך נישט געמשפּט־ווערן לויט זיין אויסזען און מצב. אויך אַ „גליקלעכער וואַרטער". ער האָט עפּעס אַן אָרימען אָפּגעקומענעם פּריץ, אַ פּוילישער גראַף דאָמבע־דעמבאָדעמביצקי, וואָס באַדאַרף – לויט זיינע רייד – אָפּנעמען אין אַמעריקע אַ ירושה פון קיילעכדיקע ניין־און־ניינציק מיליאָן. מע באַדאַרף נאָר דערין אַריינלייגן געלט אויף לאָדן זיך אין פּראָצעסן. בראָנזנטאָלערס גאַנצע לעבן דרייט זיך אַרום אָט־אָ דער „גרויסער" האָפענונג פון אַ נעכטיקן טאָג. וויפל לעבנס־נויט שלום־עליכמס מענטשן קאָנען אַוועקגעבן פאַר האָפענונגען, וואָס זענען פּוסט און באָדנלאָז! אין די רעאַלע ווערטן פון לעבן – אַפילו ווען שלום־עליכמס פּאַרשוינען פאַרמאָגן זיי גראָד – פילן זיי זיך גאָרנישט באַקוועם. דאָרט זענען זיי גאָר געהאַמעוועט. רעאַליטעטן הענגען זיי ווי שטיינער ביי די פיס. און די שלום־עליכמישע מענטשן האָבן ליב דאָס פליען, דאָס שמאַיען, דאָס מאָלן ווינט. אויך דאָס רעאַלע האָבן זיי ליב נאָר אַלס אַ ב ס ט ר אַ ק צ י ע. נישט אַלס יש. דאָס רעאַלע אַלס יש מוז – שוין לויט זיין מהות – האָבן גרענעצן. גראָד אין אַלע גרענעצן פילן זיך דידאָזיקע פּאַרשוינען שלעכט. זיי האָבן אַפילו נישט ליב צו געניסן פון דער וועלט. זיי ליבן נאָר דאָס טרוימען. כסדר טרוימען פון געניוס. זיי קאָנען ווייל באַשטיין צו לעבן ווי די אַסקעטן אָרים און קאַרג – אַבי

נאָר דער טרוים זייערער זאָל זיין אַ פאַרשווענדערישער, אַ שפּע־דיקער, אָנגעוואָרפן מיט דער ברייטער האַנט. דעריבער חלשן זיי אַזוי פאַר געלט. פאַרן „קערבל". געלט רעדט מער צו זייער גע־מיט, ווי די ווערטן, וואָס מ'קאָן באַקומען פאַר געלט. אין געלט פאַרוואַנדלען זיך די רעאַלע וועלט־גיטער אין אַ הוילער אַב־סטראַקטער ווירטשאַפטס־פאָרם. אַבסטראַקציע — נאָך דעם פאַר־לאַנגען זיי. אָט דידאָזיקע נפשות, שלום־עליכמס מענטשן, קאָנען אַזוי ווייניק געניסן פון דער וועלט. האָבן אַזוי ווייניק פאַנטאַזיע פאַרן גענוס. האָבן אַזוי ווינציק ווירקלעכן יצר־הרע אין די גע־בליטן. באַדאַרפן אייגנטלעך גאָר קנאַפּלעך, כדי צו שטילן די זינדיקע קערפּערלעכע תאוות. לאָמיר נאָר הערן ווי זיי רעדן וועגן געלט; „ער האָט ליב געהאַט געלט (אַרקאַדי שווייצער) נישט מחמת דעם, וואָס ער באַדאַרף עס אַזוי נייטיק האָבן, נאָר מחמת דעם, וואָס ס'איז געלט, מחמת דעם, וואָס געלט איז אַ גוטע, ליבע זאַך". מיר האָבן דאָ די גאַנצע נשמה זייערע אויף דער האַנט. דאָ אַנטפּלעקט זי זיך אונז אין איר לעבנס־קאָנ־סטרוקציע,— אין דעם געפיל פון אירע באַציִונגען. די אַבסטראַקציע זעטיקט יענע מענטשן. נאָר אין דערדאָזיקער לופט אַנטוויקלען זיי זייער טעטיקייט. די ענערגיע זייערע. אָטעמען זיי. לעבן זיי. פילן זיי זיך צופרידן. שלום־עליכמס אַ מענטש וועט אייך אַלץ מקריב־זיין — ער וועט גאָרנישט וועלן באַזיצן — אַבי צו קאָנען שווימען אין דעם גרענעצלאָזן, אין דעם אַבסטראַקטן, אַוווּ עס וועט אים גאָרנישט צוריקהאַלטן, אַוווּ מ'קאָן גרייִלעך לעבן מיט הוילע האָפענונגען, מיט ווילדע הוריות, מיט חלומות; „געוועזן אַ באַווייבטער" — דערציילט בראָנזנטאָלער זיין לעבנס־געשיכטע — „היינט שוין נישט. זאָרגט זיך נישט, מיר האָבן זיך געגט. קרובים האָבן זיך אַריינגעמישט און גלאַט גוטע פריינט. וואָס טויגן אייך, זאָגן זיי, מיליאָנען? היט בעסער אָפּ אייער געשעפט. אַ מזומנער גראָשן איז טייערער פון אַלע חלומות, און וואָס טויגן אייך, זאָגן זיי, אַרומפירן זיך מיטן דאָזיקן אדון. גאָט ווייסט וואָס פאַר אַ נפש דאָס איז? אפשר איז דאָס איין אדם בפקדן? און מיין ווייב האָט זיך צוגעזעצט צו מיר, איין מאָל פאַר אַלע מאָל: גט

און גט. שטיא! — טענה איך צו איר. — וואָס הערסטו זיי? דיינע גוטע פריינט, זאָג איך, זענען דיך מקנא, פאַרגינען דיר נישט אַזאַ גליק. וואָס טויג אייך, מיר האָבן זיך געמוזט גטן און פאַר גריזאָטע מיט בזיון בין איך אָפגעטראָטן פון מיין שטאָט און בין אַריבערגעפאָרן אַהערצוצו קיין יעהופּעץ, אינאיינעם מיט מיין פריץ, הייסט דאָס, זוכן, טאָמער וועלן מיר געפינען געלט אויף הוצאות, פאָרט אַ גרויסע שטאָט מיט אַלערליי געשעפטן, מיט מעקלערס אַ סך, מיט מענטשן, וואָס ווילן, חלשן פאַרדינען אַ קערבל, און האָב אים באַזעצט, מיין פריץ, הייסט דאָס, אין אַ שיינעם נומער פון אַ האָטעל, און אַליין האָב איך מיר אָפּגעדינגען אָט־אָ דעמדאָזיקן בוידעם, ווי זאָגט איר, נענטער צו גאָט, און אַלע פרימאָרגן נעם איך מיר דאָס שטעקעלע און גיי מיר אַרויס אויף דער בערזע, אין דרויסן, הייסט דאָס, דאָרט ווו אַלע יידן דרייען זיך אַרום אין שליסן קאַנטשאַפּט מיט דער וועלט, און ס'איז אַ סברה, אַז מיר מאַכן דאָ אַ קאָמפּאַניע, דאָס הייסט, עטלעכע מענטשן לייגן זיך צונויף מיט אַ קאַפּיטאַל פון היפּשע עטלעכע טויזנט קערבלעך אויף חלקים, דאָס הייסט, וויפיל איטלעכער גיט, אַזוי פיל חלקים האָט ער אין געשעפט, אויף יעדן הונדערטער נעמט זיך אָן צען טויזנט, אויף טויזנט — הונדערט טויזנט, אויף צען טויזנט — אַ מיליאָן".

בראָנזנטאָלער הויזט אָרים און נאַקעט אויפן בוידעם. עסט מכות. אָבער ער פאַרכלינעט זיך דאָרט אַזוי ווייט אין די „מיליאָנען", אַז ס'פאַרפעלט אים אָטעם אין די אייגענע פאַנטאַזיעס. האַלוצינאַציע — דאָס איז אַ גרונדאייגנשאַפט ביי אַלע שלום־עליכמישע מענטשן — מיר וועט נאָך שפּעטער אויסקומען צו רעדן וועגן דערדאָזיקער האַלוצינאַציע — זיי האַלוצינירן אַלע וועגן לעבן. זיי זענען אַלע ווי די נאַכט־וואַנדלער, וואָס קריכן־אַרום אין געשפּענסטערהאַפטיקע לבנה־נעכט אויף די גלייכע מויערן. יעדע פאַנטאַזיע, יעדער אומדערגרייכבאַרער ווונטש, פאַרוואַנדלט זיך דעריבער ביי זיי לייכט אין ממשות און אין ווירקלעכקייט. זענען זיי ליגנער און באַרימער? זיי זענען בשום־אופן נישט קיין ליגנער. ערלעכע און שטילע מענטשעלעך, נאָר נישטאָ ביי זיי די

רעאַלע גרענעץ צווישן דעם דערגרייך און דעם פאַרלאַנג. זיי לעבן, ווי אַלע האַלוצינאַטיקער, פיזיאָלאָגיש — מיט בלוט־און־פלייש — אין זייערע פאָרשטעלונגען; פאָרשטעלונגען און פ אַ ר־ל אַ נ ג ע ן, וואָס טראָגן אין זיך גופא אַלע אַטריבוטן פון אַ ווירקלעכקייט. זיי „פאַרקערפערן" זיך, די פאָרשטעלונגען. מ׳קאָן זיי אָנטאַפּן מיט די הענט, דידאָזיקע פאָרשטעלונגען. שלום־עליכמס ווערק ווימלען פון אַזעלכע „פאַרקערפערטע" ווונטש־פאָרשטעלונגען, מיט וועלכע די מענטשן נאַרן זיך אַליין. בלויז די פאַנטאַזיע פּראָדוצירט דאָ זייערע פיזיאָלאָגישע רייצן. בראָנזנטאָלער שטייט נישט אָפּ אין דערדאָזיקער הינזיכט פון די שלום־עליכמישע מענטשן. אַפילו ווען ער דערציילט, אַז איצטער האָט זיין ווייב חרטה און „זי שיקט־אונטער צו מיר אַלעמאָל אַ גוטן פריינט, און די גוטע פריינט ווערן צעפּיקט פון קנאה, וואָרים ווי קאָנען זיי דאָס גאָר איבערטראָגן, אַז זייער קרוב משה בראָנזנטאָלער, אַ ייד אַ חלפן, זאָל מיטאַמאָל אַזוי אויפגעריכט־ווערן, באַקומען דריי מיליאָן קאַרבן" — ער זאָגט דאָ נישט קיין ליגן און האַקט דאָ נישט קיין טשייניק. ער באַרימט זיך נישט. ביי שלום־עליכמס אַ מענטש באַדאַרפן זיך נאָר צו צעשפּילן די רעגונגען פון ווילן און דער כוח־הדמיון מאַכט שוין אַליין צו די גאַנצע אַטמאָספערע פון מכלומרשטער ממשותדיקייט. ער האָט אַן אויסטערלישן כוח דערצו. דער שלום־עליכמישער טיפּוס טוט זיך עס גאָר באַקוועם; נעמלעך: ער טראָגט זיך אַריבער מיט לייב־און־לעבן און מיט דער פולער אַלטעגלעכקייט זיינער אַהין אין יענער אַטמאָספער פון „פאַרקערפערטע" ווונטשן; אָרדנט זיך איין אין די ווונטש־פאָרשטעלונגען ווי אין אַ „דירת־קבע"; ווױנט און לעבט דאָרט מיט אַלע זיינע חושים. ער עסט און שלאָפט דאָרט און הייבט גאָר אָן צו קוקן אויף די אַלע „ווונטשן" — וואָס שטייען גריילעך אין פולשטענדיקן קעגנזאַץ צו זיין ווירקלעכן און רעאַלן לעבנס־מצב — ווי אויף געוויינלעכע טאָג־טעגלעכע געשעענישן; געשעענישן, וואָס געהערן צום נאָרמאַלן לעבנס־שטייגער און מען באַדאַרף זיך איבער זיי גאָרנישט חדושן. ביי דידאָזיקע יידן איז דאָס וווּנדערלעכע און „געוווּנטשענע" דאָס טאָג־טעגלעכע ברויט

פֿון זייער פּסיכיק. זיי ווונדערן זיך גאָרנישט איבערן ווונדער. איך וועל דעם לעזער אויפֿמערקזאַם־מאַכן אויף אַזאַ מין דיאַלאָג צווישן בראָנזנטאָלערן און אַרקאַדי שווייצערן, וואָס קומט באַלד נאָך דער אויבן־דערמאָנטער דערציילונג בראָנזנטאָלערס:

„— וואָס, דריי מיליאָן קאַרבן? — כאַפּט זיך אַרויס אַרקאַדי שווייצער און שפּרינגט־אַראָפּ פֿונם בעטל. — וואָס הייסט דריי מיליאָן קאַרבן?

— וואָס האָט איר זיך אַזוי דערשראָקן, — מאַכט צו אים בראָנזנטאָלער און פּאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס און קוקט־אַראָפּ צו זיך אויף די פּיס גאַנץ קאַלטבלוטיק, גלייך ווי מען רעדט דאָ פֿון אַ דרייערל. — וואָס זענט איר דאָ אַזוי נתפּעל־געוואָרן? איך האָב קאַרג האָרעוואַניע דערבײַ?"

אַזעלכע „פּאַרקערפּערטע" ווונטשן זענען גאַנץ אָנזעעוודיקע סימפּטאָמען פֿון גייסטיקע קראַנקהייטן. אויף די שלום־עליכמישע מענטשן וועט קיינער נישט וואַגן צו שטעלן דעם דיאַגנאָז: גייס־טיק־קראַנקע. אַזאַ מין דיאַגנאָז וואָלט געווען די אויבערפֿלאַכ־לעכסטע דערקלערונג פֿון זייער וועזן און פּסיכישע קאָנסטרוקציע. דאָס זענען די נאָרמאַלע פּראָדוקטן פֿון דעם באָדן, אויף וועלכן שלום־עליכם בויט־אויס זיינע כאַראַקטערן. עס איז אַן אַב־סטראַקטער „לעבנס־אידעאַליזם", וואָס נעמט נישט זיינע מאָטיוון פֿון אַ העכערער אידעאַליסטישער ספֿערע. די טאָג־טעגלעכע גרויעווירקלעכקייט וויל ער גאָר פֿאַרוואַנדלען אין „אידעאַליזם". נישט יעדער אידעאַליזם איז גראָד אַ „שבת־יום־טובדיקער". שלום־עליכם וויל אין דעמדאָזיקן אַבסטראַקטן אידעאַליזם איבערלאָזן דעם גאַנצן קאָלאָריט, די באַוועגטקייט און די אייגנשאַפֿטן פֿון דער רעאַלסטער ווירקלעכקייט. ער באַמיט זיך זאָגאַר אָט־אָ דעם לעבנס־אידעאַליזם צו מאַכן הומאָריסטיש, פֿריילעך, גראָטעסק. מיר האָבן אין דער וועלט־ליטעראַטור אַ סך אַזעלכע קינסטלער, וואָס שפּילן רעאַליזם אויפֿן פּאָן פֿון אידעאַליסטישע קוליסן. אַזאַ מין „רעאַליזם" פֿעלן אַלע רעאַל־פּסיכאָלאָגישע פֿונדאַמענטן. עס פֿעלט אים דער עיקר — דאָס רעאַליסטישע באַוווסטזיין, און דע־ריבער טאַקע קאָן ער לייכט אָנהייבן אַרויסצווייזן זיין אייגנטלעך

אידעאַליסטיש פּנים. דערדאָזיקער „רעאַליזם" האָט אויך זיין אייגענע אינערלעכע לאָגיק. אָט־אָ די לאָגיק שטייט אין ווידערשפּרוך צוםווירקלעכן רעאַליזם, נעמלעך: זי מאַכט נישט קיין גרויסן אונטערשייד צווישן דעם ווירקלעכן און דעם „געדאַכטן". טיילמאָל לעזט זי אויף דאָס ווירקלעכע אין אַן אַבסטראַקציע, טיילמאָל ווידער, טוט זי גאָר פּונקט קאַפּויער; זי פּירט־אַריין אין דעם אַבסטראַקטן אַלע רעאַליסטישע אַטריבוטן. דער רעאַליסטישער העלד, וואָס מ'האָט אים אַריינגעשטופּט אין דעם אַבסטראַקטן, הייבט דאָרט אָן צו לעבן רעאַליסטיש. ער פֿאַרטוישט די יוצרות. מכּלומרשט אַ רעאַלער מענטש — און האָט אָבער נישט קיין רעאַל־פּסיכאָלאָגישן באַזיס אין זיין לעבנס־קאָנסטרוקציע. דאָס איז די אייגנאַרטיקע „לאָגיק" פֿון דעמדאָזיקן „אידעאַליסטישן רעאַליזם". אין זיגמונד פֿרוידס טרוים־אַנאַליזן געפֿינען מיר ברייט און טיף דערקלערט דעם גאַנצן פּסיכישן מעכאַניזם פֿון די „פֿאַרקערפּערטע" ווונטשן — „ווונטש־דערפֿילונגען" — פֿאַרדרענגטע ווונטשן, וואָס קאָנען זיך נישט רעאַליזירן אין דער וואַכקייט און אַנטלויפֿן צום שלאָף־צושטאַנד, כּדי זיך דאָרט צו רעאַליזירן אינם געטרוימטן. דערדאָזיקער פּסיכישער מעכאַניזם — עפּענען אַ ווענטילאַטאָר פֿאַרן נישט־דערפֿילטן ווונטש — ווירקט ביי די שלוםעליכמישע מענטשן נישט דווקא אין שלאָף־צושטאַנד. וואַכעדיקע גייען זיי אַלע אַרום מיט אַזעלכע ווענטילאַטאָרן, ווו יעדער פֿאַרדרענגטער ווונטש קאָן זיך גלייך רעאַליזירן. זיי מאַכן דערפֿאַר דעם איינדרוק ווי נישט קיין אמת וו אַ כ ע מענטשן. וואַכעדיקערהייט פֿונקציאָנירט ביי זיי דער גאַנצער אַפּאַראַט פֿון חלומות:

„איר זענט אַ מעקלער פֿון די מעקלערס, וואָס פֿאַרקויפֿן דעם שפּיץ פֿון די יעהופּעצער בערג, דעם שאָטן פֿון דיביימער פֿונם בויבעריקער וואַלד, און בייטן דעם נעכטיקן טאָג אויפֿן אָדעסער לימאַן, און פֿירן דורך אַ באַן גלייך פֿון מאַזעפּעווקע צו דער לבנה? אָט אַזוי־זשע רעדט! וואָס־זשע מאַכט איר אָנשטעלן? אָחינו אַתּה, נאַט אייך אָפּ שלום, דען אַז איך וויל, זאָג איך, אַז איך בין אויך אַ מעקלער, איך האָב אויך אַ צוויי־דריי אָפּיסן ביי זיך אין קעסטל פֿון די רייכע אימיעניעס, מיט די שיינע וועלדער,

מיט די גרויסע פּאַלאַצן, מיט די קלוגע פערד, מיט די ריינע סאַ-ושעלקעס, מיט די אמתדיקע דגים, און מיט די ווילדע קאַטשקעס, וואָס שווימען-אַרום פון אויבן אויפן וואַסער..."

דאָס זאָגט נישט גראָד מנחם-מענדל. עס זאָגט דאָס אַרקאַדי שווייצער. מאַכט נישט אויס. מנחם-מענדלס כאַראַקטער איז דער הויפּט-כאַראַקטער פון אַלע שלום-עליכמישע מענטשן. זיי לעבן אַלע אין הינער-פּלעט. זיי חלומען. זיי טראָגן די נאַכט און דעם שאָטן תּמיד ביי זיך אַרום אין קעשענע. יאָ, ווילן — ווילן זיי אַ סך. נאָר קאָנען — קאָנען זיי, נעבעך, גאָרנישט. זיי האָבן אַ פעיִקייט צו גלויבן אין שאָטענעס ווי אין רעאַליטעטן — און דאָס איז דער איינציקער קוואַל, פון וואַנען זיי שעפּן פאַר זיך לעבנס-ווערט. דאָס איינציקע רעאַלע איז ביי זיי דאָס רעלאַטיווע. רעאַליטעט האָט ווידערשטאַנד. בייקומען ווידערשטאַנד — ניין, דאָס איז נישט קיין טבע ביי דעם שלום-עליכמישן מענטש.

דער אַבסטראַקטער כאַראַקטער פונם שלום-עליכמישן מענטש ווייזט זיך אַרויס באַזונדער בולט, ווען ער ווערט צונויפגעשטעלט פּנים-אל-פּנים מיטן נישט-יידישן מענטש. דער יידישער און דער נישט-יידישער מענטש ביי שלום-עליכמען — דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך. יידן און גויים (ביי שלום-עליכמען) זענען נישט בלויז צוויי פרעמדע פעלקער און ראַסן. אויב מ'קאָן זיך אַזוי אויס-דריקן, - קומען זיי פון צוויי קאָסמישע אַטמאָספערעס. זיי האָבן נישט קיין שום ג ע מ יי נ ז אַ ם - מ ע נ ט ש ל ע כ ן באַרירונגס-פּונקט אין זייער וועלט-געפיל. זיי רעאַגירן נישט מיט דיזעלביקע פיזיאָ-לאָגישע חושים אויפן לעבן, האָבן נישט פאַר זיך דאָס מינדסטע קעגנזייטיקע פאַרשטענדעניש און גייען איינער נעבן צ ד ָ ן פאַרביי ווי פרעמדאַרטיקע אַסטראַלע פיגורן. אין צוזאַמענהאַנג מיט שלום אַשס „כישוף-מאַכערין פון קאַסטיליע" האָב איך שוין אויף אַן אַנדער אָרט *) געפּרוווט צו באַרירן דעמדאָזיקן אַ ס ט ר אַ ל ן נעבנאַנאַנ-דער צווישן דעם גויִשן און דעם יידישן מענטש. דאָסדאָזיקע

---

*) זע י. י. טרונק: „אידעאַליזם און נאַטוראַליזם אין דער יידישער ליטע-ראַטור", פאַרלאַג „קולטור-ליגע", וואַרשע, 1927.

היסטאָרישע און טראַגישע מיסטעריום צווישן יידן און נישט־יידן שפּילט זיך ביי אַשן אָפּ — אין איינשטימיקייט מיט זיין קינסטלערישער טבע — אין אויסגעקליבענע פיגורן, אין סעלעקציע. איך וויל מיך דאָ נישט איבערחזרן. ביי שלום־עליכמען טוען דאָסזעלביקע די קליינע מענטשעלעך מיט די קליינע השגות. די יידישע קליינע מענטשעלעך און די גוייִשע קליינע מענטשע־לעך. נאָר זיי קעמפן נישט צווישן זיך באַוווּסטזיניק דעם גרויסן קאַמף פון די ראַסן־געטער. דעם „אַסטראַלן" נאַציאָנאַלן מהות טראָגן זיי מיט זיך, ווי בינען דעם האָניק. אינסטינקטמע־סיק. פּסיכאָ־פיזיאָלאָגיש, אַזוי־צו־זאָגן. גראָד אין די גרויע אַלטעג־לעכע מעשים זייערע שפּיגלט זיך אָפּ דאָס פּנים און דער כאַ־ראַקטער פונם נאַציאָנאַלן וועזן. אין זייער נאַטירלעכן רע־אַגירן אויפן לעבן זעען מיר דעם קאָלאָריט און די פאַרב פון דעם מין; זעען מיר דאָס נאַציאָנאַלע מיסטעריום אין זיין מאַ־טעריעלן עלעמענט. שלום־עליכם באַדאַרף נאָר אַוועקצושטעלן אַ גוי צווישן יידן אָדער אַ ייד צווישן גויִים — און עס קומען באַלד צום בולטסטן אויסדרוק די צוויי היסטאָרישע אַטמאָספע־רעס, וואָס הויזן מיטאַנאַנדער און באַרירן זיך נישט. מיר טרעפן פאַרשידענע גויִים אין קאַסרילעווקע. טביה דער מילכיקער איז אַ ייד אין מיטן אין אַ דאָרף פון גויִים. אין דער „כישוף־מאַכערין פון קאַסטיליע" פּרוווט שלום אַש דידאָזיקע צוויי היסטאָרישע מינים צוצופירן צום טראַגישן קאַמף. אינם טראַגישן קאַמף צווישן אַנאַנדער וויל ער געפינען דעם באַרירונגס־פּונקט זייערן. דעם מיטישן ווי פון זייער אַנטוויקלונג. אַזוי־אַרום וויל ער אויך דער־גרייכן די אויפלעזונג פון אָט־אָ דער היסטאָרישער טראַגעדיע. שלום־עליכם שטעלט נישט אויף דאָס הוילע פּראָבלעם אַלס אַזעל־כעס. ער קען נישט קינסטלעריש אויפבויען די אידעע אַלס עלע־מענט. ער פירט נאָר צונויף אויף אַ זע־פעלד די סטיכישע עלע־מענטן פון דער היסטאָרישער מאַטעריע פאַר דער היסטאָרישער אידעע. ער ווייזט אונז די אידעע פון דער געשיכטע אַלס סטיכיע. שלום־עליכם האָט אויך פאַר דערדאָזיקער היסטאָרי־שער פּרעמדאַרטיקייט פון די צוויי מינים נישט קיין אינטעלעק־

טועל באַנעמען, און ער פירט זיי דעריבער קיינמאָל נישט צו צום טראַגישן קאַמף. פאַרן טראַגישן מאָטיוו זוכט ער נישט די לעזונג אין דער פראָבלעמאַטישער אַקצענטירונג. דאָס מיסטעריעזע אין דעם פרעמדאַרטיקן פאַרוואַנדלט זיך ביי אים צום נאַיִוו־קאָמישן, צום גראָטעסקן. דערמיט ווערט ביי אים דאָס טראַגישע גאָר מערכנ־האַפטיק. נאָר אין „טביה דעם מילכיקן” — ווו דער גאַנצער הו־מאָר שלום־עליכמס הייבט דאָרט אָן צו ווערן טראַגיש, באַקומט אויך דער ראַסן־מאָטיוו אַ טראַגישן אַקצענט. אין זיינע אַנדערע ווערק גייט שלום־עליכם צו צו די קאָמפּליצירטסטע לעבנס־קאָנ־פליקטן מיט אַ גרויסער קינסטלערישער נאַיִוויטעט. ער טרעט־צו צום ספינקס פון לעבן מיט דער אומשולדיקייט פון אַ קינד — מיט נייגיריקייט און באַוווּנדערונג. צו די גרויסאַמסטע דערשיי־נונגען שטרעקט ער אויס זיין האַנט ווי נאָך אַ שפּיל־געצייג. אויפדעקן דאָס טראַגישע פנים פון לעבן אין נאַיִוון שפּיל — דאָס איז זיין קינסטלערישער כּוח.

אויף אַ ווונדערלעך געראָטענעם אופן באַנוצט זיך שלום־עליכם מיט דער דיאַלאָגישער פאָרם, כּדי אַרויסצובאַקומען די פסיכישע עלעמענטן פון די צוויי ראַסן. אינם דיאַלאָג צווישן אַ ייד מיט אַ גוי פירט ער צונויף די צוויי מינים אין זייער גאַנצן טעמפּעראַמענט, אין זייער נאַטירלעכן רעאַגירן אויף אַלע דערשיינונגען; אין זייער וועלט־געפיל. ער ברענגט זיי צוזאַמען אין איין־און־דערזעלביקער סיטואַציע. ער פּראָוואָצירט זיי צו רעאַגירן אויף דערדאָזיקער סיטואַציע. אין מיטן דער פולער באַוועגטקייט פון דער סיטואַציע פירן זיי צווישן זיך דאָס געשפּרעך. אַזוי דעקט שלום־עליכם אויף נישט בלויז די גאַנצע קאָנסטרוקציע פון זייער פילן און דענקען — גראָד אין צוזאַמענברענגען זיי אין איין אויסטויש פון געדאַנקען און ווערטער אַנטפּלעקט זיך דער מערקווירדיקער פסיכישער תּהום, וואָס טיילט־פונאַנדער די צוויי מענטשן; צוויי מענטשן וווינען אונטער איין הימל, צוויי מענטשן זענען פון דעמזעלבן בלוט־און־פלייש, צוויי מענטשן זענען אונ־טערגעוואָרפן די אייגענע פיזיאָלאָגישע געזעצן — דאָך ביי שלום־עליכמען רעאַגירן זיי סיי אויפן לעבן, סיי אויפן טויט ווי באַשע־

פעגישן, וואָס זענען אַפילו ביאָלאָגיש אויפגעבויט פון צוויי פּאַר־
שידנאַרטיקע מאַטעריעס. איך בין מודה: דאָס וועט קלינגען צו
מעטאַפיזיש אין די אויערן פון דעם אָרטאָדאָקסן היסטאָרישן
מאַטעריאַליסט. טאַקע גריילעך; דער פסיכישער תהום צווישן די
צוויי קליינע מענטשעלעך, וואָס פאַרטרעטן (אין שלום־עליכמס
פערסאָנאַזשן) דאָס פּראָבלעם פון דעם היסטאָרישן ראַסן־עלע־
מענט — ס'איז לייכט נאָכצווייזן, אַז דערדאָזיקער תהום איז אַ
פּראָדוקט פון היסטאָרישע סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען. ריכ־
טיק. לאָמיר אָבער געדענקען: אין דער אָפּשאַצונג און אין דער
באַווערטונג פון דעמדאָזיקן פּראָבלעם — אַלס אַזעלכן — גייט
עס שוין נישט בלויז אין די מעכאַנישע סיבות, וואָס האָבן דעם
פאַקט פּראָוואָצירט; עס גייט אין עצם פונם לעבנס־פאַקט, — אינם
ע נ ד ג י ל ט י ק ן פּראָדוקט פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג;
אין דעם קאָמפּליצירטן קאָמפּלעקס פון לעבנס־דערשיינונגען און
וועלט־באַנעמונגען, וואָס זענען אין דעמדאָזיקן געשיכטלעכן פּראָ־
דוקט אַנטשטאַנען. Omne vivum ex auvo — אַלצדינג, וואָס
לעבט, איז אַנטשטאַנען פון אַן איי, — דער באַוווסטער דעוויז
פון די ביאָלאָגן. דער מהות אָבער און אַלע באַוועגונגען פון לעבן
שעפּן זיך נאָך נישט אויס מיטן עמבריאָלאָגישן איי! איך וועל
נאָך שפּעטער אויספירלעכער רעדן וועגן דידאָזיקע ענינים. יעדנ־
פאַלס, ביי שלום־עליכמען האָבן מיר צו טון מיט מענטשן, וואָס
זענען רעזולטאַטן פון גרויסע און גראָד זייער קאָמפּליצירטע היס־
טאָרישע אַנטוויקלונגען. (וואָס איז דען איבערהויפּט דער מענטש,
אויב נישט דער זייער קאָמפּליצירטער רעזולטאַט פון דער געשיכ־
טע?). דידאָזיקע היסטאָרישע רעזולטאַטן — ביי שלום־עליכמען
מאַניפעסטירן זיי זיך נישט אין זייערע אינטעלעקטועלע, נאָר טאַ־
קע אין זייערע פּרימיטיוווסטע אינסטינקטן. גראָד אינם דיאַלאָג
הערן מיר אויף אַ נאַטירלעכן און אוממיטלבאַרן אופן, ווי אין
דער פּרימיטיוווסטער און פּשוטסטער מענטשלעכער האַנדלונג —
אין צוויי־געשפּרעך — אַנטפּלעקט זיך די אינערלעכסטע שטים פון
די דורות; קומט צום אויסדרוק די היסטאָרישע אַנטוויקלונג. אַלס
אילוסטראַציע וועל איך ברענגען איינע פון די כאַראַקטעריסטישע

מעשיות שלום־עליכמס פון אָט־אָ דעם זשאַנער — „אויף פּסח אַהיים". זי געהער צו זיינע יום־טוב־מעשיות. אַן אָרימער ייד, פישל דער מלמד פון כאַשטשעוואַטע, קנעלט אַ גאַנץ יאָר מיט תּלמידים אין באַלטע. דאָס איז זיין חיונה. אין דער היים אין כאַשטשעוואַטע האָט ער זיין ווייב בת־שבע, זיין זון פרויקע און די טאָכטער רייזל, וועלכע ער זעט נאָר צוויי מאָל אין יאָר, פּסח און סוכּות; „כּמעט דאָס גאַנצע לעבן זיינס איז אים באַשערט צו זיין אַ גאַסט ביי זיין ווייב און קינדער". ס'איז שוין גאָר נאָענט צו פּסח און פישל פאָרט אַהיים. דורך פאַרשידענע שטערונגען פאַרשפּעטיקט פישל זיין אָנקומען צום טייך בוג. ער מוז אַריבער־פאָרן איבערן פאַרפרוירענעם בוג, כּדי צו קומען קיין כאַשטשע־וואַטע. כאַשטשעוואַטע ליגט אויפן צווייטן ברעג בוג. די ווינטערדי־קע אייז־דעק איבערן בוג פלאַצט, איידער פישל באַוויזט נאָך אַריבערצוקומען, דער בוג „רייסט זיך אָפּ", אייז־קריעס גייען אי־בערן בוג, „יענע גרויסע שטיקער אייז, וואָס זעען־אויס ווי לעבע־דיקע מוראדיקע חיות, ווייסע עלעפאַנטן, וואָס יאָגן, לויפן, איילן זיך".

איבערגענעכטיקט ביים בוג־ברעג אין הייזל ביי פראָקאָפּ באַראַניוק דעם פאַראָמשטשיק האָט פישל נעבעך געהאַט אַ שווערע נאַכט. ער זאָל נאָר קאָנען אַהיימקומען אויף פּסח קיין כאַשטשע־וואַטע! אויפגעשטאַנען אין דער פרי, הערט ער פון פראָקאָפּן, אַז דער פאַראָם וועט נישט גיין אויפן בוג. עס שווימען קריִעס! פישל כאַפּט זיך אָן מיט די הענט ביים קאָפּ, ער טענהט מיט פראָקאָפּן האַלב אויף גוייִש, האַלב אויף לשון־קודש; ענדלעך זאָגט פראָקאָפּ, אַז אויב ער, פישל, וויל, קאָן ער אים אַריבערפירן איבערן בוג מיט אַ שיפל, אויף אַ לאָדקע, אויף אַ מולטער...

— „לאָז זיין אַ לאָדקע, לאָז זיין אַ מולטער, אַבי נישט יום־טוב האַלטן, חלילה, אין דרויסן", — זאָגט פישל אין דער נויט.

— „שפּרינג אין מולטער אַריין, וועלן מיר שווימען! — האָט אים פראָקאָפּ נאָך אַ מאָל געזאָגט און מיט איין מאַך מיט דער האַנט איז ער צוגעשווומען צום ברעג נאָך נענטער און צוגענומען ביי פישלען דאָס פּעקל פון די הענט.

פישל דער מלמד האָט גאַנץ פיין פאַרקאַטשעט די פּאָלעס, אַנגעהויבן דרייען זיך אויף איין אָרט, זיך געישובט, צי זאָל ער שפּרינגען, צי זאָל ער נישט שפּרינגען? פון איין זייט שבת־ערב־פּסח, בת־שבע, פּרויקע, רייזל, מרחץ, סדר, מלך... פון דער אַנדע־רער זייט — סכנת־נפשות, מלאך־המות, „המאבד עצמו לדעת — זיך אַליין גענומען דאָס לעבן: וואָרים, טאָמער, חלילה, איין בויג — איז דאָך עליו־השלום, אויס פישל!

פישל האָט זיך מיט די פאַרקאַטשעטע פּאָלעס אַזוי לאַנג אַרומגעדרייט אויף איין אָרט, ביז פּראָקאָפּ האָט זיך צעשריגן אויף אים, געזאָגט, אַז אָט טוט ער אַ שפּיי און פּאָרט אַליין אַריבער אויף יענער זייט קיין כאַשטשעוואַטע. דערהערט דאָס ליבע וואָרט כאַש—טשע—וואַ—טע, דערמאָנט זיך פישל אָן זיינע איי־גענע און געטרייע, נעמט זיך אָן מיט אַלע כוחות און פאַלט־אַריין אין מולטער אַריין, ציט זיך אויס אויפן דנאָ, און סע גערדויערט עטלעכע מינוט ביז ער קומט צו זיך, און דאָס פּנים איז אים טויט, הענט און פיס ציטערן.

ווי ביי זיך אין דער היים אויפן בענקל, זיצט פּראָקאָפּ אויפן שפּיץ מולטער, אַ מאַך מיט דער וועסלע פון איין זייט, אַ מאַך מיט דער וועסלע פון דער אַנדערער זייט — דאָס שיפל גליטשט זיך איבערן שפּיגלדיקן וואַסער. און ביי פישלען דרייט זיך דער קאָפּ, קוים וואָס ער זיצט. ער זיצט? ניין, ער הענגט, ער הענגט אין דער לופטן. אָט־אָט טוט ער זיך אַ שלעכטן ריר, אָט־אָט רייסט ער זיך אָפּ, איין בויג אויף אַ זייט — און פליוך אין וואַסער אַריין, אויס פישל!... און ביי דעם געדאַנק קומט אים אויפן זינען דער פסוק פון דער שירה: „צללו כעופרת במים אדירים" — פאַרזונקען ווי בליי אין די שטאַרקסטע וואַסערן. און עס שטעלן זיך אים די האָר קאַפּויר פון אַזאַ מין טויט: סטייטש, נישט קומען אַפילו צו קבר־ישראל! און ער איז מנדר... וואָס זאָל ער מנדר־זיין? צדקה? האָט ער נישט וואָס: ער איז, נעבעך, אַ גרויסער, גרויסער אָרימאַן! איז ער מנדר, אַז באם גאָט וועט אים ברענגען בשלום אַהיים, וועט ער זיצן גאַנצע נעכט און לער־

נען און וועט דורכגיין דורכן יאָר גאַנץ ש״ס, אם ירצה השם, מיט גאָטס הילף...

פישל וואָלט אַ בעלן זיין צו וויסן, צי ס'איז נאָך ווייט צו יענעם ברעג, און ווי אויף צו להכעיס, האָט ער זיך געזעצט מיטן פנים צו פראָקאָפן און מיטן הינטן צו כאַשטשעוואַטע. פרעגן פראָקאָפן — האָט ער מורא אַרויסלאָזן אַ וואָרט פונם מויל: עס ווייזט זיך אים אויס, אַז פונם קול אַליין וועט זיך דאָס שיפל געבן אַ הוידע, און לאָז זיך דאָס שיפל געבן אַ הוידע — איז אויס פישל! נאָר פראָקאָפ אַליין עפנט דאָס מויל און הייבט־אָן רעדן. ער זאָגט, אַז ס'איז נישטאָ קיין ערגערע נסיעה אויפן וואַ־סער, ווי בשעת די קריִעס גייען נאָך, מע מוז זיך קליגן, דרייען זיך אַרום־און־אַרום, אומקערן זיך אַלע מאָל צוריק —

— אָט גייט אַ שטיק אייז גלייך אויף אונז.

אַזוי זאָגט פראָקאָפ און טוט זיך אַ נעם צוריק און לאָזט־דורך פאַרביי אַ גאַנצע מאַכינע, וואָס שווימט־דורך פאַרביי מיט אַ משונה־מאָדנע הילך, וואָס פישל האָט נאָך אַזעלכעס קיינמאָל נישט געזען און נישט געהערט, און ער הייבט ערשט אָן פאַר־שטיין, ווי־ווייט דידאָזיקע נסיעה איז אַ משונהדיקע זאַך! ער וואָלט אַוועקגעגעבן מי־יודע־וואָס, אַבי ער זאָל שוין גיכער קומען צום ברעג, אָדער אומקערן זיך צוריק —

— אָ! דו זעסט? — מאַכט צו אים פראָקאָפ און ווייזט אים אָן אַהין, אַרויף.

פישל הויבט־אויף די אויגן פאַוואָלינקע, האָט מורא זיך אַ שטאַרקן ריר צו טון, קוקט, קוקט — און זעט גאָרנישט: ער זעט נאָר וואַסער, וואַסער, און וואַסער.

— דאָס גייט אויף אונז אַ גרויסע קריִע. מען דאַרף איבער־לויפן גיך, ווארים צוריקנעמען זיך איז שוין שפעט.

אַזוי זאָגט פראָקאָפ און אַרבעט מיט ביידע הענט גאַנץ געשמאַק, און דאָס שיפל גליטשט זיך, שוועבט ווי אַ פיש אין וואַסער, און פישל פילט, אַז עס ווערט אים קאַלט אין אַלע איברים. ער וויל עפעס אַ פרעג־טון, נאָר ער האָט מורא איינשטעלן זיך. פראָקאָפ רעדט אָבער אַליין:

— אויב מיר וועלן נישט פאַרכאַפּן פריער מיט אַ מינוט־קעלע, איז שלעכט.

דאָ קאָן זיך פישל נישט איינהאַלטן און פרעגט אים אי־בער:

— דהיינו, וואָס הייסט שלעכט?

— שלעכט הייסט, אַז מיר זענען פאַרפאַלן, — זאָגט פראָקאָפּ.

— פאַרפאַלן?

— פאַרפאַלן!

— דהיינו, וואָס הייסט פאַרפאַלן? פרעגט אים איבער נאָך אַ מאָל פישל.

— פאַרפאַלן הייסט — עס וועט אונז פאַרטרייבן.

— פאַרטרייבן?

— פאַרטרייבן!

פישל פאַרשטייט נישט רעכט, וואָס באַדייטן די ווערטער „פאַרפאַלן", „פאַרטרייבן"; נאָר פילן פילט ער, אַז עס שמעקט מיט „מעבר־יבוק", מיט „יענער וועלט" — און אַ קאַלטער שווייס טרעט אים אַרויס אויפן לייב, און דער פסוק פון דער שירה קומט אים נאָכאַמאָל אַרויף אויפן זכרון: „צללו כעופרת במים אדירים" — פאַרזונקען ווי בליי אין די שטאַרקסטע וואַסערן.

סאַמע אין מיטן טייך, סאַמע אין רעכטן שווימען, האָט זיך פראָקאָפּ אָפּגעשטעלט, געקוקט — געקוקט אַרויף וואַסער; נאָכדעם האָט ער אַוועקגעלייגט די וועסלע, אַרויסגענומען פון דער טיפער קעשענע אַ פלעשל, איבערגעקערט דאָס פלעשל און געגעבן אַ צוויי־דריי זיפּן, און צוריק פאַרשטעקט דאָס, און אַריין אין קע־שענע, און פאַרביסן מיט עטלעכע גאַנצע פעפערלעך, און ער האָט זיך אויסגעווישט דאָס מויל און גענומען די וועסלע אין האַנט, נאָכאַמאָל אַ קוק־געטון אויפן וואַסער און אַ זאָג־געטון:

— אַ טעפער טרעבאַ טיקאַטי (אַצינד באַדאַרף מען אַנטלויפן).

וואָהין אַנטלויפן? פאַר וועמען אַנטלויפן? דאָס האָט פישל נישט פאַרשטאַנען און מורא־געהאַט פרעגן: נאָר געפילט האָט ער, אַז דאָס שמעקט מיט מלאך־המות, וואָרים פראָקאָפּ האָט זיך גע־שטעלט אויף די קניעס, גענומען אַרבעטן מיט דער וועסלע אויף

אַלע כּלים און אַ זאָג־געטון צו פישלען און באַוויזן מיט דער האַנט אויפן דנאָ:

– ראַבין, ליאַהאַי נאַ ספּיד (רבי, ליגט זיך אַראָפּ).

און פישל האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז מע הייסט אים זיך לייגן, האָט ער זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן, ער האָט דערזען פון דער ווייטן, ווי אַ גאַנצע כמאַרע רוקט זיך אָן אויף זיי, סע גייט אַ וועלט מיט אייז, האָט ער צוגעמאַכט די אויגן און צוגע־פאַלן מיטן פּנים צום דנאָ פון דעם שיף (!) און געציטערט ווי אַ לעמעלע און אויסגעשריגן שטילערהייט: „שמע ישראל”, אָפּגעזאָגט דעם קורצן ווידוי, געטראַכט פון „קבר־ישראל” און פאָרגעשטעלט זיך, אַז אָט־אָט ליגט ער אויפן אָפּגרונט פון די וואַסערן, אָט־אָט לויפט־צו אַ פיש און שלינגט אים איין, ווי דעם נביא יונה, בשעת ער איז אַנטלאָפן קיין תרשיש. און ער זינגט שטילערהייט און וויינט, וויינט מיט טרערן: „אפפוני מים עד נפש – מיך האָבן אַרומגערינגלט די וואַסערן ביז דער נשמה. תהום יסובבוני – דער אָפּגרונט טוט מיך אַרומרינגלען.

אַזוי זינגט פישל דער מלמד שטילערהייט און וויינט. פראָ־קאָפּ אַרבעט אויף אַלע כּלים און זינגט בשעת־מעשה זיינס אַ לידל:

אַי, ווי האַלקי,
אָי, ווי טשאָרנאָקרילע!
טשאָרנאָ קרי–אי–אי–אי–לע!

און פּראָקאָפּ פילט זיך דאָ אויפן וואַסער, ווי אויף דער יבשה, ווי ביי זיך אין דער היים. און פישלס „אַפפוני” מיט פּראָ־קאָפּס „האַלקעס” גיסן זיך צונויף אינאיינעם, און עס לאָזט זיך הערן אויפן בּוג אַ מאָדנע געזאַנג, אַ מין דועט, וואָס איז נאָך דאָרט קיינמאָל אַזעלכעס נישט געהערט־געוואָרן. עס קאָן זיין, זינט דער טייך הייסט „בּוג”, האָט ער נאָך אַזאַ מין דועט נישט געהערט...

„וואָס האָט ער אַזוי מורא פאַרן טויט, דערדאָזיקער ייד?”–

אַזוי טראַכט זיך פּראָקאָפּ באַראַניוק. נאָכדעם אַז ער האָט אויס־געפּעלט די גרויסע שטיק קריַע, אַרויסגעצויגן נאָך אַמאָל דאָס

י׳ י. טרונק, שלום־עליכם, 5.

פלעשל פונם אָפּגרונט פון זיין טיפער קעשענע, געטון אַ צוויי־דריי זופּ און פאַרביסן מיט עטלעכע שוואַרצע פעפערלעך, — „דוכט זיך, אַזאַ קליין יידל, אַן אָרימס, אַן אָפּגעריסנס, וואָס איך וואָלט פאַר אים נישט אַוועקגעגעבן אָט דאָס שטיקל מולטער — און ציטערט אַזוי פאַרן טויט".

די נאָוועלע „אויף פּסח אַהיים" אַנטוויקלט און ענדיקט זיך אויף דעמדאָזיקן מאָטיוו: אַוועקצושטעלן די צוויי „ראַסן" אין איין־און־דערזעלביקער סיטואַציע און לאָזן זיי אויף אַן אוממיטל־באַרן אויפן רעאַגירן אויף דערדאָזיקער סיטואַציע. דורכדעם וואָס די שפּראַך איז שלום־עליכמס שטאַרקסטע מיטל, מיט וועלכן ער אַנטפּלעקט די פּסיכישע קאָנסטרוקציע פון זיינע מענטשן — דעריבער גיט ער זאָגאַר דעם דיאַלאָג אויף גויִיש (דער גוי) און שלעכט גויִיש (דער ייד); ער טוט עס כּדי מיטן אוממיטלבאַרסטן שפּראַך־מאַטעריאַל בולטער אַרויסצוברענגען די קאָמפּלעקסן, ניו־אַנסן און שאַטירונגען פון דער נאַציאָנאַלער פּסיכיק. יעדנפאַלס, שלום־עליכם באַנוצט זיך זייער אָפט מיטן ראַסן־מאָטיוו אַלס אַ מיטל שאַרף און ענדגילטיק אַרויסצוצייכענען דעם מהות און די וועזנטלעכקייטן פון אַ כאַראַקטער. מיטן ראַסן־מאָטיוו וואַרפט שלום־עליכם אויפן איינצעלנעם כאַראַקטער דעם גאַנצן שאָטן און דאָס גאַנצע ליכט פון אַ היסטאָרישער אַנטוויקלונג; אין דעם טעמפּעראַמענט און אין דער ווילנס־ליניע פון שלום־עליכמס יחידים זעען מיר אַלע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן פון אַ היסטאָרישן קאָלעקטיוו. אויך אין דער נאָוועלע „אַ פריילעכע קאָמפּאַניע" אַר־בעט שלום־עליכם מיט דיזעלביקע מעטאָדן. אין די קליינע סצע־נעס, ווו עס דערציילט זיך פון בראָנזנטאָלערס פריץ, ווערט אין די מאָטיוון פונם ראַסן־טעמפּעראַמענט באַזונדערס געלונגען אָפּער־געהויבן די גייסטיקע קאָנטורן פון דעם שלום־עליכמישן יידישן מענטש; די סובטעליטעטן פון זיין פּסיכישן עלעמענט; דעם אופן ווי ער ווערט פּראָוואָצירט צו רעאַגירן אויף די אַפעקטן פון לעבן. אויפן אורשפּרינגלעכסטן באָדן, אין דער פּסיכישער קאָנס־טרוקציע פון פּראָסטן יידישן מענטש — דאָס קליינע מענטשעלע — דערקענען מיר אַזוי־אַרום די פּסיכישע קאָנסטרוקציע פון דער

גאַנצער יידישער מאַסע. אינם בילד פונם קליינעם יידישן מענטשעלע צו זען דאָס פסיכישע פנים פון דער געשיכטלעכער יידישער נאַציע — דאָס אונז צו געבן איז שלום-עליכמס גרעסטע באַדייטונג. ביישפּיל: בראָנזנטאָלער: „שאַ, ווי-זשע האַלטן מיר, יאָ — ביי די ניין-און-ניינציק מיליאָן. דערהערט פון אים (פון פריץ) אַזאַ מעשה, פאַרשטייט איר דאָך, ווי אַזוי איך בין אונטער-געשפּרונגען און זאָג צו אים, צו מיין פריץ, הייסט דאָס: „סטייטש, אדוני פריץ, ניין-און-ניינציק מיליאָן, וואָס שווייגסט דו?" מאַכט ער צו מיר: „ביזט אַ נאַר, דאָ העלפט נישט קיין שרייען!... מען דאַרף, זאָגט ער, פאָרן און נעמען געלט". „נו, זאָג איך, פאָרט מען און מען נעמט געלט". „אָט אַזוי גיך — זאָגט ער — פאָרט מען און מען נעמט געלט? מען דאַרף, זאָגט ער, נעמען מיט זיך אַן אַדוואָקאַט, און פאַפּירן אַ סך דאַרף מען אַרויסנעמען, דאָס קאָן מען נישט מאַכן כאַפּנדיק; מען דאַרף דערצו האָבן, זאָגט ער, געדולד און געלט, זאָגט ער, געלט, פּיעניאָנדזע!...". אַזוי זאָגט ער צו מיר און פּיפּקעט דעם לולקע-ציבעק גאַנץ רויִק. און איך? איך ברען, איך גלי, איך עק מיך! „וואָס איז מיט דיר, פּאַניע מאָשקע, זאָגט ער, וואָס ביזט דו אַזוי צעקאָכט?". „סטייטש, זאָג איך, אַזאַ מטמון מיט געלט! אַזאַ אוצר! אַ קליי-ניקייט — ניין-און-ניינציק-מיליאָן!" אַזוי זאָג איך צו אים, און ער זיצט זיך גאַנץ קאַלטבלוטיק, פּיפּקעט דעם ליולקע-ציבעק, טוט זיך אַפילו נישט אַ קנייטש, ווי איינער רעדט: „וואָס זאָל איך טון? זאָל איך מיך מפקיר-זיין צוליב די מיליאָנען? דאָס לעבן איז טייערער!"

מיט דידאַקטיקע קאָנטראַסטן פון טעמפּעראַמענט מאַכט שלום-עליכם שאַרפער די כאַראַקטער-קאָנטורן פון זיינע העלדן און דעקט-אויף דאָס „ראַסנהאַפטיקע" אין זיי. עס געהער צו די טיפסטע און אייגנטימלעכסטע פּראָבלעמען פון היסטאָרישער נאַציאָנאַלער פסיכיק. שלום-עליכם שטעלט דאָ ברייט קעגנאַנאַנדער אַוועק אין איין צוזאַמענשפּיל פאַרשידענע פאַלן פון היסטאָרישער מענטש-לעכער פסיכיק. אין דעם אַליין שוין אַנטוויקלט שלום-עליכם אַלע עלעמענטן פון אַ טיפער ברייט-באַנומענער היסטאָרישער דראַמאַ-

טיק: אַנטשטייונג און צוזאַמענשטויס פון פאַרשידענע היסטאָרישע כוחות. היסטאָרישע שיקזאַלן, וואָס געשטאַלטיקן די היסטאָרישע כאַראַקטערן. זייער וועג. זייער אינערלעכע באַוועגטקייט. ענדלעך אין „טביה דעם מילכיקן” ווערט אונז געוויזן דאָס היסטאָריש־טראַגישע אין דעם היסטאָריש־ראַסנהאַפטיקן.

## V

עס לוינט זיך גאָר באַזונדער אָפּצושטעלן אויף דעם דריטן פּאַרשוין פון דער „פריילעכער קאָמפּאַניע”, אויף טשיידעלען דעם מחבר. לויט מיין מיינונג האָבן מיר דאָ צו טון מיט שלום־עליכמס אַן אויטאָ־קאַריקאַטור.

לאָמיר זי באַטראַכטן אויפמערקזאַמער; שוין ריין פיזיאָנאָמיש דערמאָנט טשיידעלעס פּאָרטרעט — די „אונטערגעבויגענע, שיטערע, שטאַרק אָנגעשמירטע האָר” און אַנדערע דעטיילן פון טשיידעלעס פיגור — אָן אַ סך שטריכן פון לייבהאַפטיקן שלום־עליכם, אָן די מענגע פאָטאָגראַפיעס, וואָס מיר האָבן פון אים. די קאַריקאַטור — טשיידעלע — איז זייער דיסקרעט געצייכנט. זי איז איינגעהאַלטן. זי וויל נישט אַרויספאָדערן די ענלעכקייט. מ׳זעט ווי שלום־עליכם וויל בשום־אופן נישט פאַראַטן, ווען ער מיינט. שלום־עליכם שפּילט דעם אַנאָנים, און די אויטאָ־קאַריקאַטור האַלט ער כסדר ווי אַ מאַסקע איבערן פּנים. מיר דערקענען אויך דאָס אויטאָביאָגראַפישע אין דער סובטעלער ביטערקייט פון טאָן, אין דער ציטערדיקער וואַרימקייט פון דער צייכנונג, אין דער אינטימער אָנמעכטיקייט פון טשיידעלעס פיגור לגבי זיינע מיט־שפּילער. אינם פאַרלויף פון דער אַקציע האַלט שלום־עליכם טשיידעלען אין הינטערגרונט און וויל זיך מיט אים נישט צופיל וואַרפן אין די אויגן; אַז דאָס בין איך, שלום ראַבינאָוויטש פון וואָראָנקע און דאָס איז די קאַריקאַטור פון מיין גייסטיק פּנים — צו וואָס זאָל עס עמיצער וויסן? אויך אין די איבעריקע אייגנשאַפטן טשיידעלעס איז אויף אַ גראָטעסקן אופן איבערגעגעבן שלום־עליכמס שרייבערישע טבע. קודם־כל זיין „באַשרייבעוודי־

קייט״; די ניין מאָס שרייבן, מיט וועלכע עס צייכנט זיך אויס דער שלום־עליכמישער מאַניער. די שריפטשטעלערישע באַריידעווּ־דיקייט זיינע. שלום־עליכם האָט פשוט „געקרענקט״ אויף שרייבן — אויף כסדר אָנפילן דאָס ווייסע פּאַפּיר מיט אותיות. „ער האָט נישט געקאָנט גלייכגילטיק צוזען ווייס גלאַט פּאַפּיר״ (שלום־עליכם וועגן זיך אַליין). ביי שלום־עליכמען איז דאָס שרייבן געווען אַ יצר־הרע. אַ פּאַרליבעניש. דעריבער האָט ער אין דער־דאָזיקער ליידנשאַפט נישט ליב־געהאַט די קנאַפּקייט. ס׳איז נישט פאַראַן־געווען פאַר אים קיין אָפּרו און קיין שטערונג, וואָס זאָל זיין בכוח אים איבערצורייסן דאָס שרייבן *). נאָר שרייבן. ער פלעגט שרייבן תמיד און אומעטום; „אַפילו אויף אַ לאָקשנברעט, אָדער אויף אַ טעצל פון אַ סאַמאָוואַר, אָדער אויף אַ דנאָ פון אַ פעסל, אָדער גאָר זיצנדיק אין טראַמוויי״. אויך טשיידעלע האָט ליב צו שרייבן; „ער, אַז ער זעצט זיך אַוועק שרייבן, קאָן ער אייך שרייבן און שרייבן אָן אַן אויסלאָז און אָן אַן אויפהער. סע שרייבט זיך ביי אים אַזוי לאַנג, ביז עס גייט־אויס מאַטעריאַל, איך מיין טינט און פּאַפּיר״. אין טשיידעלעס טראַגי־קאָמישע פיגור ווערט ביטער אויסגעלאַכט שלום־עליכמס שאַפערישע ליידנשאַפט. דערצו לאָמיר געדענקען: אַלע פּאַרשוינען פון דער „פריילעכער קאָמפּאַניע״ טראָגן זייערע נעמען. ער איינער נאָר, טשיידעלע צי דייטשעלע, ווייסט דער לעזער נישט זיין לייבלעכן נאָמען. טשיי־דעלע איז בלויז דער פּסעוודאָנים פון אַן אַנאָנימען מיטשפּילער אין דערדאָזיקער טרויעריקער קאָמעדיע פון אָנמעכטיקע לעבנס־

---

*) שלום-עליכם שרייבט נאָך זיין שווערער קראַנקהייט אין באַראַנאָוויטש: „מיר האָט אָבער דאָס קראַנק-זיין נישט אַזוי דערלאַנגט, ווי דאָס, וואָס די דאָק-טוירים האָבן מיר שטרענג פאַרבאָטן דריי זאַכן: ר ע ד ן, ל ע ז ן און ש ר יי ב ן. גוטע דריי זאַכן; ווער סע פאַרשטייט דעם טעם, וואָס הייסט פאַר אַ שיכּור נישט טרינקען, פאַר אַ ליגנער נישט רעדן און פאַר אַ פרוי נישט אַ קוק-טון אין שפּיגל — דער ווערט ריכטיק אָפּשאַצן מיין לאַגע. דער פאַפּירענער יצר-הרע און רער שטן פון טינט און פעדער האָבן געאַרבעט מעשׂים״. הקדמה צו „שמואל שמעל-קעס און זיין יובילעאום״.

טרוימער. אַ פיגור אין אַ מאַסקע. איז עס סתם אַזוי אַ שרייבערי־
שער קאַפּריז? ניין, עס איז די שפּעט־צייכנונג אויף זיך אַליין,
אויף דעם אָנמעכטיקן לעבנס־טרוימער שלום ראַבינאָוויטש פון
וואָראָנקע. פסעוודאָנים — שלום־עליכם.

שלום־עליכמען גייט דאָ נישט בלויז אין דער קאַריקאַטור
פון זיין פיזישער און גייסטיקער פיזיאָנאָמיע. עס קומט דאָ צום
אויסדרוק אַ טראַגישער חשבון־הנפש. איך וועל אין אַ שפּעטערן
קאַפּיטל דערפון רעדן אויספירלעכער, נאָר עס שאַדט נישט שוין
אין אָנהייב פון דעמדאָזיקן בוך עס צו דערמאָנען; אין שלום־
עליכמס ביאָגראַפיע, אין זיינע בריוו, אין זיין אויטאָ־ביאָגראַפישן
ראָמאַן „פונם יריד" דערקענען מיר די סיבה, וואָס האָט אים גע־
טריבן צו דער פעדער. די אַלע באַשריבענע פאַפּירן מיט מעשיות,
מיט געשעענישן, די אַלע אויסגעטראַכטע פאַרשוינען, כאַראַקטערן
און סיטואַציעס האָבן אים אינערלעך באַרויִקט. האָט ער זיך טאַ־
קע געפילט גליקלעכער, גלויביקער, זיכערער אין אָט־אָ דער כי־
מערישער און משונהדיקער וועלט, אין דעם שרייבערישן האָקוס־
פּאָקוס, וואָס האָט אַזוי מעכטיק און אימפּולסיוו געלעבט אין די
באַשריבענע פאַפּירן? דאָס גאַנצע פערזענלעכע לעבן שלום־עליכמס
איז געווען איין קייט פון דורכפאַלן, אַנטוישונגען, נישט־דערפיל־
טע האָפענונגען. „אַלע מאָל, ווען דער פאַרפאַסער פון דידאָזיקע
באַשרייבונגען לאָזט זיך אַראָפּ אין די טיפע קאַטאַקאָמבן פון זיין
ווייטער קינדהייט, טראָגט־אַרויס אויף גאָטס וועלט און לופטערט־
דורך זיינע זכרונות, פאַרטיפערט זיך אין זיינע שפּעטערע דער־
פאַרונגען פונם גרויסן וועלט־יאַריד, וואָס מען רופט דאָס „לעבן",
און באַטראַכט דאָס אַלצדינג מיט אַ קלאָרן קאָפּ און מיט אַ קאַלטן
מוח (?), באַוווּנדערט ער, ווי ער האָט געקאָנט אַריבערטראָגן אַזעל־
כע אומדערבאַרמיקע קלעפּ, מיאוסע אָפּנאַרעכטסן און ביטערע אַנ־
טוישונגען, און בלייבן גאַנץ אויף צו כאַפּן פרישע קלעפּ, מיט נייע
אָפּנאַרעכטסן, מיט נאָך גרעסערע אַנטוישונגען. אַ קלאַפּ פאַרהיילט
זיך, אָבער אַן אַנטוישונג לאָזט־איבער נאָך זיך אַ קרעל (?) אין
דער נשמה אויף אייביק. דער העלד פון דערדאָזיקער ביאָגראַפיע
האָט שוין געפרווּט געשלאָגן־ווערן מאַראַליש און באַנומען־ווערן

מאַטעריאַל פון קאָפּ ביז פיס. ער האָט פאַרזוכט דעם טעם פון צו פאַרלירן אַ ריזיקן קאַפּיטאַל אין אַ קורצער צייט דורך פאַר־שידענע ספּעקולאַציעס, וואָס אַלערליי מנחם־מענדלס האָבן אים אין זיי אַריינגעפירט, און ער קאָן זאָגן מיט אַ ריינעם געוויסן, אַז אים האָט נישט אַזוי געגנומען דער פאַרלוסט פון געלט, ווי דאָס וואָס מענטשן האָבן אים אָפּגענאַרט און וואָס ער האָט זיך אָפּ־גענאַרט אין מענטשן. די אַנטוישונג — אָט וואָס אים האָט מקצר־ימים־געווען אַלע מאָל, אָט וואָס אים האָט געטריבן אין דער ערד אַריין". אַזוי דערציילט פון זיך שלום־עליכם. וואָס איז דיכטן, אויב נישט אין אַ גרויסער מאָס די טיפסטע רעזיגנאַציע פון לעבן? איז דיכטן עפּעס ווי דער ענדגילטיקער אַוועקגאַנג פון לעבן? אָט די אָנמעכטיקייט פון אַן אימפּולסיווער לעבנס־ענערגיע פאַרוואַנדלט זיך ביי קינסטלער אין אַ מאָדנער וואַגניש צו קאָמ־פּענסירן זיך אין אַן אַנדערן שווונגפולן פאַרמעסט. אין אַ כּישוף־פולן וווּנדער; אַלע פערזענלעכע ווילנס און האָפענונגען, אַלע אַמביציעס און פאַרשטעלונגען וועגן דער וועלט — זיי זאָלן זיך פאַרקערפּערן און דערפולן דאָרט, וווּ די האַנט פון לעבן וועט זיי נישט דערגרייכן — וועט זיי נישט שטעלן קיין ווידערשטאַנד; אין יענע דימענסיעס פון דער פאַנטאַזיע, ווו דער קינסטלערישער מענטש איז בכּוח צו אַנטוויקלען זיין פולע אינערלעכע פרייהייט. לעבט דער קינסטלער דעריבער אינערלעך אין דער קונסט, ווייל ער האָט אינערלעך רעזיגנירט פון לעבן? מיר זעען, ווי די ביטערסטע לעבנס־אַנטוישונגען שאַפן אָפּט דעם קינסטלערישן גלויבן. מיר זעען, ווי אַנטוישונגען קרעפטיקן אָפּט דעם קינסט־לער. מאַכן אים רייכער. גיבן זיינע בילדער שווונג. גיבן אים גאַר פאַנטאַזיע, פאַרב און קאָלאָריט. גראָד די טראַגישסטע אַנטוישונגען אין פערזענלעכן לעבן פונם קינסטלער פאַרוואַנד־לען זיך אין די פּאָזיטיווסטע ווערטן אין זיינע שאַפונגען. אַפילו די אַנטוישונגען פון זיינע קליינע אַלטעגלעכקייטן. כ'וויל נישט פאַרלייקענען, אַז אויך אין דעם לעבן פון זיין אַלטעגלעכקייט שפּיגלט זיך אָפּ דאָס לעבן פון זיין פערזענלעכ־קייט. טויזנטפאַכיקער, ריינער און אוממיטלבאַרער געפינט זיך

דער קינסטלער — אַלס פּולער מענטש מיט אַלע זיינע פּערזענלע־כע מעלות און חסרונות — אין זיינע ווערק. נאָר אין דער ליניע פון זיין קונסט וויקלט זיך פונאַנדער די פּערזענלעכע ליניע פון זיין לעבן. מיר דאַרפן זיך צו באַקענען מיט שלום־עליכמס ביאָ־גראַפיע, און מיר זעען ווי אַלע זיינע ווערק זענען די פּראָדוקטן פון זיינע פּערזענלעכע אַנטוישונגען. פון די ביטערע אַנטוישונ־גען פון שלום־עליכמס קינדער־יאָרן דערציילט אונז דער לעבנס־אָפּטימיזם „מאָטל פּייסי דעם חזנס". אין דעם טיפּיש־יידישן דאָן־קישאָט מנחם־מענדל פון קאַסרילעווקע אַנטפּלעקט זיך שלום־עליכם אין זיינע קיִעווער יאָרן אַלס סוחר; שלום־עליכם אין ברען פון זיין עקאָנאָמישן לעבנס־קאַמף. „געשלאָגן־געוואָרן מאָראַליש און באַנומען־געוואָרן מאַטעריעל פון קאָפּ ביז פיס". „אָפּגענאַרט פון מענטשן און זיך אָפּגענאַרט אין מענטשן". די „אַנטוישונג, וואָס האָט אים מקצר־ימים־געווען און געטריבן אַלע מאָל אין דער ערד אַריין". אָט־אָ דעם גאַנצן באַגאַזש פון פאַרשפּילטע לעבנס־האָפענונגען האָט שלום־עליכם אַריבערגעטראָגן אין אַ שריי־בערישער דימענסיע. די קליינע אַלטעגלעכע לעבנס־זאָרגן ווערן אַ וווּנדערלעך שפּיל פון דער פאַנטאַזיע. אַלץ הייבט זיך אָן צו באַוועגן אין דעם פאַנטאַזיעפולן ליכט־און־שאָטן־שפּיל — און זע: אינעווייניק פון אַלע אַנטוישונגען עפענען זיך אויף קוואַלן פון ענטוזיאַסטישער לעבנס־פרייד. פון די ביטערסטע ספקות בליען אויף די בלויע בלומען פון גלויבן. די אָנמעכטיקייט אין לעבן ווערט אַ שעפערישער זאָמען אין דער קונסט. אַלע נישט־דערפולטע ווילנס שלום־עליכמס פאַרוואַנדלען זיך אין לעבעדיקע פיגורן. שלום־עליכמס ענערגיעס פאַרקערפּערן זיך. זיי באַוועגן זיך אין דער לעבהאַפטיקייט פון דעם וווּנדערלעכן שפּיל. ערשט די „פאַר־קערפּערטע" דערוואַרטונגען טוען אַלע געהיימסטע פאַרלאַנגען פון שלום ראַבינאָוויטשן. שלום־עליכמס פאַרשווינדלעך וואַרפן זיך אויף די פילע שטערונגען, וואָס האָבן נישט דערלאָזט, אַז שלום ראַבינאָוויטשעס האָפענונגען זאָלן מקוים־ווערן. אויף די באַשריבע־נע פּאַפּירלעך הייבן שלום־עליכמס פאַרשווינדלעך פונדאַסניי אָן דעם פאַרשפּילטן לעבנס־קאַמף. אויב אויך אַלע העלדן שלום־

עליכמס געווינען סוף־כל־סוף גאָרנישט, בלייבן דיזעלביקע שלימ־מזלדיקע טרוימער ווי שלום ראַבינאָוויטש, גייען־אַוועק פון שפּיל־טיש פון לעבן מיט ליידיקע קעשענעס און באַקומען נאָך אַלס צוגאָב צרות מיט קלעפּ — עס איז פּאָרט עפּעס אַנדערש! עס איז דאָך נישט דיזעלביקע אַנטווישונג, ווי אין רעאַלן לעבן! שלום־עליכם, שלום ראַבינאָוויטש, הייסט עס, איז דאָ פּ ע ר ז ע נ־ל ע ך נישט אַנגאַזשירט אין די מיסדערפּאָלגן פון זיינע העלדן. „קערפּערלעך" ווערט ער נישט „באַנומען" פון די אַנטווישונגען. שלום־עליכם, מיט דער פּעדער אין דער האַנט, זיצט ער ביי די „ליידיקע בויגענעס פּאַפּיר". עס איז זיין שפּיל־בינע, די בויגע־נעס פּאַפּיר. דער אַנדערער גייסטיקער שטח. דאָ טרעטן־אויף זיינע אינערלעכסטע רעגונגען אין געשטאַלט פון באַקאַנטע פּי־גורן. עס זענען גוטע היימישע פּאַרשוינדלעך. די ליב־האַרציקע קאָסריליקעס . אַן איידעלע און וווּנדערלעכע פאַנטאַזיע פירט זיי איצטער אַרויס אויפן פּאַפּיר. „רעאַלע" דערינערונגס־פיגורן. זיי דערציילן דאָ פון שלום־עליכמס לעבן. שפּילן. אין גראָטעסקן שפּיל רעקאַפּיטולירן זיי גאַנצע סצענעס פון זיין פּערזענלעכן לעבן. דאָך – אין דער רעשקייט פון דער אַקציע, אינם שקאָ־צישן שפּיל פון הומאָר און געלעכטער באַוועגן זיי זיך שטיל, אָט־אָ די באַשריבענע פּאַרשוינדלעך. איידל. סובטעל און גראַ־ציעז. אויך די אַנטווישונגען, וואָס האָבן אים „מקצר־ימים־געווען", וויקלען זיך טראַגיש פונאַנדער אויף דערדאָזיקער פּאַפּירענער שפּיל־בינע; וועבן זיך אַריין אין דער אויפגעבויטער באַוועגונג פון דער פאַנטאַזיע ווי שטומע אונטערערדישע אָפּרופן פון שיק־זאַל. עס שלאָגט דאָ דער זייגער צוועלף. שעה פון אונטערגאַנג. אין דער לעבנס־באַוועגונג טוען זיך אויף אַלע טיפענישן. פון יענע לעבנס־טיפענישן טויכט־אַפּער דער געהיימנישפולער ספינקס־קאָפּ פון שיקזאַל. עס געגענט. עס קלאַפּט־אָן ביי דער טיר פון אַן אַנטווישטן בן־אָדם. שטיל און געשפּענסטערהאַפטיק קלאַפּט־אָן דאָס שיקזאַל.

שלום־עליכם זיצט ביים שרייב־טיש איבער די בויגענעס פּאַפּיר. ער שרייבט. ער בייסט זיך די נעגל ביז בלוט. ער איז באַ־

וועסן פון דער פאַנטאַזיע. אָ, וווּנדערלעכע וועלט פונם קינסטלע־רישן שאַפן! וועלט פון שיקזאַל! די טירן פון זיין קאַבינעט זע־נען צו. זיין צאָלרייכע משפּחה הערט אָפּט ווי שלום־עליכם לאַכט הויך. ער פרייט זיך ווי אַ קינד איבערן האָקוס־פּאָקוס־שפּיל, וואָס שפּרודלט איבער די פּאַפּירן. ער פרייט זיך איבער די אָפּ־געגאַרטע האָפענונגען און די ביטערע אַנטוישונגען פון זיין פער־זענלעכן לעבן, וואָס פאַרוואַנדלען זיך דאָ אין פאַרביקן קינסטלע־רישן שפּיל. דאָס אַנטוישטע לעבן ציט פריילעך פאַרביי אין מאַסקן־צוג. טיילמאָל ווערט שלום־עליכם טרויעריק: „טיפער אוּ־מעט אין די אויגן. קאָנצענטרירטער געלייטערטער טרויער אין זיין גאַנצן אויסדרוק" („שלום־עליכם־בוך"). ער האָרכט־אויף: פון דער פּאַפּירענער שפּיל־בינע קלאַפּט צו אים אַרויס די ביינערדי־קע געשפּענסטערהאַפטיקע האַנט פון זיין שיקזאַל.

ביי שלום־עליכמען איז דאָס שאַפן געווען די קאָמפּענסאַצי־יע פאַר אַ קאָמפּלעקס פון גרויסע דורכגעפאַלענע האָפענונגען; פּערזענלעכע האָפענונגען; האָפענונגספולע פאַרמעסטן צום לעבן. פאַרשפּילטע קאַמפן אויפן פעלד פון פּערזענלעכן לעבן. רעזיגנאַצ־יע — און קאָמפּענסאַציע. נישט דערפולטע טאַטן אין לעבן דער־פולן זיך אַלס טאַטן אין די דימענסיעס פון קינסטלערישן שאַפן. וויפל דאָן־קישאָטישע טראַגיק איז פאַראַן אין דערדאָזיקער קאָמ־פּענסאַציע! פאַרשפּילט צווישן דיווירקלעכקייטן און — זיג צווישן די שאָטענעס. די עשרותן, אָבער, פון דער עקזיסטענץ, — ווו ליגן זיי? ווו איז דאָס טיפסטע געפיל און ווו איז דאָס טיפסטע באַוווּסטזיין פון לעבן? דו גרויס גליק צו עקזיסטירן — העכסטע פרייד פון דעם אייביקן! — ביסטו גאָר אין דעם וווּנדערלעכסטן אייביקייטס־מיסטעריום, אין דעם מיסטעריום פון דעם ווירקלעכן? אין דעם מיסטעריום פון דעם רעאַלן און ממשותדיקן? מוז מען אַזוי ביטער פאַרשפּילן דאָס לעבן, כּדי דאָסזעלביקע לעבן צו דער־גרייכן אין אַן אַנדערער עקזיסטענץ־דימענסיע? אין דער קונסט? ווער קאָן דאָ ענטפערן? דאָ טוען זיך צו אַלע קוואַלן, און די ווערטן פון לעבן ווערן אונז דערלאַנגט אין די טונקעלע שאָלן פון ספקות. איז דער קינסטלער טאַקע נישט מער ווי דאָס טרויע־

ריקע געשטאַלט פון אַ דאָן־קישאָט? דער אַרויסגעשטויסענער פאַרוואָגלטער לאַ־יצלח? דער אָרימער קאָמעדיאַנט, וואָס זינגט זיין שיקזאַלפול בעטלער־ליד הינטער די טירן פון דער וועלט...?

שלום־עליכם איז דער גרעסטער יידישער טראַגיקער. און ער טרעט־אויף אין אַ רויט נאַרן־מיצל. אויך די יידישע געשיכטע איז אַ גרויסע מענטשלעכע טראַגעדיע אין אַ נאַרן־מיצל. שלום־עליכם איז דערמיט אַ ייד־שבייד. ער טרייבט גאָר חוזק, דער־דאָזיקער טראַגישער ייד־שבייד, — פסעוודאָנים שלום־עליכם — און דערציילט פון זיך אַליין און פון זיינע צרות אויף אַזאַ אופן, אַז אַ וועלט מיט יידן זאָלן לאַכן און הנאה־האָבן. ווי שווישפּילע־ריש! אַדרבה. זאָל זיי זיין צו געזונט, די יידן. שלום־עליכם האָט ליב „מילכיקס און יידן". („שלום־עליכם־בוך"). אין דער „פריילעכער קאָמפּאַניע" האָט שלום־עליכם זייער דיסקרעט פאַרבאַהאַלטן די ביטערע און האָפענונגסלאָזע אַנטוישונגען זיינע. פונדעסטוועגן געפינען מיר שלום־עליכמס פיגור פאַרקערפּערט אין אַ שטילן באַשיידענעם טיפּוס, וואָס פּלאָנטערט זיך אַרום אין הינטערגרונט פון דעם בונטן ווירוואַר פון שלום־עליכמס פאַרקערפּערטע וויזיעס.

טשיידעלע דער מחבר.

VI

דער אַנאָנימער פּאַרשוין, שלום־עליכמס אויטאָ־קאַריקאַטור (— די קאַריקאַטור דריקט תּמיד אויס דאָס מינדערוווערטיקייטס־געפיל אונזערס. דאָס טראַגישע, וואָס ווערט קאָמיש. אויך דאָס טראַגישע האָט זיין מינדערוווערטיקייטס־געפיל —), דעם מחבר טשיידעלע, האָט שלום־עליכם אַריינגעשטעלט אַלס אַ דריטן גלייכ־ווערטיקן קאָמפּאַניאָן צווישן בראָנזנטאָלערן און אַרקאַדי שווייצערן — די פּריילעכע קבצנים, וואָס זיצן אויפן בוידעם און וואַרטן אויפן טעלערל פון הימל. אין וועזנטלעכן שטייט טשיידעלע דער דיכ־טער מיט גאָרנישט נישט העכער פון די קליינע מענטשעלעך — בראָנזנטאָלער און אַרקאַדי שווייצער. טשיידעלע איז אַ דיכטער? אויך אַן עסק! די „רעאַליסטישע טאַטן" פון בראָנזנטאָלערן און אַרקאַדין זענען אויך טרוימהאַפטיקע קאָמפּענסאַציעס. און דאָס טרוימהאַפטיקע — עס געהער צום וועזן פון דיכטערישן! טשיי־דעלעס דיכטערישקייט איז מיט גאָרנישט מער אַבסטראַקטער, ווי יענע מכלומרשטע „ווירקלעכקייט" פון די קליינע מענטשע־לעך.

זענען זיי אַלע — בראָנזנטאָלער, אַרקאַדי און טשיידעלע — גלייך טראַגיש? — טראַגיש? עס איז דאָ שווער צו זאָגן טראַגיש. די, וואָס שטייען נישט אינעווייניק אין לעבן; קאָנען נישט מיט־האָפן די האָפענונגען פון לעבן; קאָנען נישט מיטקעמפן די טראַ־גישע קאַמפן פון לעבן — די, וואָס שטעלן גאָר נישט איין אינם קאָן פון דעם גרויסן שפּיל פון לעבן; טראָגן נישט אויף זיך קיין שום ווירקלעכע לעבנס־פאַראַנטוואָרטלעכקייט — ניין, זיי זענען נישט ווירקלעך טראַגיש. דער, וואָס קוקט זיך צו צו זייערע

ליידן, קאָן מיט זיי נישט מיטליידן. טראַגיש איז דאָס ליידן, וואָס דריקט־אויס מיט זיך די גרויסע ליידנשאַפט פון דער טאַט. מיט דער טאַט, ערשט, הייבן זיך אָן אונזערע אייגנ־טלעכע באַציִונגען צו דער וועלט. מיט דער טאַט שליסן מיר אויף די פאַרריגלטע טירן פון דער וועלט און מיר גייען־אַריין אין איר. מיט דער טאַט באַהעפטן מיר זיך מיט דער וועלט. מיט דער טאַט באַנעמען מיר די וועלט. די טאַט איז דאָס פאַרקער־פערטע וועלט־באַנעמען אונזערס; די מענטשלעכע פאָרשטעלונג פון דער וועלט; די פאַרמענטשלעכטע וועלט. ווען מיר ליידן־מיט, דאָס ליידן פון דעם טראַגישן מענטש, ליידן מיר נאָר מיט דאָס ליידן פון דעם טעטיקן מענטש. וואָס ווענען מיר — אָן דער טאַט? אָן דער טאַט שטייען מיר אין דרויסן פון דער וועלט׳ און מיר שטייען דעריבער גאָר נישט אין קיין שום באַציִונג צו אונזער שיקזאַל. צו אונזער וועלט־שיקזאַל. אָן דער דינאַמיק פון דעם וועלט־שיקזאַל פעלט דער טראַגישער דערשיינונג איר אינערלעכע לאָגיק. נאָר אונזער גע־מיינזאַמער מענטשלעכער גורל קאָן אונז מאַכן טראַגיש ליידן און טראַגיש מיטליידן. וואָס א׳ז אַ טראַגעדיע, אָן אַקטיווער וועלט־געמיינזאַמקייט? אַ פּראָדוקט פון אומגליקלעכער אומבאַהאָלפנ־קייט. אָן אומפעיִקייט צו לעבן און צו טאַט. טאָטלאָזיקייט איז נישט קיין וועלט־באַציִונג׳ וואָרים וועלט איז באַוועגונג און באַוועגונג איז טאַט. אויב אומבאַהאָלפנקייט מאָנט פון אונז מיטליידן — דאַן ווירקט זי גאָר אָפט ווי אַ גראָטעסקער פענאָמען, דידאָזיקע טראַגישע אומבאַהאָלפנקייט.

די קוואַלן, פון וואַנען זיין שאַפן האָט געהאַט די יניקה,—זיין פּערזענלעכע לעבנס־טראַגעדיע, — האָט שלום־עליכם געוואָלט אַרונטערפירן אונטערן סך־הכל פון יענער קאָמישער און אומ־גליקלעכער אומבאַהאָלפנקייט פון די קליינע מענטשעלעך אין דער „פריילעכער קאָמפּאַניע”. קליינע מענטשעלעך, וואָס זענען נאָר עקזאָטישע קוריאָזן פון לעבן. מענטשן־שערבעלעך. זיי האָט עמיצער איבערגעלאָזט ווי איבעריקע רעקוויזיטן הינטער די קו־ליסן פון לעבן. פאַר אַ קרומען שפּיגל פון דער וועלט שפּילן

דאָרט פּופּן־שפּיל, די קליינע מענטשעלעך. אַזוי ווילן זיי מכלומרשט אויך מיטווירקן אין דער גרויסער טאַט פון דער ווירק־לעכקייט. אָרימע! אויך שלום־עליכם, דער דיכטער פון די קליי־נע מענטשעלעך, איז נישט מער און נישט ווייניקער ווי איינער פון די קליינע מענטשעלעך. איינער פון יענע אומבאַהאָלפענע לעבנס־נאַראָנים. ער איז אויך אַ לעבנס־נאַר, שלום־עליכם, הגם ער איז גאָר זייער קלוג. וואָרים אויך ער איז קיינמאָל נישט בכוח צו געניסן פון זיינע טאַטן, און דרייט זיך אַרום אין הי־נער־פּלעט און זוכט די מיראַזשן פון דער טאַט און שטילט זיין גרויסן דורשט אין די וואַסערן פון אַ פאַטאַ־מאָרגאַנאַ. אויך ער, שלום־עליכם, נאַרט זיך נאָר אַליין אָפּ און איז סוף־כל־סוף נישט מער ווי איינער פון די אומבאַהאָלפענע פאַרשווינדלעך, וועלכע ער „באַשרייבט". ער איז „טשיידעלע".

„אַזעלכע מענטשעלעך (ווי טשיידעלע) זענען געטריי אי־בערגעגעבן דער גאַנצער וועלט, און די גאַנצע וועלט שאַפט מיט זיי, עקספּלאָאַטירט זיי, איר קאָנט פון זיי פלעכטן שטריקלעך, טון מיט זיי וואָס איר ווילט. אַזעלכע מענטשן זענען גרויסע ביישנים, זיי וועלן אייך קיינמאָל נישט באַקלאָגן זיך אויף זייער פינצטער מזל; אַז זיי וויינען, וויינען זיי נאָר אויף יענעמס צרות, קומען־אָפּ פאַר פרעמדע זינד, האָבן נישט מיט וואָס אַ טאָג אי־בערצוקומען, קאָנען אויסגיין אין מיטן העלן טאָג פאַר אַלעמען אין די אויגן, כאַפּן זיך אָן אין אַ שאַרף פון אַ שווערד, טוליען זיך צו צו יענעם און קלעבן זיך אָן אַזוי שטאַרק, אַז ס'איז שווער זיי אָפּצורייסן און אָפּצוטרייבן פון זיך, ווי אַן אמת גע־טריי הינטל."

ניין, דערדאָזיקער טשיידעלע קאָן זיך נישט אַוועקרוקן פון די קליינע מענטשעלעך, נאָר דערפאַר, ווייל ער איז דיכטער. צוזאַמען מיט די קליינע מענטשעלעך מוז ער זיך שטעלן אויפן חוזק־ברעטל.

ער איז אויך אַ קליין מענטשעלע, טשיידעלע...

אַזוי טראַכט וועגן זיך שלום־עליכם און שטעלט טאַקע אַוועק זיין אויטאָ־פּאָרטרעט צוזאַמען מיט די קליינע מענטשע־

ּעך. ער קאָמפּאָנירט זיין לעבנס־מינדערווערטיקייט — און זיין „שרייבן" איז נאָר אַ מין עלעגאַנטער טויבן־שלאַק, וואָהין עס אַנטלויפן די געשלאָגענע פון לעבן. ער ווײנט אונטערן אייגע־נעם דאַך צוזאַמען מיט זיי, טשיידעלע. ער טוט־מיט זייערע מעשים. ער עסט מיט זיי. ער שלאָפט מיט זיי. ער האָפט מיט זיי צוזאַמען די אַלע קינדישע האָפענונגסלאָזע האָפענונגען. ער העלפט זיי מיט, שעפּן פון לעבן מיט אַ געלעכערטער שעפּ. ער גלויבט מיט זיי מיט, די אַלע טראַגישע מיראַזשן. ער איז אויך אַ וועגלאָזער און אַ באָדנלאָזער מענטש, דערדאָזיקער דיכטער, טשיידעלע. וואָס זענען די פּאַפּירן, וועלכע ער באַשרייבט און וואָס גיבן אים אַזויפיל פרייד? טראַגישע מיראַזשן אין אַ גרוי־סער וויסטעניש. שוים און חלום. די געשפּענסטער פון די קליי־נע מענטשעלעך טאַנצן דאָרט אַרום. זיי לאַכן גליקלעך. ער לאַכט מיט זיי מיט. זיי פרייען זיך מיט זייער דלות, און אויך ער פרייט זיך מיט זיין דלות... אין דערדאָזיקער מיראַזשן־פרייד פאַרגעסט ער זיינע אַנטוישונגען...

אַזוי פאַרבינדט זיך שלום־עליכם מיט די קליינע מענטשע־לעך אויף לעבן און אויף טויט. ער האָט אויפגעטויכט פון יענער נאָמענלאָזער מאַסע און ער וויל צוריק צו איר. יחדיו. צוזאַמען מיט די קליינע מענטשעלעך. זיין מיט זיי אין דערזעלבער האָפע־נונג און אין דערזעלבער אַנטוישונג, אין דעמזעלבן גליק און אין דעמזעלבן אונטערגאַנג.

שותּפות. שותּפות אויפן דלות. „נאָל שמאָל עט קאָמ־פּאַניע".

טשיידעלע שליסט דאָס כּתב־שותּפות מיט בראָנזנטאָלערן און אַרקאַדין. אַלע לייגן זיי אין שותּפות אַריין דעם נעכטיקן טאָג. בראָנזנטאָלער און אַרקאַדי — די „ניין־און־ניינציק מיליאָן" און די „דרייצן פּאַסן", און דער דיכטער טשיידעלע — זיינע ווערק און זיין רום. „אַזוי ווי קיינער ווייסט נישט וועמענס מאָרגן עס איז — זאָגט אַרקאַדי — צי איך מיט מיינע דרייצן פּאַסן אין קלוב, צי איר מיט אייער כּפול־שמונהדיקן פּריץ דעמבאָ־דאָמבע־דעמביצקי, אין אַמעריקע", צי זיי, דער מחבר, הייסט עס, מיט

ווינע ביכלעך, — דעריבער זאָל זיין שותפות! מיט דעמדאָזיקן געמיינזאַמען שיקזאַל גייען אַלע דריי, דער דיכטער און די קליינע מענטשעלעך, אַלס פריילעכע וואַגאַבונדן אויף דעם וועג צו זייערע חלומות.

„און די דריי שכנים, וואָס האָבן געשלאָסן שותפות, האָבן זיך שפּעט, מיטן טאָגלעכן שיין, אָפּגעזעגנט, זיך געווינשעוועט אַ גוטע נאַכט מיט זיסע חלומות, זיך אויסגעטון און געלייגט שלאָפן, און גאָט ווייסט, אויב אויף דער גאַנצער וועלט זענען געווען אַזעלכע דריי צופרידענע מענטשן, וואָס זאָלן שלאָפן אַזוי זיס און געשמאַק און זאָלן זעען אַזעלכע זיסע גאָלדענע חלומות, ווי עס האָבן געזען אין דערדאָזיקער נאַכט, אין דעמדאָזיקן שטאַרק־אָנגערויכערטן פינצטערן חדרל, כמעט אונטערן דאַך, אונזערע דריי פאַרשוינען״.

י. י. טרונק, שלום־עליכם, 6.

# ייִדישע פּסיכיק און די היסטאָרישע באַדינגונגען פון איר אַנטוויקלונג

I

איך האַלט ווייט נישט דערפֿון, אַז היסטאָריש-מאַטעריאַליסטישע דערקלערונגען זענען די איינציקע און אויסשעפּנדיקסטע מעטאָדן, מיט וועלכע מען באַדאַרף צוגיין צו ליטעראַרישע אָדער קינסטלערישע דערשיינונגען. גלויבט דער קריטיקער, אַז מיט דעם, וואָס ער האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פֿון דער אָדער יענער געזעלשאַפטלעכער עפּאָכע — אין וועלכער דאָס קינסטלערישע ווערק איז געשאַפן-געוואָרן, — האָט ער זיך שוין דערגרונטעוועט צו דעם אייגנטלעכן מהות פֿון דעם ווערק, האָט ער שוין אַלצדינג אָפּגעטון, וואָס די ליטעראַטור-קריטיק באַדאַרף צו טון — דאַן איז ער זיך שטאַרק טועה. דער בלינדער סכעמאַטישער גלויבן, אַז די עקאָנאָמישע באַדינגונגען זענען די איינציקע שליסלען צו אַלע קינסטלערישע וועזנטלעכקייטן — און אַז זיי דערקלערן אַבסאָלוט אַלץ, וואָס איז דאָ צו דערקלערן אין דער קונסט, — אָט-אָ דער פֿרומער גלויבן פֿון די אָרטאָדאָקסע מאַרקסיסטן פֿירט צו זייער אַן אויבערפֿלעכלעכן באַנעמען פֿון ליטעראַטור און קונסט. דער באַדינגונגסלאָזער מאַרקסיסטישער מעטאָד אין דער ליטעראַטור-קריטיק סכעמאַטיזירט אָפֿט דאָס, וואָס עס לאָזט זיך בשום-אופֿן נישט סכעמאַטיזירן. הגם עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז די עקאָנאָמישע באַדינגונגען און די סאָציאַלע סטרוקטור פֿון דער עפּאָכע, אין וועלכער דאָס ווערק איז געשאַפן-געוואָרן, גיבן ס׳רוב דאָס טעמאַטישע און די אידעיִשע טענדענצן פֿון דעם ווערק, שאַפן דעם קאָלאָריט פֿון דעם ווערק — און מ׳קען אין דעם ריטם פֿון יעדן ווערק אַנאַליטיש נאָכווייזן דעם ריטם און דעם טעמפּ פֿון דעם צייטמעסיקן לויף פֿון געזעלשאַפט-

לעכן לעבן, פונדעסטוועגן — און דאָס איז דער עיקר — באַדאַרף אַ ווערק אָפּגעשאַצט־ווערן נישט בלויז לויט די סיבות און באַדינגונגען, אין וועלכע עס איז געשאַפן־געוואָרן, נאָר ווי אַן ענדגילטיקער ז ע ל ב ס ט ש ט ע נ ד י ק ע ר רעזולטאַט. זאָל זיין, אַז היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישע סיבות האָבן פּראָוואָצירט דעמדאָזיקן רעזולטאַט. דאָס ל ע צ ט ע באַנעמען פון אַ קונסט־ווערק איז נישט קיין באַנעמען פון באַדינגונגען, נאָר אַ באַנעמונג פון וו ע ז נ ט ל ע כ ק יי ט און פון וועזנטלעכן ווערט. ר ע ז ו ל ט אַ ט און וו ע ר ט זענען באַגריפן, וואָס זענען פול־שטענדיק אָפּהענגיק פון דעם וו ע ר ט און פון די גייסטיקע וואַלאָרן פון דער שאַפערישער פּערזענלעכקייט.

ס'איז פאַלש אָפּצוטיילן די אַנטוויקלונג פון דער קונסט פון דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. זיכער. אָבער וויפל דער מענטשלעכער קאָלעקטיוו זאָל נישט זיין פאַר דעם קינסטלער אַן אידעיִשער אָנהאַלט, אַ וועלט־אויסבליק, אַ וועלט־געמיינשאַפטס־געפיל, אַ האָפענונג און אַ גלויבן, זענען פאָרט די אייגנטלעכסטע ווערטן פון דער קונסט — די אינדיווידועלע ווערטן פון דעם קינסטלער. סיבות און באַדינגונגען שטאַמען־אַרויס פונם רעלאַטיוון און באַדינגען דאָס רעלאַטיווע. דאָס אַבסאָלוטע — הגם עס איז דער אינהאַלט פון אַלע באַדינגונגען — שטייט עס אָבער א י ב ע ר אַלע באַדינגונגען. און די לעצטע און וועזנטלעכסטע סובסטאַנץ פון דער קונסט איז אַן אַבסאָלוטע סובסטאַנץ. די סובסטאַנץ פון אַבסאָלוטן אין אַלע פאָרמען און אין אַלע באַוועגונגען פון דעם רעלאַטיוון — דאָס איז די פאָרם און דער סטיל פון דער קונסט.

צו אויבנאויפיקייט און צו גייסטיקער אָנהאַלטלאָזיקייט פירט אויך דער אַנדערער עקסטרעם פון קריטישן באַנעמען, נעמלעך, דער עקסטרעמער שטאַנדפונקט פון דער אידעאַליסטישער קריטיק, אַז די גייסטיקע דערשיינונגען פון דער געשיכטע, ווי פילאָזאָפיע, רעליגיע, וויסנשאַפט, ליטעראַטור און קונסט, שטייען נישט אין קיין שום צוזאַמענהאַנג מיט דעם מאַטעריעלן אויפבוי פון דער געזעלשאַפט; אַז זיי זענען גאָר מיט זיך נישט פאַרבונדן;

אַז גייסט און מאַטעריע זענען צוויי אָפּגעזונדערטע עלעמענטן· צו געפינען די איינהייט אין אַלע דערשיינונגען פון דער וועלט — מיט דעם צייכנט זיך אויס יעדעס טיפּע וועלט־באַנעמען. דוּאַליזם איז פון תמיד־אָן געווען די אויבנאויפיקע פשרה פון די, וואָס זענען אין זייער וועלט־באַנעמען נישט בכוח־געווען אויפצופּאַסן דאָס גאַנצקייט פון דער וועלט און האָבן געמוזט די וועלט צע־טיילן, כדי זי צו באַנעמען. מען מוז האָבן דעם קלאָרסטן לאָגישן קאָפּ (לאָגיק — ווידער נישט מער, ווי אַ רעלאַטיווע פאָרם פון די מאַטעריעלע וועלט־געזעצן), אויסערגעוויינלעכע אינערלעכע לעבנס־חכמה און פּערזענלעכקייטס־כאַראַקטער, כדי אַז אַבסטראַק־טער מאַטעריעלאָזער אידעאַליזם זאָל נישט פאַרפירן אין היפּער. מעטאַפיזישע הינער־פּלעט און מ׳זאָל נישט פאַרלירן יעדן באָדן פון אונטער די פיס. מיר, מענטשן, ווי מיר זאָלן נישט וועלן דעפינירן אונזערע באַציִונגען צו דער וועלט, וואָסער פאָרם און אויסדרוק מיר זאָלן נישט וועלן געבן אונזער וועלט־באַשויונג — קאָנען מיר פאָרט נישט אַרויסקריכן פון אונזער מענטשלעכער הויט. נישט בלויז דאָס מענטשלעכע לעבן און שאַפן — אָפּילו די קאָסמישע עקזיסטענץ קאָנען מיר באַנעמען נאָר ווי מענטשן און פון אַ מענטשלעכן וועלט־אויסבליק.

Homines sumus! מענטשן זענען מיר, און מיר קאָנען נאָר באַנעמען די לעצטע אַבסאָלוטע סובסטאַנץ אין זיך, אין די ראַמען פון אַ סוביעקטיווער מענטשלעכער פּסיכיק, און אין אַן אָביעקטיווער וועלט, וואָס שטייט אונטער דיזעלביקע רעלאַטיווע געזעצן וואָס מיר, ווערט געלענקט פון דעמזעלביקן שיקזאַל וואָס מיר. נאָר מיט אונזערע מענטשלעכע פאָרמען קאָנען מיר באַנע־מען די פאָרמען פון דער וועלט, און אויף אַזויפיל באַנעמען מיר ווירקלעך די וועלט, אויף וויפל מיר באַנעמען זי מענטשלעך, ד. ה., מיר קאָנען באַנעמען דאָס אַבסאָלוטע נאָר אין זיינע רעלאַ־טיווע פאָרמען. אין דערדאָזיקער שיינבאַרער אָפּגעגרענעצטקייט פון מענטשלעכן וועלט־באַנעם שטעקט דאָס טיפסטע און ברייטסטע באַציִונגס־געפיל פונם מענטש צו דער וועלט. לאָזט מען זיך אַוועק איבער צעשווומענער גרענעצלאָזיקייט און וואַרפט מען פון

זיך אַראָפּ אַלע רעלאַטיווע געזעצן, כּדי צו דערגרייכן די הוילע גופלאָזיקייט, – ניין – דאָס הייסט נאָך ווייט נישט, אַז מ׳האָט טאַקע ענדלעך אויפגעבליקט צו די ווייטע האָריזאָנטן. האָריזאָנטן באַרייכערן דעם אויסבליק גראָד מיט דעם, וואָס זיי קאָנצענטרירן אים. „מבשרי אחזה אלוה״. נאָר אין די עלעמענטן פון דער עקזיסטירנדיקער מאַטעריע זענען מיר בכּוח צו דערקענען די סובסטאַנץ פון דעם אַבסאָלוטן. דאָס אַבסאָלוטע אַלס הוילע סובסטאַנץ? „לא יראני האדם וחי״. בודדאַ, אַז מ׳האָט אים געפרעגט וועגן דערדאָזיקער אַבסטראַקטער סובסטאַנץ, האָט געענטפערט: „איך האָב אייך נישט געזאָגט, אַז זי עקזיסטירט, איך האָב אייך אויך נישט געזאָגט, אַז זי עקזיסטירט נישט״.

אין די פאָרמען און אין די גרענעצן פון דער וועלט לעבט דאָס אַבסאָלוטע אין אונזער וועלט־געפיל.

וועלכער איז דער וועג צום טיפסטן קוואַל פון דעם וועלט־גייסט?

סינטעזע פון מאַטעריאַליזם און אידעאַליזם. אידעאַליסטיש זענען די מאַטעריע און מאַטעריאַליסטיש זענען די אידעע. דאָס איז דער איינציקער וועג צו די עכטע קוואַלן פון דערקענטעניש.

## II

אין דער יידישער ליטעראַטור זענען אידעאַליסטישע טענ־דענצן ביז אַהער געווען די הויפּט־טענדענצן פון דער אַנטוויק־לונגס־ליניע. *)

דאָס אידעאַליסטישע האָט איר, נעמלעך, דער יידישער לי־טעראַטור, געגעבן פּנים און כאַראַקטער. די אידעאַליסטישע יידישע ליטעראַטור נויטיקט זיך באַזונדערס דערין, אַז מ׳זאָל נאָכווייזן דיווירטשאַפטלעך־סאָציאַלע און עקאָנאָמישע סיבות, וואָס האָבן מיט־געשפּילט, אַז אין דעם וועלט־בילד פונם יידישן שאַפן זאָל דווקא דאָמינירן דער אידעאַליסטישער פּאַטאָס און דאָס אידעאַליסטישע וועלט־געפיל. מיט דעם, וואָס מען גיט־צו דערדאָזיקער ספּעציפיש־אידעאַליסטישער ליטעראַטור אַ מאַטעריעלן באַזיס, דערגרייכט מען קודם־כל דאָס, וואָס אָט־אָ דער פּערמאַנענטער אידעאַליזם באַקומט אַן אינערלעכע היסטאָרישע לאָגיק. ער ווערט צוגעבונדן צו דער גאַנצער לעבנס־קאָנסטרוקציע פון דער יידישער נאַציע. דער טאָג־טעגלעכער לעבנס־שטייגער און דער בוי פון נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישן לעבן ביי יידן ווערט דערמיט הינטער־גרונט און באָדן, וואָס פּראָוואָצירן־אַרויס די ספּעציפיש־יידיש־נאַציאָ־נאַלע (אידעאַליסטישע) וועלט־באַשויונג. אַזוי־אַרום ווערט דאָס גייס־טיקע שאַפן פון יידן נישט עפּעס אַן אַבסטראַקטע טעאָזאָפיע, מיט וועלכער יידן זענען סתם באַשאָנקען־געוואָרן פון די געטער. דאָס גייסטיקע יידישע שאַפן ווערט פאַראיינהייטלעכט מיטן היס־

*) זע י. י. טרונק: „אידעאַליזם און נאַטוראַליזם אין דער יידישער לי־טעראַטור“.

טאָרישן גוף פון דער יידישער נאַציע. עס ווערט צונויפגעקנעטן מיטן גאַנצן געשיכטלעכן לעבן פון יידן, מיט דעם ערדישן טאָג־טעגלעכן נאַציאָנאַלן לעבן. די יידישע שאַפערישע קולטור ווערט פסיכאָלאָגיש דערקלערט פון דעם אופן, ווי אַזוי די יידישע נאַציע לעבט זיך בכלל אויס אויף דער וועלט.

גראָד אַ געשיכטלעכער אידעאַליזם, — אויב ער וויל נישט צעשוומען־ווערן אין אַן אַבסטראַקטער גופלאָזער אַטמאָספערע, — מוז ער דערגאַנצט־ווערן מיט היסטאָריש־מאַטעריעלע מאָטיוון.

די היסטאָריש־מאַטעריעלע סיבות, וואָס דורך זיי האָבן זיך באַזונדערס אַרויסגערוקט די אידעאַליסטישע טענדענצן פון דער נייער וועלטלעך־יידישער ליטעראַטור, זענען נישט בלויז ספּעציפישע סיבות אין שייכות מיט דער אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור אויף יידיש. זיי ליגן טיפער, די סיבות. זיי זענען דער־שיינונגען פון דער יידישער געשיכטע בכלל. אויך איז דער אידעאַליזם נישט קיין ספּעציעלע אייגנשאַפט פון דער נייער יידישער ליטעראַטור. אידעאַליסטישע טענדענצן זענען די פּערמאַנענטסטע באַגלייט־דערשיינונגען פונם גאַנצן יידישן געשיכטלעכן לעבן. אין דער נייער יידישער ליטעראַטור האָט זיך דערדאָזיקער, פאַר דער יידישער געשיכטע כאַראַקטעריסטישער אידעאַליזם, נאָר צוגעפּאַסט צו דער אַנטוויקלונג פון אַ וועלטלעכער ליטעראַטור אויף דער נאַציאָנאַלער לעבעדיקער שפּראַך — יידיש. וואָרים די באַדינגונגען, וואָס האָבן ספּעציעל אַרויסגערופן די אידעאַליסטישע עלעמענטן אין יידישן געשיכטלעכן שאַפן, — דידאָזיקע באַדינגונגען האָבן ווייטער עקזיסטירט ביי דער אַנטשטייונג און ביי דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור.

אָט־אָ די באַדינגונגען האָבן אויך געמאַכט די יידישע לי־טעראַטור פאַר אַן אידעאַליסטישער ליטעראַטור.

דאָס, וואָס עס וואַרפט זיך באַזונדער אין די אויגן אין דער יידישער געשיכטע בכלל, איז די אויסערגעוויינלעכע אָרימקייט אין רעאַלע מאָטיוון.

אין דער טויזנטיאָריקער געשיכטע פון דער יידישער נאַציע, —

אפילו אין די ווינציקע צייט־אָפשניטן, ווען יידן זענען געזעסן אויף אַן אייגענער ערד אין ארץ־ישראל — איז די ווירטשאַפט־לעך־פּאָליטישע אָנמעכטיקייט פון דער יידישער נאַציע און איר עקאָנאָמישע אָפּהענגיקייט פון די שטאַרקערע שכנים און מיט־פעלקער געווען אַזוי גרויס, אַז אין דער קאָנסטרוקציע פון איר נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיק, איז זי, די יידישע נאַציע, נישט בכוח־געווען פריי און זעלבסטשטענדיק אויסצודריקן איר גייסטיקן כאַראַקטער. מאַקס אַדלער זאָגט, אַז דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן אַנטשטייט פון די באַציִונגען פון מענטש צו מענטש. באַציִונגען זענען סוביעקטיוו. אַזוי־אַרום וויל מאַקס אַדלער צוריקפירן די אַנטשטייונגס־מאָמענטן פון דער געזעלשאַפטלעכער עקאָנאָמיק צו אַ פּסיכישן אור־עלעמענט. „די מאַטעריאַליסטישע אויפפאַסונג פון דער געשיכטע״, — זאָגט מאַקס אַדלער, — „באַגרייפט דעם גע־שיכטלעכן פּראָצעס נישט דואַליסטיש, זי באַגרייפט אים מאָניס־טיש, פון דער געזעלצעכקייט פון סאָציאַלן לעבן אַרויס. די גע־זעצלעכקייט פון סאָציאַלן לעבן קאָן נאָר זיין איינע — די פ ס י ־ כ י ש ע. „דאָס אידעעלע אָן דעם מאַטעריעלן״, — זאָגט ווידער מאַקס אַדלער, — „איז אָן ווירקונג, דאָס מאַטעריעלע אָן דעם אידעעלן,—איז אָן ריכטונג״. נעמלעך: דאָס אידעאַלע, די פּסיכיק, גיט דעם מאַטעריעלן די א י נ ע ר ל ע כ ע ר י כ ט ו נ ג, די א י נ ע ר ל ע כ ע צילבאַוווסטקייט, דעם קאָנסטרוקטיוון סטיל. די פּסיכיק מאַכט דאָס מאַטעריעלע פאַר אַן אויסדרוק פון אַ לעבנס־ווילן. וואָס איז לעבנס־ווילן אַלס צילבאַוווסטקייט? אַן אויפ־שטייג צום העכסטן שטאַפּל פון דער געשיכטע, אַווו די טאָטאַל־קייט פון מענטשלעכן לעבן פאַרוואַנדלט זיך אין אַ גרויס גליקזעליקייט. אינערלעכע דערלייזונג און איידלסטע זעלבסטצופרידנקייט גיסן זיך צוזאַמען צו איין היסטאָרישן עלעמענט. אַזוי קרייזט דער וועג פון דער געשיכטלעך־מענטשלעכער אַנטוויקלונג: פון דער מענטשלעכער פּסיכיק — איבער די עלעמענטן פון דער אָביעק־טיווער וועלט — צוריק צו דער מענטשלעכער פּסיכיק. דער מענטשלעכער גייסט דערלייזט זיך ערשט פולקום ד ו ר ך דער וועלט און א י ן דער וועלט. מענטשלעכע קולטור, מענטשלעכע

גליקזעליקייט: רייפגעוואָרענע זעלבסט־דערקענטעניש. סינטעזע פון מאַטעריעלן און אידעעלן. דאָס אַבסאָלוטע ציט זיך דאַן אַדורך ווי אַן איינהייטס־מאָמענט דורך אַלע דערשיינונגען פון דעם רעאַליטעט. װעלט־אויסלייז. „די אַבסאָלוטע אידעע קערט זיך (אין דער העכסטער אַנטוויקלונג פון דער געשיכטע) אינגאַנצן אום צו זיך אַליין", זאָגט העגעל. דורך איר ווירטשאַפטלעכער און פּאָליטישער אָנמעכטיקייט האָט זיך די יידישע נאַציע קיינמאָל נישט געקאָנט פריי באַוועגן אין דעם שלל פון מאַטעריעלע עלעמענטן. די מאַטעריעלע עלעמענטן, וואָס זענען איר צוגעוואָרפן־געוואָרן פון דער וועלט־ווירטשאַפט, זענען געווען אַזוי אָרים אין מאָטיוון און מעגלעכקייטן, אַז די יידישע נאַציע האָט זיך אין די מאַטעריעלע דערשיינונגען פון דער וועלט קיינמאָל נישט געקאָנט אויסבויען מיט איר פולער פסיכיק. זי האָט זיך אין זיי באַוועגט בלויז מיט דער האָפענונג אַדורכצושטופן דעם טאָג. די הויפּט־אייגנשאַפטן פון אַ היסטאָרישן ווילן: צילבאַוווסטקייט; דאָס געפינען די העכסטע גליקזעליקייט פון לעבן אין דעם סך־הכל פון אַלע לעבנס־אַטריבוטן (מיט העגעלס ווערטער: דערגרייכן די אַבסאָלוטע אידעע ד ו ר ך א ו ן א י ן דער אַנטוויקלונגס־קייט פון דער וועלט און דער אַנטוויקלונגס־קייט פון דער געשיכטע (דיאַלעקטיק), — דידאָזיקע הויפּט־אייגנשאַפטן האָט די יידישע נאַציע נישט געקאָנט אין איר מאַטעריעלן לעבן פריי אַנטוויקלען. די יידישע נאַציע האָט אייגנטלעך קוים געהאַט אַ מין פסיידאָ־מאַטעריעל לעבן. באָדנלאָז מאַטעריעל לעבן. הגם דער אויבנאויפיקער אַנטיסעמיטיזם באַצייכנט יידן פאַר אומפאַרבעסערלעכע מאַטעריאַליסטן, האָט זיך דאָך די יידישע נאַציע נישט אויסגעלעבט מאַטעריעל אין איר געשיכטע. זי האָט זיך ה י ס ט אָ ר י ש נישט אויסגעלעבט אין די קאָמפּלעקסן פון לעבן. תמיד איז זי ערשט געשטאַנען אין קאַמף פאַר די פּרימיטיווסטע רעכט צו קאָנען לעבן. נ י ש ט ל ע ב ן, נ אָ ר ר ע כ ט א ו י ף ל ע ב ן. אין דערדאָזיקער הינזיכט איז די יידישע נאַציע קוים געשטאַנען אויף אַ געשיכטלעכער פאָר־שטופע. פונם מאַטעריאַליסטישן שטאַנדפּונקט אויס, איז די געשיכטע פון דער יידישער

נאַציע די אָרימסטע מענטשלעכע געשיכטע. זי איז רייך אין כלערליי מאַטעריעלע האָפענונגען, נאָר אָרים אין מאַטעריעלע טאַטן. מענטשן־געשיכטע — דאָס איז אָבער דער עפּאָס פון דער מענטשלעכער טאַט, די העראָישע באַוועגונג פונם מענטשלעכן טעטיקן לעבן. די יידישע געשיכטע איז אַ וועלט־געשיכטע דער־מיט, וואָס זי דערציילט זייער פיל פון די שלעכטסקייטן און נאַרישקייטן פון דער וועלט־געשיכטע. זי איז דאָס בייזע געוויסן פון דער וועלט־געשיכטע. וועגן די פּאָזיטיווע טאַטן פון יידן אין דער מאַטעריע פון דער וועלט, וואָסער געשטאַלט יידן האָבן גע־געבן דער מאַטעריע, פון דעם דערציילט זי ווייניק. אַפילו דער ווונדערלעכער העראָיזם פון דער יידישער געשיכטע, דער באַ־רימטער קידוש־השם, איז נישט קיין העראָיזם פון טאַט און פון לעבנס־אויפבוי, פון לעבנס־געשטאַלטונג. ער איז דער העראָיזם פון אָפּווער. איבערמענטשלעכע עקשנות זיך נישט אונטערצוגעבן. מיט אַלע כוחות זיך צו האַלטן אויף די אָרימע לעבנס־פּאָזיציעס און צו וואַרטן אויף די פּרימיטיווסטע מענטשלעכע רעכט. פאַר דיווירקלעכע רייכטימער פון דער מאַטעריעלער וועלט זענען די יידן געשטאַנען ווי דורשטיקע מדבר־וואַנדערער פאַר אַ פאַטאַ־מאָרגאַנאַ. רעכט אויף לעבן — דאָס איז דער מאַטעריעלער הויפּט־מאָטיוו פון דער יידישער געשיכטע. וואָס וועט מען טון מיטן לעבן, ווען מ'וועט באַקומען דערצו די רעכט? דערדאָזיקער היס־טאָרישער צילבאַוווסטקייט האָבן יידן קיינמאָל נישט באַוויזן צו געבן אַ געשטאַלט.

אין דערדאָזיקער הינזיכט זענען יידן דער עקסטרעמסטער קעגנזאַץ פון די גריכן. גראַד די אַלטע גריכן זענען דאָס איינ־ציקע פאָלק, וואָס אין זייער היסטאָרישן לעבן האָבן זיי דער־גרייכט די העכסטע סינטעזע צווישן אידעע און מאַטעריע. גריכי־שע קולטור איז געווען דאָס, וואָס פרידריך ניטשע באַצייכנט אייגנטלעך אַלס דעם מהות און באַגריף פון קולטור, נעמלעך: איינהייטלעכקייט פון סטיל אין אַלע דערשיינונגען פון לעבן. סטיל־איינהייטלעכקייט סיי אינם מאַטעריעלן, סיי אין גייסטיקן לעבן פון אַ נאַציאָנאַלן מענטשלעכן קיבוץ. סטיל ווערט דאָ גע־

מיינט אין אַ ברייטערן זין: די מאַטעריעלע עלעמענטן פון דער אָביעקטיווער וועלט, פולשטענדיק באַהערשט און פּאַראיינהייט־לעכט מיט דעם סוביעקטיוון וועלט־געפיל פון די מענטשן. אינעם סטיל אַנטפּלעקן אַלע רעלאַטיוויטעטן זייער אַבסאָלוט וועזן. סטיל איז די מאַטעריאַליזירטע אידעע. סטיל איז די אידעאַליזירטע מאַטעריע. דערדאָזיקער סטיל אַלס קאָסמיש־נאַציאָנאַלע וועלט־באַשוּיוּנג איז געווען דער לעצטער שטאַפּל פון די קלאַסישע גריכן אין דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער געשיכטע. נאָר אויף יענעם שטאַפּל האָט „די אַבסאָלוטע אידעע אינגאַנצן צוריקגעקערט צו זיך אַליין". דער מענטש האָט פאַרגעטערט דעם מענטש. די ליניע פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג איז צוריקגעקומען צו איר אויסגאַנג, דערמיט האָט זי באַקומען די (פּלאַטאָנישע) אידעע — דעם סטיל. ווייל די גריכן האָבן פריי גענאָסן דאָס לעבן און זענען טיף באַנומען־געווען פון דער אידעע, דעריבער איז די סינטעזע צווישן אידעאַליזם און מאַטעריאַליזם געווען דער הויפּט־כאַראַקטער פון דעם גריכישן היסטאָרישן לעבן. סינטעזע און האַר־מאָניע איז אויך געווען דער גאַנצער אופן פון גריכישן לעבנס־שטייגער. די גריכן זענען געווען די גרויסע געפינער אין זייער היסטאָרישן לעבן. אין לעבן און אין דער וועלט האָבן זיי געפו־נען די אידעע פון לעבן און פון דער וועלט. זיי האָבן צוגע־פירט זייער נאַציאָנאַלע געשיכטע צו אירע לעצטע הייכענישן. ווען אַלע האָריזאָנטן זענען שוין געווען פאַר זיי אָפן, זענען זיי אונטערגעגאַנגען, די אַלטע גריכן. אונטערגייין פון היסטאָרישער רייפקייט און אַלט־ווערן פון לעצטן וויסן — אַזוי איז אונטער־געגאַנגען און אַלט־געוואָרן דאָס פאָלק פון די גריכן (דיאַלעקטי־שער ווידערשפרוך). יידן — דורך דער מינדערווערטיקייט פון די עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכע מאָטיוון אין זייער געשיכטע, — האָבן קיינמאָל נישט געקאָנט טאָטאַל באַהערשן די מאַטעריע, אַדורכ־נעמען די מאַטעריע מיט זייער פּסיכיק: פריי אויסלעבן זייער היסטאָריש לעבן אין אַלע אַטריבוטן פון דער עקזיסטענץ און צו־פירן (ווי די גריכן) זייער נאַציאָנאַל וועלט־געפיל — אַלס אַ היס־

טאָרישע גאַנצקייט — צו אַ סינטעטישן אָפּשלוס. (מיר וועט נאָך אויסקומען צו רעדן וועגן יידן און קאַפּיטאַליזם). יעדנפאַלס, אויב די געשיכטע פון דער גריכישער נאַציע איז אַ קלאַסישער בייַשפּיל פון אַ געשיכטע פון היסטאָרישע ג ע פ י נ ע ר, זענען יידן אינם גאַנצן קאָמפּלעקס פון דער מענטשלעכער געשיכטע דער טיפּישער ביישפּיל פון אייביקע ז ו כ ע ר. רויִקייט, סטיל, אינערלעכע האַרמאָניע — מיט דעם צייכענען זיך אויס די, וואָס האָבן ענדגילטיק באַהערשט דאָס לעבן, זיך געזעטיקט אין דער סינטעזע. — די געפינער — זיי האָבן (אין דער סינטעזע) געגעבן אַ קאָנקרעטן היסטאָרישן ענטפער אויף זייער לעבן. דאַקעגן, אומרויִקייט, בענקשאַפט, אומאויפהערלעך ראַנגלען זיך פאַר אַ לעבנס־סטיל — וואָרים זיי האָבן נישט קיין אויסגעשפּראָכענעם סטיל אין זייער לעבן, קאָנען בשום־אופן זייער לעבן נישט געבן קיין געשטאַלט, — דאָס זענען די ז ו כ ע ר. זיי זוכן ערשט דאָס לעבן. זוכן דעם ס ט י ל פונם לעבן. יידן האָבן קיינמאָל נישט געקאָנט אונטערגיין און האָבן אַזוי פאַרעקשנט זיך געהאַלטןביים לעבן, נישט דערפאַר, ווייל זיי האָבן זיך כּסדר אויסגעלעבט היסטאָריש, — זיך אויסלעבן היסטאָריש, הייסט, זיך אויסלעבן סינטעטיש אין דער היסטאָריע, — נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן זייער געשיכטע נישט געקאָנט ע נ ד י ק ן סינטעטיש. ס'איז פאַרבליבן כּמעט די גאַנצע מאַטעריעלע וועלט מחוץ דעם גבול פון דער יידישער היסטאָרישער לעבנס־באַוועגונג און ס'איז יידן בשום־אופן נישט געגעבן־געוואָרן די מעגלעכקייט, מיט דערדאָזיקער מאַטעריעלער וועלט זיך פּ ס י כ י ש צו פאַראייניהייטלעכן און צו באַשאַפן, ווי די גריכן, די סינטעזע צווישן גייסט און מאַטעריע, א י ד ע ע און ג ע ש ט אַ ל ט; אַדורכנעמען די וועלט מיטן אייגענעם גייסט. תּמיד האָבן יידן געמוזט שטיין מיט זייער גייסט אין דרויסן פון דער וועלט. וועלט־פרעמדע. וועלט־זוכער. סטיל־זוכער.

כּדי צו דערקלערן די ס י ב ו ת פון דעם היסטאָרישיידישן אַבסטראַקטן אידעאַליזם, איז גאַנץ איבעריק זיך צו באַנוצן מיט מיסטיש־מעטאַפיזישע באַהויפּטונגען. ס'זענען געווען די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון דער יידישער געשיכטע, וואָס האָבן די

יידן נישט צוגעלאָזט זיך אויסצולעבן מיטן גייסט אין דער מאַ־
טעריע, כּדי זי, די מאַטעריע, צו סינטעטיזירן מיטן גייסט. דאָס
איז געווען די טראַגישע זייט פון די ווערטפולע פּסיכישע אייגנ־
שאַפטן פון דער יידישער נאַציע און די טראַגעדיע פון דער
יידישער געשיכטע: יידן האָבן באַדאַרפן אַריינצובויען זייער
פּסיכיק אין אַ געוואַלדיקער אָרימקייט פון לעבנס־מאַטיוון. יידן
האָבן דעריבער נאָר געקאָנט אָפּטון אַ האַלבע היסטאָרישע אַר־
בעט, — וואָרים זיי האָבן קיינמאָל נישט געקאָנט באַוויייזן אַרי־
בערצוטרעטן די גרענעץ צווישן מאַטעריע און גייסט. יידן האָבן
פאַרמאָגט אַלע פּסיכישע עלעמענטן פון אַ רייכער וועלט־באַשויונג,
נאָר די באַזיס צו דערדאָזיקער באַשויונג — די וועלט — האָבן
זיי נישט פאַרמאָגט, דעריבער איז די יידישע שאַפערישע פּסיכיק
תּמיד פאַרבליבן אין די ספערן פון דער גופלאָזיקייט, פון דער
אַבסטראַקציע. דער פּלאַטאָנישער „אידעע״ — אַזוי־צו־זאָגן — פון
דער יידישער געשיכטע איז דורך די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע
באַדינגונגען צוגענומען־געוואָרן יעדע מעגלעכקייט זיך צו גע־
שטאַלטיקן. טאַקע איבער איר געשטאַלטלאָזיקייט האָט פון דער־
דאָזיקער „אידעע״ קיינמאָל נישט געקאָנט ווערן קיין ה י ס ט אָ־
ר י ש ע ר סטיל, קיין ווירקלעכע קולטור. וואָס דאָס איז אַזוינס,
אייגנטלעך, יידישע קולטור — איז אין דער אמתן זייער שווער
צו דעפינירן. די יידישע קולטור האָט זיך נישט — ווי אַ ווירק־
לעכער קולטור־עלעמענט — פאַראייניהייטלעכט מיטן נאַציאָנאַלן
לעבן. די יידישע קולטור — ד אָ ס י י ד נ ט ו ם — האָט געמוזט
שוועבן ווי אַ „העכערע אידעע״ איבערן היסטאָרישן לעבן פון דער
יידישער נאַציע. דאָרט, ווו דידאָזיקע „העכערע אידעע״ — דאָס
יידנטום — האָט זיך נישט דירעקט פאַרוואַנדלט אין טעאָ־
לאָגיע — און דערמיט געמאַכט די סינאַגאָגע פאַרן איינציקן ווערט־
טרעגער פון יידישן לעבן — איז זי פאַרבליבן אַן אייביקע אי־
דעאַליסטישע בענקעניש, וואָס האָט זיך גופלאָז געפּלאָנטערט
צווישן די אָרימע מאָטיוון פון דער יידישער געשיכטע. ווייל
מ׳האָט דידאָזיקע מאָטיוון־אָרימקייט בשום־אופן נישט געקאָנט
סינטעטיזירן מיט אַ גרויסער היסטאָרישער אידעע, האָט מען זי

אָנגעהויבן צו קאָמפּענסירן מיט דער גופלאָזער אידעאַליסטישער בענקעניש. פון דער נויט – פון דעם נישט קאָנען לעבן – גע-מאַכט אַ טוגנט: זיך אידעאַליסטיש אָפּגעקערט פון לעבן. אידעאַ-ליסטיש געוואָלט קאָמפּענסירן דאָס מאָטיוון-אָרימע „מאַטעריעלע" יידישע לעבן. נישט בלויז די טעאָלאָגיש-רעליגיעזע יידישע ליטע-ראַטור (ווו מ'האָט אַלע ווערטן און האָפענונגען פון דער היסטאָ-רישער יידישער עקזיסטענץ אַוועקגעטראָגן אין „יענער-וועלט" און אין אַ משיחישן „לעתיד לבוא"; פון דער רעאַלער מאָטיוון-אָרימער יידישער געשיכטע געמאַכט נישט מער ווי אַ זינדיקן „פּרוזדור", נעבעך, אַן אָפּקומעניש-עטאַפּ ביז צום „בעסערן" גופלאָזן לעבן „לעתיד לבוא"),–נאָר אויך די וועלטלעכע „אפּיקורסישע" ליטעראַ-טור אויף יידיש האָט ענדלעך די מאָטיוון-אָרימקייט פון דער יידישע עקזיסטענץ געמוזט קאָמפּענסירן מיט אידעאַליסטישע עלעמענטן.

די ערשטע פּרווון פון פּראָפּאַגנער נאַציאָנאַלע ליטעראַטור בײַ יידן – די השכלה-ליטעראַטור (אין עצם אירן איז די השכלה-ליטעראַטור נאָך נישט געווען קיין פּאָזיטיווער אויפבוי פון אַ יידישער קולטור-טאַט: זי איז כמעט אינגאַנצן געווען אַ פּראָפּאַ-גאַנדיסטישער קאַמפּס-אָרגאַן קעגן רבניזם) – די השכלה-ליטעראַ-טור האָט ווי עס איז געקאָנט די מאָטיוון-אָרימקייט – אַלס אַזעלכע – גאָר אויסנוצן פאַר אירע פּראָפּאַגאַנדיסטישע צוועקן: אדרבה, זעט, ווי פאַראָרימט דער אַלטער רבנישער לעבנס-שטייגער האָט דאָס יידישע לעבן. דער טעות איז געווען, נעמלעך, דער, וואָס דער רבנישער מיטלאַלטער (ער שטייט נאָך אַפילו היינט צו טאָג הינטער אונזערע טירן) איז אויך נישט געווען די פּרי-מערע סיבה פון דער יידיש-היסטאָרישער מאָטיוון-אָרימקייט. אויך ער איז נאָר געווען דער פּראָדוקט פון כסדרדיקע עקאָנאָ-מישע באַדינגונגען. די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון דער יידי-שער געשיכטע האָבן קיינמאָל נישט געגעבן גענוג מאַטעריע פאַר דער פּסיכיק פון דער יידישער נאַציע, כדי זי, – די יידישע נאַציאָנאַלע פּסיכיק, – זאָל זיך אויסבויען אין אַ פאָרמאַלער גע-שטאַלטעכקייט; דערגרייכן דורך אַ היסטאָרישער אַנטוויקלונג די

י. י. טרונק, שלום-עליכם, 7.

סינטעזע צווישן דעם סוביעקטיוו־נאַציאָנאַלן וועלט־געפיל פון יידן און דער אָביעקטיוו־באַדינגטער וועלט; אין דערדאָזיקער סינטעזע ענדלעך באַשאַפן דעם יידישן לעבנס־סטיל — די יידישע נאַציאָנאַלע קולטור. שטאַרקע עקאָנאָמישע באַדינגונגען זענען געשטאַנען ווי אַן אייזערנע וואַנט צווישן דער יידישער היסטאָריש־נאַציאָנאַלער פסיכיק און דער אָביעקטיווער מאַטעריעלער וועלט. די יידישע פסיכיק האָט תמיד געמוזט אַ גוף־ און געשטאַלט־לאָזע שוועבן אויף יענער זייט לעבן, זוכן אירע מאָטיוון נישט אין דער רעאַלער היסטאָרישער עקזיסטענץ פון דער נאַציע, נאָר אין פאַרשידענע אַבסטראַקטע ספערן, אין מעטאַפיזישע באַגריפן, געפינען פאַר זיך אַן אינהאַלט און אַן אויסדרוק. די וועגן צו דער וועלט זענען געווען פאַרשלאָסן פאַר דער יידישער פסיכיק,—דער־פאַר זענען פאַר איר פריי־געווען אַלע וועגן צום הימל. ביים יידישן מענטש זענען צוגענומען־געוואָרן די מעגלעכקייטן צו שאַפן זיך, אין שייכות צו זיין וועלט און צו זיין וועלט־פאַר־שטעלונג, דעריבער האָט ער מיט זיין גאַנצן טעמפעראַמענט גע־נומען שאַפן זיך, אין שייכות צו זיין גאָט און צו זיין גאָט־פאָרשטעלונג. אויף דעמדאָזיקן פונקט האָבן זיך אָנגעהויבן אויס־צובויען אַלע זיינע באַציִונגען, אַזוי האָבן עקאָנאָמישע סיבות גע־מאַכט פון יידן אַ פאָלק פון טעאָלאָגיע, אָנשטאָט אַ פאָלק פון הו־מאַניסטישער קולטור.

נאָכדעם ווי די השכּלה האָט באַדייטנדיק אָפּגעשוואַכט דעם טעאָלאָגישן איינפלוס פון די רבנים אויף דער יידישער געזעלשאַפט, האָט זיך אין דער אָפּגעשטאַנענער יידישער מאַסע — די יסודות און פונדאַמענטן פון דער נאַציע — אָנגעהויבן אַ רע־וואָלוציאָנערע באַוועגונג פאַר אַ יידיש־הומאַניסטישן קולטור־רענעסאַנס.*)

אַלס רעזולטאַט פון דערדאָזיקער אַנטשיידנדיקער היסטאָ־רישער באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן אויסצובויען די איינציקע

*) זע מיין ארבעט: „יידישיזם און יידישע געשיכטע" אין „נאָענט און פרעמד", פאַרלאַג „קולטור־ליגע", 1936.

הומאַניסטישע קולטור־טאַט – (נאָך דער ביבל) – פון דער יידישער נאַציע אַלס נאַציע, נעמלעך: אַ ליטעראַטור אויף דער לעבעדיקער שפּראַך פון דער יידישער עקזיסטענץ, – די ליטעראַטור אויף יידיש. עס האָט זיך אָבער ווידער אָנגעהויבן אַרויסצוווייזן די קולטור־טראַגעדיע פון דער מאָטיוון־אָרימקייט פון דער יידישער עקזיסטענץ. דאָס יידישע לעבן אַלס רעאַליס־טישער ווערט! גיט אונז די נאַציאָנאַל־היסטאָרישע קולטור־אידעע אין דעם גבול און אין די רעאַלע מאָטיוון פון דער יידישער עק־זיסטענץ! גיט אונז די פולקומענע היסטאָריש־יידישע פסיכיק אין אַלע לעבנס־אַטריבוטן פון דער נאַציע! – אַזוי האָט געמאָנט דער וועלטלעכער יידישיזם. די ריכטיקסטע היסטאָרישע פאָדערונג. די ליטעראַטור אויף יידיש האָט אָנגעהויבן ערלעך צו דערפילן דידאָזיקע באַרעכטיקטע פאָדערונג. ווו די ווערק פון דער ליטע־ראַטור אויף יידיש זענען געווען דער המשך פון דער השכלה־עפּאָכע (נעמלעך, דאָרט, ווו זיי האָבן נישט געהאַט קיין פּאָזיטיווע באַציִונג צום רעאַלן יידישן לעבן אַלס אַזעלכעס, פאַרקערט, האָבן אויסגענוצט די מאָטיוון פון רעאַלן יידישן לעבן אַלס קאַמפס־מיטל קעגן רעאַלן יידישן לעבן, צ. ב. ש.„– די ווערק פון מענדעלע מו״ס, שאַצקי, לינעצקי, דער יונגער פרץ), – דאָרט איז די מאָטיוון־אָרימקייט פון דער יידי־שער געשיכטלעכער ווירקלעכקייט נאָר געווען די גוטע אילוסטראַ־ציע, ווי ווייט מען מוז זיך באַציִען נעגאַטיוו צו דער גאַנצער יידישער רעאַליטעט; ניין, די טרייסטלאָזע מאָטיוון־אָרימקייט („די יידישע טאָרבע״, ווי מענדעלע מו״ס האָט באַצייכנט דאָס רעאַלע יידישע לעבן) קאָן בשום־אופן נישט זיין קיין פּרוכטבאַרער היס־טאָרישער באָדן. זי פאַרשפּאַרט און שטערט די פרייע אַנטוויקלונג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פסיכיק. אין איר השכלה־פּעריאָד האָט די יידישע ליטעראַטור נאָך נישט געקאָנט ליידן פון דעם גרויסן אינערלעכן ווידערשפּרוך. עס איז געקומען אַ ווייטערדיקער אויפשטייג פון דער יידישער הומאַניסטישער ליטעראַטור. אָנ־שטאָט פּראָפּאַגאַנדיסטישער קאַמפס־ליטעראַטור האָט די יידישע ליטעראַטור אָנגעהויבן צו ווערן אַ פּאָזיטיווע קולטור־טאַט. די

אומגליקלעכע היסטאָרישע נאָדל איז ווידער אַרויס פון זאַק. עס האָט זיך ערשט אַרויסגעוויזן, אַז דער טעאָלאָגישער רעזשים אין לעבן פון דער יידישער נאַציע איז נישט געווען די הויפּט־סיבה, וואָס האָט געמאַכט דאָס רעאַלע יידישע לעבן אַזוי מאָטיוון־אָרים. די פּערמאַנענטע סיבה, וואָס מאַכט די רעאַלע יידישע געשיכטע בכלל מאָטיוון־אָרים, זענען די כסדרדיקע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וואָס גיבן צו ווייניק מאַטעריעלן שטאָף פאַר דער פולקומענער אויסגעשטאַלטונג פון דער יידישער פסיכיק אין תחום פון דער יידישער רעאַלער עקזיסטענץ. אָביעקטיווע ווירטשאַפטלעכע אורזאַכן לאָזן נישט צו די יידישע פסיכיק צו דער וועלט־מאַטעריע. די יידישע היסטאָרישע פסיכיק מוז זוכן אַנדערע, וועלט־פרעמדע מעטאַפיזיש־אידעאַליסטישע שטאָפן פאַר איר אויפבויונג. דאָס איז די הויפּט־סיבה, וואָס במשך פון לאַנגע, לאַנגע דורות איז דאָס לעבן פון דער יידישער געזעלשאַפט אַ לעבן פון אַ וועלט־פרעמדער טעאָלאָגישער געזעלשאַפט. אַ „פּריסטערלעכע“ (רבנישע) נאַציע.

נישט די ווערט־רעזולטאַטן פון דעמדאָזיקן געשיכטלעכן וועג וויל איך דאָ אויף דעם אָרט אָפּשאַצן, נאָר די היסטאָרישע סיבות, וואָס האָבן באַדינגט אַלע גייסטיקע שאַפונגען פון דער יידישער נאַציע. אַז עס זענען געווען די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון דער גאַנצער ווירטשאַפטלעכער סטרוקטור פון דער יידישער געשיכטע, — דאָס, רעכן איך, דאַרף זיין גענוג קלאָר פאַר יעדן ניכטערן באַטראַכטער.

דער רעוואָלוציאָנערער יידישיסטישער הומאַניזם האָט אָנגעוויזן, ווו עס ליגן די אייגנטלעכע פסיכישע עלעמענטן פון יידישער געשיכטע: אין די לעבעדיקע יידישע מאַסן. נאָר אָט־אָ די פסיכישע עלעמענטן זענען פעיִק צו פּאָזיטיווער היסטאָרישער קולטור־טאַט. ריכטיק, די ליטעראַטור אויף יידיש איז געווען דער ווערט־רעזולטאַט פון אַ קולטור־באַוועגונג, וואָס וואַקסט אויפן ריכטיקסטן באָדן. אין דער אָפּשאַצונג פון די כוחות, וואָס באַוועגן און שאַפן די יידישע געשיכטע, איז דער יידישיסטישער שטאַנדפּונקט גע־

װעגן דער אײנציק־ריכטיקער. אין דער סובּיעקטיװער אָפּשאַצונג און באַװערטונג פון יידישער געשיכטע איז דורכן יידישיזם פאָר־געקומען אַ גרױסע רעװאָלוציע. אָבער אין די אָביעקטיװע עקאָ־נאָמישע סיבות, װאָס האָבן באַאײנפלוסט יעדעס יידישע שאַפן, — אין זײ איז נישט פאָרגעקומען קײן שום שִנוי. זײ האָבן כּסדר געװירקט. זײ האָבן געװירקט אױך בײ דער גאַנצער אַנטװיקלונג פון דער נײער הומאַניסטישער ליטעראַטור אױף יידיש. אינם געפיל פון אַ הומאַניסטישער װעלט־באַשױונג האָט זיך שױן איצ־טער די יידישע געשיכטלעכע פּסיכיק געװאָלט געשטאַלטיקן אין די פאָרמען פון אַ מאַטעריעלער עקזיסטענץ: איר כאַראַקטער און אירע באַציִונגען צו דער װעלט סינטעטיש פאַראײנהײטלעכן מיט די רעאַלע שטאַפן פון דער װעלט.—קולטור. עס האָט זיך װידער אַרױסגעװיזן, אַז אָביעקטיװע עקאָנאָמישע באַדינגונגען שטעלן זיך אין װעג צו דערדאָזיקער סינטעזע. די רעאַלע מאָטיװן פון יידישן לעבן זענען צו אָרים, אַז די פּסי־כיק און דאָס װעלט־געפיל פון דער געשיכט־לעכער יידישער נאַציע זאָלן זיך אין זײ אױסבױען אין טאָטאַלער פרײהײט. װידער איז עס געװען די װירטשאַפטלעכע קאָנסטרוקציע פון דער יידישער נאַציע, װאָס האָט באַדינגט דעם אָפּגרונט—נישט־צום־איבּערבּריקן—צװישן מאַטעריע און גײסט. דער טראַגישער „קרע שבלב״ צװישן דעם יידישן שאַפערישן טעמפּעראַמענט און דער מאָטיװן־װינצי־קײט פון דער יידישער װירקלעכקײט, — אָט־אָ דער אײביקער טראַגישער װידערשפּרוך אינם יידישן היסטאָרישן לעבן — ער האָט אױך אין דער הומאַניסטישער יידישער ליטעראַטור געפירט דער־צו, אַז סוף־כּל־סוף האָט מען געמוזט קאָמפּענסירן די װינציקע מינדערװערטיקע רעאַליטעטן מיט אידעאַליסטישע איבּערװערטי־קײטס־עלעמענטן. אױך דעם יידישן הומאַניזם האָבן אָביעקטיװע סיבות אַװעקגעטריבּן פון דער רעאַלער װעלט. אױך דער יידי־שער הומאַניזם האָט זיך, װי אַלע אַנדערע גײסטיקע שאַפונגען פון דער יידישער נאַציע, געמוזט װענדן צו די אידעאַליסטיש־מעטאַפיזישע ספערן, — װו עס האָט אים נישט דערגרײכט די

האַנט פון די שטערנדיקע באַדינגונגען, — כּדי אין די מאַטעריע־לאַזע מאָטיוון אויסצולאַדענען אַלע זיינע מעגלעכקייטן.

אין די שפּעטערדיקע רייפערע ווערק פון י. ל. פּרץ ווערט די רעאַלע (יידישע) וואָכעדיקייט קאָמפּענסירט מיט אַן אידעאַליס־טישער (יידישער) שבת־יום־טובדיקייט. אויסגעלייזט מוז ווערן די (יידישע) וועלט! נאָר — דערדאָזיקער וועלט־אויסלייז ליגט נישט אין די רעאַליטעטן פון דער יידישער וועלט. ר ע אַ ל ע יידישע וועלט? אַך־און־וויי. טרייסטלאָזער דלות. גייס־טיקער דלות. מאַטעריעלער דלות. אָרימע קליינע מענטשעלעך (ביי פּרצן: קליינע יידעלעך) וועגעטירן אין דערדאָזיקער דלותדיקער וועלט. ווילן גאָרנישט. באַדאַרפן גאָרנישט. געהערן גאָרנישט צו דערווירקלעכער וועלט. האָבן וועגן דער ווירקלעכער וועלט די ווינציקסטע השגות. געפּענטעטער ווילן. דידאָזיקע אָרימע יידישע קליינע מענטשעלעך מוזן קאָמפּענסירט־ און אויסגעלייזט־ווערן מיט שבת־יום־טובדיקייט. אָט די פּרצישע שבת־יום־טובדיקייט, וווּ דער יידישער שאַפערישער ווילן זאָל זיך פריי אויסלעבן און דאָס יידישע לעבן זאָל באַקומען זיין ווערט — אַז דאָס איז אַן אידע־אַליסטיש־מעטאַפיזישער אויסוועג, וועגן דעם איז איבעריק מאַריך־צו־זיין. אַזוי האָבן די אָביעקטיווע ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען אויך דאָס הומאַניסטישע יידישע שאַפן געלענקט — אויב נישט דירעקט צו טעאָלאָגישן אידעאַליזם, — איז אָבער צו אַ מין מע־טאַפיזיש־הומאַניסטישן אידעאַליזם.

וואָס מער פּרץ האָט אָנגעהויבן אונטערצושטרייכן דעם היסטאָרישן אידעאַליזם אַלס איינציקן ווערט־מאָטיוו פון דער היס־טאָריש־יידישער אַנטוויקלונג, אַלץ בולטער האָט זיך אַרויסגעוויזן די אינערלעכע קרובהשאַפט גראָד פון דעם פּרציש־אינדיווידו־אַליסטישן אידעאַליזם (וואָס פּרץ וויל אים הומאַניסטיש באַפאַרבן) מיט דער אַלטער טעאָלאָגיש־רעליגיעזער אָנשויונג פון יידישן אי־דעאַליזם. אין זיינע קאָנסעקווענצן פאַרלירט פאַמעלעך פּרצס אי־דעאַליזם זיין הומאַניסטישן כאַראַקטער. ער ווערט אַזוי טראַנס־צענדענט און גופלאָז, אַז אין דערדאָזיקער „הימלישער” גופלאָ־זיקייט זיינער הייבט ער אָן אַפילו צוריקצושוועבן צו די פאַר־

לאָזטע רבניש־טעאָלאָגישע פּאָזיציעס. פּרץ רופט „אין שול אַריין" אין פּרצס טעאָרעטישע שריפטן („אין מיין ווינקעלע") ליגט נישט ווייניק בענקשאַפט צו דער אַלטער, פון אים אַליין, באַקעמפטער פרומקייט.

די דערקלערונג דערפאַר, וואָס פּרצס רייפערע ווערק, — די ווערק פון פּאָזיטיווער קולטור אויף יידיש, — קלינגען־אויס מיט אַזאַ פאַרביסענעם אינדיווידועלן אידעאַליזם, מוז מען אויך טאַקע זוכן אין דער טראַגישער באַדנלאָזיקייט פון דער יידישער רעאַלער עקזיסטענץ. נעמלעך:

פּרץ האָט פאַרענדיקט זיין השכלה־קאַמף. אין רעאַלן יידישן לעבן האָט ער אָנגעהויבן צו זוכן פּאָזיטיווע מאָטיוון פאַר אַ נייער הומאַניסטישער קולטור. די אויסטערלישע מאָטיוון־אָרימקייט האָט פאַר אים אַנטפּלעקט אַ יאָמערלעכע אַנטוישונג. ווו איז די יידישע וועלט (אַלס מאַטעריע) פאַרן יידישן גייסט? אויף וועלכן פעלד וועט ער, פּרץ, איינפלאַנצן דעם נייעם הומאַניסטישן גלויבן? הינטער אים זענען פאַרברענט די בריקן צום יידישן מיטלאַלטער־לעכן (גייסטיקן) לעבנס־שטייגער. אָבער אויך צום שטח פון נייעם באַפרייטן לעבן האָבן זיך איבערגערוקט די דיקע מויערן פון דער אַלטער תּפיסה. פינסטערע שאָטענעס באַגלייטן כּסדר דאָס יידישע געשיכטלעכע לעבן, גרענעצן עס אָפּ, לאָזן נישט איבער קיין אויסגאַנג, קיין אויפאָטעמונג, קיין באַפרייונג. יאוש. האָפענונגסלאָזיקייט. דאָס יידישע רעאַלע לעבן אַלס אָביעקטיווער פאַק־טאָר איז — אַ בית־הקברות. די יידישע מענטשן, וואָס לעבן מכּלומרשט דאָסדאָזיקע יידישע לעבן, זענען מתים, געשפּענסטער, קאָנען גאָרנישט טון און קאָנען גאָרנישט וועלן. טויט און אונ־טערגאַנג — דאָס איז די איינציקע וואָרהייט פון דער יידישער עקזיסטענץ („ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק"). אויף אַזאַ האָפענונגס־לאָזער באָדנלאָזיקייט מוז אַ יעדער — ווי אויף אַן אונטערגייענ־דיקער שיף, — קודם־כּל זען צו ראַטעווען דאָס אייגענע נפש. קיין שום אידעאַליזם וועט שוין נישט ראַטעווען די יידישע וועלט. פון אַ יעדן יידישן אידעאַליזם קוקט סוף־כּל־סוף אַרויס דער אָפּגרונט פון יידישער האָפענונגסלאָזיקייט. איין אויסוועג

איז פאַרבליבן: דער יחידישער יידישער מענטש. די יידישע פערזענלעכקייט איז נאָך בכוח פון זיך אַראָפּצוּוואַרפן אַלע מינדערוואַרטיקע יידישע ווירקלעכקייטן. די יחידישע יידישע פערזענלעכקייט קאָן נאָך אַדורכברעכן די מויערן פון דער יידי־שער תּפיסה. דער יחיד קאָן זיך שאַפעריש באַפרייען דערמיט, וואָס ער וועט זיינע טראַגישע באַציִונגען אַלס יידישער מענטש צו דער יידישער עקזיסטענץ קאָמפּענסירן מיט אַן עקסטרעם־אינדיווידואַליסטישן אידעאַליזם. דער יידישער אי־בער־מענטש — נאָר ער וועט זיין בכוח אויסצוטראָגן אויף זיך אַלע ווערטן און דעם שיקזאַל פון דער נאַציע און קאָמפּענסירן די מאַטיוון־אָרימקייט פון גאַנצן יידישן לעבן מיט דעם, וואָס ער, — דער אויסדערוויילטער יידישער מענטש, — איז אינערלעך ווערטפול. שייכות צווישן דער יידישער געזעלשאַפט און דער יידישער געשיכטע? אָ, ניין. געשיכטע איז דאָס אָבענטויער פון דער גרויסער יחידישער פערזענלעכקייט. יידישער ניטשעאַניזם. דערדאָזיקער מעטאַפיזישער יידישער נעאָ־ניטשעאַניזם, פּרצס, וואָס זאָל זיין אַ תּיקון פאַר אַלע צרות — פון צווישן די שיינע און גרויסע ווערטער זיינע קוקט־אַרויס דער עלענטסטער פּעסימיזם. פּעסימיזם — נישט אַלס אינערלעכער דיאַלעקטישער ווידערשפּרוך פון אַ ווירקלעכקייט, וואָס האָט זיך אַליין איבערגעזעטיקט מיט איר ווירקלעך־זיין, נאָר יאוש און מידקייט פון אומגעשטילטן הונגער נאָך ווירקלעכקייט. פּרצס גלויבן אין דער מעטאַפיזישער שבת־יום־טובדיקייט, איז אַ גלויבן, וואָס קומט נישט פון אַ טי־פערן לעבנס־באַנעמען. די טרויעריקסטע רעזיגנאַציע האָט געבוירן דעם פּרצישן אינדיווידואַליסטיש־אידעאַליסטישן גלויבן. דער מע־טאַפיזישער ניטשעאַניזם פּרצס, אַלס איינציקער אויסוועג פון דער יידישער מאַטיוון־אָרימקייט, איז אַזוי־אַרום ווידער דער פּראָדוקט פון דער יידישער מאַטיוון־אָרימקייט און איז באַדינגט פון דער ווירטשאַפטלעכער קאָנסטרוקציע פון יידישן לעבן.

אַזוי איז אויך דער קאָלעקטיוויסטישער אידעאַליזם פון שלום אַש באַדינגט פון דיזעלבע ווירטשאַפטלעכע סיבות. אויך אַשס אידעאַליזם איז קאָמפּענסאַציע. פאַרן טראַגישן ווידערשפּרוך

(צווישן מאַטעריע און גייסט) איז אַש נישט אַנטלאָפן, ווי פּרץ, צו אַ יידישן איבערמענטש, צו יידישער איבערמענטשלעכקייט — כּדי דערמיט אויסצומיידן יעדע נויטווענדיקייט פון סינטעזע צווישן רעאַלן יידישן לעבן און יידישן שאַפערישן טעמפּעראַמענט.

ערשטנס: שלום אַש איז אַן אָרגאַנישער אָפּטימיסט. סיי אין זיין אָפּטימיזם, סיי אין זיין קינסטלערישן באַנעמען דאָמינירט ביי אַשן דאָס נאַיִווע. דאָס וואַרימע אוממיטלבאַרע געפיל פון נאַיִווער קינדערישער פרייד. אַש זעט דעריבער קיינמאָל נישט קיין זאַכן צוזאַמען מיט זייער אָפּגרונט. אַשס אַלע באַציִונגען פעלט אינטעלעקטועלע פּערספּעקטיוו. יענע איידעלע איראָנישע רייפקייט, וואָס באַהויכט יעדע באַדייטנדיקע קונסט מיט חכמה און מאַכט זי דערמיט גרויס. הגם אַש איז אַלס קינסטלער דורכויס אַן עגאָטישע נאַטור, — אַש קוקט אויף אַלע דערשיינונגען נאָר דורך דער פּריזמע פון זיין אייגן געמיט, — איז ער אָבער נישט קיין פּערזענלעכקייט, וואָס יעדעס וועלט-געפיל פאַרוואַנדלט זיך ביי אים אין אַ באַוווסטזיין וועגן דער וועלט. פּערזענלעכקייט קוקט אויף די וועלט-דערשיינונגען פון שטאַנדפּונקט פון אַ וועלט-באַוווסטזיין. וואָרים פּערזענלעכקייט איז וועלט-באַוווסטזיין. אין זיין עגאָטישקייט טרינקט אַש די פריידהאַפטיקייט פון די דערשיינונגען, ווי אַ בין, וואָס טרינקט דעם האָניג פון בלומען. אַש פילט זיך אָבער נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר קיין שום שיקזאַל. אין שלום אַשס ווערק איז פאַראַן אַ סך שיקזאַלהאַפטיקער עלעמענט, און ס'איז פאַראַן זייער ווייניק שיקזאַלהאַפטיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. די פּערזענלעכקייט, — גראָד ווייל זי פילט זיך מיטבאַוועגט און מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַרן גאַנצן שיקזאַל פון דער וועלט,—גלויבט זי אינם תּחום פון דערדאָזיקער פאַראַנטוואָרטלעכקייט אירער צו קאָנען געבן תּיקון אַלע טראַגישע פּראָבלעמען פון לעבן. אָט-אָ די זעעלישע גרונט-וועזנטלעכקייטן פון יעדן טיפערן אינדיווידואַליזם — אחריות פאַר דער שיקזאַלהאַפטיקייט — האָבן שוין פּרצן ממילא אָפּגעשיידט פון אַשן. וואָס-זשע טוט שלום אַש? די מאָטיוואַרימקייט פון יידישן לעבן קאָמפּענסירט ער דערמיט, וואָס ער פאַרגיסט זי מיט די געפילס-קוואַלן פון זיין וואַרים געמיט: סובּ-

יעקטיווע היימישע דערינערונגען פון זיינע קינדער־יאָרן אונטער דער מאַמעס פאַרטוך (די מוטער־מאָטיוון ביי אַשן); אידילישער אַלטפּאָטערלעכער לעבנס־שטייגער, וואָס בליט אויבנאויפיק און באַשיידן אויף דער טראַגישער יידישער אָרימקייט, ווי עס בליט דער אידילישער גרינער מאָך אויף די צעפאַלענע ווענט פון אַ מפולת, — אָט פון די אַלע וואַרימע סימפּאַטישע געפילן פון היי־מאַטס־בענקשאַפטן, מאָלערישקייטן און דעקאָראַציע, אַבסטראַהירט זיך דער אידעאַליסטישער עלעמענט, מיט וועלכן שלום אַש וויל קאָמפּענסירן די מאָטיוון־אָרימקייט פון דער יידישער ווירקלעכ־קייט. נישט קיין וווּנדער, וואָס אַשס נאָמען ווערט כסדר אידענטי־פיצירט מיט זיין ערשטלינגס־ווערק „אַ שטעטל". דאָס „שטעטל",— הגם עס איז נאָך ליטעראַריש אוּמבאַהאָלפן און עס באַלאַנגט צו די שוואַכסטע לייסטונגען פון שלום אַש, — דעקט עס אָבער זייער אויפריכטיק אויף דאָס קינסטלערישע וועזן אַשס, נעמלעך: אַן אורשפּרינגלעך געפיל פון אוממיטלבאַרער נאַיִוויטעט, מיט וועל־כער ער באַציט זיך צו אַלע דערשיינונגען פון לעבן. נאַיִוויטעט און עגאָטישקייט אין אַ געפילפולער עפּישער פאָרם. שלום אַשן איז ליב, וואַרים און היימיש אין זיינע דעקאָראַטיווע דערינערונ־גען, און עס דוכט זיך אים אויס, אַז ווען מען צייכנט נאָר אַלע לעבנס־דערשיינונגען אין דעם ליכט פון דערדאָזיקער האַרציקער אידילישער עפּיק, — דאַן האָט מען אויסגעשעפּט אַלדאָס וועזנט־לעכע, וואָס אין זיי איז דאָ. האָפענונגסלאָזע טראַגיק? אַש רייסט די שיינע אידילישע בלומען, וואָס וואַקסן איבער די יידישע אָפּ־גרונטן, אָבער ער קוקט נישט אַריין אין די אָפּגרונטן. אין תּוך— אַ טראַגישע פּערזענלעכקייט, האָט זיך פּרץ טראַגיש אָפּגעקערט פון יידישן קאָלעקטיוו. פּרץ איז פול־געווען מיט פּאַראַנטוואָרט־לעכקייט פאַר די קאָנפליקטן אין דער יידישער עקזיסטענץ. אין יידישן קאָלעקטיוו האָט ער נישט געזען די מעגלעכקייט אָט־אָ די קאָנפליקטן — נעמלעך, דעם קאָנפליקט צווישן יידישן לעבן און דער וועלט — ווען־עס־איז צוצופירן צו אַן אויסגלייך. שלום אַש האָט אין דער רויִקייט פון דער אידעאַליסטישער עפּיק קודם־כל געוואָלט באַרויִקן די טראַגישע קאָנפליקטן. שטיל, שיין און גינ־

גאָלדן זענען די וואַסערן פון דער אידיליע, – דאָרט אַהין האָט אַש געוואָלט אַריינפירן די אָרימע יידישע שיף. אין דער אידילי־שער עפּיק קאָן מען לאָזן שטילשווייגן אַלע שיקזאַלן, – וועט אויך דאַן דער שווערער שיקזאַל פון יידישן לעבן נישט מאָגען פון אונז קיין ענטפער און קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ווו פון דעם „אידיליש־האַרציקן" יידישן לעבן האָבן זיך מיט דער גאַנצער גרויזאַמקייט אַרויסגעריסן די גרויסע טראַגישע קאָנפליקטן צווישן דעם יידישן לעבן און דער וועלט, דאָרט האָט שלום אַש אין אַ רעליגיעז־מיסטיציזירנדיקן פּאַטאָס דידאָזיקע קאָנפליקטן איבערגע־רוקט אויפן פּאָן פונם היסטאָרישן קידוש־השם. פון דער שווערער פאַראַנטוואָרטלעכקייט האָט זיך אַש אַרויסגעדרייט מיט דעקאָראַ־טיוון פּאַטעטישן הערא͏ָיזם. ער האָט דער היסטאָרישער יידישער אָרימקייט אָנגעטון בונטע טעאַטראַלע מלבושים, געלאָזט פאַר איר אויפשפּילן טעאַטראַלע פאַנפאַרן און געלאָזט זי פאַראַדירן. אָדער — אין דער יידישער מאָטיוון־אָרימקייט גאָר אַריינגעפירט דעם מאָ־טיוו פונם אַלטן יידישן בטחון. געמלעך: אַזוי ווי קיין שום גע־דאַנק, פּונקט ווי קיין שום טאַט, איז נישט בכוח עפּעס צו ענ־דערן אין דעם טראַגישן מיספאַרהעלטניש צווישן דער יידישער נאַציע און דער וועלט – איז דאָס קלוגסטע און דאָס שענסטע אַז מען לאָזט אַלצדינג איבער אויף גאָטס באַראָט, מען מאַכט פון דער נויט אַ טוגנט און מען פאַרוואַנדלט גאָר די ביטערסטע האָ־פענונגסלאָזיקייט אין דער עקסטרעמסטער האָפענונג. בטחון! פּאַ־טעטיש, שיין און דערהויבן! דערביי לאָזט מען אַראָפּ אַ פּאַנ־טאַסטישן שלייער איבערן טראַגישן פּנים פונם שיקזאַל, מען מאַכט דעם שיקזאַל גופא פאַר אַ דעקאָראַטיווע און פּאַטעטישע פיגור, – כדי ער זאָל קיינעם נישט פאַרביטערן דאָס לעבן. גלויביקער און אומשולדיקער בטחון! דערדאָזיקער רעליגיעזער בטחון־מאָטיוו, – וואָס זאָל זיין דער איינציקער אויסבליק פון אַלע האָפענונגסלאָזע אָרימקייטן פון יידישן לעבן, – איז נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אַן אידעאַליסטיש־מעטאַפיזישע קאָמפּענסאַציע פאַר אָט־אָ די האָפענונגסלאָזע אָרימקייטן. וועגן דעם רעדט שלום אַש אַליין צום סוף פון זיין בטחון־ווערק „קידוש־השם". אויפן לוב־

לינער יריד אינם געוועלב מיט די ליידיקע פּאָליצעס פאַרקויפט דאָס מיסטישע שניידערל בטחון. די בייסיקסטע איראָניע אויף שלום אַשס בטחון, וואָס קאָן נאָר פאַרקויפט-ווערן דאָרטן, ווו אַלע פּאָליצעס זענען ליידיק. שלום אַש גיט דאָ אַליין צו, אַז די ווירט-שאַפטלעכע באַדינגונגען פון יידישן לעבן — די אויסגעליידיקטע פּאָליצעס — זענען די סיבה פון דער גרויסער רעזיגנירנדיקער קאָמפּענסאַציע, — בטחון, — וואָס שלום אַש פּירט-אַריין אַלס אויסגלייכונגס-מאָטיוו צווישן די שווערסטע קאָנפליקטן פון דער יידישער געשיכטע. מאַכט נאָר צו די אויגן, איר יידן, און גלויבט, אַז דער ענדגילטיקסטער אויסוועג פון אַלע אייערע האָפענונגס-לאָזיקייטן איז אַ גרויסע אומבאַקאַנטע האָפענונג, און איך וועל אייך אַדורכפירן דורך אַלע סכנות! דאָס שיינט צו זיין דער אי-דעיִשער הינטערגרונט פון שלום אַשס ווערק. האָבנדיק אין דער האַנט אַזאַ באַדינגונגסלאָזע קאָמפּענסאַציע — אַ בלינדער בטחון איבערן קאָפּ פון אַלע יידישע מאַטעריעלע אָרימקייטן — דאַרף מען נישט זיין קיין אַנטוישטער אין יידישן לעבן און אַנטלויפן, ווי י. ל. פרץ, צו אַ נעאָ-ניטשעאַניזם. בטחון קען נישט קיין אַנטוישונג, און בטחון איז אויך אַ זאַך פאַר דער געמיינזאַמקייט. מיט אַ פול האַרץ פון געפילן און מיט אויגן צוגעמאַכטע פאַר אַלעם שלעכטן קאָן מען דאָס גאַנצע יידישע לעבן פירן אויפן וועג פון דער בטחונדיקער קאָמפּענסאַציע. אַלע יידישע מענטשן. דעם גאַנצן יידישן קאָלעקטיוו. זאָלן אַלע יידישע הערצער אויפ-ציטערן אין אמונה און אין גלויבן: עס גייט דער בטחון. מען דעקאָרירט נאָך דעם נאַקעטן בטחון, — וואָס „רעזיגנירט" פון אַלע אַנטוישונגען — מיט די פאַרביקע געווענדער פון העראָיִזם און קידוש-השם, יאָ — און מען גייט גאַנץ האָפערדיק און מיט אַ לייכט געמיט פאַרביי פאַר אַלע שטרויכלונגען.

## III

אויף אַן אַנדער אָרט*) האָב איך מיך באַמיט גענויער און ברייטער אָפּצושאַצן די קינסטלערישע רעזולטאַטן און די זייער ווערטפולע דערגרייכונגען פון שלום אַשס שאַפערישן שטייגער. דאָ וויל איך נישט מער ווי אָנווייזן אויף דער ווירטשאַפטלעכער אַטמאָספערע פון דידאָזיקע רעזולטאַטן. יעדער איינער, וואָס גייט באַוווּרטן, אָדער שאַפן עטוואָס באַדייטנדיקס און פּאָזיטיווס פון די רעאַלע מאָטיוון פון דער יידישער עקזיסטענץ, מוז — כדי אָט־אָ די מאָטיוון צוצוגעבן וואָגיקייט און באַדייטונג — זיי דורכויס קאָמפּענסירן מיט אידעאַליסטישע עלעמענטן. דאָס איז די אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט. נאָר אַזוי באַקומען די מאָטיוון א היסטאָרישן ווערט. פאַרפאַלן, די יידישע אָרימקייט — די מאַטעריעלע מינדערווערטיקייט אונזערע — מאַכט אונז, יידן, פאַר אידעאַליסטן און מעטאַפיזיקער. יידישער רעאַליזם צי נאַטוראַליזם (דאָס הייסט: געבן קינסטלעריש די רעאַלע מאָטיוון פון יידישן לעבן אַלס אַזעלכע, אָן שום אידעאַליסטישער קאָמפּענסאַציע) אונטערשיידט זיך פון רעאַליסטישן שאַפן אין אַנדערע ליטעראַטורן. אין היסטאָרישן לעבן פון אַנדערע פעלקער איז פאַראַן דאָס גלייכגעוויכט צווישן דעם גייסטיקן טעמפּעראַמענט פון דער נאַציאָנאַלער געזעלשאַפט און די מאַטעריעלע און ווירטשאַפטלעכע אַטריבוטן פון דער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ. די מאַטעריעלע וועלט, אין וועלכער די נאַציע לעבט, איז פריי דורכגענומען מיט

*) זע י. י. טרונק: „אידעאַליזם און נאַטוראַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור“.

אַלע פּסיכישע באַציִונגען פון דער נאַציע צו דער וועלט בכלל. די רעאַליסטישע שאַפונגען אין די נישט־יידישע ליטעראַטורן, — דורך דעם, וואָס אין רעאַלן לעבן גופא האָט זיך די נאַציאָנאַלע פּסיכיק אויסגעבויט מיט אַלע אירע באַציִונגען — טראָגן אין זיך דעם גאַנצן מהות און אַלע (פּלאַטאָנישע) אידעען פונם נאַציאָנאַלן וועלט־געפיל; פון היסטאָרישן כאַראַקטער. אידעאַליזם און נאַטו־ראַליזם זענען נישט קיין פראַגן פון נויטווענדיקייט, נישט קיין פראַגן פון וואָסער־עס־איז קאָמפּענסאַציע, מיט וועלכער מען פאַר־דעקט עפּעס אַן אָרימקייט. אידעאַליזם און רעאַליזם זענען די פּראָבלעמען פונם פרייען קינסטלערישן אויסוואַל, פון דער שולע און ריכטונג, פון דעם קינסטלערישן שטאַנדפּונקט. וועלט־באַנעם פון דעם אָדער יענעם קינסטלער. דערקעגן אָבער, קאָן אַ הוילער יידישער רעאַליזם בשום־אופן נישט מאַניפעסטירן אין זיינע מאָ־טיוון די טאָטאַלקייט פון נאַציאָנאַל־געשיכטלעכן יידישן מהות, — טאַקע דעריבער, ווייל דערדאָזיקער מהות קאָן זיך (אי־בער ווירטשאַפטלעכע סיבות) נישט אויסשעפּן אין די רעאַלע מאָ־טיוון פון דער יידישער עקזיסטענץ. דאָס פּאָזיטיווע אינם געשיכט־לעכן טעמפּעראַמענט פון דער יידישער געזעלשאַפט, אַלע גייסטי־קע מעגלעכקייטן, וואָס זענען נאָר לאַטענט אין איר, מוזן גופא שוועבן (ווידער איבער ווירטשאַפטלעכע סיבות) אין אַן אַבסטראַק־טער אידעאַליסטישער אַטמאָספערע מחוץ די מאַטעריעלע דערשיי־נונגען פון טאָג־טעגלעכן יידישן לעבן. אויב אַ קינסטלער האָט נישט דאָס שאַפערישע איינזעען, אָדער בכלל נישט דעם כוח אָט־אָ די, אין איר אַנטוויקלונג אָפּגעשטאַנענע יידישע „מאַטעריע", צו דערגאַנצן מיט דעם גייסטיקן שלל פון היסטאָריש־יידישן מהות, — וואָס איז פאַרבליבן אַלס אידעאַליסטישער עלעמענט מחוץ פון איר רעאַלן תחום, — דאַן קאָן מען אַזאַ קאָנקרעטן, נישט־קאָמפּענסירטן יידישן רעאַליזם בשום־אופן נישט באַצייכענען אַלס אַ פולווערטיקן רעאַליסטישן שטייגער. ער איז נישט פול־ווערטיק — ווייל ער איז נישט דער טרעגער פון די פולע ווערטן פונם נאַציאָנאַלן דאָזיין. ער דריקט זי נישט אויס, די יידישע נאַציאָנאַלע ווערטיקייט, אין זיינע מאָטיוון. ניין. גיכער איז דאָס

אַ שפּלער און מינדערוועדטיקער רעאַליום. וואָרים מיט דעם, וואָס ער ווייזט אונז די נאַציאָנאַלע לעבנס־דערשיינונגען אַלס פאַר־קריפּלטע, — אין זייער פרייער אַנטוויקלונג געהעמטע וועזנס, — אַלס צוריקגעדרענגטע פון די פרייע באַציִונגען צום לעבן, — מיט דעם ווייזט ער אונז נאָר, אַז דאָס זענען האַלבע זאַכן פון יידישן לעבן, ראַכיטישע אָרגאַניזמען, פאַרשנורעוועטע אין סדום־בעט־לעך. און אויב ס'איז ווירקלעך פאַראַן וואָסער־עס־איז ווערטפול־קייט אין יידישן נאַציאָנאַלן לעבן, האָבן נישט דידאָזיקע רעאַלע מאָטיוון אין זיך די ווערטפולע לעבנס־אַטריבוטן פונם נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם. העכסטנס קאָן מען אַרויסדרינגען דערפון, אַז מיר, די אַלע, וואָס באַציִען זיך פּאָזיטיוו צו דער יידישער נאַציע, לעבן אין אַ טעות, וואָרים דער לעבנס־עלעמענט פון דער יידישער נאַציע איז בכלל אַ מינדערוועדטיקער. אפשר איז טאַקע די יידי־שע נאַציע אַ מינדערוועדטיקע? מ'קאָן זיין גאַנץ אָביעקטיוו צו יידן, אָבער מ'מוז אַפילו דאַן צוגעבן, אַז די יידישע נאַציע איז בשום־אופן נישט מינדערוועדטיק אַלס אַבסאָלוט געשיכטלעכער עלעמענט, זי איז ווערטפול אין איר היסטאָרישן טעמפּעראַמענט, זי איז נאָר מינדערוועדטיק אין די מאָטיוון פון איר רעאַלן לעבן. מ'מאַכט אויך מיט גאָרנישט נישט בעסער, ווען אָנשטאָט דעם קרענק־לעך־רבנישן טיפּוס, ווי, למשל, ביי מענדעלע מו״ס. פירט מען אַריין אַלס רעאַליסטישן מאָטיוו די ברוטאַלע, מכלומרשט „גע־זונטע”, נאַטוראַליסטישע טיפּן פון דער יידישער גאַס (ווייסנ־בערג און די ווייסנבערגישע שולע). ברוטאַליטעט מאַכט נאָך נישט דעם רעאַליזם פולווערטיק. דער רעאַליזם ווערט פולווער־טיק נאָר דאַן, ווען ער ווערט פול מיט ווערטן, דאָס הייסט: ווען ער איז בכוח אויסצוטראָגן אין זיינע עלע־מענטן די פולקייט פון פּסיכישע באַציִונגען, דעם לעבנס־סטיל און דעם היסטאָרישן כאַראַקטער פון דער נאַציאָנאַלער געזעל־שאַפט. אייגנטלעך דאָס, וואָס דערדאָזיקער כאַראַקטער און לעבנס־סטיל ווענן מיט זייערע אייגנשאַפטן אין דער שיקזאַלפולער באַ־וועגונג פון לעבן. עס גייט נישט אין דעם, וואָס דער רעאַליס־טישער יידישער טיפּוס פון מענדעלע מו״ס איז אַ שנאָרער, אַ

בטלן, אַ באַנק־קוועטשער, אַ פּראַצענטניק און אַ טויגעניכטס, און די ווייסנבערגישע רעאַלע פיגור איז על פּי־רוב — אַ געזונ־טער ברוטאַלער יונג, וואָס קאָן אַליין אויפּפרעסן אַ טאָפּ מיט צימעס, אָדער גאָר דעם שטאַרקסטן גוי גוט אָנברעכן די ביינער. זייער מינדערוואַרטיקייט איז אַ היסטאָרישע. נעמלעך: זיי ביידע, (די מענדעלשע און די ווייסנבערגישע טיפּן), סיי אַלס רעאַליסטי־שע פיגורן, סיי אין זייערע לעבנס־פונקציעס אַלס רעאַליסטישע פיגורן, ווען זיי גאַרנישט אויף יענער וואָג־שאָל, ווו עס וועגט זיך דער שיקזאַל פון דער וועלט. זיי זענען נישט, אין זייער וועזנס־עלעמענט, קיין סינטעטישע איינהייט מיט דער שיקזאַלפו־לער באַוועגונג פון לעבן. זיי זענען עגאָצענטריש. עגאָצענטריש טאַקע דעריבער, ווייל זיי זענען מינדערוואַרטיק. אויך זייערע ליידנשאַפטן זענען סעקסועל, נישט עראָטיש. בלויז עראָס רופט דעם שיקזאַל. נאָך נישט יעדער ברוטאַלער „ערדישער" נאַטו־ראַליזם האָט אין זיך אַן אויסבליק צו וועלט־שיקזאַל, — און האָט דערמיט די טענדענצן, זיך אין אים, אינם שיקזאַל פון דער וועלט, אויפצולעזן אַלס לעבנס־פּראָבלעם. ס'איז נישטאָ קיין באַ־דייטנדיקע קונסט אָן אויסבליק צום וועלט־שיקזאַל. באַדייטנדיקע קונסט באַנעמט די וועלט אין איר שיקזאַלהאַפטיקייט, און אין יענער שיקזאַלהאַפטיקייט ליגן די לעצטע וועגן פון דער קונסט און אירע טיפסטע ווערטן. אויף אַן אַנדער אָרט האָב איך מיך ברייטער אָפּגעשטעלט אויף די קינסטלערישע רעזולטאַטן פון רעאַליזם און נאַטוראַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור, און איך וויל מיך נישט דאָ איבערחזרן. יעדנפאַלס וועט דאָ נישט פעלן קיין שום גוטער ווילן צו מאַכן פולוואַרטיק דעם יידישן רעאַ־ליזם: צום גוטן ווילן מוז מען אויך האָבן די אָביעקטיווע באַ־דינגונגען, — כדי פון דעם גוטן ווילן צו מאַכן פּאָזיטיווע ווירקלעכ־קייט. אין אַ נישט־סאָציאַליסטישער און נישט־קלאַסנלאָזער מענטש־לעכער געזעלשאַפט האָבן מיר, יידן, בשום־אופן נישט — און מיר וועלן אויך נישט האָבן — קיין ריכטיקע אָביעקטיווע באַ־דינגונגען פאַר אַ פולשטענדיקן יידישן רעאַליזם. די אָביעקטיווע באַדינגונגען אין דער נישט־סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט — ווו

מיר יידן האָבן נישט גענוג מ אַ ט ע ר י ע פאַר אונזער פ ס י-כ י ק, און דעריבער קאָנען מיר אונזער היסטאָרישן טעמפעראַמענט נישט אויסלאַדענען אין אונזער היסטאָרישער מאַטעריע; זיי טרייבן — אָט-אָ די מאַטעריעלע סיבות — דאָס יידישע שאַפן אויף אידעאַליסטישע וועגן דאָרט וויל עס זיך דערגאַנצן. וואָרים פולווערטיק קאָנען מיר זיך נאָר אידעאַליסטיש קאָמפענסירן פאַר דער מינדערווערטיקער מ אַ ט ע ר י ע.

י. י. טרונק, שלום-עליכם, 8.

## IV

פון אַנדערע באַדייטנדיקע יידישע שריפטשטעלער שיידט זיך אויס שלום־עליכם דערמיט, וואָס ער קאָמפּענסירט נישט די רעאַליסטישע מאַטיוון פון יידישן לעבן מיט אַבסטראַקטע אידעאַליסטישע עלעמענטן מחוץ פון זייער תחום. די רעאַלע מאַטיוון פון יידישן לעבן גופא און די טרעגער פון דידאָזיקע רעאַלע מאַטיוון, — די נאָמענלאָזע און וואָכעדיקסטע יידישע גראָקייט, די יידישע קליינע מענטשעלעך — זיי לעזט שלום־עליכם אויף אינם אַבסטראַקטן אידעאַליסטישן שפּיל. אַפילו דעם קאַרגן מאַטעריעלן באָדן, אויף וועלכן זיי שטייען יאָ, מאַכט ער לויז אונטער זייערע פיס, נעמט אים צו יעדע שווערקראַפט, מאַכט אים לופטיק און שפּילעוודיק. רוים, צייט אין אָרט, אין וועלכע די יידישע קליינע מענטשעלעך לעבן און באַוועגן זיך, די קויזאַליטעט, וואָס באַהערשט זיי,—פאַרוואַנדלט שלום־עליכם אין עולם־הדמיון, אין שפּיל, אין האָקוס־פּאָקוס, אַבסטראַקציע און הוריות. אין דערדאָזיקער — פון אַלע רעאַלע עלעמענטן אַרויסגעהויבענער וועלט — איז דער אידעאַליזם נישט עפּעס קיין אידעיִש־מעטאַפיזישע וועזנטלעכקייט. קיין איבערווירקלעכקייט. — דער סתם־טראַנסצענדענטאַלער אידעאַליזם — דער איבער־ווירקלעכער אידעאַליזם—באַהויכט, ווי אַ הימל, די רעאַלע ווירקלעכקייט, באַלייכט דאָס ווירקלעכע, פאַראינערלעכט דאָס ווירקלעכע, באַפאַרבט די קאָנטורן און דאָס זע־פעלד פון די רעאַליטעטן מיט אַן אידעאַליסטישן קאָלאָריט; דערביי פאַרבלייבט, פונדעסטוועגן, דאָס ווירקלעכע אין זייַנע באַזונדערע ווירקלעכקייטס־אַטריבוטן. עס ווערט נישט בטל דער קאָנקרעטער דואַליזם צווישן אַב־

סטראַקטן אידעאַליזם און דער קאָנקרעטערווירקלעכקייט, — ווי אינ־טים זיי זאָלן נישט זיין צווישן זיך און ווי סינטעטיש זיי זאָלן נישט זיין פאַראייינהייטלעכט.

ביי שלום־עליכמען איז דאָס אידעאַליסטישע וועלט־געפיל ראַ־דיקאַל אַן אַנדערס; נישטאָ דאָ קיין סינטעטישע שותפותדיקייט צווישן מאַטעריע און אידעע. דער אידעאַליזם — אַלס קאָסמישע און היסטאָרישע אייגנשאַפט — איז דאָ דער איינציקער, דער פרימיטיווי־סטער, דער פרימערער עלעמענט און דער לעבנס־כּוח פון די עק־זיסטענצן, וואָס ער שילדערט אין זיינע ווערק. דידאָזיקע שלום־עליכמישע עקזיסטענצן — אַלס רעאַליטעטן גופא — האָבן נישט אין זיך די אייגנשאַפטן און אַטריבוטן פון אייגנטלעכע רעאַליטעטן. זייער רעאַל־זיין איז נישט דאָס זיין, נאָר דער שיין פון אַ נישט־רעאַלן טעמפּעראַמענט, וואָס לעבט הינטער דידאָזיקע רעאַליטעטן, באַוועגט זיי, זאַמלט זיי, לאָזט זיי צעפּלעפּן אין אַבסטראַקטן ריטם. דאָס איז אַן אידעאַליזם, וואָס האָט נאָך נישט דאָס אידעיִשע באַוווּסטזיין וועגן זיך און וועגן זיין מהות. אין זיין בלינדער אורשפּרינגלעכקייט און אין זיין רויער קאָסמישער פאָרמלאָזיקייט שפּילט זיך אָט־אָ דער אידעאַליזם נאַיִוו מיט זיינע אייגענע קרעפטן. שלום־עליכמס רעאַליטעטן זענען נישט מער ווי די שיינהאַפטיקע, — פון אַלע מאַטעריעלע געזעצן אַרויסגעהויבענע, — פאָרם־געשטאַל־טונגען פון דעם עלע מענטאַרן, נישט־באַוווּסטזיניקן אידעאַליזם.

פון דעמדאָזיקן פּרימיטיוו־אידעאַליסטישן עלעמענט זענען געשאַפן שלום־עליכמס אַלע פיגורן, אַלע זייערע באַוועגונגען, אַלע סיטואַציעס.

די באַהויפּטונג, אַז כּדי ווערטפולער צו מאַכן זייערע מינ־דערווערטיקע רעאַלע לעבנס־מאָטיוון, מוז מען אַלע שאַפּנדיקע און טוענדיקע פיגורן אין דער יידישער ליטעראַטור דער־גאַנצן מיט דעם אידעאַליסטישן טעמפּעראַמענט, וואָס איז פאַר־בליבן מחוץ פון זייערע רעאַלע לעבנס־מאָטיוון — דידאָזיקע נויט־ווענדיקע באַהויפּטונג איז אויף די שלום־עליכמישע יידישע מענטשן אָרגאַניש נישט חל. מינדערווערטיקע ווירקלעכקייט? מ׳קאָן נאָר באַווערטן און אָפּשאַצן ווירקלעכקייטס־מאָטיוון, ווען

דידאַזיקע מאָטיוון האָבן די טענדענצן און די אַמביציעס צו זיין די זאַמלפּונקטן און די פונדאַמענטן פון וואָסער־עס־איז רעאַלער עקזיסטענץ. אויב זיי זענען, וויניקסטנס, אָט־אָ־די מאָטיוון, רע־אַלע, מיט זיך ערנסט געמיינטע דערשיינונגען פון לעבן. די שלום־עליכמישעווירקלעכקייטן האָבן גאָר נישט די פּרעטענזיע אַפילו צו זיין פּאָזיטיוו און ווירקלעך. זיי נעמען זיך אַליין נישט ערנסט אַלס וואָסער־עס־איז וואָגיקע רעאַליטעטן. זיי וועגן גאָרנישט, — נישט דערפאַר, ווייל די סינטעזע צווישן זייערע פּסיכישע באַ־ציִונגען און די רעאַלע אַטריבוטן פון זייער מאַטעריעלער עקזיס־טענץ איז אַ מינדערווערטיקע און האָט נישט קיין באַדייטונג אַלס היסטאָרישער פּראָצעס, — נאָר דערפאַר, ווייל דידאַזיקע ווירקלעכ־קייטן האָבן בכלל נישט קיין רעאַלע אַטריבוטן. ס'איז וואָגלאָזע סוב־סטאַנץ. זיי זענען די רעפלעקסן פון אַן עלעמענטאַרן וועלט־היס־טאָרישן אידעאַליסטישן אינסטינקט, וואָס וויל זיך מאַניפעסטירן אין די כלומרשט־רעאַלע קאָמפּלעקסן פון אַ היסטאָרישער באַוועגונג און שפּילט זיך לייכטזיניק מיט זיינע אייגענע ווירקלעכקייטס־מאָטיוון. גראָד אין אָט־אָ די „עקזיסטירנדיקע" רעאַליטעטן ווערט נעגירט אַלדאָס רעאַלע. נאָר אין זייער אידעאַליסטישן לעבנס־אינסטינקט — און נישט אין דער רעאַל־געלעבטער ווירקלעכקייט זייערער — ליגט די היסטאָרישע פּאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די שלום־עליכמישע פיגורן. שלום־עליכמס הומאָר, וואָס איז נאַיִוו אין זיין לעבנס־באַנעמען און שקאָציש אין זיינע לעבנס־באַוועגונגען, דריקט טאַקע אויס אין דער סענטימענטאַלער נאַיִוויטעט זיין אידעאַליס־טישן מקור און אין דעם גראָטעסקן גוטמוטיקן קאָמיזם — זיין אי־נערלעכע ביטול־באַציִונג צו זיין אייגענעם רעאַל־זיין.

מיט די שווערע און ספּעציפישע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וואָס דעצידירן אַזוי שיקזאַלפול וועגן מהות פון היסטאָרישן יידישן מענטש, — מיט זיי מיידט שלום־עליכם אויס אַלע טראַ־גישע און האָפענונגסלאָזע קאָנפליקטן. די קאָנפליקטן גייט ער אויס דעם וועג, נישט דערמיט וואָס ער עלימינירט־אַרויס פון זייער תחום גאַנצע מאַסן פון היסטאָרישן טעמפּעראַמענט פון דער יידישער נאַציע, כדי (איבערן קאָפּ פון דער שלעכטער יידישער

עקאָנאָמיק) צו באַשאַפן פון דעמדאָזיקן בלויזן טעמפעראַמענט אַליין שוין עפּעס אַ ספּעציעלע אידעאַליסטישע יידישע דערהויבנ־קייט. אַזוי האָבן געטון פּרץ און אַש. שלום־עליכם טוט פּונקט קאַפּויער: גראָד אין דעם מאַטעריעלסטן פון דער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, אין דער טאָג־טעגלעכער יידישער גראָקייט און אין דעם טרעגער פון דערדאָזיקער גראָקייט — דעם נאָמענלאָזן יידישן קליינעם מענטשעלע מיט זיינע קליינע השגות — אין די עלע־מענטאַרסטע שיכטן פון דער יידישער געזעלשאַפט פירט ער אַריין דעם פּרימיטיוו־אידעאַליסטישן אינסטינקט אַלס דעם הויפּט־מאָטיוו פון אַלע לעבנס־באַדינגונגען. אָביעקטיווע עקאָנאָמישע באַדינגונ־גען טרייבן די יידישע געזעלשאַפט אַוועק פון דער מאַטעריע. נו — איז וואָס־זשע? די שלום־עליכמישע יידישע געזעלשאַפט ווערט נישט אין אירע לעבנס־מאָטיוון אָרימער פון דעמדאָזיקן מאַטעריע־הונגער. היסטאָריש מאַכט זי אויך פון דער נויט אַ טוגנט, אָבער אין דערווירקלעכקייט ציט זי פאַר זיך די עקס־טרעמסטע קאָנסעקווענצן; שלום־עליכמס יידישע געזעלשאַפט רוקט זיך מיט איר גראָער מאַסע און מיט איר גראָער טאָג־טעגלעכקייט פּסיכאָלאָגיש אַריבער אויף אַ גאַנץ אַנדערער דימענסיע,—אויף אַ דימענסיע, וווּ אַן עלעמענטאַרער אידעאַליסטישער אינסטינקט באַ־הערשט אַלע אַטריבוטן און אַלע קעמערלעך פון לעבן, — גראָד פון דעם מאַסן־לעבן. די שלום־עליכמישע מאַסע גופא נעגירט פּסיכאָלאָגיש די מאַטעריע אַלס לעבנס־יסוד. לעבנדיק אין דער מאַטעריע, לעבט שלום־עליכמס מאַסע מן־הצד פון דער מאַ־טעריע, האָט נישט דעם מינדסטן חוש פאַר די קאָנקרעטע אייגנ־שאַפטן פון דער מאַטעריע, וואָס שטעלט זיך כסדר אַקעגן דעם מענטשלעכן סוביעקט און מוז ערשט באַצווונגען־ווערן פון די מענטשלעכע באַציִונגען.

די שלום־עליכמישע מאַסע באַנעמט גאָר נישט די מאַטעריע אַלס רעאַלע סובסטאַנץ און לעבט אויך איר טאָג־טעגלעך לעבן אין אַבסטראַקטע הינערפלעט. זי פאַרקריכט אין אירע אייגענע אַבסטראַקציעס, ווי אַ זייד־וואָרעם אין זיין געשפּין. אויף די באָדנ־לאָזע אַבסטראַקציעס פון איר אייגענעם ווילן — עלעמענטאַרער

אידעאַליזם — בויט זי אויס אירע באַציִונגען, פאָרשטעלונגען און פאַרלאַנגען צו דער וועלט. מנחם־מענדל איז דער בולטסטער באַ־וויַיז, ווי אַזוי דער שלום־עליכמישער יידישער מענטש שטעלט זיך מיט ביידע פיס אויפן אַבסטראַקטן, נעמט־אָן דאָס אַבסטראַקטע ווי דעם איינאונאיינציקן עקזיסטירנדיקן עלעמענט, פאַסט־צו אַלע זיינע אייגנשאַפטן, זיין לעבנס־אינסטינקט נאָר צום אַבסטראַקטן; בויט־אויס זיין גאַנצן כאַראַקטער לויט די אַטריבוטן און דעם מהות פון אַבסטראַקטן. די דימענסיעס פונם רעאַלן זענען פאַר מנחם־מענדלען אַבסאָלוט פרעמד. ער האָט נישט פאַר זיי דאָס מינדסטע געפיל. אין די דימענסיעס פונם רעאַלן איז מנחם־מענדל אַ ווען פון אַן אַנדערער דימענסיע, — די דימענסיע פונם אַבסטראַקטן. דער קאָמיזם פון מנחם־מענדלס פיגור שטאַמט אויך נאָר דערפון, וואָס מנחם־מענדל דרייט זיך אַרום אין די רעאַ־ליטעטן ווי אַ נפש פון אַן אַנדערער וועלט. מנחם־מענדל רעאַ־גירט אויף די רעאַליטעטן, — מיט וועלכע ער קומט אין באַ־רירונג, — נישט לויט די אייגנשאַפטן פון דידאָזיקע רעאַליטעטן, נאָר לויט דער אַבסטראַקטער אַטמאָספערע, וואָס מאַכט אים, מנחם־מענדלען, אינערלעך פול. ווען די האַנדלונגען פון אַ פער־זאָן שטייען נישט אין פ ס י כ י ש ן איינקלאַנג און אין לאָגישן צוזאַמענהאַנג מיט דער אַרומיקער רעאַלער וועלט (לאָגיק איז אויך נאָר דער פּראָדוקט פון פסיכישער וואַכקייט), דאַן ווירקן אַזעלכע האַנדלונגען קאָמיש. קאָמיש זענען תמיד מעשים, וואָס געשעען אָן שום באַציִונג צו די רעאַלע געזעצן פון זייער סביבה. מיר לאַכן פון מנחם־מענדלען, וואָרים זיינע חושים, וואָס רעאַגירן אַ ב ס ט ר אַ ק ט אויף דער טאָג־טעגלעכקייט, ווידערשפּרעכן אונ־זערע חושים, וואָס רעאַגירן אויף דערזעלבער טאָג־טעגלעכקייט ר ע אַ ל. מנחם־מענדלס אייביקע אומדערפאָלגן אין זיינע האַנד־לונגען שטאַמען אויך נאָר דערפון, וואָס מנחם־מענדלס בליקן זענען כסדר געווענדט אין זיך אַריין, אין זיין סוביעקטיוון „הלך־נפש", אין זיינע פּערזענלעכע פאָרשטעלונגען וועגן דער וועלט. ער איז אָבער, ווי יעדער אומפאַרבעסערלעכער אידעאַליסט, פול־שטענדיק בלינד צו דער וועלט, ווי זי איז אין עצם פון איר

מאַטעריעלן באַשטאַנד, צו דער וועלט נישט אַלס פּ אָ ר ש ט ע־לונג, נאָר אַלס ווי ר ק ל ע כ ק יי ט. דעריבער ווערט מנחם־מענדל געשטרויכלט אין זיינע וועגן, ווי יעדער, וואָס גייט דורך דער וועלט מיט צוגעמאַכטע אויגן. מנחם־מענדל איז נישט דער איינ־ציקער פּאַרשוין ביי שלום־עליכמען, וואָס האָט אַזאַ אָרגאַנישע אידעאַליסטישע טבע. דערדאָזיקער אָרגאַנישער, אורשפּרינגלעך־אידעאַליסטישער אינסטינקט באַהערשט טאָטאַל די גאַנצע מאַסע פון שלום־עליכמס יידן. אין דער וועלט אָריענטירן זיי זיך אַלע מיט מנחם־מענדלס חושים, דערליידיקן אויף דעמזעלבן מנחם־מענדלשן אופן זייערע עסקים מיטן לעבן, דרייען זיך אַרום אין הינערפּלעט, אין הוריות, יאָגן זיך תּמיד נאָך נעכטיקע טעג. ניין, מנחם־מענדל איז נישט דער אויסנאַם, ער איז נאָר איין מנחם־מענדל, איין קליין חלק פון אַ גאַנצער מנחם־מענדלשער וועלט — די יידישע וועלט אינם וועלט־געפיל פון שלום־עליכם. שלום־עליכם פירט־אַריין דעם אידעאַליזם אַלס באַשטימענדיקן און דע־צידירנדיקן כאַראַקטער־עלעמענט פון דער יידישער מאַסע — מיט דעם מיידט ער נאָך נישט אויס די ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַלע טראַגיק. קינסטלעריש אָבער, גיט ער זיך אַן אויסטערלישע עצה מיט דעם האָפענונגסלאָזן אָפּגרונט צווישן יידישער מאַסע און יידישער פּערזענלעכקייט, צווישן „מאַטעריע" און „גייסט", צו וועלכן אַלע יידישע שריפטשטעלער — אַפילו די, וואָס זענען באַדינגונגסלאָזע אידעאַליסטן — זענען צוגעקומען און בשום־אופן נישט געקאָנט געפינען דעם ריכטיקן איבערגאַנג. שלום אַשס „ליידיקע פּאַליצעס" זענען געוועזן די אייביקע אַנטוישונגען פאַר אַלע גלויבונגען פונם יידישן קינסטלער. אויף יענע אָרימע פּאַלי־צעס האָט דער יידישער שריפטשטעלער, ביי אַלע זיינע האָפע־נונגען, סוף־כל־סוף מער נישט געקאָנט געפינען ווי אַביסל אינדי־ווידואַליסטישן נעאָ־ניטשעאַניזם פאַר אַ יידישן איבערמענטש, אָדער גאָר,—דעם אַלטן, ליבן יידישן בטחון, וואָס זאָגט גאָרנישט, וואָס ווערט אפשר אָפּ און מאַכט לייכטער דאָס איבער־האַלטן, נאָר גיט נישט קיין באַשטימטן, פּאָזיטיוון אינהאַלט דעם יידישן לעבן, ווייזט נישט (אויך אין קינסטלערישער הינזיכט)

קיין וועג און ווייזט נישט קיין אויסוועג. שלום־עליכם האָט דעמ־דאָזיקן טראַגישן אָפּגרונט אויסגעמיטן דערמיט, וואָס ער האָט גראָד פון יידישן אידעאַליזם קינסטלעריש געצויגן די ווייטסטע קאָנסעקווענצן. שלום־עליכם האָט עס נישט געטון בלויז אידעיִש און פּאַטעטיש (מיט דער אויבנאויפיקער איינרעדעניש, אַז דער כּסדרדיקער יידישער אָפּוואָר־קאַמף פּאַר רעכט אויף לעבן איז ווירקלעכער אויפבויענדיקער העראָיִזם); ער האָט אויך נישט געפּרוּווט נאָר צו האַלטן זיך ביי די פּאָלעס פון אַ רעלי־גיעז־פּאַלקסטימלעכן בטחון, כּדי זיך צו לאָזן ווילנלאָז אַריבער־טראָגן איבער אַלע סכּנות. ניין, אין דער אָרגאַניש־אַבסטראַקטער דימענסיע, אין וועלכער שלום־עליכם האָט אַריבערגעפירט די יידי־שע מאַסע מיט אַלע אירע גייסטיקע און פיזישע לעבנס־באַוועגונ־גען, — אין יענער טאָטאַלקייט פון אַן אַבסאָלוט־אידעאַליסטישער אַטמאָספערע, ווו אַלצדינג וועגט גאָרנישט און שוועבט כּסדר אַרום אין פרייען אידעאַליסטישן שפּיל. — דאָרט קאָן זיך (קינסטלעריש, פאַרשטייט זיך) קיין שום מאַטעריעלע מינדערווערטיקייט נישט שטעלן אין וועג פאַרן פולשטענדיקן אויסלעבן זיך פון אַלע פּסיכישע באַציִונגען. די פּסיכיק פון דער שלום־עליכמישער מאַסע לענקט גאָר נישט אירע באַציִונגען אויף ווירקלעכע מאַטעריעלע עלעמענטן. זי שטייט מיט זיי נישט אין קיין שום קאָנטאַקט. נעגירט זיי. אי־דעאַליסטיש שפּיל. שאָטן־שפּיל. דאָס אַבסטראַקטע און דאָס אידעאַ־אַליסטישע איז דאָס דעצידירנדיקסטע אין דעם כאַראַקטער פון דערדאָזיקער מענטשלעכער מאַסע. אַלע אירע לעבנס־באַציִונגען נערן זיך נאָר פון אַבסטראַקטן און אידעאַליסטישן און שטייען אין שייכות נאָר צום אַבסטראַקטן און אידעאַליסטישן.

אַ פולשטענדיק אָפּגעשלאָסענע אידעאַליסטישע וועלט.

די סאַמע וויכטיקסטע, די היסטאָרישע באַדייטונג פון דעם שלום־עליכמישן פּרימיטיוון אידעאַליזם, שטעקט, נעמלעך, דערין, וואָס שלום־עליכם גיט אונז דעם היסטאָריש־נאַציאָנאַלן כאַראַק־טער פון דער יידישער מאַסע אַלס אַ דורכויס אידעאַליס־טישן פענאָמען. דורך דעם ערשט באַקומען מיר ביי שלום־עליכמען די אייגנטלעכע סינטעזע צווישן דעם כאַראַקטער פון דער היס־

ט אָ ר י ש ע ר יידישער נאַציע און דעם געשיכטלעכן שיקזאַל פון דערדאָזיקער נאַציע; דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער אַלס אָרגאַנישע אייגנשאַפט פון דער היסטאָרישער יידישער מאַסע.

## V

איך וועל מיך דאָ אויספירלעכער אָפּשטעלן אויף עטלעכע ענינים.

צוליב דער טראַגישער מינדערוווערטיקייט פון די רעאַלע מאָטיוון אין דער יידישער געשיכטע (די גראָע יידישע מאַסע מיט איר עקאָנאָמישער סטרוקטור איז דאָך געווען — און איז — די טרעגערין פון דערדאָזיקער רעאַלער מינדערוווערטיקייט), איז דער אָפּגרונט צווישן יידישער „מאַטעריע" און יידישן „גייסט" ממילא נאָר געווען דער אייביקער אָפּגרונט צווישן אָט דעם היס־טאָרישן יידישן „גייסט" און דער לעבעדיקער יידישער מאַסע. דאָס, וואָס עס האָט געהאַט די אייגנאַרטיקסטע און וויכטיקסטע באַדייטונג אינם היסטאָרישן לעבן פון דער יידישער נאַציע — דער פאָרמלאָזער אידעאַליסטישער טעמפּעראַמענט — אים האָט מען בשום־אופן נישט געקאָנט ברענגען אין קיין שום באַציִונג מיט די מינדערוווערטיקע מאַטעריעלע אַטריבוטן פון היסטאָריש־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דער יידישער נאַציע. איך האָב שוין גערעדט דערפון, אַז דער געשיכטלעכער טעמפּעראַמענט פון יידן האָט געמוזט שוועבן ווי אַן אַבסטראַקטע אידעע מחוץ פון דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון דער יידישער מאַטעריע, און ער האָט אָט־אָ די יידישע „מאַטעריע" קוים געקאָנט קאָמפּענסירן, אָבער אויף קיין פאַל נישט באַווייזן זיך מיט איר צו פאַראייניטלעכן אין איין סינטעטישער גאַנצקייט. דידאָזיקע יידישע „אידעע" האָט מען אין אירע „אידעעלע" פאָרמען און אין אירע קאָנקרעטע היסטאָרישע השפּעות נאָר געקענט אַלס „יידנטום". מ׳האָט בשום־אופן נישט געקאָנט באַנעמען, וואָס די „עם־הארצישע" גראָע יידישע מאַסע,—

די, וואָס וועגעטירט אין די שלעכטסטע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וואָס איר לעבן איז אַזוי אָרים אין ווערטפולע מאָטיוון פון וואַסער-עס-איז וואָגיקער רעאַליטעט, — וואָס דידאָזיקע פּאַראַכטעטע מאַסע מיט איר נידעריקן רעאַל-היסטאָרישן ניוואָ, — די מאַסע, וואָס שפּילט ווירקלעך קיין שום ראָלע נישט, — האָט צו טון מיט דעם אידעענפולן און אינטעלעקטועלן „יידנטום". סאַראַ מיספּאַרהעלטניש צווישן דעם מאָטיוון-אָרימען יידישן לעבן און דעם „יידנטום", וואָס באַצייכנט זיך מיט אַזוי פיל כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט אין דער אַנטוויקלונג פון דער אַלגעמיינער מענטשלעכער געשיכטע! (דאָס „זאַלץ" און די „הייוון" פון דער געשיכטע!). ווייל דאָס „יידנטום" — איך וועל עס בעסער אָנרופן: דער היסטאָריש-יידישער טעמפּעראַמענט — האָט זיך (צוליב היסטאָריש-מאַטעריאַליסטישע סיבות) נישט געקאָנט אויסבויען אין קיין שום מאַטעריע און איז פאַרבליבן אַ באַגריף פון אַן אַבסטראַקטן „גייסט", דעריבער טאַקע האָט מען נישט געקאָנט באַגרייפן, וואָס די קליינלעכע, רעאַלע יידישע מאַסע האָט צו טון מיט אַזעלכע הויכע ענינים, ווי היסטאָריש-שאַפערישער „גייסט". דער היסטאָריש-יידישער טעמפּעראַמענט, דער „גייסט", איז געוואָרן אַ הוילע פּאַטעטישע השגה. קיינער האָט נישט אָנגעוויזן קאָנקרעט די קוואַלן און דעם באָדן, ווו דאָסדאָזיקע נאָבעלע מעטאַפיזישע וועזן וואַקסט, צו וואָסערע רעאַלע היסטאָרישע דערשיינונגען עס שטייט אין באַציִונג. אַזעלכע באַדייטנדיקע היסטאָריקער ווי גרעץ, שרייבנדיק די געשיכטע פון יידישן פאָלק, האָבן טאַקע נישט מער ווי געשריבן די געשיכטע פון דעם גופלאָזן יידישן „גייסט". אַחד-העם האָט זיך געוואָלט אָפּזונדערן מיט אָט-אָ דעם „גייסט" („רוח-היהדות"), — וואָס האָט נישט קיין שום לעבעדיקע שייכות צו דער יידישער געמיינזאַמקייט,—אין אַ באַזונדערן צענטער (מרכז-רוחני) און פראַווען דאָרט יחידות. פון דעמדאָזיקן „גייסטיקן" שטאַנדפּונקט איז עס זייער ריכטיק. קאָנסעקווענט. היינט-צו-טאָג טוען עס די ציוניסטן מיט ווירקלעכער בראַוווּר. זיי בויען מיט פיל פּאָמפּע דאָס שיינע גילדערנע קעסטעלע, ווו מ'וועט האַלטן פאַרשלאָסן און האָדעווען דעם יידישן „גייסט". ווי וווּנדערבאַר!

צו וואָס באַדאַרף מען אָבער ווירקלעך די אַלע מיליאָנען און מיליאָנען גראָע יידישע מענטשן פאַרן „רוח־היהדות" און פאַר יידישער קולטור, אַז סך־הכּל האָבן אַ שייכות צו דעמדאָזיקן „רוח" נאָר די „קעפּ" ?

איך בעט נישט צו פאַרטוישן דעם טעאָלאָגישן בליק אויף די פּראָבלעמען פון יידישער געשיכטע מיט דער היסטאָריאָזאָפיע פון אַ קאַרלייל און אַנדערע, וואָס האַלטן בכלל דערפון. אַז געשיכטע מאַכן עטלעכע גרויסע מענטשן און קולטור איז אַן ענין נאָר פאַר דער „סמעטענע" פון דער געזעלשאַפט. ראשית, איז עס זייער געוואַגט היינט־צו־טאָג, — ווען מיר וואַקסן פאָרט אַריין אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, — אַזוי צו באַנעמען היסטאָרישע פּראָבלעמען. איבערהויפּט מיט דעמדאָזיקן מעטאָד גאָר צו מאַכן מאָדערנע נאַציאָנאַלע געשיכטע. שנית, ווי אינדיווידועל און „אַריסטאָקראַטיש" מ'זאָל נישט קוקן אויף די דערשיינונגען פון געשיכטע און קולטור, האָט עס אַלץ נאָר אַ שייכות צו די ענדגילטיקע רעזולטאַטן פון די היסטאָרישע אָדער קולטור־היסטאָרישע באַוועגונגען. עס גייט אין דער פראַגע, — ווער עס גיט דער היסטאָרישער באַוועגונג פּנים און געשטאַלט ; צי אינם ספּאָנטאַנעם שיקזאַל פון די מענטשלעכע מאַסן גופא (דער היסטאָרישער שיקזאַל, וואָס לעבט אין זיי און באַוועגט זיי), — צי ליגט דאָרט אויך דער ווילן און די לעצטע רעזולטאַטן פון דער געשיכטע, אָדער ניין, — געשיכטע הייסט, אַז די באַדייטנדיקע פּערזענלעכקייט פאַרוואַנדלט די כּוחות, וואָס באַוועגן די געשיכטע, אין רעזולטאַטן פון אַ געניאַלן פּערזענלעכן ווילן ; אַז — מיט אַנדערע ווערטער — די זיך־נישט־באַוווסטע שיקזאַלהאַפטיקייט פון דער געשיכטע פאַרוואַנדלט זיך אין דער זיך־באַוווסטער שיקזאַלהאַפטיקייט פון אַ יחיד ; דער יחיד שפּילט־אויס דעם לעצטן, זיך באַשטימענדיקן קאַמף פון דער געשיכטע. אַזוי צי אַזוי — זענען עס תּמיד די מאַסן, אין וועלכע עס באַוועגן זיך די געשיכטלעכע כּוחות. אויב מ'זאָל אַפילו זיין אַזוי אינדיווידואַליסטיש און זאָגן, אַז די מאַסן גיבן אונז נישט דעם ריינעם היסטאָרישן באַגריף (רעזול־

טאַט), זענען זיי אָבער, די מאַסן, דער עצם־באַזיס, פון דער היס־
טאָרישער באַשויונג. און אָן באַשויונג איז דאָך נישט פאַראַן קיין
פּראָבלעם. דאָס פּראָבלעם, אויך דאָס געשיכטלעכע פּראָב־
לעם, איז נאָר די גייסטיקע קאָנסעקווענץ פון אַווירקלעכקייטס־
באַשויונג. נאָר די עקזיסטענצן פאַרוואַנדלען זיך פאַר אונז אין
פּראָבלעמען, און ס'איז נישט פאַראַן קיין פּראָבלעם אָן די עקזיס־
טענצן. וואָס איז די עקזיסטענץ? צו וואָסערע וועגן צילט די
עקזיסטענץ? נאָר אויף דעמדאָזיקן באָדן קאָן געשטעלט־ווערן
דאָס פּראָבלעם. דאָס פּראָבלעם פון דער געשיכטע פאַרנעמט זיך
מיט די פראַגן פון דער מענטשהייט אַלס עקזיס־
טענץ. עס איז קאַרלייִלן קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז ענגלישע
געשיכטע קאָן מען שאַפן מחוץ פון די ענגלישע מאַסן, און די
פראַנצויזישע רעוואָלוציע וואָלט געקאָנט געשען אויסער דעם תחום
פון די פראַנצויזישע מאַסן. *) אָבער, אַז דער „רוח היהדות“, דער
„גייסט פון יידנטום“, איז אַן אייגנאַרטיק געשיכטלעך וועזן, וואָס
באַדאַרף גאָר קיינעם נישט, שוועבט אין די הימלען, און די
גראָע יידישע מאַסע איז לגבי אים באמת אַן איבעריקע זאַך, —
דאָס ליגט גענוג אָפן אין די „נאַציאָנאַלע“ אָנשויונגען כמעט פון
אַלע קאַרפּן־קעפּ פון דעם „רוח־היהדות“. „יידנטום“ איז אַ נשמה,
וואָס באַדאַרף נישט קיין גוף. דער אמתער גן־עדן אויף דער
וועלט! מען מוז צוגעבן, אַז ווירקלעך גערעכט און לאָגיש־קאָנסע־
קווענט אין זייער שטאַנדפּונקט וועגן דעם „היסטאָרישן“ מהות

*) אין 5-טן באַנד פון זיין רוימישער געשיכטע (קאַפּיטל „יודעא און די יידן“) זאָגט טעאָדאָר מאָמסען:

„Die Geschichte des Jüdischen Landes ist so weinig die Geschichte des jüdischen Volkes, wie die Geschichte des Kirchenstaates die der Katholiken; est ist ebenso efroderlich beides zu sondern, wie beides zusammen zu erwaegen“.

די ציוניסטן גלויבן, אַז די עטלעכע הונדערט טויזנט ציוניסטישע יידן פון פּאַלעסטינע וועלן מאַכן די געשיכטע פון די 16 מיליאָן יידישע מענטשן אין גאָר דער וועלט.

פון יידישן „גייסט" זענען נאָר געווען גייגער און די רעפאָרמאַ־טאָרן. וואָרים, קוים איז דאָס „יידנטום" אַ געשיכטלעכער כוח, וואָס איז נישט דער פּראָדוקט פון קיין שום נאַציאָנאַלער מאַסע, און קאָן ווירקן אין זיין היסטאָרישער „מיסיע" אומאָפּהענגיק פון וואָסער־עס־איז נאַציאָנאַלער מאַסע, טאָ פאַרוואָס זאָל טאַקע נישט געפונען־ווערן דער פּשוטסטער אויסוועג פון אַלע יידישע צרות,— דער שעפּס זאָל זיין גאַנץ און דער וואָלף זאַט. פּשוט: די גראָ־יידישע מאַסע, וואָס פאַרשאַפט די גרויסע „קעפּ" אַזוי פיל קאָפּ־פאַרדרייעניש, עגמת־נפש און גריזאָטע און פלאָנטערט זיך פאַר זייערע פיס, ווי אַן איבעריקער אומאָנגענעמער באַלאַסט, — זי זאָל ליקווידירט־ווערן אַלס נאַציאָנאַלער קערפּער, זיך אַסימילירן צווישן די מיטפעלקער. דער גייסט פון „יידנטום", וואָס אַחוץ אַ פּאָר דערהויבענע גאָרנישט־זאָגנדיקע פראַזן, איז ער אומשולדיק ווי אַ מלופום־קינד און טשעפּעט נישט קיין פליג אויף דער וואַנט, — ער וועט שוין מיט גאָטס זיינע הילף ווייטער עקזיסטירן, לעבן בשלום צווישן די פעלקער און טון דאָרט זיין גייסטיקע „מיסיע". אַן אויסוועג פאַר גאָט און פאַר לייט! דערדאָזיקער גייגערישער „גייסט" איז היינט נאָך גאָרנישט פאַרעלטערט, הגם דאָס מאָדערנע „יידנטום" האַלט אים פאַר אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא. מיט אַ פּאָר נישט־וועזנטלעכע קאָרעקטורן איז ער נאָך אַלץ דער אידעאָלאָגישער רוקן־ביין פונם גאַנצן מאָדערנעם העברעיִסטישן ציוניזם. ווי שטאַרק דער ציוניזם זאָל זיך נישט ווערן קעגן דעם אמתן ב ל ו ט ־ ב ל ב ו ל, אַז ציוניזם און אַסימילאַציע זענען פון דעם אייגענעם בלוט־און־פלייש, שטיצט זיך אויף דער העברעיִסטי־שער ציוניזם, — אין זיין תוך, — אויף דער רעפאָרמאַטאָרישער הנחה, אַז דאָס „נאַציאָנאַלע" יידנטום איז נישט אָרגאַניש גע־קניפּט־און־געבונדן מיט דער לעבעדיקער יידישער מאַסע, עס קאָן עקזיסטירן און לעבן נישט אויף דער לעבעדיקער, דורך דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג נ אַ צ י אָ נ אַ ל ־ ג ע וו אָ ר ע נ ע ר ש פּ ר אַ ך פון דער נאַציאָנאַלער יידישער געמיינזאַמקייט, און עס קאָן לעבן אין אַ צענטער, אָפּגעזונדערט פון אַלע לעבנס־באַוועגונגען פון דער היסטאָרישער יידישער געמיינזאַמקייט, וואָ־

רים די שטיינער פון ארץ־ישראל האָבן מער באַדייטונג פאַרן „יידנטום", ווי דאָס פּולסירנדיקע בלוט־און־פלייש פון דער לע־בעדיקער יידישער נאַציע. ווי גייגעריש קלינגט עס אין דער אויפפאַסונג, אַז ס'זענען פאַראַן צוויי פאַרשידענע באַגריפן, ווי „יידנטום" — אויף מאָדערן לשון: יידישע נאַציאָנאַלע קולטור — און יידישע נאַציאָנאַלע געמיינזאַמקייט. באַגריפן, וואָס זענען פשוט אָפּהענגיק איינער פון אַנדערן. יידישע קולטור איז סוף־כל־סוף נישט מער און נישט ווייניקער ווי לעבנס־אַטריבוטן פון אַ לעבע־דיקער געמיינזאַמקייט; לעבנס־אַטריבוטן, וואָס ווילן זיך באַ־ווערטן היסטאָריש. קולטור איז בשום־אופן נישט עפּעס אַן אַבסטראַקט באַשעפעניש, וואָס קאָן עקזיסטירן אַזוי זיך אין אַ „וואָלקן־קוקוסהיים". קולטור איז נישט מער ווי דער פּראָדוקט פון די פּסיכישע באַציִונגען, וואָס אַן עקזיסטירנדיקע מענטשלעכע גע־מיינזאַמקייט האָט צו דעם אויסגעשטערנטן הימל איבער איר קאָפּ און צו דעם קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו אין איר האַרצן. די העבּ־רעיִסטיש־ציוניסטישע קולטור בויט זיך טאַקע דערויף, אַז נאַציאָ־נאַלע געמיינזאַמקייט און נאַציאָנאַלע קולטור זענען נישט מיט זיך פאַרבונדן, ווי (גערעדט מיטן לשון פון דער נאַטור־וויסנשאַפט) די ענערגיע מיט די עלעמענטן; אַז מ'קאָן שאַפן אַ באַזונדערע „היים" מחוץ פון די נאַציאָנאַלע געמיינזאַמקייטן. איז דען נישט דידאָזיקע היים דער ווענטלעכער גלגול פון דער גייגערישער „סינאַגאָגע"? נעמלעך: דער מאָטיוו פון אַ באַזונדערן טעמפּל, וווּ עס ווערט געהאָדעוועט דאָס „יידנטום"? ניין, די ווענטלעכע נאַטירלעכע היים פאַר דער נאַציאָנאַלער קולטור זענען נאָר די נאַציאָנאַלע געמיינזאַמקייטן.

איך האָב שוין אויבן געזאָגט: אָט־אָ די טעאָלאָגישע אָנשויונ־גען — גראָד אין שייכות מיט די עקזיסטענץ־פּראָבלעמען פון דער יידישער נאַציע — זענען פון קיינעם נישט געשאַפן־געוואָרן ווילקירלעך, אָדער גאָר פון אַ בייזן ווילן. די געשיכטלעך־עקאָנאָמישע באַדינגונגען האָבן דאָ געשפּילט די הויפּט־ראָלע. זיי האָבן גע־שאַפן דעם תהום צווישן דער מאָטיוון־אָרימקייט פון דער יידי־שער געשיכטע און דעם נאַציאָנאַלן טעמפּעראַמענט פון יידן, —

דער טעמפּעראַמענט, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט אויסבויען אין
די רעאַלע מאָטיוון און איז פאַרבליבן אָן זיי אָ נ ג ע ב ו נ ד ן, —
אָבער מיט זיי נ י ש ט פ אַ ר ב ו נ ד ן. דערדאָזיקער נאַציאָנאַ־
לער יידישער טעמפּעראַמענט האָט כּסדר געווירקט אַלס באַדייטנ־
דיקער פאַקטאָר אין דער מענטשלעכער געשיכטע. דאָס האָט לייכט
געקאָנט באַשאַפן אַ היסטאָרישע הנחה, אַז איבער די קעפּ פון די
מענטשן שוועבט עפּעס אַרום אַ גופלאָזער גייסט, אַ היסטאָריש־
ווירקנדיקער פאַנטאָם — דאָס יידנטום — וואָס איז נישט באַדינגט
פון ק'יין שום לעבעדיקן מענטשלעכן קאָלעקטיוו און לעבט פון אַ
הימלישן מן. די נייע קולטור אויף יידיש (וואָס האָט אָנגעהויבן
צו בויען אירע יסודות אויף די לעבעדיקע כּוחות פון דער יידי־
שער געמיינזאַמקייט) — ערשט זי האָט געקאָנט אָנטרעפן אויף די
אייגנטלעכע וועגן, וואָס פירן פון די אָ נ ז ע ע ו ו ד י ק ע יידישע
ה ש פּ ע ו ת אויף דער געשיכטע צוריק צו די לעבעדיקע ט ר ע־
ג ע ר פון דידאָזיקע השפּעות; צו דעם היסטאָרישן כאַראַקטער
און צום היסטאָרישן שיקזאַל פון דעם יידישן קאָלעקטיוו, — ו וּאָ ס
ז יי נ ע ה י ס ט אָ ר י ש ע ה ש פּ ע ו ת ז ע נ ע ן נ י ש ט מ ע ר א ו ן
נ י ש ט ו ו יי נ י ק ע ר, ו ו י ד ע ר פּ ו ע ל־י ו צ א פ ו ן ז יי נ ע
פּ ס י כ י ש ע א יי ג נ ש אַ פ ט ן. צו געפינען אַט־אָ דעם זייער פאַר־
באַהאַלטענעם וועג (דער תּהום צווישן יידישער מאַטעריע און
יידישן גייסט האָט אויבנאויפיק נישט געוויזן די איינהייטלעכע
היסטאָרישע ליניע צווישן דעם היסטאָריש־יידישן טעמפּעראַמענט —
יידנטום — און דער לעבעדיקער יידישער געמיינזאַמקייט) — איז
אַפילו פאַר דער נייער יידישער ליטעראַטור אָנגעקומען גענוג
שווער. דער יידישער רעאַליזם איז פאַרקראָכן אין דעם זאַק־
געסל פון דער מאָטיוון־אָרימקייט. ער האָט אַוודאי אונז נישט
געקאָנט ווייזן די שייכות. דער פּרצישער און אַשישער אידעאַ־
אַליזם האָט זיך כּסדר באַמיט צו קאָמפּענסירן די מינדערווער־
טיקע מאָטיוון־אָרימקייט מיט איבערווערטיקע אידעען. אין דעם
האָט ער געזען זיין אידעעלע פונקציע. אָבער ער האָט נישט גע־
קאָנט געפינען דעם נאַטירלעכן צוזאַמענהאַנג צווישן דעם יידישן
מענטש און דער יידישער געשיכטע, ד. ה., דעם יידישן מענטש

גופא אַלס דעם וועלט־היסטאָרישן פאַקטאָר. די ענדגילטיקע, זייער באַדייטנדיקע אַנטדעקונג, נעמלעך: צו אַנטדעקן דעם יידישן מענטש אַלס דעם פּסיכישן טרעגער פון זיינע טאָטאַלע היסטאָרישע אַטריבוטן – דאָס איז ערשט דאָס אייגנטלעכסטע ווערק שלום־עליכמס.

דער עלעמענטאַרער כאַראַקטער פונם יידישן מענטש, – סיי פּערזענלעך, סיי אַלס טייל פון אַ גרויסער מענטשלעכער מאַסע, – איז דורכויס אַן אידעאַליסטישער. דאָס ווייזט אונז שלום־עליכם. אונטער „אידעאַליסטיש" איז דאָ נישט געמיינט וואָסער־עס־איז אידעענהאַפטיקער אינהאַלט. גראָד דאָס אידעענהאַפטיקע איז ביי שלום־עליכמען דאָס קנאַפּסטע. ווו ער וויל, למשל, אין זיינע ווערק מאָראַליזירן – איז ער אָרים און פּראָווינציעל. ביי שלום־עליכמען איז דאָס אידעאַליסטישע די פּרימערע כ אַ ר אַ ק־ ט ע ר־אייגנשאַפט פון זיינע יידישע פיגורן. עס איז אַ ל ע ב ע־ ד י ק ע אידעאַליסטישע וועלט, שלום־עליכמס יידישע וועלט, אַן אידעאַליסטישע וועלט – נאָך אין אירע ערשטע פונדאַמענטן. דער פּ ר י מ י ט י װ ע ר א י ד ע אַ ל י ז ם איז די וויטאַלסטע לעבנס־אייגנשאַפט פון שלום־עליכמס קליינע מענטשעלעך. נישט פון זייערע רעאַלע טאַטן, – ווי זיי לעבן אַלס לעבנס־ווירקלעכקייט – אַבּ־סטראַהירט שלום־עליכם. זייערע לעבנס־רעאַליטעטן זענען מינ־דערוווערטיק. מאָטיוון־אָרים. נאָר דאָס אַבּסטראַקטע לעבנס־געפיל דעצידירט ווי דאָס באַשטימענדיקע אין דעם וועזן און כאַראַק־טער פון שלום־עליכמס מענטשן. דאָסדאָזיקע אַבּסטראַקטע יידישע לעבנס־געפיל – ביי שלום־עליכמען זעען מיר עס אין זיינע פּרימי־טיוווסטע מדרגות: בלינדע וויטאַלע קראַפט פון די גראָעסטע און אַלטעגלעכסטע לעבנס־באַוועגונגען פון די יידישע קליינע מענטשע־לעך. מיר באַדאַרפן נאָר נאָכגיין די אַנטוויקלונג פון אָט־אָ דער וויטאַליטעט ביז צו די אָנזעעוודיקע היסטאָרישע השפעות אירע, און מיר זעען, אַז יענע ווירקנדיקע היסטאָרישע איינפלוסן (דער יידישער גייסט אין דער געשיכטע) זענען נישט מער ווי גע־שטייגערטע פּאָטענצן פון דער װ י ט אַ ל ע ר פּסיכישער קאָנ־סטרוקציע, אין וועלכער שלום־עליכמס קליינע מענטשעלעך לעבן.

י. י. טרונק, שלום־עליכם, 9.

עס איז דאָס אייגענע אַבסטראַקטע מנחם־מענדלשע לעבנס־געפיל, וואָס איז צוליב היסטאָריש־מאַטעריעלע באַדינגונגען געוואָרן דאָס לעבנס־געפיל פון דער יידישער געמיינזאַמקייט. אויף די שטופן פון אַ העכערער אַנטוויקלונג איז עס געוואָרן אַ בולט וועלט־היסטאָריש געפיל. נאָך מער: אַ באַגריף וועגן דער וועלט בכלל און אַן אייגנאַרטיקע פסיכישע באַציִונג צו אַלע דערשיינונגען פון דער וועלט. ווי דאָסדאָזיקע — אויף אַ העכערער פאָטענץ שטייענדיקע, מנחם־מענדלשע וועלט־געפיל — האָט נאָר געהאַט די פרייע מעגלעכקייט היסטאָריש צו ווירקן, לאָזן זיך באַלד דערקענען — אויך אין זיינע באַדייטנדיקסטע געשיכטלעכע באַוועגונגען — דיזעלביקע ספּעציפישע פסיכישע אייגנשאַפטן, וואָס שלום־עליכם האָט זיי אַזוי קלאַסיש אויפגעדעקט אין דעם נידריקסטן לעבנס־שטייגער פון דער גראָער יידישער מאַסע. נעמלעך: ווייל צו דער וועלט־מאַטעריע האָבן יידן היסטאָריש נישט געהאַט קיין פרייען צוטריט, דעריבער האָבן זיי באַקומען אַ משונהדיקע פעיִקייט אויפצובויען די קאָמפּלעקסן פון זייערע באַציִונגען נישט גראָד אויף דער מאַטעריע, נאָר אויף דער אַבסטראַקציע. ס'איז נישט דאָ דאָס אָרט אַדורכצוגיין די גאַנצע קולטור־געשיכטע, כדי אויפצווייזן ווי בולט עס שיילן זיך דאָרט אַרויס די ספּעציפישע אייגנשאַפטן פונם יידישן (מנחם־מענדלשן) איינפלוס. די קאָנטורן פון געשיכטלעכן יידישן כאַראַקטער, — איבערהויפּט ווען דערדאָזיקער יידישער כאַראַקטער רופט־אַרויס וואָסער־עס־איז אָנזעעוודיקע געשיכטלעכע באַוועגונגען, — זענען זייער שאַרף אָפּגעגרענעצט. די יידישע פסיכישע אייגנאַרטיקייט אינמיטן דעם צוזאַמענשפּיל פון די מענטשלעכע טאַטן — רופט כמעט תמיד אַרויס צו זיך אָדער דירעקטע ווידערשפּרוכן, אָדער דערשיטערנדיקע אויפטרייסלונגען אין דעם לויף פון דער היסטאָרישער באַוועגונג: אָדער מען אַנטלויפט פון יידן, אָדער מען לויפט זיי נאָך. קיינמאָל האָט מען צו יידן נישט קיין גלייכגילטיקע באַציִונג. הגם יידן זענען אין דער געשיכטע אַ מינדערהייט, שווימען זיי אָבער תמיד אַרויף אויף דער געשיכטע, ווי בוימל אויפן וואַסער. דורך זייער אייגנאַרטיקער פסיכישער קאָנ־

סטרוקציע האָבן יידן אַ באַזונדער געפיל צו דער וועלט. יידן זע־
נען אומרויִק, ווי יעדעס אַבסטראַקטע, און מאַכן אַנדערע אומרויִק, ווי
יעדעס אַבסטראַקטע. „יידן זענען די הייוון און דאָס זאַלץ פון דער
געשיכטע". דער גערנדיקער עלעמענט, וואָס איז צו גאָרנישט נישט
צוגעבונדן און בינדט זיך לייכט צו אַלצדינג צו; דער טיפּיש־
יידישער מנחם־מענדלשער לעבנס־עלעמענט; די יידישע פּרעמד־
אַרטיקייט, — אָדער זי רייצט־אויף קעגן זיך די גרויסע מאַסע
פון נישט־יידן, אָדער זי רופט־אַרויס צו זיך מצד די נישט־יידן
באַוואונדערונג. — דאָס איז דאָס פּרעמדאַרטיקע לעבנס־געפיל, וואָס
האָט זיך צוליב די מינדערווערטיקע מאַטעריעלע אַטריבוטן פון
דער יידישער געשיכטע, — געשאַפן אַלס אַבסטראַקטע ווערט־
קאָמפּענסאַציע אין דער נאַציאָנאַלער פּסיכיק. אָט־אָ די דורך
מינדערווערטיקייט מיט איבערווערטיקייט קאָמ־
פּענסירטע פּסיכיק פון אַ גאַנצער נאַציאָנאַלער געמיינזאַמקייט —
זי מוז זיך אָפּשלאָגן מיט באַזונדערע און ספּעציפישע אייגנשאַפטן
(ווי אַ דערשיינונג פון אַן אַנדערער עקזיסטענץ־ספערע) צווישן
די נישט־יידישע נאַציאָנאַלע געמיינזאַמקייטן; ביי יענע נישט־
יידישע געמיינזאַמקייטן, ווו די פּסיכישע באַציִונגען צו דער
וועלט האָבן זיך פריי געקאָנט אַנטוויקלען אין די מאַטעריעלע
ספערן און שטאָפן פון דער וועלט, און קולטור איז ביי זיי
געווען נישט קיין כסדרדיקע גופלאָזיקייט און אַנטיטעזע צווישן
מאַטעריע און גייסט, נאָר דירעקט אַ געשטאַלטלעכע שאַפונג, אַ
סינטעזע צווישן מאַטעריע און גייסט. אין דער יידישער
געשיכטע קעמפן דעריבער צווישן זיך תמיד צוויי מאָטיוון: דער
מאָטיוו פון מינדערווערטיקייט (אַלס מאַטעריעלע דערשיי־
נונג) און דער מאָטיוו פון איבערווערטיקייט (אַלס קאָמ־
פּענסאַציע). די אַנטיסעמיטן רעאַגירן אויף דער מינדערווער־
טיקייט, די פילאָסעמיטן — אויף דער איבערווערטיקייט.
קיין מיטעלע באַציִונג איז נישטאָ, ווארים יידן אַליין האָבן
נאָך נישט געשאַפן קיין סינטעזע צווישן די ביידע מאָטיוון. דער
אָביעקטיווער היסטאָריקער מוז ביי ביידע לערנען,— סיי ביי די
אַנטיסעמיטן, סיי ביי די פילאָסעמיטן.

## VI

איך וועל אָנווייזן אויף עטלעכע ביישפּילן, וואָס וועלן דאָס אויבן־געזאָגטע דייטלעכער אילוסטרירן.

מאָניסטישע אידעען, ווי קאָסמאָפּאָליטיזם און מאָנאָטעיִזם, וענען זיכער נישט קיין ספּעציעל יידישע המצאות. עס איז אי־בערהויפּט אויבערפלעכלעך צו רעדן דערפון, אַז במשך דער גע־שיכטלעכער אַנטוויקלונג איז וואָסער־עס־איז נאַציע אַליין, מיט איר אייגענעם שכל, אַזוי־צו־זאָגן, צוגעקומען צו עפּעס אַן אָרי־גינעלן געדאַנק. קעגנזייטיקע איינפלוסן פון נאַציעס און קולטורן — דאָס איז דער אייביקער שטאָף־אומבייט פון דער געשיכטע. מ׳איז בשום־אופן נישט קיין אַנטיסעמיט און מען מינערט, חלילה, אויף אַ האָר נישט די יידישע ווערדע, ווען מען גיט־צו די אָנ־ספּקדיקע טאַט־זאַכן, אַז די מאָנאָטעיִסטישע אידעען געפינט מען זייער דייטלעך און אין אַן אויסגעשפּראָכענער פאָרם שוין ביי די אַלטע בבלים. אָבער נישט אין דעם גייט עס. אין בבל איז דער מאָנאָטעיִזם געווען פילאָזאָפיע צי טעאָלאָגיע. אַ דאָגמע פון טעמפּל־הכמה. ביי יידן, גראָד אין די שפּעטערע פאַזן פון זייער גע־שיכטע, — איז די מאָנאָטעיִסטישע אידעע אינגאַנצן געוואָרן צו־געפּאַסט צו דער נאַציאָנאַלער פּסיכיק — צום באַוווּסטזיין וועגן לעבן און וועלט, נעמלעך: די גאָטהייט, אַלס די העכסטע פּאָטענץ פון דאָזיין, האָבן יידן נישט אַרויסאַבסטראַהירט פון די אַטריבוטן פון אַ געוויסן רעאַלן דאָזיין אַרויס, — ווי די נישט־יידישע מענטשן. אַרויסגייענדיק פון אַ גופלאָז אַבסטראַקט וועלט־געפיל, האָבן די יידן געזען די העכסטע פּאָטענץ פון דער וועלט אַלס אַ גופלאָזע אַבסטראַקטע סובסטאַנץ. דער מענטש באַשאַפט זיין גאָט־פּאָרשטע־

לונג פון זיין וועלט־געפיל אַרויס, — זאָגט פייערבאַך. דער נישט־יידישער מענטש, וואָס האָט זיינע אַלע פסיכישע באַציִונגען אויס־געבויט אין די אייגנשאַפטן פון אַן עקזיסטירנדיקער מאַטעריע, האָט אויך דידאַזיקע מאַטעריע אַבסטראַהירט ביז צו דער העכס־טער פּאָטענץ. דער יידישער מענטש, וואָס האָט זיך היסטאָריש ג י ש ט אויסגעלעבט אין דער מאַטעריע, און האָט זיין וועלט־געפיל געמוזט אָנפילן מיט אַבסטראַקטע שטאָפן, — ער האָט ממילא אויך פון אָט דעם אַבסטראַקטן וועלט־געפיל אַרויס געשאַפן זיין פאָרשטעלונג וועגן דער העכסטער פּאָטענץ. דער אַבסטראַק־טער געשטאַלטלאָזער מאָנאָטעיִזם, וואָס באַטראַכט די מאַטעריעלע וועלט נאָר אַלס פשוטע „מעשה ידיו”; נעגירט די וועלט אַלס געשטאַלטלעכע, ענדלעכע סינטעזע מיט דער אומענדלעכער געט־לעכער סובסטאַנץ; וויל נישט אָנערקענען דאָס געטלעכע וועזן אינם וועזן פון דער מאַטעריע,—דערדאָזיקער מאָנאָטעיִסטישער גאָט־באַגריף — ער איז די הויפּט־דאָגמע פון דער יידישער גאָט־פאָרשטעלונג — איז נישט מער און נישט ווייניקער ווי די איי־גענטלעכע פאָרם פון דער גאַנצער יידישער וועלט־פאָרשטעלונג: ד. ה., די פאָרם פון אַלע באַציִונגען פון דער יידישער נאַציאָנאַ־לער פסיכיק. פון די שטאָפן, מיט וועלכע די יידישע נאַציאָנאַלע פסיכיק פולט־אויס איר דאָזיין אין דער וועלט, — פון דיזעלביקע שטאָפן אַבסטראַהירט זי אויך אַרויס אירע באַציִונגען צום אַבסאָ־לוטן; צו איר דאָזיין אין דער העכסטער עקזיסטירנדיקער פּאָטענץ. אויס די עלעמענטן פון איר אַבסטראַקט לעבנס־געפיל שטעלט זי זיך פאָר איר אַבסטראַקטע גאָטהייט. דער אַבסטראַקטער מאָנאָטעיִס־טישער גאָט איז דעריבער דער אייגנטלעכער יידישער גאָט. דער גאָט פון די יידן. דער גאָט פון די מנחם־מענדלס, וואָס זייער גאַנצער לעבנס־עלעמענט איז די אַבסטראַקציע. מען דאַרף גראָד נישט צו זיין קיין אויסגעשפּראָכענער מאַרקסיסט, כדי צו מוזן מודה־זיין, אַז די פאָרם פון יידישן גאָט־באַנעם אַנטשפּרעכט פולשטענדיק דער קאָנסטרוקציע פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פסיכיק; די יידישע נאַציאָנאַלע פסיכיק, ווידער, איז באַדינגט, ווי געזאָגט, פון דערווירטשאַפטלעכער קאָנסטרוקציע פון דער יידישער געשיכטע —

די ווירטשאַפטלעכע קאָנסטרוקציע, דורך וועלכער דאָס אַבסטראַק־
טע איז געוואָרן די איינציקע מעגלעכקייט, ווו אַלע באַציִונגען
פון דער יידישער פסיכיק זענען בכוח זיך פריי צו אַנטוויקלען.
דער בעסטער באַווייז: די צייטן פון בית־ראשון. יוגנט־פעריאָד
פון דער יידישער נאַציע. הגם כמעט תמיד אין וואַסאַלער אָפּ־
הענגיקייט, האָט פונדעסטוועגן די יידישע נאַציע דאַמאָלס גע־
לעבט מאַטעריעל אין די אייגענע באַדינגונגען, ווי אַנדערע
פעלקער. דאַן איז אויך דער גאָט־באַגריף פון דער יידישער נאַציע
נישט געווען קיין מאָנאָטעיִסטיש־אַבסטראַקטער. ווי דער דאַ־
מאָלסדיקער יידישער מענטש, איז אויך דער דאַמאָלסדיקער יידי־
שער גאָט נישט פריי־געווען פון מאַטעריעלע אַטריבוטן. ביי די
ערשטע יידן איז דער געשטאַלטלאָזער מאָנאָטעיִזם נאָר געווען, —
ווי אין אַלטן בבל, — דער ספּעציעל טעאָלאָגישער גאָט־באַגריף
פון אַ קליינעם טייל פון די אויבערשטע „צען טויזנט" און פון
די נביאים. די צייטן האָבן זיך געביטן. מ'האָט אָנגעהויבן אַוועק־
צושטויסן די יידישע נאַציע פון דער מאַטעריע. יידן האָבן גע־
מוזט אויסלאָדענען זייער לעבנס־טעמפּעראַמענט אין אַבסטראַקטע
עלעמענטן. די יידישע פסיכיק האָט זיך צוגעפּאַסט צו ספּעציפישע
היסטאָרישע עקזיסטענץ־באַדינגונגען. דער נאַציאָנאַלער גאָט־באַ־
גריף ביי יידן, — וואָס איז נישט מער ווי די פאָרשטעלונג וועגן
דער העכסטער עקזיסטענץ־פּאָטענץ אין דער קאָנסטרוקציע פון
דער נאַציאָנאַלער פסיכיק, — האָט אויך אָנגעהויבן אָנצונעמען די
פאָרמען פונם יידישן וועלט־באַנעם: אַן אַבסטראַקט וועלט־דאַזיין.
צוליב דיזעלבע סיבות, וואָס אַ דאַנק זיי איז דער אַבסטראַקטער
אידעאַליזם (פון זיינע פרימיטיווסטע ביז צו זיינע העכסטע
מדרגות) געוואָרן דער וועלט־באַגריף פון דער יידישער נאַציע,
צוליב דיזעלבע סיבות איז אויך די געשטאַלטלאָזע, פון יעדער
מאַטעריע אַבסטראַהירטע געטלעכקייט (אַלס די לעצטע לעבנס־
פּאָטענץ), געוואָרן דער אָרגאַנישער גאָט־באַגריף פון דער יידי־
שער נאַציע.

דער יידישער מענטש האָט זיין גאַנץ לעבנס־געפיל אַריינ־
אַבסטראַהירט אין דעם עקזיסטענץ־מהות פון דעם אַבסטראַקט־

מאָנאָטעיִסטישן יידישן גאָט. דער יידישער גאָט איז די העכסטע קווינט-עססענץ פון דער יידישער לעבנס-עקזיסטענץ. דערביי אָבער איז דער יידישער גאָט אויך דער פּראָדוקט פון די עקזיסטענץ-באַדינגונגען פון דעם יידישן מענטש.

## *VII*

פֿון דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט, זענען אַלע קאָסמאָפּאָליטישע אידעען זייער צוגעפּאַסט צו דער יידישער פּסיכיק. די נישט־יידישע מענטשן זענען פּסיכיש פֿאַרבונדן מיט דער רעאַלער מאַטעריע. יעדע רעאַלע מאַטעריע האָט אירע גרענעצן אינם רוים און אין דער צייט. אָט־אָ די פּסיכישע פֿאַרבונדנקייט מיט דער רעאַליטעט שטייט אין אַ געוויסן פּ ס י כ י ש ן ווידערשפּרוך צו יעדן באַגריף, וואָס שטעלט־פֿאָר מיט זיך אַ געוויסן אַרויסגאַנג פֿון דער קאָנקרעטער אָפּגעגרענעצטקייט פֿון אַ רעאַלן קעגנשטאַנד; אַן אַרויסגאַנג צו אַ קעגנשטאַנדלעכן וועזן, וואָס איז נישט אַזוי קאָנקרעט און אָנזעעוודיק און איז מער אַבסטראַקט אין זיין שטח און אין זיין באַנעם. למשל, די באַגריפֿן פֿון קאָסמאָפּאָליטיזם און אַלוועלטלעכקייט, ד. ה., וועלט און געזעלשאַפֿט אַלס אַ ברייטערער באַגריפֿס־האָריזאָנט. אַ פּויער, צ. ב. ש., פֿאַרבינדט אַלע זיינע באַציִונגען צו דער וועלט—מיט דעם קליינעם שטח פֿון זיין פֿעלד, אַפֿילו גאָר מיט דעם שטח פֿון זיין היים־דאָרף. עס האָבן געמוזט אַדורכגיין גאַנצע דורות, לאַנגע, לאַנגע צייטן, מיט סאָציאַלע איבערקערענישן און נאַציאָנאַלע קאַמפֿן, ביז מ'האָט דאָס נ י ש ט־יידישע קליינע מענטשעלע ווי־עס־איז געקאָנט צוגעוווינען צו אַזעלכע באַגריפֿן, ווי פֿאָלק און פֿאָטערלאַנד, אָדער בכלל צו אַ מלוכה־געפֿיל (אויך היינט־צו־טאָג נישט אומעטום און נישט פֿולשטענדיק) — ד. ה., באַגריפֿן, וואָס ער קאָן זיי נישט אָנזען מיט זיינע אויגן און נישט באַטאַפּן מיט זיינע הענט; באַגריפֿן, וואָס פֿאַרלאַנגען פֿונם קליינעם מענטשעלע אַן אַבסטראַקטער באַנעמען. ביים יי ד י ש ן קלייגעם מענטשעלע איז עס פּונקט קאַפּויער:

יעדער קאַסריליק ביי שלום־עליכמען איז צוגלייך אַ וועלט־בירגער. צו די נויטן און קאָנקרעטקייטן פון זיינע מאַטעריעלע ד' אמות בינדט ער אַמווייניקסטן צו זיינע פסיכישע באַציִונגען; וואָרים דער קאָפּ טראָגט זיך אים אין הוריות. אין יענע הוריות לעבט ער. קאַסרילעווקע איז דאָס לייכטע שווערבנדיקע ברעט, וואָס טרייבט זיך אַרום איבער עפּעס אַ גרענעצלאָזער, מיט כּל־ערליי פאַנטאַסטישע מעגלעכקייטן אָנגעפּולטער אַבסטראַקציע, — וואָס הייסט וועלט. דער קאַסריליק שטייט אויף דעמדאָזיקן קליינעם ברעטל, קאַסרילעווקע, זעט נישט, וואָס עס טוט זיך אים אונטער דער נאָז, נאָר וואַרט־אָפּ, אַז דאָס טעלערל פון הימל זאָל אים אַרונטערפאַלן גלייך אין דער געלעכערטער קעשענע אַריין. ווייל דער מאָרגן איז אַבסטראַקטער ווי דער היינט און קאָמפּענ־סירט דעם היינט, די צוקונפט איז אַבסטראַקטער ווי די קעגנ־וואַרט און קאָמפּענסירט די קעגנוואַרט, די וועלט־שטחים נאָך קאַסרילעווקע זענען אַבסטראַקטער ווי דאָס רעאַלע קאַסרילעווקע און מ'קאָן מיט זיי קאָמפּענסירן דאָס קליינע קאַסרילעווקע, — דעריבער שאַפן יענע דריי פונקטן — מאָרגן, צוקונפט און וועלט־שטח — די אייגנטלעכע עקזיסטענץ־אַטמאָספערע פאַרן קאַסרי־ליק. די אַטמאָספערע פאַר זיינע פסיכישע באַציִונגען. ער באַוועגט זיך ערשט דאָרט ווי אַ פישל אין וואַסער. נישט קוקנדיק אויף דער אויסערגעוויינלעכער מינדערווערטיקייט פון זיינע רע־אַלע לעבנס־באַדינגונגען — שלאָגט עס פונדעסטוועגן מיט אַ מאָד־נער האָפערדיקייט פון דעמדאָזיקן שלום־עליכמישן קאַסריליק. טאַקע דעריבער: די לעבנס־אינהאַלטן און די באַציִונגען צו דער וועלט פון דעמדאָזיקן מין מענטש זענען נישט אויסגעבויט אויף זיינע רעאַלע לעבנס־באַדינגונגען; זיי זענען אויסגעבויט אויף די אַבסטראַקטע עלעמענטן, וואָס עקזיסטירן פאַר אים מחוץ פון זיין מאַטעריעלער מינדערווערטיקייט. אין יענע אַבסטראַקטע עלעמענטן קאָן זיך דער קאַסריליק פריי צעפירן די הענט, וויפל זיין האַרץ גלוסט אים און אויף וויפל עס קלעקט די פאַנטאַזיע. נישקשה, פון כימערישע לעבנס־קוואַלן קאָן מען שעפּן מיט אַ געלע־בערטער שעפּ! — צו טרינקען פון די וואַסערן פון אַ פאַטאַ־

מאָרגאַנאַ מוז מען זיין פּסיכיש ספּעציעל דיספּאָנירט. דער קאָסריליק איז דערצו פּסיכיש דיספּאָנירט. די רעאַלע לעבנסוואַסערן פונם קאַסריליק זענען ווינציק און אָרים, — דעריבער איז נאָר דאָס מיראַזשהאַפטיקע זיין איינציק לעבנס-וואַסער. „אָרימע פריילעכע נשמות, וואָס לעבן פון זייערע האָפענונגען און הונגערן און ווייסן אַליין נישט אָנצורופן דאָס, מיט וואָס זיי פאַרנעמען זיך". האָפענונגען — דאָס איז דער מן, וואָס פאַלט איבער דער קאַסרילעווקער מדבר. דאָס ווייט-שטחדיקע און קאָסמאָפּאָליטישע פאַרט זיך גיכער מיט דער האָפענונג, ווי דאָס, וואָס האָט שטח און איז אָפּגעגרענעצט. דער שטח, אויף וועלכן עס לעבט דער קאַסריליק, האָט נישט פאַר אים קיין שום מעגלעכקייטן,—דערפאַר ווימלט עס פאַר אים מיט די אויסטערלישסטע מעגלעכקייטן אין דער גרענעצלאָזער ווייטקייט. אַזוי קאָמפּענסירט ער זיך פאַר דער בירגערלאָזיקייט — מיט דער וועלט-בירגערשאַפט.

געוואַלדיק — דערביי גראָטעסק — ווירקט דער פּסיכישער אָפּגרונט צווישן די קאַסרילעווקער יידן און דעם גוי כוועדאָר, וואָס וווינט צווישן זיי און לעבט כמעט צוזאַמען מיט זיי. ניין, עס איז נישט בלויז ראַסן-אונטערשיד פון צוויי פעלקער און צוויי קולטור-מדרגות. עס זענען צוויי פאַרשידנאַרטיקע דימענסיעס פון וועלט-געפיל. אָט-אָ דער פּסיכישער אָפּגרונט שטאַמט דערפון, וואָס די קאָנצענטראַציע-פונקטן פון די פּסיכישע לעבנס-באַציִונגען פון דידאָזיקע צוויי „פעלקער" זענען געוואַלדיק ווייט איינער פון דעם אַנדערן. דער קאַסריליק און כוועדאָר האָבן נישט פאַר זיך דאָס מינדסטע קעגנזייטיקע פאַרשטענדניש. ס'איז נישט פאַראַן צווישן זיי קיין שום פאַרבינדונגס-פונקט. כוועדאָר לעבט מיט די ווינציקסטע האָריזאָנטן. ער האָט בכלל נישט קיין שום פּסיכאָלאָגישע באַדערפעניש צו „האָריזאָנטן". די וועלט — דאָס זענען די רעאַליטעטן און ממשותדיקע לעבנס-דערשיינונגען, צו וועלכע ער האָט אַן אוממיטלבאַרע באַציִונג. ער פילט עפּעס אַ באָדן אונטער די פיס, וואָרים דאָס לעבן — אויף וויפל כוועדאָרס פּסיכיק באַגרייפט עס — איז פאַר אים אַן איין-און-איינציקע קאָנקרעטע

רעאַליטעט. אַ רעאַליטעט, וואָס האַרמאָנירט פולשטענדיק מיט זיין פּסיכיק. דידאַזיקע קאָנקרעטע רעאַליטעטן פון זיינע באַגריפן „פאַרשטאָפן" כוועדאָרן דעם קאָפּ. דורך די געזעצן פון די רעאַליטעטן, וואָס ווירקן אויף זיי, פאַרמאָגן כוועדאָרס באַציִונגען שווער־קראַפט, פליען דעריבער נישט אַזוי לייכט אין דער הויך. כדי די כוועדאָרס זאָלן קאָנען זייערע לעבנס־רעאַליטעטן אַבּסטראַהירן צו אַ ברייטערער באַזע, מוזן זיי שוין אָנקומען צו אַן אַנטוויקלטערן אינטעלעקט, צו אַ מער פאַרטיפט וועלט־באַנעמען. נאָר אַ טיפערע לעבנס־באַאָבאַכטונג פאַרברייטערט דאָס באַציִונגס־פעלד פון דער כוועדאָרשער פּסיכיק. דאָס אַבּסטראַהירן אָבער ביים יידישן קאַסריליק שטאַמט נאָך גאָרנישט פון אַ לעבנס־באָאָבאַכטונג. אַבּסטראַהירן — דאָס איז די אור־שפּרינגלעכסטע רעאַקציע זיינע אויף אַלע דערשיינונגען. אַבּסטראַהירן מער ווי רעאַגירן — דאָס איז דער נאַטירלעכסטער אופן פון וועלט־באַנעם ביי דער שלום־עליכמישער יידישער פּסיכיק. כוועדאָר האָט נישט קיין שום אַמביציעס. ער איז דער פּשוט־סטער חי־וקים. דאַקעגן איז, אָביעקטיוו גענומען, שווער צו זאָגן, אַז די משונהדיקע, ממש אינפאַנטילע נאַיִוויטעט פון די קאַסריליקעס שטאַמט פון אַ העכערן אינטעלעקטועלן ניוואָ און האָט אירע וואָרצלען אין אַ טיפערן באַוווסטזיין פון לעבן, ווי דאָס לעבנס־באַוווסטזיין פונם גוי כוועדאָר. די קאַסריליקעס באַוועגן זיך פונדעסטוועגן כּסדר אין אַ לופטיקן קרייז פון די פאַרשידנסטע לעבנס־אַמביציעס. פון אַלע חושים איז אַמוואַכסטן ביי זיי דער חוש צום פאַנטאַזירן. ס'איז צום פאַרשטיין: דידאַזיקע לופטיקע און אַבּסטראַקטע אַמביציעס זענען דאָך דער איינציקער „ערזאַץ" פאַר דער אַבּסאָלוטער אָרימקייט אין רעאַלע לעבנס־מאָטיוון. צו־מיינסטן חלומען די־יעניקע, וואָס לייגן זיך שלאָפן מיט אַ ליי־דיקן מאָגן. זיי האָבן נישט קיין אַנדערע מעגלעכקייט זיך צו „רעאַליזירן", ווי צו „רעאַליזירן" זייערע לעבנס־פונקציעס אין טרוימהאַפטיקן „ווונטש". כדאי צו דערמאָנען אַזאַ מאָ־טיוו פון „ווונטש־דערפילונג" ביים קאַסרילעווקער „קאָסמאָפּאָליט", דעם קאַסרילעווקער מלמד („ווען איך בין ראָטשילד"). דאָס הונ־

געריקע קאַסרילעווקער מלמדל „האָט זיך צעלאָזט איינמאָל אין אַ דאָנערשטיק, בעת די רביצן האָט אים געמאָנט אויף שבת און ער האָט נישט געהאַט". וואָס וואָלט אַלץ געווען, ווען ער איז רויטשילד! אין דעמדאָזיקן כאַראַקטעריסטישן קאַסרילעווקער מאָ־נאָלאָג פונם הונגעריקן מלמד, פאַלט כמעט לגמרי אַוועק דער רעאַליסטישער נויט־מאָמענט. נעמלעך: זיין פערזענלעכע אָרימ־קייט. דער עיקר ווערן דאָרט אַקצענטירט די מאָטיוון, אין וועל־כע דער עגאָטישער טעמפעראַמענט „פליט"־אַרויס פון זיינע רע־אַלע ד׳ אמות און קאָמפּענסירט זיך דערמיט, וואָס ער רעאַליזירט זיך אין כלערליי „קאָסמאָפּאָליטישע" ווונטשן. די אינפאַנטילע (גיכער אינפאַנטיל, ווי בטלניש) נאַיִווקייט פון אָט־אָ די „קאָסמאָ־פּאָליטישע" ווונטשן ווייזט אונז נאָר, אַז דידאָזיקע ווונטשן פון דעם קאַסרילעווקער מלמד שטאַמען בשום־אופן נישט פון וואָסער־עס־איז טיפערע באַציִונג צום געזעלשאַפטלעכן לעבן. אין זיינע ווירקלעכע באַנעמונגען פון געזעלשאַפט און וועלט איז אונ־זער קאַסרילעווקער מלמד נאָך פונקט אַזוי נאַיִוו ווי כוועדאָר. דער קאַזרילעווקער מלמד איז „גייסטיקער" פון כוועדאָרן נישט דערפאַר, ווייל זיין (דעם מלמדס) גייסט איז רייפער, — נאָר ווייל זיין פסיכיק איז אַבסטראַקטער. ער באַנוצט זיך מיט „קאָסמאָפּאָ־ליטיזם" נישט ווי מיט אַ ווירקלעכער א י ד ע ע, נאָר ווי מיט אַן אידעאַליסטישער קאָמפּענסאַציע, — אַן אַבסטראַקציע, אין וועלכער ער פילט זיך נישט געפּענטעט, קאָן דאָרט אויסלאָדענען זיינע פסיכישע באַציִונגען.

## VIII

אין די וועלט־דערלייזונגס־מאָטיוון פון דער אַלגעמיינער געשיכטע, איבערהויפּט אין זייער רעוואָלוציאָנערער פאָרם, איז דער אָנטייל און די השפּעה פון יידן זייער אַן אָנזעעוודיקע. דער פּאָזיטיווער חלק פון יידן אין יענע וועלט־דערלייזערישע באַוועגונגען שטאַמט דערפון, וואָס די יידישע פּסיכיק פילט זיך באַזונדערס גוט אין יעדער אידעיִשער אַטמאָספער, ווו די וועלט און דאָס לעבן הייבן זיך אָן אַרויסצורירן פון זייער סטאַטישקייט. דיאַלעקטיש גערעדט: ווען די היסטאָרישע דערשיינונגען הייבן אָן צו וועלן אַריבערגיין פון זייער טעזע צו זייער אַנטיטעזע. די לופט פון דער אַנטיטעזע איז אָנגעלאָדן מיט רעוואָלוציאָנערע דערלייזונגס־אידעען. די דערלייזונגס־אידעע איז דאָס שטחים־לאָזע וועלט־רייך פונם גייסט. די אַנטיטעטישע לופט, דעריבער, איז באַזונדערס גינסטיק פאַר דער באַציִונגס־טעטיקייט פון דער יידישער פּסיכיק. די טעזע—איז דאָס רעאַלע. די אַנטיטעזע פאַר דער סינטעזע – איז דאָס אַבסטראַקטע. פון די דריי דערשיינונגען פון יעדער היסטאָרישער דיאַלעקטיק (טריאַדע) איז די אַנטיטעזע –

ווייל זי נעגירט דאָס רעאַלע — אַמנאָענטסטן אין אירע מאָטיוון צו דער יידישער פסיכיק. נאָר אין רעוואָלוציאָנערע און אין פּאַר־רעוואָלוציאָנערע תקופות, בכלל אין די איבערגאַנגס־צייטן פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, הייבט זיך באַזונדערס אָן צו פילן יידישע השפעה. עס זענען דאַמאָלס די צייטן, ווען דער געשיכט־לעכער וועלט־לויף ברענגט־אַרויף אויף זיין אויבערפלאַך וועלט־דערלייזערישע — אַנטיטעטישע — מאָטיוון. ס'ווערט געשאַפן אַ מאַ־טעריע, אין וועלכער די יידישע פסיכיק קאָן, לויט איר היסטאָרי־שער קאָנסטרוקציע, אויסבויען אירע באַציִונגען. דערמיט זיך באַ־ווערטן. אין דער פּאַראַדאָקסער סינטעזע, נעמלעך, דער סינטעזע צווישן דער אַנטיטעטישקייט פון דער יידישער פסיכיק און דער אַנטיטעזע פון דער וועלט־געשיכטע, ווייזן זיך אַרויס — ווי אין יעדער סינטעזע, — אַלע ענדגילטיקע אייגנשאַפטן פון דער היס־טאָרישער יידישער פסיכיק. אין די (צו איר ווען נאָענטע) היסטאָ־רישע אַנטיטעטישע מאָטיוון אַנטפּלעקט זיך איר גאַנצער טעמפּע־ראַמענט. ס'דערוועקט זיך איר פולע לעבנס־טעטיקייט. די ווערט־שאַצונג פון דערדאָזיקער אָנזעעוודיקער לעבנס־טעטיקייט פון יידן אין דער געשיכטע, טיילט זיך פונאַנדער, ווי אין יעדער אַנטי־טעטישער, היסטאָרישער עפּאָכע, אין צוויי עקסטרעמע לאַגערן. נעמ־לעך: די, וואָס זעען אין דער יידישער אַנטיטעטישער טעטיקייט דעם פרימאָרגן פון אַ נייער אויפגייענדיקער סינטעזע — זיי באַציִען זיך צו יידן פּאָזיטיוו. פילאָסעמיטן. די, וואָס שטייען נאָך אָבער מיט ביידע פיס אויף דער אַלטער היסטאָרישער טעזע און זעען אין דער אַנטיטעזע נאָר דעם אומברחמנותדיקן, צעשטערנדיקן כוח, — זיי קוקן אויף יידן בייז, ווי אויף שעדיקער און פרידן־שטערער. זיי באַקעמפן יידן. אַנטיסעמיטן.

די געשיכטלעכע אַנטיטעזע איז אין איר ווען אַבסטראַקט און אידעאַליסטיש. אַנטיטעזע איז דער איינציקער באָדן, אויף וועלכן עס וואַקסן אַלע וועלט־דערלייזערישע שטרעמונגען. אינם ליכט פון די שלום־עליכמישע פיגורן איז דידאָזיקע אַנטיטעזע — אַלס פּסיכישער עלעמענט — דער איבערוועגנדיקער באַשטאַנדטייל פון דער נאַציאָנאַלער יידישער פסיכיק. אַז עס איז אַזוי, דאָס

ליגט אויבנאויף פאַרן בליק פון דעם אָביעקטיוון באַטראַכטער. די אַנטיטעטישע וועלט איז גראָד אַמכאַראַקטעריסטישסטן אַלס רעלאַ־טיוועך פענאָמען. זי איז דינאַמיש אין איר וועזן, אויפגעלעזט אין איר אייגענער באַוועגונג. האָט נישט קיין באַשטימטקייט אין אירע גרענעצן. וויל זיך אַרויסהויבן פון זיך אַליין. איז מער שפּיל און שײַן, ווי זײַן און קאָנקרעטקייט. ווי ענלעך זי איז—די אַנטיטעטישע וועלט—צו דער וועלט, אין וועלכער עס לעבן די שלום־עליכמישע מענטשן! ווילן מיר זוכן די פּסיכישע עלעמענטן פון „מנחם־מענדליזם״ אין די העכסטע היסטאָרישע מאָטיוון פון וועלט־דערלייזערישקייט — מיר וועלן דאָרט נישט לאַנג באַדאַרפן זוכן. די געשיכטלעכע מאָמענטן פון וועלט־דערלייזערישקייט, די מאָמענטן פון געשיכטלעכער אַנטי־טעזע, אין וועלכע עס איז באַזונדערס אַנזעעוודיק די מיטבאַטייליקונג און די ראָל פונם נאַציאָנאַלן יידישן טעמפּעראַמענט (יידנ־טום),—אָט־אָ די געשיכטלעך־אַנטיטעטישע מאָמענטן עקזיסטירן אַלס פּרימיטיווע פּסיכישע קאָנסטרוקציע, אַלס דאָס אורשפּרינגלעכסטע לעבנס־געפיל פון די שלום־עליכמישע יידן. זיי אַלע, די שלום־עליכמישע יידן, ל ע ב ן  אַ נ ט י ט ע ט י ש. אין דער טריִאַדע פון דער עקאָנאָמישער דיאַלעקטיק וווינען זיי אויפן ווינקל פון דעם ווידערשפּרוך. אין יעדער לעבנס־רעאַליטעט איז עס נאָר דער אינערלעכער ווידערשפּרוך פון דערדאָזיקער רעאַליטעט — די אַנ־טיטעזע — וואָס לאָקט זייערע אויגן. די אַנטיטעזע — און די פּאַר־שידענע אַבסטראַקטע מעגלעכקייטן, וואָס זענען לויז אָנגעבונדן אָן דער אַנטיטעזע — פון דאָרט ציען זיי אַרויס פאַר זיך עקזיס־טענץ־אינהאַלט, די שלום־עליכמישע יידן. ס'זענען דערויף געווען היסטאָריש־מאַטעריעלע סיבות. אָבער דער פּסיכישער רעזולטאַט דערפון איז: לגבי דעם קאָנקרעטן זענען די שלום־עליכמישע יידן אַבסאָלוט אַטראָפּירט. זיי קאָנען עס נישט געניסן. קאָנען זיך דערין נישט אויסלעבן. זיי געפינען נישט די מינדסטע לעבנס־פרייד אין דעם קאָנקרעטן, — און אַנטלויפן פון דעם קאָנקרעטן צו דעם מעגלעכן. אין דעם מעגלעכן האָבן זיי אויך ליב נאָר די אוממעגלעכסטע שאַטירונגען, די ווייטסטע מעגלעכקייטן, יאָ, כּמעט דאָס אוממעגלעכע. די אַבסטראַקטע פאַנטאַזיע, וואָס גרענעצט זיך

מיט יעדער מעגלעכקייט, און לעזט־אויף יעדע מעגלעכקייט אַלס אַנטיטעזע און ווידערשפרוך, — דאָס איז דערווירקלעכער לעבנס־עליקסיר פון די שלום־עליכמישע מענטשן. דאָרט שוועבן זיי אַרום גופלאָזע, נישט געבונדן צו די געזעצן פון דער קויזאַליטעט. אַזוי־אַרום זוכן זיי זייערע עקזיסטענץ־ווערטן. אַלע זייערע נערוון עפענען זיך פאַר דער וועלט — נאָר יעדע קאָנקרעטע רעאַליטעט, וואָס שטויסט זיך אָן אין זייערע באַציִונגען, לעזן זיי אויף אין רוים און אין שטח. אין מיראַזש. יעדע באָדנהאַפטיקייט לעזן זיי אויף אין דער באָדנלאָזיקייט, און יעדע פּאָזיטיווע דערגרייכונג טרייסלען זיי שנעל אָפּ פון זיך, כּדי ס׳זאָל זיי לייכטער־זיין זיך נאָכצויאָגן נאָך דער אומדערגרייכטער האָפענונג. אַזוי לעבט מנחם־מענדל. נאָר דער. וואָס קאָן אַזוי לעבן און איז אַ פּריִאָרי אָנגעשטעלט נעגאַטיוו צום קאָנקרעטן, וויל כּסדר אויפלעזן דאָס קאָנקרעטע אין דער אַבסטראַקציע,—ער שלעפּט זייער לייכט מיט דעמדאָזיקן ווילן און דידאָזיקע אייגנשאַפטן צו די העכערע שטאַפּלען פון דער היסטאָרישער דיאַלעקטיק; פאַרוואַנדלט דאָרט דעם אורשפּרינגלעכן און פּרימיטיוון אַנטיטעטישן עלעמענט פון זיין לעבנס־פּסיכיק אין העכערע ווערטן פון מענטשלעכן גייסט, אין געשיכטלעכן באַוווסטזיין. פון דער בלינדער, זיך־נישט־באַוווס־טער וועגעטירנדיקער אַנטיטעזע ווערט אַ גרויסע, זיך־באַוווסטע געשיכטלעכע באַוועגונג. אַ שיקזאַלפולע אויפגאַבע פון דער אי־דעע מענטש: מיט די רעוואָלוציאָנערע מיטלען פון אַ גרויסער היסטאָרישער אַנטיטעזע צו דערלייזן פון אַ היסטאָרישן טויט אַן עפּאָכע פון דער געשיכטע, וואָס איז רייף צום אונטערגאַנג און אַזוי־אַרום צו באַשאַפן דאָס לעבן, און, באַשאַפנדיק דאָס לעבן, — צוצופירן די געשיכטע פון די מענטשן צו אַ העכערער אַנטוויק־לונג פון זייער דאַזיין, צו ווייטערע האָריזאָנטן פון זייער גייסט. צו דער ס י נ ט ע ז ע.

## IX

צום סוף וויל איך נאָך דערמאָנען די אַנזעעוודיקע ראָל פון יידן אין דער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע.

פון אַלע עקאָנאָמישע תקופות פון דער געשיכטע, איז די קאַפּיטאַליסטישע תקופה די סאַמע אַבסטראַקטסטע. דער קאַפּיטאַליזם האָט פאַרוואַנדלט די קאָנקרעטע מאַטעריעלע גיטער פון דער ווירטשאַפט אין אַבסטראַקטע ווירטשאַפטס־באַגריפן (געלט). דער קאַפּיטאַליזם — דאָס איז אַ ווירטשאַפטס־סיסטעם, וואָס בויט זיך אויס און לאָדנט־אויס זיין גאַנצע עקזיסטענץ־ענערגיע אין ווירטשאַפטלעכע סימבאָלן. ער אָפּערירט מיט סימבאָלן. געלט. סימבאָלן, וואָס דריקן־אויס מיט זיך — אָן שום אָרגאַנישער שייכות מיט די ווירקלעכע מאַטעריעלע באַשטאַנד־טיילן פון דער עקאָנאָמיק — אַבסטראַקטע ווירטשאַפטלעכע ווערטן. אין דער קאָנסטרוקציע פון דער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע, דעריבער, איז נישט דער ווירקלעכער ווערט פון דער מאַטעריע, נאָר דער (פון דער מאַטעריע אַבסטראַהירטער) ווערט־באַגריף — דער הויפּט־פאַקטאָר, וואָס דעצידירט אין דער מעכאַניק פון דער ווירטשאַפט. עס קלינגט ווי אַן איראָניע פאַר אַלע אידעאַליסטן: ביי זיין גאַנצער ברוטאַליטעט, מוראדיקער עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונגס־מעטאָדן, איז דער קאַפּיטאַליזם—אַלס באַציִונגס־פענאָמען צו דער וועלט — הגם עטיש אַ שרייענדיקער ווידערשפּרוך צום אידעאַליזם — דאָך אין וועזן זיינעם (מעטאַפיזיש) איז דער קאַפּיטאַליזם אַן אידעאַליסטישע דערשיינונג. די מאַטעריעלע ווירטשאַפטלעכע מהותן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט זענען דורכן קאַפּיטאַליזם פולשטענדיק פאַרדרענגט פון אַבסטראַקטע ווירטשאַפטלעכע

י. י. טרונק, שלום־עליכם, 10.

אידעען: קאַפּיטאַל. געלט. די אידעע — דאָס געלט — הערשט טאָטאַל איבער דער מאַטעריע. דערדאָזיקער קאַפּיטאַליסטישער אידעאַליזם טראָגט אויך מיט זיך, — אַלס אינערלעכע דיאַלעק־טישע לאָגיק, — אַלע היסטאָרישע אַטריבוטן פונם אידעאַליסטישן באַציִונגס־פענאָמען. נעמלעך: דער קאַפּיטאַליזם קאָן זיך בשום־אופן נישט צובינדן צו קיין שום באַגרענעצטקייט און נויגט מער צו אַלוועלטלעכקייט און קאָסמאָפּאָליטיזם. ער איז אומרויִק און זוכעריש. ווייל דער קאַפּיטאַליזם איז נישט אין זיין וועזנס־סוב־סטאַנץ מאַטעריאַליסטיש, דעריבער איז דער לויף פון זיין אַנטוויקלונגס־ליניע נישט אַזוי פּאַראַלעלגזאַמט, ווי דער לויף פון דעם מיט שווער־קראַפט באַלאָדענעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער ריינער מאַטעריע. זיינע דיאַלעקטישע ווידערשפּרוכן יאָגן זיך איינע נאָך די אַנדערע אין די נאָענטסטע צווישן־פּאַזן. דע־ריבער דוכט זיך אויס, אַז די קאַפּיטאַליסטישע תקופה איז פולער מיט ווידערשפּרוכן, ווי אַן אַנדערע עקאָנאָמישע תקופה. אין זיין טעמפּעראַמענט און אין זיינע שוווּנג־אַמביציעס איז דער קאַפּיטאַ־ליזם לייכט ווי יעדע אַבסטראַקציע און ער וואַקסט נישט מיט דעם טעמפּ פון אַזיין, נאָר מיט דעם טעמפּ פון אַ פאָרשטעלונג. אינם קאַפּיטאַליזם,—ווי אין יעדער אידעאַליסטישער דערשיינונג,—דאָמינירט דער סוביעקטיווער ווונטש, די פּערזענלעכע פאָרשטעלונגס־קראַפט, די רייכע שאַטירונגען און די פאַנטאַסטישע ניואַנסן פון דער מעג־לעכקייט: דאָס ווייטע און דאָס שטח־לאָזע; דאָמינירט פיל מער, ווי דאָס, וואָס איז שוין דערגרייכט־געוואָרן, האָט זיך פאַרקער־פּערט אין רעאַליטעט און זיך פאַראַנקערט אינם רוים און אין דער צייט. אויך איז דער קאַפּיטאַליזם אָבענטויערלעך ווי יעדער אידעאַליזם. די צוקונפטס־פּערספּעקטיוון פון קאַפּיטאַליזם זענען כמעט דאָן־קישאָטיש. ווילד. האַלזברעכעריש. דער קאַפּיטאַליזם איז אָבערגלויבעריש פאַרנאַרט אין זיין שיקזאַל און האָט זיין „בלויע בלום“, וואָס וואַקסט פאַר אים אין אין ווייטע עקזאָטישע האָ־ריזאָנטן פון דער היסטאָרישער עקאָנאָמיק. וואָרים דער קאַפּיטאַ־ליזם לעבט אין די הינער־פלעט פון דער טרוימהאַפטיקייט. ביי

זיין גאַנצער כיטרעקייט איז דער קאַפּיטאַליזם נאַיִוו אין זיין גלייבן אין דער גרענעצלאָזיקייט.

דער קאַפּיטאַליזם איז אַ קאַטאַסטראָפאַלער אידעאַליסטישער א י נ ב ר ו ך אין דער מאַטעריע פון דער וועלט.

דאָסדאָזיקע אידעאַליסטישע ווירטשאַפטס-סיסטעם, דער קאַפּיטאַליזם, איז באַזונדערס צוגעפּאַסט צו דער יידישער פּסיכיק. דאָס זעען מיר געגנוג בולט אין דער געשיכטלעכער פּראַקטיק. די אַלע היסטאָרישע קאָנפליקטן, וואָס די יידישע נאַציע האָט געהאַט בייצושטיין מיט די ווירטשאַפטלעכע סיסטעמען פון די פאַר-קאַפּיטאַליסטישע תּקופות, די אייגנטלעכע מאַטעריאַליסטישע תּקופות פון דער געזעלשאַפטלעכער עקאָנאָמיק. — (איך רעזומיר: די יידישע נאַציע איז פון יענער מאַטעריאַליסטישער עקאָנאָמיק אָפּגעשטויסן-געוואָרן; נישט געקאָנט אין יענע מאַטעריאַליסטישע מאָטיוון זיך פריי אויסלעבן מיט אירע פּסיכישע באַציִונגען; גע-נויט-געוואָרן דורך שטאַרקע עקאָנאָמישע באַדינגונגען זיך פּסיכיש צוצופּאַסן צום אַבסטראַקטן). — אָט-אָ די אַלע סיבות און באַדינ-גונגען האָבן נישט געקאָנט האָבן קיין שום פּסיכישן יסוד אינם קאַפּיטאַליזם. שוין דורך דעם ווען פון קאַפּיטאַליזם זענען זיי עלימינירט-געוואָרן, ווי פּרעמד-קערפּער. אויפריכטיק איינגע-וואָרצלטע פּסיכישע נעגאַציעס, אָדער פּאָראורטיילן בנוגע געוויסע ר ע אַ ל ע היסטאָרישע דערשיינונגען (ווי צ. ב. ש., בנוגע דער יידישער נאַציע, אָדער בכלל בנוגע אַ באַזונדערן מענטשלעכן שטאַם) האָט ער נישט, דער קאַפּיטאַליזם. ער איז צו וו ע ל ט י ש, צו אינטערנאַציאָנאַל, צו אַבסטראַקט. ער זאָל זיך אָרגאַניש קאָ-נען פאַרבינדן און פאַראיינהייטלעכן מיט אַ באַגרענעצטער רעאַ-ליטעט. ער איז אָרגאַניש פאַרבונדן נאָר מיט אַן אידעאַליסטיש וועלט-געפיל. דער קאַפּיטאַליזם איז אויף אַזוי פיל רעאַל, אויף וויפל אין די רעאַליטעטן קאָנען זיך פאַנאַנדערשפּילן זיינע גיריקע פאַנטאַזיעס, זיין ווירטשאַפטלעכער „אידעאַליזם". אויך דער קאַ-פּיטאַליסטישער ליבעראַליזם שטאַמט נישט פון וואָסערע-עס-איז עטישע באַדערפענישן. אויב ער איז צו עמיצן נישט ליבעראַל, איז עס נישט דעריבער, ווייל יענער איז פאַר אים נישט געגנוג

עטיש. גראַד זיין טרוימערישער (אידעאַליסטישער) טעמפּעראַמענט לעשט־אויס אינם קאַפּיטאַליזם יעדן עטישן פונק. דער קאַפּיטאַליזם איז ליבעראַל פון זיין אַבסטראַקטן מהות אַרויס. ער קאָן נישט זיין קאָנסערוואַטיוו, ער קאָן זיך נישט לאָזן האַמעווען פון טראַדיציעס. פונם קאַפּיטאַליסטישן ליבעראַליזם רעדט אומפּאַרשעמט אַרויס די קאַפּיטאַליסטישע גיריקייט. וואָרים דאָרט, ווו דער קאַפּיטאַליזם איז אויפריכטיק און ווו ער איז פריי אין זיינע באַוועגונגען, עקספּלאָאַטירט ער און נעגירט נאָר דעם שוואַכן און דעם אויסגענוצטן. דעם שטאַרקן, אָבער, דעם עקספּלאָאַטאַטאָר און דעם אויסנוצער, ד. ה. דעם, וואָס איז בכּוח צו פאַרוואַנדלען יעדע עקזיסטענץ און יעדע נויט אין געלט — דעם זוכט ער אין אַלע נאַציעס און אין אַלע שטאַנדן. פאַר דעם אויסנוצער און געלטמאַכער האָט נישט דער קאַפּיטאַליזם קיין שום באַוואָרענישן. דער ציל פונם קאַפּיטאַליזם איז איינער, - איין־און־איינציקער: וואָס מעכטיקער זיך אויסצובויען אין דער ווירטשאַפטלעכער אַבסטראַקציע, — אינם געלט. געלט איז די קאַפּיטאַליסטישע „בלויע בלום" — פריי און אָבענטויערלעך צו גרינדן איבער אַלע ווירקלעכקייטן און רעאַליטעטן דאָס אויפגעברויזטע וועלט־מלכות פון אַ ווילדער עקאָנאָמישער טרוימהאַפטיקייט.

אין דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, דעריבער, האָט די יידישע נאַציאָנאַלע פסיכיק דאָס ערשטע מאָל אין דער יידישער געשיכטע געהאַט פאַר זיך אַן עקאָנאָמישן באָדן, פאַר וועלכן זי איז פולשטענדיק געווען דיספּאָנירט. אַ געזעלשאַפטלעכע ווירטשאַפט, וואָס מ'האָט פון דאָרט דאָס יידישע דאָזיין אין דער וועלט נישט בלויז נישט אויסגעשלאָסן, — נאָר פאַרקערט: אין דערדאָזיקער, אין דער ווירקלעכקייט אירעאַלער קאַפּיטאַליסטישער וועלט־עקאָנאָמיק האָט מען גאָר יידן זיך געלאָזט פילן פריי, ווי פיש אין וואַסער. ווי אַזוי יידן האָבן פסיכיש באַנומען דאָס לעבן—האָט פולשטענדיק האַרמאָנירט מיט דער קאָנסטרוקציע פון קאַפּיטאַליזם. וואָס האָט געזוכט אַלע רעאַליטעטן אַריבערצוטראָגן אין אַן אַבסטראַקטער אַטמאָספערע. יידן האָבן טאַקע אינם קאַפּיטאַליזם אַנטוויקלט זייער נאַציאָנאַלן טעמפּעראַמענט.

איך וועל דאָ נישט גיין דערציילן וועגן די השפּעות און דער מיטבאַטייליקונג פון יידן אין דער קאַפּיטאַליסטישער ווירט־שאַפט. סיי פילאָסעמיטן, סיי אַנטיסעמיטן, סיי נייטראַלע וויסנ־שאַפטלער האָבן איבערגענוג געשריבן וועגן די אַנזעעוודיקע יידישע השפּעות אין דער קאַפּיטאַליסטישער תּקופה. אָבער כּמעט אַלע סאָציאָלאָגן, און אַפילו מארקס אַליין, האָבן זיך באַמיט אונטער־צושטרייכן, אַז נאָר דער מאַטעריאַליסטישער גענוס פון געלט, דאָס פּראָזאַישע און ניכטערע, דאָס ראַציאָנעלע פונם קאַפּיטאַליזם אַנטשפּרעכט דעם יידישן גייסט *). דידאָזיקע מיינונג איז זיכער אַן איבערפלעכלעכע. זי שטיצט זיך נאָר אויף אַן אויבנאויפיקער באַאָבאַכטונג פון דעם, וואָס מ'זעט יידן אַזוי הייס זיך פּאָרען ביי געלט, ליבן דאָס געלט מיט ליידנשאַפט. יאָ, כּמעט

---

*) ...Die Spuren dieser einzigartigen Entstehungsweise trägt natürlich die jüdische Religion deutlich an sich: sie erscheint uns in allen ihren Gründen ganz und gar als ein Verstandeswerk; als ein in die organische Welt hinausprojiziertes Gedanken- und Zweckgebilde: mechanisch-kunstvoll gestaltet, darauf berechnet, alle natürliche Welt zu zerstören und sich zu unterwerfen und an ihre Stelle ihr eigenes Walten zu setzen. Wie es der Kapitalismus tut, der wie die jüdische Religion als ein Fremdtum inmitten der natürlichen, der kreatürlichen Welt, als ein Erdachtes und Gemachtes inmitten des triebhaften Lebens erscheint. Rationalismus — da ist ja das Wort, mit dem wir alle diese Besonderheiten zusammenfassen — Rationalismus ist der Grundzug des Judaismus wie des Kapitalismus. Rationalismus oder Intellektualismus: Wesensrichtungen, die gleicherweise dem irrational Geheimnisvollen wie dem Sinnlich-künstlerisch-schöpferischen entgegengesetzt sind. —

*) פּראָפ. וו. זאָמבאַרט: „Die Juden und das wirtschaftsleben" (זז. 242-43) 1922.

פאַרגעטערן דאָס געלט. נישט דער לעבנס־גענוס, װאָס מ׳קאָן זיך פאַרשאַפן דורכן געלט (פאַרשאַפן זיך לעבנס־גענוס דורכן געלט, הייסט—צוריקגיין פון דער אַבסטראַקציע צו דער רעאַליטעט) אַנט־שפרעכט דער יידישער פסיכיק. איר אַנטשפרעכט — דער אונטער־נעמונגס־גייסט, דאָס מנחם־מענדלשע װאַגעניש, דאָס מעגלעכע אוממעגלעכע, — דאָס דאָן־קישאָטיש־אַוואַנטוריסטישע אינם קאַפּי־טאַליזם. מיט איין װאָרט: די אַלע קאָמפּלעקסן פון דעם ריינעם איראַציאָנעלן װערט־באַגריף, װאָס איז די אייגנטלעכע נשמה פון קאַפּיטאַליזם — דאָס אַלצדינג ציט צו זיך צו די יידישע פסיכיק. „ער האָט ליב געהאַט געלט, נישט מחמת דעם, װאָס ער דאַרף עס אַזוי נויטיק האָבן, — זאָגט שלום־עליכם װעגן זיינעם אַ העלד (אַרקאַדי שװייצער), — נאָר מחמת דעם, װאָס ס׳איז געלט. מחמת דעם, װאָס געלט אַליין איז אַ גוטע „ליבע זאַך״. דאָס געלט אַליין אַלס מהות, דאָס גוטע, ליבע „געלטעניו״, װאָס אַבסטראַהיט מיט זיך אַלע רעאַליטעטן פון דער װעלט אין אַ באַגריף מחוץ פון אַלע רעאַליטעטן,—נאָר דאָס, איז זיך בכוח צו פאַרבינדן מיט די לעבנס־אַמביציעס, באַװעגונגען און באַציִונגען פון דער יידי־שער פסיכיק.

די פסיכישע קרובהשאַפט פון יידן מיטן קאַפּיטאַליזם, — װאָס מוז זיך אַלעמען װאַרפן אין די אויגן, — האָבן די נישט־יידישע סאָציאָלאָגן, איבערהויפּט פּראָפ. זאָמבאַרט, געפּרוּװט צו אידענטיפיצירן מיטן באַקאַנטן „גייסט״ פון יידנטום און מיט די מאָטיװן פון דער יידישער רעליגיע. אין מערב־אייראָפּע, װוּ מ׳האָט זיך מיט די פראַגן װעגן דער שייכות צװישן יידן און קאַפּיטאַ־ליזם געפּרוּװט אָביעקטיװער צו אינטערעסירן, האָט מען אויף דעם נאַטירלעכן היסטאָרישן מהות פון דער יידישער נאַציע סוף־כל־סוף געקוקט דורכן טעאָלאָגישן פענסטערל, װאָס גייגער און זיינע תּלמידים האָבן געעפנט צו די יידישע פראָבלעמען. דידאָזיקע דייטש־יידישע געלערנטע זענען געװען העגעליאַנער, װאָס האָבן פון זייער זייט די דיאַלעקטיק פון דער יידישער געשיכטע גע־שטעלט „אויפן קאָפּ״; אַרויסגערוקט אַלס דעם באַװעגונגס־כוח פון דער יידישער געשיכטע דעם אַבסטראַקטן פאַנטאָם, דעם „איי־

ביקן גייסט פון יידנטום״. די מערב־אייראָפּעיִשע סאָציאָלאָגן, ווי מאָדערן און זאַכלעך זיי זאָלן נישט דענקען, האָבן אָבער בשום־אופן נישט געקאָנט האָבן קיין טיפערן אַריינבליק אין די לעבע־דיקע עלעמענטן פון יידישער געשיכטע, אין די גרויסע יידישע מאַסן. די מערב־אייראָפּעיִשע סאָציאָלאָגן האָט דאָ געפעלט דער וועלטי־שער קאָנטאַקט. דער טעאָלאָגיש־באַפּאַרבטער „גייסט פון יידנטום״ האָט סוף־כל־סוף געדינט ווי דער איינציקער אונטערזוכונגס־אָביעקט פאַר זייערע אָנשויונגען. דידאָזיקע סאָציאָלאָגן האָבן געהאַט פאַר זיך נאָר געוויסע אָנזעעוודיקע רעזולטאַטן פון דער יידישער געשיכטע, ווי די יידישע רעליגיע און אַנדערע קול־טור־דערשיינונגען. אויך די יידישע השפעות אין דעם קאַפּיטאַ־ליזם האָבן זיי נאָר געזען אַלס ענדגילטיקע רעזולטאַטן פון „יידיש־היסטאָרישן גייסט״. איז דאָך דער „גייסט״ געווען דער איינציקער מאַטעריאַל, מיט וועלכן זיי האָבן געקאָנט אָפּערירן. דאָס זוכן די פּסיכישע אַנאַלאָגיע צווישן די אַלע רעזולטאַטן און קוקן אויף זיי פון איין סינטעטישן שטאַנד־פּונקט, איז זיכער געווען דער ריכטיקסטער וועג. ריכטיק, אויף וויפל דער וועג איז וויניקסטנס געווען אַן אָביעקטיווער. רעזולטאַטן, — ווי וועזנט־לעך און בולט זיי זאָלן נישט זיין, — זענען אָבער פאָרט נישט מער ווי די ר ײ פ ע פּ ר אָ ד ו ק ט ן פון אַ לעבעדיקער געשיכט־לעכער באַוועגטקייט. די עלעמענטאַרע און פּרימערע באַוועגונג פון דער געשיכטע איז אָבער נישט קיין אַבסטראַקטער גייסט: רעזולטאַט. דער עלעמענטאַרער פאַקטאָר פון דער געשיכטע און די ערשטע ספּעציפישע סיבה פון איר באַוועגונג איז אַ מענטש־לעכע געמיינזאַמקייט, וואָס לעבט דיאַלעקטיש. — נומער איינס. נומער צוויי: די צווישן־מענטשלעכע באַציִונגען פון דערדאָזיקער געמיינזאַמקייט. צו אָט־אָ דער הויפּט־סיבה פון יידישער געשיכ־טע, ווו עס ליגט דער שליסל צו אַלע רעזולטאַטן און צו אַלע נאַציאָנאַל־היסטאָרישע קאָמפּלעקסן פון יידן, איז דער צוטריט געווען פאַרשטעלט. דער אויבנאויפיקער אָפּגרונט צווישן דער מאָטיוון־אָרימער יידישער מאַסע און דעם שאַפערישן יידישן „גייסט״, — ער איז אויך געלעגן צווישן דער יידישער מאַסע און

דעם קאַפּיטאַליזם. ס'וואָלט ווירקלעך געמוזט קלינגען ווי דער ביטערסטער חוזק, אַז די עלענטע, קבצנישע, פאַרשפּאָטעטע און נידערגעשלאָגענע הונגעריקע יידישע מאַסע האָט אַ נאָענטע שייכות צו דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט־ווירטשאַפט, אָדער אַז זי שאַפט גאָר דעם קאַפּיטאַליזם. זוכן די וועלט־היסטאָרישע רעזולטאַטן פונם קאַפּיטאַליזם אין דערדאָזיקער יידישער מאַסע? דער ווילדסטער פּאַראַדאָקס. לייטיש געלעכטער. די אַנטפּלעקונג פון דער אורשפּרינגלעכער פּסיכישער דיספּאָזיציע צום קאַפּיטאַליזם אין דער היסטאָרישער יידישער מאַסע, — דאָס האָבן מיר ערשט צו פאַרדאַנקען שלום־עליכמען.

בנוגע דער נישט־יידישער מאַסע, — וואָס אין איר ווען האָט זי צו איר עקזיסטענץ אַ קאָנקרעטע און רעאַלע באַציִונג — איבער איר איז דער קאַפּיטאַליזם, ווי גראַנדיעז ער זאָל נישט זיין אין זיין עקאָנאָמישן געבוי, פאָרט געווען נישט מער ווי אַ ווירטשאַפטלעכער איבערבוי; אַן אויסערלעך געהייז איבער איר לעבן; איינער פון די פאַרשידענע עטאַפּן פון די געזעלשאַפטלעכע פּראָדוציר־אופנים. ווער פון דערדאָזיקער נישט־יידישער מאַסע ס'האָט נישט גענומען קיין דירעקטן אויסנוצערישן אָנטייל אין דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, — ד. ה., ער איז נישט געווען קיין קאַפּיטאַליסט און האָט נישט געצויגן פון דערדאָזיקער ווירטשאַפט קיין פּראָפיט, — דער איז פאַרבליבן אין זיין פּסיכיק פרעמד דעם קאַפּיטאַליזם. ער איז געווען דער פּראָלעטאַריער. דער עקספּלאָאַטירטער. דאָס מעל, וואָס האָט זיך בלויז געמאָלן אין דער קאַפּיטאַליסטישער מיל. ער איז פאַרבליבן דער אָרימער וואַכער אין דער גיריקער קאַפּיטאַליסטישער טרוימהאַפטיקייט. ער איז פאַרבליבן רעאַל — ווייל די אידעאַליסטישע אַוואַנטורע פונם קאַפּיטאַליזם האָט אים גאָרנישט געגעבן און דעריבער אים נישט אַרויסגעהויבן פון זיין רעאַל־זיין. מיט זיין וועלט־געפיל איז דער גוייִשער נישט־קאַפּיטאַליסטישער מענטש פאַרבליבן אַ פרעמדער אויף דער פאַנטאַסטישער קאַפּיטאַליסטישער וזתונה. דער קאַפּיטאַליזם אַלס אַזעלכער האָט אים נישט געוואַרעמט. אויסנוצער און אויסגענוצטע, — דאָס איז געווען

דאָס קאָנקרעטע פּנים פון דער נישט־יידישער וועלט אין דער קאַפּיטאַליסטישער תּקופה.

ביי דער יידישער מאַסע, אָבער — ווי שלום־עליכם האָט זי אַנטפּלעקט, — געפינען מיר דעם גאַנצן פּ ס י כ י ש ן א ו נ ־ ט ע ר ב ו י פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט. דאָרט איז דער קאַפּיטאַליזם דאָס אינערלעכסטע און פּרימערסטע עקזיסטענץ־געפיל. עס גייט נישט דערין, וואָס די קאָנקרעטע רעזולטאַטן פון דעם פּרימיטיוון קאַפּיטאַליסטישן עקזיסטענץ־געפיל אין דער יידישער מאַסע זענען אַזעלכע קלאָגעדיקע. פאַרוואָס די קאַפּיטאַליסטישע רעזולטאַטן גראָד פון דערדאָזיקער (יידישער) קאַפּיטאַליסטישער פּסיכיק זענען אַזוי אומגליקלעך־נישטיקע, — אין דעם שפּילן־מיט טויזנטער סיבות. סיי אויסערלעכע (היסטאָרישע באַדינגונגען), סיי אינערלעך־פּסיכאָלאָגישע. אָבער דער עצם־פאַקט, ד.ה., דער צוזאַמענהאַנג צווישן דער קאָנסטרוקציע פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פּסיכיק און דער פּסיכישער קאָנסטרוקציע פונם קאַפּיטאַליזם, רייסט ממש די אויגן. מען דאַרף נאָר לייענען, ווי קאַרל מאַרקס און אַפילו אַנדערע, נישט גראָד סאָציאַליסטישע סאָציאָלאָגן באַשרייבן דאָס וועזן און די אינערלעכע לעבנס־באַוועגונג פונם קאַפּיטאַליזם; מ'באַדאַרף אָט די אַלע באַשרייבונגען אויסטון פון די גראַנדיעזע ווירטשאַפטלעכע רעזולטאַטן, מיט וועלכע די סאָציאָלאָגן אילוסטרירן די געשיכטע פון דער קאַפּיטאַליסטישער תּקופה; איבערלאָזן אין די באַשרייבונגען דעם הוילן פּסיכישן סקעלעט פון דער קאַפּיטאַליסטישער קאָנסטרוקציע; פון דער צווייטער זייט, ווידער, נעמען דעם שלום־עליכמישן קאַסריליק אין זיין גאַנצן קבצנישן פּראָווינציאַליזם, אין זיין מוראדיקער אָרימקייט, נאָר מיט זיין אַבסטראַקטן לעבנס־טעמפּעראַמענט און זיינע פאַנטאַסטישע אַמביציעס, אָן אַ זייט פון אַלע רעאַליטעטן. און זאָל מען זיי נאָר צוזאַמענשטעלן אויף איין פּסיכאָלאָגיש זע־פעלד, — וועט מען פּשוט שטוינען, ווי אָט דער פּסיכישער סקעלעט פונם קאַפּיטאַליזם און דער שלום־עליכמישער קאַסריליק זענען צוויי טראָפּן פון דעם אייגענעם וואַסער. דער קערן פון דער וועלט־פאָרשטעלונג איז דער גלייכער. כ'האָב שוין

געזאָגט, אַז אין דערדאָזיקער הינזיכט זענען אַ ל ע קאַסריליקעס, ד. ה., די ג אַ נ צ ע יידישע מאַסע אין דער שלום־עליכמישער באַ־לייכטונג, — נישט אַנדערש, ווי דער באַקאַנטער מנחם־מענדל. זיי זענען אַלע פון איין בלוט־און־פלייש, און קאָנסטרויִרט פון איין־און־ז׳ערזעלביקער פסיכיק. אין מנחם־מענדלס לעבנס־אופן און אין זיינע מעשים קאָנצענטרירן זיך נאָר — אין אַ ספּעציעלן זאַמל־פּונקט — באַדינגונגען און אַקטיוויטעטן, ווו דער כאַראַקטער פון דעם שלום־עליכמישן יידישן קליינעם מענטשעלע באַווייזט זיך אונז אין אַלע זיינע ניואַנסן. דער מנחם־מענדלשער כאַראַקטער אין פּו־לער אַנטוויקלטער אַקציע. אין די מנחם־מענדל־מעשיות באַשאַפט שלום־עליכם (אַרום דעם, צו אַקציע פּראָוואָצירטן העלד) אַן אָפּגע־שלאָסענע (מנחם־מענדלשע) אַטמאָספערע. רוים, צייט און אָרט, ווו עס באַדאַרף זיך פאַנאַנדערשפּילן די גאַנצע אַקטיוויטעט פון מנחם־מענדלען, בויט ער אויף פון די קאָמפּלעקסן פון דער יידי־שער נאַציאָנאַלער פסיכיק (לויט ווי ער, שלום־עליכם, פאַרשטייט זי), כדי וואָס בולטער און שאַרפער (און מיטווירקלעכער בראַוווּר) אַרויסצובאַקומען די גאַנצע טענער־סקאַלאַ פון מנחם־מענדלשן וועלט־געפיל. די נאַטור־שילדערונגען און די פייזאַזשן אַפילו, אויף וועלכע מנחם־מענדל באַוועגט זיך, זענען געצייכנט מיט די סוביעקטיווע פאַרבן פון מנחם־מענדלס פסיכיק. יעדנפאַלס, אין דער פיגור פון מנחם־מענדלען איז דאָס „מנחם־מענדלשע" נאָר קאָנצענטרירטער ווי אומעטום ביי שלום־עליכמען. מנחם־מענדל איז געצייכנט פון שלום־עליכמס האַנט מיטן טיפסטן באַוווּסטזיין אַז דאָ שאַפט ער די גרויס־קאָנסטרויִרטע, די דערשיטערנדיק טראַגישע פיגור, וואָס טראָגט אין זיך דעם שיקזאַל פון דער יידי־שער היסטאָרישער עקזיסטענץ. דער מנחם־מענדלשער מענטש אָבער, און דאָס מנחם־מענדלשע לעבנס־געפיל, איז צעטיילט אי־בער אַ ל ע ווערק שלום־עליכמס. אַ ל ע מענטשן שלום־עליכמס דענקען און לעבן, ווי מנחם־מענדל. זיי רעדן אַפילו אַלע מיטן מנחם־מענדלשן לשון. וואָרים, ווי ביי יעדן גרויסן שריפטשטעלער, איז אויך ביי שלום־עליכמען די שפּראַך פון זיינע העלדן דער אינערלעכסטער אויסדרוק פון זייער לעבנס־געפיל; דאָס לעבנס־

געפיל אין דער לעבעדיקער געשטאַלטונג פון דער שפּראַך. נישט בלויז זייענדיק טעטיק, נאָר אויך זייענדיק רעדעווידיק, — וועלנ־דיק אויסדריקן זיך, — מאַניפעסטירן זיי זייער וועזן אין דער וועלט און זייערע באַציִונגען צו דער וועלט. אין די פריערדיקע קאַפּיטלען האָב איך שוין גערעדט וועגן דערדאָזיקער אַנאַלאָגיע און וויל זי דאָ נאָכאַמאָל באַרירן. אַרקאַדי שווייצער, למשל, רעדט אָט־ווי (אין דער „פריילעכער קאָמפּאַניע”): „איר זענט אַ מעק־לער פון די מעקלערס, וואָס פאַרקויפן דעם שפּיץ פון די יעהו־פּעצער בערג, דעם שאָטן פון די בוימער פונם בויבעריקער וואַלד, און בייטן דעם נעכטיקן טאָג אויפן אָדעסער לימאַן און פירן־דורך אַ באַן גלייך פון מאַזעפּעווקע צו דער לבנה? אָט אַזוי זשע רעדט! וואָס זשע מאַכט איר אָנשטעלן? אָחינו אַתּה, נאָט אייך אָפּ שלום, דען אַז איך וויל — זאָג איך, אַז איך בין אויך אַ מעקלער, איך האָב אויך אַ צוויי־דריי אָפּיסן ביי זיך אין קעסטל פון די רייכע אימיעניעס, מיט די שיינע וועלדער, מיט די גרויסע פּאַלאַצן, מיט די קלוגע פערד, מיט די ריינע סאַזשעלקעס, מיט די אמתדיקע דגים און מיט די ווילדע קאַטשקעס”. אַזוי ווייט דער קבצן אַרקאַדי שווייצער.

מנחם־מענדל, נעבעך, וואָס באַהאַלט זיך אויס אַ הונגערי־קער אויף אַ בוידעם אין יעהופּעץ, דערטאַפּט דאָרט עפּעס אַ צוויטן יידן, אויך אַ מנחם־מענדל, וואָס טראָגט ביי זיך אַרום אַ פולע קעשענע מיט „אָפּיסן”. פאַרשטייט זיך, אַז מנחם־מענדל ווערט באַלד אַ שותּף צו די הוריות. „הייזער און אימיעניעס און וועלדער און באַנען און פאַראַכאָדן און פאַבריקעס אויף מיליאָ־נען”. „מיר האָבן, — שרייבט ער צו שיינע־שיינדלען, — גע־שעפּטן זייער אַ סך, מיט גאָטס הילף. מיר האָבן קוילן אין פּאָל־טאַווער גובערניע, מיר האָבן אייזן אין קאַווקאַזער אויעזד, מיר האָבן אַ מיל אַן אָפּגעברענטע אין פערעיעסלאַוו. היינט האָבן מיר אַ פּריץ, וואָס וויל אויסבייטן אַ וואַלד אויף אַ „גוראַלניע”, און אַ יידן האָבן מיר, וואָס וויל קויפן אַ גרויס הויז אין יעהופּעץ אָן געלט, היינט אימיעניעס, וועלדער”. ספּעציפיש קאַפּיטאַליסטיש אַלסווירטשאַפטס־אויפפאַסונג קלינגט אַ צווייטער בריוו מנחם־מענדלס.

פשוט אַמעריקאַנישער קאַפּיטאַליזם, ווו מען ברענט תבואות און פּראָדוקטן, כּדי צו הויבן די פּרייזן: „הלואי זאָל גאָט געבן, אַז קיין רעגן זאָל בעסער נישט זיין און די זשוקלעך זאָלן עסן די בוראַקעס אויף וואָס די וועלט שטייט. וואָרים וויבאַלד עס וועט נישט זיין קיין בוראַקעס, וועט דאָך נישט זיין קיין צוקער, און אַז עס וועט נישט זיין קיין צוקער, וועט צוקער זיין מיט גאָלד גלייך, וועלן די שפּעקולאַנטן מאַכן געשעפטן, די מעקלערס וועלן פאַרדינען געלט, און איך אויך בתוכם". אין זיינע פּסיכישע מאָ-טיוון איז דאָס אַלצדינג דער קאַפּיטאַליסטישער לעבנס-אימפּעט אין אַן עמבריאָנאַלן צושטאַנד און אויף אַ האָפענונגסלאָזן אָרימען באָדן, ווו ער האָט נישט די מינדסטע אַנטוויקלונגס-מעגלעכקייטן. דער פאַרגלייך מיטן קאַפּיטאַליזם וועט זיין קאָמיש אין צוזאַמענ-האַנג מיט די גוואַלדיקע דערגרייכונגען, דאָרט, ווו דאָס קאַפּי-טאַליסטישע עקזיסטענץ-געפיל האָט יאָ די מעגלעכקייטן פון אַנט-וויקלונג. דאָס קאַפּיטאַליסטישע עקזיסטענץ-געפיל שטעקט ביי שלום-עליכמס מענטשן בלויז אין דער פּסיכישער אַקטיוויטעט זיי-ערער; אין זייערע באַציִונגען צו דער אַרומיקייט. נעמלעך: שאַפן און אָפּערירן מיט הוילע אַבסטראַקטע ווערטן פון די רעאַליטעטן (אין קאַפּיטאַליסטישער פאַזע — געלט) מן-הצד פון די רעאַלי-טעטן; דעם רעאַלן מהות פון דעם מענטשלעכן לעבן איבערצו-דעקן מיט אַן אַבסטראַקטן (אידעאַליסטישן) איבערבוי. דאָס לע-כערלעכע און גראָטעסקע פון דערדאָזיקער מאָדנער טבע אין דער וועלט, ווו עס לעבן שלום-עליכמס מענטשן, באַשטייט דערין, וואָס די אַמביציעס און דער טעמפּעראַמענט, — וואָס ווערן דאָ אויס-געלאָדנט, — שטייען אין אַזאַ דיספּראָפּאָרציע און אין אַזאַ מיס-פאַרהעלטעניש צו די נישטיקע, האָפענונגסלאָזע רעזולטאַטן פון דעם שווונגפולן פאַרמעסט.

קאַסרילעווקער קאַפּיטאַליזם. יאָ, מיר מוזן לאַכן, ווען מיר באַטראַכטן עס בלויז אַלס פּורים-שפּיל. וואָרים אָט-אָ דער עמבריאָ-נאַלער קאַפּיטאַליזם אַלס אַזעלכער, — און אַלס פּסיכישע באַוועג-גונג פון די שלום-עליכמישע פיגורן, — איז פּורים-שפּיל. טראַגי-קאָמיש פּורים-שפּיל. גראָטעסק-אומבאַהאָלפענע זשעסטן פון אַ

גרויסער לעבנס־באַוועגונג, וואָס עס מאַכן אָרימע, נאַקעטע, נישט־אַנטוויקלטע עמבריאָנען. אָבער גראָד דאָ, אין דעם חוזק־שפּיל פון שלום־עליכמס יידישע קליינע מענטשעלעך, די יידן אין די נאַרן־מיצלעך, הייבט־אָן צו מאַכן זיינע וועלט-וואַנדערונגען דער גרויסער היסטאָרישער שיקזאַל פון דער יידישער נאַציע.

---

רעזומע:

דער גרעסטער פאַרדינסט שלום־עליכמס אין שייכות מיטן באַנעמען דאָס וועזן פון יידישער געשיכטע: ער האָט אַריבער־געטראָגן דעם גאַנצן (אידעאַליסטישן) שיקזאַל פון דער יידישער נאַציע, אַריין אין דעם (אידעאַליסטישן) כאַראַקטער פון די לע־בעדיקע עלעמענטן פון דער נאַציע, — אין די עלעמענטן פון דער מאַסע, אין דעם כאַראַקטער פון די יידישע קליינע מענטשע־לעך.

שיקזאַל — דאָס איז די פּסיכישע געשטאַלטונגס־פאָרם פונם כאַראַקטער. שיקזאַל איז כאַראַקטער. היסטאָרישער שיקזאַל אַלס נאַציאָנאַלע אידעע — די פּסיכישע געשטאַלטונגס־פאָרם פונם כאַ־ראַקטער פון די נאַציאָנאַלע מאַסן אין דער דיאַלעקטיק און אין די באַוועגונגען פון דער געשיכטע.

# טאנאלאגן

## 1

שטאַרקע באַריידעוודיקייט צייכנט בכלל אויס שלום־עליכמס דערציילערישן אופן. שטאַרקע באַריידעוודיקייט צייכנט אויך אויס זיינע העלדן. שלום־עליכמס מענטשן האָבן נישט ליב צו שווייגן. ניין מאָס רייד האָבן זיי, און די נשמה ליגט זיי כסדר אויף דער צונג. זיי האָבן אַ ליידנשאַפט צו רעדן, צו רעדן און צו רעדן. אינם רעדן פילן זיי זיך ווי די פיש אין וואַסער.

שלום־עליכם האָט באַזונדערס ליב פאָרצושטעלן זיינע העלדן — די קליינע מענטשעלעך ווי זיי מאָנאָלאָגירן דאָס שפּראַכלעכע — די באַריידעוודיקייט — איז ביי שלום־עליכמען דאָס וויכטיקסטע מיטל, מיט וועלכן ער אַנטפּלעקט די גאַנצע קאָנסטרוקציע פון זיינע פאַרשוינען; אַלע ניואַנסן פון זייער עקזיסטענץ. פאַר שלום־עליכמען איז *שפּראַך* די וואָרסטע, אינטימסטע, די נשמהדיקסטע מענטשן־פאַרב. עס געהער דורכויס צו שלום־עליכמס מייסטערשאַפט; די אייגנאַרטיקייט און דער אינערלעכער בוי פונם שפּראַך־זאַץ איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער אייגנאַרטיקייט און דעם אינערלעכן בוי פון דער פּסיכיק פון די מענטשן, וואָס ער שילדערט. דאָס מענטשלעכסטע איז פאַר שלום־עליכמען די מענטשלעכע שפּראַך. דאָס *יידישלעכסטע* אינם יידישן מענטש איז די יידישע שפּראַך. שפּראַכלעכקייט איז מענטשלעכקייט. שלום־עליכמס יידישער מענטש באַווייזט זיך אונז אַמאינטימסטן אין זיין יידישער באַריידעוודיקייט, און ער בויט זיך פולשטענדיק אויף אין דעם בוי פון שלום־עליכמס שפּראַך־פּראַזע. זאָל נאָר עמיצער פּרווון צו מאַכן די מינדסטע קאָרעקטור אין דער קאָנסטרוקציע פון דער שלום־עליכמישער פּראַזע־

י. י. טרונק, שלום־עליכם, 11.

און די גאַנצע פסיכישע קאָנסטרוקציע פון דעם שלום־עליכמישן מענטש צעפּאַלט זיך אין װעזנלאָזיקײט.

אַפילו די אָרטאָגראַפיע און דעם אַקוסטישן װאָרט־קלאַנג האָט שלום־עליכם אָרגאַניש צוגעפּאַסט צו זײן שפּראַך־פאָרשטעלונג.

אינם בילד פון דער שפּראַך שפּיגלט זיך אָפּ דאָס בילד פונם שלום־עליכמישן מענטש.

שפּעדיק און באַרײדעװדיק איז די שלום־עליכמישע שפּראַך, אין דער שפּעדיקער באַרײדעװדיקײט זענען געשאַפן אַלע שלום־עליכמס פיגורן. מיט די מיטלען און אין דער אַטמאָספערע פון דער שפּראַך טוען זײ זײערע לעבנס־פונקציעס. אין דער שפּראַך דריקן זײ אויס די קאָמפּלעקסן פון זײער עקזיסטענץ־געפיל. גראָד אָבער אין אָט דער כסדרדיקער און שפּעדיקער באַרײדעװדיקײט, — אין דער באַזונדערער לײדנשאַפט זײערער צו מאַנאָלאָגירן, דערקענען מיר אַ װיכטיקן הויפּט־שטריך, װאָס צײכנט בכלל אויס די שלום־עליכמישע מענטשן. די יידישע קלײנע מענטשעלעך. נעמלעך: דאָס פעמינאַלע, דאָס װײבערישע. די נײַן מאָס באַרײדעװדיקײט שטאַמט פון זײער װײבערישקײט. װײבערישע מענטשן זענען שלום־עליכמס פאַרשװינדלעך.

דאָס רעאַליסטישע מינדערװערטיקײטס־געפיל, װאָס מאַכט זײ אין זײער װעלט־געפיל אידעאַליסטיש, מאַכט זײ אין זײער עקזיסטענץ־געפיל — װײבעריש. פעמינאַל.

שוין אָטאָ װײנינגער רעדט פון דער פעמינאַליטעט בײַ יידן. בײַ װײנינגערן איז עס טעאָרעטיש. בײַ שלום־עליכמען איז עס באַשײנפּערלעכער. מאָטיװירט. — כאַראַקטער־פּסיכאָלאָגיע.

די שלום־עליכמישע מענטשן װילן זיך אַלײן הערן. נישט בלויז טראַכטן װילן זײ זײערע געדאַנקען — נאָר הערן װילן זײ מיט די אײגענע אויערן די אײגענע געדאַנקען. הערן דאָס אײגענע קול. הערן די אײגענע װערטער. זײ װילן אָביעקטיװ זיכער זײן, אַז זײ לעבן. זײ װילן האָבן אַ סימן, אַז זײ לעבן. פון זײער סוביעקט אַרויס אַבסטראַהירן זײ פאַר זיך עפּעס אַן אָביעקטיװע ממשות. אָביעקטיװ באַדנלאָז און מיט דעם שרעקעװדיקן געפיל

פאַר זייער באַדנלאָזיקייט לאָזן זיי פֿון זיך אַרויס „אָביעקטיווי־טעטן“, ווי שפּינען דאָס שפּינגעוועבס. אין דידאָזיקע אילוזאָרישע אָביעקטיוויטעטן, — וואָס זענען נישט מער ווי זייערע געדאַנקען און ווילנס־אָביעקטיוויטעטן אין די היימישע קלאַנגען פֿון זייער שפּראַך, — פּרוּוון זיי פֿאַר זיך צו דערלאַנגען וואָסער־עס־איז לעבנס־אָנהאַלט, ווילן זיי זיך האַלטן. זיי שטרעקן־אויס זייערע ליידיקע הענט צו דער דורך זיך אַליין געשאַפֿענער אילוזיע — די שפּראַך — ווי צו אַן אָנלען. אין דער שפּראַך־באַריידעוודיקייט זייערער, האַלוצינירן זיי זייערע אינערלעכע פֿאַרלאַנגען און ווּנטשן. זיי טראָגן־איבער אַלע זייערע פֿאָרשטעלונגען וועגן דער ווירק־לעכקייט, אַריין אינם קלינגענדיקן וואָרט און אינם שפּראַך־בילד.

די שפּראַך איז די איינציקע אָביעקטיווע ממשותדיקייט, וווּ דידאָזיקע מענטשן קאָנען זיך אויסלעבן אינגאַנצן, קאָנען זיך אויסלעבן פֿריי. דאָרט שטערט זיי קיינער נישט. אויפֿן שטח פֿון דער שפּראַך פֿילן זיי זיך זיכער. „דערגרייכן“ זיי אַלץ, „דער־לאַנגען“ זיי אַלץ.

נאָר רעדנדיק — לעבן זיי אינטענסיוו.

די מאָנאָלאָגישע פֿאָרם, דעריבער — ווי אויך די בריוו־פֿאָרם, וואָס איז נישט מער ווי מאָנאָלאָג, — איז אַמבעסטן צו־געפּאַסט צו דער פּסיכיק פֿון שלום־עליכמס פֿאַרשוינען. דידאָזי־קע קונסט־פֿאָרם איז פֿאַר זיי ווי צוגעמאָסטן, — די בעסטע אַט־מאָספֿערישע באַדינגונגען פֿאַר זייער געשטאַלטהאַפֿטיקן אויסוואַקסן.

פֿאַרבאַמערקונג:

די דראַמאַטישע, צי די אָביעקטיוו־עפּישע פֿאָרם פֿון ליטע־ראַרישן שאַפֿן איז אַ פֿאָרם פֿון אָביעקטיווער שאַפֿערישער באַ־וועגונג. אין אָביעקטיווע מאָטיוון אַנטוויקלט זיך די קינסטלערישע דינאַמיק. פֿון דער זיך־געשטאַלטנדיקער עפּישער, צי דראַמאַטי־שער באַוועגונג שטייגט־אויף — און בויט זיך אויס — דאָס קינסטלערישע לעבן. די פֿאָרגעשטעלטע פֿיגור, דאָס צוזאַמענ־שפּיל פֿון בילדער און סצענעס, דאָס שיקזאַל־טראָגנדיקע און מאָטיווירנדיקע געשעען, — עס איז געשאַפֿן אַלס אָביעקטיווע עק־זיסטענץ. אַ ט ־ אָ די פֿ אָ ר ג ע ש ט ע ל ט ע אָ ב י ע ק ט י ־

זע עקזיסטענץ ווערט דראַמאַטיש מאָטיווירט פון דער זיך־געשטאַלטנדיקער און געשטאַלטן־געבנדיקער קינסטלערישער באַוועגטקייט. אָבער יעדע אָביעקטיווע פאָרם־באַוועגונג איז פאַר די שלום־עליכמישע מענטשן פסיכיש פרעמד. וואָס זיי איז פסיכיש נאָענט, — דאָס איז די מאָנאָלאָגישע פאָרם.

דער מאָנאָלאָג איז אַ סטאַטישע פאָרם. אין דעם מאָנאָלאָג געשיט די פאָרם־באַוועגונג נישט אין קיין קויזאַל־אָביעקטיווער נויטווענדיקייט; נישט אין דער שפּאַנונג פון די מאָטיוון, וואָס באַוועגן די קינסטלערישע אַקציע. דעם ווילן און דעם כאַראַקטער פון דער פיגור באַוועגן נישט קיין מאָטיוון, וואָס שטייען מחוץ דער פיגור. די מאָטיוון פון דער אַקציע, און די באַוועגונג, וואָס פליסט־אַרויס פון דידאָזיקע מאָטיוון, — זיי זענען נישט מער ווי די אילוזיע און דאָס סוביעקטיווע פאָרשטעלונגס־שפּיל פון דער מאָנאָלאָגיזירנדיקער פיגור. פון איר סוביעקט אַרויס אימאַגינירט זי די מאָטיוון און די באַוועגונג פון דעם דערציילטן געשעען. דאָס געשעען געשיט נישט אָביעקטיוו אין קיין שום רוים און צייט, עס ווערט נאָר פאָרגעשטעלט, דערציילט און געשאַפן דורך דער דערציילנדיקער פיגור. ווייל עס געשיט דאָ גאָרנישט אַלס אָביעקטיווער פאַקטאָר, דעריבער דעצידירט אויך גאָרנישט אָביעקטיוו איבער דער דערציילנדיקער פיגור, לענקט נישט מיט איר, באַהערשט זי נישט. די מאָטיוון פון דער באַוועגונג קאָנען זיין די אָדער יענע. עס איז עגאַל. אין דערווירקלעכקייט באַשטימען זיי ווייניק. דער הויפּט־אַקצענט (אינם מאָנאָלאָג) ליגט אויף דער סטאַטישער פּערזאָן, וואָס איז אַרויסגעהויבן פון אַלע באַשטימענדיקע אָביעקטיוויטעטן. וואָס זי דערציילט פון זיך — אָביעקטיוו וויכטיק אָדער נישט וויכטיק — דאָס כאַראַקטעריזירט נאָר די פאָרשטעלונגס־מעגלעכקייטן פון דער פּערזענלעכקייט, די פאַרב פון איר סוביעקט, עס באַשטימט אָבער נישט דעם אופן פון איר באַוועגטקייט.

אין דער אָביעקטיווער עפּיק, צי אין דער דראַמע, — ווען די באַשטימענדיקע מאָטיוון זענען צו־מינדערוווערטיק אָדער צו־שוואַך לגבי דער שיקזאַלהאַפטיקייט פון דער פיגור, דאַן זענען

זי נישט בכוח זי צו מאַכן אַקטיוו. ווערט די פיגור יאָ אַקטיוו דורך דידאַזיקע קנאַפּע מאָטיוון, דאַן ווירקט זי אויף אונז נישט שיקזאַלהאַפטיק אין דערדאָזיקער אַקטיוויטעט אירער, — ד. ה., זי ווירקט אויף אונז נישט מיט קיין שום קינסטלערישער נויטווענדיקייט, — רופן מיר דידאָזיקע אַקטיוויטעט אַ געמאַכטע, קינסטלעריש נישט וואָרהאַפטיקע. אין דער אָביעקטיווער עפּיק און אין דער דראַמע מוזן די מאָטיוון, וואָס באַדאַרפן צו מאַכן די פיגור אַקטיוו — אין צוזאַמענהאַנג מיט דער באַוועגטקייט פון די געשעענישן, — שטיין אין פּראָפּאָרציע צו דער שיקזאַלהאַפטיקייט פון דעם כאַראַקטער פון דער פיגור און צו דעם שיקזאַל פון די געשעענישן. די אָביעקטיווע טאַט און די אָביעקטיווע טאַטהאַפטיקייט פונם שיקזאַל גיבן דאָ דעם ערשטן שטויס צו דער באַוועגונג פון די פיגורן.

אינם מאָנאָלאָג איז עס פולשטענדיק אַנדערש: דער נישטיקסטער מאָטיוו, דאָס ווינציקסטע מיספאַרשטענדניש, דאָס אָפּגעטויגטע שפּיצל און דער שקאָצהאַפטיקער שאַבלאָן איז שוין גענוג, כדי צו ברענגען אין באַוועגונג די פיגור און צו געבן די געשעענישן זייער דראַמאַטישן אימפּעט. דאָס שיקזאַל ליגט דאָ נישט, — ווי ביי דער אָביעקטיווער עפּיק — אין די אָביעקטיווע מאָטיווירנדיקע געשעענישן. דאָס שיקזאַל ליגט אינגאַנצן אינעווייניק אין דער פּסיכיק; אין דער פאָרשטעלונגס־קראַפט; אין דעם זעעלן־צושטאַנד פון דער דערציילנדיקער פיגור. די געשעענישן זענען נישט מער ווי דאָס אילוזאָרישע שפּיל פון דער סובּיעקטיווער פאַנטאַזיע; פּאָטאַ־מאָרגאַנאַס. דער פּערזענלעכסטער ווילן קאָמפּענסירט און דערפולט דאָ — אין דידאָזיקע באַוועגונגס־מיראַזשן — זיינע אינערלעכע אַמביציעס, פאַרלאַנגען און ווונטשן. די אַקטיוויטעט האָט דאָ די ברירה צו זיין נישט גענוג מאָטיווירט, און זי ווירקט דאָך אויף אונז שיקזאַלפול און וואָרהאַפטיק.

קורץ: אין דער מאָנאָלאָגישער קונסט־פאָרם ליגט דאָס שיקזאַלפולע און דאָס וואָרהאַפטיקע נישט אין די אָביעקטיווע אומשטענדן, נאָר אין די פּסיכישע עלעמענטן פון דער דערציילנדיקער פּערזאָן.

די מאָנאָלאָגישע פאָרם, דעריבער, איז אינטים און גאָר פאַסיק צו געבן געשטאַלט דעם לעבן און דעם דענקונגס־אופן פון די שלום־עליכמישע פאַרשוינען. זי איז צוגעפּאַסט צו זייער פּסיכישער קאָנסטרוקציע, און צו זייער וועלט־געפיל. ביי שלום־עליכמען באַוועגט איין־און־איינציקער כוח אַלע געשעענישן: די סוביעקטיווע פאָרשטעלונג פון די קליינע מענטשעלעך אין קאַסרילעווקע. אויך די באַוועגונגס־פאָרם פון זייער לעבנס־ענערגיע, — דאָס (דראַמאַטישע) געשעען פון זייער טאַט, — שטייט קיינמאָל נישט אין פּראָפּאָרציע צו די אויסערלעכע באַשטימענדיקע מאָטיוון. עס איז אַ דורכויס סוביעקטיוו געשעען אינערלעך אין זייער פּסיכיק. זייער אַקטיוויטעט איז מער פאַרבונדן מיט זייערע אילוזיעס און ווונטשן, ווי מיט וואָסער־עס־איז אָביעקטיווע מאָטיוון. דאָס זענען געשעענישן, וואָס זענען אויסערלעך כמעט ווי נישט מאָטיווירט. זיי זענען אינערלעך מאָטיווירט. פּסיכיש מאָטיווירט. מיר וועלן שפּעטער זען, ווי אַמשוואַכסטן איז שלום־עליכם אין זיינע ראָמאַנען. אין די דראַמעס זיינע, — ווו ער וויל מיט אָביעקטיווע מאָטיוון פּראָוואָצירן די האַנדלונגען פון זיין פּערסאָנאַזש, — איז ער נאַיִוו און אומבאַהאָלפן. און דער עיקר,— ער איז דאָרט נישט וואָרהאַפטיק. זיין ווירקלעכע גרויסקייט און זיין פולע רייפקייט האָט ער דערגרייכט נאָר אין דער מאָנאָלאָגישער פאָרם. געוונג צו דערמאָנען „טביה דער מילכיקער", „מאָטל פּייסי דעם חזנס". דאָס זענען אינדעראמתן הוילע מאָנאָלאָגן. די בריוו־פאָרם פון „מנחם־מענדל־בוך" איז אַ געשריבענער מאָנאָלאָג. „פונם יריד" איז אַן אויטאָביאָגראַפישער מאָנאָלאָג. און דאָס איז טאַקע די הויפּט־סיבה: אין דעם ראָמאַן, צי גאָר אין דער דראַמע מוזן זיין מאָטיוון מחוץ פון דעם פּסיכישן הלוך־נפש פון די האַנדלענדיקע און אַקטיווע פיגורן. נאָר יענע אָביעקטיווע מאָטיוון באַשטימען די אַקטיוויטעטס־ליניע, דאָס שיקזאַלהאַפטיקייט און די געשטאַלטונג פון די פּסיכישע פּאָטענצן. אין דער כאַראַקטער־קאָנסטרוקציע פון שלום־עליכמס פאַרשוינען פעלט גראָד די פּראָפּאָרציע און דער רעאַלער צוזאַמענהאַנג צווישן דער אויסערלעכער און דער אינערלעכער וועלט. זייער

אויסערלעכע וועלט איז אויסערגעוויינלעך מאָטיוון־אָרים. זייער אינערלעכע וועלט איז אויסערגעוויינלעך מאָטיוון־רייך. די אינער־לעכע (רייכערע) וועלט ווערט בשום־אופן נישט אַקטיוו אויפן רוף פונם אויסערלעכן (אָרימען) שיקזאַל,— זי ווערט אַקטיוו פון איר אייגע־נער אינערלעכקייט אַרויס. ווייל די אַקטיוויטעט פון שלום־עליכמס פיגורן איז ווירקלעך אַזוי ווייניק אָפּהענגיק פון מאָטיוון, וואָס באַשטימען פון דרויסן. דעריבער איז שלום־עליכם אַזוי ווייניק אי־בערקלייבעריש אין דער וואָגיקייט פון די מאָטיוון, וואָס זאָלן כלומרשט באַשטימען די באַוועגונג און די האַנדלונג פון די פי־גורן. אַ וויץ, אַ מיספאַרשטענדניש, דער אומלאָגישסטער טריק איז פאַר שלום־עליכמען גענוג שטאַרק און גענוג לאָגיש, כדי אָנצוהייבן די האַנדלונג. דער „דרויסנדיקער" מאָטיוו איז פאַר אים נישט די אַקטיווירנדיקע סיבה, — עס איז נאָר דער תירוץ, דער צוגעטשעפּעטער אויסרייד, דער טעאַטראַלישער צייכן, כדי שלום־עליכם זאָל קאָנען אויפהויבן די פאָרהאַנג איבער זיין אייגנאַרטיקער בינע און ווייזן דעם פסיכישן מעכאַניזם פון זיינע פיגורן; זייער שאָטן־שפּיל אין באַוועגונג. נאָר די מאָנאָלאָגישע פאָרם — די פון זיך אַליין אָפּהענגיקע קונסט־אַרט — איז אַמבעסטן מסוגל אין זיך אויפצונעמען די ניואַנסן פון אַזאַ שלום־עליכמישע באַוועגונגס־אילוזיע, אין וועלכער עס הערשט אינ־דעראמתן נישט קיין שום קויזאַל (אָביעקטיוו) געזעץ; גאָרנישט איז דאָרט פאַרבונדן מיט גאָרנישט און אַפילו דאָס שפּיל פון צו־פעליקסטן צופאַל קאָן זיין דער מאָטיוו און די סיבה פון אַ גרוי־סער אמתער טראַגעדיע.

דאָס טראַגישע איז ביי שלום־עליכמען אַן אינערלעכער מהות, אַ קאָנסטרוקטיווער מהות, דאָס טראַגישע ליגט ביי אים אינעם וועלט־געפיל. יעדער מינדסטער צופאַל ברענגט עס אין באַוועגונג.

איך וועל ברענגען פאַר אַ ביישפּיל די מעשה פון „פינף און זיבעציק טויזנט", אַ מאָנאָלאָג, וואָס איז סיי אין זיין באַ־ריידעוודיקייט, סיי אין דער קאָמפּאָזיציע פון מאָטיוון און האַנד־לונג, זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר שלום־עליכמען.

אין אָט דעם מאָנאָלאָג דרייט זיך דער גאַנצער באַוועגונגס־

מאַטיוו אַרום אַ מלוכה־בילעט, וואָס אויף דעם נומער איז כּלומרשט אַרויס דאָס גרויסע געווינס, די פינף און זיבעציק טויזנט (רובל).

דער דערציילער, — אַ ייד יעקב־יוסל, — אַנטוויקלט אַרום דעם געווינס־מאָטיוו אַ גאַנצע עפּאָפּעע פון געשעעניש. פּירט־אַריין פּערזאָנען, סיטואַציעס. האַנדלונג. „עס איז — ווי ער זאָגט אַליין — אַ געקייטלטע מעשה, אַ מעשה, אַ מעשה אויף אַ מעשה, אַ מעשה בתוך מעשה און אַ מעשה איבער אַ מעשה. מע באַדאַרף זיך, הערט איר, גוט אונטערצוגאַרטלען, מע זאָל זי אויסהאָרכן ביזן סוף און פאַרשטיין וואָס דאָ טוט זיך".

קודם־כּל מוז מען צוגעבן, אַז דער באַוועגונגס־מאָטיוו, — געמלעך, דער גראָטעסקער טעות פון דעם פאַלש געלייענטן בי־לעט־נומער, — איז ווינציק און נישט פּראָפּאָרציאָנעל צו דעם־דאָזיקן „געקייטלטן" פּלאָנטער. עפּעס אַן אומגעלומפּערט נישט־נאַטירלעך מיספאַרשטענדניש. שלום־עליכם האָט „פאַרקאָכט" אַ קאָשע נישט אויפן פייער, נאָר אויף רויטע סטענגעס פון האָקוס־פּאָקוס. לאָמיר זיך צוקוקן נענטער. ראשית: בשעת שלום־עליכם הייבט־אָן די האַנדלונג פונם מאָנאָלאָג, ד. ה., ווען יעקב־יוסל הייבט־אָן צו דערציילן, ווייסט ער שוין אַליין (יעקב־יוסל), אַז דער גאַנצער בנין פון זיינע האַנדלונגס־מאָטיוון איז געבויט אויף זאַמד; אַז דער מאָטיוו, וואָס האָט פּראָוואָצירט זיין אַקטיוויטעטס־אימפּעט איז פּשוט אַ מיספאַרשטענדניש; אַז אויף זיין חלק איז נישט אויסגעפאַלן קיין שום געווינס. נישט קוקנדיק אויפן קלאָרן חשבון פון דעם ווירקלעכקייטס־באַשטאַנד פון די מאָטיוון, לעבט זיך יעקב־יוסל פּאָרט אַריין אין דער אומבאַהאָלפענער, — אים פולקום באַוווסטער—אילוזיע, גלייך ווי זי וואָלט געווען אַבסאָלוטע ווירקלעכקייט. ער לעבט־איבער דעם גאַנצן אימפּעט פון די גע־שעעניש, אימאַגינירט זיך אַריין אין אַ פאַטאַ־מאָרגאַנאַ און לעבט זיך אויס אין האָפענונגען, וואָס ער אַליין ווייסט, אַז זיי זענען געשטאָרבענע. די אילוזאָרישע טאַטן פון האָפענונג און שיינהאַפטיקייט רעדן מער צו שלום־עליכמס מענטשן, ווי די רעאַלע טאַטן פון דערגרייכונג. שלום־עליכמס מענטשן קאָנען זיך פּסיכיש גרייטלעך באַגיין אָן דעם פאַרווירקלעכט־ווערן פון אַ טאַט.

קיין שום אילוזיע אַנטוישט זיי נישט און קיין פּאַטאַ-מאָרגאַנאַ
ברענגט זיי נישט אַריין אין פאַרצווייפלונג. זיי פאַרצווייפלען
נישט. די אילוזיע איז אוואַנטוריסטיש, נישט-ווירקלעך, זי מיידט
נאַיִוו-געשיקט אויס יעדע אָביעקטיווע שטערונג, — דעריבער אַנט-
וויקלען שלום-עליכמס מענטשן גראָד אין דער אילוזיע זייער
גאַנצן לעבנס-טעמפּעראַמענט, דעריבער פילן זיי זיך אַזוי אָנגע-
צונדן פון דעם אילוזאָרישן שווונג און טרינקען אַמזאָרגלאָזסטן
נאָר פון דעם לעבנס-בעכער, וואָס עס דערלאַנגט זיי די אילוזיע
גינגאָלדן איז פאַר זיי יענער שאָטנהאַפטיקער בעכער. ווונדער-
פול איז דאָס שפּיל פון די פּרוכטלאָזע האָפענונגען. ווונדערפול
אַלע מעגלעכקייטן, וואָס זענען אימפּאָטענט. ווונדערפול דאָס
ליכט- און שאָטן-שפּיל איבער דער טיפער באָדנלאָזיקייט.

ווי כ'האָב געזאָגט, איז דער מאָנאָלאָג אָרגאַניש צוגעפּאַסט
צו דער סוביעקטיווער לעבנס-באַוועגונג פון די שלום-עליכמישע
מענטשן, — די מענטשן, וואָס לעבן נ ר אין זיך אינעווייניק,
וואָס לעבן מיט זייער אייגענער דינאַמיק, אָן שום באַציִונגס-באַ-
דערפעניש צו דער אויסנוועלט. אַזאַ סוביעקטיווע לעבנס-באַווע-
גונג איז אויסערגעווייניטלעך סענסיבל. פילבאַר. תמיד אין געשפּאַנ-
טער דערוואַרטונג. יעדע אומלאָגיק, דער מינדסטער שטויס איז
גענוג אַ ריר צו טון דעמדאָזיקן „פאַראינערלעכטן” מעכאַניזם.
דאָס פילבאַר-געשפּאַנטע פּסיכישע רעדער-געווערק גייט גלייך
אַריין אין פולן גאַנג. דאָס סוביעקטיווע שאָטן-שפּיל פון אַ לעבן
הייבט זיך אָן.

אין מאָנאָלאָג פון „פינף און זיבעציק טויזנט” זעען מיר
איינעם פון די טיפּישסטע טראַגי-קאָמישע שאָטן-שפּילן פון דער
שלום-עליכמישער וועלט.

דער מאָנאָלאָגיזירנדיקער יעקב-יוסל ווייסט באַלד פון פאָ-
רויס זיין גראָבן טעות. עס מאַכט אים נישט אויס, אַז די געשעע-
נע געשעענישן זענען פאַרבונדן מיט אַ מיספאַרשטענדניש, וואָס
האָט זיך אַזוי לעכערלעך אויסגעפּלאָנטערט. עס גייט יעקב-יוסלען
נישט דערין, צו רעפערירן אַ געוויסע מעשה שהיה, וואָס איז מיט
אים פאַרלאָפן. דער עיקר, ער אימאַגינירט זיך אַריין מיט לייבּ-

און־לעבן אין דעם אַ באַסטראַקטן פאַקט. דערדאָזיקער ייד לעבט־איבער דאָס פאַלש־מאָטיווירטע געשעעניש מיט אַלע ניואַנסן פון אַ פאַקטישער קעגנוואַרטיקייט. דאָס געשעעניש מיטן גרויסן גע־ווינס איז נאָר אָביעקטיוו אַ טעות ביי יעקב־יוסלען. סוביעקטיוו איז עס וואָר און איז תּמיד אין אים קעגנוואַרטיק אַלס פּאָטענציאָנע־לער פּסיכישער צושטאַנד. ער לעבט אין הוריות און וויל זעען אין וואָרט־קלאַנג דאָס „ווּנטש־בילד" פון זיינע הוריות. „איך פיל, אַז ס'איז מיר ענג אָט־אָ דאָ אָ, סע קוועטשט מיך, סע ברענט אין מיר אַ פייער, איך מוז דאָס אַרויסגעבן פון זיך", — אַזוי שילדערט יעקב־יוסל זיין געהאַמעוועטן אינערלעכן לעבנס־אימפּעט, וואָס זוכט זיך אויסצולאָדענען און צו פאַרקערפּערן אין דעם לופטיקן געוועב פון אילוזאָרישע לעבנס־באַוועגונגען. אין אָט־אָ די שאָטנהאַפטיקע ווּנטש־בילדער, — וואָס אַנטשפּרעכן פולשטענ־דיק די קאָנסטרוקציע פון זיין פּסיכיק, — וואַקסט ער אויס אַלס אַקטיווע פיגור. פון אַלע זיינע נערוון שטראָמט־אַרויס דאָס דריי־נען באַהאַלטענע געהאַמעוועטע לעבן. ער איז באַרוישט פון דעם עקזאָטישן אַראָמאַט פון די מעגלעכע אוממעגלעכקייטן — און ער פאַרכלינעט זיך אַזש אין די ווילדע שאַטירונגען פון זייער שפּיל. ער „פאַרשפּרעכט" זיך מיט זיינע ווּנטש־קאָמפּלעקסן נאָך יעדע עטלעכע זאַצן: „זאָגט נאָר, האָט איר נישט ביי זיך קיין פינף־און־זיבעציק־טויזנט... טפו! מיין איך אַ ציגאַר טיטון?"—„אפשר געפינט זיך ביי אייך נאָך אַ זאַק... טפו!! מיין איך נאָך אַ פּאַפּיראָס?".

אין דעם מאָנאָלאָג פון „פינף־און־זיבעציק־טויזנט" קאָנען מיר אויפדעקן און נאָכגיין די גאַנצע פּסיכאָלאָגישע גענעזיס פון אַ שלום־עליכמישער פיגור. מיר זעען דאָרט דאָס קליינע מענטשע־לע, ווען ער פילט זיך נאָך קליין און ווינציק אין די אָביעקטי־ווע אומשטענדן פון זיין עקזיסטענץ; מיר זעען אים, ווען די סקאַלאַ פון זיינע פּסיכישע אייגנשאַפטן זענען נאָר לאַטענט און פּאָטענציאָנעל, און מיר זעען, — ווען עס וואַקסן אים פּלוצלינג אויס פליגל, מיט וועלכע ער טוט זיך אַ הויב־אַרויס פון זיין מאַטעריעלער ווינציקייט, לאָזט זיך אַוועק שוועבן אין די ספערן פון כלערליי מעגלעכקייטן.

מיר האָבן אין דעמדאָזיקן מאַנאָלאָג זייער בולט אָנגע־ צייכנט די צוויי „מענטשן" אין איין מענטש: דער מענטש, ווי ער איז אַלס ווירקלעכקייטס־פענאָמען, און דער מענטש, ווי ער „ווינטשט זיך צו זיין". די רעאַלע פיגור און די פיגור אינם שפיל פון די מעגלעכקייטן; דער מענטש אין זיין צייט און אין זיין רוים, און דער מענטש מחוץ זיין צייט און רוים. שטאַרק ליכט. שטאַרקער שאָטן. אָט־אָ די פסיכישע דו־פרצופימ־ דיקייט איז בכלל פון די הויפט־מאָטיוון אין שלום־עליכמס מענטשן־ געשטאַלטונג. (איבערהויפּט דערשיינט דער יידישער מענטש ביי שלום־עליכמען אין דערדאָזיקער שטאַרקער דו־פרצופימדיקייט. דעם נישט־יידישן מענטש זעען מיר ביי שלום־עליכמען נאָר פון איין געזיכטס־אויסבליק). מנחם־מענדל אין זיין רעאַליטעט. מנחם־ מענדל אין זיינע פאָרשטעלונגען.

אויף די ערשטע זייטלעך פירט שלום־עליכם יעקב־יוסלען אַרויס אין זיין ווירקלעכקייט. ער איז אַ „קליין מענטשעלע מיט קליינע השגות".

„קודם־כל, באַדאַרף איך מיך פאָרשטעלן ווער איך בין", — זאָגט יעקב־יוסל, — „איך וועל מיך פאַר אייך נישט גיין באַרי־ מען, אַז איך בין דער גרויסער למדן, מיטן גרויסן עושר, מיטן גרויסן פילאָזאָף. איך בין, ווי איר זעט מיך, אַ ־ייד פון אַ גאַנץ יאָר — אַ ייד אַ בעל־הבית, הייסט דאָס, מיט אַן אייגענער שטוב, מיט אַ שטיקל נאָמען און מיט אַ שטיק ווערדע ביי זיך אין שטעטל". ס'האָט זיך אים אַפילו אַמאָל פאַרגלוסט רייך־ווערן, בשעת ער האָט געהאַנדלט אין די הונגעריקע גובערניעס מיט ברויט און איז געבליבן „ווי מ'זאָגט, אָן אַ פירער". אָדער ווען ער האָט געהאַנדלט, נישט היינט געדאַכט, מיט זעק, מ'האָט ביי אים צוגעגנבעט די זעק און ער איז „געבליבן נקיא". אָבער אין אָט די אַלע ווונטש־מאָטיוון האָט זיך נאָך נישט געהאַט צעוויגט יעקב־יוסלס פאַנטאַסטישער טעמפּעראַמענט. יעדער שלום־עליכמישער מנחם־מענדל האָט אין זיך אַ שטיק טביה. נאָך יעדער שלום־ עליכמישער האָפענונג שלעפּט זיך נאָך די רעזיגנאַציע. ווילדסטע האָפענונג און סטאָיִשע רעזיגנאַציע, — דאָס זענען די צוויי וועס־

לעס פון שלום־עליכמס יידישער שיף: „ה׳ נתן וה׳ לקח. אָדער ווי זאָגט איר, נע בילאָ או מיקיטאַ הראָשי, אי נע בודע! ווו שטייט דאָס, זאָג איך, געשריבן, אַז יעקב־יוסל באַדאַרף זיצן אין פיר דירות און האַלטן צוויי דינסטן און אַרויסגיין מיט דער שיינער שבתדיקער קאַפּאָטע? למאי, זאָג איך, אָט זענען פאַראַן יידן, וואָס גייען אויס פון הונגער — נו, אם כן, שטאַרבן זיי דען? אַז מע זאָל וועלן, זאָג איך, גיין מיט דעם גאַנג, למאי דאָס, למאי יענץ, וואָלט די וועלט קיין קיום נישט געהאַט...״—„און טאַקע נישט לאַנג געטראַכט, גענומען און פאַרדינגען די דירה אַ שכן, אַליין זיך באַזעצט אין איין שטיבל מיט אַ קיך, די דינסטן, מחילה, אָפּגעשאַפט, דאָס ווייב, זאָל מאריך ימים זיין, האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל און זיך אַליין אָוועקגעשטעלט ביים אויוון און איך האָב מיך אַליין אויפגערופן חמישי, יעמוד ר׳ יעקב־יוסל קבצן! זיך פאַרשריבן, ווי זאָגט איר, פאַר אַן אָרימאַן״.

הגם, ווי יעקב־יוסל זאָגט, האָט ער ביי דידאָזיקע מסחרים געקאָנט מיטאַמאָל רייך־ווערן, זענען פאָרט די תבואה און די זעק נאָך געוועןווירקלעכקייטס־פענאָמענען. רעאַליטעטן. ווירטשאַפט. רעאַליטעטן, — שוין דורך זייער בלויזן רעאַל־זיין — זענען זיי נישט פסיכיש בכוח פולשטענדיק אָנצוצינדן די אַבסטראַקטע פאַנ־טאַזיע פון די שלום־עליכמישע מענטשן. ערשט די אירעאַלע ווירטשאַפטלעכע אַבסטראַקציע, דאָס כישוף־פּאַפּירל פונם „וויגריש־נע בילעט״ — אַליין פאַר זיך, אַלס רעאַליטעט האָט עס נישט קיין שום ווערט — עס איז אָבער דער אַבסטראַקטער האָקוס־פּאָ־קוס, וואָס קאָן באַווייזן וווּנדער; דאָס שטח־לאָזע, ווו עס קאָן זיך צעשפּילן דאָס וווּנדער. „טירעלע, טירעלע עפן זיך״ — איז די גרעסטע לאָקונג, וואָס האַרמאָנירט פולשטענדיק מיט דער קאָנסטרוקציע פון זייער אַבסטראַקטער פסיכיק. דאָ פילן זיך שלום־עליכמס מענטשן געשפּאַנט צו באַוועגונג. דאָ זענען פאַראַן די מעגלעכקייטן פון דעם נישט־רעאַלן. מיט דעמדאָזיקן עקזאָ־טיש־ווירטשאַפטלעכן לאָק־רוף קומט ערשט אַרויס דער וואָלף פונם וואַלד.

דער גאַנצער חלום פונם געווינס איז נאָר געווען אַ פּוס־

טער חלום, טעות און מיספאַרשטענדניש. טאַקע נעמלעך, ווייל דער שטויס־מאָטיוו פונם „וויגרישנע בילעט" איז נישט געווען קיין רעאַליטעט, נאָר אַ טרוימהאַפטיקייט, דעריבער טרעפט ער פולשטענדיק אַריין אין דעם פסיכישן מעכאַניזם פון יעקב־יוסלען. יעקב־יוסלס פסיכיק הייבט דאָ ערשט אָן פונקציאָנעל צו ווירקן מיט איר גאַנצן טעמפּעראַמענט.

אין אָט־אָ דער אָבענטויערישער אַטמאָספער וואַקסט ערשט דאָס קליינע מענטשעלע יעקב־יוסל אויס צום דאָן־קישאָט.

די געשטאַלטלעכקייט פון יעקב־יוסלס פאָרשטעלונג באַקומט דאָ אירע ווירקלעכע דימענסיעס. בילדער יאָגן זיך אויף בילדער. אַלע אינערלעכסטע ווונטשן טרעטן־אַרויס אויפן פאָדערגרונט, אַלע פסיכישע קאָמפּלעקסן זיינע באַקומען פלייש־און בלוט, געשטאַלט, ווילן, שוווּנג, באַוועגטקייט. דאָס איינציקע כישוף־טירעלע, פון וועלכן שלום־עליכמס קליינע מענטשעלע קאָן אַרויס אויף דער וועלט און אויפאָטעמען, צעשפּרייטן זיך די הענט — נעמלעך, דער טרוימהאַפטיקער האָקוס־פּאָקוס פון נישט־רעאַלע מעגלעכ־קייטן — דאָסדאָזיקע טירעלע האָט זיך געעפנט. פון אַלע זייטן שטראָמען אים צו זיינע פסיכישע עבן־בילדער; די פולע כנופיה שלום־עליכמישע קליינע מענטשעלעך. אין זיין אינערלעך אויפ־געוועקטקייט שפּאַלט זיך דאָס שלום־עליכמישע קליינע מענטשע־לע אין אַ סך קליינע מענטשעלעך, געשטאַלטיקט זיך עס אין אַ סך געשטאַלטן. סיי אין זייערע געדאַנקען, סיי אין זייערע טאַטן און לעבנס־באַוועגונגען אונטערשיידן זיי זיך מיט גאָרנישט אָפּ פונאַנדער. זיי גלייכן זיך ווי טראָפּן וואַסער. די פאַרשידענע פי־גורן שלום־עליכמס, וואָס טרעטן ביי אים אַריין אין דער אַקציע זענען נאָר די רעפלעקסן, אָפּשפּאַלטונגען און סוביעקטיווע קעגנ־שפּילער פון דער אַקטיווער הויפּט־פיגור.

וואָס מערער עס שטייגערט די אינערלעכע אַקטיוויטעט פון דער הויפּט־פיגור, אַלץ צאָלרייכער רעפלעקטירט זי אַרויס פון זיך די פאַרשידענע עבן־בילדער און טאָפּל־שאָטענעס אירע — די אַנדערע קליינע מענטשעלעך. זיי שפּילן זיך מיט איר, אַק־

צענטירן זי, פּראָוואָצירן־אַרויס אַלע פּסיכישע ניואַנסן פון דער איין־און־איינציקער שלום־עליכמישער הויפּט־פיגור.

דער מאָטיוו פון דעם „וויגרישנע בילעט" דריקט אויפן ריכטיקן פּסיכישן קנעפּל. ערשט דאָ אַנטפּלעקט זיך ספּאָנטאַן, ווערט אַקטיוו און לעבנספול דער עכטער עלעמענט פון יעקב־יוסלס פּסיכיק. זיינע אייגנשאַפטן טרעטן־אויף אין פאַרבנרייכן אויפ־מאַרש: זיי דערשיינען אין געשטאַלט פון פאַרשידענע פאַרשוינען.

בירענבוים, דער ברודער העניך, דער גלח, דער גביר. דער גאַנצער מאָנאָלאָג איז צוזאַמענגעזעצט פון אַ מאָזאַיִק פון קליינע סצענעס: די ניואַנסן אין יעקב־יוסלס פּסיכיק אַלס באַזונדערע געשטאַלטונגען. איטלעכע סצענע געשעט כמעט ווי אין איר באַ־זונדערער ראַם, ווערט אַרויסגעשיילט פון אונטער אַ באַזונדער ליכט. אין צוזאַמענשפּיל פון יעקב־יוסלען מיט די איבעריקע פּי־גורן, אינם געשעען און אינם אויסוואַקסן פון די סיטואַציעס פאַרבינדן זיי זיך אַלס גאַנצעס.

אין די ערשטע עטלעכע סצענעס, — צ. ב., יעקב־יוסל מיט זיין ווייב צפּורה, אָדער יעקב־יוסל מיט בירענבוימען, — פילן מיר ערשט, ווי עס זאַמלען זיך די דראַמאַטיש־אַטמאָספערישע שטאָפן: די ערשטע טריט פון די כוחות, וואָס באַדאַרפן זיך צעפירן אין פולער באַוועגונג. יעקב־יוסל איז נאָך נישט פולשטענדיק אַקטי־ויזירט פון זיינע אייגנשאַפטן. ער איז בלויז נאַיִוו באַרוישט פונם געווינס. „צפּורה, — זאָג איך צו מיין ווייב און די הענט ציטערן מיר און די ציין אין מויל קלאַפּן,—דו ווייסט? עס האָבן זיך גע־פונען די גנבישע זעק?—קוקט זי מיך אָן, ווי אַ משוגענעם: וואָס רעדסטו? דו ווייסט וואָס דו רעדסט? איך זאָג דיר, מאַך איך צו איר, גאָט האָט אונז אומגעקערט אונזערע זעק בכפל כפלים און מיט פּראָצענט... אונזער בילעט האָט אויסגענומען און מיר האָבן געוווּנען אַ פולע היטל מיט געלט". — „צפּורה, זאָג איך און נעם זי אָן ביי דער האַנט און קוועטש זי — מיר האָבן געוווּנען אַן עושר מיט געלט! אַ גאַנצן גביר האָבן מיר געוווּנען! אַזוי פיל געלט, וואָס עס האָט זיך דיר קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט אין חלום אַפילו".

אויך אין דער סצענע מיט בירענבוימען איז ער נאָך נישט דער גאַנצער יעקב־יוסל. ער איז נאָך נישט אַקטיוויזירט. ער איז נאָך נישט היימיש מיט זיין שיקזאַל. ער האָט נאָך דאָס שיקזאַל זיינס — ווי עס טוען די שלום־עליכמישע מענטשן אין זייער פּו־לער אַקטיוויטעט—נישט אָנגעכאַפּט פאַר די הערנער. די ערשטע באַגע־געניש מיט בירענבוימען איז ערשט פּסיכאָלאָגיש פאָרשפּיל: זעעלישער אריינפיר. דאָס ריכטיקע טירל צו זיין אַקטיוויטעט—די טרוימהאַפּ־טיקע טאַט — איז שוין, אייגנטלעך, פאַר יעקב־יוסלען אָפן. נאָר ער זאָנדירט נאָך דעם באָדן. ער האָט זיך נאָך נישט אַריינגעלעבט אין זיין אייגנטלעכן מהות. ער ציטערט נאָך איבער זיין גליק. עס גלויבט זיך אים עפּעס נישט צו. וואָרים זיין גליק איז אים צו רעאַל. פּשוט נעמען דאָס געווינס און בעסער זיך איינאָרדע־נען אין לעבן? ניין, דאָס לייגט זיך אים נישט אויף דער פּסי־כיק. ס׳איז אים ווזנטלעך פרעמד דאָס רעאַלע געווינס. לאָמיר זיך דאָ צוקוקן נענטער צו דער ערשטער סצענע צווישן יעקב־יוסלען און בירענבוימען: עס זענען דאָ פאַראַן פיינע פּסיכאָלאָגישע געמעלן אין שייכות מיט דער גראָטעסקער „שיקזאַלפּולער" באַ־געגעניש צווישן די צוויי שלום־עליכמישע פאַרשוינען. יעקב־יוסלס שרעק, זיין אומגעדולד, זיין דערוואַרטונג. די פּיין־פּסיכאָ־לאָגישע חשד־פולע אומזיכערקייט, צי בירענבוים ווייסט שוין יאָ פּ׳ן געווינס, צי ער ווייסט נישט. בירענבוימס אַנונגסלאָזע רויִקייט, בשעת ער טרינקט טיי און פאַרזוכט דאָס לעפּעלע איינגעמאַכטס. דאַן — ווי פון גרויס צערודערטקייט דערציילט יעקב־יוסל אַליין בירענבוימען דעם גליקלעכן סוד:

„מיין פאַרשוין (בירענבוים) איז געוואָרן אַלערליי קאָלירן. עס האָבן זיך (ביי אים) איבערגעקערט די אויגן און דאָס פּנים איז געוואָרן אָנגעצונדן. איך האָב אָרויסגעזען, אַז ס׳איז מיט אים נישט פריילעך, רוף איך אים אָפּ אויף אַ זייט און נעם אים אָן ביי די הענט און זאָג צו אים: ליבער פריינט! האָט רחמנות אויף מיר און אויף זיך, זאָגט וואָס איר ווילט. מיר וועלן דורכקומען. מוטשעט מיך נישט, איך שטיי קוים אויף די פיס. וואָס זאָל איך אייך זאָגן, מאַכט ער און די אויגן ברענען ביי

אים ווי פייער — מיר ווען זיך פאַרלאָזן אויף מענטשן. וואָס טויג אונז, זאָג איך, מענטשן? לאָמיר בעסער אַליין זיין מענטשן, פאָלגט מיך, בירענבוים, ווי גאָט איז אייך ליב, זאָגט וואָס איר ווילט. נאָר מענטשן, זאָגט ער, וואָס מענטשן וועלן זאָגן, אַזוי וועל איך טון".

דאָס אַלץ איז זייער פיין, אָבער שלום־עליכם האַלט נאָך צוריק זיינע פיגורן. ערשט ווען די סיטואַציע פאַרפלאָנטערט זיך און ווערט קאָמפּליצירט דורך אירע אייגענע אירעאַליטעטן, ווען זי ווערט טרוימהאַפטיקער, אומוואָרשיינלעכער אין אירע מאַטער־יעלע פּערספּעקטיוון, — באַדנלאָזער, — דאַן ווערט זי ערשט דאָס עכטע לעבנס־וואַסער פאַר די שלום־עליכמישע פאַרשוינען. דאָ לאָזט ער זיי אָפּ צו פולער אַקציע. דער טעמפּ פון דעם מאָנאָלאָג ווערט אינטענסיווער, אַלץ ווערט געשפאַנטער. עס הייבט זיך אָן דער שלום־עליכמישער האָקוס־פּאָקוס; „עס איז נישט אַוועקגע־גאַנגען קיין האַלבע שעה, איז די שטוב ביי בירענבוימען געוואָרן פול, די גאַס פאַרפלייצט, עס איז געוואָרן אַ רעש, אַ טומל, אַהוּ־האַ: בילעט... יעקב־יוסל... בירענבוים... פינף־און־זיבעציק־טויזנט".

אויף דעמדאָזיקן געשפאַנטן פּאָן, ווו דער דערציילער יעקב־יוסל ווערט אַריינגעטריבן אין זיין פּסיכישן האַזאַרד, שווימען שוין אַרויף — אין זייער פולער אַקטיוויטעט — נייע עכט־שלום־עליכמישע פאַרשוינען. קודם־כל איז דער קעגנשפּילער פון יעקב־יוסלען - דער ברודער העניך — אַ פּרעכטיקע שלום־עליכמישע פיגור.

„איך האָב מיינס אייגנס אַ ברודער, העניך, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. ס'איז דאָך נישט שיין צו רעדן אויף אַן אייגענעם ברודער, ווי זאָגט איר: „שנייץ די נאָז און שמיר דאָס פּנים", נאָר גאָרנישט, כאַטאַ פּאָקרישקע... מיר האַלטן עפּעס נישט איינס פון דאָס אַנדערע..."

מיט דעם אויפטריט פון ברודער העניך הייבט זיך אָן די מנחם־מענדלשע פאַרפלאָנטערטקייט פון די מאָטיוון. אָט־אָ די מאָטיוון־פאַרפלאָנטערטקייט איז די אייגנטלעכע אַטמאָספערע, ווו שלום־עליכמס מענטשן ווערן טעטיק.

„זיצן זיצט ער (מיין אייגענער ברודער העניך) אין אַ קליין שטעטל, נישט ווייט פון אונז, און דורך אים, הייסט דאָס, האָב איך טאַקע דעמדאָזיקן בילעט פאַרזעצט ביי דעמדאָזיקן בירענבוים: דאָס הייסט פאַרקערט, מיין איך, דורך מיר, הייסט דאָס, האָט דער ברודער מיינער פאַרזעצט דעמדאָזיקן בילעט ביי דעמדאָזיקן בירענבוימען..."

אויך די שפּראַך הייבט־אָן צו באַקומען דעם טיפּישן שלום־עליכמישן סטיל־בוי, ד. ה. דעם זעעלן־קאָלאָריט פון די האַנדלענדיקע און טוענדיקע פאַרשוינען.

העניך פליט שוין אַריין אין דער אַקציע אויפן עכטן דאָן־קישאָטישן פערדל. זיין ערשטער אויפטריט טראָגט אין זיך אַלע צייכנס פון שלום־עליכמישן מנחם־מענדל: ער איז צעדרייט, צעיאַכמעט, די האָר ברענען אים אויפן קאָפּ. די סיטואַציע פאַרפלאָנטערט זיך מיטן אויפטריט פון זיין פיגור. די געשעענישן באַקומען לגמרי אַן אַנדערע ווענדונג דורך אים, דורך העניכן. דער שלום־עליכמישער כאַראַקטער טרעט איצט אויף מיט זיין פולער שיקזאַלהאַפטיקייט. פונם מיספאַרשטענדניש מיטן וויגרישנעם בילעט ווערט אַ האָקוס־פּאָקוס, אַרום וועלכן אַלע שלום־עליכמישע פיגורן הייבן ערשט אָן אַרויסצווייזן ווער זיי זענען און וואָס זיי זענען. זייער אייגענער ספּעציפישער סוביעקט וואַקסט־אַרויס ווי אַ גרויסער שאָטן איבער זייער קאָפּ און זיי יאָגן־נאָך דעמדאָזיקן אייגענעם שאָטן זייערן. „וואָס וועל איך דאָ מיט מיין ברודער האַריקן (?) זיך אומזיסט. הונדערט זעקס און דרייסיק מיליאָן מענטשן זענען אינז מקנא אויפן געווינס — צום סוף קריגן מיר זיך, אייגענע ברידער: מיין בילעט, דיין בילעט,—פּע חלשות".

ווי עגאָצענטריש! סוביעקטיוו זיך צו שטעלן אין מיטלפּונקט פון הונדערט זעקס און דרייסיק מיליאָן מענטשן! אַ יעדע שלום־עליכמישע פיגור אין איר איבערגעטריבענעם און בלינדן סוביעקטיוויזם — נישט קוקנדיק אויף איר רעאַלער אָנמעכטיקייט — גלויבט זי פונדעסטוועגן צו זיין דער פּונקט, פון וווּ־אויס עס הייבט זיך ערשט אָן די וועלט. (אין דער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע איז גוט באַקאַנט אַזאַ עגאָצענטריש פּערזענלעכקייטס־געפיל אַלס קאָמפּענ־

י. י. טרונק, שלום־עליכם, 12.

סאַציע פון אַן אָרגאַנישער מינדערוווערטיקייט). אָט־אָ דאָס עגאָצענטרישע פערזענלעכקייטס־געפיל פאַרוואַנדלט זיך זייער שנעל אינם צווייטן עקסטרעם: „פיר מענטשן האָבן געווונען, הייסט דאָס, צו פינף־און־זיבעציק־טויזנט אויף אַ חלק, און פיר מענטשן האָבן פאַרלוירן צו פינף־און־זיבעציק־טויזנט — פיר אומגליקלעכע געקוילעטע מענטשן... ווי קאָן מען זיין צופרידן, אַז איטלעכער פון אונז האָט געהאַט כמעט ביי זיך אין האַנט די פינף־און־זי־בעציק־טויזנט און האָט זיי אַרויסגעלאָזט אויפן ווינט — פפו!". הוידען זיך אַהין און אַהער צווישן די עקסטרעמען — „אָדער אַ מיליאָן, אָדער גאָרנישט" — אויך דאָס איז אַ טיפּישער כאַראַק־טער־שטריך פון אַלע „אידעאַליסטן". ביי די „אידעאַליסטן" איז דער מהלך פון דעם עקסטרעמסטן גלויבן ביז צו דער עקסטרעמסטער אַנטוישונג זייער אַ קנאַפּער. דאַקעגן, דאָס ר ע אַ ל ע פאַרבינדט זיך שווער סיי מיטן גלויבן, סיי מיט דער אַנטוישונג.

דעם נישט־יידישן מענטש, — דעם פּראָסטן גוייִשן חי־וקים דעם „שווערפעליקן" נישט־יידישן מענטש, וואָס שוועבט נישט אַרום אין די „האָריזאָנטן" און קאָן זיך דעריבער נישט אַריינפּאַסן אין דער באַוועגונג פון דער יידישער פּסיכיק, — שטעלט שלום־עליכם זייער אָפט אַקעגן אַלס (היסטאָרישע) אַנטיטעזע צום אַב־סטראַקטן לעבנס־שפּיל פון די יידישע פיגורן. אויך אין דערדאָ־זיקער ווילדער האָקוס־פּאָקוס־גראָטעסקע מיטן כלומרשטן גרויסן געווינס ווערט אַריינגעפירט אַן אַנטיטעטישע פיגור, די פּערזאָן פונם גלח. יורידיש אוןווירקלעך (ר ע אַ ל י ס ט י ש) איז גאָר דער גלח דער אייגנטלעכער באַלעבאָס פונם וויגרישנעם בילעט, ער איז אָבער געוואָרן אַריינגעדרייט אין דעם ווירבל־שפּיל פון די יידישע מנחם־מענדלס, וואָס האָבן — אין קעגנזאַץ צו דעמדאָזיקן גוייִשן גלח — צו אַלע רעאַליטעטן אַ פיקטיווע באַציִונג. זיי זענען אויך נאָר פיקטיווע באַלעבאַטים צו דער רעאַליטעט פונם וויגריש־נעם בילעט. ווונטש־דערפילונגען און פאַרדרענגטע פּסיכישע קאָמ־פּלעקסן, זעעלישע קאָמפּענסאַציעס פאַרקערפּערן זיך דאָ אַלס לע־בעדיקע רירעוודיקע וועזנס, שמייען, הוי־האַ, רודערן, דרייען אַ ספּאָדיק איינער דעם אַנדערן. אילוזיע און שאָטן־שפּיל. דערדאָ־

ויקער רעאַליסטישער גלח דרייט זיך נעבעך אַרום ווי אַ פרעמדער מחותן אינמיטן דער צעווילדעוועטער אָרגיע פון ווונטשן און ווונטש־פאַרשטעלונגען. די יידן שלעפּן אים אַרום מיט זיך ווי אַ פרעמד־קערפּער איבער דעם קאָמפּליצירטן פּלאָנטער פון די געשעעענישן. לאָדן זיך מיט אים, שטופּן, שרייען און טענהן־אַיין מיט אים, טרינקען מיט אים לחיים. דעם ערל דרייט זיך דער קאָפּ און ער הייבט נישט אָן משיג צו זיין, וואָס די יידן האָבן זיך אויף אים אָנגעזעצט און ווער עס האָט אים געשליירט.

„מען האָט זיך אַריינגעלייגט אין דערמיט, געדרייט, גע־פּרוווט אויף אַלע זייטן, הין און צוריק, פון מיין ברודער צום גלח, פונם גלח צו מיין ברודער, פון מיר צו בירענבוימען, פון בירענבוימען צו מיר און פון אונז ביידע צו מיין ברודער, און פון אונז אַלע דריי ווידער צום גלח — אַ דרייעניש, אַ לויפע־ניש, אַ געפּאַרעריי, אַ גערעדעריי, אַ געשפּאַרעריי — בקיצור, מען האָט אונז קוים מיט צרות און מיט לייד אויסגעגלייכט. וואָס אויסגעגלייכט ? ווי אַזוי אויסגעגלייכט ? פרעגט נישט. אַבי אויס־געגלייכט ! ווי זאָגט איר : פון קריוודע קאַכט מען וויעטשערע, אָדער ווי מיין אחי האָט געזאָגט, אַז מען האָט אים צונויפגעפירט מיטן גלח : וואַשע פּרעבאָדאָביע, — זאָגט ער — יאַק ניע פּסק, טאָ פּסאַקעץ, נעחאַי בודע יחלוקו. — נעחאַי בודע יחלוקו ! - זאָגט אים דער גלח, — אַלע טי, העניך, מאָשעניק. — לחיים פּאָטערל, זאַ וואַשע זדאָראָוויע, — זאָגט צו אים מיין אָחי און טראָגט אים אונטער אַ גלעזל, און מיר אַלע נעמען צו גלעזלעך און מען טרינקט אויס און מען צעקושט זיך — פיין, שיין, צופרידן... שייך זאָגן צו־פרידן ? ווי קאָן מען זיין צופרידן, אַז איטלעכער פון אונז האָט געהאַט כמעט ביי זיך אין האַנט די פינף־און־זיבעציק־טויזנט און האָט זיי אַרויסגעלאָזט אויפן ווינט — פּפו !" אָט איז די רע־אַלע אַנטיטעטישע פיגור—אַלס קעגנשפּילער — אינמיטן דער באַ־וועגונג פון די שלום־עליכמישע יידישע פיגורן. זי שטרייכט־אונ־טער און ווארפט דאָס שטאַרקסטע ליכט אויפן כאַראַקטער און פּסיכישער קאָנסטרוקציע פון די אייגנטימלעכע יידישע פיגורן. גראָד אין זיין קעגנשפּיל רופט דער גוייִשער מענטש ביי שלום־

צייכמען אַרויס די פולע שיקזאַלהאַפטיקייט פון דעם יידישן מענטש. דורך די שאַרף־אָנגעצייכנטע כאַראַקטער־קאָנטראַסטן מאַכט שלום־עליכם דידאָזיקע כאַראַקטערן היסטאָריש. היסטאָריש אין זייער וועלט־דאָזיין. היסטאָריש אין זייער שיקזאַלהאַפטיקייט. דעמדאָזיקן מעטאָד — נעמלעך, צו פאַרטיפערן דעם אַלטעגלעכן יידישן כאַראַקטער אין זיין היסטאָרישער באַדייטונג מיט דעם, וואָס עס ווערט אים אַקעגנגעשטעלט די נישט־יידישע אַנטיטעזע — טרעפן מיר זייער אָפט ביי שלום־עליכמען. איבערהויפּט אין זיינע בולט־טראַגישע דערציילונגען. דער נישט־יידישער מענטש רופט אויך אַרויס די דראַמאַטיש־היסטאָרישע מאָטיוון ביי דער סימבאָלישסטער יידישער פיגור שלום־עליכמס, — ביי טביה דעם מילכיקן. —

## II

איך האָב מיך באַמיט צו מאַכן אַ קווער=שניט אין דעם
מאָנאָלאָג פון די „פינף=און=זיבעציק=טויזנט". קודם=כּל — צו באַ=
קענען דעם לעזער מיט דעם מעכאַניזם פון די באַוועגונגס=מאָ=
טיוון אין שלום=עליכמס ווערק. אָט דער מעכאַניזם און די מאָ=
טיוון — שוין אַלס אַזעלכע—שטאַמען זיי דורכויס פון דעם וועלט=
געפיל און פונם בוי פון דער פסיכיק פון די שלום=עליכמישע
מענטשן: זיי האַרמאָנירן מיט איר. זיי זענען אַליין נישט מער
ווי אָביעקטיווע פאָרמען פון דערדאָזיקער סוביעקטיווער פסיכיק.
איך וועל נאָך דערמאָנען עטלעכע קליינע ווונדערלעכע מאָטיוון,
וואָס דערגאַנצן דעם טיפּישן שלום=עליכמישן כאַראַקטער פונם
מאָנאָלאָג און דעקן פאַר אונז אויף דעם גאַנצן קאָמפּלעקסן=געביי
פון די העלדן.

אָט, צ. ב., איין כאַראַקטעריסטישער פסיכאָלאָגישער מאָטיוו
חזרט זיך אָפט איבער ביי שלום=עליכמען און שלום=עליכם נוצט
אים גוט אויס, כּדי טיפער און ברייטער אויסצובויען כאַראַקטער=
אייגנשאַפטן. נעמלעך, ווינבאַלד אַ פאָרשטעלונגס=מאָטיוו (אַלס
ווונטש=דערפילונג) הייבט=אָן אויפצוטרעטן אין פסיכישן פאָדער=
גרונט פון אַ שלום=עליכמישן פאַרשוין, דאַן רוקט זיך דערדאָזי=
קער פאַרשוין איבער — פון אַלע אַנדערע באַוועגונגס=פּאָזיציעס
פון זיין פסיכיק,— אַהין צו דעם איינציקן פונקט פון דעם ספּעצי=
פישן פאָרשטעלונגס=מאָטיוו. די טירן, וואָס פירן פון זיין פאָר=
שטעלנדיקן סוביעקט אַרויס צו זיין גאַנצער אַרומיקייט — פאַר=
האַקט ער, כּדי זיך נישט צו לאָזן קאָרעגירן פון קיין שום רעאַ=
ליטעט. זיין גאַנצע לעבנס=באַוועגטקייט, די רירעוודיקע און פאַנ=

טאַיעפּולע דינאַמיק פון זיין פּסיכיק ליגט ער אַריין אין אָט־אָ דעם ספּעציפישן ווונטש־דערפילונגס־מאָטיוו. ער באַוועגט זיך און צילט נאָר אויף דעם איינעם פּונקט. די פאָרשטעלונג צעוואַקסט זיך. מער: זי „פאַרקערפּערט" זיך אין די פאַרשידנסטע ניואַנסן און מעגלעכקייטן. די פיגור פאַרמאָגט איצטער נישט מער ווי איין באַוועגונגס־ליניע: זיך איבערס־קאָפּ אַריינצוואַרפן אין אָט־אָ דער נייער אויפגעשוימטער פאַטאַ־מאָרגאַנאַ און דאָרט – אין עקסטאַטישער טרוימהאַפטיקייט – „איבערצולעבן" די „פאַרווירקלעכונג" פון אַלע ווונטשן. דאָסדאָזיקע „אַריינסוגערירן" זיך אין דער ווונטש־דערפילונג פאַלט זיך אויך ביי שלום־עליכמען תמיד פונאַנדער און „שפּאַלט" זיך אין צוויי קעגנזעצלעכע טיילן. איין טייל: „דער ווונטש ווערט דערפילט". די פיגור „לעבט זיך אויס" אין אירע פּסיכישע קאָמפּלעקסן מיט פולער ווערטיקייט, – מיט דער פולער ווערטיקייט פון איר פּערזענלעכקייטס־געפיל. זי פילט זיך אַלס ענדגילטיקע „זיגערין" איבער דער ביז־אַהער נישט־באַצוווּנגענער אויסנוועלט. מאַכט־ציל. „איבערלעגנהייטס"־געפיל. ענדלעך האָט דידאָזיקע פיגור אַרויפגעשטעלט דעם פוס אויפן נאַקן פון איר אייגענעם שיקזאַל! עס פאַלט אויף איר דער גאָלדענער רעגן פון הימל. „אַ סך מענטשן האָט עס טאַקע אָנגערירט ביז דעם ביין. זיי האָבן, נעבעך, נישט געקאָנט דאָס איבערטראָגן: ווי נעמט דאָס מיטאַמאָל אַ געמיינער ייד. פלוצים אין מיטן דרינען און ווערט אָן קאָפּווייטיק אַ גביר פון פינף־און־זיבעציק־טויזנט". יעדן טראָפּן פון דעם מיראַזשהאַפטיקן גליק־בעכער, וואָס איר אייגענער סוביעקט האָט איר אונטערגעטראָגן, וויל זי (די פיגור) אויסטרינקען און זיך אָנשיכּורן. אַלצדינג, וואָס קאָן נאָר ווען־עס־איז אַ מאָל געשען אין דער ווייטסטער מעגלעכקייט, באַהאַנדלט זי שוין אַלס רעאַליזירטן פאַקט. תמיד און אומעטום געשעט איר דאָס ווונדער. ווונדערלעך שפּיל פון מעגלעכקייטן! דאָס איז איין טייל – דער פּאָזיטיווער טייל – פון דער פּסיכישער „שפּאַלטונג". דער אַנדערער טייל איז אַ נעגאַטיווער: דאָס ביטערע מינדערווערטיקייטס־געפיל פון דער שלום־עליכמישער פיגור קריכט אַרויס פון דעם ווונטש־דערפילונגס־מאָטיוו גופא. די ווונטש־

דערפילונג איז נאָר געווען דאָס קאָמפּענסאַציע־מענטעלע איבערן געפיל פון מינדערווערטיקייט. דאָס שיינע מענטעלע טוט זיך אַ דעק־אָפּ. אין תּוך אירן איז די שלום־עליכמישע פיגור גאָר אי־בערצייגט אין איר שלימזלדיקער לעבנס־אומבאַהאָלפנקייט. נעמ־לעך: זי איז זיכער, אַז עס גייט איר נישט אין לעבן, און אויב עס גייט איר שוין יאָ, גייט עס נאָר תּמיד מיט דער פּוטער אַראָפּ. הינטער אַלע שיינע האָפענונגען קוקט זי תּמיד אויס אויף דער זיכערער אַנטוישונג. עס לאָזט זיך פון אַלעם אויס אַ „בוידעם”.

דאָס איז די אַנדערע זייט פונם „גרויסן געווינס”. אין „טביה דעם מילכיקן” האָבן מיר עטלעכע קלאַסישע בילדער פון דער־דאָזיקער „געשפּאָלטענער” פאַרשטעלונג. טאַקע אין דעם מאָנאָלאָג „אַ בוידעם”. טביה גיט מנחם־מענדלען זיינע עטלעכע שווער פאַרהאָרעוועטע טאָלער, כּדי מנחם־מענדל זאָל מאַכן מיט זיי „גליקן”, אויף שותּפות, פאַרשטייט זיך: „אם ירצה השם, טיילן זיך אויף דער האַלב, גלייך אויף גלייך, חלק כּחלק, חצי שלי וחצי שלך, מיר הונדערט, אייך הונדערט, מיר צוויי הונדערט, אייך צוויי הונדערט, מיר דריי הונדערט, אייך דריי הונדערט, מיר פיר הונדערט, אייך פיר הונדערט, מיר טויזנט, א'יך טויזנט...” מנחם־מענדל, ווי דער שטייגער איז, פּטרט די פּאָר גילדן און האָט זיך מורא פאַר טביהן צו ווייזן. דער טראַגיש־אָפּטימיסטישער טביה, גייט, נעבעך, אַרום אָן קאָפּ און ווייסט נישט וואָס צו טראַכטן. „עס קאָן נישט זיין, קלער איך מיר, ער זאָל גלאַט אַזוי פאַרגעסן שרייבן אַ בריוול, ער ווייסט גאַנץ גוט ווי אַזוי מיר קוקן דאָ אַרויס”.—„בקיצור, עס איז ביי אונז געבליבן, אַז איך פאָר ויך דורך קיין יעהופּעץ. פאָרנדיק אַזוי, מרה־שחורהדיק געוויינ־לעך, מיט אַ ביטער האַרץ, ווי איר קאָנט זיך פאָרשטעלן, איינער אַליין אין וואַלד, גייט מיר דורך דער כּח־הדמ אי'ן עס שטעלן ויך מיר פאָר אַלערליי מחשבות און געדאַנקען. עס וועט זיין שיין, טראַכט איך מיר, אַז איך קום צו פאָרן און הייב־אָן נאָכ־פרעגן אויף מיין פאַרשוין, זאָגט מען מיר: מנחם־מענדל? טע־טע־טע! שטאַרק אין די פעדערן, סמאַלעט אַ וועלט, אַן אייגענעם מויער, פאָרט אין קאַרעטעס, גאָר נישט צו דערקענען! איך נעם

מיך אָן, טראַכט איך מיר, מיט האַרץ און לאָז מיך צו אים גלייך אין שטוב אַריין. טפררררו! – מאַכט מען צו מיר בײַ דער טיר נאָך, און מען גיט מיר מיטן עלנבויגן אין האַרצן אַריין:–שטופּט זיך נישט אַזוי, פּעטער, דאָ שטופּט מען זיך נישט. איך בין, זאָג איך, אַן אייגענער, טאַקע מיין ווייבס אַ גליד־גליד־געשוועסטער־קינד. מזל־טוב אייך, זאָגט מען מיר, שטאַרק אָנגעלייגט: פּונ־דעסטוועגן, זאָגן זיי, מעגט איר, נישקשה, צוואַרטן אַ ביסל אָט־אָ דאָ בײַ דער טיר, עס וועט אייך, חלילה, גאָרנישט שאַטן... איך שטויס מיך אָן, אַז מע באַדאַרף עפּעס געבן, ווי זאָגט איר: עולים ויורדים–אַז מען שמירט, פאָרט מען, און לאָז מיך גלייך אַרויף צו אים אַליין. גוט מאָרגן אייך, זאָג איך צו אים, רב מנחם־מענדל! ווער? וואָס? אין אומר ואין דברים – ער דערקענט מיך גאָר נישט! וואָס דאַרפט איר? מאַכט ער צו מיר. איך פאַל שיעור חלשות – וואָס הייסט, זאָג איך, פּאַני, איר דערקענט שוין נישט, זאָג איך, קיין קרוב? טביה הייס איך. אַ? – מאַכט ער – טביה? עפּעס קענטלעך דער נאָמען... קענטלעך? מאַך איך צו אים, אפשר איז אייך קענטלעך מיין ווייבס בלינצעס, דערמאָנט זיך נאָר אָקאָרשט, מיט אירע קנישעס, צרות־קניידלעך, ווערטוטן?... און צוריק פליט מיר אַדורך אַ געדאַנק פּונקט קאַפּויער: איך קום אַריין צו מנחם־מענדלען, טראָגט ער מיר אַקייגן דעם ברייטן שלום־עליכם. – אַ גאַסט! אַ גאַסט! זיצט, רב טביה, וואָס מאַכט איר עפּעס – וואָס מאַכט אייער ווייב? איך קוק שוין אַרויס אויף אייך, איך וויל מיך מיט אייך צערעכענען. און ער נעמט און שיט מיר אָן אַ פולע היטל מיט האַלבע פּריאַלן. דאָס, זאָגט ער, איז דאָס פּאַר־דינסט, און דאָס קרן, זאָגט ער, בלייבט שטיין. וויפל מיר וועלן פאַרדינען, וועלן מיר זיך טיילן אויף דער האַלב, גלייך אויף גלייך, חלק כחלק, חצי שלי וחצי שלך, מיר הונדערט, אייך הונ־דערט, מיר צוויי הונדערט, אייך צוויי הונדערט, מיר דריי הונ־דערט, אייך דריי הונדערט, מיר פיר הונדערט, אייך פיר הונ־דערט..."

אַן ענלעך בילד האָבן מיר אין „טביה פאָרט קיין ארץ־ישׂראל", בעת טביה פאָרט צו פדהצורן. אין דעמזעלביקן טביה־

מאַנאָלאָג „אַ בוידעס" האָבן מיר נאָך אַ װוּנדערלעכע סצענע, װי טביה לעבט זיך אַריין אין זיינע „װוּנטש-דערפילונגען". טביה געזעגנט זיך אָפּ מיט מנחם-מענדלען, נאָכדעם װי ער האָט אים אױפגעװעקט די עטלעכע גראָשן: „געבליבן אַליין נאָך זיין אַװעק-פאָרן האָבן זיך מיר אָנגעהויבן פאַרשטעלן אַלערליי מחשבות און חלומות אויף דער װאָר (מיין קורסיװ י. י. ט.) און אַזעלכע זיסע חלומות, אַז עס האָט זיך מיר געװאָלט, אַז זיי זאָלן זיך ציִען אייביק, קיינמאָל נישט אויסלאָזן זיך. עס האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט אין מיין שטאָט אַ שטוב אַ גרויסע, מיט בלעך גע-דעקט, מיט שטאַלן, מיט קאַמערן, קעמערלעך און שפּיזאַרניעס, מיט אַלדאָס גוטס, און אַ באַלעבאָסטע מיט שליסלען דרייט זיך אַרום. דאָס איז מיין װייב גאָלדע — גאָר נישט צו דערקענען זי, כלעבן: זי האָט באַקומען גאָר אַן אַנדער פּנים, אַ פּנים פון אַ נגידית, מיט אַ גוידער און מיט אַ האַלז פּערל: זי בלאָזט פון זיך און שעלט די דינסטן מיט טויטע קללות. די קינדער מיינע דרייען זיך אַרום אַלע מיט שבתדיקע קליידער, טוען נישט קיין האַנט אין קאַלטן װאַסער. דער הויף איז פאַרפלייצט מיט עופות, גענז און קאַטשקעס. אינעװייניק אין שטוב לייכט זיך, אין אויװן פלאַקערט אַ פייער, עס קאָכט זיך װעטשערע און דער סאַמאָװאַר זידט װי אַ גזלן! ביים טיש אויבנאָן זיצט דער באַלעבאָס אַליין, טביה, הייסט דאָס, אין אַ כאַלאַט מיט אַ יאַרמעלקע, אַרום אים זיצן די פאַרנעמסטע באַלעבאַטים פון שטאָט און חנפהנען אים: זייט-זשע מוחל, רב טביה... האָט קיין פאַראיבל נישט, רב טביה..."

דאָס, װאָס איך ברענג דאָ פון טביהן חזרט זיך איבער—אַלס קאָנסטרוקציע-מאָטיװן — אין אַלע װערק שלום-עליכמס. אַלע לעבן זיי און דענקען זיי װי טביה. כסדר האָפן זיי און כסדר אַנטוישן זיי זיך. דאָס לעבנס-געפיל — אַלס כאַראַקטער-געשטאַלטונג — פון די שלום-עליכמישע מענטשן אַנטפלעקט זיך אַמבולטסטן צװישן די צװיי עקסטרעמע פאַלן פון האָפענונג און אַנטוישונג. דאָרט װערט עס אַקטיװ. װעקט עס זיך, רעאַגירט עס. האָפענונג און אַנטוישונג זענען אָפּקער און רעזיגנאַציע פון דעם װירקלעכן,—זיי פונקציאָנירן אַמבעסטן אין דעם טרוימהאַפטיקן, אין דער פאַנ-

טאַזיע. לעבן דאָך שלום־עליכמס פיגורן אויפן ראַנד פון דער ווירקלעכקייט! אין טביהן האָבן מיר די רייפסטע לעבנס־פרוכט פון דעמדאָזיקן לעבנס־געפיל. יעקב־יוסל איז אויך אַ טביה, נאָר נאָך נישט אין טביהס פולער לעבנס־רייפקייט, דעריבער — נאָך נישט אין טביהס פולער טראַגעדיע: „עס האָט זיך מיר גע־חלומט, זאָג איך, אַ שיינער חלום. עס האָט זיך מיר געחלומט, אַז איך האָב פליגל און איך פלי און עס פליען מיר נאָך ווילדע ברואים, מיני מאָדנע באַשעפענישן, שלאַנגען און עקדישן און ווילן מיך נאָר דורס זיין. דאָס איז איינמאָל. דאָס אַנדער־ע מאָל האָט זיך מיר געחלומט, אַז איך זיץ אויף אַ זאַק, אַ גרויסן, אַן אָנגעבלאָזענעם זאַק: דער זאַק איז אַ גומענער זאַק און אַ רוי־טער און ביי דער זייט שטייט אָנגעצייכנט אויף אים מיט גרויסע ציפערן: 75000... ס'איז שבת ביי טאָג, זומער־צייט, די גאַנצע שטאָט ווייבער און יידן גייען אַרום אויפן שפּאַציר, שטעלן זיך אָפּ אַלע ווייל און קוקן, קוקן אויף מיר מיט אויגן... פּלוצים — טררראַך! — עס הערט זיך אַ קנאַק: דאָס האָט געלאָפּנעט דער גומענער זאַק און איך פאַל, פאַל מיט געשריי: צפורה, געלאָפּ־נעט!". פונם טרוים־שטייגער פון שלום־עליכמס מענטשן ביז צום לעבנס־שטייגער זייערן איז דער מהלך אַ קנאַפּער. די אייגענע מאָטיוון, דערזעלבער לעבנס־אינהאַלט.

III

די שפּראַך איז ביי שלום־עליכמען נישט קיין בלויז מיטל צו דערציילן. די שפּראַך איז אַן אורשפּרינגלעכער כאַראַקטער־עלעמענט פון זיינע מענטשן. אין דער שפּראַך גופא ליגט שוין די לעבנס־געשטאַלטלעכקייט, יאָ, דער פולער שיקזאַל און דאָס טאָטאַלע באַוועגונגס־בילד פון די שלום־עליכמישע האַנדלענדיקע פיגורן. אין דעם קאָן מען זיך אַמבעסטן איבערציייגן, ווען מען נעמט אין אַכט אַ גאַנצע רייע מאָנאָלאָגן. דאָרט אָפּערירט שלום־עליכם לכתחילה נישט מיט קיין שום האַנדלונגס־מאָטיוון. ס'איז אַפילו דאָס ווינציקסטע מיספּאַרשטענדניש נישט געשען, וואָס זאָל (ווי־עס־איז אָביעקטיוו) ווערן די אַקטיוויטעט פון דעם העלד. (דאָס הייסט, דורך דעם מיספּאַרשטענדניש רעפּראָדוּצירט דער העלד אין דער סוביעקטיווער מאָנאָלאָגישער פאָרם סיי די מאָטיוון, סיי זיין אַקטיוויטעט). אין די מאָנאָלאָגן, וועלכע איך וויל איצטער דערמאָנען, לאָזט שלום־עליכם זיינע פּאַרשוינען רעדן, אַזוי־צו־זאָגן, „איבער שטאָק און איבער שטיין", אָן דעם לויזעסטן צוזאַמענהאַנג. שלום־עליכם לאָזט בלויז אויסגיסן פאַרן לעזער אַלע זיינע (שלום־עליכמס) שפּראַך־מעגלעכקייטן, די וואָרט־קלאַנגען, די פאַרשידענע בויגונגען און ניואַנסן פון דער שפּראַך. אין די בילדער פון דער שפּראַך וויל ער אונז ווייזן דאָס אור־בילד פונם מענטשלעכן כאַראַקטער. נישט די מענטשלעכע האַנדלונגען און באַוועגונגען באַשאַפן דעם מענטשלעכן כאַראַקטער — נישט זיי זענען דאָס פּרימערע. פאַרקערט: דאָס פּרימערע איז דער כאַראַקטער אינם מענטש — און אַלע מעשים, געדאַנקען און טאַטן פונם מענטש זענען בלויז די זיך־

געשטאַלטנדיקע אייגנשאַפטן פון זיין כאַראַקטער. טאַט—איז אייגנ־שאַפטס־אויסדרוק; כאַראַקטער־מהות. דאָס אינטימסטע בילד פון זיין כאַראַקטער, — דאָס וואַרעמסטע און אורשפּרינגלעכסטע — גיט אונז דער מענטש אין דער שפּראַך. פונם מ ע נ ט ש ל ע כ ן ג ע ש ט אַ ל ט אַרויס איז געבוירן די שפּראַך. צלם־האָדם איז די שפּראַך. שפּראַך איז די פאָרם פון עלעמענטאַרן כאַראַקטער: כאַ־ראַקטער — אַלס היסטאָריש־זיך־באַוועגנדיקער און היסטאָריש־זיך־שאַפנדיקער פענאָמען. אויף דעמדאָזיקן אורשפּרינגלעכן באָדן פון דער (יידישער) שפּראַך זוכט שלום־עליכם דעם (יידישן) כאַראַק־טער.

איך וועל דערמאָנען אַ רייע מאָנאָלאָגן פון דעמדאָזיקן זשאַ־נער, ווי „דאָס טעפּל", „געננז", „אַ דאָקטאָר", „גימנאַזיע", „פּרי־זיוו" און אַ סך אַנדערע.

שלום־עליכם פירט דאָ אַרויס דעם מאָנאָלאָגיסט אין פולן אימפּעט פון רעדן. מיר זעען אים (דעם מאָנאָלאָגיסט) אַ „באַזע־סענעם" פון דער יידישער שפּראַך: „רבי, איך וויל אייך פרעגן אַ שאלה, וויל איך אייך. איך ווייס נישט, צי קענט איר מיך, צי קענט איר מיך נישט. איך בין יענטע, בין איך, יענטע די קוראָ־לאַפּניטשקע. איך האַנדל מיט אייער, האַנדל איך, מיט עופות, מיט גענז און מיט קאַטשקעס. איך האָב מיר מיינע שטענדיקע קונה־טעס, האָב איך מיר. אַ צוויי דריי הייזער, האַלטן זיי מיך אונ־טער, זאָל זיי גאָט געבן געזונט און אַלדאָס גוטס: וואָרים איך זאָל נאָך דאַרפן צאָלן פּריצענט, וואָלט נישט געקלעקט די חלה אויף דער המוציא. כאַפּ איך אַ דרייערל, כאַפּ איך, אַ מאָל דאָ, אַ מאָל דאָרטן, דאָ גענומען, דאָרט געגעבן, דאָרט געגעבן, דאָ גענומען — מע דרייט זיך, מישטיינס געזאָגט! אַוודאי, וואָס זאָלט איר קלערן, ווען מיין מאַן עליו־השלום זאָל מיר אַצינד לעבן — טע־טע־טע!" — „יאָ, אַקייגן וואָס איז דאָ געקומען צו רייד? אַקייגן דעם. וואָס איר זאָגט יינג געשטאָרבן... אַז מיין משה־בנציון, עליו השלום, איז געשטאָרבן, איז ער אַלט געווען סך־הכל זעקס און צוואַנציק יאָר. האַ? נאָך אַמאָל: ווי אַזוי זעקס און צוואַנציק? ניינצן איז ער אַלט געוועזן צו דער חתונה, אַ יאָר

אַכט איז פאַראַן, אַז ער איז געשטאָרבן, איז אינאיינעם גיינצן און אַכט — אַפּנים אַזוי גרויס ווי דריי און צוואַנציק. „פאַרוואָס־זשע איז בײַ מיר אויסגעקומען זעקס און צוואַנציק? ווייל איך האָב פאַרגעסן די זיבן יאָר, וואָס ער האָט געקרענקט. דאָס הייסט, קרענקען האָט ער געקרענקט אַ סך מער, ער איז געווען פון תמיד אָן אַ קראַנקער, דאָס הייסט, אַזוי איז ער אַפילו געווען אַ געזונטער, נאָר דער הוסט, דער הוסט האָט אים אַוועקגעלייגט! ער פלעגט, נישט פאַר אייך געדאַכט, שטענדיק הוסטן, דאָס הייסט, נישט שטענדיק, נאָר דאַמאָלט, ווען דער הוסט איז אָנגעקומען, פלעגט ער זיך פאַרהוסטן, און אַז ער האָט זיך פאַרהוסט, האָט ער געהוסט און געהוסט... די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז ס'איז בײַ אים אַ ספּאַזמע אַזעלכע, דאָס הייסט אַזעלכעס, וואָס אַז מע וויל הוסטן, הוסט מען, און אַז מען וויל נישט הוסטן, הוסט מען נישט. שטראָם גראָם, מאַך מיר אַ האַרמידער". — „עזריאל הייסט ער, איך קען אים, אַליין איז ער אַ ווערסעלעקוטער, אַ שטעטל אַזעלכעס, און האַנדלען האַנדלט ער מיט פיש און פאַרדינט קיין עין־הרע זייער שיין, עס ווענדט זיך ווי דער טייך האַלט: איז אין דרויסן שטיל, כאַפּט זיך פיש, און אַז סע כאַפּט זיך פיש, איז וואָלוול פיש; איז אין דרויסן אַ ווינט, כאַפּט זיך נישט קיין פיש, און ס'איז טייער פיש, נאָר גלייכער איז אַז עס כאַפּט זיך און ס'איז וואָלוול... אַזוי זאָגט ער, עזריאל הייסט דאָס. פרעג איך אים: וואָס איז דער שכל? זאָגט ער: דער שכל איז אַ פּראָסטער שכל: איז אין דרויסן שטיל, כאַפּט זיך פיש, און אַז סע כאַפּט זיך פיש איז וואָלוול פיש; איז אין דרויסן אַ ווינט, כאַפּט זיך נישט קיין פיש און ס'איז טייער פיש. נאָר גלייכער איז, אַז עס כאַפּט זיך און ס'איז וואָלוול... זאָג איך: יאָ, אָבער וואָס איז דער שכל? זאָגט ער: דער שכל איז אַ פּראָסטער שכל: איז אין דרויסן שטיל, כאַפּט זיך פיש, און אַז סע כאַפּט זיך פיש איז וואָלוול פיש... טפו זאָלסטו ווערן — זאָג איך אים — גיי טענה מיט אַ גראָבן יונג..." — „דערקוטשעט ער מיר, דער זי־ סער שוואָגער מיינער, עזריאל הייסט דאָס, מע זאָל זי דעקן (די שטוב)!... צייט, זאָגט ער, מע זאָל זי דעקן... נו, זאָג איך, למאי־

ושע דעקט מען זי נישט? זאָגט ער, לאָמיר זי דעקן... זאָג איך: „לאָמיר זי דעקן... דעקן — דעקן — דעקן און דערביי בלייבט עס".

עס זענען קלאַסישע מוסטערן פון שלום-עליכמס באַריי-דעוודיקייט. שפּראַך-קלאַנג-שאַטירונגען. דערציילטע בילדער און געשעענישן, וואָס זענען מיט גאָרנישט מאָטיווירט. שפּראַך-ניואַנסן, ליכט- און שאָטן-שפּיל פון שפּראַך. „יאָ, אַקייגן וואָס איז דאָס גע-קומען צו רייד, אַקייגן דעם וואָס איר זאָגט" — אין אָט-אָ דעם ברייט איבערגעלאָזענעם און נישט מאָטיווירטן פלוס פון שפּראַך טרעט-אַרויס דער פולער כאַראַקטער פון שלום-עליכמס מענטשן מיט דער גאַנצער סקאַלאַ פון זייערע אייגנשאַפטן. דער כאַראַק-טער טרעט-אַרויס פון די שפּראַך-מאָטיוון, גלייך זיי וואָלטן טאַקע געווען האַנדלונגס-מאָטיוון. שלום-עליכמס מענטשן ר ע ד ן, אַרויס פון זייער דאָזיינס-געפיל—פונקט ווי זיי ט ו ע ן, אַרויס פון זייער דאָזיינס-געפיל. זיי לעבן כסדר „איינגעמויערט" אין זייער אינער-לעכער פסיכישער קאָנסטרוקציע. אומאָפּהענגיק פון עפּעס פון דרויסן, וואָס זאָל באַשטימען זייערע מעשים. זיי וואַרטן געשפּאַנט אויף דער ווינציקסטער רעגונג, — כדי זיך אָנצוצינדן אין זייער אַקטי-וויטעט. דעריבער, — ווו דער כאַראַקטער פון שלום-עליכמס מענטשן מאַניפעסטירט זיך נאָר, — מאַניפעסטירט ער זיך אין זיין גאַנצער טאָטאַלקייט; שפּילן מיט אַמאָל אויף אַלע זיינע אייגנ-שאַפטן. אַלצדינג אין אים ווערט צוגלייך אַקטיוו; גאָרנישט פאַר-באַהאַלט זיך. גאָרנישט בלייבט נישט אין שאָטן. שלום-עליכמס מענטשן זענען דערפאַר אַזוי האַרטנעקיק ענלעך איינער צום אַנ-דערן. וואָרים ווען זיי רעאַגירן פסיכיש,—דאַן רעאַגירן זיי נישט לויט דעם צוזאַמענהאַנג צווישן דעם סוביעקטיוון כאַראַקטער און דער אָביעקטיווער סיטואַציע. נאָר ווען די אָביעקטיווע סיטואַציעס באַ-שטימען די באַוועגונגען פון דער פסיכיק, — דאַן ווערן די כאַ-ראַקטערן פ ס י כ י ש אומענלעך. אין די אָביעקטיווע געשעענישן, וואָס רופן-אַרויס — (אַלס נויטווענדיקייט) — די באַוועגונגען פון כאַראַקטער, — דאָרט באַקומט דער כאַראַקטער זיינע שאַטירונגען. דאָס איז אַלץ שייך צו די נישט-שלום-עליכמישע מענטשן. שלום-

עליכמס מענטשן רעאַגירן תמיד מיטן הוילן נאַקעטן כאַראַקטער. מיטן ס י ט ו אַ צ י ע ־ ל אָ ז ן כאַראַקטער. זיי באַדאַרפן נישט קיין שום מאָטיוון. אומאָפּהענגיק פון וואָסער־עס־איז סיטואַציע און געשעען, רעאַגירן זיי שוין. די סיטואַציע און דאָס געשעען זענען פאַר זיי נישט די הויפּט־סיבה. זיי זענען נאָר דער אויסרייד צום רעאַגירן. זייער סענסיבלער כאַראַקטער וואַרט מיט אויסטערלי־שער אומגעדולד אויף דער מינדסטער מעגלעכקייט זיך צו באַ־ווייזן. ווען מיר הערן רעדן די יידענע פונם „טעפּל" און ווען מיר זעען מנחם־מענדלען אין מיטן דעם ברען פון זיין אַקטיווי־טעט, איז עס ממש איין־און־דערזעלבער פּאַרשוין. אַבסאָלוט דאָס אייגענע דאָזיינס־געפיל. קודם־כל — דער אייגענער אינערלעכער אימפּעט, וואָס וווייסט נישט קיין איינהאַלט, ווייל ער איז פון גאָר־נישט נישט באַדינגט: אַ באַוועגונגס־אימפּעט, וואָס איז באַדינגט פון זיך אַליין. איז זיין אייגענע סיבה. סוגערירט זיך אַליין צו אַקטי־וויטעט. דידאָזיקע טעמפּעראַמענטפולע אויטאָ־סוגעסטיע, וואָס ווירקט כּסדר אין אַלע שלום־עליכמישע מענטשן, שטאַמט פון זייער היפּער־סוביעקטיווער פּסיכישער קאָנסטרוקציע. נישט האָבנדיק אין זיך קיין שום ווירקלעכע באַציִונג צו דער רעאַליטעט, האָבן זיי דערי־בער אויך נישט קיין געפיל פאַר דער גרענעץ צווישן ווילן און טאַט. אין דער הינזיכט פון ווילן און טאַט מישן זיך ביי זיי די באַגריפן. פאַר שלום־עליכמס מענטשן איז שוין יעדע רעגונג פון ווילן ממילא אַ געטוענע טאַט, יעדע פאָרשטעלונג איז שוין אַן אָביעקטיוו געשעעניש. נאָך מער: פאַר זיי עקזיסטירט נישט קיין שום טאַט מחוץ דעם ווילן, און קיין שום געשעעניש מחוץ דער פאָרשטעלונג. דאָס גערעדטע וואָרט איז אַ רעפלעקס פון ווילן, — ממילא איז שוין דאָס וואָרט אַליין פאַר די שלום־עליכמישע מענטשן אַ קעגנשטאַנד פון טאַט. שלום־עליכמס מענטשן ליבן אַזוי די ווער־טער, — ווייל אַן אינערלעכער אימפּעט טרייבט זיי צו טון. מיט דעם, וואָס זיי ר ע ד ן, ט ו ע ן זיי שוין. גאַנץ פּעמינאַל. אַבסאָלוט ווייבעריש. אַזאַ פּשוטע זאַך, ווי, אַז סע כאַפּט זיך פיש, איז וואָלוול פיש, לייגט זיך שווער אויפן מנחם־מענדלשן שכל פון דער יידענע פונם „טעפּל". ס'איז רעאַלע קויזאַליטעט. ווירקלעכקייטס־לאָגיק,

דאָס ליגט זיך איר נישט אויפן געמיט. געוויס טרייבט שלום־עליכם איבער מיט דעם טעמפּן שכל פון דער יידענע פאַר דער־דראָזיקער פּרימיטיווער טאָג־טעגלעכערווירקלעכקייטס־לאָגיק. ווייל אין גרונטפּרינציפּ איז דידאָזיקע אייגנשאַפט אמת,—גראָד דערפאַר בלאָזט זי שלום־עליכם פאַנאַנדער צום גראָטעסקן. נישט לויט דעם אָדער יענעם דעטייל איז זי וואָר. לויטן פּסיכישן וועלט־געפיל איז זי וואָר. אַזוי פילן שלום־עליכמס מענטשן זייער עקזיסטענץ. קיין שום זאַך איז נישט אַזוי דערווידער זייער נאַטור, ווי דאָס געזעץ פון דער קויזאַליטעט. אין זייער לעבנס־באַגריף איז קיין שום זאַך נישט אַזוי געזעצלעך, ווי דער צופאַל און די זעלטנהייט. דער טאָג־טעגלעכסטער פענאָמען איז פאַר זיי — דער נס. שלום־עליכמס מענטשן לעבן מיט נסים. אין זייערע אויגן איז מען שוין דערמיט אַליין אַ גראָבער, פאַרשטאָפּטער קאָפּ, אויב מען באַנעמט נישט דאָס אומגעווײנלעכע פאַר אַ פּשוטער טאָג־טעגלעכער זאַך און מען באַנעמט נאָר דאָס רעאַלע און געוויינלעכע. „דער שכל איז אַ פּראָסטער שכל, אַז סע כאַפּט זיך פּיש, איז וואָלוול פּיש״,—נו אַ גראָבער יונג, דערדאָזיקער עזריאל מיט זיין פּראָסטן שכל! גראָד ווייל דער שכל איז פּראָסט, דעריבער ליגט עס זיך נישט אויפן שכל פון דער מנחם־מענדלדיקער יידענע. „גיי טענה מיט אַ גראָבן יונג!״ אַזעלכע פיגורן, ווי דער שוואָגער עזריאל, וואָס לעבן יאָ מיטן פּראָסטן שכל, זענען ביי שלום־עליכמען פאַראַן מחוץ דעם גוי כוועדאָר. מיר וועט שפּעטער אויסקומען צו רעדן דערפון. גענוג צו דערמאָנען די באַרימטע שיינע־שיינדל, מנחם־מענדלס קעגנשפּילערין. — אָבער זיי, — די פּראָסט־שכלדיקע פיגורן, זענען בלויז אַנטיטעטישע פיגורן. זיי דעצידירן נישט וועגן שיקזאַל, באַוועגונג און לעבנס־געפיל פון דער געזעלשאַפט, אין וועלכער זיי געפינען זיך. זיי באַאיינפלוסן גאָרנישט מיט זייער כאַראַקטער. דער כאַראַקטער זייערער איז נישט שיקזאַלהאַפטיק, ד. ה., נישט לעבנס־באַוועגנדיק. אין זיין סביבה איז ער נאָר אַ פּאַסיווער כאַראַקטער. אַ ווידערשטאַנדס־כאַראַקטער. די ראָל פון דידאָזיקע רעאַלע כאַראַקטערן אין שלום־עליכמס שאַפן איז בלויז אַן אַנטיטעטישע, ד. ה., דורך זייער ווידערשטאַנד פּראָוואָצירן זיי נאָר שטאַרקער און

בולטער אַרויס די אייגנשאַפטן פון די דעצידירנדיקע פיגורן ביי שלום עליכמען; די פיגורן — די מנחם־מענדלשע — וואָס נאָר זיי אַליין דעצידירן און שאַפן די געוויסע יידישע פאָזיטיווע עקזיסטענץ; נאָר זיי אַליין (די מנחם־מענדלס) זענען דער לעבנס־שאַפנדיקער פראָדוקט פון דער עקזיסטענץ־קאָנסטרוקציע פון דער געזעלשאַפט, אין וועלכער זיי באַוועגן זיך. נאָר די מנחם־מענדלס לעבן ביי שלום־עליכמען היסטאָריש און שיקזאַלהאַפטיק; אין זייערע לעבנס־פונקציעס אַנטפּלעקט זיך אַ ספּעציפישער היסטאָרישער מהות: דער היסטאָרישער מהות פון שלום־עליכמס יידישער געזעלשאַפט.

י. י. טרונק, שלום־עליכם, 13.

## IV

ווען מיר ווילן אַנאַליזירן די פּסיכישע סימנים פונם געשלעכט ביי שלום-עליכמס העלדן, טרעפן מיר זיך אָן אויף זייער אַ מערקווירדיקן שטריך: דאָס געשלעכט איז זייער זעלטן משפּיע אויף דעם מהות פון זייער כאַראַקטער. אויב מיר הערן יאָ, ווי פונם שלום-עליכמישן מענטש רעדט-אַרויס די געשלעכטלעכע אַרט, — אינם כאַראַקטער-בילד פון אַ מענטש דעצידירט זייער פיל די געשלעכטלעכע אַרט, וואָרים כאַראַקטער איז אויך גע-שלעכט, — דאַן הערן מיר קיינמאָל נישט פון דאָרט די מענערי-שע אַרט. די שטים פון מאַן. פונם כאַראַקטער פון עכטן שלום-עליכמישן מאַנספּאַרשוין רעדט תּמיד אַרויס דאָס פעמינאַלע, דאָס ווייבערישע. שלום-עליכמס מאַנסבילן לעבן נישט מיטן אינטע-לעקט. — אינטעלעקט איז מענעריש. דעריבער זענען זיי אַזוי ווייניק פּראַקטיש. אַזוי ווינציק לעבנס-דערפאַרן. אַזוי קנאַפּ אָב-יעקטיוו. דאָס זענען מענער, וואָס לעבן כסדר מיטן געפיל, מיטן ווונטש. ווי די ווייבער. דעריבער קאָנען זיי זיך אַזוי גוט באַגיין אָן דער קאָנקרעטער טאַט, אָן דער טעטיקער ווירקלעכקייט. דאָס, וואָס זיי איז די גיריקייט פונם ווונטש נענטער, ווי די „זאַטקייט" פון דער דערגרייכונג, — עס איז אויך נישט בלויזע אַבסטראַקציע. עס איז דורכויס פעמינאַל.

אויב מיר געפינען יאָ ביי שלום-עליכמען וואָסערע-עס-איז פיגורן מיט חוש פאַר רעאַליזם און פּראַקטישקייט — מער מענע-רישע, אַזוי-צו-זאָגן — זענען עס גאָר — אַ זעלטענער פּאַראַדאָקס — עטלעכע ווייבערישע פיגורן. טביהס ווייב גאָלדע, שיינע-שיינדל, די גוט באַרימטע שוויגער מנחם-מענדלס. מיר וועט נאָך אויסקו-

מען פון זיי באַזונדער צו רעדן. יעדנפאַלס זענען עס גראָד די עטלעכע אמתע ווייבער, די ווייבער אין די ספּודניצעס, וואָס גייען דאָ אין די מאַנסבילשע הויזן. אויך אין זיינע אַנטיטעטישע פּי־גורן — אין די קעגנשפּילער פון די טרעגער פון שלום־עליכמס וועלט — האָט שלום־עליכם נישט פאַרגעסן זיין גראָטעסקן מע־טאָד: פּראַקטישע (מענערישע) ווייבער אַלס קעגנשפּילער פון אומ־פּראַקטישע (ווייבערישע) מענער. ווי הומאָרפול! וויפל שפּיל! וויפל מעגלעכקייט! עס גיט־צו שלום־עליכמס מענטשן די שאַטי־רונגען און דעם קאָלאָריט פון דעם פאַנטאַסטישן, דעם אומבאַ־שטימטן. עס מאַכט שלום־עליכמס האָקוס־פּאָקוס בונט און אויס־טערליש. עס מאַכט דאָס מנחם־מענדלשע כלומרשטע קלאָון־שפּיל, וועלט־טראַגיש: פאַרטיפערט עס אין דער שיקזאַלהאַפטיקייט.

איך האָב פריער געזאָגט, אַז שוין אָטאָ ווייניגער רעדט פון דעם פעמינאַלן אינם יידישן כאַראַקטער. ביי ווייניגערן איז עס טעאָריע. שלום־עליכם—וואָס האָט זיך פאַרטיפערט אין די אורשפּרינג־לעכסטע עלעמענטן פון היסטאָרישן יידישן כאַראַקטער—ער האָט זיך אויך דערגראָבן צו די שטריכן און אייגנשאַפטן פונם פעמינאַלן אין דעמדאָזיקן כאַראַקטער. שלום־עליכם ווייזט אונז דאָס פעמינאַל־יידישע אין אַ גרויס־אָנגעלייגטער פּלאַסטישער פאָרם.

שוין נישט מענלעך אין די שלום־עליכמישע כאַראַקטערן איז דאָס זיך־אינערלעך־וואַקלדיקע און נישט־באַשטימטע. ביי דעם שווונג פון זייער פאַנטאַזיע און ביי דעם נאַיִוון גלויבן, וואָס יע־דער פון זיי האָט, אַז ער אַליין איז בכוח אַריינצוזייגן די גאַנצע וועלט צו זיך אין קעשענע, איז דאָרט פאָרט נישטאָ קיין שפּור פון דעם, וואָס ניטשע רופט־אָן „ווילן צו מאַכט". „ווילן צו מאַכט" איז מענלעכקייט. אמתער ווילן איז וו אַ כ ק יי ט. נאָר דער וואַכער, וו י ל. טרוים — איז פאַרדרענגטער ווילן. באַצוווּנ־גענער ווילן טרוימט. באַצוווּנגענער ווילן איז וו יי ב ע ר י ש ע ר ווילן. וואָרים מ ע נ ל ע כ ע ר ווילן באַצווינגט. שלום־עליכמס כאַ־ראַקטערן באַצווינגען גאָרנישט. נישט בלויז דערפאַר באַצווינגען זיי נישט, ווייל זיי האָבן אָביעקטיוו דערצו נישט קיין יכולת, נייין. עס ליגט אינדעראמתן גאָרנישט אין זייער אַמביציע — אויף

דער לעבנס־ליניע זייערער – ווירקלעך עפּעס צו באַצווינגען. באַצווינגענדיקער מענלעכער ווילן רופט־אַרויס דאָס רעאַלע פון דעם אַבסטראַקטן, רופט־אַרויס דאָס ווירקלעכע פון דעם מעג־לעכן. – שלום־עליכמס פיגורן ווילן גאָרנישט דאָס רעאַלע און דאָס מעגלעכע. ווירקלעכער ווילן, וויל זיך רעאַליזירן אין דער אַקטיוויטעט. ווילן איז אַקטיוויטעט. דער שלום־עליכמישער ווילן איז דאָס כּלומרשט־אַקטיווע פונם פּאַסיוון, דאָס רעלאַטיוו־דינאַמי־שע פון דעם סטאַטישן, ד. ה., אין תּוך אַריין – אַלס רעאַלע פּע־נאָמענען–זענען שלום־עליכמס ווילנדיקע פיגורן פּאַסיוו שוין דערפאַר, ווייל זיי האָבן נישט קיין רעאַלע באַציִונג צום רעאַלן. זייער ווילן באַצווינגט נישט דאָס רעאַלע. ער, דער ווילן זייערער, איז אין כּסדרדיקן טרוים־צושטאַנד. דעריבער קומט ער אַרויס אַזוי פאַנטאַסטיש און האַלוזבּרעכעריש. פאַנטאַסטיש און האַלוזברע־כעריש אָן דעם מינדסטן זשעסט פון דעראָבערונג. דער ווילן, וואָס באַצווינגט עטוואָס, ווערט פון דעם באַצווונגענעם קאָרעגירט. שלום־עליכמס כאַראַקטערן ווערן פון גאָרנישט קאָרעגירט, ווייל זיי האָבן גאָרנישט באַצוואונגען. זייער טעמפּעראַמענט איז דער אויפברויז פונם פּאַסיוון, אָבער אים פעלט דאָס טעמפּאָ פון ווירק־לעכער באַוועגטקייט: באַוועגטקייט פון דעם ווירקלעכן. זייער טעמפּעראַמענט איז נערוועז, ווי דער טעמפּעראַמענט פון די ווייי־בער. גלויבן און אַנטוישונג טוישן זיך אין אים שנעל אויפאַנאַנ־דער, ווי די שאָטן־בילדער פון דער אילוזיע. פּונקט ווי ביי ווייי־בער. נישט קוקנדיק אויף דעם אימפּעט, מיט וועלכן די שלום־עליכמישע מענטשן לויפן־פאָרויס, איז אין יעדן טריט זייערן פאָרויס אָנגעבונדן דער טריט אויף צוריק. דעריבער אַנטוישט זיי נישט די אַנטוישונג. זיי זענען תּמיד גרייט אַראָפּצולאָזן די ברייט־פונאַנדערגעשפּרייטע פליגלען און צו דערקלערן זיך באַ־זיגט. זיי רעזיגנירן אַזוי לייכט, וואָרים זיי האָבן ווירקלעך נישט געגלויבט אין זייער גלויבן. זיי קאָנען שוועבן, אָבער זיי קאָנען נישט גיין. זיי וואַקלען זיך. זיי זענען מיט זיך כּסדר נישט זי־כער. זיי טוען נישט, ווייל זיי געטרויען נישט זייערע טאַטן. ווי די ווייבער.

כאַראַקטער איז דער צ ע נ ט ר אַ ל י ז י ר ט ע ר פּונקט פון לעבן. אינם כאַראַקטער ווערט זיך דאָס מענטשלעכע לעבן באַ־ ווּסט אַלס באַוועגונג. פאַרטיפערט עס זיך אַלס באַוועגונג. באַקומט עס דערמיט צילבאַוווסטקייט. כאַראַקטער איז לעבן. אָבער פּונקט ווי דאָס לעבן, אַזוי איז אויך דער כאַראַקטער אַ קאָמפּליצירטע צוזאַמענשפּיל פון פאַרשידענע עלעמענטן. דאָס ליכטיקע און דאָס פינסטערע, דאָס ווערטפולע און דאָס מינדערווערטיקע, דאָס פּאָ־ זיטיווע און נעגאַטיווע — דאָס אַלץ זענען די בוי־שטיינער פונם כאַראַקטער. פּונקט ווי דאָס לעבן! אָט די אַלע קעגנזעצלעכע, זיך באַקעמפנדיקע עלעמענטן, בילדן אין מענטשלעכן כאַראַקטער אַן איינהייט און באַשאַפן דאָס ז ע ע ל י ש ע ג ע ש ט אַ ל ט. גראָד דאָס פעלד פון דערדאָזיקער סינטעטישער כאַראַקטער־איינהייט איז צוגלייך דאָס בלוטיקסטע קאַמפּס־פעלד צווישן די קעגנזאַצן. אין זייער צוזאַמענקייט צערייסן זיי זיך, און בלייבן אויך צע־ ריסענערהייט אַ צוזאַמענקייט. ווי פּאַראַדאָקסאַל און ווי אמת! אינם איינצלנעם מענטש קעמפט די גאַנצע מענטשהייט אין אַלע אירע היסטאָרישע צושטאַנדן. אין דעם קאַמף פון דעם היסטאָ־ רישן מין אינם אינדיווידועלן יחיד, אַנטפּלעקט זיך סיי דער נאַ־ ציאָנאַלער, סיי דער אינדיווידועלער כאַראַקטער. כאַראַקטער הייסט — דאָס באַוווסטזיין פונם מין אינם באַוווסטזיין פונם יחיד. איטלעכער שטריך און איטלעכע שאַטירונג פונם כאַראַקטער האָט אָבער, — ווי יעדער היסטאָרישער צושטאַנד, — זיין ביאָ־גענעזיס, זיין לעבנס־אַנטשטייונג, זיין אַנטוויקלונגס־געשיכטע. פון די אַל־ טע רויב־אינסטינקטן פון דער חיה, אַנטוויקלט זיך אינם מענטשן דער טריב צו טאַט. פון דעם ווילדן פּאָרונגס־אינסטינקט ווערט ליבע צו גאָט און צו מענטשן. געמיינשאַפטס־געפיל. געמיינזאַמ־ קייט. די פּאַנישע וועלט־שרעק פון דעם אור־ווילדן מענטשן ווערט הייליקער דעמוט. שטילע איידעלע הכנעה. רעליגיעזע עקסטאַטישקייט. דאָס פּעמינאַלע אינם יידישן כאַראַקטער העלפט אַ סך מיט צו דער אַנטשטייונג פון דעם ספּעציפישן (אידעאַליס־ טישן) באַציִונגס־געפיל פון יידן צו דער וועלט. עס דערקלערט דאָסדאָזיקע יידישע וועלט־געפיל. צעמענטירט עס פּסיכאָלאָגיש.

מאַכט עס פאַרשטענדלעכער אין דער היסטאָרישער גענעזיס. דאָס פעמינאַלע און דאָס אידעאַליסטישע דערגאַנצן זיך איינהייטלעך און האַרמאָניש הן אַלס היסטאָרישע רעזולטאַטן, הן אַלס די קאָנסטרוקטיווע הויפּט־עלעמענטן אינם יידישן כאַראַק־טער. אויך זייערע אַנטוויקלונגס־געשיכטלעכע סיבות שטאַמען פון דעם אייגענעם שורש. סיי דער ווייבערישער מענטש — אַלס גע־שלעכט — סיי דער יידישער מענטש — אין זיין נאַציאָנאַלן מהות — זיי האָבן קיינמאָל נישט געקאָנט אין דער רעאַלער מאַ־טעריעלער וועלט פריי פאַרוואַנדלען זייער ווילן אין טאַט. זיי האָבן נישט באַצוואונגען זייער סביבה און אירע באַדינגונגען. סיי יידן, סיי ווייבער זענען תמיד געווען די באַצוואונגענע. זייער ווילן איז כסדר פאַרבליבן פרוכטלאָז. זיי האָבן כמעט קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרזוכן דעם רייצפולן טעם פון דער טאַט. דע־ריבער האָבן זיי אַזוי ליידנשאַפטלעך גענאָסן דעם ווילן. בלויזער ווילן. סוביעקטיווער טאָטלאָזער ווילן: ווי יידיש און ווי ווייבע־ריש! אויס דעם אייביק־נישט־רעאַליזירטן ווילן זייערן, האָבן סיי די ווייבער אַלס געשלעכט, סיי די יידן אַלס היסטאָרישע גע־מיינזאַמקייט, זיך געשאַפן די פאַנטאַסטישע, לייכטע פליגלען פאַר זייערע מענטשלעכע אַמביציעס.

## V

די מאָנאָלאָגישע פאָרם איז די סאַמע צוגעפּאַסטע פאַר שלום־עליכמס שאַפן. אין אַט־אָ דער פאָרם קומען דעריבער אַמ־בולטסטן אַרויס אַלע כאַראַקטער־עלעמענטן פון שלום־עליכמס מענטשן. אין מאָנאָלאָג זעען מיר די שלום־עליכמישע מענטשן אין זייער פולסטער אינטימקייט. דאָס פעמינאַלע זייערס קומט־אַרויס בולט נישט דאָרט גראָד, ווו זיי טוען עפּעס (נאָוועלע צי דראַמע), נאָר ווו זיי דערציילן וועגן זייערע (געוואָלטע) מעשים: דער מאָנאָלאָג. ביי זייער גאַנצן אימפּעט, האָפערדיקייט און טעמ־פּעראַמענט דעצידירן זיי זיך שווער, — דאָרט ווו וואָסער־עס־איז ט אַ ט רופט־אַרויס די דעציזיע. זיי ווען זיך דעצידירן פאַר דער האַלזבערכערישסטער האָפענונג. זיי וועלן זיך נישט דעצי־דירן פאַר דער מינדסטער טאַט. מויל־העלדן. ווייבער. זיי לעבן אין רעדן. זייער גאַנץ לעבנס־געפיל לאָדנט זיך אויס אין וואָרט.

אין אַ קליינעם מאָנאָלאָג — „אַן עצה" — געפינען מיר ספּעציעל אַרויסגערוקט אַזאַ אינערלעכע נישט־זיכערקייט פון אַ שלום־עליכמישער פיגור. אַ מכלומרשט־האָפערדיקער פאַרשוין, וואָס דרייט זיך סוף־כל־סוף אַרום אויף איין פונקט און קאָן זיך צו גאָרנישט דעצידירן. שוין אין די ערשטע זאַצן פון דער שפּראַך דעקט שלום־עליכם אויף די פולע כאַראַקטער־עלעמענטן פון זיין העלד. „אַליין בין איך, דאַרפט איר וויסן, אַ יונגערמאַן, ווי איר זעט מיך, פון אַ קליין שטעטל. דאָס הייסט, דאָס שטעטל איז גאָרנישט אַזאַ קליין שטעטל, און דוקא אַ היבש שטעטל, אַ שטאָט קאָן מען זאָגן, נאָר קייגן אייער שטאָט הייסט דאָס אַ שטעטל". ס'דערמאָנט אין דער שפּראַך פון דער יידענע אינם „טעפל". דער

אייגענער אַהין־און־צוריק פון יעדער פּראַזע. יעדעס וואָרט איז נישט דעצידירט; איז נישט זיכער מיט דעם, וואָס עס וויל באַ־שטימען. יעדע פּראַזע איז נאָר לויז צוגעבונדן צו דער אינער־לעכער קאָנסעקווענטקייט. מיר באַדאַרפן נאָר הערן, ווי אַזאַ פּאַר־שוין בויט־אויף זיין שפּראַך און מיר זעען דעם גאַנצן מעכאַניזם פון זיין לעבן.

שלום־עליכמס מעטאָד, מיט וועלכן ער אַנטפּלעקט די פּסי־כישע קאָנסטרוקציע פון זיינע מענטשן.

דערדאָזיקער יונגערמאַן קומט צו שלום־עליכמען פרעגן אַן עצה. די אינטימע צונויפגעבונדנקייט — אינם גאַנצן לעבנס־געפיל — פון שלום־עליכמען מיט זיינע פיגורן, ברענגט עס נישט איינמאָל דערצו, אַז שלום־עליכם פירט אויך זיין אייגענע פיגור אַרויף אויף דער בינע. ווו שלום־עליכם שפּילט נישט אונטער אַ מאַסקע אַקטיוו מיט אין דעם געשעען (צ. ב. טשיידעלע דער מחבר), דאָרט באַגניגנט ער זיך מיט דער ראָל פון דעם סטאַטיסט. ער אַנטלייעט־אויס זיין פּערזאָן און זיינע אויערן, כדי די דער־ציילנדיקע פּערזאָן זאָל האָבן צו וועמען צו רעדן. שלום־עליכם גיט אים דאָס שטיך־וואָרט, די רעפּליק, ווי אין דער „עצה". טיילמאָל שווייגט ער גאָר, שלום־עליכם, נעמט אַליין נישט קיין שום אַקטיוון אָנטייל און לאָזט דעם דערציילער רעדן. אַזוי פירט ער זיך אויף אין ס׳רוב פון די טביה־מאָנאָלאָגן, ווו מען פילט ממש, ווי די בלויזע אָנוועזנדיקייט פון שלום־עליכמס פּערזאָן וועקט־אויף אין טביהן אַלע זיינע זעעלישע עלעמענטן, ברענגט זיי אין באַוועגונג. פון דער דיסקרעטער, אין דער זייט געהאַל־טענער סטאַטיסטישער פּערזאָן שלום־עליכמס גייט־אַרויס דער אינטימער פלויד, וואָס עפנט ביי טביהן אַלע נערוון און טביה ווערט טביה. עס דוכט זיך אויס: נאָר בלויז שלום־עליכמען קאָן טביה אַזוי וווּנדערלעך דערציילן, נאָר אונטער שלום־עליכמס בליקן קוקט טביה אַזוי טראַגיש־טיף אויף דער וועלט, נאָר ווו עס טרעפן זיך צונויף דידאָזיקע צוויי מענטשן, שלום־עליכם און טביה, פולענדעט זיך דאָס שיקזאַל. „איר חידושט זיך, פּאַני שלום־עליכם, אויף טביהן, וואָס מע זעט אים נישט? ער האָט זיך, זאָגט

איר, שטאַרק אַ רוק געטון, מיט אַ מאָל, זאָגט איר, גרוי געוואָרן?״ „אייך קומט אַ גרויסן ברייטן שלום־עליכם, פּאַני שלום־עליכם, עליכם ועל בניכם! אַ שאָק מיט יאָרן, אַז מיר האָבן זיך נישט געזען! ווײ, ווײ, וויפל וואַסערן ס'זענען אָפּגעלאָפן!״ „סקאָצל קומט! וואָס מאַכט אַ ייד, רב שלום־עליכם? אָט אַ גאַסט! אַפילו נישט געחלומט זיך! נאַט זשע אייך אָפּ אַ שלום־עליכם. איך האָב מיר אַלץ געטראַכט און געטראַכט: וואָס איז די מעשה, וואָס מע זעט אים נישט אַזאַ צייט, נישט אין בויבעריק און נישט אין יעהופּעץ? אַ קשיה וואָס סע מאַכט זיך? אפשר האָט ער אָפּגע־זאָגט די עטלעכע גילדן און אַריבערגעפּעקלט זיך אַהין, וווּ מע עסט נישט קיין רעטעך מיט שמאַלץ? און צוריק, טראַכט איך מיר: געשיקט זיך עס, זיי זאָלן טון אַזאַ נאַרישקייט? זיי זענען דאָך עפּעס אַ מענטש אַ בר־דעת, כלעבן! נו, דאַנק השם־יתברך, וואָס מע זעט זיך געזונט.״ „איר קוקט מיך אָן און טראַכט זיך, ווי קומט דאָס אַזאַ קליין מענטשעלע, ווי טביה, וואָס האָט כל־ימיו גע־האַנדלט מיט מילכיקס, זאָל גאָר האָבן אַזאַ השגה (פאָרן קיין ארץ־ישראל), וואָס קאָן זיך פאַרגינען אויף דער עלטער סיידן אַ מין בראָצקי? גלויבט מיר, פּאַני שלום־עליכם, ס'איז כולו מוקשה – דער פּסוק איז רעכט אַרום און אַרום. רוקט נאָר אַוועק, זייט מוחל, אייער טשעמאָדאַנטשיקל אַ ביסל אַהין, וועל איך מיך אַוועק־זעצן אַקייגן אייך און וועל אייך דערציילן אַ מעשה, וועט איר האָרכן וואָס גאָט ־קאָן״. „אַ שיינער, אַ גוטער, אַ ברייטער שלום־עליכם אויף אייך, פּאַני שלום־עליכם! עליכם ועל בניכם! איך קוק שוין אויף אייך לאַנג אַרויס, ס'האָט זיך אָנגעקליבן ביי מיר אַ היבש ביסל סחורה פאַר אייך. איך פרעג מיך אַלץ נאָר: אַיֶכָּה–פאַר וואָס זעט מען אייך נישט? זאָגט מען מיר, אַז איר פאָרט אַרום דאָרט איבער דער וועלט, אין די ווייטע לענדער ערגעץ, ווי מיר זאָגן אין דער מגילה: שבע ועשרים ומאה מדינה... נאָר מיר דאַכט זיך, אַז איר קוקט אויף מיר עפּעס מאָדנע? אַפּנים איר קווינקלט זיך און טראַכט זיך בעת־מעשה: ס'איז ער, צי נישט ער? ס'איז ער, פּאַני שלום־עליכם, ס'איז ער! אייער אַלטער פריינט טביה, בכבודו ובעצמו, טביה דער מילכיקער, דער אייגענער טביה, נאָר אויס

מילכיקער, גלאַט אַ ייִד, אַ ייִד פֿון אַ גאַנץ יאָר, אַ ייִד אַ זקן...״
„זייט מיר געזונט און שטאַרק און שרייבט בריוועלעך. נאָר למען־השם נישט פֿאַרגעסן וואָס כ׳האָב אייך געבעטן: אַז ס׳זאָל זיין פּתח שין שאַ, איך מיין, איר זאָלט נישט מאַכן דערפֿון קיין ביכל.״

שלום־עליכמס פּערזאָן ענטפּערט קיינמאָל נישט טביהן מיט אַ וואָרט, צי אַפֿילו מיט אַ זשעסט. זעלטן אינטים און זעלטן דיס־קרעט, כמעט ווי שאָטנהאַפֿטיק, באַטייליקט זיך שלום־עליכמס פּערזאָן אין די „טביה״־מאָנאָלאָגן.

די „עצה״ איז אַ מאָנאָלאָג מיט אַ רעפּליק. שלום־עליכם ענטפּערט. מיר הערן זיין קול. אַפֿילו זיין קאַבינעט זעען מיר און זיין שרייב־טיש מיט די פֿאַרשידענע קעגנשטאַנדן אויפֿן שרייב־טיש. שלום־עליכם האַלט זיך אָביעקטיוו צו זיין העלד. קלוגער, געלאַסענער, איבערלעגענער, נישטאָ די אינטימע שטיל־שווייגנ־דיקע דיסקרעציע, — וואָס באַדייט אייגנטלעך דאָס פֿילן זיך אי־דענטיפֿיצירט, שיקזאַלהאַפֿטיק פֿאַרייניקט מיטן העלד, — ווי אין „טביה דעם מילכיקן״. שלום־עליכם איז מיטן יונגנמאַן פֿון דער „עצה״ נישט אינטים. עס איז דערפֿאַר: די אייגנשאַפֿטן פֿון אַ שלום־עליכמישן העלד, וואָס קומען דאָ צום פֿאָרשיין, דערשיינען אונז נאָך נישט אַלס גרויסע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן פֿון נעגאַטיווע מענטש־לעכע אייגנשאַפֿטן. פּאָזיטיווע רעזולטאַטן — אַלס איבערווערטי־קייטס־קאָמפּענסאַציע — צו וועלכע שלום־עליכם פֿירט־צו זיינע העלדן. ער ווייזט אונז דאָ בלויז די פּסיכישע שוואַכקייטן פֿון זיינע העלדן, — ד. ה., די פֿעמינאַלישע, די ווייבערישע נישט־דעצידירטקייט — דאָס געפֿיל פֿון מינדערווערטיקייט — איידער דידאָזיקע שוואַכקייטן האָבן זיך אַנטוויקלט צו באַדייטנדיקע פּסיכישע כוחות. דער אויטאָר פֿילט זיך דאָ נישט אין געמיינ־שאַפֿטלעכקייט מיט זיין העלד, נאָר איבערלעגן פֿון אים.

אויך דאָ איז די אויסערלעכע מאָטיווירונג אַ שוואַכע. מ׳כלומרשט אַן אייפֿערזוכט־מאָטיוו. דער העלד ליידט פֿון דעם פֿאַרדאַכט, אַז זיין פֿרוי איז נישט גלייכגילטיק צום שטאָט־דאָק־טאָר, און ער קומט צו שלום־עליכמען פֿרעגן אַן עצה, ווי אַזוי

ער באַדאַרף זיך צו אַנטשיידן אין דעמדאָזיקן ביטערן ענין. איז קודם־כל די אויסערלעכע מאָטיווירונג נישט גענוג שטאַרק און נישט איבערצייגנדיק אויסגעבויט. ביי איר גאַנצער פאַרבונדנקייט מיט דער האַנדלונג הינקט זי אונטער ווי אַ תפל־זאַך. דעם אויסערלעכן מאָטיוו שפּילן די נעבן־פּערזאָנען אינם מאָנאָלאָג, אָבער שלום־עליכם נעמט אים נישט ערנסט; עס גלויבט זיך אים אַליין נישט, אַז דערדאָזיקער אויסערלעכער מאָטיוו איז די ווירקלעכע סיבה, וואָס האָט באַשטימט די האַנדלונגען פון דעם הויפּט־העלד. דער יונגערמאַן זאָגט עס אַליין כמעט: „למשל, איר זענט דער רב און איך קום צו אייך מיט מיין ווייב זיך גטן, און איר טוט מיך אַ פרעג: זאָג מיר, יונגערמאַן, פאַרוואָס גטסטו זיך מיט דיין ווייב? וואָס קאָן איך דערויף ענטפערן פאַר אַ תשובה? באשר, וועל איך אייך ענטפערן, זי קוקט אויפן דאָקטאָר און דער דאָקטאָר קוקט אויף איר. נו האָט דאָס אַ טעם? פרעג איך אייך? זאָל איך זיי גיין פאַרשטעלן די אויגן?" דער יונגערמאַן איז גערעכט; ס'האָט נישט קיין טעם. אויסערלעכע סיבות זענען קיינמאָל נישט דעצידירנדיק אין דעם לעבן פון שלום־עליכמס העלדן. אָביעקטיווע מאָטיוון זענען דאָ קיינמאָל נישט די אורזאַכן, וואָס ווירקן, זיי זענען נאָר די אויסריידן, ביי וועלכע ס'איז פאַראַן די גוטע געלעגנהייט אַרויסצוברענגען אויף דער אויבערפלאַך דעם ווירקונגס־צושטאַנד, וואָס איז כסדר לאַטענט אין דער פסיכיק. כ'האָב שוין אַפילו פריער גערעדט דערפון אויספירלעכער, נאָר מען מוז עס דערמאָנען כסדר ביי יעדער סיטואַציע אין אַ שלום־עליכמישער אַרבעט, ווו עס קומט מכלומרשט אויס, אַז וואָסער־עס־איז אויסערלעכע סיבה דאָמינירט אין דעם געשעען.

אויך דאָ אין דער „עצה" איז דאָסזעלביקע. נישט דער שווער, נישט די שוויגער, נישט דאָס ווייבל און נישט דער שטאָט־דאָקטאָר האָבן ווירקלעך אַריינגעפירט דעם עצה־פרעגער אין דער טראַגישער נישט־זיכערער סיטואַציע, אין וועלכער ער געפינט זיך איצט. אין איר פסיכישער קאָנסטרוקציע איז די סיטואַציע אַזוי ווייניק אָפּהענגיק פון די מאָטיוון, אַז עס דוכט זיך פשוט אויס, אַז די באַשטימענדיקע מאָטיוון דאָ, זענען נישט מער ווי פאַרפאָל־

גונגס־אידעען פון אַ קראַנקן מענטש. דאָס יאָגן אים זיינע מינ־דערווערטיקייטס־געפילן. שוין זיין ערשטער אויפטריט, זיין אַריינ־קומען צו שלום־עליכמען, זיין גאַנצע האַלטונג ווייזט אונז, אַז מיר האָבן צו טון מיט אַ מענטש, וואָס איז כסדר איבערגעשראָקן פון לעבן, און עס פאַרפאָלגן אים אינערלעכע מינדערווערטיקייטס־געפילן. שלום־עליכמס העלד געפינט זיך אין אַ זעעלן־צושטאַנד, אין וועלכן עס איז ווירקלעך נישט קיין גרויסער חילוק וואָס עס האָט דאָ מיטגעשפילט, — אויסערלעכע סיבות, צי נישט. עס דעצי־דירט באמת גאָרנישט. דערין גייט עס טאַקע שלום־עליכמען. ער וויל אונז ווייזן דעם פסיכישן בוי פון זיינע העלדן אין זייער פרימערן נעגאַטיוון צושטאַנד, ד. ה., אינם אורשפרונג פון זייער זעעלישער געגעזיס, בעת די שלום־עליכמישע העלדן זענען נאָך געווען אומבאַהאָלפענע, מאַכטלאָזע, צוריקגעדרענגטע פון לעבן, איבערגעשראָקענע און נידערגעשלאָגענע פון דער שיקזאַל־פולער מאַכטלאָזיקייט זייערער. מיר קאָנען זיך פאָרשטעלן, אַז טביה, מנחם־מענדל און אַלע איבעריקע הויפט־פאַרשוינען, וואָס שלום־עליכם ווייזט זיי אונז אַלס די טרעגער פון אַ באַזונדערן היסטאָרישן שיקזאַל — זיי זענען אַמאָל, — נאָך איידער זיי זענען רייף־געוואָרן אין זייער שיקזאַלהאַפטיקייט, — געווען אַזעלכע נערוועזע, אָפגעשראָקענע, צו קיין שום ווירקלעכער טאַט זיך־נישט־דעצידירנדיקע מענטשן. זעעליש פאַרפאָלגט פון זייער אייגענער אינערלעכער נישט־דעצידירטקייט, געבראָכענע, נישט לעבנס־פעיִקע כאַראַקטערן. דאָס לעבן באַדאַרף זיי גאָרנישט פון דרויסן צו פאַרפאָלגן. אינעווייניק, אין זייער אייגן לעבנס־געפיל פאַרפאָלגט זיי דאָס לעבן. די סוביעקטיווע אומבאַהאָלפנקייט אַליין שפּילט דאָ ביי זיי די ראָל פון דעם שוואַרצן דעמאָן. דער יונגערמאַן פון דער „עצה״, ווען ער איז נאָר אַ ביסל אינטעליגענטישער, וואָלט ער אונז גיכער דערמאָנט אין נאָמבערגס אַ פאַרשוין, — אַ פליגעלמאַן. נאָמבערג איז נישט געווען קיין שלום־עליכם און האָט נישט געקאָנט זיין פליגעלמאַן געבן קיין פליגלען. שלום־עליכם האָט עס יאָ געטון. ער האָט זיינע קליינע יידישע מענטשעלעך געגעבן די פליגל, מיט וועלכע זיי האָבן זיך שווונגפול אַרויס־

געהויבן פון זיך אַליין. אויס די עלעמענטן פון זייער לעבנס־מינדערווערטיקייט האָט ער באַשאַפן די עלעמענטן פון זייער לעבנס־ווערט.

אין דער „עצה" זעען מיר אַזאַ שלום־עליכמישן פּאַרשוין אָן זיינע שפּעטערע פליגלען. עס איז אַ מענטש, וואָס גייט־אַדורך דורכן לעבן אויף די שפּיץ־נעגל. דער הינטערשטעליקער. דער געקריוודעטער. ער גלויבט אין אַלץ און קיין שום זאַך גלויבט זיך אים נישט צו... קאָן טאַקע עפּעס געטון־ווערן מחוץ דעם אָפּגע־שראָקענעם סוביעקט? די גאַנצע סביבה זיינע איז פון אים שטאַר־קער, איגנאָרירט אים, שפּילט זיך מיט אים ווי מיט אַ באַלעמל, איז אַלצדינג בכוח מיט אים צו טון. ער איז דאָס כפּרה־הינדל פון דער שוויגערס קאַפּריזן, פון דעם ווייבס קאַפּריזן, פון דעם שווערס קאַפּריזן, פון די קאַפּריזן פון דער גאַנצער סביבה. אַלע לאַכן פון אים, באַציען זיך צו אים מיט ביטול. די סביבה איז צו אים פיינט־לעך פשוט מחמת איר איבערלעגנהייט איבער אים. זיין שוואַכע אומבאַהאָלפנקייט מאַכט אים אומסימפּאַטיש אַפילו פאַר זיינע נאָ־ענטסטע. ער גלויבט אַליין דערין, אַז מ'דאַרף זיך צו אים שלעכט באַציען, שוין דעריבער, ווייל ער פּלאָנטערט זיך אומזיסט צווישן די פיס פון די מענטשן, וואָס זענען די ריכטיקע מענער אויפן ריכטיקן פּלאַץ און קאָנען יאָ באַהערשן דאָס לעבן. מיר טרעפן דאָ מנחם־מענדלען אין די פּאַנטאָפל, ד. ה., ווען ער איז נישט באַרוישט פון זיינע חלומות, און רייבט זיך אַמאָל אויס די אויגן און פּרוווט אַמאָל אַ קוק צו טון אויף זיך און אויף דער וועלט אַ וואַכער. מיר האָבן שוין מנחם־מענדלען אַליין געטראָפן אין אַן ענלעכן מצב: בעת טביה טרעפט אים אין יעהופּעץ ביי אַ שוי־פענצטער אַן אָפּגעריסענעם, אַן אַנטוישטן און אויסגעניכטערטן נאָך די „גליקן" („אַ בוידעם"). מיר וועט נאָך אויסקומען דערפון צו רעדן. דער ניכטערער, נידערגעשלאָגענער שלום־עליכמישער פּאַרשוין,—דערדאָזיקער, וואָס בנוגע צו רעאַלע דעצידירנדיקע טאַטן, איז ער נישט געוווינט צו טון די האַנט אין קאַלטן וואַסער,—פון אים ווערט דאָ פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל זיך מיטאַמאָל אַנטשיידן אין עטוואָס רעאַלעס: אַז ער זאָל נישט אַלץ בויען אויף זיינע סוביעקטיווע

הוריות: ער זאָל אַמאָל אין לעבן אַפּעלירן צו דער טאַט, — טון, האַנדלען אין זיין לעבן לויט אָביעקטיווע אומשטענדן. דאָסדאָזיקע צו פאַרלאַנגען פון אַ שלום־עליכמישן פּאַרשוין,—הייסט פּשוט פאַר־לאַנגט פון אים דאָס אוממעגלעכסטע. ער קאָן עס פּשוט נישט. דאָס ליגט נישט אין דעם גבול פון זיין גאַנץ לעבנס־געפיל. דער יונגערמאַן פון דער „עצה" — עס איז דער מנחם־מענדל אין די פאַנטאַפל, אַזוי ווי ער איז רעאַל, איידער שלום־עליכם פירט אים אַרויס אויף דער בינע פון אַ טראַגישן וועלט־שפּיל. צו דעמדאָ־זיקן עלענדן אַקטיאָר, ווי ער איז הינטער די קוליסן, האָט שלום־עליכם אַליין זייער נישט קיין אָנגענעם געפיל. אַ טרויעריק־אומ־באַהאָלפענע, זיך מינדערווערטיק־פילנדיקע ווירקלעכקייט לאַכט דאָ צו שלום־עליכמען ציניש אַרויס פון די שווונגפול־באַרוישטע מנחם־מענדלשע אילוזיעס. שלום־עליכם קוקט זיך אָן זיין רעאַלן העלד, ווי ס'האָט טביה („אַ בוידעם") זיך אָנגעקוקט דעם רעאַלן מנחם־מענדלען: „איך שטעל מיך אָפּ נעבן אַ גרויס פענצ־טער מיט אַרויסגעשטעלטע הויזן און דערזע דורך דעם אָפּשיין פון גלאָז מיין שמעיה בעל־פּרנסה. עס האָט זיך מיר אָפּגעריסן אין האַרצן, אַז איך האָב אים דערזען. ס'איז מיר פּרחה־נשמתו געוואָרן! ווו איך האָב ערגעץ אַ שונא און ווו איר האָט אַ שונא, זאָלן מיר אים דערלעבן זעען אין אַזאַ הולך, ווי מנחם־מענדל: וואָס מיר קאַפּאָטע? ווער מיר שטיוול? און אַ פּנים, טאַ־טעניו, אַ שענערן לייגט מען אין דער ערד אַריין. ער פון זיין זייט (מנחם־מענדל) איז אַפּנים אויך שטאַרק מבולבל געוואָרן, מחמת מיר זענען ביידע געבליבן שטיין ווי צוגעקאָוועט, נישט אויסצורעדן אַ וואָרט אַפילו און נאָר געקוקט און געקוקט, ווי די הענער זיך גלייך אין די אויגן אַריין, ווי איינער רעדט: פאַר־וויסט און פאַרפינצטערט זענען מיר ביידע געוואָרן, מיר מעגן ביידע נעמען טאָרבעס און גיין איבער די הייזער..." מיר זעען נישט איבריק אָפּט שלום־עליכמס העלדן אין זייער רעאַלן צו־שטאַנד... זיי זענען כסדר פאַרטשמאַיעט אין זייערע סוביעקטיווע פאָרשטעלונגען און האָבן זייער ווייניק צייט צו מאַכן זייער רע־אַליסטישן חשבון־הנפש. אַז דערדאָזיקער אומעטיקער חשבון פון

דעם ווירקלעכן כוח פון זיינע פאַרשוינען איז שלום־עליכמען נישט פרעמד־געווען, — דאָס זעען מיר בעת ער לאָזט אַזאַ „אויס־געטוענעם" העלד אַרויס פאַרן צושויער. עס ווערט ממש קאַלט, ווען מ'זעט דעמדאָזיקן האָפּערדיקן וועלט־בירגער שלום־עליכמס אָן דעם קלינגענדיקן נאַרן־מיצל אויפן קאָפּ. די שיינע מנחם־מענדלשע נאַיִוויטעט פּאַרוואַנדלט זיך דאָ אין פּשוטער אומפּעי־קייט צום לעבן. עס איז אַן אומבאַהאָלפענער, נידערגעשלאָגענער ווייבערישער מאַן, וואָס שטייט ראַטלאָז פאַרן מינדסטן רעאַלן פּראָבלעם. שלום־עליכם יאָגט אים אומגעדולדיק אונטער, אָט־אָ דעם „שמעיה בעל־פּרנסה": טו עפּעס, פּרווו דיך צו עפּעס ווירק־לעכעס צו אַנטשיידן!... צי קאָנסטו ווירקלעך גאָרנישט טון?

ניין, ער קאָן גאָרנישט טון, דערדאָזיקער קאַסריליק אָן פליגלען.

## VI

באַזונדערע רירעוודיקייט, און באַזונדערס שטאַרקע אויס־דרוקספולקייט פון זייער כאַראַקטער באַקומען שלום־עליכמס מענטשן אין דער אַטמאָספער פון רייזן.

רייזן איז אַ געוויסער אַרויסגאַנג פונם אָרט צו דער שטח־לאָזיקייט. פון דעם געוויינלעכן צו דעם אומגעוויינלעכן. רייזן איז וועלטיש. דאָס רייזן איז באַפאַרבט מיט דער האָפענונג. סורפּריז־פול איז דאָס רייזן. עס איז קיין וווּנדער נישט, וואָס ווען עס דרייען זיך די רעדער אונטער שלום־עליכמס פּאַרשוינען און צו זייער אינערלעכער סוביעקטיווער אָנהאַלטלאָזיקייט קומט נאָך צו די אָביעקטיווע אָרטלאָזיקייט פון דעם אונטערוועגס, דאַן פילן זיי זיך, די מנחם־מענדלס, באַזונדערס גוט דיספּאָנירט צו זיין דאָס וואָס זיי זענען. אין דער בויד, אויפן פערד־און־וועגעלע (טביה), נאָך מער אויף דער אייזנבאַן, געפינען זיי זיך, ווי ביים טאַטן אין וויינגאָרטן. נישט בלויז פּסיכיש וואַנדערן זיי איצטער אין דער וועלט — ד. ה., אין דער פאָרשטעלונג — זיי וואַנדערן טאַקע אויף אַן אמת. אונטערוועגס פילן זיך די מנחם־מענדלס נענטער צו זייערע אַלע דערוואַרטונגען. דער אונטערוועגס איז אָבענטויער־לעך. מיטן שטח, וואָס באַוועגט זיך מיט זיי מיט דורכן פענצטערל פון אייזנבאַן־וואַגאָן זעען זיי טאַקע ווי די וועלט אַליין האָט עפּעס נישט קיין פעסטע ממשות, די וועלט איז נישט סטאַטיש, די וועלט איז דינאַמיש, די וועלט באַוועגט זיך.

די וועלט באַוועגט זיך, די אייזנבאַן פליט. גלייך ווי אויף יענעם כישוף־טעפּיך פון די אַראַבישע מעשיות, וואָס טראָגט זיך איבער אַלע מרחקים, אַזוי זיצן זיי דאָ, די פאַרשידענע מנחם־

מענדלס אינם אייזנבאַן־וואַגאָן. צונויפגעדרענגט, צונויפגעקוועטשט איינער נעבן אַנדערן. שלום־עליכם שילדערט אַ פּרימאָרגן אין אַזאַ אייזנבאַן־צוג: „דאָס מאָל זענען מיר געווען נישט מער ווי אַ פּאָר מנינים יידן און מיר זענען געזעסן אין וואַגאָן דריטער קלאַס, מען קאָן זאָגן בהרחבה. דאָס הייסט, געזעסן זענען אייגנט־לעך די, וואָס האָבן באַצייטנס פאַרכאַפּט ערטער. די איבעריקע זענען געשטאַנען אָנגעלענט אויף די צווישן־ווענטלעך און האָבן געניומען פונדעסטוועגן אַן אָנטייל אינם שמועס גלייך מיט די, וואָס זענען געזעסן. און דער שמועס איז געווען זייער אַ לעבע־דיקער שמועס, אַלע האָבן גערעדט. אַלע אינאיינעם ווי געוויינלעך. ס'איז געווען אין דער פרי. דער עולם האָט זיך אויסגעשלאָפן, אָפּגעדאַוונט, ווי־עס־איז איבערגעביסן, גוט אָנגערויכערט זיך מיט פּאַפּיראָסן און מע איז געווען אויפגעלייגט, זייער אויפגעלייגט אויף צו רעדן...״ צו רעדן. צו דערציילן. עס ליגט אין דער טבע פון דידאָזיקע יידן: צו רעדן, צו דערציילן די אויסטערלישסטע מעשיות און פּאַסירונגען, וואָס ס'איז זיך מיט זיי פּאַרלאָפן. אַלע מאָנאָלאָגן שלום־עליכמס זענען נישט קיין פּשוטע רינגען פון דער נאָרמאַלער לעבנס־קייט. עס זענען אָבענטויער־מאָטיוון; מאָ־טיוון, מער פון עקזאָטישע פּאַסירונגען, איידער טאָג־טעגלעכע געשעענישן פון לעבן. לויט דעם אופן ווי שלום־עליכם לאָזט פּאַר אונדז אויסוואַקסן זיינע פיגורן, איז עס פּאַרשטענדלעך: אין די־דאָזיקע הונדערטפּראָצענטיקע סוביעקטיוויסטן געשיט נאָר נאָר־מאָל דאָס, וואָס עס געשיט אינערלעך אין סוביעקט. נאָר גופא און סוביעקטיוו וויקלען זיך פּאַנאַנדער און געשעען די גע־שעענישן פון זייער לעבן. יעדעס אָביעקטיווע געשעען, וואָס פּאַלט־אַריין אין דעם סוביעקטיוון געוועב פון זייער לעבן, רופט דאָרט אַרויס די שטערנדיקע דיסאָנאַנסן פון אַ פרעמד־קערפּער. אין דער וועלט פון הוילע סוביעקטיווע פאַרשטעלונגען איז יעדע אָביעקטיווע פּאַסירונג נישט מער ווי עקזאָטיק, אָבענ־טויער, אויסטערלישקייט. דאָרט, ווו דאָס וווּנדערלעכע איז נאָר־מאָל, איז ממילא דאָס נאָרמאַלע דאָס שטאַרקסטע וווּנדער.

אונטערוועגס, ווו עס טוישן זיך שנעלער די באַדינגונגען,

י. י. טרונק, שלום-עליכם, 14.

זענען פיל גיכער פאַראַן די שאַנסן, אַז כּלערליי כּלומרשט „אָביעק־טיווע" געשעענישן זאָלן זיך אַריינמישן אין דער אָפּגעשלאָסענער סוב־יעקטיווער מנחם־מענדלשער וועלט־פאַרשטעלונג. זיי מישן זיך טאַקע אַריין. כּמעט אַלע „גליקן" מנחם־מענדלס טרעפן זיך מיט אים אונטערוועגס. בלויז מנחם־מענדלס אַנטוישונגען געשעען אויף אַ מקום־מנוחה. אָט האָט ער געהאַט ערגעץ אַ דורכפאַל, שיינע־שיינדל שיקט אים אויף הוצאה און ער פועלט שוין ביי זיך, אַז די וועלט איז גאָרנישט אַזאַ גליקלעכע לאָטעריע און מע באַדאַרף אַהיים און ווערן אַ שטיקל קליין מענטשעלע אין קאַסרילעווקע. קוים שטעלט נאָר מנחם־מענדל אַריין זיין פוס אין דער אייזנבאַן און דערשמעקט די דאָרטיקע לופט, אַזוי הייבט עס באַלד אָן צו רע־גענען אויף אים מיט נייע פּלענער, סורפּריזן און האָפענונגספולע פּאַסירונגען. ווידער פאַרוואַנדלט זיך די וועלט אין דעם כּישופ־פולן גליק־פעלד, וואָס לאָקט פונדאַסניי מנחם־מענדלען אַרויס צו דעם אָבענטויער. אינטערעסאַנט, אַז מנחם־מענדל וויל באמת כּסדר פאָלגן שיינע־שיינדלס עצה און אַהיימקומען, ער קאָן אָבער קיינ־מאָל נישט ביישטיין די זיסע נסיונות פונם אונטערוועגס: דער אונטערוועגס, וואָס רייצט דעם כּוח־הדם, מאַכט אינטענסיווער די פאַנטאַזיע און מאַכט דאָס לעבן אָבענטויערלעכער... אונטערוועגס טרעפט זיך מנחם־מענדל גיכער מיט זיינע טאָפּל־שאָטענעס — די אַנדערע מנחם־מענדלס — וואָס טויכן פאַר אים אויף צווישן די בענק פונם וואַגאָן; די מנחם־מענדלס פון פאַרשידענע מרחקים. זיי טרעפן זיך דאָ צוזאַמען, אָט די אַלע פאַרשידענע בעלי־חלומות, וואָס פאָרן־אַרום איבער דער וועלט צו זוכן דעם נעכטיקן טאָג, — און זיי טוישן זיך מיט זייערע הוריות ווי מיט באַרער מינץ. אַלע בעלי־חלומות און „אידעאַליסטן" האָבן ליב דאָס רייזן. יעדער טרוימער איז אַ זאַנזיבאַר דער ים־פאָרער, וואָס קוקט נאָר תּמיד אויף די האָריזאָנטן און גלויבט, אַז סוף־כּל־סוף איז פאַראַן ער־געץ־ווו דאָס אָרט, ווו די הימלען באַרירן זיך מיט דער ערד. אַזוי איז אויך דאָס „טביה־בוך", דאָס טראַגישע יידישע רייזע־בוך. ס'הייבט זיך אָן מיט טביהס אָבענטויער — „דאָס גרויסע געווינס" — בעת ער פאָרט מיט זיין פערד־און־וועגעלע אינם וואַלד און טרעפט דאָרט

די צוויי וויבער, און ער מיינט, אַז עס זענען צוויי „נישט־גוטע", וואָס ווילן אים מזיק־זיין און צום סוף לאָזט עס זיך גאָר אויס מיט דער פוטער אַרויף, ד. ה„ טביה פאַרט־אַהיים מיטן „גרויסן געווינס". נאָך מער ווי מענדעלע־מוכר־ספרים איז טביהס פיגור פאַרבונדן מיט זיין פערד־און־וועגעלע. פאַרנדיק טראַכט טביה זיינע פילאָזאָפיעס און כמעט אַלע מאָטיוון פון דער טראַגישער אַנטשיידונג אין טביהס מעשיות קומען־פאָר בעת טביה פאָרט אויף זיין וועגעלע און די טעכטער קומען אים אַנטקעגן פון וואַלד. יאָ, דאָס אָרימע קאָמעדיאַנטישע וועגעלע טביהס איז די אייגנטלעכע בינע, ווו עס ליגט דער שווערפונקט פון דעם וועלט־היסטאָרישן יידישן שוי־שפיל, וואָס הייסט „טביה". נאָר אויף דעמדאָזיקן וועגעלע פאָרט־מיט מיט טביהן דאָס אַנטשיידנדיקע שיקזאַל. אויך דאָס דריטע קלאַסישע בוך שלום־עליכמס „מאָטל פייסי דעם חזנס" איז אַ רייזע־בוך. אַ בוך פון רייזע־אָבענטויערס. שלום־עליכמס מענטשן וואַרטן אינערלעך כסדר אויף אָבענטויערס, וואָרים פאַר זיי איז דאָס לעבן נישט קיין געזעץ, נאָר אָבענטויער און פאַסירונג. וועלכעס איז נאָך אַזוי פול מיט אָבענטויערס און פאַסירונגען, ווי די ווייטע מרחקים?

## VII

דעם אייזנבאַן־וואַגאָן האַלט שלום־עליכם פאַר אַ הויפּט־בינע, ווו ער וויקלט־פאַנאַנדער מיט מייסטערהאַפטן שווונג דעם כאַראַקטער פון זיינע פיגורן. קודם־כל זעען מיר עס אין דער מערקווירדיק־אינטימער באַציִונג, וואָס ער האָט צו דער אייזנבאַן אַלס אַזעלכע. דאָס אָרט און דעם רוים פון דער האַנדלונג איִדענטיפיצירט שלום־עליכם בכלל זייער שטאַרק מיטן כאַראַקטער פון די האַנדלענדיקע פּערזאָנען. ביי שלום־עליכמען איז די האַנדלונג אין וועזן אירן אַן אינערלעכע און אַ סוביעקטיווע, דעריבער איז אויך דאָס אָרט, ווו די האַנדלונג קומט־פאָר, נישט קיין אייגנטלעכער אָביעקטיווער פאַקט — אַן אָביעקטיוו־עקזיסטירנדיקע שטאָט אָדער פלאַץ — נאָר אַ סוביעקטיווער אויסגעבורט פונם פּסיכישן געמיט. די הויפּט־פּלעצער, ווו עס קומען־פאָר די שלום־עליכמישע געשעענישן הייסן — קאַסרילעווקע, מאַזעפּעווקע, יעהופּעץ אָדער בויבעריק, ד. ה. צונויפגעקלאַפּטע שוי־בינעס, דעקאָראַציעס פון שטעט און שטעטלעך, ווו עס באַדאַרפן אויפטרעטן און שפּילן שלום־עליכמס פיגורן. און זיי הערן־אויף צו עקזיסטירן, אַט־אָ די ערטער, מחוץ פון דער עקזיסטענץ פון שלום־עליכמס פיגורן. גלייך ווי די טאַט און די האַנדלונג, אַזוי איז אויך דאָס אָרט נאָר די פּאַטאַ־מאָרגאַנאַ פון דעם סוביעקטיוון געמיט. מיר וועלן נאָך שפּעטער זען ווי אַפילו די חיות און בהמות, די הינט און די קעץ, וואָס שפּילן־מיט אַלס רעקוויזיטן אין שלום־עליכמס ווערק, די טייכן, די פעלדער און די וועלדער, וואָס דעקאָרירן דידאָזיקע ווערק, זענען נישט מער ווי אימאַגינירטע צושטאַנדן פונם סוביעקטיוון געמיט; דאָס מנחם־

מענדלשע לעבנס-געפיל אַריבערגעטראָגן אויף בעלי-חיִישע אָדער נאַטורהאַפטיקע עקזיסטענץ-פאַרהעלטענישן. דאָס פּאַונישע און פלאָרישע אין שלום-עליכמס ווערק איז גיכער פאַבולירט ווי גע-צייכנט. נישט די נאַטור און די בעלי-חיים צייכנט שלום-עליכם, נאָר ער לאָזט זיינע פאַרשוינען, די מנחם-מענדלס, אויפטרעטן און רעדן אונטער די מאַסקעס פון נאַטור, חיות און בהמות.

אין „דאָן-קישאָט" האָבן מיר אַזאַ וועלט-באַרימטע שקאַפע. ראָזי-נאַנטע. ראָזינאַנטע איז נישט בלויז די שלימזלדיקע בהמה, וואָס טראָגט דעם שלימזלדיקן טרויעריקן ריטער אויף דעם וועג צו זיינע אַבענטויערס. ראָזינאַנטע אַליין איז פלייש-און-בלוט פון דאָן-קישאָטן. זי איז אַפילו פיזיאָנאָמיש ענלעך צו דאָן-קישאָטן. נישט וויניקער ווי זיין מענטשלעכער מיטשפּילער סאַנטשאָ-פּאַנשאַ, איז ראָזינאַנטע גע-שאַפן פון דאָן-קישאָטס כאַראַקטער. אַ פאַבולירטער דאָן-קישאָט איז די שקאַפע ראָזינאַנטע. אַלע דריי, דער טרויעריקער ריטער, דער משרת סאַנטשאָ-פּאַנשאַ און די שקאַפע ראָזינאַנטע זענען נישט מער ווי דריי דערשיינונגען פון איין גרויס-געשאַפענער וועלט-פיגור. דאָסזעלבע איז אויך טביהס פערדל, מיט וועלכן טביה טענהט זיך אויס און עס דרייט אָפּט אויס די פערדישע מאָרדע צו טביהן און הערט אים צו. דאָסזעלבע—משותּלח. דער הונט ראַבטשיק, און די קאַץ חנה-לאה די רבעצין. ד. ה., אָט-אָ די יידישע שלום-עליכמישע בהמות זענען נאָר סימבאָלישע „אָפּשפּאַלטונגען" פון דער קאָנסטרוקציע פון שלום-עליכמס מענטשלעכע כאַראַקטערן.

מיר האָבן אַ קלאַסישן ביישפּיל פון אַ שלום-עליכמישער ראָזינאַנטע. אַ סימבאָליש באַשעפעניש אויפגעבויט פון דעם שלום-עליכמישן כאַראַקטער-עלעמענט. עס טראָגט אויך אַרום אויף זיך די „טרויעריקע געשטאַלטן" פון שלום-עליכמס דאָן-קישאָטן. די מנחם-מענדלס. דאָס איז די גראָטעסקע, דערביי ממש טראַגישע געשטאַלט פון אַ שלום-עליכמישער אייזנבאַן. דער באַרימטער „ליי-דיקגייער".

פאַרשטופּן פון אַזאַ מין יידישער ראָזינאַנטע האָבן מיר אין דעם „באַרדיטשעווער טראַמוויי". אין זייער וועזן און פסיכיק

זענען יידן אַן אורבאַניסטישער עלעמענט. שטאָטיש. אָפּגעריסן פון דער נאַטור. די וועלדער ביי שלום־עליכמען און מענדעלען רוישן נישט נאַטורהאַפטיק, נאָר דאַווענען און זאָגן סליחות, דער הימל איז אַ בלויע יידישע יאַרמולקע, די צעזונגענע פייגל אין די צווייגן זענען חזנים און משוררימלעך, וואָס צעלאָזן זיך אין שטייגער. דידאָזיקע אַרט פון נאַטור־געפיל אַנטשפּרעכט פולשטענדיק דעם אורבאַניסטישן לעבנס־געפיל ביי יידן. די פאָרם און די געשטאַלט פון דער שטאָט איז דער אויסגעבורט פונם מענטשלעכן סוביעקט. די שטאָט איז אַ נאַטור־פאָרם, וואָס איז געשאַפן־געוואָרן פון דעם אינערלעכן מענטשלעכן גײַמיט. דאָס מענטשלעכע סטיל־געפיל הערשט און דעצידירט אין דער שטאָט. אַזאַ מין נאַטור־באַזע איז גיכער מסוגל צו דינען אַלס עקזיסטענץ־פאָן פאַר מענטשן, וואָס זייער גאַנץ וועלט־דאָזיין איז קאָנסטרויִרט סוביעקטיוו. זאַכן און דערשיינונגען, וואָס זיי קאָנען זיי נישט פולקום אויפלעזן אין זייער סוביעקט, — קאָנקרעטקייטן, וואָס זיי קאָנען זיי נישט פאַר־וואַנדלען אין אַבסטראַקציע, — בלייבן תמיד פאַר שלום־עליכמס מענטשן פרעמדע, אָרגאַניש נישט באַנומענע דערשיינונגען. דאָס דאָרף, דער וואַלד און דאָס פעלד זענען אורשפּרינגלעכע נאַטור־עלעמענטן. אין זייער דאָזיין זענען זיי פולקום אומאָפּהענגיק פונם מענטש, און פונם מענטש נישט באַדינגט. זיי זענען דע־ריבער, — אין דערדאָזיקער עלעמענטאַרער נאַטורהאַפטיקייט זיי־ערער — נישט געגנוסבאַר פאַר דער יידישער שלום־עליכמישער פסיכיק. דאָס אָביעקטיווע — פון זייער פסיכיק אומאָפּהענגיקע — דאָזיין, שרעקט שלום־עליכמס מענטשן, ווי אַ פיינטלעכע דעמאָ־נישע קראַפט. אין די באַציִונגען צום אָביעקטיוון מוז מען זיך קודם־כל רעכענען מיט די רעאַלע פאַקטאָרן פונם אָביעקטיוון. דאָס קאָנען נישט שלום־עליכמס יידן. נאָר אויפן באָדן פון זייער סוביעקט קאָנען זיי זיין די דאָן־קישאָטן. דאָרט וואַקסט זיי די פאַנטאַזיע און עס טראָגן זיי די פליגלען. אין די עלעמענטאַרע פליינען פונם אָביעקטיוון פאַרלירן זיי זיך, ווי יונגע פייגעלעך וואָס זענען אַרויסגעפאַלן פון זייער וואַרימער נעסט. זיי קאָנען זיך נישט קיין עצה־געבן מיט אַ וועלט, וואָס עקזיסטירט מחוץ

פון זייער געמיט. די שטאָט, דאַקעגן, צי דאָס שטעטל איז נישט קיין עלעמענטאַר דאָזיין; דאָס איז נישט דער פרעמדער דראַנ־דיקער נאַטור־דעמאָן, וואָס שוין אין זיין אָנגעזיכט ווערן די קאַסריליקעס צוזאַמענגעבראָכן פון זייער אייגענער שוואַכקייט. די שטאָט יעהופעץ האָט געמאַכט דער מענטש און דאָס שטעטל קאַסרילעווקע איז דער פּראָדוקט פון די קאַסריליקעס, זייער עבן־בילד. די וואַרעמע נעסט זייערע. דאָרט איז קיינער (פּסיכיש) נישט שטאַרקער פון זיי און די אָביעקטיווע אויסערלעכע דערשיינונגען זענען נישט מער, ווי די שאָטן־שפּילן פון אַן אינערלעכן סוביעקט. דעריבער „פּאַריידישן" אַזוי די שלום־עליכמישע יידן די פעלדער, וואָס ציען זיך הינטער די הייזער פון קאַסרילעווקע, דיביימער און די גרעזער, די טייכן און די וועלדער. זיי ציען די אָביעק־טיווע נאַטור אַריין אינם תּחום פון זייער סוביעקט. אַזוי־אַרום עלימינירן זיי די אָביעקטיווע עלעמענטן פון דער נאַטור. אַזוי־אַרום באַזייטיקן זיי פון די האָריזאָנטן פון זייער וועלט־באַנעם די דערשיינונגען, וואָס זענען זיי פרעמד און נישט באַהערשט פון זייער פּסיכיק. שלום־עליכמס יידן קאָנען נאָר לעבן אין זייער איי־גענער וועלט. אויך די אויסערלעכע וועלט קאָנסטרויִרן זיי לויט די פאָרמען פון זייער פּסיכיק. ווייל זיי זענען נישט בכּוח עפּעס צו נעמען פון די רעאַלע עקזיסטענצן, מיידן זיי אויס די רעאַלע עקזיסטענצן, און זיי קאָנסטרויִרן „רעאַלע" עקזיסטענצן לויט דער מעגלעכקייט פון זייער וועלט־דאָזיין. קאָנסטרויִרן אָביעקטיווע עקזיסטענצן, צו וועלכע זיי זאָלן קאָנען צופּאַסן זייערע לעבנס־פונק־ציעס,—דאָס איז די וועזנטלעכסטע לעבנס־פונקציע פון שלום־עליכמס יידן. ווען שלום־עליכם וויל ווירקלעך אַרויסבאַקומען אַלע עקזיסטענץ־ניואַנסן פון זיינע העלדן, מוז ער ספּעציעל פאַר זיינע העלדן קאָנסטרויִרן די אָביעקטיווע דערשיינונגען, ווו זייערע לעבנס־באַוועגונגען זאָלן זיך קאָנען פריי פונאַנדערשפּילן. ער מוז אויפבויען פאַר זיי שטעטלעך, פעלדער און וועלדער, ווייל נאָר אין יענע שלום־עליכמישע שטעטלעך, פעלדער און וועלדער קאָנען לעבן־און־וועבן די יידישע קליינע מענטשעלעך. אַזוי מוז ער אַלץ פאַר די קליינע מענטשעלעך קאָנסטרויִרן פון די עלעמענטן פון זייער פּסיכיק, אַפילו

זייערע טויטע שטוב־זאַכן, זייערע וועגענער, טראַמווייען און באַנען.

דער שפּאַנישער דאָן־קישאָט האָט געהאַט אַ לייבהאַפטיק פערד. ראָזינאַנטע. פאַר די שלום־עליכמישע דאָן־קישאָטן מוזן ספּעציעל קאָנסטרויִרט־ווערן זייערע ראָזינאַנטעס. אין שלום־עליכמס ווערק געפינען מיר פאַרשידענע פּרוּוון פון אַזעלכע קאָנ־סטרוקציעס. די סאַמע געלונגנסטע, פול מיט שווונג, איז די פריי־אויסגעטראַכטע ראָזינאַנטע,—ווו שלום־עליכם קאָן זיינע אַלע דאָן־קישאָטן אַריינפּאַקן און דערביי לאָזן פונאַנדערשפּילן זייער גאַנ־צע לעבנס־טעטיקייט — איז דער קלאַסישער „לײדיקגייער".

עס איז אַן אייזנבאַן. נאַטור־מאָרט. דערדאָזיקער „נאַטור־מאָרט" איז זעלטן „פאַרמענטשלעכט". פאַרייִדישט". פאַרמנחם־מענדלט. מיר האָבן דעם איינדרוק, אַז איינער פון די שלימזלדיקע שלום־עליכמישע מנחם־מענדלס איז פאַרוואַנדלט־געוואָרן אין דערדאָזיקער אייזנבאַן, דעם „לײדיקגייער". שלום־עליכם שטעלט־פאָר דעם „ליי־דיקגייער" מיט דער פולער דאָן־קישאָטישער שלימזלדיקייט פון אַלע קאַסריליקעס. דער „לײדיקגייער" דערמאָנט אונז אין ראַבטשיק דעם יידישן הונט און אָן דעם יידישן פערד משותלח. עס איז די מנחם־מענדלשע באַן, וואָס פירט די מנחם־מענדלשע מענטשן — ווי ראָזינאַנטע דאָן־קישאָטן — „איינצונעמען" די וועלט.

„איר פאָרט דאָך שוין מיט אונזער לײדיקגייער, ברוך השם, די אַנדערע וואָך, ווייסט איר מן־הסתם די טבע זיינע ? ער האָט אייך אַ טבע, אַז ער קומט אויף אַ סטאַנציע און שטעלט זיך אַוועק, פאַרגעסט ער דעם זיי געזונט. דאָס הייסט, אייגנטלעך לויט „ראָספּיסאַניע", טאָר ער נישט שטיין מער וויפל ס'איז אים אָנ־געצייכנט. למשל, אויף דער סטאַנציע זאַטקעוויטש איז אויסגע־רעכנט, אַז ער באַדאַרף שטיין פונקט אַ שעה מיט אַכט און פינפ־ציק מינוט, אָדער אויף דער סטאַנציע סאָבאָלעווקע, טאָר ער דאָרט מער אַ רגע נישט שטיין, ווי אַ שעה מיט צוויי און דרייסיק מי־נוט, נאָר די מכות זאָלן זיך אים זעצן, וואָס ער שטייט סיי אין זאַטקעוויטש, סיי אין סאָבאָלעווקע מער ווי צוויי, און אַמאָל מער ווי דריי שעה. עס ווענדעט זיך אין דעם, וויפל צייט עס נעמען

ביי אים צו די „מאַנעווורעס", און וואָס ביי אונזער „לײדיקגייער" ווערט אָנגערופן „מאַנעווורעס" — דאַרף איך דאָך אייך נישט דער־ציילן. מען שפּאַנט־אויס דעם לאָקאָמאָטיוו און די „בריגאַדע", דער קאָנדוקטאָר מיטן מאַשיניסט מיטן קאָטשעגאַר זעצן זיך אַוועק אינאיינעם מיטן נאַטשאַלניק סטאַנציע, מיטן זשאַנדאַרם און מיטן טעלעגראַפיסט טרינקען ביר, אַ פלעשל נאָך אַ פלעשל."

„וואָס טוט למשל דער עולם, די פּאַסאַזשירן, הייסט עס, בעת מאַנעווורעס? איר האָט דאָך שוין געזען וואָס מע טוט: מע נודעט זיך, מען ווערט שיעור נישט משוגע. ווער עס געניצט, ווער עס פאַרשלאָגט זיך אין אַ ווינקל און כאַפּט אַ דרימל."

„זינט דער „לײדיקגייער" איז אַ לײדיקגייער האָט זיך נאָך נישט געטראָפן מיט אים קיין אומגליק, ווי עס טרעפט אַ שטיי־גער מיט אַנדערע באַנען. וואָס איז דער שכל? דער שכל, זאָגן זיי, איז אַ פּראָסטער שכל: ווער עס גייט פּאַוואָלי, דער פאַלט נישט... און דער „לײדיקגייער" גייט טאַקע פּאַוואָלי. שוין אַ ביסל צו פּאַוואָלי. די באָהאָפּאָליער חכמים, וואָס האָבן ליב יעדע זאַך מגזם צו זיין, דערציילן אַ מעשה, וואָס האָט זיך געטראָפן מיט זייערן טאַקע, אַ באָהאָפּאָליער באַלעבאָס. אַ באָהאָפּאָליער באַלעבאָס, זאָגן זיי, איז אַרויסגעפאָרן מיטן „לײדיקגייער" פון באָ־האָפּאָלי צו זיינעם אַ מחותן קיין כאַשטשעוואַטע אויף אַ ברית, איז ער אָנגעקומען צו דער בר־מצוה."

„און נאָך אַ מעשה דערציילן זיי פון אַ בערשעדער מיידל מיט אַ נעמיראָווער בחור, וואָס האָבן זיך געוואָלט צונויפפאָרן אויף אַ מיטל־פּונקט אָנקוקן זיך. איז ביז מען איז זיך צונויפגע־פאָרן איז דער בחור געוואָרן גרוי ווי אַ טויב און דאָס מיידל האָט שוין נישט געהאַט קיין איין צאָן אין מויל. און איבער דעם איז זיך צעגאַנגען דער שידוך".

## VIII

דער „לײדיקגײער" איז דאָס קאַסרילעװקע אױף רעדלעך. דאָס פאָרנדיקע קאַסרילעװקע, װײל קאַסרילעװקע איז נישט מער חוץ אַ פּסיכישע „אָפּשפּאַלטונג" פון מנחם־מענדלשן כאַראַקטער, דעריבער קאָן עס שלום־עליכם קאָנסטרױרן, װי אַ צולײג־געצעלט, אוהל־מועד. ער קאָן דאָס װוּנדערלעכע שטעטל קאַסרילעװקע אױפשטעלן לױט דער פּסיכישער סיטואַציע און לױט דעם באַװעגונגס־שפּיל פון זײנע פּאַרשױנען.

אין דעם בוך פון די „אײזנבאַן־געשיכטן" זאָגט שלום־עליכם נישט בפירוש, אַז אָט־אָ די אַלע מעשׂיות און װוּנדערלעכע פּאַסירונגען געשען אױפן „לײדיקגײער", פונדעסטװעגן — עס האָט נישט צו טון מיט דער זאַך. שלום־עליכם האָט אונז געגעבן אַזש דרײ נאָװעלן פונם „לײדיקגײער" — כּדי אונז צו געבן די פולסטע פאָרשטעלונג פון דער אײזנבאַן, װוּ עס פאָרן זײנע פּאַרשױנען. ער האָט געװאָלט דידאַקטיקע אײזנבאַן אימאַגינירן אין אונזער פּסיכיק, ד. ה., ער האָט אין אונז געװאָלט שאַפן דעם פּסיכישן רוים פאַר זײנע העלדן. אַזױ װי זײ באַדאַרפן באַזונדערע שטעט צו לעבן, אַזױ באַדאַרפן זײ אױך באַזונדערע װעגענער, טראַמװײען און באַנען צו פאָרן. זײ קאָנען גאָרנישט אױפטרעטן אין שפּיל, אָן זײער ספּעציעלן רוים. אױף אָט־אָ דער אײזנבאַן טרעפן זײ זיך אַלע צוזאַמען. די שלום־עליכמישע זאַנזיבאַרס. אױב זײ זענען געגוג באַרײדעװדיק בײ זיך אין דער הײם אין קאַסרילעװקע, זענען זײ אױף דער אײזנבאַן נאָך באַרײדעװדיקער. אונטערװעגס איז זײ די פאַנטאַזיע באַװעגטער, אַװאַנטוריסטישער. ערשט דאָ אױף דער רײזע איז די װעלט פול מיט אױסטערלישקײטן! זײ

קומען זיך דאָ אַלע צונויף פון כּלערליי קאַסרילעווקעס, אַפילו מעבר־לים, פון אַמעריקע און פון בוענאָס־איירעס. אין דעם בוך פון די „אייזנבאַן־געשיכטן" האָט אונז שלום־עליכם געגעבן אַ מין מנחם־מענדלשן „טויזנט און איין נאַכט". אַן אַבענטויער־בוך.

דידאָזיקע „אַבענטויערס" זענען חס־ושלום נישט קיין שום קאַמפן מיט אויסערלעכע שטערונגען. ס'רוב זענען דאָס סוביעק־טיוו־באַפאַרבטע „פאַסירונגען". גיכער — לייכטע מיספאַרשטענדניש־מאָטיוון, וואָס שטייען נישט אין קיין שום פּראָפּאָרץ צו דער דערציילונג און דינען — ווי אומעטום ביי שלום־עליכמען — אַלס הוילע שטויס־מאָטיוון צו ברענגען דעם העלד צו באַוועגונג. ביי דידאָזיקע רייזנדיקע דערציילער איז דער גאַנצער שווערפּונקט פון דער איבערלעבונג נישט קאָנצענטרירט אין דער ווירקלעכער טעטיקער איבערלעבונג, נאָר אין דער איבערלעבונגס־פאַרשטעלונג. אין דער אימאַגינאַציע. דעריבער זוכן זיי כּסדר עמיצן — דעם הערער, — פאַר וועלכן זיי זאָלן קאָנען אויסלאָדענען דעם זיך־אימאַגינירנדיקן טעמפּעראַמענט. אַזוי־אַרום פירן זיי אַריבער דעם אי־בערגערייצטן טאַטלאָזן טעמפּעראַמענט אין דער בילדהאַפטיקער פאַרשטעלונג. זיי קאָנען נישט איינזיצן, זיי פאַרגוואַלדיקן פּשוט דעם הערער: „אַזוי האָט זיך אָנגערופן צו מיר מיין וויז־אַ־ווי, אין וואַגאָן איינמאָל אין דער פרי, נאָכן איבערבייסן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די מעשה, וואָס מיין וויז־אַ־ווי האָט זיך אויס־געקליבן מיר דערציילן, האָט אים אַליין הנאה געטון, שטאַרק הנאה געטון. וואָרים איידער ער האָט נאָך אָנגעהויבן צו דערציילן, האָט ער זיך שוין שטאַרק צעלאַכט." „ווינטער. אַקעגן מיר זיצט אַ ייד פון מיטעלע יאָרן, מיט אַ געל בערדל, שוין אַ ביסל גרוי־לעך. אַ טכוירן טולעפּל, שוין אַ ביסל אָפּגעבאַרעט. מיר האָבן זיך צערעדט." „פון וואַנען איך פאָר — רופט זיך אָן צו מיר אַ ייד, אַ הויכער, אַ דאַרער, אַ באָרדיקער מיט אַ פּלושן היטל, ער האָט נאָר וואָס אָפּגעדאַוונט און לייגט צונויף דעם טלית און תּפילין." „מען טאָר נישט זיין קיין גוטער! — מאַכט צו מיר אַ לייטישער ייד מיט אַ גילקע אויף דער נאָז און נעמט ביי מיר אַ פּאַפּיראָס אויף צו פאַררויכערן". „אונזערע יידן, הער איך דרשענען אַ יידן הינ־

טער מיינע פּלייצעס און פּאַסאַזשירן הערן אים צו.״ „ברייטלעך און געלאַסן, מיט געפּערלטע ווערטער האָט אונז דערציילט אַ מעשה, טאַקע פון זיך אַליין, אַ שיינער ייד מיט אַ שבתדיקער קאַפּאָטע און מיט אַ ברייטן דעניק אויפן ציידענעם קאַשקעט, און מיט אַן אויסגעצוואָגן פּנים, אַ ביסל פּאַרזאָרגט און מיט קנייטשן אויפן ברייטן ווייסן שטערן״. „אַקייגן מיר ביים פענצטער זיצט אַ יידל מיט אַ שמייכלדיקן פּנים און מיט אַזעלכע אויגן, וואָס ווילן זיך אַריינקלויבן צו אייך אין האַרצן אַריין. דאָס יידל קוקט שוין לאַנג אַרויס, איך זאָל אים זאַטשעפּען. עס ווייזט אויס, אַז עס איז אים נמאס געוואָרן צו זיצן אינצווייען מיט אַ יידן אין וואַגאָן און שווייגן. צעלאַכט ער זיך פּלוצים צו זיך אַליין און רופט זיך אָן צו מיר.״ אַזוי זיצן זיי אַלע אין דער גרעסטער אומ־געדולד, די צונג קאָן זיי נישט רויִק איינליגן אין מויל און זיי לאָקערן נאָר אויף עמיצן, פאַר וועמען זיי זאָלן זיך קאָנען אויס־לאָדענען...

אָט אַלע די „פּאָרנדיקע מנחם־מענדלס״, זענען נישט מער ווי „אָפּשפּאַלטונגען״ פון איין־און־איינציקן כאַראַקטער; דערפון נעמט זיך די אויסערגעוויינלעכע אינטימקייט, דאָס משפּחהדיקע צווישן זיי; איין כאַראַקטער, איין שיקזאַל. און איין אָבענטויער. שיקזאַל און אָבענטויער זענען סינטעטישע אייגנשאַפטן פונם כאַ־ראַקטער, — עס שאַפט דאָס קרובהדיקע, דאָס אינטימע, עס בינדט צוזאַמען. מנחם־מענדל דער דערציילער דערציילט מנחם־מענדלען דעם הערער, ווי עס דערציילט אינטים אַ „טאָפּל־גייער״ און אַ „צווייטער איך״. ווארים עס זענען נישט קיין מעשיות פון וואָסער־עס־איז ווירקלעכער טאַט — (די טאַט, וואָס דער דערציילער האָט געטון מאַכט דעם צווישנשייד צווישן דעם אַקטיוון דערציילער און פּאַסיוון הערער) — דאָ איז בלויז אַקצענטירט אַ פּסיכישע קאָנסטרוקציע, וואָס איז שטאַרק אַקטיוויזירט־געוואָרן אין איר אינערלעכקייט. דער הערער האָט די אייגענע פּסיכישע קאָנ־סטרוקציע. וואָס דער דערציילער און זי ווערט געררייצט צו באַ־וועגונג דורך דעם, וואָס זי ווערט אימאַגינירט פונם דערציילער. דער דערציילער רעדט צום האַרצן פונם הערער און באַקליידט

דאָרט מיט געשטאַלט און באַוועגונג די אַלע אומגעדולדיקע װוּנטשן, וואָס וואַרטן נאָר דערויף, אַקטיוויזירט צו ווערן.

די געמיינזאַמע קאָנסטרוקציע פון דער פּסיכיק, דאָס געמיינ־זאַמע לעבנס־געפיל, דער געמיינזאַמער אופן פון זיך אויסלעבן אינם לעבן, דער געמיינזאַמער ווונטש־קאָמפּלעקס זייערער, מאַכט פון די אַלע פאָרנדיקע יידן איין־און־איינציקע קאָלעקטיווע פיגור.

אין די „אייזנבאַן־געשיכטן" זענען עלימינירט די אינדי־ווידועלע אונטערשיידן פון די איינצעלע פּאַרשוינען. נישט קוקנ־דיק דערויף, וואָס דאָס זענען מענטשן פון די פאַרשידנסטע קלאַסן, פון די פאַרשידנסטע שטאַנדן און פאַכן, יאָ אַפילו יידישע מענטשן פון די פאַרשידנסטע וועלט־טיילן, פונדעסטוועגן שפּילן דאָ די אינדיווידועלע כאַראַקטער־אונטערשיידן נישט די מינדסטע ראָל. וואָס עס דאָמינירט דאָ אין דידאָזיקע מענטשן, איז דער מנחם־מענדלשער „ראַסן־איך", אַזוי־צו־זאָגן. דערדאָזיקער „ראַסן־איך" פאַרדרענגט בכלל ביי שלום־עליכמס פיגורן אַלע פּערזענ־לעכע, קלאַסן־ און שטאַנד־אייגנשאַפטן זייערע. מיר האָבן דאָ, אין די „אייזנבאַן־געשיכטן" אַפילו אַזעלכע „פאַרברעכערישע" און „הינטערוועלטישע" פּאַרשוינען, ווי צ. ב., אַן אַנגראָ־סוחר פון פּרויען־האַנדל פון בוענאָס־איירעס; מיר האָבן אַן אונטערצינדער. אין איינעם פון די מאָנאָלאָגן ווערט אַפילו געשילדערט אַ ייד, אַ גנב און אַנדערע יידישע „פאַרברעכער". (לייען „זעקס־און־זעכציק", „נישטאָ קיין מזל"). מיר מוזן האַרציק לאַכן, ווען מיר קוקן זיך צו צו דידאָזיקע „יידישע גזלנים". איך רעד שוין נישט דערפון, וואָס אין אָט־אָ די „מוראדיקע" פאַרברעכער און אונ־טערוועלטס־פּאַרשוינען, איז נישטאָ קיין שפּור פון פאַרברעכער־פּסיכאָלאָגיע. די מעשה איז נאָך פריילעכער: הינטער די „טונקעלע געשטאַלטן", וואָס פאָרן צוזאַמען מיט אַלע מנחם־מענדלס אויף דער אייזנבאַן און זוכן דעם נאַיִוון פּאַרטנער, פאַר וועלכן זיי זאָלן קאָנען אויסלאָדענען די „שרעקלעכקייטן" פון זייער לעבן — הינטער די אַלע גוטע, ליבע „פאַרברעכער" דערקענען מיר נישט קיין אַנדערן, ווי אונזער ליבהאַרציקן מנחם־מענדלען. נישט חס־ושלום, אַז דערדאָזיקער אומשולדיקער קאָסריליק איז פּלוצים גע־

וואָרן אַ סוחר פון לעבעדיקער סחורה. גאָט באַהיט! דאָס גאַנצע יידישע וועלט־דאָזיין קאָנצענטרירט שלום־עליכם אין איין־און־איינציקן טיפּוס — דעם מנחם־מענדלשן טיפּוס. אָט־אָ דעם כאַראַקטעריסטישן טיפּוס שטעלט ער אַריין אין די פאַרשידנסטע און קעגנזעצלעכסטע סיטואַציעס. ראשית: כדי צו לאָזן אויסשפּילן די פולע סקאַלאַ פון די פּסיכישע ניואַנסן פון אַ כאַראַקטער. שנית: — און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע — צו ווייזן דעם עלעמענטאַרן כאַראַקטער אַלס רעאַגירנדיקע איינהייט אין אַלע קאָמפּלעקסן פון לעבן; דעם כאַראַקטער אַלס לעבנס־סטיל; דעם כאַראַקטער אַלס דאָס סינטעטישע און אויפבויערישע וועלט־געפיל אין אַלע טיילן פון לעבן. כאַראַקטער פאַראייניהייטלעכט דאָס לעבנס־געפיל, — ווייל כאַראַקטער איז איינהייט פון לעבנס־געפיל. שלום־עליכם, ווי יעדער גרויסער קינסטלער, צייכנט אין זיינע פיגורן נאָר אָט־אָ דעם פאַראיינהייטלעכנדיקן כאַראַקטער. ווירקלעכע קונסט איז כאַראַקטער. נאָר דער כאַראַקטער אין זייערע פיגורן האָט עס מעגלעך־געמאַכט פאַר אַלע גרויסע שריפטשטעלער אַריינצופירן דידאָזיקע פיגורן נישט בלויז אין די פאַרשידנסטע סיטואַציעס און אין די פאַרשידנסטע לעבנס־באַדינגונגען, נאָר אויך אין פאַרשידענע היסטאָרישע עפּאָכעס. אין יעדן רוים און אין יעדער צייט בלייבט דער כאַראַקטער — כאַראַקטער. דערדאָזיקער פּסיכישער עלעמענט, וואָס פאַרבלייבט סטאַביל אין יעדן געשעען, איז די היסטאָרישע איינגנשאַפט אינם מענטש. די מין־איינגנשאַפט. נאָר דער כאַראַקטער באַוועגט און באַטייליקט זיך אין דער היסטאָריע. שלום־עליכם האָט דער ערשטער אַזוי וווּנדערלעך קאָנסטרויִרט דעם היסטאָרישן יידישן כאַראַקטער. אָט־אָ דעם עלעמענטאַרן יידישן כאַראַקטער פּרוּווט שלום־עליכם אַוועקצושטעלן אין כלערליי סיטואַציעס און באַדינגונגען, כדי אים צו לאָזן רעאַגירן אַלס עלעמענטאַרער כאַראַקטער. יעדער גרויסער שריפטשטעלער, ווי יעדער טעאַטער־דירעקטאָר, האָט נאָר איין־און־איינציקע שוישפּילער־טרופּע, וועלכע ער לאָזט אויפטרעטן אין די פאַרשידנסטע טעאַטער־שטיק. אומעטום אַנדערש קאָסטיומירט, אַנדערש גרימירט, מיט אַן אַנדערן טעקסט אין מויל. או־

מעטום אַן אַנדערער פאָרשטעלער, אָבער תּמיד דער איי־גענער מענטש. שלום־עליכם האָט אויך נישט מער, ווי אַ קליינע טרופּע פון פאַרשוינען, וואָס שפּילן אים זיינע ווערק. זיי שפּילן סוביעקטיוו און אינטים—זיך אַליין. אויב זיי פאַרגרימירן זיך, דאַן מאַכן זיי עס אַזוי, אַז מיר דערקענען גלייך דעם סטאַביִלן מענטש הינטער דער פאָרגעשטעלטער פיגור. שלום־עליכמס שוישפּילער שפּילן נישט רעאַליסטיש. יאָ, עס איז אונזער ליבער מנחם־מענדל, וואָס טרייבט זיינע שטיק און מאַכט האָקוס־פּאָקוס. דאָ איז ער אַ מעקלער, אַ שדכן, אַן אַגענט, אַ קלעזמער, אַ קבצן און אַ גביר· אַ קאַסריליק. דאָ טרעפן מיר אים גאָר אויף דער אייזנבאַן: ער עסט טרפות, מנחם־מענדל. האָט אָנגעשטופּט אַ פולע קעשענע מיט באַנקנאָטן. דערשרעקט זיך נישט, וואָס איר האָט אים אַמאָל גע־זען אין יעהופּעץ, נישט היינט געדאַכט, אין דעם שיינעם מעמד׳ בעת עס האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם פון טביהס שותּפות. איצט גייט ער אָנגעטון „פון אויבן ביז אַראָפּ נעט און נאָבל: אַ שניי־ווייס העמד מיט גאָלדענע קנעפּ. אַ ריינער פּלאַסטראָן־שניפּס מיט אַ שיינער נאָדל אַריינגעשטעקט. אַ נייער עלעגאַנטער בלויער אָנצוג פון עכט ענגלישן שעוויאָט. אַ פּאָר לאַקירטע שיך. קלוגע שיך. אַ שווערער גאָלדענער רינג אויפן פינגער מיט אַ ברילִיאַנט.״ מנחם־מענדל זיצט דאָ איצט צווישן זיינע אַלטע קאַסריליקעס און „האַקט זיי אַ טשייניק״ פון זיינע „גליקן״ אין בוענאָס־איירעס. ווי ביי אַלע זיינע מעשיות און גליקן, האָבן מיר אויך איצט בשום־אופן נישט דעם איינדרוק, אַז אָט־אָ דער „אויסוואורפישער״ מנחם־מענדל, דער „מענטש פון בוענאָס־איירעס״ האָט זיך לסוף גאָר אַרויפגעשלאָגן אויף עפּעס אַ „פאַרברעכערישן״ וועג און עס גליקט אים דאָרט אָפּ, אַז ער איז עפּעס אַ רעאַלע פיגור, אָט־אָ דער מענטש פון בוענאָס־איירעס. מיר פילן, אַז אָט די שיינע עלעגאַנ־טע מלבושים, דאָס געלט און די ברילִיאַנטן זענען נישט מער ווי פאַלשע טעאַטראַלע רעקוויזיטן, אין וועלכע דער אייביקער יידי־שער בעל־חלומות, מנחם־מענדל פון קאַסרילעווקע, שפּילט זיין ראָל. ער שפּילט דעם פרויען־הענדלער מיט דעמזעלבן לעבנס־גע־פיל, ד. ה., כאַראַקטער, ווי אין אַן אַנדערער סיטואַציע שפּילט ער

אַן אַנדערע יידישע לעבנס־פיגור, וואָרים די גאַנצע רייכע שלום־עליכמישע גאַלעריע פון פיגורן ווערט געשפּילט פון עטלעכע ווינ־ציקע פאַרשוינען. אַלע זענען זיי די אייגענע ווייבערישע פּלוידער־זעק, פּעמינאַלע מאַנסבילן, וואָס האָבן זינט זיי לעבן נישט געטון קיין שום ממשותדיקע טאַט, און לעבן נאָר ווילנדיק, טרוימענדיק און רעדנדיק. עס זענען די אייגענע שלימזלדיקע אָפּטימיסטן, וואָס פּלוישן אַרום זיך און באַרימען זיך כסדר מיט די שווונגפולסטע פּאַרמעסטן צום לעבן. זיי טוען עס, — נישט דערפאַר, ווייל זיי זענען ליגנער; חס ושלום. זיי טוען עס דער־פאַר, ווייל זיי קאָנען נישט אונטערשיידן צווישן חלום און ווירק־לעכקייט. „איך בין, זאָגט ער, נעבעך אַ ייד אַ גנב און אַ בעל־מטופל מיט קינדער און אַ גרויסער שלימזלניק. איך האָב, זאָגט ער, קיין עין־הרע, אַ גרינגע פּרנסה, נאָר איך האָב צו מיין פּרנסה קיין הצלחה נישט. דאָס הייסט, איך קאָן מיך נישט באַ־קלאָגן. דאַנקען גאָט, גנבהנען, זאָגט ער, גנבהט זיך אַפילו קיין מעשה נישט, נאָר דער חסרון איז, וואָס נישט אַלע מאָל גערעאָט עס מיר.״ („נישטאָ קיין מזל״). ווי ליבהאַרציק און נאַיִוו! בערל עסיקמאַכער דער בעל־בטחון מיטן גלח אויף דעם אַנטלויפנדיקן לאָקאָמאָטיוו. דער „נשרף״ נעבעך, וואָס „לאַפּעט אויף יידן״, פּלוי־דערט־אויס אַלע זיינע סודות און ווערט זיך נוקם־זיין אין זיינע שונאים מיט דעם, וואָס ער ווערט מאַכן די ברייטע חתונה. ליבע האַרציקע פּלוידערזעק, וואָס לעבן אין פיבער פון זייער אָנגעָ־רייצטן סוביעקט. רייזנדיקע „אַוואַנטוריסטן״ אויפן „ליידיקגייער״. עס ווייזט אונז שלום־עליכם מנחם־מענדלען אין די פאַרשידנסטע פאַזן פון לעבן. דאָס בוך פון די „אייזנבאַן־געשיכטן״, ווי בכלל שלום־עליכמס מאָנאָלאָגן, דאָס זענען נאָר, אַזוי־צו־זאָגן, קליינע איינאַקטערס, קורצע לעבנס־סצענקעס, ווו די שוישפּילערישע שלום־עליכמישע כאַראַקטער־פיגור טוישט אין דער שנעל אירע מלבושים, מיליע און גרים. אין פאַרשידענע פרייליכע און טראַ־גישע סיטואַציעס — תמיד די אייגענע.

יידישע דאָן־קישאָטן אינם שוישפּיל פון יידישער געשיכטע.

# ראָמאַן און טעאַטער־שפּיל

I

אין שלום־עליכמס שריפטשטעלערישן וועג געפינען מיר אומאויפהערלעכע פרווון און באַמיִונגען, זיינע העלדן אַרויסצו־פירן פון דעם אָפּגעשלאָסענעם כּישוף־קרייז — פון דעם ענגסטן לעבנס־סוביעקטיוויזם — צו אַ ברייטערער, פרייערער און זעלבסט־שטענדיקערער אַקטיוויטעט פון לעבן. שלום־עליכם האָט אַפילו איינגעזען, אַז דאָס וואָרסטע פּסיכישע אָפּבילד פון זיינע העלדן געלינגט אים גראָד, בעת ער גיט זיי אינם צושטאַנד פון טרוי־מען, האַלוצינאַציעס און פאַרשידענע סוביעקטיווע לעבנס־פאַר־שטעלונגען. דאָך, האָט ער זיך אין זיין שאַפן כּסדר באַמיט ענדלעך אַמאָל אויפצוּוועקן אָט־אָ די הילפלאָזע טרוימערישע דאָן־קישאָטן; צו ווייזן זיי דאָס לעבן אַזוי ווי עס איז אין דערווירקלעכקייט; אין אַ רעאַלער ניכטערער און אָביעקטיווער לעבנס־ווירקלעכקייט זיי אַוועקצושטעלן ווי מענטשן צווישן מענטשן. זאָלן זיי אָ ב י ע ק ט י וו אָנטיילנעמען אין לעבן און אָביעקטיוו דע־רויף רעאַגירן! שלום־עליכם האָט כּסדר געגאַרט אָנצוקוקן זיינע פאַרשוינען ווי זיי וועלן זיך באַנעמען ווי רעאַלע לעבעדיקע מענטשן אין רעאַלן לעבן.

ווי אַזוי טוט עס שלום־עליכם?

אַוועקשטעלן די קאַסריליקעס אין זייער אייגענער רעאַ־ליטעט? נו, שטייען זיי דאָך כּסדר אין אָט־אָ דער רעאַליטעט זייערער. פונדעסטוועגן קאָנען זיי נישט האָבן צו דערדאָזיקער קאַסרילעווקער רעאַליטעט קיין רעאַלע באַציִונג. אויפן באָדן פון זייער אייגענער רעאַליטעט שטעלן זיי אַנידער — די קאַסרילי־

קעס — יענע האַלז־בּרעכערישע לייטערס, אויף וועלכע זיי קלע־טערן ווילד אַרויף צו אַלע לבנות.

שלום־עליכם האָט דעריבּער געפּרוּווט אַוועקצושטעלן זיינע העלדן אויף אַזעלכע פּונקטן פונם רעאַלן לעבן, אַווּ דאָס רעאַ־לע לעבן גופא הייבּט־אָן דערשיטערט צו ווערן פון אינערלעכע ווידערשפּרוכן. ד. ה., אין די צייט־פּונקטן פון רעוואָלוציאָנערע תקופות. אַ יעדע רעוואָלוציאָנערע לעבנס־פּאַזע באַהויכט די גראָ־עסטע ווירקלעכקייט מיט טרוימהאַפטיקייט און פאַנטאַזיע. אין דער רעוואָלוציאָנערער לופט שפּרייט דער מענטשלעכער ווילן פונאַנדער אַ פּאָר גילדערנע פליגל איבּער אַלע ממשותדיקייטן. שלום־עליכם איז דאָ איינגעגאַנגען אויף אַ פּסיכישער פּשרה; דאָס רעאַלע לעבן אויפן שייד־וועג פון צוקונפטס־אידעאַלן וועט אפשר גיכער געפינען דעם וועג צו דער סוביעקטיווער וועלט פון די שלום־עליכמישע פּאַרשוינען.

וויל מען גענעטיש אונטערזוכן שלום־עליכמס ווערק, קאָן מען לייכט זען, אַז דאָס טיפּיש שלום־עליכמישע — דער מנחם־מענדלשער וועלט־קוק פון זיינע העלדן, דער סוביעקטיווער אָפּ־קער פון דער אָביעקטיווער רעאַליטעט — איז ערשט אַ שפּעטע־רע פּאַזע אין שלום־עליכמס שאַפן. שלום־עליכם האָט זיך ערשט געמוזט קינסטלעריש איבּערציייגן, אַז אין די רעאַלע מאָטיוון פון לעבן לאָזט זיך מיט זיינע העלדן גאָרנישט מאַכן; אַז אינם ר ע אַ ל ן ווייזן זיי נישט אַרויס קיין שום כאַראַקטער־אַקטיווי־טעט. נאָר אַזאַ אימפּולסיווע קינסטלערישע נאַטור ווי שלום־עליכם, איז ענדלעך אימשטאַנד־געווען צו מאַכן פון דער אומבאַ־האָלפענער נויט אַ שאַפערישע טוגנט. אויבּ זיינע העלדן זענען אומפעיִק צום לעבן, דאַן וועט שלום־עליכם פאַר זיי אויסבויען דעם ספּעציעלן רוים און די ספּעציעלע אַטמאָספערע, ווו זייער פּסיכיק זאָל יאָ קאָנען ווערן אַקטיוו און פול אַנטוויקלען אירע אייגנשאַפטן. אין יענעם ספּעציעל־קאָנסטרויִרטן רוים וועלן זיינע לעבנס־שוואַכע העלדן גאָר געשטאַלטלעך אויסוואַקסן. פון דער אינפאַנטילער נאַיִוויטעט און פון דער וועלט־בלינדער כאַראַקטער־לאָזיקייט האָט זיך שלום־עליכם פאַרנומען צו געשטאַלטיקן אַ טיפּע

לעבנס־אינטויִציע און אַן אַקטיוון היסטאָרישן כאַראַקטער. ס'איז געווען אַ שווערער און מיזאַמער וועג. אַ וועג פול מיט שווערע פערזענלעכע אַנטוישונגען. וואָס שייך אַפילו דעם אייגענעם קינסטלערישן קענען. עס האָט גאַנץ לאַנג געדויערט, ביז שלום־עליכם האָט ענדלעך באַגריפן, אַוווּ עס איז גרויס זיין כוח. אין דער ערשטער תקופה פון זיין שאַפן איז נאָך שלום־עליכם זייער ווייט פון זיין אייגנטלעכן שריפטשטעלערישן מהות. אין יענער ערשטלינגס־תקופה איז ממש נישט פאַראַן קיין שום שפּורן פון די שפּעטערע שלום־עליכמישע עלעמענטן. אין זיינע יוגנט־ראָמאַנען, ווי „טייבעלע" און „קינדער־יאָרן", געהער נאָך שלום־עליכם צו דער משפּחה פון שמ"ר און דינעזאָן. ער שרייבט אין דעם סענטימענטאַלן נאַיִוון שניט פון ביליקן אומבאַהאָלפע־נעם מאָראַל־רעאַליזם. אַזוי ווי שלום־עליכמס שפּראַך איז נאָר דער אויסדרוק פון דער פּסיכישער קאָנסטרוקציע פון זיינע כאַ־ראַקטערן, דעריבער איז אויך אין דידאַקטיקע יוגנט־ווערק נישטאָ קיין צייכן פון דער שפּעטערער וווּנדערלעכער שלום־עליכמישער שפּראַך:

„טייבעלע..." „אַך! מאָריץ... האָט זי זיך אויפגעכאַפּט און אין איין אויגנבליק איז זי שוין געשטאַנען אויף די פיס. ווי אַזוי דאָס איז געוואָרן געדענקען זיי נישט, נאָר מאָריץ האָט געהאַלטן טיי־בעלען אין זיינע אָרעמס און האָט איר ווי פאַרטומלט געזאָגט: „טייערע, טייערע טייערע: איך האָב דיר שוין לאַנג געוואָלט זאָגן, נאָר איך האָב מורא געהאַט פאַר דיינע שוואַרצע בייזע אויגן!..." און מיט די ווערטער האָט ער צוגעדעקט (?) מיט זיינע היי־סע קושן אירע אויגן, די ברעמען, דעם קאָפּ, די הענט... טייבע־לע האָט זיך נישט געפּרוּווט אויסרייסן פון זיינע הענט; זי האָט נאָר געזאָגט: שוין לאַנג, טייערער מאָריץ?... זאָג: שוין לאַנג, שוין לאַנג?" אָדער גאָר: „ראָזעס קאָפּ ליגט ביי באָריסן אויף די פּלייצעס (?), זייערע אויגן באַגעגענען זיך (ווי אַזוי? ט.), זייערע ליפּן גיסן זיך צונויף און דער פּליעסק פון די וועסלעס קלאַפּט צו צום טאַקט פון זייערע הייסע קושן".

אין אַזאַ מין ביליקן מזמור איז אויף אַ האָר נישט צו דער־

קענען שלום־עליכמען. ווו שלום־עליכם איז נישט בײ זיך אין דער היים, דאָרט איז ער אַ סך װײניקער װי מיטלמעסיק. אויך זיין שפּראַך פאַרלירט אַלע אירע אינערלעכע עלעמענטן. זי קלינגט פרעמד און הילצערן, פאַרזיסלעכט מיט ביליקן שאַבלאָן.

אין יענע אומבאַהאָלפענע יוגנט־װערק טרעפן מיר יאָ אַ געוויסע טענדענץ. במשך זיין גאַנץ שרייבעריש לעבן האָט שלום־עליכם כסדר געפּרוּווט דידאַקטישע טענדענץ אויסצונוצן ווי דעם איינציקן אַטריבוט, וואָס זאָל אימשטאַנד־זיין צוזאַמענצוקניפּן די אָביעקטיווע רעאַליטעט פון לעבן מיט דעם האַרטנעקיקן סוביעק־טיוויזם פון זיינע העלדן. כ׳מיין שלום־עליכמס געזעלשאַפטלעך־רעוואָלוציאָנערע טענדענצן.

געזעלשאַפטלעך־רעוואָלוציאָנערע טענדענצן? עס זאָגט זיך נאָר אַזוי. אין די יוגנט־װערק זעען מיר זיי אַפילו אַלס גאַנץ נאַיִווע פאָרמען פון השכלה־קאַמף. די באַגריפן וועגן רייך און אָרים, סאָציאַלע גערעכטיקייט און סאָציאַלע אומגערעכטיקייט שטייען דאָ נישט אויף קיין העכערן ניוואָ, ווי ביי יעקב דינעזאָן. דער אָרימער לערער פעלדמאַן איז דער סימבאָל פון גוטסקייט און פון בילדונג. אין אים פאַרליבט זיך טייבעלע מיט הימ־לישער ליבע. מאָריץ, דער רייכער בן־יחיד — דעם לערערס תלמיד — בענקט צו השכלה און וויל דווקא חתונה־האָבן פאַר אַן אָרים מיידל. דער ליבער באַקאַנטער נוסח פון מאָראַליזירנ־דיקן שונד. אַלע פאַנאַטיקער און אַלע נגידים זענען שלעכט. די געבילדעטע און די ליידנדיקע זענען פרום און גוט, מלאכים פון הימל: די עמבריאָנען פון די שפּעטערע קלאַסישע פיגורן שלום־עליכמס — די קאַסריליקעס און די מנחם־מענדלס — זעט מען נאָך דאָ קוים אַרויס. זיי שפּילן אין דידאַקטישע בלאַסע מאָראַלי־זירנדיקע טענדענץ־ראָמאַנען אַ דריט־ראַנגיקע ראָל. שלעפּן זיך נאָך ווי רעקוויזיטן און דעקאָרירן בלויז דעם פינצטערן הינטערגרונט, אויף וועלכן עס באַדאַרפן זיך אַרויסצוהייבן די ליכטיקע און הימלישע העלדן. ווער עס האָט נאָר געלייענט דעם פּאָפּולערן שלום־עליכמ־דיקן שלום־עליכם, דער וועט קוים גלויבן, אַז אַזעלכע ווערק און אַזאַ נישט שלום־עליכמדיק לשון האָט שלום־עליכם ווען־עס־איז געשריבן.

דער ראָמאַן „סענדער בלאַנק״ איז אויסערגעוויינלעך שלעכט קאָנסטרויִרט. טענדענץ: זיטן־ראָמאַן. דער גבירישער טאַטע ליגט מסוכן־קראַנק און די „שיינע״ קינדער קומען באַצייטנס נאָך דער ירושה. דער ניוואָ פון דער זיטלעכער טענדענץ, וואָס ווערט אין דעמדאָזיקן ראָמאַן פּראָפּאַגירט שטייט אויף דער סאַמע באַנאַל־בירגערלעכער הייך. די „סטיקראַטישע״ הויפּט־העלדן*), די מאַרקוסעס מיט די סאָניעס זענען שמ״ריש. די נאַטור־שילדערונגען, וואָס מאַכן „מאָראַלישע שטימונג״ פאַר דעם שלעכטן און באַנאַלן שפּיל, זענען פול מיט ביליקער זיסלעכקייט. דער שפּראַך פעלן די שלום־עליכמישע פיינקייטן. זי איז נאָך אַ היפּשער „זשאַרגאָן״, פול מיט ווילדע רוסיציזמען. דאָ־און־דאָרט צווישן די נעבן־פיגורן שיילן זיך שוין פונדעסטוועגן אַרויס עכטע שלום־עליכמישע פּאַרשוינען. געוויס פעלט זיי נאָך זייער שפּעטערע כאַראַקטער־פּאַרטיפונג. זייער כאַראַקטער איז נאָך נישט שיקזאַל־האַפטיק. די כאַראַקטער־צייכנונג איז שאַרזשירט. די כאַראַקטער־באַוועגונגען קיצלדיק. אָבער אין די נעבן־פיגורן פון „סענדער בלאַנק״ האָבן מיר שוין דעם שלום־עליכמישן שאַפונגס־מאַניער. דעם שלום־עליכמישן אופן פון פערזאָנען־בוי. צוזאַמען מיט די שלום־עליכמישע פיגורן ווערט דאָ אויך געבוירן די עכטע, די

---

*) „בכן, איז געווען איין אויסגעצייכנטע, אַ זעלטענע זומער־נאַכט: אויפן הימל איז אַרומגעשווומען די שיינע לבנה, און האָט מיט איר בלאַס געזיכט אַראָפּגעקוקט אויף דער ערד, צו זיין אַן עדות אויף די אַלע נידעריקייטן, וואָס ווערן אָפּגעטון צווישן די זינדיקע מענטשן. די שטערן זענען געווען, ווי בריליאַנטן, אויסגעשאָטן אויף דעם ריינעם בלויען הימל, און אַ שרעקלעך שטילשווייגעניש האָט געטון הערשן אויף דער ערד, גלייך ווי די גאַנצע נאַטור מיט אַלע אירע באַשעפעניש זענען אַנטשלאָפן געוואָרן מיט אַ זיסן, אַ שרעקלעכן שלאָף. גלייך ווי אַלץ איז אויסגעשטאָרבן אויף דער ערד. מע האָט נישט געהערט קיין קול פון קיין מענטשן, קיין געזאַנג פון קיין פויגל, קיין בילן פון קיין הונט, קיין שאָרך פון קיין גרעזעלע, קיין באַוועגונג פון קיין צווייגעלע. אַלץ איז געשלאָפן מיטן טייערן, מיטן זיסן שלאָף אין דער שיינער שטאָט .N, ווו עס קומטפאָר אונזער פיינע געשיכטע״.

שאַפערישע שלום־עליכמישע שפּראַך. אין „סענדער בלאַנק" איז
פאַראַן אַ דואַליזם צווישן באַנאַלע און לויט באַנאַלע מוסטערן
אַרויסגעאַרבעטע פיגורן, און פיגורן, וואָס הייבן שוין אָן צו פאַר־
קערפּערן דאָס שלום־עליכמישע וועלט־געפיל. אָט־אָ דער דואַליזם
הערשט אויך אין באַצוג צו דער שפּראַך. אויסערלעכער שפּראַך־
שאַבלאָן. אינערלעך־אויפבויענדיקער שפּראַך־עלעמענט.

אַ ווייטערע אַנטוויקלונג אין שלום־עליכמס יוגנט־שאַפונג
איז „דער גט".

אויך דאָ איז די טענדענץ אַ השכלהשע. קאַמף פון אַ פאַ־
נאַטישער שוויגער מיט אַן „אויפגעקלערטן" איידעם. עס איז אַ
נאַיִוו אויפקלערנדיק פאָלקס־שטיק. הגם נאָך אין זייער אַ שוואַ־
כער פאָטענץ — אָבער שלום־עליכם טרעט דאָ אויף פיל זעלבסט־
שטענדיקער ווי אין „סענדער בלאַנק". אין דעמדאָזיקן נישט־
רייפן לעבנס־שטיק פון דער השכלה־צייט שפּילן שוין די ער־
שטע ראָלן עמבריאָנען פון עכטע שלום־עליכמישע פיגורן. איבער־
הויפּט דער עלטערער „פאַנאַטישער" דור איז שוין שלום־
עליכמיש.

## II

אין זיין קינסטלערישן סוביעקטיוויזם איז שלום־עליכם טאַקע אויסערגעוויינלעך אָריגינעל, אויסערגעוויינלעך אייגן און ביז גאָר זעלבסטשטענדיק. זיינע אָביעקטיווע באַציִונגען אָבער צו געזעלשאַפט און וועלט זענען אויף אַ האָר נישט זעלבסטשטענדיקע. ווען זיין קינסטלערישער כאַראַקטער איז שאַפעריש, דאַן איז שלום־עליכם פעסט אין זיינע עלעמענטן, האָט ער זיין אייגענעם סטיל און איז כמעט ווי נישט עמפינדלעך אויף אויסערלעכע קינסטלערישע איינפלוסן. שלום־עליכם אַליין רעדט זיך אַפילו איין, אַז ער איז קינסטלעריש באַאיינפלוסט פון מענדעלע מוכר־ספרים, און אַז ער איז נישט מער ווי מענדעלעס אַן „אייניקל". ווי פאַלש! איך פערזענלעך גלייב נישט אין דער אויפריכטיקייט פון דערדאָזיקער איינרעדעניש. ס'איז פיל מער אַ חנדלען זיך מיט כלומרשטער באַשיידנקייט. ניין, שלום־עליכם איז בשום־אופן נישט באַאיינפלוסט פון מענדעלע מוכר־ספרים. אין זיינע געזעלשאַפטלעכע, עטישע און סאָציאַלע אָנשויונגען שטייט שלום־עליכם פולשטענדיק אונטערן איינפלוס פון דער צייטמעסיקייט, פון דער סביבה, יאָ, אונטער דער השפעה פון דער טאָגטעגלעכער מאָדע. שלום־עליכם שאַפט קינסטלעריש ווי דער אָריגינעלסטער מענטש. שלום־עליכם דענקט געזעלשאַפטלעך ווי דער מיטלמעסיקסטער קליינבירגער.

דאָסדאָזיקע קריטיקלאָזע קינדישע באַאיינפלוסט־ווערן פון יעדן „שמאַרקן" וואָרט און פון יעדער געזעלשאַפטלעכער, צי מאָראַליש־געזעלשאַפטלעכער אידעע, וואָס איז גראָד געווען אין דער מאָדע, — עס שטאַמט זיכער דערפון, וואָס אין דידאָזיקע

ענינים האָט זיך שלום־עליכם אַזוי נאַיִוו־קליינבירגערלעך אָר־יענטירט. לאָמיר נישט פאַרגעסן: עס שטאַמט אויך אין אַ גרוי־סער מאָס פון זיין אומפאַרבעסערלעכער סוביעקטיווער פסיכיק. יע־דער סוביעקטיוויסט, ווי רייף און קלאָר ער זאָל זיך נישט זיין לגבי דעם סוביעקטיוון וועלט־געשעען אין זיך, איז ער אָבער נאַיִוו ביז גאָר לגבי דעם אָביעקטיוון געשעען אין דער אָביעקטי־ווער וועלט. דעם פאַרשטאָקטן סוביעקטיוויסט גלויבט זיך עפּעס שווער, אַז אין דער אָביעקטיווער וועלט געשיט אויך אַלץ בײ־טער־ערנסט. אין דערדאָזיקער הינזיכט איז דער פערזענלעכער שלום־עליכם פולקום גלייך צו זיינע העלדן. די פּערסאָנאַזשן, יאָ, אַפילו די געשעענישן און סיטואַציעס אין די ווערק פון ווירק־לעכע קינסטלער, — זיי זענען נאָר די נשמה־אייגנשאַפטן פונם קינסטלער און זיי דערציילן בלויז פון זיינע זעעלישע אָבענטויערן. דאָסזעלביקע איז אויך ביי שלום־עליכמען.

מיט אויסערגעוויינלעך קינדישער לייכטקייט ווערט שלום־עליכם באַאיינפלוסט פון די סאָציאַלע און פּאָליטישע שטרעמונ־גען, וואָס האָבן גראָד נעכטן צי היינט געהערשט אויף דער יידישער גאַס. ער איז משכּיל, ציוניסט, סאָציאַליסט, אַנטוישטער אין סאָציאַליזם, דעמאָקראַט, יידישיסט און העברעיִסט. ער שרייבט באַזונדערע ווערק, ווו ער פירט זיינע מנחם־מענדלס בפירוש אַרויס אָנטיילצונעמען אין דידאָזיקע סאָציאַל־פּאָליטישע שטרע־מונגען. דערמיט וויל ער מכּלומרשט אַדורכרייסן דעם ענגן כּישוף־קרייז פון זייער בלינדן סוביעקטיוויזם. שלום־עליכם וויל דידאָזיקע גרויסע קינדער צוגעוויינען צום לעבן! אַן אָרגאַנישער סוביעקטיוויזם וויל זיך דאָ אַרויסבאַקומען פון זיין ווילן־טרוימע־רישקייט צו אָביעקטיווער וועלט־טאַט. איך בין זיכער, וואָלט שלום־עליכם אַליין געווען אַ מענטש מיט מער אינטעלעקטועלע־רע וועלט־אָנשויונגען, דאַן קאָנען גריילעך פון אַזעלכע בונטאַ־רישע מאָטיוון געשאַפן־ווערן די באַדייטנדיקסטע פסיכישע פּראָב־לעמען. פסיכישער זיג, צי פסיכישער צוזאַמענבראָך — דאָס איז שוין אָפּהענגיק פון דער זיך־אויפבויענדיקער דראַמאַטישער באַ־וועגונג און פונם טראַגישן געראַנגל. מחוץ פון זיין אייגענעם

שאַפערישן סוביעקטיוויזם איז שלום־עליכם אָבער געווען דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענט, פּראָווינציאַל־נאַיִו, אָן שום טי־פערן אַריינבליק אין די פּראָבלעמען פונם אָביעקטיוון לעבן. אין די אַבסטראַקטע תּחומים פון זייערע פּסיכישע „ווונטשן" זענען שלום־עליכמס העלדן גאַנץ האָפערדיקע דאָן־קישאָטן. מחוץ די־דאָזיקע „ווונטשן" זענען זיי הונדערט־פּראָצענטיקע לעמעשקעס. זייערע סוביעקטיווע ווונטשן קאָן מען בשום־אופן נישט ברענגען צום טראַגישן צוזאַמענשטויס מיט די אָביעקטיווע ווונטשן פון דער אָביעקטיווער וועלט. צום טראַגישן קאָנפליקט געהער די גײסטיקע פּראָפּאָרציע צווישן די טראַגישע כּוחות. צום קאָנ־פליקט געהער דער קאָנטאַקט. ביי שלום־עליכמס מענטשן איז דאָ אַ פולשטענדיקע גײסטיקע דיספּראָפּאָרציע צווישן די באַווע־גונגען פון זייער סוביעקטיווער פּסיכיק און די באַוועגונגען פון די פּראָבלעמען פון דער אָביעקטיווער מענטשלעכער געזעלשאַפט. זייער פּסיכיק קאָן נישט געפינען דעם קאָנטאַקט מיטן אָביעקטיוון סאָציאַלן לעבן.

III

אין דער פאַמיליע־דראַמע „צעזייט און צעשפּרייט” (שלום־עליכם באַצייכנט זי אַלס „בילדער פון יידישן לעבן”) זעען מיר, ווי דער פלוס פונם אָביעקטיוון לעבן הייבט זיך ענדלעך אָן אַריינצורייסן אין דעם פאַסיוון און סוביעקטיוון קאַסרילעווקע. די וואַרעמע אָפּגעשלאָסענע נעסט פון די קליינבירגערלעכע יידישע לעבנס־טרוימער ווערט צעשטערט דורך דער האַנט פונם לעבן. דאָס לעבן רופט זיי אַרויס פון זייערע הינער־פּלעט — צום לעבן! די אומרויִקע סאָציאַלע שטרעמונגען אַרום קאַסרילעווקע האָבן נישט געקאָנט רויִק לאָזן דאָס אידילישע אין־זיך־איינגעשלאָסענע מנחם־מענדלשע לעבן. צו־שטאַרק איז געווען דער רוף פון דער גייער תקופה. מנחם־מענדל האָט עס געמוזט דערהערן.

סיי דער אינטערנאַציאָנאַלער קאַפּיטאַליזם, סיי זיין רע־וואָלוציאָנערע אַנטיטעזע — דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם— האָבן נישט געקאָנט ווייטער סובל־זיין און טאָלערירן אין זייער מיט די אָאַזע קאַסרילעווקע. אין דער גרויסער היסטאָרישער ווערטן־איבערשאַצונג פונם לעצטן יאָרהונדערט, האָט אויך קאַס־רילעווקע געמוזט אַריינפאַלן אינם היסטאָרישן שמעלץ־טאָפּ. עס איז געקומען צו דעם אַנטשיידנדיקן גייסטיקן איבערברוך אינם יידישן דור.

דער ערשטער קרבן פאַלט די יידישע בירגערלעכע פאַמיל־יע. זי ווערט „צעזייט און צעשפּרייט” פון די נייע צייט־ווינטן. אינם יידישן (מנחם־מענדלשן) הויז ברענגט די יוגנט אַריין די אַקטיווסטע פּראָבלעמען פון דער מאָדערנער מענטשהייט. דעם אַלטן יידישן דור איז אָרגאַניש פרעמד יעדע ווירקלעכע לעבנס־

טאַט. אויך אין דער קאַסרילעווקער לעבנס־טרוימערישקייט איז סוף־כל־סוף רייף־געוואָרן די אַנטיטעזע און דער ווידערשפּרוך. די קינדער פון אָט דעם אַלטן קאַסרילעווקער דור ווילן מיט דעם פולסטן טאַט־אימפּעט אָנטיילנעמען אין אַלע רעאַלע פּראָבלעמען פון דער לעבנס־ווירקלעכקייט. געננוג צו טרוימען וועגן לעבן. רעאַל לעבן — דאָס איז דאָס געבאָט פון דער נייער יידישער שעה.

מיט אַ שווערן האַמער הייבט דאָס לעבן אָן צו קלאַפּן ביי דער פאַרריגלטער טיר פון דער אידילישער יידישער פאַמיליע. די אַלטע טיר מוז זיך עפענען. אין דער שטילער שלום־עליכמי־שער וועלט הייבט־אָן אויפצופלאַקערן דער טראַגישער קאַמף פון די דורות.

מאיר שאַלאַנט — נוסח אויפגעקומען־„אַריסטאָקראַטיש", צי (טשאָלענט) — נוסח קאַסרילעווקע — איז פון באַקאַנטן שלום־עליכמישן דור. קאַסרילעווקער „אויפגעקומענע" נגידים. מיר גע־פינען זיי אַ פולע אין שלום־עליכמס גאַלעריע. אין פערסאָנאַזשן־צעטל הייסט ער: „אַ ייד אַ סוחר, אַן אויפגעקומענער גביר, אַ פּראָסטער חי־וקים, שניידט זיך אויף אַן אַריסטאָקראַט". ווען דער פאָרהאַנג גייט־אויף זעען מיר ווי: „ביי אַ גרויסן רייך־געדעקטן טיש זיצט מאיר שאַלאַנט אין אַ כאַלאַט פאַרטיפט אין חשבונות. מלכה (זיין ווייב) איז באַשעפטיקט ביים סאַמאָוואַר, טראָגט־אונ־טער איטלעכן טיי. פלאָראַ (טאָכטער), אַן אָפּגעפּודערטע, זיצט אין אַ וויגשטול, וויגט זיך און זינגט שטילערהייט. הנה, (טאָכטער) פאַר־טיפט אין אַ ביכל לייענט, מאַטוויי (זון) אַ צעקאָשמעטער (?) פייפט־אונטער שטילערהייט". אַזוי „שניידט מען זיך" ביי שלום־עליכמען אויף „אַריסטאָקראַטיע"! די משפחה פון מאיר שאַלאַנט דערמאָנט אָן אַ סך פון די יעהופּעצער נגידישע משפחות, וואָס זיצן אין בויבעריק אויף דאַטשע, קויפן מילכיקס ביי טביהן, און זייערע זינדלעך ווילן אויסכאַפּן ביי טביהן די טעכטער. ווו עס ווערט מיט דער פולער טיפקייט באַטאָנט דאָס אָפּגעשלאָסענע שלום־עליכמישע דור, — צ. ב., אין טביהס מעשיות, צי אין די מנחם־מענדלשע בריוו — דאָרט זעען מיר דידאָזיקע „אַריסטאָקראַטישע" משפחות אין הינטערגרונט. זיי ווערן אויסגענוצט על־פּי רוב אַלס

דער קאָמישער רעקוויזיט. אין דעם גענעזיס פון טביהס פאַמיליע־טראַגעדיע זענען זיי די צווייט־ראַנגיקע מאָטיוון. אין „צעזייט און צעשפרייט", גראָד דורך זייערע „אַריסטאָקראַטיש־אויפקומערישע" טענדענצן רוקט זיי שלום־עליכם אַרויס אויפן פאָדערגרונט. אין די משפחות, וואָס שטייען מחמת זייער „אויפקומערישקייט" נענטער צו די גרענעצן פון קאַסרילעווקע, — אין זיי לאָזט ער געשען דעם ערשטן אָנגריף פון דער נייער צייט.

מאיר שאַלאַנט איז דער Pater Familias פון דער יידישער פאַמיליע, ווו עס באַדאַרף זיך פאַנאַנדערשפּילן דער דראַמאַטישער פאַרמעסט. אין דעם ערשטן אַקט האָט ער נאָך נישט די מינדסטע אַנונג פון דעם שיקזאַל, וואָס קלאַפּט ביי זיין טיר. מאיר שאַלאַנט, ווי אַן איינגעפונדעוועטער בירגערלעכער ייד זיצט ביי זיין טיש פאַרטיפט אין חשבונות. סצענע: מען דערלאַנגט טיי פאַר דער משפחה. מאיר שאַלאַנט קוקט זיך אַרום. נישטאָ עטלעכע פון זיינע זין. באַלד דערוויסט ער זיך, אַז די זין זיינע זענען אַ גאַנצע נאַכט נישט געווען אין דער היים.

מיר הערן פאָלגנדיקן דיאַלאָג:

„מאיר (צו מלכהן זיין ווייב): וואָס הייסט דאָס? ווו איז מען דאָס געווען? וואַהין גייט מען דאָס אַרום גאַנצע נעכט? וואָס פאַראַ אַרומגייעכטסן ביינאַכט?

מלכה: ווייס איך וואָס — קינדער פלאַפּלען!

מאַטוויי: מאַמאַשע! וואָס דאַרפסטו זיי צו פאַרענטפערן? זיי זענען געווען אויף אַ „זאַסיעדאַניע".

מאיר: וואָס פאַר זאַסיעדאַניעס גאָר?

פלאָראַ: שפּילסט זיך מיט זיי? יענע קערן וועלטן!".

ס'קומען באַלד אָן די צוויי זין. חיים (ציוניסט), וואַלאָדי (סאָציאַליסט). איטלעכער פון די ביידע זין זאָגט ביי דער ערשטער אָנרעגונג גלייך אָפּ זיין „אידעיִשן פסוק", כדי מיר זאָלן באַלד וויסן מיט וועמען מיר האָבן צו טון.

צווייטע סצענע. דאָ וויל שלום־עליכם אויסשיסן דעם „דראַמאַטישן" פולווער:

„מאיר (שטייט אויף פון טיש): ווער וועט מיר אָנשרייבן

עפּעס אַ רעכטן בריוו צום פּריץ, צום גראַף מיין איך ? ער שרייבט מיר, דער גראַף, אַז מע דינגט ביי אים וואַלד, מע גיט אים, זאָגט ער, אַן אייזערנעם פּרייז... עס ציט אים שוין אַהין קיין „מאָנטע קאַרעל״, ציט עס אים ; אַ קערטעלע... איך וועל נישט דערלאָזן, מע זאָל האַקן דעם וואַלד... מע באַדאַרף אים אָוועקשרייבן אַזאַ בריוול, ס'זאָל אים נעמען !... נו, קינדער ! ווער שרייבט ?

מאיר (דיקטירט) : „ראשית חכמה קום איך דיר יאַסנאָ־וויעלמאָזשנע פּאַן כראַביע צו מעלדן... ניין ! ערנידעריקסט צו מעלדן מיין איבערגעבנקייט... ניין ! מיין אַלערטיפסטע איבער־געבנקייט... און געטריישאַפט... ניין ! מיין שטענדיקע געטריישאַפט צו דיר, יאַסנאָ־וויעלמאָזשנע פּאַן כראַביע, און צו דיין הויז־געזונט... ניין ! צו דיין יאַסנע וויעלמאָזשנע הויז־געזונט...

חיים (ציוניסט, הויך) : איך פאַרשטיי נישט, צו וואָס זאָל אַ ייד זיך מאַכן אַזוי נידעריק פאַר אַ פּריץ ?

וואַלאָדי (סאָציאַליסט) : וואָס עפּעס אַ ייד ? און גלאַט אַ מענטש פאַר אַ מענטשן ?

מאיר (אויפגעהויבן דעם קאָפּ) : האַ ? שרייבן קאָן איך נישט — מע האָט מיך נישט געלערנט. נאָר וואָס און ווי אַזוי צו שרייבן צו אַ פּריץ — דאָס באַדאַרף איך מיך ביי אייך נישט לערנען. צי מיינט איר טאַקע, אַז ווייבאַלד איך קאָן נישט קיין געאָגראַפיע (?), אַזוי בין איך שוין גאָר אַ בהמה און פאַרשטיי שוין גאָר נישט ?

חיים : ווער זאָגט דען ? מע שמועסט נאָר פון דעם, לׂמאי זאָל אַ ייד אַזוי אָנבויגן דעם קאָפּ פאַר אַ פּריץ היינטיקע צייטן ?

וואַלאָדי : וואָס עפּעס אַ ייד ? יעדער מענטש באַ־דאַרף זיך האַלטן מענטשנגלייך. אַ מענטש באַדאַרף קודם־כּל אַכטן זיך אַליין, אַליין קוקן אויף זיך ווי אויף אַ מענטשן.

מאיר : גוט גוט, דער גראַף קאָן מיך ברוך־השם, נישט דאָס ערשטע יאָר, און כאָטש איך האָב אין די „גימנאַזיעס״ נישט געלערנט, ווערט ער פונדעסטוועגן אָוועקגעבן פאַר מיר דריי הונ־דערט פאָר פיינע בריות אַזעלכע ווי איר, וואָרים ער ווייסט, פאַר־

שטייט איר מיך, אַז איך בין אים געטריי און איבערגעגעבן ווי אַ הונט...

חיים און וואַלאַדי (ביידע מיט אַ מאָל): אָט־אָט, אָט דאָס מיינט מען טאַקע! אָט דאָס וואָרט „הונט״ איז איבעריק.

מאיר (אויפגערעגט): ווילט איר מיך לערנען שכל, הייסט עס? די נאָז שנייצט אויס, יונגע צוציקעס, וואָס איר זייט! (שרייט אַלע מאָל העכער) וואָס פאַר אַ העזה האָט איר גאָר אַזוי צו רעדן מיט אַ טאַטן?

מלכה (מאירס ווייב, לויפט אונטער מיט אימפעט): אָבער גענוג! לאָז זיין שטיל, אין גאָטעס ווילן, מאיר! (שיקט אַרויס חיימען מיט וואַלאַדיען).

(זעקסטע סצענע)

מאיר (שפּאַנט אַרום איבערן שטוב): נו אַ שטוב! נו קינדער!

מלכה: דיין שטוב, דיינע קינדער...

מאיר: און דו וואָלסט בעסער שווייגן.

מלכה: שווייגן? איך האָב שוין גענוג געשוויגן. איר לאָזט מיך דען אויסרעדן אַ וואָרט? און ווער איז שולדיק, אַז נישט אָט די שטאָט, מיט דער שטוב, מיט דעם נייעם שניט... איך זאָל האָבן די טויזנטער וואָס ס'איז געווען בעסער דעמאָלט אָן געלט, ווי אַצינד מיט געלט... נישט געווען קיין געלט, זענען די קינדער געווען קינדער; אַצינד זענען די קינדער קיין קינדער נישט, די מאַמע איז קיין מאַמע נישט. איטלעכער גייט וווהין ער וויל; איינער אין ליסי דער אַנדערער אין סטריסי. משטיינס געזאָגט, צעזייט און צעשפּרייט אויף אַלע זיבן ימים!...״

## IV

מיט אַזעלכע דראַמאַטישע מאָטיוון וויל שלום-עליכם צו-
פירן צו דעם אַנטיטעטישן אויפרייס פון דער מנחם-מענדלשער
לעבנס-אָפּגעשלאָסנקייט. היסטאָרישע פאַרמעסטן. די סאָציאַלע
שטרעמונגען פון דער נייער צייט וועט שוין קאַסרילעווקע נישט
ביישטיין. די סוביעקטיווע שלום-עליכמישע אידיליע פאַלט זיך
פונאַנדער. דאָך! גראָד אין אָט-אָ דעם שיקזאַלפולסטן אַנטשיידונגס-
מאָמענט פאַר זיינע העלדן, ד. ה. אויף דער שוועל צום אַרויס-
גאַנג צו דער וועלט, באַווייזט זיך שלום-עליכם אין היבשער אינ-
טעלעקטועלער אָרימקייט. עס פעלן אים די אָנשויונגען פון וואַכן
וועלט-באַנעם, כדי אַרויסצופירן זיינע העלדן פון זיך אַליין אַרויס.
אויפן ווינציקן באָדן פון קאַסרילעווקע איז שלום-עליכם זיכער
אין זיין קינסטלערישן געפיל. איז ער טיף. איז ער וועלט-טראַ-
גיש. ווו עס לאָזט זיך נאָר אויס קאַסרילעווקע, אַזוי פאַרלירט
ער זיך פולשטענדיק. מחוץ פון דעמדאַזיקן קרייז ווערט שלום-
עליכם פלאַך. אומבאַהאָלפן. ווערט שלום-עליכם באַנאַל און בטלניש.
ווו שלום-עליכם גייט-אַרויס פון זיין אָפּגעשלאָסענעם סוביעקטי-
וויזם צו אָביעקטיווערע וועלט-פלאַכן,—דאָרט גייט ער באַרג-אַראָפּ.

לויט דער דראַמאַטישער קאָנצעפּציע אין „צעזייט און צע-
שפּרייט" באַדאַרף דאָס אָביעקטיווע „דרויסנדיקע" לעבן אַריינצו-
פירן דעם טראַגישן ווידערשפּרוך אינעווייניק אין דער קאַסרי-
לעווקער וועלט. נייע סאָציאַלע כוחות — אָביעקטיווע געזעלשאַפט-
לעכע כוחות — טרעטן-אַריין צום טראַגישן קאַמף מיט דער סוב-
יעקטיווער מנחם-מענדלשער וועלט. ס'איז אַלץ צוגעשפּאַנט צו
דער אַנטשיידונג. אין געשטאַלטיקן, נעמלעך, אָט-אָ די נייע שיק-

י. י. טרונק, שלום-עליכם, 16.

זאַל־כּוחות, וואָס באַדראָען קאַסרילעווקע ווייזט זיך ווידער אַרויס שלום־עליכמס אומבאַהאָלפנקייט. פּונקט ווי מנחם־מענדל קאָן ער אויך נישט אַרויסקוקן פון זיינע קאַסרילעווקער ד׳ אמות. פּונקט ווי מנחם־מענדל באַנעמט שלום־עליכם אינפאַנטיל אַ יעדן כּוח, וואָס ווירקט רעאַל און אָביעקטיוו. אין „צעזייט און צעשפּרייט״ ווירקן נייע געזעלשאַפטלעכע כּוחות אינם געשטאַלט פון סאָציאַלע אידעען. שלום־עליכם אָריענטירט זיך אָבער זייער אויבערפלאַכ־לעך אינם וועזן פון דידאָזיקע געזעלשאַפטלעכע כּוחות. ער באַ־נעמט זיי אַבסאָלוט נישט אין זייער היסטאָרישן כאַראַקטער. דע־ריבער ווירקן זיי ביי שלום־עליכמען אַבסאָלוט נישט שיקזאַל־האַפטיק. די פלאַך־באַנומענע סאָציאַלע כּוחות דערשיינען אין דער דראַמע ווי בלוטלאָזע פראַזן, און עס איז קיין וואונדער נישט וואָס זיי זענען נישט אימשטאַנד אויף דאָס מינדסטע צו מאַכן דראַמאַטישע באַוועגטקייט, אָדער בכלל צו מאַכן די קאָנפליקטן טראַגיש. אין „צעזייט און צעשפּרייט״ זענען די פּערסאָנאַזשן פון אַלטן דור באַקאַנטע שלום־עליכמישע פאַרשוינען, ד. ה., גענו־מענע לעבעדיקע פיגורן פון דער שלום־עליכמישער וועלט. זיי רעקאַפּיטולירן טאַקע בלויז די באַקאַנטע שלום־עליכמישע כאַ־ראַקטערן, אָבער זיי פאַרמאָגן אויך די זעלישע גאַנצקייט, די אַטמאָספערע און דעם פולן לעבנס־טאָן פונם עכטן שלום־עליכמישן מענטש. די אַלטע פּערסאָנאַזשן זענען די איינציקע לעבעדיקע פיגורן אין דעמדאָזיקן אומבאַהאָלפענעם דראַמאַטישן געמעל. די נייע אַנטיטעטישע כאַראַקטערן, וואָס שלום־עליכם פירט־צו צו זיין אַלטן פּערסאָנאַזש, כּדי אַרויסצורופן דעם דראַמאַטישן קאָנ־פליקט, — זיי זענען כּלל נישט קיין כאַראַקטערן. ווייל זיי זענען נישט קיין כאַראַקטערן, ברענגען זיי מיט זיך נישט מיט קיין שום שיקזאַל און קאָנען נישט דערפירן צום קאָנפליקט. קעגן דעם אַלטן קאַסרילעווקער פּערסאָנאַזש — וואָס באַדאַרף אין דער־דאָזיקער פאַמיליע־דראַמע צוגעפירט־ווערן צום טראַגישן צוזאַ־מענבראָך — שטייען־אויף די גוט־באַקאַנטע פראַזן פון פאַרשידע־נע פּאָליטישע בראָשורן, וואָס זענען שלום־עליכמען געקומען אונ־טער דער האַנט אינמיטן דעם ווירוואַר פון די סאָציאַלע געשעע־

נישן אין יידישן לעבן. זיי האָבן שלום־עליכמען איבעראַשט און צעטומלט, — ווי יעדן קליינבירגערלעכן באַלעבעסל. די נייע אי־דעען האָבן שלום־עליכמען אימפּאָנירט. האָבן געריירט זיינע סענ־טימענטן. אָבער ער האָט זיי נישט טיף באַנומען און נישט אָר־גאַניש מיטגעלעבט, כּדי אַדורכגעדרינגען צו ווערן פון זייער כאַ־ראַקטער און שיקזאַל און אַריינצופירן דידאָזיקע אידעען אויפן פאָרום פון זיין קונסט אַלס באַוועגנדיקע געשטאַלטן. די נייע סאָציאַלע כּוחות טרעטן־אויף צווישן די שלום־עליכמישע פאַר־שוינען מיט דערזעלבער אויבערפלאַכלעכער נאַיִוויטעט, ווי זיי האָבן געווירקט פערזענלעך אויף שלום־עליכמס וועלט־אויסבליק, ד. ה., זיי טרעטן־אויף אַלס נישט־דורכגעלעבטע שאַבלאָנען פון מאָדערנע לעבנס־באַוועגונגען, וואָס ווילן דאָ אימפּאָנירן מיט ראַ־דיקאַלע און רעוואָלוציאָנערע זשעסטן. זיי אימפּאָנירן טאַקע דער־מיט אין דער באַלעבעסלדיקער קאַסרילעווקער משפּחה. אָט־אָ די קאַסרילעווקער משפּחה ווערט גריילעך צעטומלט פון די נייע ראַ־דיקאַל־קלינגענדיקע ווערטער, — זי ווערט דאָך נישט טראַגיש באַ־וועגט פון דעם נייעם (אַנטיטעטישן) לעבנס־געפיל. מירליידן בשום־אופן ט ר אַ ג י ש נישט מיט מיט דער טראַגעדיע פון דער־דאָזיקער משפּחה. שלום־עליכם באַמיט זיך אַפילו אויף אַלע אופנים צו אימאַגינירן דעם טראַגישן קאַמף פון זיינע קאַסרי־לעווקער העלדן מיט די נייע וועלט־כּוחות פון וועלכע ער, שלום־עליכם, האָט זיך אָנגעהערט. דידאָזיקע כּוחות האָבן אויפגע־טויכט ווי פרעמדע אַרמייען אויף די האָריזאָנטן פון קאַסרילעווו־קע. זיי האָבן געדראָט. אין „צעזייט און צעשפּרייט" קומען זיי אָבער נישט אַרויס אַלס וואָסער־עס־איז ווירקלעכער טראַגישער כּוח. שלום־עליכם האָט זיי נישט געקאָנט טיפער געשטאַלטיקן, ווייל ער האָט זיי נישט געקאָנט טיפער באַנעמען. אין שלום־עליכמס פאַמיליע־דראַמע פאַרוואַנדלען זיך די רעוואָלוציאָנערע אי־דעען אין פּוסטע ווינט־מילן. שלום־עליכם פירט־אַרויס די קאַס־רילעווקער העלדן צום טראַגישן קאַמף מיט דידאָזיקע ווינט־מילן. די פאָלגנדיקע ציטאַטן וועלן אילוסטרירן די ווירקנדיקע כאַראַקטער־כּוחות. וואָס באַדאַרפן, לויט שלום־עליכמס דראַמאַטי־

שער קאָנצעפּציע, אַנטיטעטיש צו צעשטערן זייַן אייגענע (שלום־עליכמישע) קאַסרילעווקער וועלט:

„ערשטע בלוזקע (צו דער צווייטער בלוזקע, וואָס שפּילט אויפן קלאַוויר): וואָס טוסטו?

צווייטע בלוזקע: איך שפּיל אויפן בורזשואַזנע אינסטרו־מענט."

„ערשטער חבר: אינטערנאַציאָנאַליזם! אינטערנאַציאָנאַליזם! פאַר אַ פאָלק, וואָס האָט אַ טעריטאָריע, זיצט אויף זייַן ערד, איז גרינג צו רעדן פון אינטערנאַציאָנאַליזם. זיך משדך־זייַן מיט אַנ־דערע פעלקער. פאַר אונז יידן איז דאָס אַ שחיטה.

דריטער חבר: אַן אומגליק מיט די ציוניסטן! באַלד זענען זיי דאָ מיט זייער נאַציאָנאַליטעט. מע רעדט פון פאַרייניקן זיך קעגן קאַפּיטאַל, פירן אַ מלחמה מיט דער בורזשואַזיע, קומען זיי צוגיין מיט זייער פאָלקס־געפּיל און מיט זייער גאָט... אַ סך האָט איר געפּועלט מיט אייער נאַציאָנאַליזם? וווהין זענען אַהינגעקו־מען אונזערע גרויסע יידן: שפּינאָזאַ, היינע, בערנע, לאַסאַל, מאַרקס און נאָך כדומה? איר האָט געזאָרגט פאַר אייער נאַציאָנאַלנאָסט (?!) און זיי זענען זיך דערווייל אַוועק צו פרעמדע...

וואַלאָדי: וואָסער פרעמדע? נישטאָ קיין אייגענע! נישטאָ קיין פרעמדע!

פערטער חבר: אַהאַ! קאָסמאָפּאָליטיזם האָט זיך שוין צע־רעדט!"

אויף אַן אַנדער אָרט: „חיים (ציוניסט): „מחויב זענען מיר אַלע. וואָרים מיר אַלע זענען קינדער פונם אָרימען יידישן פאָלק, וואָס לייַדט שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר און וואָס האָט ערשט נישט לאַנג אויפגעוואַכט פונם שווערן מוראדיקן שלאָף, ערשט נישט לאַנג אויפגעעפנט די אויגן און דערזען ווו ער (?) איז אין דער וועלט".

„חיים: „איך האָב דיר שוין געזאָגט, אַז איך קאָן דיר, ליידער, גאָרנישט זאָגן וואָס מיט וואַלאָדין איז געווען (וואַלאָדי דער סאָציאַליסט איז געוואָרן אַרעסטירט. מאיר שאַלאַנט פרעגט חיימען פאַרוואָס מען האָט וואַלאָדין אַרעסטירט — י. י. ט.) וואָרים

איך מיט וואַלאָרין גייען אין פאַרשידענע וועגן.

מאיר: אַזאַ יאָר אויף אַלע מיינע שונאים. איינער בעסער פונם אַנדערן. די עלטערע זענען אַוועק דער שוואַרץ יאָר ווייסט וווהין; האָב איך גערעכענט פון אייך כאָטש אַ שטיקל נחת. צום סוף האָבן זיי זיך גענומען צו פרעמדע עסקים גאָר! געשעפטן!

חיים (מיט פייער): פאַרוואָס עפּעס פרעמדע? ס'איז אייגע־נע, נישט קיין פרעמדע! וועמען שלאָגט מען? אייגענע צי פרעמ־דע? וועמענס ברידער ליידן? אייגענע צי פרעמדע? צי מיינסטו, אַז אַלצדינג, וואָס קומט פאָר אַצינד ביי יידן, מיינט מען דאָס יענעם, נישט דיך?

מאיר (אַרויס פון די כּלים): שטיל זאָל זיין דו, שנעק איי־נער! אָט אַזוי רעדט מען מיט אַ טאַטן? (לאָזט זיך צו אים).״

מיר זעען ווי שלום־עליכם האָט בשום־אופן נישט באַוויזן צו געשטאַלטיקן די נייע סאָציאַלע כּוחות, וואָס האָבן זיך אַריינ־געריסן אין דער יידישער געזעלשאַפט. שלום־עליכם אַליין איז געווען אין זיין וועזן אַ מנחם־מענדלשער קאַסריליק. אים איז צו־פרעמד־געווען דאָס לעבנס־געפיל פון דעם נייעם יידישן מענטש — צו־פרעמד, כּדי ער זאָל פון דעמדאָזיקן לעבנס־געפיל קאָנען אויפ־בויען די נייע יידישע געשטאַלטן און זיי אַריינפירן אַלס אַנטי־טעזעס אין אָט־אָ דער קאַסרילעווקער פאַמיליע־דראַמע. אָנשטאָט נייע מענטשן, פירט ער אַריין פלאַקאַטן, אויף וועלכע עס שטייען אָנגעשריבן די אַלע געזעלשאַפטלעכע און רעוואָלוציאָנערע לאָ־זונגען, וואָס זענען דאַמאָלס געווען אין דער לופט פון דער צייט. פיגורן אַלס פלאַקאַטן זענען נאָך נישט קיין פיגורן אַלס כאַראַק־טערן. נאָר אינם קאַמף פון די כאַראַקטערן אַנטוויקלט זיך — אין דראַמאַטישן געשעען — דער קאַמף פון די שיקזאַלן. אין דער דראַ־מאַטישער האַנדלונג טרעפן מיר אַפילו אָפט — אָנשטאָט מענטשן און געשטאַלטן — אַבסטראַקטע סאָציאַלע, עטישע צי רעליגיעזע כּוחות אין דער פאָרם פון אידעען. דאַן מוזן אויך דידאָזיקע דראַמאַטיש־באַוועגנדיקע אידעען זיין געשטאַלטונגען פון דעם זיך־באַוועגנדיקן לעבנס־געפיל. נאָר אין דער דיאַלעקטיק פון דעם לעבנס־געפיל וויקלט זיך פאַנאַנדער דער קאַמף און די טראַגעדיע

פון שיקאַגאָ. שלום־עליכם האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון דער סוביעקטיווער קאַסרילעווקער תּיבה. אים האָט אומהיימלעך געדראָט דאָס שווערע היסטאָרישע געוויטער, וואָס האָט זיך שוואַרץ געזאַמלט אין דער אַטמאָספּערע פון דער צייט. שלום־עליכם האָט טאַקע געאַנט, אַז אין דעמדאָזיקן שטורעם מוז זיין תּיבה צוזאַמענפאַלן. ער האָט געגלויבט, שלום־עליכם, אַז ער וועט נישט ענדיקן זיין לעבנס־ווערק, די עפּאָפּעע פון דעם סוביעקטיוון יידישן לעבנס־געפיל, ווען ער וועט אין דעמדאָזיקן גראַנדיעזן לעבנס־ווערק זיינעם נישט צוגלייך אַריינפירן די היסטאָרישע עלעמענטן, וואָס וועלן עס דיאַלעקטיש צעשטערן; דאָס אָביעקטיווע רעוואָלוציאָניזירטע יידישע לעבן אַלס דיאַלעקטישער ווידערשפּרוך. י. ל. פּרץ אין דער „גאָלדענער קייט”, ה. ד. נאָמבערג אין דער „משפחה”, דוד בערגלסאָן אין „נאָך אַלעמען” — מיט דער ביטער־אויפריכטיקסטער קאָנסעקווענץ האָבן זיי צוגעפירט די לעצטע יידישע דורות צו אַ לעצטער גרענעץ. צו אַ גרענעץ, ווו אַלצדינג לאָזט זיך אויס פאַר דער יידישער געמיינשאַפטלעכקייט און דער היסטאָריש־יידישער וועג קומט־צו צו אַ גרויסן און טונקעלן פראַגע־צייכן. צי איז דערדאָזיקער פראַגע־צייכן דער לעצטער פונקט פאַרן אָפּגרונט? צי איז ער דער וועגווייזער פאַר ווייטערע וועגן? צי זענען מיר יידן ענדלעך צוגעקומען צום אונטערגאַנג, אָדער מיר זענען גאָר צוגעקומען צום ווידערגעבורט פון אַ קיום־האַפטיקערע און וואָרטפולערע יידישע עקזיסטענץ אין די סאָציאַלע באַדינגונגען פון דער נייער צייט? די יידישע עקזיסטענץ איז געשטעלט־געוואָרן פאַר אַ שווערן עקזאַמען, — און יעדער פון דידאָזיקע שריפטשטעלער האָט גראָד ביים טראַגישסטן אַנטשיידונגס־פונקט פון יידישן לעבן אַרויסגערוקט אויפן פאָדערגרונט דעם נייעם סאָציאַלן כּוח פון דער מאָדערנער מענטשלעכער געזעלשאַפט. אינם פאַרמעסטן זיך פונם ספּעציפיש־יידישן לעבנס־שטייגער מיט דעם היסטאָרישן גאַנג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט — דאָרט האָבן זיי אויסגעפרווט די ווערט־פעיִקייט פון יידישן וועלט־דאָזיין. פאַרשטייט זיך, אַז יעדער פון די אויבנדערמאָנטע שרייבער האָט עס געטון אויף זיין

אופן און לויט זיין וועלט־געפיל. פּרץ אינדיווידואַליסטיש. נאָמ־
בערג אין דעם וועלטלעך־דעמאָקראַטישן וועלט־יידנטום. בערגל־
סאָן האָט אַזוי לאַנג געהאַלטן דאָס יידישע לעבן אין אומעטיקער
צוקונפטלאָזיקייט, ביז דער מעכטיקער שטראָם פון דער פּראָל׳ע־
טאַרישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט דאָס יידישע לעבן אויפ־
געוואַלט מיטגעשלעפּט אין אַן אַנדערן לעבנס־שטח. די אָביעקטי־
ווע געשטאַלטונג פון דער גרויסער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע
האָט נישט געוואַרט ביז קאַסרילעווקע וועט זיך אויפהערן צו
קווענקלען און וועט זיך אַנטשיידן. די געשעענישן האָבן אַליין
אַנטשידן. אין דער סאָציאַלער ערד־ציטערניש האָט מנחם־מענדל
געמוזט אויפהערן צו זיין דאָן־קישאָטיש. נאָר דער בערגלסאָן פון
נאָך דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע איז אַ באַזונדער קאַפּיטל.
יעדנפאַלס האָט יעדער פון אָט די שריפטשטעלער גענומען די
יידישע משפחה אַלס דעם שוי־פּלאַץ, ווו עס רעאַליזירט זיך דער
יידישער לעבנס־אופן מיט אַלע זיינע אייגנטימלעכקייטן, באַציִונ־
גען און פּסיכישע אייגנשאַפטן. אין דער יידישער משפחה האָבן
זיי אַריינגעפירט די סאָציאַלע אַנטיטעטישע כוחות, כדי צו אַנט־
וויקלען דעם אַחריותפול־טראַגישן צוזאַמענשטויס אינם יידישן
לעבן. דידאָזיקע אַנטיטעטישע סאָציאַלע כוחות זענען געגעבן־גע־
וואָרן אין זייער גאַנצן פּאַרנעם. די דערמאָנטע שריפטשטעלער
האָבן זיך אָפּגעגעבן דעם קלאָרסטן חשבון, וואָס דערדאָזיקער
טראַגישער צוזאַמענשטויס באַדייט פאַרן יידישן לעבן, ד. ה., אַז
אין אָט דעם אומפאַרמיידלעכן קאָנפליקט ווערט דער גאַנצער
ווערט פון דער יידישער עקזיסטענץ געשטעלט אויף דער קאָרט.
אַזוי ווייט וועגן פּרץ, נאָמבערג און בערגלסאָן. דאָס אַלץ קאָן
נישט געזאָגט־ווערן וועגן שלום־עליכמס גוזעלשאַפטלעכע דראַמען
און ראָמאַנען. שלום־עליכם האָט געהערט — און ער האָט געמוזט
הערן — דעם אָנזאָג פון דעם וועלט־שטורעם איבער זיין יידישער
וועלט. דעמדאָזיקן וועלט־שטורעם האָט ער נישט באַנומען אין
טראַגישער טיפקייט. עס האָט אים געפעלט דאָס פאַרשטענדעניש
פאַר דער רעאַל־באַדינגטער בריק פון לעבן, וואָס די אָביעקטיווע
וועלט וואַרפט סוף־כל־סוף אַריבער אין דעם סוביעקטיוון קאַסרי־

לעווקע, און אַז אויף דערדאַזיקער בריק וועט ענדלעך קומען דער שיקזאַלפולער אָנגריף אויף קאַסרילעווקע! מיט די כוחות פון דער נייער צייט האָט זיך שלום־עליכם נאַיִוו געשפּילט ווי אַ קינד מיט פייער. „קינדער פלאַפלען" האָט נישט בלויז געזאָגט מלכה שאַלאַנט. אינדעראמתן האָט זיך דאָ אויך שלום־עליכמען אויסגעדוכט, אַז „קינדער פלאַפלען". פונקט ווי מנחם־מענדלען, פעלט־אויס שלום־עליכמען געפיל פאַר דער רעאַלקייט פונם אָבּיעקטיוון לעבן. ער האָט נישט קיין חוש פאַר קיין שום רעאַלער מאַטעריע און דעריבער גלויבט זיך אים אַלץ נישט אין דעם כוח פון דער מאַטעריע, וואָס דעצידירט אַזוי שיקזאַלפול. שלום־עליכם קאָן דערפאַר נישט אַריינפירן אין זיינע ווערק די מאַטעריעלע מאָטיוון פון לעבן אַלס טראַגישע אַנטשיידונגס־מאָמענטן. ווען ער באַמיט זיך דווקא – געצוווּנגען פון די נויטן פון דער צייט – צוצוברענגען זיינע קאַסריליקעס צום היסטאָרישן און ביטער־ערנסטן אַנטשיידונגס־קאַמף מיטן לעבן – דאַן זעען מיר ערשט ווי שלום־עליכם גופא שטייט נאָך (זעעליש) ווייט הינטער דער טראַגישער קאַמפס־ליניע. צו דער טראַגישער אַנטשיידונג איז שלום־עליכם דערוואַקסן בלויז אין זיין היסטאָרישן אינסטינקט – („טביה דער מילכיקער" *)–אָבער אין זיין היסטאָרישן באַוווּסט־זיין איז ער בשום־אופן נישט דערוואַקסן צו דערדאָזיקער לעצ־טער און צוועלפטער שעה פון די יידישע דורות.

„מאיר (צו חנהן דער טאָכטער): האָבן מיר אויף אייך עפּעס צו שאַפן, צי ניין? ווי מיינסטו אַ שטייגער? חנה: איך מיין, אַז אַ מענטש אויף אַ מענטש קאָן נישט האָבן צו שאַפן. מאיר: נישט דאָס מיין איך, צי קאָנען מיר אייך זאָגן, למשל, דאָס מעגט איר און דאָס ווילן מיר און דאָס נישט? דאָס נישט? חנה: ניין, איר קאָנט נישט. מאיר: זאָגסט דו, הייסט דאָס, אַז נאָך דיין שכל נאָך קומט אויס, אַז מיר מיט אייך קערן זיך גאָר־

*) אין שייכות מיט די טביה־מעשיות וועל איך מיך באַמיִען צו באַווייזן ווי די סאָציאַלע אַנטיסעמיטישע כּיחות האָבן דאָרט ווירקלעך אָ ר ג אַ נ י ש אָנ־געהויבן צו וועקן די טראַגישע און דיאַלעקטישע ווידערשפּרוכן.

נישט צו, לחלוטין גאָרנישט? איר זענט זיך — איר, און מיר זע־
נען זיך — מיר? חנה: ווער זאָגט דאָס דען? איר זענט אונזע־
רע עלטערן, און מיר זענען אייערע קינדער, וואָס זענען פאַר־
פליכטעט האַלטן אייך בכבוד, ליב־האָבן און...״ „פון ווענעמס־
וועגן, אייגנטלעך, האָבן מיר דאָס גאַנצע לעבן געהאָרעוועט, אויס־
געריסן געוואָרן, זיך מפקיר געווען, געקליבן אַ קערבל צו אַ
קערבל, בכדי איר זאָלט זיך אויפהויבן אין אַ שיינעם טאָג, צע־
קריכן זיך, דער אַהער, דער אַהין און אונז איבערלאָזן אַליין
עלנט, אָן אַ זיי געזונט, ווי מע זאָגט... — חנה: וואָס זשע ווילסטו,
פאַפאַ? אַז צוליב דיר זאָל די זון אויפהערן וואַרעמען די ערד,
נאָר פאַרקערט?... דו ווילסט, אַז צוליב דיר זאָל די גאַנצע נאַ־
טור זיך איבערבייטן, און קינדער זאָלן ווערן צוגעוואָקסן צו זיי־
ערע עלטערן, ווי צווייגן צו אַ בוים? נישט היינט — איז מאָרגן
שיידן זיך מוז מען דאָך אַמאָל. מאיר: שיידן זיך הייסט ביי מיר,
אַז קינדער האָבן חתונה, באַזעצן זיך ווי מענטשן, דער ביי אַזאַ
געשעפט, דער ביי אַזאַ געשעפט... אָבער נישט אַזוי ווי מיר...
אויף מיר איז עפּעס אַן אויסגאָס... אַ גאָטס שטראָף אויף מיר...
איובס צרות... (ווישט זיך די אויגן. מלכּה וויינט. אויף איר קוקנ־
דיק — אויך חנה)״.

מיט דערדאָזיקער באַלעבאַטיש־באַנאַלער „מאָראַל־פילאָזאָפּ־
יע״ וויל שלום־עליכם מאַכן דעם טראַגישן עפעקט. דערצו — איז
עס פסיכאָלאָגיש פאַרטאַטשנע צוגעגרייט. סע גלויבט זיך עפּעס
נישט, אַז איבער דעם קאָפּ פון דעמדאָזיקן קאַסרילעווקער איוב
זאָלן פונאַנדערפאַלן אַלע זיבן הימלען בלויז דערפאַר, ווייל זיי־
נער אַ זון קומט אַמאָל נישט אַהיים שלאָפן אויף אַ נאַכט. אין
אַזאַ „פאַרטגעשריטן״ הויז, ווי די פאַמיליע שאַלאַנט, איז עס אַ
קנאַפּער מאָטיוו אויף איינצוררייסן וועלטן. אויף אָט דער בלאַסער
און באַנאַלער „דראַמאַטישער״ קאַנווע וויל שלום־עליכם אויסלאָ־
דענען אַלצדינג, וואָס עס איז געווען אין דער לופט פון יענער
רעוואָלוציאָנערער צייט. עס פעלן אַפילו נישט צום דראַמאַטישן
רומל די גוט־באַקאַנטע אַלוזיעס אויף דעם רוק־קער פון פאַרשיי־
דענע אַנטוישטע אינטעליגענטישע און פּראָגרעסיווע „קרבנות״ צו

דער אַלטער יידישער פרומקייט, צום דאַווענען. אַנטוישונגס־מאָטיוון געפינען מיר גענוג ביי פרצן. ווען פרץ רופט דורך זיינע פיגורן „אין שוהל אַריין", דאַן שילדערט ער אין די באַוועגונגען פון די אַנטוישטע פיגורן זיינע פערזענלעכע, פרצישע, אַנטוישונגס־שטימונגען. פרץ איז פיל מאָל אַנטוישט־געוואָרן — ווייל ער פערזענלעך, י. ל. פרץ, זייענדיק מיטגעריסן־געוואָרן מיטן אַקטיוון שוווּנג פון יענער רעוואָלוציאָנערער תקופה, האָט אָבער נישט געהאַט גענוג אָטעם און גענוג אויסדויער פאַר די זשמודנע זיגזאַגן פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג. פרץ האָט געהאַט שטימונגס־מאָמענטן, ווען ער האָט געגלויבט, אַז נאָר די פרומע מויערן פון דער אַלטער שוהל קאָנען אונז שיצן. פרצס געמיט איז צעטרייסלט־געוואָרן פון דעם געזעלשאַפטלעכן חורבן אין דעם יידישן בירגערטום. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם געשפענסט פון דעם היסטאָרישן שיקזאַל *). אין דערדאָזיקער פסיכישער אימה האָט ער נישט איינמאָל פאַרלוירן דעם וועג און געפּרוּווט בלאָנדזשען. געזעלשאַפטלעכער חורבן איז — וואָס שייך זיין קינסטלערישן און אינטעלעקטועלן באַנעם — פאַר שלום־עליכמען געווען אַ שיינע טראַגישע פראַזע. נישט קיין טראַגישע איבערלעבונג. שלום־עליכם האָט קיינמאָל נישט ווירקלעך איבערגעלעבט קיין לעבנס־באַוועגונג, וואָס איז געשען מחוץ פון זיין סוביעקטיווער און אָפּגעשלאָסענער וועלט. ער האָט זי נישט איבערגעלעבט נישט אין איר פולער טעטיקייט און נישט אין אירע אַנטוישונגען. אין „צעזייט און צעשפרייט" האָט שלום־עליכם אויפדערגיך אַ „מאַך ־ געגעבן" „טראַגישע" פיגורן, וואָס אין זייער מויל האָט יעדע אידעע געקלונגען באַנאַל און איבערפלאַכלעך. צווישן אָט די מאָדערנע לעמעשקעס און מאַנעקענען האָט ער אַריינגעפירט זיינע טיף־אויסגעבויטע און פון אַ שאַפעריש געפיל טראַגיש־דורכגעלעבטע קאַסרילעווקער יידן. אין אַן אינפאַנטילער פּראַזעאָלאָגיע האָט ער געמיינט אויסצושפּילן יענעם טראַגישן קאַמף, וועגן וועלכן שלום־עליכם האָט גוט געוווּסט, אַז

*) זע „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק".

ער וועט קאַסרילעווקע נישט מיידן. שלום־עליכם האָט אַליין גע־זוכט די אַנטשיידונג. נאָר ער איז נישט בכוח־געווען זי צו גע־שטאַלטיקן. אַנטשיידן קאָן נאָר דער שאַפערישער אינטעלעקט. אַנטשיידונג איז אַ פאָרם פון רעאַגירן אויפן שיקזאַל. און שיק־זאַל־באַנעמונג איז אַן אינטעלעקטועלע אייגנשאַפט. געדאַנק. ס'האָט גאָרנישט שלום־עליכמען געהאָלפן דאָס וואָס זיין דראַמע איז פול מיט „צוזאַמענגעבראָכנקייט" און פול מיט געוויין. ס'רירט אונז נישט. אין דעם „געקעכץ" פון „צעזייט און צעשפרייט איבער אַלע זיבן ימים" וויל שלום־עליכם כלומרשט־טראַגיש צוזאַמענ־פלעכטן די פּראָבלעמען פון דעם צעפאַלענעם יידישן דור. די פאַמיליע־טראַגעדיע ענדיקט זיך הס־ושלום נישט מיט קיין שום קאַטאַסטראָפע. זי ענדיקט זיך אַזוי ווי זי דאַרף זיך ענדיקן לויט איר מעלאָדראַמאַטיש וועזן: סענטימענטאַל און מעלאָדראַמאַטיש. עס פּלאַצט דער „דראַמאַטישער" בלאָטער און אויף מאיר שאַלאַנט טוט זיך אַ שיט דאָס רעכטע פּעקל מיט „צרות". סך־הכל: דער מחותן זיידנשטאַמער שיקט צוריק די תנאים. אויף אַלע יידן געזאָגט־געוואָרן נישט קיין גרעסערע אומגליקן. צום שלוס וויל שלום־עליכם צוגעבן נאָך אַ פּאָר טראַגישע טראָפּנס, כדי צו פאַרפולן דעם ביטערן בעכער, און מיר באַקומען צום ליינען אַזאַ מין סצענע: דער פּריץ, דער גראַף, שיקט אַ שליח נאָך מאיר שאַלאַנטן, ער זאָל קומען צו אים אין גראַנד־האָטעל. (פאַרשטייט זיך, אַז אַ פּריץ באַדאַרף וווינען אין גראַנד־האָטעל). אונזער באַלעבעסלדיקער איוב, מאיר שאַלאַנט, טוט אַ פאַרגעס די גאַנצע טראַגעדיע און וויל לויפן צום פּריץ. אַז מאיר שאַלאַנט וועט לויפן צום פּריץ אין גראַנד־האָטעל, — וואָס־זשע וועט דער־ווייל ווערן מיט דער טראַגעדיע? דערמאָנט זיך טאַקע מאיר שאַ־לאַנט ווו ער האַלט אין דער וועלט און הייבט פונדאָסניי אָן צו דראַמאַטעווען:

„אָנגעטון, לאָזט ער זיך צו צו דער טיר און בלייבט שטיין מיטן צילינדער אַ ווײַלע ווי פאַרטראַכט: מלכּה! (רייבט זיך אין שטערן). וואָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגן? איך האָב דיר עפּעס געוואָלט זאָגן... (דערמאָנט זיך). און וואַלאָדי זיצט... און די אי־בעריקע קינדער?

מלכה: צעזייט און צעשפרייט אויף אַלע זיבן ימים...
מאיר: האַ? וואָס זאָגסטו? מלכה! ווו זענען אונזערע קינדער?... (פאַלט צו אינם גאַנצן אָנטון צום טיש און וויינט).
מלכה (לויפט-צו צו אים מיט שרעק): מאיר! גאָט איז מיט דיר! מאיר!..."
ווי נישט-שלום-עליכמיש, און ווי קליינבירגערלעך-בטלניש!

# V

מיר האָבן געזען שלום־עליכמס שריפטשטעלערישע אָנמעכ־טיקייט אין די געזעלשאַפטלעכע מאָטיוון פון „צעזייט און צע־שפּרייט". דערצו האָט ער נאָך געהאַט דאָס אומגליק אויסצו־קלויבן פאַר דידאַקטישע מאָטיוון אַ דראַמאַטישע פאָרם. די דראַ־מאַטישע פאָרם איז אַ קאָנדענסירטע, אַ צוזאַמענגעפּרעסטע. די דראַמע איז דער לעצטער רעזולטאַט פון אַ געשעעניש־קייט. שלום־עליכם האָט זיך אָבער נאָר געקאָנט רירן אין דער רחבות, אין דער בּאַריידעוודיקייט, אין דער לויזקייט, און נישט אין דער געשפּאַנטקייט פון די געשעענישן. הגם אינעווייניק, אין זיך, זע־נען שלום־עליכמס מענטשן פול מיט שפּאַנונג און אימפּעט, קאָ־נען זיי זיך פונדעסטוועגן נאָר בּאַוועגן אין געשעענישן, וואָס זע־נען נישט געשפּאַנט, געשעענישן, וואָס זענען נישט דינאַמיש אָנ־געלאָדן; זענען נישט שווער; געשעענישן, וואָס לאָזן זיך בּאַ־הערשן פון דער שפּיל־פאַנטאַזיע פונם סוביעקט. שלום־עליכם קאָן פאַנאַנדערפירן דעם גאַנצן טעמפּעראַמענט פון זיינע פּאַרשוינען נאָר אין אַזעלכע געשעענישן, וואָס זענען אין זיך גופא סטאַטיש און וואַרטן נישט אויף קיין שום אָביעקטיוון רעזולטאַט. דערצו מוז מען נאָך בּאַמערקן: שלום־עליכם פּערזענלעך געהער אין אַ וויכטיקער מאָס צום פּערסאָנאַזש פון זיינע ווערק. אים איז נישט גענוג אין די דיאַלאָגן פון זיינע פיגורן. ער וויל זיי דערגאַנצן מיט דער הילף פון זיין אייגענער פּערזאָן. דער מחבר שלום־עליכם שפּילט דעם בּאַגלייט־כאָרוס און שפּילט דעם מיטשפּרע־כער. שלום־עליכם האָט ליב דעם לעזער אָנצונעמען פאַר דער האַנט און אים פּאַוואָליע אַריינצופירן צווישן די שפּילנדיקע פּי־

גורן. שלום־עליכם וויל, אַז דער לעזער זאָל זיך אויך מיטבאַטיי־
ליקן אינם פּערסאָנאַזש. אַזוי ווי שלום־עליכם באַדאַרף צו זיינע
קונסט־מיטלען די אומגעהאַמעוועטע בארײדעוודיקייט, האָט ער
טאַקע ליב אין מיטן דערין גאָר אויסצוגיסן דאָס שרייבערישע
האַרץ פאַרן לייענער און אים (דעם לייענער) אָנצוווייזן און אויפ־
מערקזאַם צו מאַכן – אין מיטן דעם דערציילן – אויף אַ געוויי־
סער פיגור אָדער אויף אַ געוויסער סיטואַציע, וואָס דער מחבר
וויל ספּעציעל און באַזונדער אַקצענטירן. ס'איז פאַרעלטערטער
נוסח. ווו אַזאַ נוסח איז נישט אומישנע סטיליזירט, באַווייזט ער נאָר—
פאַר אַ היינטצייטיקן שרייבער – אומבאַהאָלפנקייט און פּראָ־
ווינציאַליזם. איך וויל עס בשום־אופן נישט צורעכענען אויפן
חשבון פון שלום־עליכמס מעלות. יעדנפאַלס, אין אַ דראַמאַטיש
ווערק קאָן זיך קיין שרייבער נישט מאַכן „לופט" מיט אַזעלכע
קונסט־מיטלען. דער דראַמאַטישער שריפטשטעלער איז שטרענג
געבונדן אין דער קאָנסטרוקציע. מיט געבונדענע הענט האָט
שלום־עליכם גאָרנישט געקאָנט באַווייזן. כדי צו קאָנען ווייזן
זיינע גרויסע מעלות, האָט שלום־עליכם געמוזט האָבן די פולע
פרייהייט צו קאָנען זיך באַנוצן מיט זיינע גרויסע חסרונות.

אויפן גערוימען, נישט־אָפּגעגרענעצטן פאָרום פון אַ גרויסן
ראָמאַן האָט שלום־עליכם נאָך אַמאָל צונויפגעפירט זיין פּערסאָ־
נאַזש מיט די אָביעקטיווע רעוואָלוציאָנערע געשעענישן פון דער
געשיכטע.

דער „מבול".

קודם־כל וויל איך דאָ אָנמערקן צוויי זאַכן:

הגם וואָס שייך דער שרייבערישער פרייהייט און דער דער־
ציילערישער רחבות וואָלט דער ראָמאַן געווען גיכער צוגעפּאַסט
צו שלום־עליכמס שטייגער, האָט דאָך שלום־עליכם קיינמאָל נישט
באַוויזן ריכטיק צו באַהערשן דידאָזיקע פאָרם. אמת טאַקע: דער
ראָמאַן איז נישט אַזוי געשפּאַנט און קאָנדענסירט אַלס „רעזול־
טאַט" פון אַ שיקזאַלפולער באַוועגונג. אינם ראָמאַן וויקלט זיך
פאַנאַנדער דאָס שפּיל פון אַ שיקזאַל נישט בלויז ביי די לעצטע
אָפּגרונטן פון אַ באַוועגונג. עפּיש געשטאַלטיקט זיך אינם ראָמאַן

די פולע אַנטוויקלונג און די דיאַלעקטיק פונם שיקזאַל. דער ראָ־
מאַן איז פרייער אין זיין רוים און צייט. אָבער גראָד, כדי וואָ־
רער און טראַגישער פון דעמדאָזיקן פרייען דערציילערישן רוים
אַרויסצוהערן דעם גאַנג, די ניואַנסן, און די קאָנסעקווענצן פון
די שיקזאַלן, וואָס באַוועגן און אַנטוויקלען זיך — מוז אויך דער
ראָמאַן זיין געבונדן אין דער אַרכיטעקטאָנישער פאָרם. אין דער
אַרכיטעקטור און אין דער פאָרם־קלאָרקייט פון אַ קונסט־ווערק
האָבן מיר די איינציקע מאָס פון דער עכטקייט פונם שאַפערישן
טעמפעראַמענט; די מאָס פון דער טיפקייט פונם שאַפערישן גע־
פיל. נאָר אין די דימענסיעס פון דער פאָרם געשטאַלטיקן זיך די
דימענסיעס פון דעם אינהאַלט. אין דער פאָרם פאַלט דאָס צופע־
ליקע אַוועק פון דעם עיקרדיקן; דאָס נישט־וועזנטלעכע פאַלט־אָפּ
פון דעם וועזנטלעכן. „צייכענען הייסט — אַרויסלאָזן" — איז
נישט בלויז דאָס געבאָט אין דער פלאַסטישער קונסט. עס איז
אַ געבאָט פאַר אַלע קונסטן בכלל. וואָס ריינער אין אַ קונסט־
ווערק עס איז דאָס וועזנטלעכע אַרויסגעשיילט פון אַלע צו־
פעליקייטן, אַלץ מעכטיקער און טראַגישער איז דאַן די באַוועגונג
פון דעם שאַפערישן שיקזאַל. אָט די אַלע נויטווענדיקסטע פאָרם־באַדינ־
גונגען פאַר אַ גוטן ראָמאַן האָבן דורכויס געפעלט שלום־עליכמען.
שלום־עליכמען האָט קודם־כל געפעלט דער איבערבליק איבער די קאָנ־
טורן און געשטאַלטן פונם אָביעקטיון. די פאָרם פונם ראָמאַן איז דורכ־
אויס אַן אָביעקטיווע, ד. ה., די געשעענישן וויקלען זיך פאַנאַנדער
אַלס אָביעקטיווע באַוועגונג אין אַן אָביעקטיוון רוים און אין אַן
אָביעקטיווער צייט. נאָר אין די מאָנאָלאָגן ווייזט שלום־עליכם זיי־
נע ווירקלעכע פאָרם־מעגלעכקייטן. דער מאָנאָלאָג איז די סוביעק־
טיווסטע קונסט־אַרט. דאָרט וויקלט זיך די אַקציע נישט אָפּ אין
קיין שום אָביעקטיוון שטח. עס איז דער סוביעקט און דער
פאָרשטעלונגס־רוים פונם דערציילער, ווו עס וויקלט זיך אויס דאָס
טאָטאַלע געשעען. עס זענען געשעענישן, וואָס געשעען
ווירקלעך אין ערגעץ נישט און ווערן נאָר אימאַגינירט פון אַ סוב־
יעקט. דאָס פאָרמאַלע דעריבער אין דעם מאָנאָלאָג איז אַ ריין
אינערלעכער שאַפונגס־שטייגער און איז נישט געבונדן אין קיין

שום אָביעקטיווער באַשווּנג. די פאָרם אַנטוויקלט זיך און בויט
זיך אויף לויט דיזעלבע געזעצן ווי די הוילע אַבסטראַקטע פאַר־
שטעלונג און פאַרבלייבט אויך – אין איר גאַנצער גענעזיס – אויפן
שטח פון דער פסיכיק. אין דידאַקטיק פאָרם־פלאַכן איז שלום־
עליכם ווי ביי זיך אין דער היים. מיט אָט־אָ די פאָרם־מעגלעכ־
קייטן קאָן ער זיך איינציען אין די ענגע גרענעצן פון זיין סוב־
יעקט און פריי לאָזן שפילן זיינע שאַפערישע אייגנשאַפטן. אין
דעמדאַזיקן ליטעראַטור־שטייגער – דער מאָנאָלאָג – וואָס איז
אַמנאָענטסטן צו שלום־עליכמס וועזן, ווייזט זיך טאַקע די גאַנצע
אייגנאַרטיקייט פון דער שלום־עליכמישער פאָרם. דאָרט דערגרייכט
ער זייער אָפטווירקלעכע פאָרם־שלימות, מייסטערשאַפט און פול־
קומענהייט. אַלע עלעמענטן פון ליטעראַרישן שאַפן, ד. ה. שפּראַך,
לעבעדיקער אינהאַלט און די אַרכיטעקטאָניק פון דער דערציילע־
רישער באַוועגונג, זענען אין שלום־עליכמס מאָנאָלאָג אויסגעבויט
אין אַ קינסטלערישער סינטעז. אין אָביעקטיוו־עפּישן ראָמאַן,
אָבער, קאָן שלום־עליכם בשום־אופן זיין קונסט־געפיל נישט פאַר־
איינהייטלעכן. ביי שלום־עליכמען קומט תמיד דער ראָמאַן אַרויס
ווי אַ צוזאַמענגעשלעפּט פליק־ווערק פון שטיקער נאָוועלן, וואָס
פאַרלירן אין דערדאָזיקער אומגעלומפּערטער צוזאַמענגעפּאָרטקייט
זייער גאַנצן כאַראַקטער. שלום־עליכם האָט סטיל. דאָס איז זיין
ווערטפולקייט. אינם ראָמאַן פאַרפלאָנטערט ער זיך אין אַ מיש־
מאַש פון סטילן. סטיל איז איינהייט פון כאַראַקטער. אַ סך סטילן
איז שוין במילא סטיללאָזיקייט. ביי שלום־עליכמען האָבן מיר
זייער אַ סענסיבעלן טערמאָמעטער, וואָס ווייזט אונז תמיד די גרייס
פון זיין קינסטלערישן כּוח. דערדאָזיקער טערמאָמעטער איז זיין
שפּראַך. ווען שלום־עליכם איז אין זיין שאַפונגס־עלעמענט, – דאַן
גלאַנצט זיין שפּראַך אין איר פולער ניואַנסן־שפע. שוין אין איר
ריטם און אויסדרוק, אין איר פאַרב, אין איר קלאַנג־ און
וואָרט־שפּיל גיט זי איבער דעם כאַראַקטער, דעם שיקזאַל און די
פּסיכיק פון שלום־עליכמס העלדן. די שלום־עליכמישע שפּראַך –
שוין אַליין אין זיך גופא – איז זי דער רויח און די צייט פאַר
דער באַוועגונג און פאַר דעם געשעען. די שפּראַך שלום־עליכמס

איז לעבנס־וואַרעמקייט, טאָן און פּייזאַזש. עס איז כּמעט דער איינציקער יידישער שריפטשטעלער, וואָס באַווייזט אַלע זיינע אייגנשאַפטן אין די אייגנשאַפטן פון דער שפּראַך. דער מייסטער, ווו שלום־עליכם פאַרבלאָנדזשעט זיך אָבער אין שאַפונגס־פאָרמען, וואָס זענען אים פרעמד, פאַרלירט ער באַלד זיין ווערטלעכסטן שאַפונגס־אינסטרומענט — דאָס ווונדערלעכע שלום־עליכמישע לשון.

אינם ראָמאַן פאַרבלאַסט, צוזאַמען מיט אַלע זיינע מעגלעכקייטן, זיין גרעסטע מעגלעכקייט — די שפּראַך.

נומער צוויי:

אויב מיט זיינע אַנדערע ראָמאַנען האָט זיך שלום־עליכם אויך נישט געקאָנט קיין עצה־געבן, — איז ער דאָרט על־כל־פּנים, וואָס שייך מיליע און סטאָף, געווען ביי זיך אין דער היים, ד. ה., שלום־עליכם דרייט זיך דאָרט אַרום אין קאַסרי־לעווקער יידישלעכקייט. אין „מבול" איז ער פאַרפאָרן מיט זיין דישעל אויפן שליאַך פון דער גרויסער וועלט. אין „צעזייט און צעשפּרייט" ווערט בלויז גערעדט פון דער גרויסער וועלט. דאָרט געפינען מיר זיך אַלץ כּסדר אין אַ היימישער קאַסרילעווקער שטוב. שלום־עליכם פּילט נאָך באָדן אונטער די פיס. אין „מבול" איז דער רוים גאַנץ רוסלאַנד מיט אַלע אירע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן, און די באַוועגונג — די גרויסע רוסלענדישע רעוואָלוציע פון 1905. דאָ הייבט שלום־עליכם אָן אַרויסצושווימען אויפן גרויסן וואַסער. פרעמד מיליע, פרעמד לעבן, פרעמדע מענטשן. דערצו—אַ מעכטיקע פּאָליטישע רעוואָלוציע, וואָס וויל איבעראַנ-דערשן די יסודות פון אַ וועלט־מלוכה. אַפילו אינם הוילן רויען שטאָף, וואָס ער וויל באַהאַנדלען, איז שלום־עליכם אַבסאָלוט נישט באַהאַוונט. ער איז ווי דער פּראָווינצער קאַסריליק אין אַ גרויסער וועלט־שטאָט. מיט זיינע יידישלעך־קליינבירגערלעכע און פּראָווינציאַלע השגות וויל דאָ שלום־עליכם געשטאַלטיקן אַ שטאָף פון אַ סאָציאַל־פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן וועלט־מאָסשטאַב. אין „צעזייט און צעשפּרייט" האָט די קאַסרילעווקער יוגנט נאָר בלויז גערעדט וועגן דידאַקטיקע, פאַר שלום־עליכמען זייער האַרבע

י. י. טרונק, שלום־עליכם, 17.

ענינים. שלום־עליכם האָט דאָרט וויינניקסטנס נישט געהאַט צו טון מיט קיין שום פּאַר אים פרעמדן פּערסאָנאַזש. אַפילו אין „צעזייט און צעשפּרייט" האָבן מיר געזען ווי שוין אין די בלויזע נייע געזעלשאַפטלעכע געדאַנקען האָט זיך שלום־עליכם פולשטענדיק פאַרלוירן און ער אַנטפּלעקט זיך אין אַ מאָדנער איבערפלאַכלעכקייט, נאַיִוויטעט און בטלנות. אין דער נישט־קאַסרילעווקער גרויסער און פרעמדער וועלט האָט ער גאָר פאַרלוירן די אָריענטאַציע.

שלום־עליכם האָט געוואָלט באַשרייבן אַ געזעלשאַפטלעכן „מבול". ער זעלבער האָט זיך געפונען מיט זיינע קינסטלערישע יכולתן אין אַ מבול. שלום־עליכם וואָלט זיך בשום־אופן נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט אַזאַ „גרויס־וועלטישן" מאַטעריאַל.

זעט־אויס, אַז שלום־עליכם פערזענלעך — וואָס האָט זייער זעלטן געהאַט אַן אָביעקטיוון איבערבליק איבער זיינע שרייבערישע מעגלעכקייטן, און איז נישט איינמאָל דעריבער פאַרקראָכן אין אַ „בלאָטע" — האָט דאָך געמוזט האָבן גרויסע ספקות וועגן זיין קאָמפּעטענץ אין דידאָזיקע מאַטעריאַלן. איינהאַלטן דאָ זיין גרויסן שרייבערישן יצר־הרע — שלום־עליכם האָט אומעטום און אַלץ געוואָלט „באַשרייבן" — האָט ער נישט געקאָנט. ער האָט אַליין געלעבט אין יענער היסטאָריש־באַוועגטער צייט. דער שטאָף האָט אים געצייצט, קודם־כל דערפאַר, ווייל סוף־כל־סוף וועט דאָ אויך אַנטשידן דער גורל פון זיין קאַסרילעווקע. שלום־עליכם האָט ריכטיק געאַנט, אַז קיין שום „תיבה" וועט זיינע קאַסרילעווקער „נח'ס" נישט אָפּראַטעווען פון דעם גרויסן מבול.

די שטאָף־שוועריקייטן האָט שלום־עליכם געוואָלט בייקומען אויפן פאָלגנדיקן לייכטן אופן:

אַלס מאַטעריאַל פון דער „גרויסער וועלט" האָט ער זיך באַנוצט מיט פּשוטן סענסאַציאָנעלן צייטונגס־רעפּאָרטאַזש. דעמדאָזיקן (צומאָל נישט פון ערשטער קוואַליטעט) רעפּאָרטאַזש האָט ער אויפדערגיך צונויפגעשטוקעוועט אויף אַ ראָמאַן (נאָך אויף אַן ערגערן אופן האָט ער עס געמאַכט אין „בלוטיקן שפּאַס") און

אינדערמיט אַריינגעשטופּט עטלעכע פון זיינע קאַסריליקעס. עס וואָלט נאָך אַלץ נישט געווען קיין סכּנה, ווען די עטלעכע שלום־עליכמישע פּאַרשוינען, וואָס זענען אַריינגעשטעלט־געוואָרן אין אָט־אָ דעם „גרויס־וועלטישן" און רעוואָלוציאָנערן רעפּאַרטאַזש וואָלטן דורך זיך אַליין — מיט זייער אינערלעכער אינערציע און כאַראַקטער־באַוועגונג, מיט זייער פּערזענלעכער דערוואָקסנקייט צו די צייט־פּראָבלעמען — בכּוח־געווען דעם פרעמדן באַלאַסט פון סענסאַציאָנעלן צייטונגס־רעפּאָרטאַזש צו פאַראייַנהייטלעכן מיט דעם קאָלאָריט און לעבנס־באַוועגונג פון זייער כאַראַקטער; צו פאַרטיפערן אים, און דערמיט צו באַוועגן דעם רעפּאָרטאַזש מיט דער דינאַמיק פון זייער אייגענעם טראַגיזם; צו מאַכן דעם צייטונגס־רעפּאָרטאַזש שיקזאַלהאַפט'ק. אויב דאָס געראָט ווירקלעך אַ שריפטשטעלער, איז עס אַ לייסטונג פון אַ גרויסער מדרגה. וואָרים דערמיט באַקומט ער אַ גרויס פון דער אויבערפלאַכלעכסטער טאָג־טעגלעכקייט דעם פאַרהוילענעם געטער־שפּרוך פון שיקזאַל. וואָסערע טיפע פּערזענלעכע ווערטן מ'קאָן אַריינלייגן אין אַ פרעמדן שטאָף, זעען מיר ביי שעקספּירן. דאָס גראָד, וואָס ס'וואָלט געקאָנט דעם „מבול" צופ'רן צו אַ גרויסער מדרגה, האָט שלום־עליכם נישט באַוויזן צו טון. זיינע קאַסרילעווקער פאַרשווינדלען טאָפּטשען־אַרום אין דעם „גרויס־וועלטישן" רעפּאָרטאַזש ווי אין אַ בלאָטע. נישט אַהין און נישט אַהער. זיי קאָנען דאָרט נישט שטעלן קיין טריט, ווו עס זאָל זיך נישט באַלד אַרויסווייזן זייער אומפאַרבעסערלעכער פּראָווינציאַליזם, די אומבאַהאָלפענע בטלנות און די באַנאַלע געזעלשאַפטלעכע אָריענטאַציע.

שלום־עליכם באַגנוגנט זיך דאָ נישט ווי אין „צעזייט און צעשפּרייט" מיט איין פאַמיליע. ער וויל מאָלן דאָס פאַמיליע־בילד פון דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפט מיט אַלע אירע קלאַסן. ער וויל זיך דאָ צעלאָזן, אַזוי־צו־זאָגן, אויף דער „גרויסער לייוונט". שוין ביים אַריינפיר וויל ער אונז באַקענען מיט דריי פאַמיליעס. איציקל שאָסטעפּאַל, סאַלאָמאָן סאַפּראַנאָוויטש און נחמיה דער שוסטער. איציקל שאָסטעפּאַל — דער באַלעבאַטיש־בירגערלעכער קאַסריליק. סאַלאָמאָן סאַפּראַנאָוויטש — דער אַסי־

מילאַטאָר. אַפּטייקער, פֿאַרשטייט זיך. און נחמיה דער שוסטער — דאָס „פּראָסטע פֿאָלק״, עמך שער און אייזן, אויף הײנטצייטיק לשון: דער פּראָלעטאַריאַט. עס זענען ווירקלעך דריי הויפּט־זײַלן פֿון דער יידישער געזעלשאַפֿט. „דאָס זענען דריי רוסישע יידן, וועלכע דער פּאַרפֿאַסער פֿון ראָמאַן האָט די ערע פֿאָרצושטעלן פֿאַר זײַנע לעזער״. אָט די דריי פֿאַרשידנאַרטיקע יידישע פֿאַ־ מיליעס באַדאַרפֿן אויסטראָגן דאָס דראַמאַטישע געשעען אינם ראָ־ מאַן. אין דעם צײַט־רעפּאָרטאַזש באַדאַרפֿן זיי פֿאַנאַנדערצוּוויקלען די דראַמע פֿון זייערע שיקזאַלן — און דערמיט די היסטאָרישע דינאַמיק פֿון דער יידישער געזעלשאַפֿט אינם שיקזאַל־שפּיל פֿון דער צײַט. די אויפֿגאַבע איז באמת די וויכטיקסטע פֿאַר אַ יידישן שריפֿטשטעלער. זי איז אַ לעבנס־פּראָבלעם פֿאַר דער ווײַטערער אַנטוויקלונג פֿון דער יידישער ליטעראַטור. שלום־עליכם האָט זיך פֿאַרמאָסטן צו דערדאָזיקער אויפֿגאַבע. איז אַ פּֿלא, אַז שוין די ערשטע פֿיגור, איציקל שאָסטעפּאַל — לויט איר וועזן און קאָנס־ טרוקציע באַדאַרף זי זײַן אַמנאָענטסטן צו שלום־עליכמס קענען; וויפֿיל איציקל שאָסטעפּאַלס האָבן מיר שוין באַגעגנט אין שלום־ עליכמס פּערסאָנאַזשן, — איז דאָ אין ערשטן אויפֿטריט אַרויסגע־ קומען בלאַס און שאַבלאָניש. איציקל שאָסטעפּאַל איז געצייכנט אָן דעם עכטן שלום־עליכמישן עלאַן, אָן שלום־עליכמס שפּראַך־ קאָלאָריט. ער פֿאַרמאָגט אין זײַן בלוט נישט די שלום־עליכמישע וואַלאָרן. מיר דאַרפֿן זיך נאָר דערמאָנען מיט וואָסער אינערלעכן הומאָר, מיט וואָסער קינסטלערישער וואַרעמקייט דידאָזיקע איציקל שאָסטעפּאַלס ווערן געצייכנט אין אַנדערע ווערק שלום־עליכמס. ווי ווונדערלעך זיי זענען אין זייער אייגענעם קאַסרילעווקער מיליע. ווי בלוט־אָרים און „געמאַכט״ (דערצו, שלעכט געמאַכט) זיי קומען־אַרויס—אויב זיי באַדאַרפֿן טון מעשים צו וועלכע זייער מחבר גייט נישט צו מיטן געהעריקן באַגאַזש:

„איציקל! — דער נאָמען אַליין זאָגט אייך שוין, אַז דאָס דאַרף זײַן אַ ייד פֿון דער אַלטער וועלט, אַ ייד, וואָס האַנדלט מיט וואַלד, מיט גוראַלניעס, מיט ברויט, מיט פּאָדריאַדן; אָדער ער האָט אַ שאַרפֿע קראָם, אַ מאַנופֿאַקטור־געשעפֿט, אָדער אַ

פאַבריק פון גלאָזוואַרג (?); אָדער ער שטעלט צו פּראָוויאַנט אין די טורמעס מיט די קאַזאַרמעס, טיילט זיך מיטן סמאָטריטל און מיט די אינטענדאַנטן אויף דער האַלב און האָדעוועט די אַרעס־טאַנטן און די סאָלדאַטן מיט קדחת און מיט קרענק; אָדער אויב נישט, איז איציקל אַ ייד אַ בעל־הלוואה, חלילה נישט קיין פּראָצענטניק (?), קיין וואָכערניק, נאָר מעשה באַנקיר מיט אָנווייזונ־גען און טראַטן, יאָגט זיך נישט נאָך גרויסע פּראָצענטער (?) זוכט בטוחים, פאַרלייעט געלט אויף הייזער, סאָלידע וועקסעלעך וכדומה.

יעדנפאַלס איז איציקל פאַררעכנט אין שטאָט פאַר איינעם פון די פיינסטע, פאָרנעמסטע און אָנגעזעענסטע מענטשן. אומע־טום באַגעגנסטו אים אויבנאָן, אומעטום הערסטו: איציקל שאַסטע־פאַל! איציקל שאָסטעפאַל! איז ערגעץ אַ שמחה, אַ פאַרזאַמלונג, אַן אונטערהאַנדלונג וועגן שטאָט־זאַכן — איז איציקל שאָסטע־פאַל. איז חלילה, אַ צרה, אַ לוויה, אַן אומגליק, אַ שרפה, אַ מגפה, אַ פּאָגראָם — איז איציקל שאָסטעפאַל. קלויבט מען געלט— איז איציקל שאָסטעפאַל, דאַרף מען שרייען — איז איציקל שאָס־טעפאַל. און פון אמת קאָן מען נישט אַוועקגיין: שרייען קאָן אי־ציקל זייער גוט. גיבן גיט ער נישט אַזוי פיל, ווי ער שרייט און פילדערט און טאַראַראַמט.

אַז איר וועט קומען אַמאָל צופאָרן אין מיין שטאָט אַריין, אָדער אַז איר וועט פאָרן אַמאָל אין באַן און וועט באַגעגענען אַ צעטראָגענעם נפש מיט רויטע גלאַטע בעקלעך, מיט שטאַרק־גלאַנצנדיקע שוואַרצע (איצט שוין גרוילעכע) האָר, מיט אַ גע־קרייזלט בערדל, וואָס ער לאָזט דאָס נישט צורו און פלעכט דאָס, און דרייט דאָס, און צופּט דאָס, מיט גרויסע שיינע שוואַרצע יידישע אויגן, וואָס ווען אַ פרוי פאַרמאָגט אַזעלכע אויגן, זענט איר נאָך איר די כפרה, מיט אַ ביסל אַן איינגעבויגענער עכט־יידישער נאָז, מיט אַ קאַפּעלושל, וואָס איז תמיד פאַררוקט אויף יענער זייט קאָפּ, מיט האַלב־פאַרקאַטשעטע אַרבל און מיט אַ שירם אונטערן אָרעם סיי זומער סיי ווינטער, — אַז איר וועט באַגעגענען אַזאַ נפש, מעגט איר צוגיין צו אים גלייך, אויף מיי־

נע אַחריות, איר זאָלט גאָר קיין מורא נישט האָבן (?) און זאָגן צו אים: — שלום-עליכם, רב איציקל!

וועט ער אויפשטעלן אויף אייך זיינע שיינע שוואַרצע יידישע אויגן, — געבן אַ האַלבן שמייכל, אויסציען אַ ווייסע, אַ שיינע, אַ ווייכע האַנט און אייך ענטפערן: עליכם-שלום אייך, וואָס מאַכט איר?

ער וועט ביי אייך נישט פרעגן, ווער איר זענט, און ווי אַזוי איר הייסט; וואָרים, אַז איר זענט אים מכבד מיט אַ שלום-עליכם, קענט איר אים מן-הסתם. און ווער קען אים נישט? פונם קלענסטן אָרימאַן ביזן גרעסטן גביר און אַריסטאָקראַט (?), און צוריק — פונם לעצטן קאָלבאַסניק ביזן שטרענגסטן פרומאַק קענען זיך אַלע מיט איציקל שאָסטעפּאַל, און איציקל שאָסטעפּאַל קען זיך מיט אַלעמען, שטימט מיט אַלעמען, זאָגאַר באַפריינדעט מיט אַלעמען, אויסגעבונדן מיט דער גאַנצער וועלט.

און די „גאַנצע וועלט" האָט ליב אַזעלכע מענטשן. די „גאַנצע וועלט" האָט ליב אַ מענטשן, וואָס בויגט יענעם און בויגט זיך אַליין; די „גאַנצע וועלט" האָט ליב אַ מענטשן, וואָס שמייכלט און לאָזט זיך שמייכלען, וואָס נאַרט אָפּ און לאָזט זיך נאַרן וואָס טרעט און לאָזט זיך טרעטן. די „גאַנצע וועלט" גייט מיט דעם גאַנג, אַז פּרינציפּן, אידעאַלן וכדומה אַזעלכע זאַכן זענען... גוט אויף פּאַפּיר; אינם לעבן זענען זיי נאַרישקייטן, קינדערייען, ייִנגלישע זאַבאַבאָנעס... פאָלג מיך, לעזער, גיב אַהער די האַנט, לאָמיר גיין ווייטער, מיר האָבן אַ סך — אַ סך צו גיין!"

דאָס זאָל זיין דאָס „פּאָרטרעט" פון אַ הויפּט-העלד. מיט וואָסערע ביליקע מיטלען פון פאַרעלטערטע שלעכטע ראָמאַניסטן שלום-עליכם גייט-צו צייכענען אַ פיגור, וואָס געהער לויט איר גאַנצן מהות צו זיינע — שלום-עליכמישע — פּערסאָנאַזשן. מ'זעט: שלום-עליכמס האַרץ איז אים נישט ביי דעמדאָזיקן ראָמאַן. ער איז נישט ביי זיין שרייבערישן געמיט און ער קוועטשט זיך און נויט זיך מיט אָפּגעבליאַקעוועטן נוסח, כדי עפּעס אַרויסצובאַקו-מען. עס קומט גאָרנישט אַרויס. חוו שלום-עליכם איז נישט ווו ער באַדאַרף צו זיין, דאָרט פאַרלאָזן אים אַלע זיינע וואַלאָרן און

ער קומט גאָר אַרויס שלעכט און אומבאַהאָלפן. ווי שלום-עליכם בויט נישט אויף קיין פיגור פון איר כאַראַקטער אַרויס — דאַן צעשווימט זי אים אונטער די הענט און זי האָט כּלל נישט קיין פּנים פון קיין רעכטן בן-אדם. איציקל שאַסטעפּאַלס פיגור האָט נישט קיין שום ווירקלעכע כאַראַקטער-קאָנסטרוקציע; זי איז איבערהויפּט אַן אויסגעטראַכטע פון אויסנווייניק; אויפגעבויט פון כּלערליי צוזאַמענגעשלעפּטע ווערטער און שטריכן, — דאָס איז צו זען דערפון, וואָס די אויסערלעכע מעשים פון איציקל שאַסטעפּאַל און זיין פּסיכישע סטרוקטור קלעבן זיך צוזאַנאַנדער ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט. איציקלס מעשים אילוסטרירן אַבסאָלוט נישט איציקלס פּסיכיק. טאַטן זענען ד' פּאַרב און דער אויסדרוק פון דער פּסיכיק אַלס באַוועגונג; דער אויסדרוק פון איר דינאַמיק; דער אויסדרוק פון איר רעאַגירן אויף דער אַרומיקייט. ווען אַפילו די טאַטן פון אַ פיגור ווידערשפּרעכן זיך מיט איר פּסיכיק — באַדאַרפן אויך די ווידערשפּרוכן צו זיין אינערלעכע עלעמענטן פון דער געגעבענער פּסיכיק; מוזן זיי ליגן אין דער דיאַלעקטיק פון דער פּסיכיק. אויך די פּסיכישע ווידערשפּרוכן מוזן האָבן אַ פּסיכישן צוזאַמענהאַנג. ביי איציקלען ליגן נישט די ווידערשפּרוכן אין דער פּסיכישער דיאַלעקטיק. עס זענען הוילע צופעליקייטן, וואָס זענען — הן מיט זיך, הן מיט דער סיטואַציע, אויף וועלכער זיי רעאַגירן — מיט גאָרנישט נישט פאַרבונדן. איציקל איז אַ פּוסטער מאַנעקען, גרימירט ווי שלום-עליכמס אַ פּאַרשוין. שלום-עליכם לייגט אין אים אַריין איטלעכעס מאָל פּאַרשידענע רעפּליקן, וועלכע בויען אָבער נישט אויף קיין שום פּערזענלעכקייט, און באַשאַפן נישט קיין לעבן. שלום-עליכם גיט איציקלען אין דער האַנט אַריין דעם באַקאַנטן מנחם-מענדלשן שירם און הייסט אים מיט דעמדאָזיקן שירם כּסדר דרייען אין דער לופטן, כּדי צו מאַכן מנחם-מענדלשע שטימונג. איציקלען העלפט עס ווי אַ טויטן באַנקעס. עס מנחם-מענדלט זיך ביי אים נישט. קודם-כּל באַדאַרף צו זיין די גוט-אויפגעבויטע פּערזאָן, — און דאַן אינטערפּרעטירן און שפּילן אויסערלעכע זשעסטן דאָס מימיק-שפּיל פון איר כאַראַקטער. נאָר דער כאַראַקטער באַשאַפט

די מימיק, ד. ה., די קערפּערלעכע כאַראַקטער־באַוועגונגען. עס איז אַ טעות, אויב מען טוט קאַפּויער און מען וויל מיט הוילער מימיק באַשאַפן דעם כאַראַקטער. דער שריפטשטעלער, וואָס טוט דאָס יאָ, וויל זיך נאָר אַליין אָפּנאַרן, און ער מיינט, אַז אויף דעם לייכטערן וועג וועט זיך אים גיכער לאָזן דערגרייכן דאָס, וואָס ער באַווייזט נישט צו דערגרייכן אויף אַ סאָלידערן אופן. אין די קינסט־לערישע וואַרהייטן לאָזט זיך זייער שווער אָפּנאַרן. דער וועג פונם לייכטן ווידערשטאַנד איז נישט דער וועג פון שאַפן. נאָר ביי אַ ווידערשטאַנד באַווייזט דער קינסטלער זיינע מעגלעכקייטן. ווידער־שטאַנד פּאַרטיפּערט דעם קינסטלער. באַפּרוכפּערט אים. אין שווערן געראַנגל מיטן שטאָף זעען מיר דעם שאַפערישן העראָיִזם אַלס דערגרייכונג.

אינם פּ ס י כ י ש ן קאַמף מיטן מאַטעריאַל באַהערשט דער קינסטלער פּ ס י כ י ש דאָס מאַטעריאַל. אינם ווידערשטאַנד־שפּיל צווישן מאַטעריע און גייסט געשיט דער קינסטלערישער אויפבוי.

שיווקע שאָסטעפּאַל — איציקלס ווייב — איז שוין גיכער אַ קאָנסטרויִרטער כאַראַקטער. נישט עפּעס נייעס און אויסערגע־וויינלעכס. מיר טרעפן זי איבעראַל אין שלום־עליכמס פּערסאָ־נאַזש אַלס די שטילע טיראַניזירטע נגידיתטע; די יידישלעכע הויז־פרוי, וואָס בעסערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען האָבן זי בגוואַלט אַרויסגעשלעפּט פון קאַסרילעווקע. זי ליידט אין דער שטיל דערפון, וואָס זי איז „אַרויסגעהויבן"־געוואָרן פון איר באַ־שיידענעם מיליע. שיווקע איז די פּראָסט־פּשוטע, נישט־איבערגע־שפּיצטע קאַסריי"עווקער יידענע, וואָס איז געוואָרן אַ „סטיקראַט־קע". זי איז אַ רובליקאַט פון מלכהן אין „צעזייט און צעשפּרייט". אויך שיווקע איז נאָר גוט, בלויז ווען זי האָט אַ קורצע רעפּליק. רעדט זי אָבער אַ סך, דאַן ווערט זי דערטרונקען אין דעם „מבול" פון אויסגעטראַכטע ווערטער. למשל, אַזאַ רעפּליק, ווי „איך גיי דעריבער פון שטוב נישט אַרויס, איך זאָל נישט צוזען די צרות מיט יסורים מיט די ווייטיקן פונם יידישן פאָלק", — פּאַסט זיך נישט צו צו דער פּסיכיש־נידערגעשלאָגענער און ווילנלאָזער שיווקע שאָסטעפּאַל. שלום־עליכם מאַכט זי נישט איינמאָל קאַליע

מיט אַזעלכע פּאַטעטישע און „נאַציאָנאַל-טראַגישע" דיבורים. אין שיווקעס מויל קלינגען אַזעלכע הויכע טענער גאָר ווילד און אויסטערליש. נאָר אין קעגנשפּיל צו דערדאָזיקער באַשיידענער און לעבעדיקער פיגור האָט איציקל עטוואָס אַזוינס ווי כאַראַקטער. לגבי שיווקען איז ער אַ צעשטרייטער, אַ בייזער, אַ טיראַן אַפילו. דידאָזיקע לעבעדיקע שטריכן פאַרלירט איציקל, ווײַבאַלד שיווקע פאַרלאָזט איר אָרט אַלס זיין פּאַרטנערקע.

דער צווייטער פון די הויפּט-פיגורן, דער אַפּטייקער סאַלאָמאָן סאַפּראַנאָוויטש, איז אַוודאי אַ נייער טיפּ אין שלום-עליכמס פערסאָנאַזש. ער איז אויפּס-כּוח קאָנסטרויִרט-געוואָרן און שלום-עליכם האָט אים אַ שטופּ-אַריין-געטון אין דעם ראָמאַן. שלום-עליכם האָט דערביי געהאַט אַ כּיוון. נומער איינס: כּדי פאַנאַנדערצוּוויקלען די אינטריגע. נומער צוויי: אַריינצופירן אין דעמראָזיקן געזעלשאַפטלעך-אידעיִשן ראָמאַן דעם אַסימילאַטאָריש-אינטעליגענטן קלאַס. דאָ באַדאַרף זיך דאָך — לויט שלום-עליכמס קאָנצעפּציע — פאַנאַנדערצושפּילן דער גרויסער היסטאָרישער קאַמף צווישן די קלאַסן און די דורות אין דער יידישער געזעלשאַפט. צו דעמדאָזיקן מין טיפּ, — ד. ה. צו דעם מאָדערנעם אַסימילירטן ייד — האָט שלום-עליכם פון קיינמאָל-אָן נישט געהאַט קיין ווענטלעכע באַציִונג. אַלס קינסטלער האָט ער אים קיינמאָל נישט באַנומען דיאַלעקטיש און נישט פאַרשטאַנען פּסיכאָלאָגיש. ער האָט אויף אים געקוקט מיט אַ פּראָווינצערישער פרעמדקייט, ווי עס קוקט אַ קליינשטעטלדיקער ייד אויף אַ „געגאָלטן דייטש", אַ „קאָלבאַסניק". אָן שום געמיינשאַפטלעכקייט פון באַציִונגען. ווּ שלום-עליכם פירט אַמאָל אַרויס דידאָזיקע פיגור — פירט ער זי אַרויס אַלס קוריאָז, — אַלס „סטיקראַטישע" פּאַרזעניש, אַזוי-צו-זאָגן. ער וויל זי כּלל נישט אַנאַליזירן אַלס מהות. ער וויל זי נאָר ווייזן. איינס: כּדי קאָמיש צו באַלעבן אַ געוויסע סיטואַציע. צוויי: כּדי קאַסרילעווקער חכמים זאָלן האָבן וועמען אויף אָפּצולאַכן. איצט, אינם „מבול"— אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דראַמאַטישער דינאַמיק פון די פּראָבלעמען — האָט שוין דער מאָדערנער אַסימילירטער ייד נישט

געקאָנט אויפטרעטן ווי הוילע עקזאָטיק און קוריאָז. דער מאָדערנער אַסימילירטער ייד איז דאָך דאָ — אין זיין גאַנצער דערשיינונג — אַן אָרגאַנישער באַשטאַנד־טייל פון דער היסטאָרישער יידיש־געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. אָט דער אַסימילירטער יידישער מענטש איז איינער פון די הויפּט־פיגורן אין דער טראַגיק פון יידישן לעבן. שלום־עליכם האָט טאַקע אַזוי געוואָלט צו אים צוגיין. עס זענען אָבער פאַראַן פּערזאָנען, וואָס שלום־עליכם האָט נישט צו זיי קיין אינערלעכע באַציִונג; ער זעט זיי נישט פון „אינעווייניק", אַזוי־צו־זאָגן. ווען ער מוז באַשאַפן אַזעלכע פּערזאָנען צוליב אַ קאָנצעפּציע — דאַן פעלט אים לגמרי דער קולטור־פאַרנעם פון דער גרויסער שריפטשטעלערישער פּערזענלעכקייט — יענע קולטור־פּערספּעקטיוו פון אַ פּערזענלעכקייט, וואָס איז בכוח — שוין לויט איר וועלט־באַוווסטזיין — אַריינצונעמען אין דעם באַוועגונגס־קרייז פון איר שאַפערישקייט אַלע פּערזאָנען, צייטן און סיטואַציעס, וועלכע באַדאַרפן צו געהערן צו דער אַקציע, צום שיקזאַל און צו אַלע אַנדערע פּסיכישע קאָמפּלעקסן פון דעם גרויס־פאַרמאָסטענעם ווערק. שלום־עליכם קאָן נאָר באַהערשן אַ פיגור, וואָס באַלאַנגט דירעקט צו זיין אָפּגעגרענעצטן פּערסאָנאַזש. זי מוז דאָרט אַהין געהערן הן לויט איר פולן מהות, הן לויט איר מיליע, הן לויט איר סאָציאַלן און קולטורעלן ניוואָ. זי טאָר נישט אַרויסגיין פון איר באַשטימטן קרייז, די שלום־עליכמישע פיגור. טאָמער טוט זי עס יאָ און שפּאַנט אויף אַ טשעקאַוועסט אַריבער די אָנגעצייכנטע ליניע, דאַן פאַרלירט שלום־עליכם איבער איר זיין גאַנצע ממשלה. ער דערקענט זי נישט מער. זי שיינט אים פרעמד. מעג זי נאָך אין איר גאַנצן מהות זיין שלום־עליכמיש — הונדערט פּראָצענט קאַסריליש — שלום־עליכם דערפילט נישט אין איר דאָס קרובהשע מנחם־מענדלשע בלוט. דאָס זענען די גרויסע דעפעקטן ביי שלום־עליכמען און שטאַמען זיכער פון זיין אומפאַרבעסערלעכן פּראָווינציאַליזם און פון זיינע ענגע קולטור־האָריזאָנטן. דעפעקטן, וואָס האַמעווען זיין גרויסקייט. יעדנפאַלס, ווו שלום־עליכם ווערט געצוווּנגען פון דער קאָנצעפּציע אַריינצופירן אַזאַ „פרעמדע"

פערזאָן אין דער האַנדלונג, טוט ער עס מיט די אָרימסטע מיט־לען. ווייל דעם שאַבלאָן איז אַמלייכטסטן צו באַהערשן – באַנוצט ער זיך טאַקע מיטן שאַבלאָן. צומאָל נישט מיטן בעסערן שאַבלאָן. סאַלאָמאָן סאַפּראַנאָוויטש – דער מאָדערנער אַסימילירטער ייד – איז אַ מין אומגעלומפּערטע און געגנוג נאַיִווע מאַכערייקע, וואָס שלום־עליכם מוז דורכויס האָבן צו דער דראַמאַטישער קאַנווע:

„דער צווייטער פּאַרשוין, וואָס ווינט אינם הויז נומער 13, וואָס אויף וואַסילטשיקאָווער גאַס, איז סאַלאָמאָן סאָפּראַנאָוויטש, דער אַפּטייקער, אַ טיפּ פון יענעם מין אַפּטייקערס, וואָס עסן אַ קאָלבאַס איינגעטונקען אין סמעטענע אָן אַ היטל אומגעוואַשן פאַרן דאַווענען יום־כיפּור אינדערפרי און האָבן פיינט אַ יידן בתכלית השנאה, און נאָר דערפאַר, וואָס קיין אומה־ולשון פאַר־מאָגט נישט אַזויפיל סוביעקטן מיט געלע האָר ווי דאָס יידישע פאָלק. און כמעט, קאָן מען זאָגן, אַז ער האָט רעכט. איר האָט געזען עפּעס אַ סך רויטע גויים מיט געלע האָר (?). אַליין איז ער אַ געלער, אַ טאַטן האָט ער געהאַט אַ געלן, אַ שוועסטער האָט ער – איז זי אַזש אַ רויטע; ער האָט אַ זון, סאַשאַ הייסט ער (מיר וועלן זיך באַלד מיט אים באַקענען), איז ער אַ געלער.

דאָס איז אָבער אַלץ געווען אַמאָל; איצטער איז אונזער סאַפּראַנאָוויטש שוין נישט מער קיין געלער; ער איז שוין אַ ווייַ־סער – ער איז גרוי.

און גרוי איז ער געוואָרן פאַר דער צייט פון צער גידול־בנים, איבער צרות פון קינדער!

איין קינד, איין־און־איינציק שטיקל סאַשאַ – און אַזויפיל צרות! און פון וואָס מיינט איר, צרות? אַ שלעכט קינד? וויל נישט לערנען? אַ פאַרשטאָפּטער קאָפּ! חלילה, אומגעקערט. אַ יינגל איז סאַשאַ געווען אַ ווילס. אַ קעפּל אַ גוטס, לערנען האָט ער געוואָלט זייער; צו צען יאָר איז ער געווען גרייט אַריינצו־טרעטן נישט נאָר אין ערשטן – אין דריטן קלאַס גימנאַזיע. איז אָבער דער חסרון, וואָס מען האָט אים נישט געוואָלט צונעמען איבער די פּראָצענטן! איך מיין, אַז איך דאַרף מיינע לעזער נישט געבן צו פאַרשטיין, פון וואָסערע פּראָצענטן עס רעדט זיך

דאָ. אַלע ווייסן, ברוך השם, אַז בײַ אונז אינם געבענטשטן רוסישן לאַנד האַנדלט מען מיט אַ יידן אויף פּראָצענטן: אין די גימנאַזי־יעס און אוניווערסיטעטן נעמט מען צו וואָס ווינציקער יידישע קינדער, דערפאַר אָבער, אַז עס קומט צום פּריזיוו, צום מיליטער, נעמט מען בײַ יידן אָן פּראָצענט, זיי זאָלן חלילה קיין פּאַראיבל נישט האָבן.

אַך, האָט זיך נעבעך סאַלאָמאָן סאַפּראַנאָוויטש געפלאָגט, געערגערט זיך. אויסגעריסן געוואָרן! סטייטש, זײַן זון, זײַן סאַשאַ וויל מען נישט צונעמען אין גימנאַזיע! ערשטנס, איז ער נישט גלייך מיט אַלע יידן, איז באַקאָנט מיטן דירעקטאָר פון גימנאַזי־יע, קאָן זיך גוט מיט די לערער, שפּילט מיט זיי אין פּראָפע־ראַנס און אין ווינט. מיט איינעם אַ לערער, ראָמאַנענקאָ הייסט ער, האָט ער געהאַט אַ שמועס וועגן זײַן זונדל סאַשאַ, און האָט געכאַפּט פון אים אַ מיאוסן אָפּשניט: וואָס ווילט איר? וווהין קריכט איר? וואָס פאַר אַ שייכות האָט איר, יהודים, מיט אונזע־רע שולן, גימנאַזיעס, אוניווערסיטעטן? דאָרטן אין אייער לאַנד, אין ארץ־ישראל, וועט איר געבן אייערע קינדער שטודירן! דאָ וועט איר זיי לערנען האַנדלען, וואַנדלען, שאַכער־מאַכערן!...

אַ צעקאָכטער איז אַוועק פון אים אונזער אַפּטייקער, נישט געוווּסט, ווו זאָל ער אַהינטון די גרויע אויגן מיט די געלע ברעמען אונטער די בלויע ברילן. ערגער פון אַלץ האָבן אים גע־שטאָכן די ווערטער: „אייער לאַנד...“ „ארץ־ישראל“... ער, סאַלאָ־מאָן סאַפּראַנאָוויטש, איז אַזאַ מחותן מיט ארץ־ישראל, אַזוי ווי ראָמאַנענקאָ איז אַ מחותן מיט יושר... אַדרבה, אין שטאָט ווייסן אַלע, אַז סאַפּראַנאָוויטש, דער אַפּטייקער, איז אַ געפּערלעכער אַנטי־ציוניסט, „פּאָ פּרינציפּו“, האָט פײַנט די נייגעבוירענע יידי־שע סעקטאַנטן, וואָס רופן זיך נאַציאָנאַליסטן, אַ סך ערגער ווי איציקל שאָסטעפּאַל האָט פײַנט די ווייסע חברהניקעס, וואָס ווילן זיך צעטיילן מיט זײַן ביסל אָרימקייט — די סאָציאַליסטן“.

אין דעמדאָזיקן נאַיִוון מענה־לשון — עס זאָל הייסן מי־קלאָמפּערשטן די „טראַגישע פיגור“ פון דעם מאָדערנעם אַסימי־לירטן ייד — וויל שלום־עליכם אַריינלייגן דאָס אַלצדינג, וואָס

עס ליגט אים אויף דער צונג אין שייכות צו די קאַסרילעווקער „סטיקראַטן". מיט איין שרייבערישן שאָס וויל ער דאָ אַריינטרעפן אין די פאַרשידענע סאָציאַלע און געזעלשאַפטלעכע אַנטוישונגען, אויף וועלכע די אַסימילירטע יידן זענען אויסגעשטעלט אויפן פּאָרום פון דער גרויסער נישט־יידישער וועלט...

מיר האָבן נאָך אַ דריטע יידישע פאַמיליע. די פאַמיליע פון נחמיה דעם שוסטער. שלום־עליכם פירט דאָ אַריין אין דער האַנדלונג דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. דער שווער־פּונקט אָבער פון די געשעענישן שפּילט זיך אָפּ – איבער פאַרשטענדלעכע מאָטיוון, פון וועלכע איך וועל נאָך רעדן – אין די „העכערע" קרייזן פון דער יידישער געזעלשאַפט. אַזוי־צו־זאָגן, אין די ביר־גערלעכע „סטיקראַטיש"־אינטעליגענטישע ספערן. נחמיהן דעם שוסטער באַמיט זיך נישט שלום־עליכם אַזוי „פּסיכאָלאָגיש" צו צעלייגן אויפן טעלערל, ווי ער טוט עס, צ. ב., מיט די הויפּט־פאַרשוינען איציקל שאָסטעפּאַל און סאַלאָמאָן סאַפּראַנאָוויטש. נחמיה דאַרף דאָ נישט שפּילן דעם טראַגישן קאָנפליקט. ער גע־הער בלויז צו דער אַקטיווער אַטמאָספערע. צום כאָרוס. נחמיהן קומט דערפון גאָר אַרויס די גרעסטע טובה. ער מוז נישט טון פאַר שלום־עליכמען די שלעכטע אַרבעט, ווי עס טוען, למשל, יענע צוויי הויפּט־פיגורן. נחמיה ווערט נישט אַרויסגעפירט אויף דער גרויסער וועלט און ער קאָן זיך פאַרגינען צו פאַרבלייבן אין זיין נאַטורעל. עמך שער און אייזן. אַ שלום־עליכמיש באַ־ריידעוודיק שוסטערל:

„נחמיה איז אַ קאָרענאָסט יידל, אַ באַוואַקסנס מיט אַ ברייטער ברוסט, מיט ברייטע ביינעריקע פּלייצעס, מיט אַ ברייט ביי־נעריק פנים, מיט אַ צוגעפּלעצטע נאָז, און האָט ליב צוויי זאַכן: אַ ביסל בראָנפן און אַ סך רעדן". – דאָסזעלביקע איז זיסל, נחמיהס ווייב: „אַ קליין שוואַרץ ווייבעלע מיט קליינע שוואַר־צע ברענענדיקע אייגעלעך, פון פּאָרנט נישט איין צאָן".

זיי זענען ווייט נישט קיין פנים חדשותן אין שלום־עליכמס פּערסאָנאַזש. זיי פאַרבלייבן אָבער כמעט די גאַנצע צייט שלום־עליכמיש. שלום־עליכם פאַרדרייט זיי נישט די יאָרן.

פונקט ווי אין „צעזייט און צעשפרייט" זענען די טראַגי־
שע קעגנשפּילער פון די אַלטע פאַמיליעס — זייערע אייגענע קינ־
דער. דער דיאַלעקטישער ווידערשפּרוך ליגט אין דעם יונגן דור
פון דערזעלביקער פאַמיליע: טאַמאַראַ שאָסטעפאַל און סאַשאַ
סאַפּראַנאָוויטש.

איציקל שאָסטעפאַל און סאַלאָמאָן סאַפּראַנאָוויטש — אויף
וויפל זיי האָבן צו טון מיטן אַלטן שלום־עליכמישן מיליע — האָבן
זיי נאָך וואָסערע־עס־איז אויפבליצן פון כאַראַקטער. די טיפּן פון
דער „היסטאָרישער אַנטיטעזע" — די פאָרשטייער פון דעם נייעם
קעגנזעצלעכן יידישן דור — זיי האָבן דאָ בכלל ביי שלום־
עליכמען נישט קיין סימן פון קיין מענטשלעך פּנים. אין די „אַל־
טע" האָט שלום־עליכם געקאָנט אַריינלייגן געוויסע שטריכן פון
זיין קאַסרילעוקער וועלט. מיט דעם נייעם יידישן מענטש — דאָ
קומט־אַרויס די אָרימקייט פון שלום־עליכמס אינטעלעקט — ווייסט
ער אַבסאָלוט גאָרנישט וואָס צו מאַכן. עס איז אים פון אינעווי־
ניק־אויס פרעמד יעדער מענטש, וואָס דענקט נישט מיט קאַסרי־
לעווקער קאַטעגאָריעס. (וואָרים אויך דער קאַסרילעווקער גוי דענקט
שלום־עליכמיש!). שלום־עליכם באַדאַרף דאָ צו מאַכן היסטאָרישע
טראַגעדיע — טראַגישן כוחות־צוזאַמענשטויס. צווישן דעם קאַסרי־
לעווקער פּאַרשוינען־אַנסאַמבל, וואָס „ש פּ י ל ן" כסדר זיינע ווערק
געפינט זיך ממש נישט איינער, וואָס זאָל זיך קאָנען נ אַ ט י ר ל ע ך
צופּאַסן צו דערדאָזיקער פּאַראַנט־זאָרטלעכער ראָל. שלום־עליכם
מוז דעריבער — פונקט ווי אין „צעזייט און צעשפרייט" — אויפ־
דערגיך, און אויף זייער אַן אויבערפלאַכלעכן און באַנאַלן
אופן — צוזאַמענקלאַפּן אַ פּאָר אומגעלומפּערטע סענטימענטאַלע
מאַנעקענען, וואָס זאָלן אים זאָגן די נויטיקע דראַמאַטישע עברי.
ווי אַזוי אַזעלכע שטרויענע לעמעשקעס קאָנען באַשאַפן דאָס דראַ־
מאַטישע לעבן — נו, צו דעם באַדאַרף מען נאָר לייענען דעם
„מבול".

טאַמאַראַ שאָסטעפאַל איז איציקלס איינציקע טאָכטער:
„און מערקווירדיק ווי גאָט פירט די וועלט! באַדאַרף זיך
טרעפן אַזוי, אַז דווקא ביי דעם אַפּטייקער, דעם געוועזענעם (?)

קאָלבאַסניק און איצטיקן אַנטי־ציוניסט, שפּרינגט אַרויס אַ זון סאַשאַ, אַ הייסער פּייערדיקער נאַציאָנאַליסט, און ביי דעם בור־זשואַזנעם איציקל שאָסטעפּאַל, וואָס האָט מורא פאַר אַ סאָציאַ־ליסט ערגער ווי פאַר אַ רוסישן זשאַנדאַרם, וואַקסט אויס אַ טעכ־טערל טעמע, אָדער טאַמאַראַ, אַ פאַרברענטע, אַ פאַרקאָכטע סאָצ־יאַליסטקע״.

מיט אַזעלכע גראָבע נעט הייבט שלום־עליכם אָן צו בינדן די אינטריגע. שלום־עליכם שלעפּט דאָ אַריין דעם דראַמאַטישן מאָמענט פאַר די האָר. דעריבער טאַקע איז דער ראָמאַן אויף קיין איינציק אָרט נישט דראַמאַטיש. די דראַמאַטישע באַוועגונג איז די דיאַלעקטישע באַוועגונג פונם שיקזאַל. דראַמאַטישע באַ־וועגטקייט איז אַ פועל־יוצא פון אַן אָרגאַניש וועלט־איבערלעבע־ניש. אייגנשאַפטן, וואָס דעם קינסטלער האָט זיך נישט איינגעגעבן זיי טראַגיש צו פאַרטיפן — אַזעלכע אייגנשאַפטן לאָזן זיך נישט אויפס־כוח אַריינציען אין די טראַגישע געשעענישן און אין די טראַגישע פיגורן. וויפל שלום־עליכם זאָל זיך דאָ נישט געבן די מי אָט־אָ די — כלומרשט — אַנטיטעטישע יידישע משפחה צו פאַרוויקלען אין אַ דראַמאַטישן קאָנפליקט — עס קומט דערפון גאָרנישט אַרויס. שלום־עליכם קאָן דאָ נישט דערצינדן דאָס באַ־וועגנדיקע דראַמאַטישע פייער. ער קאָן בלויז אָנפילן די דראַמאַ־טישע בלויזן — מיט שטרוי, ד. ה., מיט לאַנגווייליקע דיסקוסיעס און דאָס טוט ער טאַקע. ליידער.

## VI

אָט אַזוי פרוּווט זיך ווידער שלום-עליכם אַרויסצופירן אויף דער גרויסער וועלט זיינע יידישע פאַמיליעס. דידאָזיקע יידישע פאַמיליעס גלויבט ער שוין צו האָבן רייף-געמאַכט פאַרן שיקזאַלפולן צוזאַמענשטויס מיט דער אָביעקטיווער וועלט. אַלץ איז שוין גרייט צום דראַמאַטישן שפיל, מען באַדאַרף נאָר — אַזוי גלויבט ער — אויסצושטעלן די ריכטיקע פיגורן אויפן דראַמאַטישן שאַכברעט. און ער שטעלט זיי טאַקע אויס; צוויי אַלטע פאַמיליעס: טעזן. צוויי פונם יונגן דור: אַנטיטעזן. שלום-עליכם איז זיכער, אַז עס האָט זיך אים איינגעגעבן צו פאַרשפינען די ריכטיקע דראַמאַטישע אינטריגע. ס'איז דאָ דאָס קרייץ-פייער פון די פראָבלעמען — איצט באַדאַרף מען נאָר צו זיי צוצוברענגען די ריכטיקע געשעענישן, דעם פאַסיקן רוים און די פאַסיקע צייט, — און דער גרויסער היסטאָרישער קאָנפליקט צווישן קאַסרילעווקע און דער אָביעקטיווער וועלט קאָן זיך פאַנאַנדערוויגן אין זיין גאַנצן פאַרנעם. פאַר דעמדאָזיקן אַנטשיידנדיקן היסטאָרישן שוישפיל פאַרגרעסערט שלום-עליכם זיין געוויינלעכע שרייבערישע בינע. די אַקציע גייט אויף צוויי רוים-פלאַכן. איין רוים-פלאַך איז דאָס אַלטע יידישע שטעטל. די צווייטע רוים-פלאַך — פעטערבורג, די רוסישע הויפטשטאָט, ווו עס וויקלען זיך פאַנאַנדער די גרויסע וועלט-געשעענישן. די אַלטע דורות, ד. ה., איציקל שאָסטעפאַל און סאַלאָמאָן סאַפראַנאָוויטש לאָזט ער איבער אין שטעטל. טאַמאַרען און סאַשען שיקט ער אַוועק אין דער גרויסער וועלט — קיין פעטערבורג.

די קאָנצעפציע איז, דוכט זיך, גרויסאַרטיק.

אָבער – שלום־עליכם האָט נישט באַוויזן צו קאָנסטרויִרן די אַקטיווע מענטשלעכע כאַראַקטערן צו דערדאָזיקער גרויס־פּאַר־מאָסטענער קאָנצעפּציע. זיינע פּאַרשוינען האָט ער אַוועקגעשטעלט אינמיטן אַ ברויזנדיקן צייטונגס־רעפּאָרטאַזש. אַ רעפּאָרטאַזש, וואָס זאָל דינען אַלס דאָס מאָטיווירנדיקע געשעען פאַר דער פאַנאַנדער־וויקלונג פון דעם היסטאָרישן שוישפּיל. אמת, דאָס רעפּאָרטירטע געשעען מאָטיווירט דאָ איבערגעגנוג די דראַמאַטישע האַנדלונג. דערין גראָד – אין דער שטאַרקייט פון די מאָטיוון – ווייזט זיך אַרויס דאָס אומבאַהאָלפענע און באַנאַלע פון די האַנדלענדיקע פּי־גורן. זיי זענען פּשוט נישט דערוואַקסן צו זייערע אויפגאַבן. זיי פאַרמאָגן נישט, די „אַקטיווע" כאַראַקטערן, קיין טראַגישן באַ־נעם און קיין טראַגישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די באַדייטנ־דיקע אָביעקטיווע מאָטיוון. פּראָווינציאַל און נאַיִוו באַנעמען זיי די סיטואַציעס, אין וועלכע זיי זענען אַריינגעשטעלט־געוואָרן צו האַנדלען. דורך דערדאָזיקער אומגליקלעכער נאַיִוויטעט פאַרוואַנד־לען די „דראַמאַטישע כאַראַקטערן" אַליין דאָס טראַגיש־דראַמאַטישע אין באַנאַלער מעלאָ־דראַמאַטיק. ד. ה., אָנשטאָט דער טראַגישער באַוועגונג פירט דאָרט אָן מיט דער אַקציע דער סענטימענטאַלער מכלומרשט־טעאַטראַלישער פּאַטאָס. דאָס „טעאַטראַלישע" וואָרט. דער פּוסטער פּאַטעטישער זשעסט אָן ווירקלעכער דראַמאַטישער איבערלעבונג.

מעלאָדראַמאַטישע טעאַטראַלישקייט און מעלאָדראַמאַטישער פּאַטאָס – מיט אַזעלכע נאַיִווע מיטלען גלויבט שלום־עליכם צו קאָנען בייקומען דעם שווערן געשיכטלעכן שטאָף פון זיין קאָנ־צעפּציע. זיינע הויפּט־העלדן זענען מאַריאָנעטנהאַפטיק מעכאַניזירט. ביים מינדסטן שטויס הייבן זיי באַלד אָן אַרויסצוזינגען דעם איינ־געחזרטן מזמור פון די צייט־פּראָבלעמען. טאַמאַראַ שאָסטעפּאַל און סאַשאַ סאַפּראַנאָוויטש – די נייע יונגע יידן, וואָס באַדאַרפן דאָ צונויפצובינדן קאַסרילעווקע מיט דער גרויסער וועלט, זענען טי־פּישע מעלאָדראַמאַטישע פיגורן. זיי פּלאָנטערן זיך אַרום איבערן רעפּאָרטאַזש. פאָרן אַהין־און־צוריק פון שטעטל (אגב, האָט דאָס שטעטל נישט קיין נאָמען, שלום־עליכם האָט עס עפּעס מורא אָנ־

י. י. טרונק, שלום־עליכם, 18.

צורופן קאַסרילעווקע) — קיין פּעטערבורג. זיי וואַרטן נאָר דערויף, אַז ס'זאָל זיי עמיצער אַצי־טון פאַר דער צונג, כּדי זיי זאָלן קאָ־נען אַרונטערזאָגן זייער רעפּליק. אַפילו ווען דאָס גאַנצע „טראַגישע" געזינדל פאָרן אַלע צוזאַמען אויף אַ פּאַעטאָנדל פון באַנהויף אַהיים, איז גענוג דאָס מינדסטע שטיך־וואָרט, אַז עס זאָל זיך באַלד צווישן די פיר „דראַמאַטישע" דורות ברייט פאַנאַנדערפירן דער גאַנצער באַגאַזש פון נאַיִווע און בטלנישע דיאַלאָגן:

„— אין דרויסן שמעקט שוין מיט פּסח, — באַמערקט איציקל שאָסטעפּאַל, נישט געפינענדיק קיין אַנדערע טעמאַ אויף צו מאַכן אַ רייד מיט זיין נישט־איינגענעמענעם שכן.

— עס וועט שוין באַלד אָנהייבן גרינען, — וואַרפט אַריין דער אַפּטייקער אַ וואָרט, אום נישט צו זיצן ווי אַ ברוגזער מחותּן.

— לעבן זאָל דער ייִדישער פּסח! — רופט אויס סאַשאַ מיט באַגייסטערונג.

— לעבן זאָל דער פרילינג! — פאַרריכט אים טאַמאַראַ.

— לעבן זאָל דער יום־טוב פון באַפרייונג! — זאָגט ווייטער סאַשאַ.

— לעבן זאָל די פרייהייט אַליין! — פאַרריכט אים ווידער טאַמאַראַ. און עס פאַרקייטלט זיך אַ שמועס צווישן די קינדער. די עלטערן זיצן און הערן זיך איין, און באַוואונדערן זיי, יעדער לויט זיין השגה, און יעדער פון זיי טראַכט ביי זיך אין האַרצן אַן אַנדערע מחשבה."

דידאַקטישע „פּראָבלעמען"־מאָטיוון חזרן זיך איבער אָן אויפ־הער, ווען עמיצער פון די העלדן טוט זיך נאָר אַ קראַץ פאַרן אויער. (זאָל דער לעזער אַליין לייענען און זיך איבערצייגן.) די ליבעס־אינטריגע ווערט תּמיד אַריינגעפּירט אין אַ שיקזאַל־ווערק מיט דער כּוונה פאַנאַנדערצושפּילן אַלע אַפעקטן און אויפצוטרייס־לען דאָס באַוווסטע און אומבאַוווסטע נשמה־לעבן פונם העלד. ערגעץ העלפט אונדז דערמיט צו אויפצושליידערן אַלע ניואַנסן און די פולע טענער־סקאַלאַ פון די מענטשלעכע כאַראַקטערן. אָט־אָ די ליבעס־אינטריגע ווערט דאָ אין „מבול" צוגעטשעפּעט אָן שום טי־פערער שיקזאַלהאַפטיקער נויטווענדיקייט. מיר האָבן כּלל דאָ נישט צו טון מיט כאַראַקטערן, וועלכע מיר ווילן דערקענען אין די טי־

פענישן פון זייערע אַפעקטן. נאָר וואָס־זשע דען? אַזוי ווי אין אַ כשרן ראָמאַן מוז זיך דאָך אָפּשפּילן אַ ליבע, טוט אונז שלום־עליכם צוליב און לאָזט אָפּשפּילן אַ ליבע. לאָמיר אָקאָרשט הערן: „און געקומען זענען זיי (טאַמאַראַס אויגן צו סאַשען אין חלום) צו אים מיט אַ פייער, מיט אַן אימפּעט (?), האָבן אים אַריינגענו־מען (?) מיט זייער פּראַכט און גלאַנץ, האָבן זיך צעגאָסן מיט אַזוי פיל חן, פריינטלעכקייט, מיט לייב און ליבשאַפט, האָבן ענדלעך (?) אַריינגעגנבעט צו אים אין האַרצן אַזוי טיף און באַזעצט (?) זיך ביי אים אין דער נשמה אַזוי פעסט, אַז מער פאַרגעסן זיי האָט ער שוין נישט געקאָנט, וויפל ער האָט זיי פון זיך נישט געטריבן".

שוין איינמאָל נוסח! ערגסטע מעלאָדראַמאַטיק. ביי אַזעל־כע ביליקע געמלאכהטע שטעלן איז — פאַרשטייט זיך — נישטאָ קיין שפור פון שלום ־ עליכמס אייגנטימלעכער שפּראַך*). דידאָזיקע מעלאָדראַמאַטישע ליבע צווישן טאַמאַ־רען מיט סאַשען וויל גאָר שלום־עליכם אויף זייער אַ נאַיִוון

---

*) פונם ווייטן אויסגעשטערנטן הימל האָט אַראָפּגעקוקט מיט אַ זילבער־נעם שמייכל די לבנה, לאַנגזאַם און מאַיעסטעטיש געשפּאַצירט, ווען־נישט־ווען זיך אונטערגעטונקט און טובל געווען אין אַ פאַרביילויפנדיק רויכיק וואָלקנדל, באַהאַלטן זיך אויף אַ מינוט, און ווידער אַרויס אויפן ברייטן פרייען הימל, צווישן די פינקל־דיקע קליינע שטערנדלעך, וואָס קוקן זיך איבער, שעמערירן און פינטלען און סודען זיך צווישן זיך, רעדן פון גאָט און פון זיינע אוצרות וועלטן, מיליאַרדן וועלטן! אַלצדינג, אַלצדינג שלאָפט. אַלע פענצטער זענען צו, אַלע פייערס זענען אויסגעלאָשן. אַלץ, אַלץ שלאָפט אין דערדאָזיקער פרילינגס־נאַכט, אין דערדאָזי־קער ערשטער נאַכט פון פסח. נאָר איין פענצטער אין איין הויז אויף וואַסילטשי־קאָווער גאַס איז אָפן אין דערדאָזיקער נאַכט, און נאָר איין וואַכעדיקער מענטש, טאַמאַראַ, שטייט און קוקט אַרויס פונם איינציקן אָפענעם פענצטער אין דרויסן אַרויס. שיקט איר בליק צו דער העל־זילבערנער לבנה און צו די מיליאַרדן פינקלדיקע וועלטן, וואָס הייסן שטערן, און טרוקן זענען די אויגן, און פאַרשטיי־נערט איז דאָס האַרץ, און דער קאָפּ איז פאַרטומלט, און נישט ליב איז איר די שיינע גרויסע וועלט, און פרעמד איז דער ווייטער, טיפער הימל, און וויסט איז די ערד, און פוסט און לעער איז אַלץ אַרום און אַרום, און אַ שווער־האַפטער

אופן פאַרבינדן מיט די טראַגישע פּראָבלעמען פון זיין קאָנצעפּ־
ציע. ער וויל זי, נעמלעך, אויסנוצן אין דעם קעגנשפּיל פון די
שיקזאַלן; סאַשאַ דער ציוניסט – זון פון אַסימילאַטאָר סאַלאָמאָן
סאַפּראַנאָוויטש – פאַרליבט זיך אין דער קאָסמאָפּאָליטישער סאָצי־
יאַליסטקע טאַמאַראַ – טאָכטער פונם קאַסריליק איציקל שאָס־
טעפּאַל. דער טראַגישער צוזאַמענשטויס פון די דורות זאָל אַרויס־
קומען „געקניפּט־און־געבונדן". אין דעמדאָזיקן ווערק זוכט שלום־
עליכם בכלל אַרום מיט ליכט דעם טראַגישן אַקצענט. ער קוועטשט זיך
און נויט זיך, כּדי צו פאַבריצירן (אויף אַ מעלאָדראַמאַטישן שטיי־
גער, פאַרשטייט זיך) כּל־המיני דראַמאַטישע טריקן – אַבי נאָר
צו מאַכן דאָס, וואָס עס קאָן אים דאָ בשום־אופן נישט געלונגען, –
נעמלעך, וואָרהאַפטיקע טראַגישע באַוועגטקייט. אַזוי, צ. ב., פירט

---

עלנט, און א מוראדיקער צער, און א קאַלטער צאָרן נעמען ארום די נשמה, ווי
מיט צוואנגען, און עס ווילט זיך איר שרייען, שרייען..."

„שטיל קוקט־אראָפּ אויף דער מרה־שחורהדיקער הימל מיט זיינע מיליאַרדן
פינקלדיקע וועלטן אויף דער קליינער חוצפּהדיקער ערד, וואָס מיינט און וויל
איינרעדן אויך יענעם, אז צוליב איר האָט דאָס גאָט באַשאַפן אָט די גרויסע רי־
כע מיליאַרדן־שטערנדיקע וועלט. שטיל, פינצטער, חושך; זי וויל נישט דערציילן,
די שטילע פינצטערע חושכדיקע נאַכט, וואָס ס'איז פאָרגעקומען דאָרט, אין די
חושכדיקע, אָרימע שמוציקע יידישע גאַסן און געסלעך, אין די חושכדיקע, אָרי־
מע שמוציקע יידישע הייזער און הייזלעך, ביי די דערנידעריקטע, אָרימע, הונגע־
ריקע, אומגליקלעכע, נאַקעטע און באָרוויסע. פאַרוואָרפענע, פאַרגעסענע און דער־
שלאָגענע — — — ניין, זי וויל נישט דערציילן, די שטילע פינצטערע חושכ־
דיקע נאַכט, וואָס עס איז פאָרגעקומען דאָרט! אויך שווייגט די שטילע פינצט־
רע חושכדיקע נאַכט פון די שטילע פינצטערע געהיימע פאַרזאַמלונגען אין שטילע
פינצטערע געהיימע קעלערס, ווו שטילע פינצטערע געהיימע מענטשלעך האָבן
אויסגעטיילט די אַרבעט, זיי זאָלן זיין גרייט צו „מאָרגנדיקן טאָג"... און נאָך און
נאָך אַ סך זאַכן זענען אָפּגעטון געוואָרן אין דערדאָזיקער שטילער, פינצטערער
חושכדיקער נאַכט. און זי שווייגט, די נאַכט. זי וואַרט אויפן ליכטיקן פרישן פרי־
מאָרגן. ער וועט קומען, דער געוואונטשטער ליכטיקער פרימאָרגן. ער וועט קומען
און מע וועט עס אַלצדינג דערציילן — — — אין פרייען".

ער פלוצים אין דער האַנדלונג אַריין אַ קליין קינד. זוזיאַ, מיטן נאָמען. דאָסדאָזיקע קינד באַדאַרף שלום־עליכם צו האָבן מיטן לעבן, כּדי – עס צו לאָזן דערהרגענען אין דער היסטאָרישער אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע אויף די פּעטערבורגער גאַסן, 9 יאַנואַר 1905. דאָס אומשולדיקע קינד, נעבעך. ווי געוויינלעך, איז דער־דאָזיקער אומגליקלעכער זוזיאַ נישט אַבי־ווער. ער איז אַ וווּנדער־קינד. אַ מלאך, אַזוינס און אַזעלכעס, וואָס די וועלט האָט נאָך נישט געזען און נישט געהערט. אָט איז די באַשרייבעניש פון דעמ־דאָזיקן נפש, וואָס דאַרף געבּרענגט־ווערן אויף דער עקידה פונם „מבול״:

„דערזען דאָס ערשטע מאָל זוזיאַן האָט זי (מאַשאַ) אים שיער נישט אויפגעגעסן. נישט נאָר ער האָט זי געגומען מיט זיין ווייס מאַרמאָר מלאכיש פּנימל, לאַנגע זיידן־קאָלירענע לאָקן, טיפע הימל־בלויע אויגן, אויסגעטאָקט נעזל, קליין מיילעכל, אַנ־טיטשנע מאָרדעלע, קלאַסיש געשטאַלט און אויסערגעוויינלעכע גראַציע; ער האָט זי באַצויבערט מיט זיין באַנעמען זיך, מיט זיין האַלטן־זיך, מיט זיין רעדן און מיט זיין שפּראַך. ער האָט איר פאַרגעבן אַזעלכע פראַגן און האָט איר געענטפערט אַזוי קלוג און שאַרף, אַז מאַשאַ איז אַרויס פון די כּלים״. דאָסגלייכן טרעפן מיר זיך מיט אַ לייבהאַפטיקן נביא, (קענטיק אונטערן איינפלוס פון ביאַליקס „משא נמירוב״). עפּעס אַ משוגענער ייד. (פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז דער פאָטער פון דער רעוואָלוציאָנערקע מאַשאַ, וועלכע האָט זיך אויפגעהאָנגען אין תּפיסה). דידאָזיקע נביאישע קאַסאַנדרע אין מאַנסבילשע פלודערן טרעט־אויף מיט אַ ווילדן מיתה־משונהדיקן לשון:

„הערט צו פעלקער – אַזוי האָט ליפּאַ אָנגעהויבן מיט אַ ניגון פון פּסוק – פאַרנעמט איר מענטשן פון דער וועלט, וואָס מיין מויל טוט צו אייך רעדן אַצינד. וואַכט אויף פון אייער שלאָף, הויבט אויף אייערע אויגן אַרויף און אַראָפּ (?), אַרום און אַרום, און זעט, ווי עס כמאַרעט זיך דער הימל, שוואַרצע וואָלקענעס טראָגן זיך אין דער לופטן, דער ווינט טוט זיי טרייבן מיט אַ גרויס אייַלעניש, און זיי פאַרדעקן דעם גאַנצן הימל. אָט באַלד

ברעכט אויס אַ שטורעם, אָט באַלד קנאַלט אויס אַ דונער און טוט אַ זעץ אַ רעגן, אַ שלאַקס-רעגן, אָבער נישט קיין רעגן פון וואַסער, נאָר אַ רעגן פון בלוט. עס פליסן טייכן, טייכן פון בלוט לויפן באַרג אַראָפּ, פילן אָן די הייזער, טרייבן אַרויס די מענטשן אויף דער גאַס, לויפן אַרום ווי משוגעים, שרייען און פילדערן, קוקן אַרויף, גייען ביזן האַלז אין בלוט און רופן צו גאָט, ער זאָל זיי העלפן. אָבער ער הערט נישט, דער גאָט, ער איז אַ גאָט פון נקמה, ער קאָן אייך נישט פאַרגעסן אייערע זינד און אייער שולד, וואָס איר טוט פאַלשן, נאַרן איינער דעם אַנדערן, שווינדלען און ליגנערן און פאַרגיסן אומזיסטיק בלוט״.

„זאַמלט אייך צונויף אַלע, איידער עס קומט דער בלוטי-קער מבול אויף דער וועלט, טוט תשובה, זייט מתפלל און זאָגט: אנא ד׳ הושיעה נא, עגעדען, מאַגעדען, מאַגדאַדען, עעעעגעדען, מאַגעדען, מאַגדאַאַדען (???)״.

„— רב ליפּא! אפשר וועט איר עפּעס עסן? — פרעגט אים נחמיה דעם שוסטערס ווייב.

— עסן? — פרעגט ליפּא און פאַלט אַריין צוריק אין זיין פריערדיקן נביאותדיקן טאָן אַריין. — אייער אייגן פלייש וועט איר עסן, איינס דאָס אַנדערע לעבעדיקערהייט, אַ מוטער וועט אויפפרעסן איר אייגן קינד, און קינדער וועלן מאַכן אַ סעודה (!) פון זייערע עלטערן, אַ ברודער וועט פאַרקויפן זיין אייגענע שוועסטער, אַ חתן — זיין כלה. עס וועט אויסגעמעקט ווערן דאָס וואָרט „רחמנות״ פון דער וועלט, ביז גאָטס צאָרן וועט נישט אויס-געגאָסן ווערן אין אַ גרויס דערטרינקעניש, אַ מבול פון בלוט און טרערן. דאָס זענען די טרערן פון אַלמנות און יתומים, פון אַלטע פאָטער און מוטער, פון שוועסטער און ברידער, וואָס האָבן זיך נעלאָזט פייניקן פון די אומריינע רשעים און האָבן נישט געוואָלט רופן צו גאָט און לויבן זיין נאָמען און זינגען צו אים אויף אַ קול״: עגעדען, מאַגעדען, מאַגדאַדען! עגעדען, מאַגעדען! מאַאַ-גאַאַדען!!! עעעעגעדען, מאַגעדען, מאַגדאַאַאַדען!״

עס גלויבט זיך ממש נישט, אַז דערדאָזיקער ווילדער תרגום שטאַמט פון שלום-עליכמס פעדער. ער איז זיכער געמאַכט-געוואָרן

מיט דער נאַיִוועטער כּוונה צו „פאַרטיפערן", אַזוי־צו־זאָגן, דעם ראָמאַן, און „וועלט־טראַגישער" צו מאַכן די באַוועגונג. מיר זעען: שלום־עליכם האָט אָנגעוואָנדן כּל־המיני מיטלען. ער באַרעט זיך מיט זיך אַליין און שטעלט זיך אַפילו נישט אָפּ פאַר דעם אויסטער־לישן פאָנעטישן קוידערוועלש. אין דערדאָזיקער קאָנצעפּציע — לכתחילה אַן אויסגעטראַכטע, אַן אויבנאויפיקע, פון שלום־עליכמען נישט־טיף באַנומענע — איז שלום־עליכמען גאַנץ לייכט געווען אַריינצופּאַקן ווי אין אַ זאַק, אַלץ וואָס ער האָט נאָר געהאַט אויף דער לונג, געהערט, געזען, אָדער פּשוט—געלייענט אין דער פּרעסע. ער שפּיקעוועט־אָן דעם ראָמאַן מיט פאַרשידענע פאַרשוינען און פאַרשידענע סיטואַציעס — אָבער אין דערדאָזיקער מעלאָדראַמאַ־טישער אַטמאָספערע קאָן פון קיין איין פיגור זיינער נישט ווערן קיין געשטאַלט און פון קיין איין סיטואַציע — קיין דראַמאַטישער מאָמענט. עס בלייבט מעלאָדראַמע. מיר האָבן, למשל, אַזאַ פיגור, ווי דער פאָליציי־אַגענט יאַשקאַ וואָראָנאַ. דערדאָזיקער „פאָליציי־אַגענט" איז נישט מער און נישט ווייניקער — זאָל עס דער לע־זער מיר נישט נעמען פאַראיבל — ווי אונזער ליבער גוט־האַרצי־קער שלימזל מנחם־מענדל. מנחם־מענדל אין דער אומגליקלעכער ספּודניצע פון אַ „געהיים־אַגענט". מנחם־מענדלשע „גליקן", משטיינס־געזאָגט. אין דעמדאָזיקן יאַשקאַ וואָראָנאַ האָט, אייגנטלעך, שלום־עליכם באַקומען אין דער האַנט אַריין אַ ווונדערלעכן טראַגי־קאָמישן מאָטיוו. אָבער אויך פון דער גראָטעסקער אויסגאַבע פון אַ מנחם־מענדל אַלס „פאָליציי־אַגענט" האָט ער נישט באַוויזן עפּעס צו מאַכן. יאַשקאַ וואָראָנאַ וויל טון „שפּיצל־דינסט", ד. ה., ער באַדאַרף דאָס אויסצוגעפינען די פאַרקאָנספּירירטע רעוואָלוצ־יאָנערקע מאַשאַ. דערבּיי איז יאַשקאַ באַריידעוודיק טאַקע ווי מנחם־מענדל. ער איז אַ ווייבערישער פלוידערזאַק און אַ פריטשעפּע, און עס פעלט אים נאָר אויפן היטל זיינעם אַ בלעכל מיט אַן אויפשריפט, אַז דאָ גייט עס דער „פאַרשטעלטער געהיים־אַגענט יאַשקאַ וואָראָנאַ". כּדי מ׳זאָל אים „נישט דערקענען" גייט יאַשקאַ אָנגעטון אין קאָ־לירטע ברילן. פּרעכטיקע נאַיִוויטעט! אין אַן אַנדערער קאַסרי־לעווקער נאָוועלע וואָלט אַזאַ מנחם־מענדלשער „געהיים־אַגענט"

אַרויסגעקומען אַ פּראַכט־שטיק. אַ גראָטעסקע פיגור אין טראַגי־קאָמישן שאָטנשפּיל. אין אַזעלכע מאָטיוון איז דאָך שלום־עליכם אַ מייסטער. וואָס האָבן מיר דאָ דערפון? אין דער צוגויפגעשלעפּט־קייט פון דער „אָביעקטיוו־טראַגישער און וועלט־היסטאָרישער קאָנצעפּציע" מוז, נעבעך, דערדאָזיקער אומגעלומפּערטער שלימזל שפּילן די ראָל פון אַ רעאַליסטישן אינטריגאַנט. שלום־עליכם באַ־דאַרף אים גאָר צו האָבן צום טראַגישן מאָטיוו. נעבעך. אויב אַזאַ ווייבערישער מנחם־מענדל איז בכּוח צו טויגן צו דער דראַמאַ־טישער אינטריגע — נו, דערמיט דעקט נאָר שלום־עליכם אויף די אויבערפלאַכלעכע און פּראָווינציאַל־קליינבירגערלעכע נאַיִווי־טעט זיינע.

איבער אָט־אָ דעם כאַאָטישן רעפּאָרטאַזש שלעפּט שלום־עליכם אַרום די פיר הויפּט־פּאַרשוינען, וואָס באַדאַרפן אים צו מאַכן די „אידעע" פונם ראָמאַן. אויב דידאָזיקע פיר מענטשן זענען סוף־כּל־סוף נישט מער ווי לאַנגווייליקע נודניקעס — איז עס זיכער די שולד פון שלום־עליכמען פּערזענלעך. זיי זענען נאָר די אומבאַהאָלפענע טרעגער פון שלום־עליכמס אידעיִשן באַגאַזש. און ער שטופּט זיי אומעטום אַריין, ווו עס לאָזט זיך נאָר דעמ־דאָזיקן באַגאַזש אויסלאָדענען. דידאָזיקע שפּינער פון דער גרוי־סער וועלט־טראַגעדיע פון די יידישע דורות שטייען גראָד — וואָס שייך זייער טראַגישן מהות — טיף הינטער שלום־עליכמס קליינע מענטשעלעך. און עס איז אויך נאָר די שולד פון שלום־עליכמען פּערזענלעך. אַרויסגייענדיק פון די סוביעקטיווע גרע־נעצן פון קאַסרילעווקע פּאַרלירט ער, צוגלייך מיט זיין וווּנדער־לעכער שפּראַך, אויך זיין שאַפערישע אינטויִציע, זיינע וואַלאָרן און זיינע קינסטלערישע טיפקייטן. נאָר אויפן באָדן פון קאַסרי־לעווקע באַווייזט שלום־עליכם צו געפינען די טיפסטע ברונעמער פון יידישן לעבנס־וואַסער. נאָר אין קליינעם קאַסרילעווקע איז שלום־עליכם אימשטאַנד צו זען די וועלט אין איר העלסטן ליכט און אין איר טיפסטן שאָטן. גראָד אין די קליינע מענטשעלעך באַ־ווייזט שלום־עליכם אויפצודעקן אַ מענטשלעך גרויסקייט. אין דער גרויסער וועלט, אָבער, צווישן די גרויסע געדאַנקען און די

גרויסע טאַטן, צווישן מענטשן, וואָס ווילן אַרויסשטרעקן זייערע קעפּ איבער דער אַלטעגלעכקייט און רופן העראָיִש אַרויס דאָס שיקזאַל צום קאַמף אויף דער גרויסער אַרענע פון דער געשיכטע — דאָרט שרומפּט־איין דאָס קליינע מענטשעלע שלום־עליכם. נאָר די קליינע טאַט באַווייזט אים די מאָס פון טיפסטן מענטשלעכן געמיט. אונטער דער וואָג פון דער גרויסער טאַט פאַרלירט ער זיך, שלום־עליכם. ער קאָן זיך סיי פּסיכיש, סיי קינסטלעריש נישט אויסלעבן אין דער גרויסער טאַט. זיינע פליגל טראָגן אים נישט איבערן גרויס־פאַרמאָסטענעם שטח.

וויפל שלום־עליכם זאָל זיך נישט באַמיִען צו פאַרבלייבן אין זיין עלעמענט אויך מחוץ פון די גרענעצן פון ליבן און טיף־מענטשלעכן קאַסרילעווקע, — עס געראָט אים נישט. אין די ברייטע פליינען פון דער וועלט איז ער דער קליינבירגערלעכער פּראָווינצ־יאַל. עס איז אפשר נישט זיין קינסטלערישער געניוס, וואָס פאַר־לאָזט אים גראָד ביי יענע גרענעצן. שלום־עליכמס שמאָלער אינ־טעלעקטועלער וועלט־בליק ווייזט אים נישט דעם וועג אַהין אין ווייטערע און גרעסערע שטחים פון לעבן. אין די אויסגעשפּרייטע רוימען פון ווילן און טאַט—וואַהין שלום־עליכם וויל זיך אַריבער־קריגן — דאָרט טאַפּט ער ווי אַ בלינדער. שאַפן — איז זען. ווייל שלום־עליכם זעט נישט — אין פּראָבלעמאַטישן קוואַנטיטאַטיוו — דעם גרויסן שטח, שאַפט ער אויך נישט — אין פּראָבלעמאַטישן קוואַנטיטאַטיוו — דעם גרויסן שטח. דאָ בלאָנדזשעט שלום־עליכם. אָבער ער בלאָנדזשעט דאָ תמיד פון דער טאַט — צו דער טאַט־לאָזיקייט. אינם שווערן געראַנגל פון גרויסע מענטשלעכע מעשים — באַגניגנט ער זיך, דער גרויסער שלום־עליכם, מיט אויפגעבלאָ־זענע פראַזן, וואָס וועגן גאָרנישט און זענען צו גאָרנישט נישט מחייב. און עס איז כדאי צו באַמערקן: אין די ווערק שלום־עליכמס — ווי דער „מבול", „צעזייט און צעשפּרייט" וכדומה — פאַרלאָזן אים די אַלע שוסטערלעך און שניידערלעך — דאָס „עמך שער און אייזן" — אָט די האָרעפּאַשנע יידישע מאַסן־מענטשן, וואָס האָבן אים אַזוי וווּנדערפול געדינט אַלס מאַטעריאַל פאַר די קליינע מעשיות פון די קליינע מענטשעלעך. אינם „מבול" גייט

די הויפּט־האַנדלונג אין די „אויבערשטע שטאָקן", ביי איציקל שאָסטעפּאַל און סאַלאָמאָן סאַפּראַנאָוויטש — יענע שטיבער, וואָס זענען אַמפּרעמדסטן שלום־עליכמס קינסטלערישן ווען — און וווּ־אַהין ער וויל זיך „אַריינכאַפּן" מיט דעם נאַיִוון גלויבן, זיך דאָרט צונויפּצוטרעפן מיטן שיקזאַל פון דער וועלט. דאָס האָרעפּאַשנע פּראָלעטאַרישע דור פון נחמיה דעם שוסטער שפּילט דאָ די צווייט־ראַנגיקע ראָל. עס זיצט אין קעלער — ווי אַן אונטערשטער באַ־גלייט־כאָר אין דער האַנדלונג — און עס לייגט זיין האַנט נישט צו, צו דער וואָג־שאָל, וווּ שלום־עליכם גלויבט צו געפינען די אַנטשיידונג. דאָס נייע דור פונם „עמך" פּאַסט זיך נישט אַריין אין שלום־עליכמס געזעלשאַפטלעכע האָריזאָנטן. דאָס אַנטשיידנ־דיקע שיקזאַל רופט עס צו גיין אויף אַנדערע וועגן, — וואָס פירן זיכערער אַרויס פון קאַסרילעווקע צו דער וועלט.

אויף יענע אַנדערע וועגן האָט אָנגעהויבן זיין היסטאָרישן גאַנג דער יידישער פּראָלעטאַר־אַט.

איבער „טביה דעם מילכיקן" — אַ קליין ביכעלע פון אַ קליין מענטשעלע האָט שלום־עליכם אָפּגעאַרבעט אַ גאַנץ לעבן*). אַזעלכע וועלט־היסטאָרישע ראָמאַנען ווי דער „מבול" אָדער דער „בלוטיקער שפּאַס", האָט ער אָנגעשריבן „איבער נאַכט". דידאָ־זיקע לייכטע פּרוכטבאַרקייט איז זיכער נישט געווען דער פּראָ־דוקט פון זיין קינסטלערישן טעמפּעראַמענט. עס איז געווען די איבעראייליקע אויבנאויפיקייט, מיט וועלכער שלום־עליכם איז צוגעגאַנגען צו דידאָזיקע וויכטיקע פּראָבלעמען.

*) מיר וועט נאָך אויסקומען צו רעדן, ווי יענעם העראָיש־היסטאָרישן זשעסט, וועלכן שלום־עליכם האָט אומזיסט געזוכט אין די קליינבירגערלעכע „חויכע פּענצטער" מחוץ קאַסרילעווקע האָט ער שפּעטער, אין זיין רייפקייט, געפונען אין די קליינע מענטשעלעך פון קאַסרילעווקע. נאָר וועגן דעם — אין שייכות מיט די טביה־מעשיות.

## VII

מיר זענען פֿון דעמזעלבן שטאָף
ווי דער, וואָס איז צו חלומען געמאַכט,
און ס׳רינגלט אַ שלאָף אַרום
דאָס קליינע לעבן אונזערס.
(שעקספּיר : „שטורעם״)

שלום־עליכמס פּרוּוון אַרויסצופֿירן די קליינע מענטשעלעך פֿון זייער קאַסרילעווקער קרייז אויף אַנדערע, אָביעקטיווע לעבנס־פֿלאַכן האָבן זיך תּמיד געענדיקט מיט אַ קינסטלערישן מיסדער־פֿאָלג. אויפֿן שטח, אָבער, ווו שלום־עליכם איז יאָ בכּוח־געווען צו לאָזן אויסוואַקסן די קליינע מענטשעלעך אין זייער פֿולער גע־שטאַלט — דאָרט איז ער כּסדר נישט מיד־געוואָרן אַלע מאָל פֿונ־דאַסניי פֿאַר זיי צו זוכן בייע געשטאַלטונגס־פֿאָרמען. מיר האָבן געזען ווי די צוגעפּאַסיקסטע פֿאָרם פֿאַר זייער געשטאַלטונג איז דער מאָנאָלאָג. דאָס וווּנדערלעכע טעאַטער־שפּיל פֿון מענטש־לעכע לעבנס־ווּנטשן און ווּנטש־פֿאָרשטעלונגען — מיט וועלכע שלום־עליכם האָט פֿול־געשריבן זיינע ווערק — דידאַקטיקע טראַ־גישע שאָטנשפּילן, האָט שלום־עליכם נישט בלויז געוואָלט זען „פֿאַרקערפּערט״ אינם שפּראַך־מאַטעריאַל; ער האָט פֿאַר זיין „טע־אַטער״ געזוכט נאָך אַן אַנדערן רוים, אַחוץ דעם רוים פֿון דער שפּראַך. דעם הויפּט־עלעמענט אין שלום־עליכמס קונסט — דאָס טעאַטראַלישע וועלט־געפֿיל — האָט ער געוואָלט אַרויספֿירן אויף יענער גרויסער ווּנדערלעכער וועלט, וואָס קאָן זיך מצמצם־זיין

אין אַ צייט, — וואָס איז נישט מער ווי וויניקע שעהן פון אַן אָוונט, און אין אַ רוים — פון עטלעכע צונויפגעקלאַפּטע ברעטער. אויף דער וועלט פון דער טעאַטער־בינע — אָ, אָרימע און זייער רייכע קאָמעדיאַנטישע דימענסיע! — דער עקזיסטענץ־שטח, ווו לעבן איז נישט מער ווי שוים און שאָטן, טרוים און ווונטש, קלאַנג און שפּיל.

מיר האָבן אַזעלכע פּרוּוון ביי שלום עליכמען, ווו פון מנחם־מענדלס חלומות ווערן געשטאַלטפולע האַלוצינאַציעס. דאָ וויל שלום־עליכם דעם פולן סוביעקטיוון מעכאַניזם פון דער פּסיכיק פון זיינע פּאַרשוינען אַרויפּברענגען אויף די בינע־ברעטער אַלס אָביעקטיווע שוישפּילערישע געשטאַלטונג. עס איז אים נישט געלונגען, ווען שלום־עליכם האָט זיך געוואָלט באַנוצן מיט דער טעאַטראַלער פאָרם,—צ. ב. „צעזייט און צעשפּרייט” — כדי צו פאַרקעגנוואַרטיקן די דראַמאַטישע קאָנפליקטן צווישן די סוביעקטיווע קאַסריליקעס מיט דער אָביעקטיווער וועלט. נישט ווייל דער רוים פון דער טעאַטער־בינע איז נישט געווען די דימענסיע פאַר די שוישפּילן פון שלום־עליכמס וועלט־געפּיל. די שולד איז דאָ געלעגן אין דעם הויפּט־מאָטיוו — דעם דראַמאַטישן קאָנפליקט — וועלכן ער האָט נישט געקאָנט אויפבויען און געשטאַלטיקן. ווו שלום־עליכם האָט אָבער גענומען די טעאַטראַלישע פאָרם נישט אַלס אָביעקטיוון שיקזאַל־מאָטיוו — געזעלשאַפטלעכן כוחות־צוזאַמענשטויס און געזעלשאַפטלעכן קאָנפליקט — נאָר ער האָט זי פאַנטאַסטיש געזען אַלס שאָטנהאַפטיק וועלט־שפּיל, אַלס סצענישע וויזיע,—דאַן האָט עס גאָר גערייצט זיין קינסטלערישן טעמפּעראַמענט צו פאַרטיפערן דאָס שיקזאַל פון די קליינע מענטשעלעך גראָד דערמיט, וואָס ער ברענגט זיי אַרויף אויפן שטח פון דער בינע. דידאָזיקע קינסטלערישע טאַט אַרויפצוברענגען די שאָטנ־וועלט פון קאַסרילעווקע אויף דער שאָטן־דימענסיע פון דער בינע, — זי באַלאַנגט אייגנטלעך צו דער פּשוטער לאָגיק פון שלום־עליכמס מהות. דווקא צו דערדאָזיקער פּשוטער לאָגיק געהער אַ סך פאַנטאַזיע, עלאַן, פיל קאָנסעקווענץ, און וואַגעניש. שלום־עליכם האָט עס געטון. ער האָט געוואַגט אַריינצוברענגען דאָס

יידישע קליינע מענטשעלע – דעם טרעגער פונם יידישן וועלט־
געפיל – אַלס שווישפּילערישע און וויזיאָנערע פיגור אין דער
חלום־וועלט פון די בינע־ברעטער.

## VIII

צוויי זעלטן־געראָטענע בינע־שפילן פאַרמאָגן מיר פון שלום־עליכמען. בינע־שפילן, ווו מיר זעען די סוביעקטיווע שלום־עליכמישע וועלט אין פולער פלאַסטישער טעאַטער־פאָרשטעלונג. דידאָזיקע צוויי פרעכטיקע בינע־שפילן הייסן עכטע מנחם־מענדלשע נעמען: „דאָס גרויסע געווינס" און „דער אוצר" („גאָלדגרעבער").

אינם „גרויסן געווינס" ווערט דער הויפט־טראָפ געלייגט אויף דעם פאָלגנדיקן אָריגינעלן — און זייער טעאַטראַלישן — מאָטיוו, נעמלעך: דער שיקזאַל — שיקזאַל איז נאָר די אייגנט־לעכע לעבנס־ליניע פון כאַראַקטער — טיילט זיך אָפ פונם כאַ־ראַקטער ווי אַ גראָטעסקער טאָפל־איך. אין זיין פאַרווירקלעכונגס־שפיל — אַלס טאָפל־איך — אויף דער בינע, ברענגט דער שיק־זאַל מיט דער גרעסטער באַוווסטקייט אַרויס דאָס וואָס ער איז אין זיין אמתן מהות, ד. ה„ דער סך־הכל פון כאַראַקטער־אייגנשאַפטן — דער אייגנשאַפטס־סך־הכל, וואָס האָט זיך פאַר־וואַנדלט אין לעבנס־אַקטיוויטעט.

אָט־אָ דאָס טיפע דערקענטעניש וועגן דעם וועזן פון שיק־זאַל, איז ביי שלום־עליכמען זיכער נישט קיין פילאָזאָפישער אויסבליק. הגם דאָסדאָזיקע דערקענטעניש איז דער קאָנסטרוקטי־ווער הינטערגרונט פון זיין שאַפן. גראָד ביי אַזעלכע סוביעקטי־וויסטן, ווי עס זענען די שלום־עליכמישע מענטשן — ד. ה„ ווו דאָס גאַנצע געביט פון דער לעבנס־פונקציע גייט נישט אַרויס פון דעם שטח פון דער לעבנס־פאָרשטעלונג — זעט מען קלאָר און באַ־שיינפערלעך ווי דער שיקזאַל איז נישט מער און נישט ווייניקער, ווי דאָס געשטאַלט פונם כאַראַקטער. ביי שלום־עליכמען פליסן

סוף־כל־סוף די באַוועגונגען פונם שיקזאַל נישט אַריבער די גרע־ נעצן פון דעם סוביעקטיוון פאָרשטעלונגס־געפיל. מען ברענגט די ביידע מכלומרשטע „טאָפּל־וועזנס“ — דעם כאַראַקטער און זיין שיקזאַל — אַרויף אויף דעם אָפּגעגרענעצטן רוים פון דער בינע. זיי געפינען זיך דאָרט כסדר צוזאַמען פאַר די אויגן פונם צושויער אין דער סימביאָזע פון זייער באַוועגונגס־שפּיל. אין אַזאַ אַספּעקט איז דאָס אָרגאַנישע צוזאַמענגעבונדנקייט פון כאַראַקטער און זיינע אַקטיווזירטע אויסשטראַלונגען — דער שיקזאַל — אויסגעבויט אַלס איין גאַנצער פענאָמען. אין דעם ליגט טאַקע דער סוד, וואָס די טראַגישע דערשיינונג אין דער קונסט — איבערהויפּט אין דער דראַמע און אויף דער טעאַטער־בינע — ווירקט אויף אונז פיל דערשיטערנדיקער, ווי די טראַגישע דערשיינונג אין לעבן. אינם רוים און אין דעם צייט־פאַרלויף פון געוויינלעכן לעבן זע־ נען מיר פּשוט נישט אימשטאַנד צו זען דעם גרויסן אָרגאַנישן צוזאַמענהאַנג צווישן כאַראַקטער און שיקזאַל. מיר זעען זיי ווייניק צוזאַמען אין דער אָפּוויקלונג פון זייער גענעטישער ליניע. די אָפּוויקלונג פון געוויינלעכן לעבן און זיין שיקזאַל גייט זייער לאַנגזאַם און עס ווערט כסדר איבערגעריסן פון פאַרשידענע זייי־ טיקע און נישט־וועזנטלעכע אינטערמעצאָס. דערקעגן האָבן מיר אויף דער בינע דעם פולן רוים און די פולע צייט פאַר דער גע־ מיינזאַמער טעטיקייט פון כאַראַקטער און שיקזאַל. אויף דער בינע באַקומען מיר אַרויף דעם גאַנצן כאַ־ ראַקטער און דעם גאַנצן שיקזאַל. ערשט דאַן זעען מיר ווי איינער איז נאָר דער טאָפּל־שאָטן פון דעם צווייטן.

אין דידאַקטיקע צוויי קאָמעדיעס האָט שלום־עליכם אַנטוויקלט דעם גאַנג פון שיקזאַל נאָר לויטן מהות פונם כאַראַקטער. דער־ פאַר זענען זיי אים געראָטן. אין זיינע איבעריקע דראַמעס און אין זיינע סאָציאַלע ראָמאַנען איז ער דורכגעפאַלן. דאָרט איז דער גאַנג פונם שיקזאַל אַבסאָלוט נישט געווען אין איינקלאַנג מיט דער קאָנסטרוקציע פונם כאַראַקטער. די שיקזאַלן זענען דאָרט געשטאַנען אין פולשטענדיקסטן ווידערשפּרוך צו די האַנדלענדיקע כאַראַקטערן.

## IX

דאָס „גרויסע געווינס״ (פּונקט ווי „דער אוצר״) זענען סצענישע מערכן־שפּילן. דער מאָטיוו, װאָס ברענגט־אַרויף דאָס שפּיל אויף דער בינע, אַנטוויקלט עס און באַוועגט עס — איז פון שלום־עליכמען מיטן פולסטן כּיוון נישט גענומען־געוואָרן פונם רעאַלן אָביעקטיוון „דרויסן״. די ווונטש־פאָרשטעלונגען פון אַ כאַראַקטער פאַרקערפּערן זיך דאָ אין *פאָרגעשטעלטער* סצענישערווירקלעכקייט. אַבסטראַקטע ווונטשן זענען דאָ דאָס פלייש און דאָס בלוט פון די אַקטיווע פיגורן. די ווונטש־טרוימען פון די קליינע מענטשעלעך ווערן דאָ מכּלומרשט „פאַרווירקלעכט״ פאַר די אויגן פון צושויער. דידאָזיקע „ווירקלעכקייט״ האַלט־אָן אַזוי לאַנג, ווי לאַנג עס דויערט די אינערציע פון דעם „ווונטש־חלום״. זי הערט־אויף צו זיין „ווירקלעכקייט״, ווי באַלד דער חלום הערט־אויף, און עס קומט אָנשטאָט אים די רעאַלע ווירקלעכקייט:

„שימעלען, אַז עס חלומט זיך אַ חלום, איז דאָ וואָס צו הערן! שער און אייזן אונזער פאָלק עמך... עס חלומט זיך מיר, הערט זשע, אַז איך שטיי מיר אַזוי ביי מיין טיש, ווי איר זעט מיך אָט־אָ, מיט מיין שער און אייזן און שנייד מיר צו אַ שטיקל אַרבעט, אַ געווענטעגעם „פרינץ אַלבערט״ פון פיר אַכציק איין אַרשין. דערווייל, אַזוי ווי איך שטיי פאַרטראַכט מיט דער שער אין האַנט הויב איך אויף די אויגן און טו אַ קוק, גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין — דערזע איך אַ בוים אין מיטן שטוב... און אויפן בוים וואַקסן רענדלעך... גאָלדענע רענדלעך. רוף איך מיך אָנעט צו דער מאַמע: עטי־מעני, זאָג איך, זעסט רענדלעך?

זאָגט זי: איך זע. זאָג איך: וואָס זשע שווייגסטו? זאָגט זי: וואָס זשע זאָל איך טון? זאָג איך: קריך, זײַ מוחל, אַרויף אויף דעם בוים און טרייסל, און איך וועל, זאָג איך, קלויבן... זאָגט זי: קריך דו, וואָס עפּעס איך? זאָג איך: וואָס האָסטו מורא? ס׳וועט דיר חלילה אָפּפאַלן?״

אָט־אָ דער חלום שימעלעס איז פאַר אונז נישט ניי. ער איז די כסדרדיקע לעבנס־האָפענונג פון אַלע שלום־עליכמישע קאַסריליקעס. שימעלע איז נאָר איינער פון די יידישע קליינע מענטשעלעך. און שלום־עליכם פירט אים אַרויס — (שימעלעס פסיכישע קאָנסטרוקציע איז איצט אין איר פולער אַקטיוויטעט) — אין אַ נייער קינסטלערישער פאָרם. פונם בוך פירט שלום־עליכם אַרויס דאָס קליינע מענטשעלע אויף דער סצענע. אינם סצעניש ן לבוש, אין טעאַטראַלישן „בלוט־און־פלייש״, אויפן ענגערן רוים פון דער בינע, ווערט די פיגור — וואָס טראָגט אין זיך דעם כאַראַקטער און דעם שיקזאַל פון דעם שלום־עליכמישן מענטש — קאָנצענטרירטער. בולטער. אַקטיווער. וואָרים בינע איז אויך האַנד־לונג און טאַט. נישט, — רעאַלע האַנדלונג און טאַט. נאָר שפּיל אין האַנדלונג און טאַט. טעאַטראַלישע האַנדלונג און טאַט. די־דאָזיקע אַרט פון שיינהאַפּטיקער אַקטיוויטעט איז גי־כער צוגעפּאַסט צו דער פסיכיק פון שלום־עליכמישן מענטש. אין דער עפּישער פאָרם — וואַהין שלום־עליכם האָט כסדר אַריינגע־שטעלט זיינע פּאַרשוינען — האָבן זיי סוף־כל־סוף נישט געקאָנט מער טון ווי דערציילן די האַנדלונג. דערציילן דאָס געשטאַלט פון דער האַנדלונג לויט זייערע סוביעקטיווע ווונטש־פאָרשטעלונגען. מאָנאָלאָגן. אַקטיוו צו זיין אין רעאַלע אָביעקטיווע באַדינגונגען האָבן זיי שוין לויט זייער מהות נישט באַוויזן. אין דידאָזיקע צוויי קאָמעדיעס האָט שלום־עליכם צוגעטראַכט פאַר זיינע מענטשן אַן אָביעקטיוויטעט, אין וועלכער זיי זאָלן זיך דווקא גוט פילן; אַן אָביעקטיוויטעט, וועלכע שטייט נישט אין ווידערשפּרוך צו זייער גאַנץ וועלט־געפיל; אַ סוביעקטיווע אָביעקטיוויטעט. ד. ה., אַן אָביעקטיוויטעט, וועלכע איז פולשטענדיק אָפּהענגיק פון אַ סוביעקט. נעמלעך: אַ טעאַטראַלישע אָביעקטיוויטעט; אַ ווירק־

י. י. טרונק, שלום־עליכם, 19.

לעכקייט, וואָס זי איז ווירקלעך נאָר אויף אַזוי פיל — אויף וויפל זי איז שאָטן און שפּיל. אין דערדאָזיקער טעאַטראַלי־שער אָביעקטיוויטעט — ווען מען פירט אין איר אַריין די שלום־עליכמישע פיגורן אַלס אַקטיווע און האַנדלענדיקע—דאַן פילן זיי זיך אין זייער ריכטיקער אַטמאָספערע. אין דער טעאַטראַלישער אָביעקטיוויטעט ווידערשפּרעכן נישט די „אָביעקטיווע" מאָטיוון דער סוביעקטיווער קאָנסטרוקציע פון די שלום־עליכמישע מענטשן. אומגעקערט: די „אויסערלעכע" מאָטיוון שפּילן גאָר צו דער אי־נערלעכער קאָנסטרוקציע פון די אַקטיווע פיגורן. די מאָטיוון פון דער האַנדלונג פּאַסן זיך פולקום צו צו די אייגנשאַפטן פון די האַנדלענדיקע. „טירעלע, טירעלע עפן זיך!". אין אַלע עפּישע ווערק שלום־עליכמס שטייען זיינע קליינע מענטשעלעך כסדר פאַר דעמ־דאָזיקן וווּנדערלעכן כישוף־טירעלע און וואַרטן, עס זאָל זיך עפּע־נען. אָבער דאָס טירעלע עפנט זיך נישט. אין דידאָזיקע צוויי קאָמעדיעס עפנט זיך יאָ פּלוצים דאָס טירעלע. ענדלעך אַמאָל ווערט דער אייביקער לעבנס־חלום פון די קליינע מענטשעלעך מקוים. דער מיראַזש באַקומט געשטאַלט, ממשות, רעאַליטעט. ווי קוקט עס דאַן אויס בכלל, און ווי קוקן־אויס די קליינע מענטשע־לעך, ווען — האָקוס־פּאָקוס — און עס געשעען די דערוואַרטעטע ווונדער?

דאָס זענען די הויפּט־מאָטיוון פון די קאָמעדיעס.

## X

דאָס טירעלע עפנט זיך. עס צעטיילן זיך די ראָזע כימע־רישע נעפּלען. מיר טרעטן־אַריין אין דער צווייטער זייט פונם חלום — אין דער כלומרשטער דערפילונג. דאָ וויגט זיך נאָך אַלצדינג אין די לייכטע וואָג־שאָלן פון דעם גורל. אַלצדינג שוועבט אינם ריטמוס פון שפּיל. ווי עס איז נאָר געגאַנגען אין דער הויך די פורהאַנג פון דער בינע — זעען מיר ביי דער אַרבעט די צוויי שניידער־געזעלן. צוויי קליינע מענטשעלעך. מאָטל קאַסאָי און קאָפּל פּאַלבאָן. שלום־עליכם האָט אַפילו נישט באַוויזן צו באַ־זייטיקן פון דעם נייעם רוים פון דער אַקציע די טיפּישע רעקווי־זיטן פון זיין עפּיק; אויף דער בינע ליגן נאָך אויסגעוואָרפן די וואַרף־שטיינדלעך פון אייביקן מנחם־מענדלשן גורל־שפּיל; קאָפּ צי שלאַק; נישט נעמען אַקטיוו, נאָר שפּילן דערויף, וואָס עס וועט מיר אַרויספאַלן פון לעבן. „מירן וואַרפן גורל, ציען קניפּ־לעך, און ווער ס׳וועט אַרויסציען דאָס קניפּל — דער וועט זיין דער גליקלעכער״. מיט דעם הייבט זיך אָן די אַקציע. דער איי־ביקער באַוועגונגס־מאָטיוו פון קאַסרילעווקער אַקטיוויטעט. מיר גע־פינען זיך איצט אין עכטער קאַסרילעווקער אַטמאָספערע. ווי מיר הערן פון ערשטן דיאַלאָג, ליבן זיך די ביידע שניידערישע בחורים אין איין מיידל. אין שימעלעס טאָכטער ביילקע. דידאָזיקע ליידנשאַפט, אָבער, — די ליבע — פּראָוואָצירט נישט אונזערע קליינע מענטשעלעך צו קיין שום אַקטיוויטעט. זיי פּרוּוון גאָר נישט זייערע פאַרלאַנגען רעאַל צו פאַרווירקלעכן. זיי טוען דאָס— וואָס אַלע שלום־עליכמישע מענטשעלעך טוען אין אַזעלכע אַנט־שיידנדיקע סיטואַציעס. ד. ה.„—זיי טוען גאָרנישט. זיי זענען נישט

פעיִק צו קיין שום רעאַלער טאַט. זיי פאַרבלייבן אין זייערע ווונטש־קאָמפלעקסן. פאַסיוו. יאָ, זיי שפילן גורל, און גלויבן דער־מיט – דורכן שיקזאַל – צו ג ע ו ו י נ ע ן די אַנטשיידנדיקע טאַט. דידאָזיקע קליינע סצענע צווישן די צוויי שניידער־געזעלן פירט אונז מיטאַמאָל אַריין אין דער קאָמפאָזיציע פון דעם טעאַטער־שטיק. קאָמפאָזיציאָנעל האָבן מיר נאָך אַן אַנטיטעטישע פיגור צו די הויפט־טענדענצן פון דעם שטיק. עטי־מעני – שימעלעס ווייב. עטי־מעני – כ׳ווייס נישט צי עס איז טאַקע פאַראַן אַזאַ יידיש־ווייבערישער נאָמען. שלום־עליכם וויל דאָ ווירקן פאָנעטיש. ער וויל זי אַ ר ו י ס ה ו י ב ן פון זיין פאַרשוינען־צעטל. עטי־מעניס ערשטער אויפטריט אין דער האַנדלונג איז דער רעאַלער אַנטי־טעטישער אינטערוואַל פאַר דעם אויפטריט פון דער הויפט־פיגור, שימעלע סאָראָקער. עטי־מעני איז דאָ דאָס איינציקע נפש, וואָס לעבט נישט אין קיין טרוימערישע הינער־פלעט. זי ווייסט נישט מער ווי איר קליינע טאָג־טעגלעכע ווירקלעכקייט. עטי־מעני איז דעריבער די איינציקע הויפט־פיגור, וואָס שטייט אין קעגנזאַץ – אַנטיטעזע – צו דער מערכנהאַפטיקער אַטמאָספערע פון דער קאָ־מעדיע. אומעטום אין זיינע ווערק געהער עס צו שלום־עליכמס שטייגער: אינמיטן דער ריטמישער צעשפילטקייט פון די קינסט־לערישע טעזן אַריינצופירן אַ רעאַלן אַנטיטעטישן טיפוס. דער מיין: אין דעם קעגנזאַץ פון די אַנטיטעטישע פיגורן צו פאַרטי־פערן דעם כאַראַקטער און דעם שיקזאַל פון די – סינטעטישע – פיגורן, וואָס טראָגן שלום־עליכמס פאָזיטיווע טענדענצן. מיר האָבן זיי אַ פולע: עטי־מעני, בת־שבע (אין די „גאָלדגרעבער“), שיינע־שיינדל, שיינע־שיינדלס מוטער, טביהס ווייב גאָלדע, און פיל, פיל אַנדערע. גראָד זענען שלום־עליכמס אַנטיטעטישע פיגורן בלויז ווייבספאַרשוינען. און ס׳איז בכיוון. די האַנדלונג ווערט דורך דעם גראָטעסקער און פאַנטאַסטישער; שפילעוודיקער און וויזיאָנערישער; מאַנסבילישע „רעאַליסטישע“ ווייבער אַלס אַנטי־טעזע צו טרוימערישע „אידעאַליסטישע“ מענער. האָקוס־פאָקוס. ווי געזאָגט, איז דאָ עטי־מעני די רעאַלע אַנטיטעזע. נאָכן גורל־שפיל פון די צוויי שניידער־געזעלן קומט זי אָן מיט איר קליי־

נער אַלטעגלעכער ווירקלעכקייט — אַ קאַשעק מיט גרינס:
„אַ יקרות אויף קנאָבל, — אַ שטיקל גליק כאַטש וואָס ציבעלעס איז וואָלוול, און רעד מיט אים, זאָגט ער—דווקא קנאָבל! אָט איז דער ברויט־געבער, מע זאָל דערמאָנען משיחן!"
שימעלעס אויפטריט צייכנט שלום־עליכם זייער דעטאַיל· ער טרעט־אויף כמעט סאָמנאַמבוליש. ווי אַ מענטש אין האַלב־שלאָף. גראָטעסק פּאַרטון אין מחשבותן. רעדט צו זיך. זיין כסדר־דיקע רעפּליק: „עמך — אונזער פאָלק". „שער און אייזן — עמךן!"— איז אַ פולשטענדיקע פּאַרטזעצונג פון אַ געשפּרעך מיט זיך אַליין אויטאָגעשפּרעך. שימעלע מאַכט דעם איינדרוק פון אַ מענטש וואָס רעדט כסדר מיט זיך אַליין. און — עס נעמט זיך טאַקע פון זיין טרוימערישער נאַטור. הוילער סוביעקט. פון יענעמס ווער־טער פאַרנעמט ער נאָר דאָס, וואָס עס פּאַסט זיך אַריין אין דעם גאַנג פון זיין סוביעקטיוון פאַרשטעלונגס־אַפּאַראַט. דאָס וואָס עס גייט נישט אַריין אין זיינע ווונטש־קאָמפּלעקסן הערט ער נישט. אַסאָציאַל. פון עטי־מעניס רעפּליק וועגן דער באַלעבאַטישקייט הערט שימעלע בלויז דאָס לעצטע וואָרט: משיח. משיח — איז טאַקע דאָס ריכטיקע שטיך־וואָרט. אין דעם גייט עס טאַקע שי־מעלען,—אין משיחן. שימעלע לעבט כסדר אין אַבסטראַקציעס, אין טרוים־צושטאַנד. ער לעבט כלל נישט אין דער ווירקלעכקייט. מיר הערן ווידער עטי־מעניס אַן אַנטיטעטישע רעפּליק:
„איך זאָג, מע זאָל דערמאָנען משיחן. מע רעדט פון קנאָבל, ביסט דו אָנגעקומען". שימעלע סאָראָקער: „אַ סמיכות הפּרשה! דע־רימאַך גייען קאַטשקעס באָרוויס און גענז אָן פּלודערן". (די טאָכטער און די יונגען לאַכן) עטי־מעני: „ער דרשנט און זיי קוועלן אָן. טאָמער ווייסטו וואָס איז דער געלענדער? שימעלע: „וואָס זשע? אַז מען רעדט פון קנאָבל, דערימאַך איז וואָס!" עטי־מעני: „זאָג איך, אַז קנאָבל איז מיט גאָלד גלייך, און דו האָסט אַקוראַט ליב קנאָבל..." שימעלע: „דעריבער דאַרף קומען משיח?..."
ס'איז אַ רעפּליק נעבן־אַנאַנדער. אַ רעפּליק אָן דעם קעגנ־שפּיל פון פאַרשטענדעניש־באַציִונגען. אַ רעפּליק צווישן צוויי פאַרשידענע לעבנס־אַטמאָספערעס. ר ע אַ ל י ט ע ט און אַב־

סטראַקציע. שלום־עליכם איז דאָ אין זיין קינסטלערישן עלע־מענט, דעריבער קאָן ער אויך פולשטענדיק אויסנוצן זיין פיל־באַרסטן שאַפערישן אינסטרומענט — זיין שפראַך — כדי וואָס בולטער און לעבעדיקער אַרויסצובאַקומען די פולע געשטאַלט־לעכקייט פון אָט די ביידע לעבנס־אַטמאָספערעס. שוין אין דער שפראַך זייערער ליגט דער גאַנצער כאַראַקטער פון די ביידע קעגנזעצלעכע הויפט־פיגורן, — שימעלע סאַראָקער און עטי־מענ־. עטי־מעניס שפראַך איז אַ רעאַלע, אַ וואַכע, אַ קלאָרע. שימעלעס שפראַך איז אַ פאַרנעפּלטע, אַ הינער־פלעטערישע. זי שטייט נישט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ווירקלעכקייט — ווי עטי־מעניס שפראַך, למשל — נאָר זי באַציט זיך עפּעס אויף סוביעקטיווע ווונטש־פאַרשטעלונגען, אויף אויסטערלישע ווונטש־קאָמפּלעקסן, וואָס ליגן פאַרבאַהאַלטן ערגעץ־ווו טיף אין דער פסיכיק. דער־פאַר נעמען זיך ביי שימעלען זאַצן, וואָס אין זייער צוזאַמענהאַנג זענען זיי אונז כמעט ווי נישט פאַרשטענדלעך. דאָך, אינם טאָן זייערן און אין דעם קאָלאָריט פון דער שפראַך אַנטפּלעקן פול־שטענדיק דידאָזיקע זאַצן שימעלעס געמיטס־צושטאַנד און ברייטן אונז דראַמאַטיש פאָר צו דער ווייטערער אַנטוויקלונג פון די גע־שעענישן. — פונקטום.

נאָך אָט־אָ דער אויבנאויפיק־אויסקוקנדיקער הוילער שפראַך־רעפליק — זי צעמענטירט דראַמאַטיש דאָס טעאַטער־שפּיל — קומט ווידער אַן אָביעקטיווע אַנטיטעטישע סצענע: די ערשטע סצענע פון שימעלעס ווירקלעכקייט. שימעלע איז שולדיק דירה־געלט. דער באַלעבאָס וויל אים אַרויסוואַרפן פון דער דירה. עטי־מעני איז פול זאָרג וועגן דעמדאָזיקן ביטערן ענין. עס באַדאַרף אָנקומען די „זאַקיציע — דער שיינער פריקאַזשטשיק פונם שיינעם באַלעבעסל". מיט עטלעכע קללות לאָדנט עטי־מעני אויס איר ביטער האַרץ. אָבער — צו די אוממיטלבאַרע נויטן פון זיין טאָג־טעגלעכקייט האָט שימעלע נישט קיין שום באַציִונג. איבערן ווונ־דערלעכן וואַלד זעט ער קיינמאָל נישט די פשוטע ביימער. ווען שימעלע ענטפערט אויף עטי־מעניס שטוב־זאָרגן מיט גלייכווערט־לעך, צ. ב.: „וואָס האָסטו צום באַלעבאָס? וואָס איז ער שולדיק,

אַז ער האָט אַ דירה און מיר זיצן אין איר?"—דאַן איז עס דער הומאָר פון דער — אויף דערווירקלעכקייט — נישט רעאַגירנדי־קער אַבסטראַקציע. ער האָט אַזוי פיל ווונטש־פאַרשטעלונגען אין זיין קאָפּ, שימעלע סאָראָקער, אַז איבער זיי זעט ער נישט זיין אייגענע ווירקלעכקייט. ער האָט נאָר איין ווירקלעכקייט — זיינע ווונטש־קאָמפּלעקסן. אין זיי לעבט ער. די צעהיצטע פאַנטאַזיע פון זיינע ווונטשן באַשאַפט אין אים דעם הומאָר... דערדאָזיקער סוביעקטיוויסטישער כאַראַקטער שימעלעס באַדאַרף דאָס באַלד פאַנאַנדערשפּילן זיין טראַגישן לעבנס־שיקזאַל. אין די ערשטע סצענעס האָט אונז שלום־עליכם בלויז געוויזן איינצעלע מוסטערן פון אָט דעם כאַראַקטער. פאַמעלעכל פירט ער אַריין דעם העלד אין די פולע געשעענישן. שלום־עליכם באַנוצט זיך מיט דעמדאָ־זיקן פאָרבאַרייטונגס־מעטאָד צוליב צוויי טעמים. נומער איינס: כדי צו מאַכן די אַנטשפּרעכנדיקע אַטמאָספערע פאַר דער קומענ־דיקער אַנטוויקלונג. (אויך די אַטמאָספערע געהער צום כאַראַקטער און צום שיקזאַל). נומער צוויי: קודם־כל אונז צו באַקענען מיט דער פסיכישער קאָנסטרוקציע פון דעם הויפּט־העלד.

נאָך די ערשטע פאָרבאַרייטנדיקע סצענעס גייט באַלד מיט־אַמאָל שלום־עליכם איבער צו דער הויפּט־טענדענץ פון דעמדאָ־זיקן טעאַטער־שפּיל. נעמלעך: דער גאַנצער שיקזאַל פון די יידישע קליינע מענטשעלעך איז נישט מער ווי דער פּראָדוקט פון זייער כאַראַקטער. די לעבנס־געשעענישן פונם מענטש זענען פשוט די רעזולטאַטן פון זיינע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן. זעט — אָט איז דאָס קליינע מענטשעלע, דער קאַסריליק שימעלע סאָראָקער. איר זעט אים אין זיין ווונטש־כאַראַקטער,—באַלד וועט איר אים זעען אין זיין שיקזאַל, ד. ה., אין די פולע באַדינגונגען פון זיינע ווונטשן:

„וואָס זשע מיינסט דו? אַז גאָט וויל נאָר קאָנען מיר נאָך היינט האָבן געבראָטענע טייבעלעך מיט מאַרצעפּאַנעס... היינט איז דאָך דער צווייטער מאַי... היינט קער מען שוין וויסן... (קוקט אויפן וואַנט־זייגער) נישטאָ נאָך קיין צען אַזייגער... ווייטער וואָלט איך געשיקט אין באַנק אַריין אַ פרעג טון וויפל עס האָט אויס־געוווּמען מיין בילעט..."

כאַראַקטעריסטיש ווירקלעכקייטס־גע‏פיל פון שלום־עליכמישן מענטש: יעדע מ ע ג ל ע כ ק יי ט איז שוין ו י ר ק ל ע כ ־ ק יי ט, – און יעדער וו ו נ ט ש איז שוין ד ע ר פ י ל ו נ ג.

קאָמפּענסאַציע. שלום־עליכם האָט נישט פאַר זיינע פּאַר־שוינען קיין אַנדערע ווירקלעכקייט און דערפילונג, מחוץ דער מעג־לעכקייט און דעם ווונטש –

מיר הערן באַלד ווי עס רעאַגירט דערויף די רעאַלע אַנטי־טעזע – עטי־מעני:

„עטי־מעני: כאַ! כאַ! וויפל ער האָט אויסגענומען? פריער ווער געוואָר, אויב ער האָט עפּעס אויסגענומען, און דערנאָך ערשט – וויפל?"

שימעלע סאָראָקער: „אַזוי? חכמה מיינע! אַז מיין בילעט האָט אויסגענומען – דאָס פאַרשפּאָר איך שוין פרעגן..."

ער איז זיכער.

## XI

איןָ דעם גאַנצן געוועב פון ווונטשן און ווונטש־פאַרשטע־לונגען — אַזוי ווי מיר טרעפן זיי פול און ברייט אין אַלע שלום־עליכמישע ווערק — דאָרט זעען מיר ווי־נישט־ווו איינגעפּאַסט דאָס וווּנדערלעכע כּישוף־שפּיגעלע פון דער דערפילונג. טיילמאָל פירט גאָר שלום־עליכם צו זיין העלד צו דעמדאָזיקן שפּיגעלע און לאָזט אים אַ קוק־אַריין־טון אויף די פּאַטאַ־מאָרגאַנאַס פון די ווונטש־דערפילונגען. אין די פריערדיקע קאַפּיטלען האָב איך שוין עפּטערס געבּרענגט אָט די דערפילונגס־ערטער סיי בּיי טביה דעם מילכיקן, סיי בּיי מנחם־מענדלען. אין ס׳רוב אַנדערע ווערק זיינע ווייזט שלום־עליכם דעם העלד דאָס שפּיגעלע פונדערווייטנס. ער לאָזט אים טאַקע אַ קוק־טון — אָבער ער לאָזט אים נישט אַריינ־קריכן מיט הענט־און־פיס אין יענעם וווּנדערלעכן מיראַזש פון דער ווונטש־דערפילונג. ער לאָזט אים טרוימען — אָבער ער לאָזט אים נישט זיך „פאַרווירקלעכן” אין די חלומות. אין דער קאָמעד־יע פונם „גרויסן געווינס” זעען מיר צום ערשטן מאָל די קליינע מענטשעלעך אינעווייניק אינם וווּנדער־שפּיגעלע.

האָקוס־פּאָקוס. עפן זיך שפּיגעלע. דאָס שפּיגעלע עפנט זיי־נע גילדענע טירעלעך.

שימעלע האָט געהאַט אַ שיינעם חלום. שימעלעס שיינער חלום איז מקוים־געוואָרן.

דאָס לעבן פון די קליינע מענטשעלעך — עס איז כּסדר געווען אַן איין־און־איינציק לאָטעריע־שפּיל. תּמיד פאַרשפּילט. האָפן — און עס זאָל קיינמאָל קיין שום האָפענונג נישט מקוים־ווערן. דאָסדאָזיקע קאַץ־און־מויז־שפּיל פונם שיקזאַל מיט די קאַס־

ריליקעס, איז געוואָרן ווי אַ הויפּט־געזעץ אינם כאַראַקטער פון די קאַסריליקעס.

האָפן — און זיך אַנטוישן, אַזוי הייסט דאָס געזעץ פון קאַסרילעווקער לעבן.

ווי וועט אָבער זיין, ווען די האָפענונגען וועלן נישט מער אַנטוישן? ווי אַזוי וועט זיין, ווען די ווונטשן אינם כאַראַקטער וועלן דאָרט מיטאַמאָל גובר־זיין די ווידערשפּעניקע ביטערע געזעצן פון דער אָביעקטיווער ווירקלעכקייט? ווי אַזוי וועט זיין, ווען דער ווונטש וועט ווערן דאָס איינציקע באַוועגנדיקע און באַשטימענדיקע געזעץ אין קאַסרילעווקער לעבן?

שימעלעס שיקזאַל גייט דאָ — אויף אַ טשעקאַוועסט — אויסשפּילן די גליקלעכע קאָרטן — די ווונטשן פון שימעלעס כאַראַקטער. איידער מיר גייען־צו ענדגילטיק אויפצוהויבן די פּוירהאַנג איבערן „גן־עדן" האָבן מיר נאָך עטלעכע נאָכקלאַנגען פון אַנטיטעטישע ווירקלעכקייטס־סיטואַציעס: קאָלטון דער אופּראַוולאַיעשטשי קומט דראָען שימעלען, אַז ער וועט אים אַרויסוואַרפן פון דער דירה. פאַרשידענע שפּייז־קרעמערלעך קומען מאָנען חובות. שימעלע איז אַ קבצן אין זיבן פאָלעס. ער האָט נישט וואָס צו געבן. די אַלע רעאַלע סצענעס, אָבער, פון שימעלעס ווירקלעכקייט ווערן איצטער געשטעלט אין שאָטן דורך דעם איין־און־איינציקן ווונטש — דעם ווונטש צו „דערפילונג". קאָמעדיאַנטן־שפּיל. הינטער־קוליסן. שטיך־וואָרט. צייכן. ביילקע — די טאָכטער — לויפט־אַריין מיט דער בשורה: „דאָס גרויסע געווינס, דאָס גרויסע געווינס!".

האָקוס־פּאָקוס. אַלע שימעלעס ווונטש־פאָרשטעלונגען, וואָס זענען נאָר לאַטענט אין זיינע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן, טרעטן־אַרויס אויף דער אויבערפלאַך, באַקומען פלייש־און־בלוט, שפּילן־אויף אין דער טעאַטראַלישער אַקציע.

ווירק—לעכ—קייט...

## XII

„געבליבן אַליין נאָך זיין אַוועקפאָרן, האָבן זיך מיר אָנגעהויבן פאָרשטעלן אַלערליי מחשבות און חלומות אויף דער וואָר, און אַזעלכע זיסע חלומות, אַז עס האָט זיך מיר געוואָלט, אַז זיי זאָלן זיך ציען אייביק, קיינמאָל נישט אויסלאָזן זיך. עס האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט אין מיטן שטאָט אַ שטוב אַ גרויסע, מיט בלעך געדעקט, מיט שטאַלן, מיט קאַמערן, קעמערלעך און שפּיזאַרניעס מיט אַלדאָס גוטס, און אַ באַלעבאָסטע מיט שליסלען דרייט זיך אַרום, דאָס איז מיין ווייב גאָלדע — גאָרנישט צו דערקענען זי, כ׳לעבן; זי האָט באַקומען גאָר אַן אַנדער פּנים, — אַ פּנים פון אַ נגידית, מיט אַ גוידער און מיט אַ האַלז פּערל; זי בלאָזט פון זיך און שעלט די דינסטן מיט טויטע קללות. די קינדער מיינע דרייען זיך אַרום אַלע מיט שבתדיקע קליידער, טוען נישט קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער. דער הויף איז פאַרפלייצט מיט עופות, געגנז און קאַטשקעס. אינעווייניק אין שטוב לייכט זיך, אין אויוון פלאַקערט אַ פייער, עס קאָכט זיך וועטשערע, און דער סאַמאָוואַר זידט ווי אַ גזלן! ביים טיש אויבן־אָן זיצט דער באַלעבאָס אַליין, טביה הייסט דאָס, אין אַ כאַלאַט מיט אַ יאַרמעלקע; אַרום זיצן די פאָרנעמסטע באַלעבאַטים פון שטאָט און חנפהנען אים; „זייט־זשע מיר מוחל, רב טביה... האָט קיין פאַראיבל נישט, רב טביה...״ איי, קלער איך מיר בשעת־מעשה, אַ רוח אין געלטס טאַטנס טאַטן אַריין!... „וועמען שעלטסט דו דאָס אין טאַטן אַריין?״—פרעגט מיך מיין גאָלדע. קיינעם נישט, זאָג איך, איך האָב מיך אַ ביסל פאַרטראַכט, מחשבות, חלומות, אַ נעכטיקער טאָג... זאָג מיר, גאָלדע סערדצע, מאַך איך צו איר, דו ווייסט נישט מיט וואָס האַנדלט

ער, דער קרוב דיינער, מנחם־מענדל, מיין איך ? „וואָס עס האָט זיך מיר, זאָגט זי, געחלומט יענע נאַכט און היינטיקע נאַכט און אַ גאַנץ יאָר זאָל אויסגיין צו מיינע שונאימס קעפּ! ס'טייטש, זאָגט זי, מע זיצט אָפּ מיט אַ מענטשן אַ גאַנצן מעת־לעת, און מע רעדט, און מע רעדט און מע רעדט—לסוף קומסט דו צו גיין און פּרעגסט ביי מיר, מיט וואָס ער האַנדלט? עפּעס האָט איר דאָך, זאָגט זי, געמאַכט אינאיינעם אַ געשעפט, צי וועלכע גוטע יאָר?"
יאָ, זאָג איך, געמאַכט, זאָג איך, האָבן מיר, נאָר וואָס געמאַכט — דאָס ווייס איך נישט, כאָטש נעם מיר אַראָפּ דעם קאָפּ! ס'איז, פאַרשטייסט דו מיך, נישטאָ ביי וואָס אָנצונעמען; נאָר פונדעסט־וועגן, זאָג איך, איינס צום אַנדערן געהער זיך נישט אָן, זאָלסט זיך גאָרנישט זאָרגן, מיין ווייב, דאָס האַרץ זאָגט מיר צו גוטן, מיר וועלן, אם־ירצה־השם, אַזוי דוכט זיך מיר, פאַרדינען געלט און אַ סך — זאָג־זשע אָמן און קאָך וועטשערע!"
אין אָט־אָ די ווונטש־פאָרשטעלונגען פון טביה דעם מיל־כיקן איז נישט שווער צו דערקענען די שפּעטערע לייבהאַפטיקע סצענעס פונם „גרויסן געווינס". שימעלע סאָראָקער איז אַ באַ־האַלטענער גלגול פון טביהן. פונקט אַזוי ווי מיר דערקענען אין עטי־מענין טביהס קלאַסישע רעאַלע אַנטיטעזע — זיין ווייב גאָל־דען. אינם צווייטן אַקט פון „גרויסן געווינס" געפינען מיר זיך פּראָסט־פּשוט אין אַ „פאַרווירקלעכטער" סצענע פון אַ טביהשער ווונטש־פאָרשטעלונג. דאָס בינע־בילד איז אינגאַנצן גענומען פון דעם אויבן־דערמאָנטן ציטאַט אינם טביה־מאָנאָלאָג. נישט־מער, וואָס שימעלע פירט זיך אויף „סטיקראַטישער", ווי טביה וואָלט זיך אויפגעפירט לויט זיינע ווונטש־בילדער. „עטי־מעני איז איינ־געטונקט אין זייד און אין סאַמעט. אויפן האַלז פּערל, אין די אויערן גרויסע דימענטענע אוירינגלעך, אויף אַלע אַכט פינגער בלישטשען פינגערלעך". בקיצור, מיר געפינען זיך אין „גרויסן געווינס"; אין מיטן דער פאַטאַ־מאָרגאַנאַ פון קאַסרילעווקער גליקן. אין דעמדאָזיקן גבירישן חדר, וואָס „האָט דעם אָנבליק פון אַ מעבל־מאַגאַזין און „ווו אַלצדינג איז ניי" טרעפן מיר אונזער פּאָרל שימעלע סאָראָקער מיט זיין ווייב עטי־מעני אין גרויס

עושר וכבוד. די רעפּליק הייבּט דאָ אָן עטי־מעני. זי פרעגט שי־מעלען, ווי שפּעט עס איז אויף זיין גילדערנעם זייגער. דאָס שנייי־דערשע פּאָר־פאָלק טונקט זיך אין נחת. אויסצוקוקן ווי די אמתע „סטיקראַטן“,—האָבּן זיי זיך גאָר איבּערגעבּיטן די נעמען; שימעלע— אויף סעמיאָן מאַקאַראָוויטש און עטי־מעני — ערנעסטינע יעפי־מאָוונע. „סטיקראַטישע“ ווונטש־טרוימען פון די קליינע מענטשע־לעך אין קאַסרילעווקע. כדי צו פאַרשטאַרקן אין אונז דעם איינ־דרוק, אַז דידאָזיקע „גבירישע סצענע“ האָט נישט קיין רעאַלע ממשות און איז נישט מער ווי אַ שפּילעוודיקע גראָטעסקע פון אילוזאָרישע פאָרשטעלונגען — שוים און שאָטן — זעט מען בּאַלד אין אָנהייב אַקט, ווי שימעלע סאָראָקער זיצט און לייענט אַ בּוך. בּיטע אויפמערקזאַמקייט! מיר הערן אַזאַ מין דיאַלאָג:

„עטי־מעני: ווערליק דו בּיסט אין כעס, האָבּ איך מורא, אַז דו לייענסט און ווייסט נישט וואָס דו לייענסט. שימעלע: מאָל דיר, לאָז זיך דיר דאַכטן, אַז איך ווייס שוין דווקא יאָ, וואָס איך לייען. איך לייען אַ קריטיק פון איינעם אַ לץ, וואָס מאַכט חוזק פון דער גאַנצער וועלט, און הייסן הייסט ער שלום־עליכם. עטי־מעני: עליכם־שלום!... אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו טון איז דאָס אויך אַן אַרבּעט! וואָס האָט ער צו דער וועלט? שי־מעלע: צו דער וועלט האָט ער גאָרנישט. נאָר ער בּאַשרייבּט דאָ איינעם אַ שניידער, וואָס איז געווען אַמאָל אַ קבצן אין זיבּן פּאָלעס און איז מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ גביר. עטי־מעני: זיין טאַטנס עסק! נו, און ווייטער וואָס? שימעלע: און ווייטער גאָרנישט. לצעוועט ער פון אים אָפּ און פון זיין ווייבּ... אַ רעכטער ממזר! אַן אמתער עמך!... עטי־מעני: מיינע צרות אויף זיין קאָפּ! וואָס האָט ער צום ווייבּ? שימעלע: ער מאַכט פון זיי בּיידן אויסצודרייען. נאָר פון איר, פון דער שניידערין, מאַכט ער גאָר אַ לעמעשקע — אַ רוח אים אין זייט אַריין! עטי־מעני: מאַכן זאָל זיך אים אַ מכּה — טפו! איך וואָלט אַזאַ פּאַס־קודסטוואָ אין די הענט נישט געהאַלטן“...

אין טשיידעלע דעם מחבּר האָבּן מיר שוין געהאַט אַן ענ־לעך אויטאָ־פּאָרטרעט שלום־עליכמס, וואָס בּאַטייליקט זיך דיסקרעט

אין דער האַנדלונג פון זיינע פאַרשוינענען. דאָ רוקט שלום־עליכם זיין אייגענע פיגור אַרויס מיט מער דרייסטקייט. די צייכנונג פון דעמדאָזיקן אויטאָ־פּאָרטרעט דערמאָנט – וואָס שייך איר שטימונג – אין די זעלטן־רירנדיקע פערזן, וועלכע ער האָט פאַר זיך איבערגעלאָזט אַלס מצבה־אויפשריפט. די קלאָון־מאַסקע איבערן פּנים פון דעם טראַגיקער. זיין אייגענע פערזאָן אַלס לץ און קלאָון רוקט שלום־עליכם אַרויס אין מיטן די געשטייגערטסטע שפּיל־מאָמענטן, – די מאָמענטן, אין וועלכע עס ווערן מיקלאָמפּערשט פאַרווירקלעכט אַלע ווונטשן, וואָס זיינע קליינע מענטשעלעך טראָגן אין זיך אַרום. ווי גראָטעסק און ווי טראַגיש! שימעלע סאָראָקער לייענט אין שלום־עליכמס אַ בוך ווענן זיך – „שימעלע סאָראָ־קער" – גראַד דיזעלבע סצענע – אַלס פאַנטאַזיע – אַלס ווידער־שפּיגלונג פון דעם, וואָס עס קומט־פאָר אַלס ווירקלעכקייט. טאָפּל־שפּיל. עס באַווייזט, ערשטנס, די פולשטענדיקע רעלאַטיוויטעט פון דערדאָזיקער ווירקלעכקייט. צווייטנס: אַז אַלע פאַרשוינען, וואָס זענען אַקטיוו אין אָט־אָ דעם טעאַטער־שטיק זענען אַבסאָלוט אָפּ־הענגיק פון שלום־עליכמס פערזענלעכקייט; אַז די פיגורן און די האַנדלונג זענען בלויז פערזענלעכקייטס־אויסשטראַלונגען פון שלום־עליכמס וועלט־געפיל. זיינע אייגענע אויסשטראַלונגען פאַלן דאָ אויף אים צוריק און באַלייכטן – אין אָט דעם אויסטערלישן צוריקקער – גרעל און קלאָוניש שלום־עליכמס קינסטלעריש פּנים.

דאָס וויזיאָנערישע אויפטויכן פון שלום־עליכמס אייגענער פערזאָן – אַלס שאַפעריש וועזן – אין מיטן דער אַקציע, שאַפט אַ רוים־צענטער אין דער אַנטוויקלונג פון דער האַנדלונג. דער־מיט ווערט נאָך מער פאַראיינהייטלעכט און אונטערגעשטראָכן דאָס צוזאַמענגעבונדנקייט צווישן כאַראַקטער און שיקזאַל. ד. ה., אַז דער שיקזאַל איז נישט איבערן – צי מחוצן – כאַראַקטער, נאָר דער שיקזאַל ליגט אין אים אינעווייניק – אינם כאַראַקטער – אַלס אייגנשאַפט און אַלס מעגלעכקייט. ווייל שימעלע האָט אַזאַ כאַראַקטער, דעריבער האָט ער אַזאַ שיקזאַל. כאַראַקטער און שיק־זאַל – דאָס איז די סינטעזע, וואָס אַנטשטייט דורך דער דינאַמיק פון היסטאָרישע באַדינגונגען. אַזוי־אַרום וויל שלום־עליכם – דורך

דער סטרוקטור פון אַ כאַראַקטער — דערקלעו'ן דעם שיקזאַל פון אַלע קאַסרילעווקער — יידישע — קליינע מענטשעלעך און דעם שיקזאַל פון קאַסרילעווקער לעבנס־שטייגער.

מיר זעען, ווי באַלד נאָכן צווישנשפּיל מיט שלום־עליכמס אויטאָ־פּאָרטרעט הייבן־אָן אַריינצוקומען אין דער אַקציע די שיקזאַל־מאָמענטן. שיקזאַל־מאָמענטן, וועלכע זענען אַבסאָלוט אידענטיש מיט שימעלעס כאַראַקטער. די אילוזיע איז שימעלעס לעבנס־געפּיל. אויך דאָס שיקזאַל קומט צו אים אַלס אילוזיע, און אַלס אילוזיע צעשטערט עס טאַקע שימעלעס לעבנס־געפּיל. שימעלע לעבט מיטן הוילן גלויבן — און דער הוילער גלויבן צעשטערט אים דאָס לעבן. וויגדאָרטשיק און רובינטשיק, די צוויי „שוואַרצע" פיגורן (אויב ביי שלום־עליכמען קאָן מען בכלל רעדן וועגן שוואַרצע פיגורן) זענען פּונקט די אייגענע בעלי־חלומות, ווי שימעלע סאָראָקער. זיי זענען עלעמענטן פון זיין עלעמענט און אויך זיי קומען פון די הינער־פּלעט. זיי זענען די שיקזאַל־שליחים, וואָס ליגן אינעווייניק אין שימעלעס כאַראַקטער. אין דער טעאַטראַלישער אילוזיע פון שימעלע סאָראָקער ברענגען זיי אַריין די צווייטע טעאַטראַלישע אילוזיע. זיי שלאָגן אים פאָר טעאַטער־שפּיל. שימעלע דערשנאַפּט זיין עלעמענט, ווערט געלאָקט, לאָזט זיך אויף אַ מיאוסן אופן אָפּנאַרן און פאַרלירט דאָס „גרויסע געווינס". עס איז אַ קרייז, וואָס פירט פונם כאַראַקטער צום שיקזאַל און פון שיקזאַל צוריק צום כאַראַקטער. דערין ליגט די טיפע איראָניע, מיט וועלכער שלום־עליכם דערהויבט זיך דאָ אַליין איבער די קליינע מענטשעלעך. אויך אין צווייטן אַקט — ווו ער לאָזט איראָניש פאַנאַנדערשפּילן דאָס שיקזאַל — באַמיט ער זיך דאָ־און־דאָרט אינצווישן דער אַקציע אַריינצופלעכטן כאַראַקטער־איינלאַגעס. צ. ב., די פּרעכטיקע סצענע, ווי אויפן העכסטן שטאַפּל פון זיין גליק האָט שימעלע נישט קיין גרעסערע השגות, נאָר צו בעטן ביי עטי־מענין אַ ביסל איינגעמאַכטס. איך חזר ספּעציעל איבער דעם דיאַלאָג: „שימעלע: ווייסט דו, וואָס איך וועל ביי דיר בעטן, ערנעסטינע יעפימעוונע? עטי־מעני: אַ שטייגער וואָס ווערסט דו ביי מיר בעטן, סעמיאָן מאַקאַראָוויטש? שימעלע: אַביסל איינגעמ-

מאַכטס". וויפֿל באַנטשע־שווייג׳ישע איראָניע! וויפֿל דיסטאַנס צווישן דעם ווילן און טעמפּעראַמענט און צווישן די רעאַליטעטס־באַגריפֿן! דידאָזיקע איינצעלע כאַראַקטער־איינלאַגעס (איך וויל נאָך אויפֿמערקזאַם־מאַכן אויף די גבאים, און די צוויי הערלעכע טיפּן פֿונם משרת מיט דער קעכין. עס דערמאָנט אין די ווונטש־פּאָר־שטעלונגען פֿון טביהן) האַלטן־איין אין יעדן מאָמענט פֿון דער אַקציע דעם קאָנטאַקט צווישן כאַראַקטער און שיקזאַל. אין דעם גייט עס דאָך שלום־עליכמען. ווען מען זאָל בלויז וועלן זען שלום־עליכמס כאַראַקטערן אָן זייערע שיקזאַלן — דאַן וואָלט מען לײַכט געקאָנט אַריינפֿאַלן אין דעם פֿאַטאַלן טעות, אַז שלום־עליכם איז בלויזער הומאָריסט, און ער ווײַלט זיך נאָר אין דער אומבאַהאָלפֿענער אויסטערלישקייט פֿון זיינע פֿאַרשוינען. ערשט דאָס שיקזאַל, וואָס פֿליסט־אַרויס פֿון דידאָזיקע כאַראַקטערן ווייזט אונז דאָס ווען פֿון שלום־עליכמס דיכטונג. אין גרויסן און גאַנצן איז שלום־עליכם — קודם־כּל — אַ שיקזאַל־דיכטער. אויך זיין הומאָר איז נישט קיין געלעכטער. ניין. ער שטאַמט דערפֿון, וואָס שלום־עליכם שטייט אינמיטן דער שיקזאַלהאַפֿטיקייט פֿון זיינע קאַסריליקעס און ער זוכט אַן אויסוועג. איראָניע איז אַן אויסוועג. די מאָדנע אומבאַהאָלפֿנקייט פֿון שלום־עליכמס פֿיגורן אַקייגן דעם שיקזאַל, שטאַמט פֿון זייער מאָדנעם כאַראַקטער. דאָס מאַכט שלום־עליכמען פֿאַר אַ הומאָריסט. ער שטרייכט־אונטער די אומבאַהאָלפֿנקייט פֿון זיינע כאַראַקטערן, — כּדי דערמיט אַרויסצובאַקומען די אומבאַהאָלפֿנקייט פֿון שיקזאַל גופֿא. ווידער אידענטישקייט צווישן שיקזאַל און כאַראַקטער. שלום־עליכמס קליינע מענטשעלעך ליידן פֿון זייער אייגענעם לעבנס־עלעמענט. זיי קאָנען זיך קיין עצה נישט געבן מיט זייערע אייגענע שאָטנס. כאַראַקטער און שיקזאַל— דאָס איז דער טראַגישער הינטערגרונט פֿון שלום־עליכמס שאַפֿן

אויף דעמדאָזיקן טראַגישן הינטערגרונט לאָזט שלום־עליכם זיינע פּערסאָנאַזשן ווירקן קאָמיש.

קאָמיש אין דער אייגענער טראַגישער שיקזאַלהאַפֿטיקייט.

קאָמיש אויף אַ טראַגישן הינטערגרונט.

ווי טראַגיש...

## XIII

שלום-עליכמס פאַרשוינען באַוועגן זיך כסדר אין אַ בלינד-
געשלאָסענעם כישוף-קרייז פון כאַראַקטער און שיקזאַל. פון דעמ-
דאָזיקן לאַבירינט פירט שלום-עליכמען אַרויס זיין פאָלקסטימלעכקייט.
זיין פאָלקסטימלעכקייט,—ד. ה., שלום-עליכם האַלט זיך תמיד
אין די פרימערסטע ספערן פון אַ געמיינשאַפטס-געפיל. פאָלקס-
טימלעכקייט ווערט דאָ געמיינט: אין אַלע פערזענלעכע געפילס-
ניואַנסן זיך צו אידענטיפיצירן מיט דעם געמיינשאַפטס-געפיל. אין
דעם געמיינשאַפטס-געפיל אַליין ליגט שוין — אַזוי-צו-זאָגן — אַ
קאָסמישער אויסוועג פון יעדער שיקזאַלהאַפטיקייט אַלס טראַגעדיע.
נאָר דאָס אינדיווידועלע, דאָס יחידישע לעבנס-געפיל קאָן נישט
ביישטיין די קאָסמישע כוחות פון שיקזאַל. אין דעם אָנגריף פון
קאָסמאָס אויף דער אינדיווידואַליטעט, מוז די אינדיווידואַליטעט—
אויף אַ טראַגישן אופן — אויפגעבן איר יחידישע עקזיסטענץ.
אונטערגיין. אַנדערש שפּילט זיך אָפּ דער שיקזאַלהאַפטיקער עלע-
מענט אויפן דאָזיין פון קאָלעקטיוו. געמיינזאַמקייט — דאָס איז
שוין אַ מענטשהייטלעכער אויפמאַרש צום קאָסמישן. ווען מיר
באַהעפטן זיך מיט דער געמיינזאַמקייט, — דאַן טרעטן מיר אַריבער
די גרענעצן פון אונזער יחידישקייט — צו דער מענטשהייט. צו
דער מענטשהייט אַלס וועלט, אַלס אַל, אַלס קאָסמאָס... אין דער
געמיינזאַמקייט אָטעמען מיר די אור-לופט פון דעם אייביקן. פאַר
דעם יחידישן מענטש, פאַרשליסט דאָס שיקזאַל אַלע וועגן פון
הצלה. נישטאָ קיין אַנטרינען פאַר דעם „זיך" און פאַר דער
יחידישקייט. ווען מיר זעען ווי דער יחידישער מענטש — אין
זיין איינזאַמקייט — שפּרייט-אויס זיינע הענט צו אַלע הימלען

י. י. טרונק, שלום-עליכם, 20.

און רופט אין זיינע שיקזאַל־נויטן צו גאָט — דאַן זוכט ער, אינ־דעראַמתן, אין גאָט די געמיינשאַפט מיט דער עקזיסטענץ; די עקזיסטענץ אין אירע געשטאַלטלאָזע אַבסאָלוטע אַטריבוטן. דער מהות פון דעם עקסטאַטישן געבעט. אין דער געמיינזאַמקייט — אַלס וועלט—אין איר עלעמענט אַליין ליגט שוין דער אַרויסגאַנג אויף יענער זייט פון שיקזאַל, ד. ה., צו דעם קאָסמישן וועזן פון אַ יעדער עקזיסטענץ. ווען אויף אים לויערט דאָס שיקזאַל — דער גרויסער קאָסמישער עלעמענט פון זיין אייגענעם מענטש־זיין — האָט דער יחיד נישט וואַהין צו אַנטלויפן. ער האָט נישט קיין עקזיסטענץ, אַליין, אָן דער געמיינזאַמקייט. עקזיסטענץ? נאָר דאָס געמיינשאַפטס־געפיל איז דאָס וואָרסטע עקזיסטענץ־געפיל. שיק־זאַל? די געמיינשאַפטלעכקייט האָט איר כאַראַקטער און איר שיק־זאַלהאַפטיקייט, — נאָר די שטיינער פונם שיקזאַל פאַלן אויף דער געמיינזאַמקייט, ווי די מעטעאָרן פונם וועלט־רוים אויפן פלאַנעט פון דער ערד. זיי ווערן טיילן פון איר. זיי גיבן איר צו וואָג, וועלט־עלעמענט, לעבן.

שלום־עליכמס העלדן האַלטן זיך כסדר אין די ספערן פון דער געמיינזאַמקייט, — דעריבער קערן זיי זיך אין די גרעסטע נויטן פון זייערע שיקזאַל־ליידן צוריק צו דער געמיינזאַמקייט. דער בטחון־מאָטיוו, וואָס ווערט ביי שלום־עליכמען פיל אוממיטלבאַרער און פשוטער — ווי צ. ב., דער בטחון־מאָטיוו ביי אַשן — אַדורכ־געפירט אַלס דער אויסוועג פון יעדער טראַגעדיע—ער איז טאַקע נישט־מער־און־נישט־ווייניקער ווי דאָס טיפע געמיינשאַפטס־געפיל, וואָס וואַרעמט־אַדורך אַלע שלום־עליכמישע מענטשן. אָט־אָ דאָס גע־מיינשאַפטס־געפיל איז זייער איינציקע האָפענונג. זייער גבורה. זייער לעבנס־כוח. אין יעדן דורכפאַל, אין יעדער אויסזיכטסלאָ־זער טראַגעדיע, אין וועלכער עס פאַלן אַזוי לייכט אַריין שלום־עליכמס מענטשן, איז עס תמיד דאָס געמיינשאַפטס־געפיל — דאָס געמיינשאַפטס - געפיל מיט דעם גאַנצן יידישן קאָ־לעקטיוו — וואַהין זיי ציען זיך צוריק אין זייער ראַטלאָזיקייט, ווי הינטער אַ פאַרשאַנצונג. אין דעם געפיל פון צוזאַמענקייט ליגט דער גלויבן זייערער אויסצוהאַלטן. די וועלט־האָפענונג זיי־

ערע. דער אויסדויער און די אומדערהערטע עקשנות, מיט וועלכע אַט־אָ די שוואַכע הילפלאָזע מענטשן קומען־ביי דאָס שווערסטע לעבן. דער טיפ טביה איז דער לעצטער ענדגילטיקער צוריקקער פון שלום־עליכמס מענטשן צום געמיינשאַפטס־געפיל. טביה איז די רעזיגנאַציע פון אַלע אַמביציעס, וואָס דער יחיד האָט אויפן חשבון פון דעם קיבוץ. וואָרים אַ סך איינצעלנע קאַסריליקעס ווילן זיך אָפּט מיט וואָסער־עס־איז יחידישע אַטריבוטן אַרויסרייסן פון דער געמיינזאַמקייט. די גאַנצע דינאַמיק, באַוועגונג און די דראַ־מאַטישע שפּאַנונגען אין שלום־עליכמס ווערק, באַשטייען נאָר דער־פון, וואָס פאַרשידענע קליינע מענטשעלעך פּרוּוון זיך אַרויסצו־הייבן פון דער געמיינזאַמקייט; זיך צו אַקצענטירן אין סאָציאַל־יחידישע אַטריבוטן. דאָס כּסדרדיקע ווילן „רייך"־ווערן פון מנחם־מענדלען, טביהן און אַנדערע שלום־עליכמישע העלדן — עס זע־נען הוילע יחידישע מאַכט־קאָמפּלעקסן, יחידישער מאַכט־אַקצענט פון די קליינע מענטשעלעך. אַ יעדער, אָבער, פון די־יעניקע, וועלכע שטופּן זיך אַרויף אויף דער מאַכט־ליניע טרעפן־אָן דאָרט זייער כאַראַקטער־שיקזאַל, וואָס לאָזט זיי נישט, זיך יחידיש אַרויסהויבן. זיי אַנטוישן זיך כּסדר אין „זייער ווילן צו מאַכט". אינעווייניק אין זייער כאַראַקטער ליגט דאָס געמיינשאַפטס־געפיל. און דאָס שיקזאַל איז צוגלייך די סינטעזע און די אַנטיטעזע פון זייער כאַראַקטער. אַלע „חכמים" שיינע בריהס, גבירים און נגידים — טרעגער פון יחידישע מאַכט־קאָמפּלעקסן — וואָס יאָווען זיך אין דער קאַסרילעווקער געמיינשאַפט, אויב זיי זענען פון דער פרעמד, — דאַן ווירקן זיי ווי עקזאָטן, און אויב עס זענען גאָר היימישע „מאַכט־ווילער", דאַן ווערן זיי ליבהאַרציק אויסגעלאַכט פון די קליינע מענטשעלעך.

אויך דאָ אין דעם שפּיל פון דעם „גרויסן געווינס" — ווי שלום־עליכמען גייט באַזונדערס דערין, צו צייכענען די צוזאַמענ־האַנגען צווישן כאַראַקטער און שיקזאַל — האָבן מיר דיזעלבע גע־נעטישע טענדענץ און דעמזעלבן אויסגאַנג. שימעלע סאָראָקער איז אויך נאָר איינער פון די קליינע מענטשעלעך — (געמיינ־שאַפט) — וואָס וויל זיך אַרויסהויבן. זיינע ווונטש־חלומות — וואָס

געשעען און ווערן ענדגילטיק מקוים אין דעמדאָזיקן טעאַטער־שפּיל — זענען „מאַכט־חלומות" ; ווונטשן זיך „אַרויסצוהויבן". שלום־עליכם הויבט שימעלען כּלומרשט אַרויס פון דער קאַסרי־לעווקער געמיינשאַפט, כּדי אים צו ווייזן, אַז צוזאַמען מיט דער מאַכט־ליניע וואַקסט־אויס דאָס שיקזאַל — אַקעגן וועלכן שימעלע איז אָנמעכטיק. דער פלי אין דער הויך איז צוגלייך דער פאַל אַראָפּ. אַזוי גייט עס צו אין קאַסרילעווקע. תּמיד, אָבער, האָט שלום־עליכם צוגעגרייט פאַר די קליינע מענטשעלעך דעם שווערן נסיון צוזאַמען מיט דעם גליקלעכן אויסגאַנג. ווען אַ קליין מענטשע־לע פאַרגלוסט זיך אַמאָל צו פאַרלאָזן דעם גרויסן וויטאַלן כּוח, וואָס האַלט־צוזאַמען אַלע קליינע מענטשעלעך — די געמיינזאַמ־קייט און דאָס געמיינשאַפטס־געפיל — און ער ווערט געשטרויכלט אין דעמדאָזיקן יחידישן פרווו, דאַן האָט ער אויך נישט אַלצ־דינג פאַרשפּילט. תּמיד שטייט פאַר אים אָפן און פריי דער צו־ריקקער צו דער געמיינזאַמקייט. דאָס איז דער גרויסער אָפּטימיזם, וואָס גייט האַנט־ביי־האַנט מיט שלום־עליכמס טראַגיק. טביה און מנחם־מענדל זענען, פונקט ווי שלום־עליכם גופא, אָ פּ ט י מ י ס־ט י ש ע ט ר אַ ג י ק ע ר. וואָרים אויך זיי זענען נאָר קליינע מענטשעלעך, וואָס פרוון זיך כּסדר אַרויסצוהויבן. ווערן גע־שטרויכלט. געפינען תּמיד צוריק דעם וועג צו דער געמיינזאַמקייט. דערין שטעקט זייער בטחון און זייער אָפּטימיזם.

אינם שפּיל מיטן „גרויסן געווינס" האָבן מיר אַלע טראַ־גישע אַטריבוטן פונם יידישן קליינעם מענטשעלע, בעת ער גע־פינט זיך אויף דער ליניע צו יחידישער מאַכט. מיר האָבן אויך, צום סוף, יענעם גרויסן אויסוועג — דער וועג צו דער געמיינ־זאַמקייט — צו וועלכן שלום־עליכם פירט־צו אַלע טראַגישע קליינע מענטשעלעך. דער פירטער אַקט זאָל זיין דערדאָזיקער אויסוועג. דער יחידישער „מאַכט־ווונטש" איז נאָר געווען דער טראַגישער מיראַזש פון שימעלע סאַראָקער. דער מיראַזש, וואָס איז אויפגע־שטיגן — אַלס שיקזאַל, און אַלס שולד־מאָטיוו — פון שימעלעס כאַראַקטער־עלעמענט. אָבער אין דעמדאָזיקן כאַראַקטער שימעלעס איז פאַראַן דער גרויסער היסטאָרישער עלעמענט, וואָס פירט תּמיד

די שימעלעך צום אויסגלייך מיטן שיקזאַל זייערן, — צום בטחון, דאָס הייסט — צו דער וועלט־פאַרגעבונג. נעמלעך: דאָס שטאַרקסטע געפיל זייערס: דאָס געמיינשאַפטס־געפיל.

שימעלע סאַראָקער:

„ס׳האָט מיך גאָט געשטראָפט דערפאַר, וואָס עס האָט זיך מיר פאַרוואָלט ווערן אַ מיליאָנטשיק... און יחוס האָט זיך מיר פאַרגלוסט... דער קאָפּ האָט זיך מיר פאַרדרייט, איך בין געווען שיכּור... עפּעס ווי אָטשאַדעט... איצט איז אַרויס דער טשאַד, האָב איך זיך אויסגעניכטערט, זע איך, אַז איך בין געווען אַ נאַר, און אַז איך בין ווערט שמיך... (צום עולם) יידן! איר האָט געהערט מן־הסתּם, אַז אַן אָרימער שניידער האָט אויסגענומען דאָס גרויסע געווינס, די צוויי הונדערט טויזנט? דאָס בין איך. שימעלע סאַ־ראָקער איז מיין נאָמען... די צוויי הונדערט טויזנט זענען אויס־גערונען, אַוועק מיטן ווינט און מיטן רויך און שימעלע איז צו־ריק דער אייגענער עמך. וואָס געווען... איצט, איז ביי מיר אַ שמחה, אַ יום־טוב — מיין טאָכטער האָט חתונה למזל (מיטן שניידער־געזעלן) — ווו איז דער לעקעך און בראָנפן? לאָמיר נעמען צו קאָפּעלעך משקה און טרינקען לחיים פאַר אונזער פאָלק, שער און אייזן עמך!...“

תּמיד האָבן אין זיך די גרייטקייט צו רעזיגנירן פון אַלע יחידישע אַמביציעס און צוריקגיין צום געמיינשאַפט־געפיל — דאָס איז דער גרויסער פּסיכישער כּוח פון די יידישע קליינע מענטשעלעך. דער סוד פון זייער בטחון. דער לעבנס־כּוח זייערער. נאָר אַזוי־אַרום וואַקסן זיי אויס אין זייער כּאַראַקטער און באַזיגן זייער שיקזאַל.

# קאָרילעווקער קינדער

# I

פּאַראַלעל מיט די מעשׂיות פון די דערוואַקסענע „קליינע מענטשעלעך" דערציילט אונז שלום־עליכם אין אַ פולע באַזונדערע ווערק פונם לעבן־און־וועבן פון דיווירקלעך קליינע קאַסרי־ליקעס, פונם קאַסרילעווקער קינדער־לעבן.

ער דערגרייכט דערמיט אַ טאָפּלטן רעזולטאַט:

ערשטנס — קוים זענען די דערוואַקסענע „קליינע מענטשעלעך" אין זייער גאַנצן מהות אינפאַנטילע וועזנס — גרויסע קינדער — דאַן געהער עס צו דער לאָגישער קאָנסעקווענץ אויסצוציען די ליניע פון דער אַנטוויקלונג, ד.ה. צוריקצוגיין ביז צו דער צייט, ווען די קליינע מענטשעלעך זענען נאָך געווען ווירקלעכע קינדער. די קינדער־יאָרן פון שלום־עליכמס פּאַרשוינען זענען אַ וויכטיקער פּסיכאָלאָגישער שליסל צו דער גאַנצער לעבנס־קאָנסטרוקציע זייערער. ערשט דורך דעם בילד פון זיין קינדהייט באַקומען מיר אַ פולקום גענעטיש בילד פונם שלום־עליכמישן מענטש.

צווייטנס:

אין די קינדער־מאָטיוון האָבן מיר אַ מעגלעכקייט — אין אַ געוויסער מאָס — זיך אַרויסצוראַקן פון דעם כּסדר עקסטאַטישן הינער־פלעטערישן קרייז, אין וועלכן עס געפינען זיך די דערוואַקסענע מנחם־מענדלס. ווען גרויסע לעבן מיט אַ לעבנס־קאָנסטרוקציע פון קינדער, — דאַן זענען זיי גראָטעסק. ווען קינדער לעבן ווי קינדער, — דאַן איז עס נאַטירלעך. דאָס אירעאַלע פון די דערוואַקסענע מנחם־מענדלס איז רעאַלער אין דעם צושטאַנד, ווען מנחם־מענדל איז נאָך נישט קיין באַבערדל־

טער און באַוויבטער ייד, און ער לעבט נאָך אַלס קינד אין קאַסרילעווקע. אמת, אַז היסטאָרישע באַדינגונגען האָבן מנחם־מענדלען געשאַפן דעם כאַראַקטער, אָבער גראָד אין די קינדער־יאָרן פאַלן זיך ביי מנחם־מענדלען „רעאַלער” צונויף די „אידעאַ־ליסטישע” היסטאָרישע באַדינגונגען און דער נאַטירלעכער ניוואָ פון דער לעבנס־ווירקלעכקייט.

שלום־עליכמס קינדער־מעשיות זענען דעריבער נאָר פּאַראַ־לעלע, „אייגענע” בילדער צו שלום־עליכמס מעשיות פון די „גרויסע”.

שלום־עליכם שטעלט בכלל אַוועק די מנחם־מענדלס אונטער פאַרשידענע געזיכטס ־ פּונקטן, באַלייכטונגען און לעבנס־תקופות. ער מאַכט פון די מנחם־מענדלשע כאַראַקטערן אַ גרויס געמעל פון אַ היסטאָריש לעבנס־בילד. אין די קינדער־מעשיות זעען מיר צוזאַמען די „דערוואַקסענע” אינפאַנטילע קאַסריליקעס מיט די „קליינע” קאַסריליקעס. די שלום־עליכמישע יידישע עפּאָ־פּעע באַקומט דערמיט אַ נייעם קוואַל פון מאָטיוון. די מעגלעכ־קייטן פון דער קאָמפּאָזיציע ווערן פאַנאַנדערגעוויקלט. די שפּיל־בינע ווערט פאַרגרעסערט.

---

עס איז שווער צו זאָגן, אַז וואָס שייך דעם גאַנצן מהות זייערן, אונטערשיידן זיך די קאַסרילעווקער קינדער אַ סך אָפּ פון די קאַסרילעווקער „גרויסע”. אויב דאָס, וואָס עס אַקצענטירט די „גרויסע” איז זייער „קינדישקייט”—אַקצענטירט ביי די קינדער גראָד דאָס איבער־רייפע און „דערוואַקסענע”. דאָס „אַלטע געמיט”. דאָס „איבער־בייטן די יוצרות” געהער דאָ צום הויפּט־אַקצענט פונם צוזאַ־מענשפּיל. אין דער בונטער און פריילעכער קינדער־וועלט, וואַהין שלום־עליכם פירט אונז אַריין, געפינען מיר זיך פּלוצלינג ווי צווישן די באַקאַנטע בערג־קאַרליקעס, וואָס אין די נאָרדישע מעשהלעך. אַ ל ט ע ק י נ ד ע ר. קליינע מנחם־מענדלס מיט אַלע תנועות, העוויות און לעבנס־שטייגער פון די גרויסע מנחם־מענדלס. איך וויל דערמאָנען אַ געוויסן דיאַלאָג צווישן די שלום־

עליכמישע קינדער, כדי מיטאַמאָל און אָן גרויסע הקדמות אַריינ־צוקומען אין דער שלום־עליכמישער קינדער־וועלט. — ס'איז איי־נער פון די גליקלעכסטע טעג אינם לעבן פון די קאַסרילעווקער קינדער: ל"ג בעומר. דער איינציקער פרייער טאָג, ווען די קינ־דער ווערן פטור פון רבין רב איצי מלאך־המות, צי אפרים תלין, צי מאַזעפע, זומער־לעב. מ'קאָן אַרויס אויף די פרייע גרינע פעל־דער הינטער קאַסרילעווקע, צו וועלכע די קינדער בענקען אַ גאַנץ יאָר. ווי, ווי, וויפיל טראַגישע מאָטיוון האָט שלום־עליכם גענומען אין זיינע קינדער־מעשיות גראָד פון דערדאָזי־קער אייביקער בענקשאַפט פון די קינדער צו די פרייע פעלדער. אויך די היים, אָט די מנחם־מענדלשע קאַסרילעווקער היים, פון וועל־כער מיר וועט שפּעטער אויסקומען צו רעדן, ווערט אין ל"ג־בעומר פאַר די קינדער אַ לייכטערע און ליבלעכערע. די קינ־דער זאַמלען זיך אין חדר פאַרן ל"ג־בעומר־אויספלוג. איטלעכער ברענגט עפּעס מיט פון דער היים:

„דער טיש איז פול מיט כל טוב. אַזאַ סעודה ווי היינ־טיקן ל"ג בעומר האָבן מיר נאָך נישט געהאַט קיינמאָל נישט אַ סעודה מיט בראָנפן און מיט וויין. דאָס האָבן מיר צו פאַרדאַנקען אונזער חבר בערל, יאָסל דעם ווינערס. אַ פלעשל בראָנפן האָט ער געבראַכט צו טראָגן, גוטן בראָנפן. און צוויי פלעשלעך וויין האָט ער אויך געבראַכט צו טראָגן, אמתן וויין, ווימראָזיק, יאָסל דעם ווינערס אייגענע אַרבעט. דעם בראָנפן — דאָס האָט אים דער טאַטע געגעבן, און די צוויי פלעשלעך וויין האָט ער אַליין גענומען.

— וואָס הייסט אַליין גענומען?

— וואָס פאַרשטייסט דו נישט, גוישער קאָפּ? גענומען פון דער פאַליצע שטילערהייט, אַז קיינער זאָל נישט זען.

— סטייטש! הייסט דאָך — עס געגנבעט!

— חכם בלילה! נו, איז וואָס?

— וואָס הייסט — איז וואָס? נו, — און „לא תגנוב"?

— צוליב דער יום־טובדיקער סעודה, בהמה!

— איז אַ מצוה גנבענען?

– אַוודאי! וואָס זאָגט איר אויף דעם חכם פון דער מה נשתנה?

– ווו שטייט עס?

– ער וויל, איר זאָלט אים זאָגן, ווו סע שטייט!

– זאָג אים, אַז סע שטייט אין ספר פּראָלניק.

– אין פּרק „ויקח".

– דף למד בים־באָם.

– ראש חודש קרעמעניץ".

מ'דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז אָט דעם שפּיציקן לומדישן דיאַלאָג פירן צווישן זיך ניין – צי צען־יאָריקע קינדער, – קינדער, וואָס די מאַמעס מילך ליגט זיי נאָך אויף די ליפּן. כ'ווייס נישט, צי די קינדער אין וואָראָנקע – שלום־עליכמס געבורטס־שטעטל – האָבן ווירקלעך צווישן זיך געשמועסט מיט אַזאַ אויס־געקליגלטער און געלערנטער שפּראַך. נישט אין דעם איז עס אויסן. תמיד ליגט עס גאָרנישט אין שלום־עליכמס כוונות, אין זיינע שאַפונגען אונז צו געבן בלויז די מאָס פונם אינדיווידועלן באַוווסטזיין פון זיינע מענטשן – ד. ה., די מאָס פונם פּערזענ־לעכן אינטעלעקטועלן באַגאַזש. דער עיקר וויל שלום־עליכם כסדר אַרויסברענגען דאָס קאָלעקטיוויסטישע איבערבאַוווסט־זיין (צי אונטערבאַוווסטזיין) פון זיינע העלדן; דאָס ראַסנהאַפּ־טיקע, וואָס זיי האָבן אין זיך אַריינגעזויגן מיט דער מאַמעס מילך. ביי שלום־עליכמען איז דער אַבסטראַקטער מנחם־מענד־ליזם אַ קאָלעקטיוויסטישער כאַראַקטער. יעדעס אינדיווידועלע טיילעכל פון דעמדאָזיקן שלום־עליכמישן קאָלעקטיוו – צי גרויס צי קליין – איז נישט מער ווי אַ טיילעכל פונם בשותּפותדיקן כאַראַקטער.

דעריבער זענען די אַלגעמיינע כאַראַקטער־שטריכן פון די שלום־עליכמישע מענטשן תמיד און אומעטום די אייגענע. די סי־טואַציע און די תּקופה דעצידירן דאָ אַמקנאַפּסטן. עס דעצידירט די ראַסע – ד. ה., דאָס קאָלעקטיווע לעבנס־געפיל. ביי שלום־עליכמען ליגט דער אונטערשיד צווישן די מעשיות פון די גרויסע און די קינדער־מעשיות גראָד דערין, ווי אַזוי עס רעאַגירט

דאָרט דער איינצעלער פּערזענלעכער שלום־עליכמישער מענטש אויף דעמדאָזיקן קאָלעקטיוויסטישן לעבנס־געפּיל, פון וועלכן ער קאָן זיך קיינמאָל נישט באַפרייען. ווי אַזוי רעאַגירט דערויף דער „גרויסער" און ווי אַזוי רעאַגירט דער קליינער? שלום־עליכמס שילדערונגס־כּוח ליגט אין אָט־אָ דעם צוזאַמען־ און קעגנשפּיל צווישן שוואַכערן פּערזענלעכקייטס־געפיל און דעם פיל שטאַרקערן קאָלעקטיוויסטישן געפיל.

שלום־עליכמס מענטשן קאָנען לעבן נאָר אויפן באָדן און אין שייכות מיט זייער קאָלעקטיוון געפיל.

אין די קינדער־מעשיות אַנטוויקלט שלום־עליכם זיין פולן עלעמענט. ער דעקט־אויף די אָנהייבן פונם פּערזענלעכן מענטש־לעכן לעבן פון די קאַסריליקעס; זייערע קינדער־יאָרן. מיר זעען: די ערשטע טריט פון זייער פּערזענלעכן לעבן — די קינדער־יאָרן — באַוועגן זיך שוין פולשטענדיק אין דער אַטמאָספע־רע פונם יידישן קאָלעקטיוון כאַראַקטער. אָט די יידישע קינ־דער זענען פּאַרטיקע יידישע שלום־עליכמישע מענטשן. פּאַרטיק אַפילו מיט זייער שיקזאַל. פונדעסטוועגן שטייען זיי נאָך אין טיפן קאָנפליקט מיט דעמדאָזיקן (יידישן) שיקזאַל. דער קאָנפליקט צווישן די אַמביציעס פון פּערזענלעכער פּסיכיק און דער שיק־זאַלהאַפטיקער פּסיכיק פון קאָלעקטיוו איז אין שלום־עליכמס ווערק אין ערגעץ נישט אַרויסגעקומען מיט אַזוי פיל שווונג, הומאָר און געמיט, ווי אין די קינדער־מעשיות.

כ'וויל מיך דאָ אויסדריקן אויספירלעכער און וויל נעמען פּאַר אַ ביישפּיל די „גרויסע" קאַסריליקעס. די „גרויסע" קאַסריליקעס לעבן כּסדר ווייטער אָפּ זייערע יאָרן אין די סאָציאַלע און היס־טאָרישע באַדינגונגען, אין וועלכע עס האָט זיך אַנטוויקלט דער היסטאָריש־קאָלעקטיווער יידישער כאַראַקטער. במשך זייער לעבנס־קאַמף פאַרלירן זיי וואָס־אַמאָל מער אַלע די־יעניקע פּערזענלעכע אייגנשאַפטן, וואָס קאָנען שטיין אין קעגנזאַץ צו דעמדאָזיקן קאָ-לעקטיוון כאַראַקטער. דאָס ד אָ מ י נ י ר נ ד י ק ע ספּעציעל יידיש־מנחם־מענדלשע ד אָ מ י נ י ר ט וואָס־אַמאָל מער. די סאָציאַל־היסטאָרישע דערפאַרונגען פון דעם יידישן פּערזענלעכן לעבן

באַדינגען פערמאַנענט ·דעם שיקזאַלהאַפטיקן קאָלעקטיוון כאַראַקטער. אַזוי ווייט די „גרויסע". די קליינע קאַסריליקעס, אָבער, די יידישע קינדער,—זיי שטייען נאָך דערווייל אין פסיכישן קאָנ־פליקט סיי מיט דעם קאָלעקטיוון כאַראַקטער פון יידן, סיי מיט דער ספּעציפיש־יידישער באַדינגונגס־אַטמאָספערע. דער יצר־הרע פון די לעבנס־רעאַליטעטן האָט דאָ נאָך אויף אַזוי פיל נישט אָפּ־געטרעטן דאָס אָרט פאַר אַן אַבסטראַקטן לעבנס־אופן. צ. ב., ווי מיר טרעפן עס ביים דערוואַקסענעם מנחם־מענדל. הגם אויך אין דעם לעבן פון די קינדער דאָמינירט זייער שטאַרק — ווי מיר וועלן שפּעטער זען — די מנחם־מענדלשע אַבסטראַקטע ווונטש־דערפילונג — דער קאָלעקטיווער כאַראַקטער. פונדעסטוועגן פרוּוון די קאַסרילעווקער קינדער זיך אָפּצורייסן פון אָט־אָ דעם יידישן שיקזאַל־כאַראַקטער און צו געניסן דאָס לעבן ווי נישט קיין יידישע מענטשן. דער אָפטער פרייד־אויסדרוק פון די קאַסרילעווקער קינדער איז דער אינערלעכער פּראָטעסט און דער כסדרדיקער קאָנ־פליקט מיטן שיקזאַלהאַפטיקן קאָלעקטיוון כאַראַקטער. אויף דידאָזיקע קאָנפליקטן בויט שלום־עליכם אַלע מאָטיוון אין די קינדער־מעשיות:

„טשעטשעק האָט געוווינט ווייט, ווייט הינטער דער שטאָט אין אַ קליין ווייס שטיבל, מיט קליינע פענצטערלעך, מיט געפאַרבטע לאָדן, מיט אַ גרינעם גאָרטן, וואָס האָבן אַרויס־געקוקט פון דאָרט מיט גרויס גדלות אַ סך הויכע געלע סאָניש־ניקעס ווי עפּעס רעכטס און האָבן אָנגעבויגן די קעפּלעך אויף אַ זייט, אַ ביסל געשאָקלט זיך, און האָבן ווי גערופן צו זיך: אַהער צו אונז, בחורל! דאָ איז גראַם, דאָ איז פריי, דאָ איז ליכטיק, דאָ איז פריש, דאָ איז וואַרעם, דאָ איז גוט! — און נאָך יענעם עיפּוש מיט דער היץ, מיטן שטויב, וואָס אין שטאָט, און נאָך יענער ענגשאַפט מיטן געשריי, מיטן טומל, וואָס אין חדר, גלוסט זיך טאַקע אַהער, וואָרים דאָ איז גראַם, דאָ איז פריי, דאָ איז ליכטיק, דאָ איז פריש, דאָ איז וואַרעם, דאָ איז גוט. עס גלוסט זיך לויפן, שפּרינגען, שרייען, זינגען; אָדער גאָר אַ וואַרף טון זיך אויף דער הוילער ערד, מיטן פּנים אינעם גרינעם שמעקנדיקן גראָז אַריין. נאָר, אוי וויי, נישט פאַר אייך, יידישע קינדער! געלע

סאָנישניקעס, גרינע קרויט, פרישע לופט, ריינע ערד, אַ לויטע־רער הימל – האָט קיין פּאַראיבל נישט, ס'איז נישט אויף אייער מיסט געוואַקסן געוואָרן".

מיר האָבן דאָ דעם דראַמאַטישן צוויי־שפּאַלט צווישן אַ פּסיכישער ירושה פון דורות און אַ לעבנס־לוסטיקן אויפבּרויז פון באַגערנדיקן מענטשלעכן אינדיווידואום. אין דעם ליגט דער נייער און טיפערער מאָמענט אין שלום־עליכמס שאַפן. בּיי שלום־עליכמען איז אַפילו כּמעט שווער צו רעדן פון אַ פּלאַנמעסיקער כּוונה. דער אומ־מיטלבּאַרער קינסטלערישער אינסטינקט שלום־עליכמס האָט אים געראָטן, אָט דעם דראַמאַטישן מאָמענט אויסצובויען אין די קינ־דער־מעשיות. די „גרויסע" קאַסריליקעס זענען שוין פולשטענדיק פּסיכיש באַהערשט פון זייער (קאָלעקט'יוון) יידישן שיקזאַל. דער קאָלעקטיווער כאַראַקטער איז געוואָרן בּיי זיי אַ ן אינדיווי־דועלע טבע. דער פּראָטעסט פונם אינדיווידועלן ווילן קעגן קאָלעקטיוון מוזן איז דאָ פאַרדרענגט און ער באַטייליקט זיך נישט מער אינם לעבן פונם אינדיווידועלן פּסיכישן באַוווסטזיין. בּיי די קליינע קאַסריליקעס לעבּט נאָך אַן אינדיווידועלער לעבנס־ווילן, וואָס איז מיט גאָרנישט באַהערשט פונם קאָלעקטיוון היס־טאָריש־יידישן כאַראַקטער. דער (נישט־יידישער) אינדיווידועלער לעבנס־ווילן בּיי די קינדער הויזט אין זייער פּסיכישן באַוווסטזיין צוזאַמען מיט אַ קאָלעקטיוויסטישער (יידישער) פּסיכיק. אַ פּסיכיק, וואָס שטייט צו דעמדאָזיקן (אינדיווידועלן) ווילן אין פולקומענער קעגנזאַצלעכקייט. זיי באַקעמפן זיך אין כּסדרדיקער שפּאַנונג. אין אָט־אָ דער שפּאַנונג זוכט שלום־עליכם אויס זיינע קינדער־מאָטיוון. עס איז אַ טעות צו מיינען, אַז פון הוילער ליבשאַפט צו קינדער־פּסיכאָלאָגיע האָט עס שלום־עליכמען ספּעציעל געלאָקט צו שרייבן פונם קינדער־לעבן. ס'געהער בּיי אונז אָן צום שיינעם אָנגענומענעם נוסח, שלום־עליכמען צו האַלטן פאַר דעם באַדייטנדיקסטן קינדער־פּסיכאָלאָג אין דער יידישער ליטעראַטור. ס'איז אַ גרויסער ספק, צי שלום־עליכם איז איבּערהויפּט געווען, אַזוי־צו־זאָגן, אַ קינדער־פּסיכאָלאָג, און צי ער האָט אַפילו גאָר געהאַט אין דער דעה עס צו זיין. די קינדער בּיי שלום־עליכמען זענען בּכלל נישט קיין

קינדער. עס זענען שלום־עליכמישע מענטשן אין אַ געוויסן אָפּ־שניט פון זייער לעבן, ד. ה., קאַפּריליקעס, וואָס האָבן נאָך נישט געהאַט פולשטענדיק רעזיגנירט פון אַלע רעאַליטעטן און זיי באַרען זיך נאָך שווער מיט זייער יידישן שיקזאַל. נישט קיין קינדער־פּסיכאָלאָגיע אַלס קינדער־פּסיכאָלאָגיע וויל אונז שלום־עליכם געבן אין זיינע קינדער־מעשיות, — נאָר ער ווייזט אונז דאָ מיט גרויס מייסטערשאַפט דעם ביטערן קאַמף פונם אינדיווידועלן יידישן מענטש מיט זיין קאָלעקטיוויסטישן כאַראַקטער.

דאָס איז די סיבה, נעמלעך, וואָס אין די קינדער־מעשיות טרעפן מיר זעלטן די קינדער מיט זיך אַליין; ד. ה., מיר טרעפן זיי זעלטן אין דער ריינער אַטמאָספערע פון דער קינדער־וועלט. נישט די קינדער אַלס אַזעלכע — קינדער־פּסיכאָלאָגיע — אינטע־רעסירן שלום־עליכמען. זיי גייען אים אָן אויף אַזוי פיל, אויף וויפל זיי דערגאַנצן דעם טאָטאַלן שלום־עליכמישן מענטש. תמיד וואָס עס געשיט ביי שלום־עליכמען אין די קינדער־מעשיות, גע־שיט עס נאָר אין קעגנשפּיל און אין שפּאַנונג מיט די „גרוי־סע". איינער רעפלעקטירט דעם אַנדערן, הויבט אים אַרויס אויף דער אויבערפלאַך און וואַרפט אויף אים ליכט־און־שאָטן. אַזוי־אַרום באַקומט שלום־עליכם אַרויס נייע פּסיכישע ניואַנסן, וואָס פאַר־טיפערן און באַרייכערן דאָס זעעלן־בילד פון זיין יידישן מענטש. שלום־עליכם וויכט גאָר אָפּט אָפּ פון דער קינדער־פּסי־כאָלאָגיע. ער מאַכט פּסיכאָלאָגישע לאַפּסוסן דאָרט, אַוו ער ווערט מיט איינציקע פאַלשע פּסיכאָלאָגישע מאָמענטן אַרויסבאַקומען זיין פּסיכאָלאָגישע טענדענץ, ד. ה., זיין פאָרשטעלונג וועגן דער פּסיכיק פון דעם טאָטאַלן יידישן מענטש. שלום־עליכם איז גערן מוותר אויף דער אָדער יענער פּסיכאָלאָ־גישער וואָרהייט, אויב די פּסיכאָלאָגישע טענדענץ העלפט אים צו בויען זיין וועלט־בילד. אין דער קינדער־נאָוועלע „דאָס מעסערל" געפינען מיר אַזעלכע דיאַלאָגן צווישן דעם „גרויסן" טאַטן און דעם קליינעם אַכט־יאָריקן העלד. כ׳בעט דעם לעזער צו געדענקען: דאָס יינגעלע, וועגן וועלכן עס רעדט זיך אינם „מעסערל", איז סך־הכל אַלט אַכט יאָר. אַלזאָ—

נאָך גאָר אַ קליין קינד. דאָס קינד וויל זיך שפּילן מיט אַ מע־סערל, צו וועלכן עס האָט חשק. דער מאָטיוו פון דער נאָוועלע איז אינגאַנצן געבויט אויף דעם קינדערישן חשק צו אָט־אָ דעם מעסערל. אַגב, – אַן עפּיזאָד פון שלום־עליכמס אייגענע קינדער־יאָרן.

דער טאַטע: „אַ־אַ־אַ – מעסערלעך!? הע־הע־הע... אַזאַ יונגאַטש, קראַנק נעמען אַ ספר אין האַנט? אַ בחורל פון אַ כ ט יאָר!... איך וועל דיר געבן מעסערלעך, דו פּוסטער בחור איי־נער!...״ „אַוועק, סע נישט דיין עסק! וואָס פּלאָנטערסט דו זיך דאָ אַרום, וועלכע שוואַרצע יאָר? קראַנק ביסט דו נעמען אַ ספר אין האַנט?״ – דאָס ייִנגעלע צו זיך: „ווידער אַ ספר, רבונו של עולם!...״ אָדער (דער טאַטע): „ביסט שוין ווידער דאָ? דו פּוס־טעפּאַסניק! וואָס וועט זיין פון דיר דער תּכלית, דו גויעץ איי־נער? גוואַלד, וואָס וועט זיין פון דיר?...״

און נאָך אַזעלכע ענלעכע דיאַלאָגן צווישן „גרויסן״ טאַטן מיטן קליינעם ייִנגעלע. אַפילו אין קאַסרילעווקע – ווו די קינדער האָבן זייער גאַנץ לעבן געמוזט פאַרברענגען אין חדר הינטערן קאַנטשיק פון ר׳ אפרים תּלין, צי ענלעכע „פּעדאַגאָגן״ – איז עס זיכער נישט לעבנס־וואָר – טאַקע דעריבער נישט פּ ס י כ אָ־ל אָ ג י ש, – אַז אַ טאַטע האָט פאַרלאַנגט פון אַן אַכט־יאָריק קינד, אַז עס זאָל כּסדר „אַריינקוקן אין אַ ספר״. אַזעלכע אומ־וואָרשיינלעכקייטן אין שייכות מיט קינדער־פּסיכאָלאָגיע געפינען זיך אַ פולע אין די קינדער־מעשיות. כ׳וויל עס בשום־אופן נישט אַרויסשטעלן אויפן חשבון פון שלום־עליכמס פּאַסיוו. שלום־עליכם האָט אָפּט מקריב־געווען די וואָרהאַפטיקייט פון דעם רעאַלן דע־טאַיל, כּדי בולטער און וואָרהאַפטיקער אַרויסצובאַקומען דאָס ליכט און דעם שאָטן פון דער טאָטאַלער פיגור. נאָר אין דעם איז עס אים געגאַנגען. דעריבער האָט ער אַזוי אָפּט געלאָזט די קינדער רעדן מיט דער שפּראַך און מיט דעם זשעסט פון די „גרויסע״. סיי די קינדער און סיי די „גרויסע״ האָבן ביי שלום־עליכמען געהאַט די אויפגאַבע אַדורכצופירן דאָס געשטאַלט פון דעם ייִדישן מענטש אַלס אַ געוויסן (היסטאָרישן) מהות. די טראַ־

י. י. טרונק, שלום־עליכם, 21.

גיק פון די „גרויסע“ איז געווען דער קאָנפליקט פון אַ היפּער־אידעאַליסטישן וועלד־פרעמדן סוביעקט מיט דער אָביעקטיוויטעט פון דער וועלט. די טראַגיק פון די קינדער איז נאָך געלעגן אין דעם קאָנפליקט פון אָט־אָ דעם סוביעקט מיט זיך אַליין גופא. דער קליינער מנחם־מענדל איז דער יידישער מענטש אַלס מענטש מיט אַלע קאָמפּלעקסן פון בלוטיקע מענטשלעכע ליידנשאַפטן. ער לאָזט זיך נישט אַזוי לייכט איינשפּאַנען אינם יאָך פון אַ קאָלעקטיוון געשיכטלעכן שיקזאַל. ער קעמפט מיט אַלע זיינע כוחות קעגן דעם „אידעאַליסטישן“ מוז פון יידישן גורל. ער באַרעט זיך. ער פּרוווט נישט צו לאָזן אַטראָפירן אין זיך דאָס רעאַלע לעבעדיקע לעבן. די וועלט לאָקט אים נאָך מיט איר פולער נאַטורהאַפטיקייט, און ער וויל בעסער גיין אויפן רוף פון זיין מענטשלעכער נאַטור, איידער אויפן רוף פון זיין יידישן שיקזאַל. צוליב אָט־אָ דעם טראַגישן קאַמף פונם יידישן מענטש מיט זיך אַליין האָט שלום־עליכם אָנגעשריבן די קינדער־געשיכטן. פאַר זיין קינדער־פּערסאָנאַזש האָט ער בכיוון גענומען די פריסטע קינדער־יאָרן. ס'רוב פון שלום־עליכמס קינדער־העלדן זענען נישט מער אַלט ווי אַכט צי ניין יאָר. אַ חתן־בחור פון אַ יאָר דרייצן קומט תמיד פאָר אין שלום־עליכמס קינדער־פּערסאָנאַזש ווי אַ פרעמדלעך־גראָטעסקע פיגור, — טאַקע צוליב זיין אויסגעוואַקסנקייט. אין אָט־אָ די פריע קינדער־יאָרן פונם יידישן מענטש איז דאָס נאַטירלעך־מענטשלעכע לעבנס־געפיל — וואָס ווערט שפּעטער אונטערדריקט פון קאָלעקטיוון יידישן שיקזאַל — נאָך ווי־עס־איז פריש און זאַפטיק. עס האָט נאָך גענוג כוחות צום פּראָטעסט. לעבנס־רעאַליטעט קעגן לעבנס־קאָמפּענסאַציע. בלויז אָט־אָ דער טראַגישער קאַמפּס־מאָטיוו האָט שלום־עליכמען אינטערעסירט. אין די קינדער־געשיכטן האָבן מיר תמיד איין מאָטיוו אין פאַרשידענע וואַריאַציעס: דער קאַמף פון די גרויסע פּאַרטיקע יידן מיט די יונגע מענטשלעכע ווענונס, וואָס זייער גורל איז צו ווערן יידן.

## II

דערדאָזיקער טראַגישער קאַמף אינם וועזן פונם יידישן מענטש איז שלום־עליכמען פערזענלעך באַזונדערס נאָענט־געווען. מיר וועלן שפּעטער זען, ווי אין זיין קלאַסיש אויטאָביִאָגראַפיש ווערק „פונם יריד” — וואָס איז, אגב, אַ שליסל צו אַלע זיינע קינדער־נאָוועלן — איז אָט־אָ דער קאַמף געווען אַ הויפּט־מאָטיוו, וואָס טראָגט אויף זיך אויס דאָס ווערק און פאַרטיפערט עס. מיר האָבן שוין געזען, ווי אין זיינע סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע ווערק האָט זיך שלום־עליכם אומאויפהערלעך באַמיט אָנצובינדן וואָסער־עס־איז קאָנטאַקט צווישן זיינע סוביעקטיווע פאַרשוינען מיט דער דרויסנדיקער אָביעקטיווער וועלט. שלום־עליכם האָט עס אָבער נישט באַוויזן צו געשטאַלטיקן. אַלדאָס אָביעקטיווע און רעאַלע איז שוין געווען פולשטענדיק „פאַרדרענגט” אין דער פסיכיק פונם דערוואָקסענעם מנחם־מענדל. מ׳קאָן נאָר רעאַגירן אויף אַ דערשיינונג, מיט וועלכער מען שטייט אין פסיכישן קאָנטאַקט. וואָס טיפער און וועזנטלעכער דערדאָזיקער קאָנטאַקט איז, אַלץ שטאַרקער איז דאַן די רעאַקציע, שטאַרקער איז דאַן דער קאָנפליקט, טראַגישער איז דאַן די שפּאַנונג און דער קאַמף. קאַמף איז אַ פאָרם פון באַציִונג. נישטאָ קיין קאַמף אָן באַציִונג. אין דעם איז געלעגן דער פעלער שלום־עליכמס אין זיינע סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע ווערק: ער האָט אַרויסגעפירט זיינע העלדן צום קאַמף מיט דערשיינונגען, צו וועלכע זיי זענען נישט געשטאַנען אין קיין שום ווירקלעכער באַציִונג. די פּראָבלעמען פון זייער אַרומיקער וועלט זענען נישט געווען די פּראָבלעמען פון זייער פסיכיק. ס׳זענען געווען נייע בלוטיקע פּראָבלעמען פון דער רעאַלער וועלט און פונם רעאַלן

לעבן. שלום־עליכמס „דערוואַקסענע״ האָבן נישט די מינדסטע רעאַלע באַציִונג צום רעאַלן לעבן. אַנדערש, אָבער, איז אָט דער קאָנ־פליקט אַרויסגעקומען אין די קינדער־מעשיות. די קינדער האָבן נאָך נישט פאַרלוירן דעם גאַנצן חוש פאַר דער רעאַליטעט. אומגעקערט: דער טראַגישער קאָנפליקט ביי די קינדער ליגט, נעמלעך, אין דעם טראַגישן קאָנפליקט צווישן נאָך לעבעדיקע רעאַליטעטס־אינסטינקטן און דעם קאָלעקטיוו־יידישן כאַראַקטער, וואָס וויל דידאָזיקע רע־אַליטעטס־אינסטינקטן אויסראָטן. „נישט פאַר אייך, יידישע קינ־דער!״—דאָ איז געווען אַ שייד־פונקט, ווו שלום־עליכם האָט ווירק־לעך געקאָנט צונויפבינדן די יידישע פסיכיק מיט דער אָביעקטי־ווער רעאַלער וועלט.

שוין אין דער שפּראַך שלום־עליכמס דערקענט מען דעם גרויסן חילוק. אַז שלום־עליכם זאָל קאָנען זיין אייגענע שרייבע־רישע טעכניק באַנוצן דאָרט, ווו זי קומט נישט אַליין אַרויס פון זיין אינערלעכער שאַפערישקייט — צו דעם האָט ער פאַרמאָגט צו־ווייניק ליטעראַרישע קולטור. אויך אין זיין טעכנישן קענען איז שלום־עליכם געווען אַ פּראָווינציאַל. זיינע שרייבערישע בלויזן האָט ער קיינמאָל נישט געקאָנט באַהאַלטן הינטער וועלכע־עס־איז טעכנישע פעדערן. ווו שלום־עליכם האָט נישט געקאָנט טרעפן צו זיינע קוואַלן, און ער האָט געוואָלט עפּעס „מאַכן״ מיט סתם שרייבערישע מיטלען, האָט מען אים לייכט געכאַפּט „פאַר דער האַנט״. קודם־כל האָט ער באַלד פאַרלוירן זיין וואונדערלעך שלום־עליכמיש לשון. דאָס איז געווען דער בעסטער און דער איינצי־קער סימן, אַז שלום־עליכם איז נישט ביי זיך אין דער היים און ער דראַפּעט זיך אומבאַהאָלפן אויף די גלייכע ווענט, כדי עפּעס אַרויסצובאַקומען. מיט מיזאַמער „טעכנישער״ האַרעוואַניע האָט שלום־עליכם קיינמאָל נישט אַרויסגעברענגט די מינדסטע פרוכט. דאָ האָט זיך אין אים נוקם־געווען זיין ווינציקע אינטעליגענץ. ווו שלום־עליכם האָט מער נישט געהאַט דאָס מיטל פון דער שפּראַך, — האָט ער בכלל מער נישט געהאַט קיין מיטלען. דערפון האָב איך שוין פריער גערעדט אויספירלעכער. אין די סאָציאַל־געזעלשאַפט־לעכע ווערק טוט זיך פון שלום־עליכמען אָפּ דער גרויסער כוח

פון זיין שפּראַך. אין די קינדער־מעשיות גלאַנצט זי אויף אין איר פולער פּראַכט. שלום־עליכם געפינט זיך דאָ אין זיין שאַפע־רישן עלעמענט. אַרום די נייע שפּאַנונגען און קאָנפליקט־מאָטיוון, וואָס טויכן נ אַ ט י ר ל ע ך אויף אין די קינדער־מעשיות, צעשפּילט זיך אויך די שלום־עליכמישע שפּראַך. אַלע קוואַלן אירע פליסן שפּעדיק.

וואָס שייך דער קאָמפּאָזיציע: הגם שלום־עליכם האָט אַלע זיינע ווערק קאָמפּאָנירט זייער נאַיִוו און מיט פּרימיטיווע קאָמ־פּליקאַציעס, פונדעסטוועגן איז די קאָמפּאָזיציע פון די קינדער־מעשיות פיל קאָמפּליצירטער. כ'וועל באַלד דערקלערן די סיבה. בנוגע די ווערק, ווו עס ווערט גערעדט פון די „גרויסע": אוי־סערלעכע מאָטיוון דעצידירן דאָרט קנאַפּ־וואָס איבער דער שפּאַ־נונג פון די געשעעניש. אַלצדינג וויקלט זיך דאָרט אָפּ לויט דער פּסיכישער קאָנסטרוקציע און לויט די פאָרשטעלונגס־מעגלעכקייטן פון די העלדן. פריער האָב איך שוין דערפון גערעדט באַזונדערס אויספירלעך. ווען די מאָטיוון־קאָמפּאָזיציע איז נאָר אימשטאַנד אָנצוצינדן די אינערלעכע פאָרשטעלונגס־טעטיקייט פון די העלדן, דאַן איז זי שוין פולקום גענוג. קיין שום אויסערלעכע שפּאַנונג באַדאַרף נישט צו פּראָוואָצירן דאָס קאָמפּאָזיציאָנעלע פון די אוי־סערלעכע מאָטיוון. אין יענע שלום־עליכמישע ווערק דעצידירט נישט די אויסערלעכע שפּאַנונג. איך וויל מיך דאָ נישט איבער־חזרן. אַנדערש איז עס אין די קינדער־מעשיות: אָביעקטיווע אוי־סערלעכע מאָטיוון, — ד. ה„ שפּאַנענדיקע רעאַליטעטן — פירן דאָ צום דראַמאַטישן קאָנפליקט. נישט בלויז די סוביעקטיווע פאָרשטע־לונגען פון אַבסטראַקט־טוענדיקע מענטשן—ווי צ.ב„ אין די מעשיות פון די „דערוואָקסענע" — ברענגען דאָ די פּערזאָנען צו באַווע־גונג. טאַקעווירקלעכע אָביעקטיווע מאָטיוון דאַרפן צו דעצידירן איבער די קאָנפליקטן. וואָרים עס גייט דאָ שלום־עליכמען נישט נאָר אינם פּסיכישן געמעל פון די יידישע מענטשן. עס גייט אים ד ו ר כ ו י ס אין דער שפּאַנונג און אינם קאָנפליקט פון דער יידי־שער פּסיכיק מיט די אָביעקטיווע רעאַליטעטן פון דער וועלט. די אַרכיטעקטור פון דער האַנדלונג מוז דערפאַר זיין אַזוי קאָמפּאָ־

נירט, אַז די ווירקנדיקע מאָטיוון און די טעטיקע באַוועגונג זאָלן זיין פאַנאַנדערגעטײלט אין די קאַמפּס־ליניעס פונם קאָנפליקט און אין דער לאָגיק פונם דראַמאַטישן צוזאַמענשטויס.

די קאָמפּאָזיציאָנעלע דראַמאַטיק פון די קינדער־מעשיות ליגט נישט אויף אַזויפיל אין דער פאַבולע; אויך אין די קינדער־מעשיות איז די פאַבולע אַ נאַיווע. שלום־עליכם האָט אַפילו ביי זיין גרויסער פאַנטאַזיע נישט געקענט פאַבולירן. ער האָט צו ווייניק געלערנט זיינע קינסטלערישע חושים זיך אומצוגיין מיט אויסערלעכע געשעענישן. נאָר ביי דעם צוזאַמענשפּיל מיט דער אויסערלעכער וועלט לערנט מען זיך צוזאַמענקניפּן געשעענישן — ד. ה„ פאַבולירן. די וואָס קאָנען נישט אַרויסקוקן פון זייערע סוביעקטיווע ד׳ אמות, קענען אויך נישט גוט פאַבולירן. אין דער קאָמפּאָזיציע פון די קינדער־מעשיות איז שלום־עליכמען באַזונדערס געלעגן אין דעם פונאַנדערטייל פון די פיגורן. די טעטיקע (צווייטע) פיגורן אין די קינדער־מעשיות זענען נישט קיין בלויזע עבן־בילדער פון דער הויפּט־פיגור, אירע שאַטירונגען און נעבן־טענער. אין די מעשיות פון די „גרויסע״ שטייט נישט די טעטיקע פיגור כמעט אין קיין שום רעאַלן קאָנפליקט מיט דער רעאַליטעט. אַלצדינג וואָס געשיט אין יענער האַנדלונג, געשיט סוביעקטיוו. די הויפּט־פיגור האָט, אייגנטלעך, נישט קיין ריכטיקן אָביעקטיוון קעגנשפּילער. אויב ס׳זענען פאַראַנען דאָרט האַנדלענדיקע פּערזאָנען אַרום דער אַקטיווער הויפּט־פיגור, דאַן זענען זיי נישט מער ווי פאַרקערפּערטע אָפּשפּאַלטונגען פון איר אייגענעם פּסיכישן מהות. אין די קינדער־מעשיות זענען די פיגורן, וואָס באַוועגן זיך אַרום דעם הויפּט־העלד, טאַקע ווירקלעך אָביעקטיוו־רעאַלע פיגורן. זיי קומען פון דער אויסנוועלט אַלס ריכטיקע קעגנשפּילער. דעם הויפּט־העלד באַגלייטן זיי נישט ווי אַ כאָר פון אינערלעכע שאָטענעס. די נעבן־פיגורן שטייען מיטן הויפּט־העלד אין שטאַרקסטן קאָנפליקט. נישט אין זיינע אייגענע פאָרשטעלונגען שפּילט זיך אָפּ דער קאָנפליקט. טאַקע אין קאָנפליקט מיט די נעבן־פיגורן און מיט אַלע אָביעקטיווע דערשיינונגען פון דער אויסנוועלט אַנטוויקלט זיך און באַוועגט זיך דער הויפּט־העלד.

לויט אָט־אָ די קאָנפליקטן און שפּאַנונגען האָט שלום־עליכם געמוזט אויסשטעלן דאָס שפּיל־ברעט פון דער קאָמפּאָזיצ־יע. צוויי וועלטן באַדאַרפן זיך דאָ צונויפטרעפן אינם קאַמף. פון איין זייט: די עכטע שלום־עליכמישע מנחם־מענדל־וועלט, מיר האָבן דעם גאַנצן פּערסאָנאַזש אירן, — די טאַטעס, די מלמדים, די עלטערע ברידער, פעטערס און מומעס, ווײַדעס און באָבעס. בקיצור, — דאָס גאַנצע גוט־באַקאַנטע מנחם־מענדלשע געזינדל מיט האַק־און־פּאַק. דער חילוק איז נאָר — אין די קינדער־מעשיות טרעפן מיר נישט די „גרויסע" אין דעם פולן פּאַנאָראַמאַשפּיל פון זייער מנחם־מענדלשער פּסיכיק. אַזוי־צו־זאָגן, זענען זיי דאָ נישט אין דעם היימישן מיליע פון זייער לעבנס־געמיט. מיר טרעפן זיי אויפגערעגטער, געררייצטער, אַגרעסי־ווער, בייזער און אָנגרייפעדרישער. זיי פילן זיך פון עפּעס גע־העמט און באַאומרויִקט. די סיבה פון אָט־אָ דער שלעכטער שטי־מונג זייערער, ליגט טאַקע אין דעם נייעם „קינדערשן" עלעמענט, וואָס שלום־עליכם פירט־אַריין אין דער מנחם־מענדלשער סובּ־יעקטיוויסטישער אַטמאָספערע. אין דערדאָזיקער הינער־פּלעטע־רישער, אייגנטימלעכער און אין־זיך־אָפּגעשלאָסענער וועלט ברעג־גען די קינדער אַריין אייגנשאַפטן, וואָס די מנחם־מענדלס קאָ־נען שווער פאַרדייען. נעמלעך: לעבעדיקע באַציִונגען צו דער רעאַלער וועלט. לעבנס־פרייד פאַרן אָביעקטיוון. שלום־עליכמס פאַרשוינען,—די „גרויסע" קאַסריליקעס,—וואָס טראָגן אין זיך דעם ריינעם — אַזוי־צו־זאָגן — קאָלעקטיוויסטישן (מנחם־מענדלשן) כאַראַקטער — פילן זיך פּסיכיש פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אָט־אָ דעם פרעמדן געוויקס, וואָס פרווט צו וואַקסן אין דער פּסיכיק פון אַ יידישן מענטש. כאַראַקטער טראָגט אין זיך דאָס באַוווסטזיין פון דורות. אין די ייִנגעטשקע דורות פון קאַסרילעווקע זענען נאָך פאַראַן אייגנשאַפטן פאַרן רעאַלן. דאָס שטייט אין פולקומסטן ווידערשפּרוך צו דעם קאָלעקטיוון כאַראַקטער פון די יידישע דורות. דער כאַראַקטער קעמפט דער־פאַר, צו עלימינירן יעדן פּסיכישן ווידערשפּרוך. איבער אָט־אָ דעם אויפגעצווונגענעם קאַמף מיטן ווידערשפּרוך ווערן געררייצט

און פאַרביטערט די געמיטער פון די „גרויסע". ווידער־שפרוך, אַלס אַזעלכער – דאָס אַליין איז שוין אַ שטערנדיקער פרעמד־קערפּער אין אַ סוביעקטיווער וועלט, וואָס האָט זיך אָפּגעגרענעצט פון יעדן אָביעקטיוון פענאָמען, ד. ה., פון יעדן ווירקלעכן ווידערשפּרוך.

דעריבער געפינען מיר זיך אין די קינדער־מעשיות אין כסדרדיקער קאַמפּס־שטימונג צווישן די „גרויסע" און די קליינע. געשפּאַנטע אַטמאָספערע הערשט דאָ אין קאַסרילעווקע. דאָ טרעפן מיר די טאַטעס על־פּי־רוב קראַנקע, הוסטנדיקע, ברוגזע און אָנגעכמורעטע:

„איך געדענק מיין טאַטן כמעט שטענדיק קראַנק, שטענדיק בלאַס, געל, און תמיד אין כעס, תמיד ברוגז אויף דער גאַנצער וועלט. פאַר אַ מינדסט נאַרישקייט ווערט ער אָנגעצונדן און וויל מיך נאָר דורס זיין". „ווידער דעם טאַטנס כעס, דעם טאַטנס הוסט, דעם טאַטנס קללות – נישטאָ קיין פרייע מינוט, קיין פריילעכע מינע, קיין שמייכעלע". („דאָס מעסערל"). „פּלוצים, איך טו אַ קוק – דער טאַטע שטייט און קוקט אויף מיר מיט מאָדנע אויגן. אַז ער האָט דערזען די צעקאַרדאַשעטע קאַנאַפּע, האָט ער מיך אַרויסגעצויגן פון דאָרטן פאַרן אויער און האָט מיך אַזוי געשלאָגן, אַז מע האָט מיך באַדאַרפט מינטערן. – דער קדיש דיינער! ער וועט מיך אַריינטרייבן אַ לעבעדיקן אין דער ערד אַריין!– זאָגט דער טאַטע בלאַס ווי די וואַנט, כאַפּט זיך פאַרן האַרצן און פאַרהוסט זיך אויף עטלעכע מינוט". („אַ פידל"). „אַקייגן אים איז געזעסן דער טאַטע, טויט ווי די וואַנט, און האָט זיך געדרייט די באָרד, געריסן די האָר איינציקווייז – אַ סימן, אַז ער איז אין כעס".

דידאָזיקע שטימונג איז נאָר אין באַציִונג צו די קינדער. די טאַטעס צייכנט שלום־עליכם אַלס פיזיש מינדערווערטיקע. קינסטלערישע כוונה: מיט די שטאַרקסטע מיטלען וויל דאָ שלום־עליכם (קערפּערלעך) אונטערשטרייכן די (פּסיכישע) ראָלן פון די האַנדלענדיקע פיגורן. נעמלעך: ביי אָט־אָ די „דערוואַקסענע" קאַסריליקעס שפּילט דאָס פיזישע, דאָס נאַטורהאַפטיקע, דאָס רעאַל,

ווייענדיקע, דעם קלענסטן ווערט. אַלס לעבנס־ווערט דאָמינירט דער עיקר דאָס סוביעקטיווע און אַבסטראַקטע. „דער טאַטע מיט אַ יאַרמעלקע אויפן קאָפּ, זיצט איבער אַ ספר, לערנט און הוסט, לערנט און הוסט״; דער לעבנס־מהות פון די טאַטעס אין די שלום־עליכמישע קינדער־מעשיות. די טאַטעס זענען דאָ (פ י ז י ש) פיל מינדערווערטיקער ווי די גרויסע מנחם־מענדלס אין אַנדערע ווערק שלום־עליכמס. דידאָזיקע פיזישע מינדערווערטיקייט זייערע דאַרף זיין דאָס — שטאַרק אונטערגעשטראָכענע — קעגנשפּיל צו דעם פיזישן און נאַטורהאַפטיקן — אַלס לעבנס־ווערט — וואָס ווערט דורך די קינדער אַריינגעבערענגט אין דער האַנדלונג. דאָס איז דער כּסדרדיקער שפּאַנונגס־מאָטיוו אין די קינדער־מעשיות; נאַטורהאַפטיקער לעבנס־חשק, רעאַלער לעבנס־גענוס, קעגן אַבסטראַקטער לעבנס־קאָמפּענסאַציע.

כּדי בולטער, לעבעדיקער, און רייכער צו מאַכן דאָס שפּאַנונגס־שפּיל אַרום דעמדאָזיקן איין־און־איינציקן הויפּט־מאָטיוו, ווערט פון שלום־עליכמען יעדע איינציקע פון די אַקטיווע הויפּט־פיגורן נאָך אַרומגערינגלט מיט אַ גאַנצן כאָר פון נעבן־פיגורן. פּערסאָנאַזש נומער דריי. אָט־אָ די נעבן־פיגורן (נומער דריי) זענען אויך נישט מער ווי פּסיכישע אָפּשפּאַלטונגען פון דער הויפּט־פיגור. זיי באַוועגן זיך אַרום איר ווי טראַבאַנטן, באַטאָנען אַלע ניואַנסן און דאָס פולע ליכט־ און שאָטן־שפּיל פון דער דראַמאַטישער שפּאַנונג. אַרום דעם טאַטן זעען מיר אַ כאַפּטע מלמדים, עלטערע ברידער, זיידעס און באָבעס, פאַרשידענע מקורבים און אַנדערע יידן. די מלמדים אַרבעטן דאָ איבערהויפּט זייט־ביי־זייט ביי די טאַטעס. אינם קאַמף פון דעם קאָלעקטיוויסטישן כאַראַקטער מיטן אינדיווידועלן לעבנס־ווילן שטייען די מלמדים צוזאַמען מיט די טאַטעס אויף דער ערשטער ליניע. דעריבער שטרייכט אויך שלום־עליכם ביי די מלמדים שטאַרק אונטער די אייגנשאַפטן פון פיזישער מינדערווערטיקייט:

„מען האָט אים גערופן „רבֿ יידל מלאך המות״, און זייט זיכער, אַז ער האָט דעם נאָמען פאַרדינט כּשר, כאָטש אויסזען האָט ער אויסגעזען דוקא נישט ווי אַ מלאך המות: אַ קליינס, אַ נידריקס, אַ טרוקנס, ווי

אַ גרוֹגֶרֶת־דרַבי־צָדוק, ווי אַ פייג הייסט דאָס: דאָס פּנים טונקל־גרין־געלבלעך, ווי אַ פּאַראַיאָריקער לולב, און געקנייטשט ווי אַ אַ מצה שמירה, די באַקן איינגעפאַלן; אַ בערדל - קוים־קוים וואָס סע שפּראָצט, אי דאָס – נאָר ערטערווייז; אַ נאָז, זעט איר, גראָד אַ היפּשע: הייבט זיך אָן דין און לאָזט זיך אויס גראָב און אויסגעבויגן ווי אַ שופר; און אין גאָרגל אַ קנאָפּ, וואָס גליטשט זיך אַראָפּ און אַרויף, גלייך ווי עס וואָלט אַרומגעלאָפן דאָרטן אינעווייניק אַ מייזל..." „לאָם איך אים פאָר־שטעלן (דעם רבין מאַזעפּע): אַ קליינס, אַ טרוקנס, אַ דאַרס, אַ פאַרזעעניש. איר זאָלט זאָגן – אַ סימן פון אַ באָרד, צי פון וואָנסעס, צי פון ברעמען. נישט, חלילה, מחמת ער גאָלט זיי, נאָר גלאַט אַזוי, זיי ווילן נישט וואַקסן, זיי האָבן זיך אָנגערעדט. דערפאַר אָבער האָט ער אַ פּאָר ליפּן, און אַ נאָז – אַי, אַ נאָז! אַ קוילעטש, אַ האָרן, אַ שופר". („גזלנים").

אַזוי קוקן כמעט אויס אַלע מלמדים אין שלום־עליכמס קינדער־מעשיות. די מלמדים שטייען טאַקע נאָך מער ווי די טאַ־טעס אין „פּעדאַגאָגישן" קאַמף מיט די קינדער. איבער אַט־אָ דער דערציִערישער פונקציע זייערער צייכנט זיי שלום־עליכם פיזיש אַממינדערווערטיקסטן. זיי זענען די שוואַרצסטע דעמאָנען פון קאָלעקטיוויסטישן שיקזאַל, וואָס שטייען אין קאַמף מיטן אינדיווידועלן נאַטורהאַפטיקן לעבנס־געפיל פון די יונגע יידישע מענטשן:

„איר זאָלט אויף אים קיין כבוד נישט לייגן, אויף דעם כאַמולע, כאָטש ער איז מיינער אַ זון. פּאַסעס זאָלט איר פון אים שניידן!" „דער רבי האָט מער נישט באַדאַרפט ווי אַ פּרייע האַנט", – גיט־צו שלום־עליכם. אָדער: „דאָס זאָגט ער (דער טאַ־טע) איז ערשט אַן אויפגאַב. דיין פּסק וועסט דו ערשט האָבן אין דער היים פונם רבין... הערט־זשע צו, רב איצי! איך גיב אים איבער אויף אייערע הענט! איר זאָלט אים קאַטעווען, וויפל עס וועט אין אים אַריין! בלוט זאָל גיין! אַזאַ בחורל פון כמעט דאָס ב יי נ ט ע (מיין קורסיוו. י. י. ט.) יאָר! ער זאָל געדענקען ווי אַזוי נאָכ־

צולויפן פורים־שפילער, קאָמעדיאַנטשיקעס, שלעפּערס!... פאַר־שטערן אַלעמען דעם יום־טוב.״

אַלע אָט־אָ די „פּעדאַגאָגן״ הייסן טאַקע ביי שלום־עליכמען, מיט די שוואַרצסטע נעמען, אפרים תלין, ר׳ איצי מלאך־המות, מאַזעפּע, א. ד. ג.

נעבן די טאַטעס זעען מיר אויך די עלטערע ברידער, ד. ה., די עלטערע ברידער פון די קינדער. דעם קלאַסישן ביי־שפּיל דערפון, וואָס שלום־עליכמען איז געלעגן אין דידאַקטיקע „עלטערע ברידער״ האָבן מיר אין „מיין ברודער אליי״, („מאָטל פּייסי דעם חזנס״). אין צוזאַמענהאַנג מיטן בוך „מאָטל פּייסי דעם חזנס״ וועל איך מיך אָפּשטעלן באריכות אויף דעם „ברודער אליי״. דאָ וויל איך באַמערקן אָט־וואָס: אינם „עלטערן ברודער״ האָבן מיר די ערשטע פאַזע פונם שפּעטערדיקן שלום־עליכמישן מענטש, וואָס דאָס קאָלעקטיווע שיקזאַל האָט באַזיגט זיין אינדי־ווידועלן לעבנס־ווילן. די ערשטע טריט פונם פאַרטיקן מנחם־מענדל. פונם פריערדיקן קאַמף אין די קינדער־יאָרן הערן מיר נאָך אָפּקלינגען לייכטע רעמיניסצענצן. אויפן באַזיגטן פּסי־כישן קאַמפּס־פעלד טליִען נאָך דאָ־און־דאָרט שוואַכע נאַטורהאַפּ־טיקע לעבנס־געפילן. דעם „עלטערן ברודער״, צ. ב., ווי דעם ברודער אליי, פאַרגעסט זיך אָפּט, אַז אים „שיט זיך שוין אַ בערדל״, אָדער ער איז שוין גאָר אַ ייד אַ באַווייבטער, — און ער וויל אַ שטיף־טון צוזאַמען מיט די קינדער. ער איז נאָך נישט קיין פול־שטענדיקער „אַבסטראַקטער״ מנחם־מענדל און איז נאָך מיט עפּעס־וואָס צוגעבונדן צו דער נאַטורהאַפּטיקער קינדער־וועלט. אַזעלכע נישט מנחם־מענדלשע אויפבליצן טרעפן זיך אַפילו זעלטן ביים עלטערן ברודער, נאָר זיי טרעפן זיך פאָרט. אָבער דאָס זיגרייכע קאָלעקטיוויסטישע שיקזאַל־געפיל אין דער פּסיכיק פונם עלטערן ברודער קאָרעגירט באַלד די נאָך־נישט־אינגאַנצן אויסגעראָטענע נאַטורהאַפּטיקע „פּערזענלעכע״ אינסטינקטן. ער שעמט זיך מיט זיי און ציט זיך באַלד צוריק אין דער מנחם־מענדלשער אַטמאָס־פערע פון די „דערוואַקסענע״. דערדאָזיקער „מוז״, זיך אַליין צו קאָרעגירן, גיט דעם עלטערן ברודער אַ באַזונדערן פּלאַץ אין

שלום-עליכמס פערסאָנאַזש. דער עלטערער ברודער העלפט ס'רוב דעם טאַטן אין זיין „דערציִערישן" קאַמף, קוקט אָבער נאָך מיט פיל גערייצטער קנאה אויפן קלענערן ברודער און זוכט פאַרבאַ-האַלטענערהייט די זעלטענע געלעגנהייט מיט אים אַ שטיך צו טון.

ווען דער מוטערלעכער ראָל אין דעמדאָזיקן דורות-שפּיל לוינט באַזונדערס צו רעדן. מיר האָבן פאַרשידענע מוטער-טיפּן ביי שלום-עליכמען. פאַרשידן אויך אין זייער באַציִונג צו די קינדער. מיר געפינען צעוואָרפן אין אַלע שלום-עליכמישע ווערק אַ טיפּ פון אַ מוטער אַן אלמנה. ס'רוב קומט זי פאָר אין די אָרימסטע שיכטן פון שלום-עליכמס פערסאָנאַזש. דאָס איז אַן אָרימע צעבראָכענע יידענע, וואָס מוז אַליין שווער און ביטער האָרעווען אויף קאַרגע פרנסה. מיר טרעפן זי אָפט אין די מאָנאָ-לאָגן, ווי זי גיסט-אויס פאַרן צוהערער דאָס פולע פאַרביטערטע האַרץ. אַזאַ מין מוטער האָט אין זיך כמעט אַלע אַטריבוטן פונם באַקאַנטן שלום-עליכמישן פאָטער-טיפּ. אויף אירע קראַנקע פּליי-צעס ליגט צוזאַמען מיטן עול פון פרנסה אויך דער גאַנצער עול פונם יידישן שיקזאַל. דערמיט אויך דער „דערציִערישער" עול. אין גרויסן-און-גאַנצן טוט דעריבער אָט-אָ די יידענע אַלע פונק-ציעס פונם פאָטער. פאַרשטייט זיך, אַז דידאָזיקע יידענע איז פּי-זיש מינדערוועדטיק. שוין אַליין צוליב דעם שווערן לעבן אירן. אירע באַציִונגען צו די קינדער – מיט זעלטענע אויסנאַמען, צ. ב., די יידענע פון „טעפּל" – זענען פאַרביטערטע און אויפגע-רעגטע. עס איז אַ ווייבערישער טאַטע. מיר האָבן נאָך אַ טיפּ פון אַ מאָנסבילשער מוטער: אַ יידענע, וואָס מוז אויך אַליין האָרעווען אויף פרנסה. זי האָט אַפילו איר אייגנס אַ מאַן, נאָר ער איז אַ לעמעשקע, אַ שלימזל און אַ לא-יצלח, בקיצור: אַן אומגליקלעכע פיגור, וואָס שטייט כסדר אין שאָטן און אין דער האַנדלונג שפּילט ער מער די ראָל פון אַ קאָמישן רעקוויזיט, ווי פון אַ טע-טיקער פיגור. דאָס איז די איינציקע פיגור, וואָס שלום-עליכם האָט אפשר גענומען ביי מענדעלע מוכר-ספרים. אָט-אָ דעם פעמינאַלן טאַטן זעען מיר קיינמאָל נישט אין דערציערישן קאָנפליקט מיט די קינדער. ער האָט מיט זיך צו טון. ער איז אַליין אַ דערשלאָ-

געגער און איז תמיד דער ערשטער קרבן פון דער פרנסה־געבעריגס פאַרביטערטקייט. כ׳וויל אומישנע ברענגען אַ קליינעם דיאַלאָג פון אַזאַ קאַסרילעווקער שטוב: „עס ווייזט זיך אויס, אַז עוזר האָט נאָך אין קלייזל אָנגעשמעקט, אַז אין דער היים ביי אים קאָכט זיך אַ נגידישער אָנבייסן, איז ער געקומען צופליען מיט אַ ווערטל, ווי דער שטייגער זיינער: אַ גוט יום־טוב! — אַ וויסטער, אַ פינצטערער גוט יום־טוב אויף דיר, זאָגט זי, וואָס אַזוי פרי? איך האָב מורא געהאַט, זאָגט ער, טאָמער, חלילה, פאַרשפּעטיק איך דאָ אַ ברכו... וואָס קאָכט זיך דאָס ביי דיר אין אויוון? קדחת, זאָגט זי, פון דיינעטוועגן אין אַ קליין טעפּעלע...״ („אַ טעפּל״).

דערדאָזיקער שלימזל אונזערער, עוזר דער שמש, איז גאָר צו אַלע צרות אַ ווערטל־זאָגער. אַנדערע פון זיין זשאַנער זענען גלאַט שטומע נשמות, טרויען זיך נישט דאָס מויל צו עפענען, האַלטן זיך אין שאָטן. אויפן ערשטן פלאַן אַרבעט דאָ די „זי״ אין די מאַנסבילשע פלודערן. די באַציִונג פון דערדאָזיקער מאַנסבילשער מוטער צו די קינדער איז נאָך אַ „פּאָטערישערע״, ווי די באַציִונג פון דער פריִער־דערמאָנטער אלמנה. אַחוץ דעם קאָלעקטיוויסטישן „דערציִונגס־עול״, שפּילט דאָ אויך מיט דער אַפעקט אירער צום לא־יצלחדיקן מאַן. עס זענען „זיינע קינדער״, וואָס זי מוז קאָרמענען, דערציִען און פאַרטרעטן אין אַלע פונקציעס דעם „לעבעדיקן״ טאַטן, משטיינסגעזאָגט. איך ביי דער זייט אין קאַמף מיט די קינדער שטייט מיטן קאַנטשיק דער שוואַרצער קאָלעקטיוויסטישער דעמאָן — דער רבי.

אַז אויך דידאָזיקע פאַרביטערטע יידענע איז פיזיש מינדערווערטיק, — איז איבעריק צוצוגעבן.

איידער איך וועל רעדן פון די אַנדערע טיפּן פון די שלום־עליכמישע מוטערס, מוז איך נאָך עפּעס באַמערקן: ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט, האָבן מיר אינמיטן דער טרוימערישער מנחם־מענדלשער וועלט אַ מערקווירדיקע רעאַליסטישע אַנטיטעזע. נעמלעך, — די שלום־עליכמישע פרוי. מנחם־מענדלס ווייב שיינע־שיינדל, די שוויגער זיינע, טביהס ווייב גאָלדע — אַלע זענען זיי די קלאַסישע טיפּן פון דערדאָזיקער שלום־עליכמישער אַנטיטעזע;

אַן אַנטיטעזע פֿון אַ רעאַלן און פּראַקטישן לעבנס־קוק קעגן דעם הינער־פּלעטערישן אימפּעט פֿון די אַקטיווע מאַנסבילשע פיגורן. נישט בלויז יענע קלאַסישע פּרויען־פיגורן זענען אַנטיטעטישע. אומעטום, ווו די פרויען אין שלום־עליכמס פּערסאָנאַזשן מוזן נישט דירעקט (איבער אויסערלעכע באַדינגונגען) שפּילן קיין מענער־ראָלן — און דערמיט אויספירן אין שלום־עליכמס ווערק די אי־דעיִשע פונקציעס, וואָס זענען טיפיש, אייגנטלעך, נאָר פאַרן שלום־עליכמישן מאַן — דאַן דינען זיי אַלס כסדרדיקע אַנטיטעזע צו דידאָזיקע אידעיִשע פונקציעס. וועגן דעם גרויסן דראַמאַטישן באַדייט פון דערדאָזיקער מערקווירדיקער אַנטיטעזע אינמיטן פון דער פולער צעוואַקסנקייט פון שלום־עליכמס קינסטלערישע טעזן וועט מיר נאָך אויסקומען צו רעדן. יעדנפאַלס, וואָס שייך דער ראָל פון די מוטערס אין די קינדער־מעשיות: לויט דער שטעלונג פון דידאָזיקע מוטערס אין דער פאַמיליע, ווי אויך לויט דעם גאַנצן אידעען־קרייז, ווו זיי ווערן דערצויגן אין זייערע פליכטן אַלס יידיש ווייב און יידישע מוטער, באַדאַרפן זיי געהערן צו דער טעטי־קייטס־אַטמאָספערע פונם פאָטער. אין אונזער פאַל: צו דעם קאַמפּס־פראָנט מיט די קינדער. אָבער עס איז נישט אינגאַנצן אַזוי. די פרוי אַלס דער רעאַלערער פענאָמען אין דער מאַנסבילשער מנחם־מענדלשער וועלט נעמט־איין אין דערדאָזיקער רעאַליטעט אירער אַ באַזונדערע שטעלונג. ס'איז דאָ נאָך עפּעס צו באַמערקן: דאָס רעאַליטעטס־געפיל פון דער שלום־עליכמישער פרוי שטאַמט בשום־אופן נישט פון וואָסער־עס־איז שטאַרקן און פּערזענלעכן כאַראַק־טער־ווידערשטאַנד צום אַבסטראַקטן מנחם־מענדלשן לעבנס־אופן. ספּעציעל ביי שיינע־שיינדלען און איר באַרימטער מוטער קאָן עס אַפילו אַזוי אויסקוקן. אָבער ס'איז נישט ריכטיק. דורך דער געזעלשאַפטלעכער גרינגשאַצונג לגבי איר, מצד דער יידישער מאַנסבילשער סביבה — און דורך דער דורות־לאַנגער אָפּגעשטאַ־נענער שטעלונג פון דער פרוי בכלל — האָט מען די יידישע פרוי נישט דערצויגן דערצו, מיטצומאַכן מיטן מאַן די אידעאַ־ליסטיש־אַבסטראַקטע עקסקורסיע אינם היסטאָריש־יידישן לעבן. מ'האָט איר, דער שוואַכער הינטערשטעליקער יידישער פרוי, דער

„נאַרישער יידענע" נישט אָנגעטרויט דעם עול פון דער גרויסער קאָלעקטיווער שיקזאַלהאַפטיקייט. אינם מנחם־מענדלשן שוישפיל איז זי פאַרבליבן דאָס באַדינענדיקע פערסאָנאַזש, די צווייטע מדרגה. ווייל זי האָט גאָר נישט געקאָנט באַשטימען, דעריבער האָט זיך – שוין לויט די געזעצן פון דער אַנטוויקלונג – איר כאַראַקטער נישט אויסגעשטאַלטיקט צו דער פולער היסטאָרישער וועזנהאַפטיקייט, ווי צ. ב. דער כאַראַקטער פונם מאַנסבילשן יידישן מענטש. נישט זי – די יידישע פרוי – ער, דער יידישער מאַן, האָט באַדאַרפט צו מאַכן דאָס אידעאַליסטישע יידישע לעבן. אויף אַזוי פיל האָט די יידישע פרוי באַדאַרפט צו האָבן אין איר וועזן מנחם־מענדלשע עלעמענטן, אויף וויפל זי זאָל מיט איר וועזן נישט אַריינברענגען קיין פרעמדקייט און קיין דיסהאַרמאָניע אין דעם פסיכאָ־היסטאָרישן געמעל פון דער יידישערווירקלעכ־קייט. נאָר אויף אַזוי פיל ווערט זי פסיכיש פאַרמנחם־מענדלט. דאָס יידישע שיקזאַלהאַפטיקייט, דעריבער, האָט זיך נישט קיין סך באַמיט אויסצורייסן פונם וועזן פון דער יידישער פרוי יעדעס רעאַליטעטס־געפיל. עס האָט זיך דער יידישער שיקזאַלהאַפטיקייט נישט געלוינט צו פטרן דאָ צופיל ענערגיע. פון דעמדאָזיקן אי־בערגעבליבענעם רעאַליטעטס־געפיל בויט שלום־עליכם אויס יענע אַנטיטעטישע מאָטיוון, וואָס ברענגען־אַריין אין דער מנחם־מענדלשער וועלט אַזוי פיל שפּאַנונגס־שפּיל, ליכט און שאָטן, אָבער אַפילו דאָרט, וו די אַנטיטעטישע שלום־עליכמישע פרויען טרעטן־אויף אין דער שטאַרקסטער אַקצענטירונג פון זייער רעאַלי־טעט – ווי שיינע־שיינדל און איר מוטער – זענען זייערע רע־אַלע אַטריבוטן – אַלס לעבנס־געפיל – נישט גלייכווערטיק מיט די אידעאַליסטישע אַטריבוטן פון מנחם־מענדלען. מנחם־מענדלס אידעאַליזם איז אַקטיווער לעבנס־שטייגער, ער איז עקספּאַנסיוו, פּאָ־זיטיוו, אויפבויעריש, ער שאַפט אַרום זיך די פולע אַטמאָספערע פון אַן אייגנאַרטיקער היסטאָרישער וועלט. שיינע־שיינדלס רעאַליזם איז נאָר אַן אַקעגנשפּילערישער, אַ פּאַסיווער; אין זיין אַנטיטעטיש־קייט קאָן ער בלויז העמען דעם פאַנטאַסטישן אימפּעט פון מנחם־מענדלס כאַראַקטער־אַקטיוויטעט – דערמיט דעקט ער אויף אין

מנחם־מענדלס פסיכיק נייע געפילס־ניואַנסן — אָבער קיינמאָל קאָן שיינע־שיינדלס רעאַליזם נישט באַשאַפן קיין אייגענע אַט־מאָספערע, קיין אייגענעם לעבנס־שטייגער. אויב שיינע־שיינדלס רעאַליזם איז נישט אויפבויעריש, איז עס נישט בלויז דערפאַר, ווייל שלום־עליכם האָט אים געגעבן צו שפילן די אַנטיטעזע. ער איז נישט אויפבויעריש — ווייל אין וועזן זיינעם האָט ער נישט קיין שום זעלבסשטענדיקע ממשות. מיר קאָנען זיך גאַנץ גוט פאָרשטעלן מנחם־מענדלען און טביהן אָן שיינע־שיינדלען צי גאָלדען. מנחם־מענדל און טביה גיבן אונז אין זיך אַליין די פולע פאָרשטעלונג וועגן זיך. שיינע־שיינדל, די שוויגער, צי גאָלדע,—אָן דעם קעגנשפיל צו זייערע מאַנסבילשע פאַרטנערן, — האָבן זיי פאַר זיך אַליין נישט קיין שום פנים, זיי הערן לגמרי אויף צו עקזיסטירן אין אונזער פאָרשטעלונג, זיי פאַרלירן יעדע אַקטיוויטעטס־ליניע. נאָר אַלס שפאַנונגס־מאָטיוון לגבי די אַקטיווע מאַנסבילשע פיגורן באַקומען זיי זייער עקזיסטענץ. יאָ, שיינע־שיינדלס רעאַליזם שטאַמט פון איר ווייבערישער נאַיִוויטעט. פון איר גייסטיקער טעמפקייט. אינפאַנטילער רעאַליזם. מנחם־מענדלס אידעאַליזם אָבער, שטאַמט פון אַן איבערגעשפאַנטער גייסטיקייט, פון געררייצטער און נערוועזער לעבנס־וואַכקייט... נאָר די גייס־טיקע טעמפקייט שיינע־שיינדלס נוצט דער אידעאַליסטישער שלום־עליכם אויס אַלס רעאַליסטישע אַנטיטעזע.

אָט־אָ דעם נאַיִוון ווייבערישן רעאַליזם האָט שלום־עליכם איבערגעלאָזט כמעט אין אַלע זיינע פרויען־פיגורן. אויך אין די מוטער־טיפן פון די קינדער־מעשיות איז פאַראַן יענער רעאַליזם. בלויז אין די קינדער־מעשיות איז די יידישע פרוי נישט אַנטי־טעטיש אין איר רעאַליטעט. דאָ האָט שלום־עליכם אַרויסגערוקט אַ נייע און אַ שטאַרקערע אַנטיטעזע צו זיין יידישער וועלט, נעמלעך—דאָס רעאַלע נאַטורהאַפטיקע לעבנס־געפיל פונם קאַסרי־לעווקער קינד. דידאָזיקע נייע אַנטיטעזע איז נישט — ווי די שיינע־שיינדלשע אַנטיטעזע — נאָר אַ העמונגס־מיטל, וואָס רייצט מיט איר ווידערשטאַנד די אַקטיוויטעט פון דער הויפט־פיגור. די רעאַליסטישע אַנטיטעזע פון דעם קאַסרילעווקער קינד איז אין

איר אַקטיוויטעט פולשטענדיק גלייכווערטיק צו דער שלום-עליכמי-שער אידעאַליסטישער טענדענץ. ס'איז אַ קאַמפּס-פאַרמעסט פון גלייכ-ווערטיקע כּוחות. הגם — לויט דער מ ו ז-ליניע פונם קאָלעקטי-וויסטישן שיקזאַל מוז אָט די רעאַליסטישע אַנטיטעזע באַזיגט-ווערן. עס גייט דאָ אין דער ווערט-מאָס פון דער אַנטיטעטישער קראַפט, און נישט אין אירע פּערספּעקטיוון. אין דעמדאָזיקן כּוחות-פאַרמעסט שפּילט נישט דער נ אַ י ו ו ע ר רעאַליזם פון דער שלום-עליכמישער פּרוי די מינדסט-באַדייטנדיקע ראָל. שלום-עליכם באַ-טאָנט דאָ גאָר אים נישט אַנטיטעטיש. אין די קינדער-מעשׂיות געפינען מיר גראָד די שוואַכע מוטערלעכע פּרוי אָן שום ווידער-שטאַנד. זי שטייט פולקום צו דינסטן די אַלע שיקזאַלהאַפטיקע פונקציעס פונם פאָטערישן מאַנספאַרשוין. אין איר מוטערלעכ-קייט איז זי אויף אַ האָר נישט זעלבסשטענדיק. זי איז די ווילנ-לאָזע הינטערשטעליקע יידענע, די שקלאַפין פון טויזנט טראַ-דיציעס און דאָס שטילע געהאָרכזאַמע „פוסנבענקעלע" פונם הערשנדיקן ט אַ ט ן. זי רעדט-נאָך צום קינד די אַלע „דערציערי-שע" ווערטער, וואָס טראָגן זיך אַרום אין דער לופט פון דער „פאָטערישער אַטמאָספערע". אויך זי, די יידישע מוטער, יאָגט דאָס קינד אין דער שיקזאַל-שול — דאָס חדר, און סטראַשעט גאָר דאָס קינד מיטן דעמאָנישן רבין. אָבער איין זאַך זעען מיר ביי דערדאָזיקער שלום-עליכמישער מוטער — „דאָס געפיל איז איר נישט דערביי". עס רעדן טאַקע פון איר אַרויס די טראַ-דיציע, דער אָבערגלויב, דאָס געזעלשאַפטלעכע מיליע, אָבער אין דער פּסיכיק אירער איז נאָך פאַרבליבן אַן עלעמענט, וואָס פאַרייניקט זיך מיט דער פּסיכיק פונם קינד, נעמלעך—די רעשט-לעך פון איר נאַיוון רעאַליזם. הגם מיר זעען דידאָזיקע מוטער צוזאַמען מיטן פאָטער און מיטן רבין אויף דער קאַמפּס-ליניע מיטן קינד, פונדעסטוועגן איז דער נייער מאָטיוו, וואָס דאָס קינד ברענגט-אַריין נאָך קאַסרילעווקע — אַן אוממיטלבאַר נאַטורהאַפ-טיקייטס-געפיל — פאַר דער מוטער נישט אַזוי ווילד און עקזאָ-טיש, ווי צ. ב., דאָסדאָזיקע נאַטורהאַפטיקייטס-געפיל זעט-אויס אין די אויגן פונם פאָטער און פונם רבין. (דעם קינדס אוממיטל-

י. י. טרונק, שלום-עליכם, 22.

באַרע באַציִונג צו די רעאַלע פענאָמענען פון דער וועלט קומט-אויס פאַר יענע אַבסטראַקטע מנחם-מענדלשע פאַרשוינען ווילד און משונהדיק. אָן דרך-ארץ. הוילע הפקר און אומפאַראַנטוואָרט-לעכקייט). עס פעלט די „גרויסע מאַנספאַרשוינען" דאָס מינדסטע כּאַרשטענדעניש פאַר דערדאָזיקער נאַטירלעכער קינדערישער ליידנשאַפט. זיי זענען דאָ אַטראָפירט. „שוין-זשע האָט אים קיינ-מאָל נישט געצויגן (דעם טאַטן) ווי מיך, אין דרויסן אַרויס זו-מער אין דער פרי?" („דאָס דריידל"). די קאַמפּס-מאָטיוון צווישן די „דערוואַקסענע" מיטן קינדס אומגעשטילטער ליבע צו דער נאַטור זענען טאַקע פון די פאַרביטערטסטע מאָמענטן אין די קינדער-מעשיות. זיי ווידערהאָלן זיך כּסדר. די שוואַכע הינטער-שטעליקע מוטער טוט אַלץ, וואָס עס פאָדערט פון איר די שיק-זאַלהאַפטיקע „דערציִונג". ריכטיק. דער נאַטירלעכער קינדעריי-שער אינסטינקט זעט דאָך נישט אין דער מוטער דעם פאַרשטענ-דענישלאָזן באַקעמפער. זי סטראַשעט אַפילו מיטן טאַטן און מיטן רבּין, אָבער אויף וויפל עס איז נאָר מעגלעך און עס דערלויבן איר דער מוט און די כּוחות שטעלט זי זיך איין פאַרן קינד און שיצט אים פון די שטראָפנדיקע הענט פון די „גרויסע". נישט איינמאָל באַקומט זי, די מוטער אַליין, פונם פאָטער אַ פסק דער-פאַר, וואָס זי „פירט דאָס קינד איבער" מיט אירע ווינציקע צערטלעכקייטן. דאָסדאָזיקע פרייע, שטילע און וואַרעמע מוטער-לעכע געפיל אינמיטן דער אָנגעכמורעטער גערייצטקייט פון דער פאָטערישער סביבה — עס איז אַזוי פריש און נאַטורהאַפטיק פאַרן קינד, ווי דאָס זאַפטיקע פעלד הינטער קאַסרילעווקע, ווי דער פרילינג און ווי די ליבע וואַרעמע זון. דאָס קינד פילט זיך היימישער אין אָט-אָ דעם מוטערלעכן געפיל און ברענגט דער-פאַר דער מוטער אַקעגן טיפע באַהאַלטענע דאַנקבאַרקייט. פאַרן קאַסרילעווקער קינד איז פאָטערלעכע צערטלעכקייט עקזאָטיש, פונקט אַזוי ווי דאָס נאַטורהאַפטיקע געפיל פונם קינד איז עקזאָ-טיש פאַרן פאָטער:

„נו, מיין זון, אַצינד גיי אין חדר אַריין, און האָב שוין מער נישט אין זינען קיין מעסערלעך מיט קיין נאַרישקייטן...

שוין צייט זאָלסט שוין אָנהייבן ווערן אַ שטיקל מענטש; אם־ירצה־השם, איבער דריי יאָר ווערסט דו שוין בר־מצוה, צו הונ־דערט און צוואַנציק יאָר". „מיט אַזעלכע זיסע ווערטער שיקט מיך דער טאַטע אַרויס אין חדר אַריין צום נייעם מלמד, צו רב חיים קאַטער. דאָס ערשטע מאָל הער איך פון מיין בייזן טאַטן אַזעל־כע גוטע ווייכע ווערטער, און איך פאַרגעס אין איין מינוט אַלע זיינע רדיפות, מיט אַלע זיינע קללות, מיט אַלע זיינע פעטש... איך זאָל מיך נישט שעמען, וואָלט איך אים אַרומגעכאַפּט קושן. נאָר, כי–כי–כי– ווי אַזוי קושט מען אַ טאַטן ?..." („דאָס מעסערל").
„און קוק איך אויף מיין שיינער מאַמען מיט איר שיין קלאָר־ווייס פנים, וואָס שיינט אַרויס פון דער שיינער זיידענער יום־טובדיקער פאַטשיילע, מיט אירע שיינע גרויסע פאַרזאָרגטע אויגן, פאַרקלעמט מיך ביים האַרצן". („שוין איינמאָל אַ „סוכה"").
„די וואונדערלעכע ווייסע הענט פון דער מאַמע" אַלס קעגן־מאָטיוו צו דער מנחם־מענדלשער פאָטערלעכקייט חזרן זיך אי־בער אין די קינדער־געשיכטן, פונקט אַזוי ווי דער לינדער ווינט אין די קאָרן־פעלדער, דער רעגן אין חודש מאַי, די עפל־ביימער און די גרינע זאַפטיקע לאָנקעס... די לאָנקעס און די פעלדער, וואָס ציען זיך העט ווייט הינטער די „חדרים", וווּ עס הויזן די שוואַרצע דעמאָנען פונם קאַסריילעווקער שיקזאַל,–ר' אפרים תלין ר' איצי מלאך־המות, מאָזעפּע און אַנדערע.

## III

אויך די קינדער שטייען נישט פאַראייניצלט אויף זייער קאַמפּס־ליניע. שלום־עליכם האָט זיי אַרומגערינגלט מיט אַ כאָר פון נעבן־פיגורן.

מען דאַרף געדענקען: נישט דאָס טאָטאַלע קאַסרילעווקע האָט שלום־עליכם אַריינגענומען אין זיין היסטאָרישן מנחם־מענדל־שוישפּיל. פאַר די טרעגער פון זיין קינסטלערישער אידעע האָט ער גראָד אויסגעקליבן יענע געזעלשאַפטלעכע שיכטן פון קאַסרי־לעווקע, וואָס זענען דער אָנזעעוודיקער באַשטאַנד־טייל פון דער עקאָנאָמישער קאָנסטרוקציע פון קאַסרילעווקע, און דער עיקר — זייער גאַנצער עקאָנאָמישער (טאָג־טעגלעכער) לעבנס־שטייגער איז דורכויס צוגעפּאַסט צו דער יידיש־היסטאָרישער אַבסטראַקציע. די הויפּט־טרעגער פון דער מנחם־מענדלשער לעבנס־אידעע זענען ווי טאַקע אַליין, די מנחם־מענדלס גופא; דער קלאַס פון סוחרים־לעך, קליינבירגער און לופט־מענטשן. ביי זיי איז זייער לייכט נאָכצוווייזן די נאָענטע שייכות צווישן דער עקאָנאָמישער קאָנ־סטרוקציע פון זייער לעבן און דער פּסיכישער קאָנסטרוקציע פון זייער וועלט־געפיל; יענער קלאַס, וואָס די סאָציאַל־היסטאָרישע באַדינגונגען האָבן אים אַרויסגערוקט אויף דער אויבערפלאַך פון יידישן לעבן, און ער האָט דעריבער געהאַט דעם דאָמינירנדיקן איינפלוס אויף דער פּסיכישער אַנטוויקלונג פון דער יידישער גע־זעלשאַפט; די יידישע געזעלשאַפט אין שלום־עליכמס באַלייכטונג. עס זענען אָבער אַפילו אינם עכטן מנחם־מענדלשן קאַסרילעווקע פאַרבליבן געוויסע געזעלשאַפטלעכע שיכטן, וואָס האָבן זיך — גראָד איבער זייער עקאָנאָמישער שטעלונג — נישט געקאָנט מיט־

באַטייליקן אין דעם היסטאָרישן מנחם־מענדלשן האָקוס־פּאָקוס אין גרויסן־און־גאַנצן איז עס געווען דער ווינציקער קאַסרילעווע־קער פּראָלעטאַריאַט—אַרבעטער און בעלי־מלאכות — מיט זיינע גע־זעלשאַפטלעכע אָפּצווייגן, — ד.ה., די נידערגעשלאָגנסטע אָרימקייט און די לומפּן־פּראָלעטאַריער. אויף די פּאָדערגרונטן פון דער שלום־עליכמישער היסטאָרישער עפּאָפּעע הערן מיר פון זיי קנאַפּ. לויט זייערע געזעלשאַפטלעכע פונקציעס האָבן זיי דאָרט נישט וואָס צו טון. אַפילו אין שלום־עליכמס פּאָליטיש־רעוואָלוציאָנערע ווערק, ווי צ. ב., — „דער מבול", שפּילן די עכט־פּראָלעטאַרישע עלעמענטן אינדעראמתן, נישט קיין שום דעצידירנדיקע ראָלן. שלום־עליכם איז מיט זיי צו־ווייניק פּסיכיש פאַרבונדן, אַז ער זאָל זיי קאָנען אַרויסרוקן אויף די ערשטע ליניעס פון זיין שאַפן. שלום־עליכם איז הונדערט פּראָצענט סוביעקטיוויסט. ער קאָן נאָר זען און טון דאָס, וואָס ער איז אַליין. ווען שלום־עליכם האָט געשריבן דעם „מבול", איז ביים גאַנצן יידישן בירגערטום געווען אין דער מאָ־דע צו האָבן פּראָלעטאַרישע סימפּאַטיעס. שלום־עליכם האָט אויך געהאַט דידאַקטישע סימפּאַטיעס. אָבער סימפּאַטיעס זענען צו־ווייניק, כדי צו קאָנען שאַפן פון זיי געשטאַלט און באַוועגונג. פאַרן פּראָלעטאַריאַט, צי גאָר פאַר פּראָלעטאַרישער אידעאָלאָגיע האָט שלום־עליכמען געפעלט עכטע אינערלעכע באַציִונג. שלום־עליכם איז אין אַלע זיינע אייגנשאַפטן געווען דורכויס קליינ־בירגער. ער האָט דעריבער די טאָטאַליטעט פון דער יידישער נאַציע — אין איר גאַנצער היסטאָרישער גרייס — געזען דורך דער פּריזמע פון יידישן קליינבירגערטום. אַפילו אינם רעוואָלוצ־יאָנערן „מבול" קאָן ער שילדערן נאָר דעם פּסיכישן איבערברוך אין יידישן קליינבירגערלעכן קלאַס; אין זיין אייגענעם מנחם־מענדל־קלאַס; דעם פּסיכישן איבערברוך אין דעם יידישן קליינ־בירגערטום, אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם היסטאָרישן אויפשוונג פונם פּראָלעטאַריאַט. די איבעריקע קלאַסן אין דער יידישער גע־זעלשאַפט, סיי די אינטעליגענטיש־אַסימילאַטאָרישע, סיי די „גרויס־קאַפּיטאַליסטישע" — די „אַריסטאָקראַטישע", אַזוי־צו־זאָגן, — און סיי דעם פּראָלעטאַרישן קלאַס נוצט שלום־עליכם אויס נאָר צו־לס

באַגלייט־ און רוים־מאָטיוון. זיי מאַכן פולער, ברייטער און ריי־כער די אַטמאָספערע אַרום דער זיך־פאַנאַנדערוויקלענדיקער באַ־וועגונג, אָבער זיי דעצידירן גאָרנישט אין דערדאָזיקער באַוועגונג.

בלויז אין די קינדער־געשיכטן, — און גראָד אין שייכות און אַרום די קינדער, — זעען מיר בולטער אויפטויכן די אונ־טערשטע פראָלעטאַרישע שיכטן פון שלום־עליכמס קאַסרילעווקע.

די איינציקע דערוואַקסענע מאַנסבילן פון שלום־עליכמס פערסאָנאַזשן, וואָס ביי זיי זענען נאָך פאַרבליבן בידנע רעאַליס־טישע עלעמענטן, זענען אָט־אָ די פראָלעטאַרישע און לומפּן־פראָ־לעטאַרישע מאַנסבילן; דער נידערגעשלאָגענער קאַסרילעווקער מאַסן־מענטש, דער פראָסטער בעל־מלאכה, דער אַרבעטער־גזוּלן א. ד. ג.. די נידעריקע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, די פערמאַנענ־טע הונגער־אַטמאָספערע, דער הינטערשטעליקער געזעלשאַפטלע־כער און קולטורעלער ניוואָ זיינער האָבן דעם קאַסרילעווקער פראָלעטאַריער נישט דערלויבט צו האָבן די אַבסטראַקטע אילוז־יעס פון אַ מנחם־מענדל. הגם מנחם־מענדל איז גאַנץ ווייט פון גבירותשאַפט און איז אַליין, במחילה, אַ ייד אַ קבצן, אַ קאַסרי־ליק — אָבער מיט דעם אַליין, וואָס מנחם־מענדל איז אַ קליינ־בירגער און שטייט ווייניקסטנס אין די אויגן פון זיין אייגענעם ליבן קאַסרילעווקע אויף אַ העכערער געזעלשאַפטלעכער שטופע,— דאָס לאָזט אים איבער זיינע אַמביציעס און זיינע פאָדערונגען צום שיקזאַל. אמת, — אַז וואָס שייך רעאַלער פראָדוקטיוויטעט איז ער נאָך פיל האָפענונגסלאָזער און באָדנלאָזער ווי דער קאַסרי־לעווקער פראָלעטאַריער. ווייל מנחם־מענדל פאַרמאָגט נישט מער ווי זיין הוילע באָדנלאָזע האָפענונג–טאַקע דערפאַר אַנטוויקלט זיך אין אים (אַלס קאָמפּענסאַציע) די מאָדנע פעיִקייט צו גלאַנצן און צו שפּילן וואַ־באַנק מיט באָדנלאָזע אילוזיעס. אַנדערש איז ביים קאַסרילעווקער פראָלעטאַריער. ס'ווערט אויסקומען פּאַראַדאָקסאַל און משונהדיק — דאָך מוז מען עס צוגעבן: גראָד די ווינציקע רעאַלע פראָדוקטיוויטעט זיינע העמט ביים קאַסרילעווקער פראָ־לעטאַריער יעדן פאַנטאַסטישן אימפּעט. מנחם־מענדל האָט גאָר־

נישט, - דעריבער קאָן ער האָבן אַלץ. סיי־ווי־סיי פאַרמאָגט ער נישט מער ווי די הוילע באַפליגלטע פאַנטאַזיע – און אויב נישט מער ווי באַפליגלטע פאַנטאַזיע, טאָ שעפּט ער פון איר מיטן פולן שעפל. דער פּראָלעטאַריער קוקט מער אויס אויף דעם, וואָס עס גיבן אים זיינע אייגענע הענט. וואָס קאָנען אים די הענט זיינע געבן אין קאַסרילעווקע? זיינע האָרעפּאַשנע הענט, – וועלכע האָ־פּענונגען גיבן זיי אים, דעם קאַסרילעווקער פּראָלעטאַריער, וואָס ער זאָל זיי שטעלן אויפן קאָן פון מנחם־מענדלס שפּיל־טיש–די גרויסע וועלט? דעם באָדנלאָזן קליינבירגער, מנחם־מענדל, שטופּט די פאַנ־טאַזיע פאָרויס. די רעאַליטעט פון זיין אַרבעט, אין וועלכער ער האָט אָנגעבונדן זיין גורל, – זי שטופּט דעם קאַסרילעווקער פּראָלעטאַריער כסדר אַראָפּ אויף די אונטערשטע שטאַפּלען פון קאַסרילעווקע גופא. דער „קליינבירגערלעכער" קבצן קוקט פון אויבן אַראָפּ אויפן „פּראָדוקטיוון" קבצן, ווייל יענער, דער „פּראָ־דוקטיווער", זעט נישט (מחמת זיין פּראָדוקטיוויטעט) די פּאַטאַ־מאָרגאַנישע פּערספּעקטיוון, אין וועלכע עס ליגט דאָס טעלערל פון הימל. דאָס איז די גראָטעסקע לאַגע פון די קאַסרילעווקער „קלאַסן".

יעדנפאַלס, דער קאַסרילעווקער פּראָלעטאַריער איז נישט אַזוי אַבסטראַקט.

דאָס שטעלט אים אין שלום־עליכמס קאָמפּאָזיציע אויף איין ליניע מיט די קינדער.

מען דאַרף נישט פאַרגעסן: אין די עקאָנאָמישע פאַרהעל־טענישן פון קאַסרילעווקע זענען די גרענעצן צווישן דעם פּראָ־לעטאַריער און דעם לומפּן־פּראָלעטאַריער כמעט ווי נישט דיפע־רענצירט. דער שוסטער צי דער שניידער טראָגט גאָר פּורים שלח־מנות אָדער גייט פּורים־ביינאַכט אַרום אין די קאַסרילעווו־קער שטובן אַלס פּורים־שפּילער. דאָס געהער אויך צום בודזשעט פון זיין בידנער פּרנסה. אין דער נאָוועלע „ביים קעניג אחשורוש" געפינען מיר כמעט אַלע „פאַכן" פון קאַסרילעווקער פּראָלעטאַר־יער אין די ראָלן פון פּורים־שפּילער. אָט דער פאָלגנדיקער צעטל גיט אונז דאָס קלאָרסטע בילד:

„אַז איך בין געווען אַ קליין יינגל – ווייסט איר, ווען

איך האָב מקנא געווען? אַחשורושן. נישט יענעם אחשורושן, וואָס האָט געקיניגט פון הודו ביז כּוש, אויף הונדערט זיבן און צוואַנ־ציק מדינות. איך מיין — קאָפּל דעם שניידער מיט דער גיל־דערנער קרוין, דאָס הייסט, מיטן פּאַפּירענעם ספּאָדעק און מיט דער לאַנגער גילדערנער רוט פונם בעזים.

אויך מרדכין דעם שני למלך (לוי דעם שוסטער) מיט דער איבערגעקערטער קאַפּאָטע אויף דער לינקער זייט און מיט דער קלאָטשקעוואַטער פלאַקסענער באָרד האָב איך שטאַרק מקנא געווען.

איך האָב מקנא געווען ושתי המלכּהן (מאָטל דעם סטאָ־לאַר) מיטן קליידל אויף דער קאַפּאָטע און מיט דער פּאַטשיילע, וואָס ער פלעגט זיך אונטערבינדן דאָס בערדל, מע זאָל מיינען אויף אים, אַז ער איז אַ נקבה... און וואָס איז אָפּגעגאַנגען, אַ שטייגער, אסתּר המלכּהן (עוזר דעם אונטערשמש) מיטן גרינעם פּאַרטוך? און וואָס איז אָפּגעגאַנגען המענען (יאָסקע דעם באַ־העלפער) מיטן שאַרבן אויפן קאָפּ?". „אַז ס'איז געקומען דער גוטער, דער ליבער טאָג פּורים האָב איך פון גאַנץ פרי אָן שוין אַרויסגעקוקט אויף דער „חברה", וואָס גייען פון שטוב צו שטוב און אַ גאַנצע כאַליאַסטרע יינגלעך לויפן זיי נאָך פון הינטן מיט באָרוועסע פיס אויפן שניי. פאַרוואָס קאָן איך נישט זיין אין דער „כאַליאַסטרע?"

„— וואָס דרייסט דו זיך, ווי אַ דייטש אויפן קאָרעק?—מאַכט צו מיר דער טאַטע בשעת מיר גייען אַלע אינאיינעם צום זיידן ר' מאיר צו דער סעודה, און איך דערזע פון דער ווייטן די „כאַ־ליאַסטרע".

— ביסט שוין קיין עין־הרע אַ היפּש יינגעלע, קאָנסט גיין אַביסל גיכער! — זאָגט די מאַמע. — אם ירצה השם, שבת־הגדול ווערסט דו אַכט יאָר, ביז הונדערט און צוואַנציק.

— טשעפּעט אים נישט, ער האָט דערזען די קאָמעדיאַנטשי־קעס, — רופט זיך אָן מיין עלטערער ברודער משהלע, וואָס איז אַליין אויך אַ בעלן זיך אָפּשטעלן אָנקוקן די „קאָמעדיאַנטשיקעס".

— גיי, גיי! — מאַכט צו מיר דער רבי רב איצי, מיין מלאך־המות, און דערלאַנגט מיר אַ שטורך פון הינטן.

איך לאָז אַראָפּ די אויגן אין דער בלאָטע און גיי גלייך מיט אַלע, פאַרטיפט אין אומעטיקע מחשבות, טרויעריקע געדאַנקען. תּמיד מיט אַלע גרויסע! שטענדיק מיטן רבין!... אין דער פרי און ביינאַכט, און שבת, און יום-טוב!... רב איציס רויטע נאָז מיט טאַבאַקע, — איינגעזונקען זאָל זי ווערן".

אין דעמדאָזיקן קליינעם בילדל — וואָס איז, אייגנטלעך, נאָר דער אַריינפיר צו דער נאָוועלע „ביים קעניג אַחשורוש" — האָבן מיר כּמעט דעם גאַנצן מאָטיוון-פּערסאָנאַזש פון די קינדער-געשיכטן: יענע קאַסרילעווקער פאַרשווינדלעך, צווישן וועלכע שלום-עליכם וויקלט-פאַנאַנדער די דראַמאַטישע שפּאַנונג. לאָמיר זיי אָנקוקן; נומער איינס: די „גרויסע", ד. ה. דער טאַטע, דער רבי, דער עלטערער ברודער (און די מוטער) — מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין שום געפיל פאַר יעדן רעאַלן אוממיטלבאַרן לעבנס-אינסטינקט, פאַר יעדער נאַטורהאַפטיקייט. נומער צוויי: דאָס מנחם-מענדלשע קינד, אין וועלכן עס קעמפט דאָס אינדי-ווידועלע לעבנס-געפיל מיטן קאָלעקטיוון שיקזאַל. דאַן נו-מער דריי: די פולע כּנופיה פון די „אונטערשטע" קאַסרילעווקער „קלאַסן", וואָס אינם רוים פון שלום-עליכמס ווערק שטייען זיי מחוץ פון דער נאַציאָנאַל-אידעישער שיקזאַל-ליניע, וואָרצלען נאָך דעריבער מיט זייער פּסיכיק אין אַ נאַטורהאַפטיקן לעבנס-געפיל און ציִען דערמיט אָן דאָס אינדיווידועלע פונם מנחם-מענדלשן קינד.

מיט אָט-אָ די פּראָלעטאַרישע (צי לומפּן-פּראָלעטאַרישע) עלעמענטן פון קאַסרילעווקע זעען מיר די „גרויסע" אין כּסדר-דיקן קאַמף. אָבער דאָס קינד געפינט אין דערדאָזיקער אָרימקייט פון די „אונטערשטע" קאַסרילעווקער „קלאַסן" אַן אוממיטלבאַ-רערע און פּשוטערע באַציִונג צום לעבן, ווי אין דער „איבער-שטער" מנחם-מענדלשער היים. אין דערזעלביקער נאָוועלע פון „קעניג אַחשורוש" איז שלום-עליכמען געלונגען אויף עטלעכע בלעטלעך אָנצוּוואַרפן דאָס פולע געמעל פונם קאַמף פון דער קינדערישער פּסיכיק צווישן אָט די צוויי וועלטן. מיר האָבן דאָרט אַן „איבערשטן" שטאָך: פּורים ביים זיידן ר' מאיר מיטן

גאַנצן „פּאַטערישן" שטאַב. און מיר האָבן אויך דעם „אונ־טערשטן" שטאָק פון קאַסרילעווקער פּראָלעטאַריאַט: „אָט דאָ זיצט דער קעניג אַחשורוש — מאַכט צו מיר יוסף הצדיק (פּיוול דער יתום) און מיר לאָזן זיך אַראָפּ אַלע אין אַ קליין פינצטער שטיבל מיט ערד געדעקט". אוממיטלבאַרע לעבנס־פרייעלעכקייט און נאַטירלעכע היימישקייט שלאָגט־אַרויס פאַרן קליינעם מנחם־מענדל פון דעמדאָזיקן אָרימען קעלער. דאָרט איז מען גייסטיק צו־אָרים, כדי זיך צו קאָנען קאָמפּענסירן מיט אַבסטראַקציעס און מיט נעכטיקע טעג. אין יענע אונטערשטע קאַסרילעווקער קע־לערס האָט מען מיט גאָרנישט צו פרייען זיך, אַ חוץ מיטן ביסל אייגענעם בידנעם לעבן. נישט בלויז צווישן די פעלדער, די ביימער און די זון, נאָר אויך — אָ, איראָניע! — צווישן די אָרימסטע פון קאַסרילעווקע געפינט דער קליינער מנחם־מענדל יענעם אוממיטלבאַרן און רעאַלן לעבנס־כוח, וועלכער וואַקסט נאָך אין אים אין זיינע קינדער־יאָרן. אויך דאָ, אויף דעררדאָזיקער ליניע, קעמפן די טרעגער פונם יי ד י ש ן קאָלעקטיוון שיקזאַל — די גרויסע מנחם־מענדלס. דאָס ביסל נאַטורהאַפטיקייט, וואָס דאָס מנחם־מענדלשע קינד טרעפט נאָך אָן אין די פּראָלעטאַרישע קעלערס, — ווילן זיי מיט אַלע כוחות פון אים אַרויסרייסן, ווי מען רייסט־אַרויס אַ שעדלעכע קראָפּיווע. אויף די לעצטע בלעט־לעך פון דער נאָוועלע באַווייזן זיך טאַקע דיביידע פּאַרטרע־טער פון דעם קאָלעקטיוון יידישן שיקזאַל — דער טאַטע און דער רבי רב איצי — אינמיטן חברה פּראָלעטאַריער און פּורים־שפּילער. זיי זענען דאָ געקומען נאָך דעם אַנטלאָפענעם קליינעם מנחם־מענדל, אים צוריקצונעמען אין זייער „דערציִערישן" קרייז. די רעפליקן צווישן אָט די ביידע קרייזן אַרום דער פּסיכיק פון דעם יונגן קינד גיט שלום־עליכם איבער מיט פיל אוממיטלבאַרער פּשטות. עס איז דאָס וווּנדערלעכסטע שפּיל פון שיקזאַלן אַרום דער גענעזיס פון אַ מענטשלעכער פּסיכיק.

## IV

אין „אויפן פידל" האָבן מיר אַ רייכערע סקאַלאַ פון מאָטיוון. קודם־כל האָבן מיר אַ טיפערן קווער־שניט אין דער פּסיכישער געגעזיס פונם קינד. מיר האָבן דאָ צו טון מיט אַ כלומרשטער מו־זיקאַלישער אַנלאַגע פונם קינד, וועלכע ווערט אויפן שאַרפסטן אופן אונטערדריקט פון דער „פּאַטערישער" סביבה. מען באַדאַרף עס אין דערדאָזיקער נאָוועלע אויף קיין פאַל נישט אויסטייטשן אַלס וואָסער־עס־איז השכלהשע טענדענץ. די „מוזיקאַלישע אַנ־לאַגע" ווערט דאָ אויסגענוצט, נישט אַלס ספּעציעל אונטערדריקטע קינסטלערישע פעיִקייט, נאָר אַלס אַן אונטערדריקט נאַטורהאַפטיק געפיל. שלום־עליכם האָט דאָ אומישנע גענומען אַ מער סובלימירט געפיל אינם קינד, — אַ געפיל, וואָס אַנטהאַלט אין זיך אַ רייסנדיקע בענקשאַפט צו אַלע שיינקייטן פון לעבן—אַ געפיל צו מוזיק, — און אַרום דעמדאָזיקן געפיל געלאָזט פאַנאַנדערשפּילן דעם קאַמף פון די דורות. (אין דערדאָזיקער נאָוועלע האָט שלום־עליכם, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, אַריינגעפירט אַ פולע נייע מאָטיוון). נפתלצי בעזבאָראָדקע מיט זיין הויזגעזינד — פונקט ווי די שוסטער אין „קעניג אַחשורוש" — איז פון „אונטערשטן" קאַסרילעוועקער קלאַס, וואָס שטייט צוזאַמען מיטן קינד אין קעגנזאַצלעכקייט צו דער קלייבירגערלעכער מנחם־מענדלשער סביבה. דאָס וואָס ציט דאָס קינד צו נפתלצין איז בשום־אופן נישט די גרויסע מוזיקאַלישע קונסט פון אָט די לומפּן־פּראָלעטאַרישע קלעזמער. אויך אין דער־דאָזיקער מוזיקאַלישער פאַמיליע וויל שלום־עליכם אויף קיין פאַל נישט אַפּערהויבן קיין וואָסער־עס־איז מוזיקאַלישע פעיִקייטן. ס'איז אַ חברה וואַגאַבונדן־גרימפלער. גראָד דאָס פרייע, וואַגאַבונדישע,

די צעלאָזענע הפקרדיקע לעבנס־פרייד אין דידאָזיקע פאַרשוינגען שטעלט שלום־עליכם אַוועק אַלס אָנצייִונגס־פּונקט פאַרן קינד. אין דעם גייט שלום־עליכמען דער עיקרשט:

„פּונקט אין מיטן וועג, צווישן דער היים און צווישן חדר, איז געשטאַנען אַ קליין שטיבל, מיט ערד געדעקט; פלעגט זיך פון דאָרט תּמיד הערן פאַרשידענע קולות און געזאַנגען פון אַלע־ערליי כּלים, און מערסטנטיילס — קולות פון אַ פידל. דאָרטן איז געזעסן אַ קלעזמער, נפתּלצי בעזבאָראָדקע, אַ ייד מיט אַן אונטער־געהאַקטער קאַפּאָטע, מיט אונטערגעבויגענע פאות און מיט אַ גע־פרעסטן קאָלנער. אַ נאָז האָט ער געהאַט אַ היפּשע, אויסגעזען ווי אַ צוגעקלעפּטע, ליפּן גראָבע, ציין שוואַרצע, דאָס פּנים געשטופּלט און אָן אַ סימן פון אַ באָרד, און דערפאַר טאַקע האָט מען אים גע־רופן „בעזבאָראָדקע”. אַ ווייב האָט ער געהאַט אַ מאַשינע, האָט מען זי גערופן די „מוטער חוה”. און קינדער איז ביי זיי געווען אַ טוץ אַנדערהאַלבן, אויב נישט מער, אָפּגעריסענע, האַלב־נאַקעטע און באָרוועסע און אַלע, — פונם גרעסטן ביזן קלענסטן, — האָבן זיי געשפּילט, דער אויפן פידל, דער אויף דער „אַלט”, דער אויפן באַס, דער אויפן טרומייט, דער אויפן פלייט, דער אויפן פאַגאָט, דער אויף דער האַרפּע, דער אויפן צימבל, דער אויף דער באַ־לאַלייקע, דער אויפן פּויק, דער אויף די טאַצן. צווישן זיי זענען געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געקענט אויספייפן דעם גרעסטן ניגון מיט די ליפּן, אויף די ציין, אויף גלעזלעך, אָדער אויף טעפּלעך, אויף שטיקלעך האָלץ, אָדער גאָר אויף די באַקן — שדים, רוחות און גאָר!”

דאָסדאָזיקע קלעזמערישע געזינדל לעבט אין זיין אָרימ־קייט פריי און זאָרגלאָז, ווי די פייגל אויפן פעלד. רעזומע: אויפן מנחם־מענדלשן מיליע ליגט אַ שווערער עול, — דער עול פון זיין היסטאָרישן כּאַראַקטער, וואָס איז צוגלייך דער שווע־רער עול פון זיין שיקזאַל. אין דעמדאָזיקן שיקאַלהאַפּטיקן עול אַריין ווילן די מנחם־מענדלס אַריינציִען דאָס קינד. — דאָס וואָס די „אונטערשטע” קאַסרילעווקער קלאַסן זענען געשטעלט־געוואָרן מחוץ דעם „נאַציאָנאַלן עול”, — גראָד דערמיט לאָקן זיי אַזוי דאָס

מיט זיין צוקונפטיקן (קאָלעקטיוון) שיקזאַל קעמפנדיקע מנחם־מענדל־שע קינד. נישט אין מוזיקאַלישן געפּיל פונם קינד און נישט אין דער פּרימיטיווער קינסטלער־סביבה פון נפתּלצי בעזבאָראָדקעס גע־זינדל גייט עס שלום־עליכמען, נאָר אין גאַנץ עטוואָס אַנדערש, נעמלעך — אין דעם לעבנס־לוסטיקן נאַטורהאַפטיקן געפיל אַלס אַנטיטעזע צו דעם מנחם־מענדלשן לעבנס־געפיל. אַ ראיה: מיר זעען ווי נפתּלצי בעזבאָראָדקע מיט זיין קאַפּעליע פאַרשווינדן־אַרויס פון דער אַקציע באַלד נאָך די ערשטע זייטלעך פון דער נאָוועלע. דאָס יינגל האָט, נעמלעך, געזאָלט נעמען מוזיק־לעציעס ביי נפתּלצין, אָבער דעמדאָזיקן מאָטיוו (אַלס שפּאַנונג) פאַרלאָזט שלום־עליכם. ער בויט אים נישט אויס. שלום־עליכמען גייט גאָר נישט דערין, צו מאַכן זיין יונגן העלד פאַר אַ מוזיקער. אויף דעם אָרט פונם נפתּלצי־מאָטיוו — וואָס איז פאַר שלום־עליכמען געווען נאָר אַ פּסיכישע פּרעלודיע — קומען באַלד אַנדערע שפּאַ־נונגס־מאָטיוון, וועלכע דריקן־אויס פרייער און בולטער שלום־עליכמס טענדענצן.

שלום־עליכם האָט אויסגענוצט דעם מאָטיוו מיט נפתּלצי בעזבאָראָדקע בלויז אַלס איבערגאַנג. ער דינט אים אַלס דער ר ו י ם, וווּהין אַריינצופירן דעם יונגן מנחם־מענדל. שלום־עליכמס מענטשן קאָנען נאָר זיין אַקטיוו אין זייער ספּעציפישן רוים. פריער האָבן מיר שוין געזען, ווי אַזוי שלום־עליכם קאָנס־טרויִרט ספּעציעל שטאָט און לאַנדשאַפט, וועלכע זענען צוגעפּאַסט צו דעם מנחם־מענדלשן וועזן, ד. ה., רוים, וואָס איז אויפגעבויט פון עלעמענטן פון מנחם־מענדלס פּסיכיק. אויך פאַר די מאָטיוון פון דעם דראַמאַטישן צוויי־שפּאַלט אין דער פּסיכיק פון דעם יונגן מנחם־מענדל מוז שלום־עליכם האָבן דעם נויטיקן רוים, ד. ה., — רוים, וואָס זאָל אין זיינע עלעמענטן אונטערשטרייכן, פאַר־טיפערן און ניואַנסירן די טענדענצן פון דער באַוועגונג, וואָס בויט זיך אויף אַלס דאָס זעעלן־בילד פון דעם העלד. שלום־עליכם באַדאַרף איצט נישט קיין אַבסטראַקט קאַפּרילעווקע, ווי למשל, אין די ווערק זיינע פון די „גרויסע". ער באַדאַרף אַ רוים, פול מיט רעאַלער לעבנס־לוסט, פול נאַטורהאַפטיקייט. ער באַדאַרף

איצט נישט דעם קאַסרילעווקער מאַרק, דעם קאַסרילעווקער טייך „שטינקעליי", דעם „באַרדיטשעווער טראַמוויי", צי גאָר דעם „ליידיקגייער",—די אַלע גוט־באַקאַנטע „מנחם־מענדלשע" רוים־קעגנשטאַנדן. ער באַדאַרף איצט אמתדיק פעלד, בוים און גראָז, זון און וואַסער; רוים־קעגנשטאַנדן, וואָס זאָלן שטיין אין צוזאַמענשפּיל מיט די רעאַלע נאַטורהאַפטיקע עלעמענטן אין דער פּסיכיק פון דעם מנחם־מענדלשן קינד. די לומפּן־פּראָלעטאַרישע קעלערס, דאָס געזינדל פון קלעזמער און פּורים־שפּילער, דאָס פּריילעך־קבצנישע „עמך"־געזינדל, וועלכעס שלום־עליכם האָט אויסגענוצט אַלס אַנטיטעטישע רוים־מאָטיוון, איז געווען צו־ענג און צו־פינצטער, אַז שלום־עליכם זאָל דאָ קאָנען פאַנאַנדערוויקלען די פולע אַקציע. דאָס רעאַלע נאַטורהאַפטיקע געפיל פונם קינד האָט ער געוואָלט צוזאַמענברענגען מיט רעאַלער און פּלאַסטישער נאַטור־האַפטיקייט. סוף־כל־סוף איז די רעאַלע לעבנס־לוסט פון די קאַס־רילעווקער אונטערשטע קלאַסן אויך נאָר געווען אַן אינערלעכע, אַ סוביעקטיווע, מער אַן ענין פון טעמפּעראַמענט, ווי פון אָנזע־עוודיקייט און פּלאַסטישער פאָרם.

קוים האָט שלום־עליכם נאָר אויסגענוצט נפתלצי בעזבאָ־ראָדקען מיט זיין געזינדל אַלס די ערשטע שטויס־ און שפּאַנונגס־מאָטיוון, פאַרברייטערט ער באַלד די באַזע פון די אַקטיווע טענ־דענצן. אָנשטאָט אין דער פּסיכישער נאַטורהאַפטיקייט פירט ער אַרויס דעם העלד אויף דערווירקלעכער נאַטור.

אַ צווייטער, אַ שטאַרקערער נאַטור־מאָטיוו פאַרנעמט דאָס אָרט פון די קאַסרילעווקער לומפּן־פּראָלעטאַרישע גרימפּלער־וואַ־גאַבונדן.

טשעטשעק:

„דאָס איז געווען אַ געזונטער יונג, אַ הויכער, מיט אַ גרויסער קיילעכיקער באָרד און מוראדיקע ברעמען. אַז ער האָט אַראָפּגעלאָזט די ברעמען, איז דאָס פּנים געווען שוואַרץ ווי די נאַכט, און אַז ער האָט זיי אויפגעהויבן — איז דאָס געווען קלאָר ווי דער טאָג, וואָרים, עס האָבן זיך געפונען אונטער

דידאָזיקע געדיכטע ברעמען אַ פּאָר העל־בלויע, גוטע, שמייכלענ־דיקע אויגן.

טשעטשעק האָט געוווינט ווייט־ווייט הינטער דער שטאָט, אין אַ קליין ווייס שטיבל, מיט קליינע פענצטערלעך, מיט גע־פאַרבטע לאָדן, מיט אַ גרינעם גאָרטן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון דאָרט אַ סך הויכע געלע סאָנישניקעס, און האָבן ווי גע־רופן מיך צו זיך: אַהער צו אונז, בחורל! דאָ איז גראָם, דאָ איז פריי, דאָ איז ליכטיק, דאָ איז פריש, דאָ איז וואַרעם, דאָ איז גוט! און נאָך יענעם עיפּוש, מיט דער היץ, מיטן שטויב, וואָס אין שטאָט, און נאָך יענער ענגשאַפט, מיטן געשריי, מיטן טומל, וואָס אין חדר, גלוסט זיך טאַקע אַהער, וואָרים דאָ איז גראָם, דאָ איז פריי, דאָ איז ליכטיק, דאָ איז פריש, דאָ איז וואַרעם, דאָ איז גוט! עס גלוסט זיך לויפן, שפּרינגען, שרייען, זינגען; אָדער גאָר אַ וואָרף טון זיך אויף דער הוילער ערד, מיטן פּנים אינם גרינעם שמעקענדיקן גראָז אַריין. נאָר, אוי ווי, נישט פאַר אייך, יידישע קינדער! געלע סאָנישניקעס, גרינע קרויט, פרישע לופט, ריינע ערד, אַ לויטערער הימל — האָט קיין פאַר־איבל נישט, ס'איז נישט אויף אייער מיסט געוואַקסן!..."

„באַגעגנט האָט מיך אַ שוואַרצער קודלאַטער הונט מיט רויטע פייערדיקע אויגן. ער איז אויף מיר אָנגעפאַלן מיט אַזאַ רשעות, אַז ס'איז מיר שיער די נשמה אַרויסגעפאַלן. אַ גליק וואָס ער איז געווען צוגעבונדן אויף אַ שטריק. דערהערט מיין געשריי, איז טשעטשעק אַרויסגעלאָפן אָן אַ מונדיר און האָט אָנ־געהויבן שטראָפן דעם הונט, ער זאָל אַנטשטימט ווערן — און ער איז אַנטשטימט געוואָרן. נאָכדעם האָט ער מיך אָנגענומען פאַר אַ האַנט, צוגעפירט מיך גלייך צום שוואַרצן כלב, געזאָגט, איך זאָל גאָר קיין מורא נישט האָבן, ער וועט מיך נישט זאַ־טשעפּען, אַ סימן, זאָגט ער, איך זאָל אים אַ גלעט טון איבער די האָר; און נישט לאַנג געטראַכט, נעמט ער מיין האַנט און פירט מיט איר איבערן הונטס פעל, רופט אים אָן בשעת־מעשה מיט עטלעכע מאָדנע נעמען און זאָגט אים גוטע ווערטער. דער שוואַר־צער חברה־מאַן לאָזט אַראָפּ דעם וויידל, בויגט איין דעם קאָפּ,

באַלעקט זיך מיט דער צונג און וואַרפט אויף מיר אַ קוקל מן־הצד, ווי איינער רעדט: דיין גליק, וואָס דער פריץ שטייט דאָ, וואָלסט שוין אַוועקגעגאַנגען פון דאַנען אָן אַ האַנט... איבערגע־לעבט די פחדים פון הונט און אַריינגעגאַנגען מיטן „פאַן פול־קאָווניק" אין שטוב אַריין, בין איך נבהל־ונשתומם געוואָרן: אַלע ווענט זענען באַהאָנגען פון אויבן ביז אַראָפּ מיט ביקסן, און אויף דער ערד ליגט אַ פעל מיט אַ קאָפּ פון אַ לייב אָדער אַ לעמ־פערט מיט מוראדיקע שאַרפע ציין. ס'איז מיר נישט איינגעגאַנגען די פרישע פלוימען מיט די שיינע עפל, וואָס דער באַלעבאָס האָט מיך מיט זיי מכבד געווען פון זיין אייגענעם גאָרטן".

שלום־עליכם וויל אונז דאָ ווייזן אַ מענטשלעכן נאַטור־האַפטיקן לעבנס־שטייגער, וואָס אין זיין רוים, אין זיין קאָלאָריט, אין זיינע אַלע ניואַנסן און קאָמפּלעקסן איז ער די עקסטרעמסטע אַנטיטעזע צום מנחם־מענדלשן קאַסרילעווקע. דערדאָזיקער פרעמ־דער אַנטיטעטישער לעבנס־שטייגער ציט דערפאַר אַזוי שטאַרק צו צו זיך דאָס יונגע קאַסרילעווקער ייִנגל, ווייל אין אָט דעם יונגן קאַסריליק גופא זענען נאָך שטאַרק פאַראַן לעבעדיקע עלע־מענטן פון רעאַלער נאַטורהאַפטיקייט. מיט טשעטשעקן און זיין סביבה שטרייכט נאָר שלום־עליכם אונטער דאָסדאָזיקע – אַלס רוים־מאָטיוו, – וואָס לעבט נאָך אין זיין העלד אַלס אַקטיווע פסיכישע מאָטיוון. ס'איז אַן אופן פון שלום־עליכמס קינסטלערישן דרך: צו קאָנסטרויִרן ספּעציעלע רוים־מאָטיוון לויט די טענדענצן פון דער פסיכישער קאָנסטרוקציע, וועלכע ער וויל געבן. דער־מיט ניואַנסירט ער שטאַרקער די דינאַמיק פון דער אינערלעכער פסיכישער באַוועגונג.

דעם שטאַרקן סינטעטישן בילד, וואָס בינדט אַזוי טראַגיש צוזאַמען די רעאַלע נאַטורהאַפטיקייט פון טשעטשעקן און זיין סביבה מיט די נאַטורהאַפטיקע עלעמענטן פון יונגן מנחם־מענדל־שטעטל שלום־עליכם אַקעגן דאָס גאַנצע טיפּישע קאַסרילעווקער מיליע. אַלס קעגנבילד האָבן מיר דאָ די פולע פּאַטערישע סביבה מיט אַלע אירע טראַבאַנטן. כדי נאָך בולטער צו מאַכן דאָס דראַ־מאַטישע שפּיל פון קעגנזאַצלעכע עלעמענטן נעמט זיך שלום־

עליכם צו זיין באַקאַנט מיטל: די רעאַלע פּסיכיק קאָנסטרויִרט
ער אין פיזישער פוּלוועַרטיקייט. דאַקעגן באַנוצט ער זיך מיט
פיזישער מינדערוועַרטיקייט, כדי אונז צו געבן אַ פול פּלאַסטיש
בילד פון אַ פּסיכיק, וואָס איר איז פרעמד יעדעס רעאַלע, אַ פּסי-
כיק, וואָס איז געווינט זיך אויסצולעבן אין הוילע אַבסטראַקטע
אַטריבוטן. ביישפּיל: טשעטשעק איז פיזיש פוּלוועַרטיק, ווי די
געזונטע נאַטור. פיזיש מינדערוועַרטיק איז די גאַנצע „פּאַטערי-
שע" סביבה, וואָס באַמיט זיך אַרויסצורייסן פונם קינד אַלע לע-
בעדיקע געפילן פאַר דער נאַטורהאַפטיקייט און אים פּסיכיש צו-
צוגרייטן פאַרן קאָלעקטיוון יידישן שיקזאַל. שלום-עליכם טוט עס
נישט, חס-ושלום, כדי אונז צו געבן זיינע טייערע און ליבע
קאַפּריליקעס אַלס פאַרזעענישן און קאַליקעס. ער איז עס זיכער
נישט אויסן. פּשוט, — שלום-עליכם וויל מיט פּלאַסטישע מיטלען
אויסדריקן, אַזוי-צו-זאָגן דעם „פּסיכישן אידעאַליזם" פון די אַק-
טיווע פיגורן, וואָס שטייען אויף די פאָדערגרונטן פון נאַציאָנאַלן
יידישן שיקזאַל.

„דער קדיש דיינער! ער וועט מיך אַריינטרייבן אַ לעבע-
דיקן אין דער ערד אַריין! זאָגט דער טאַטע, בלאַס ווי די וואַנט
כאַפּט זיך פאַרן האַרצן און פאַרהוסט זיך. ביסט אַזוי אויך אַ
קראַנקער! (זאָגט צו אים די מאַמע), טו אַ קוק וואָס פאַר אַ
פּנים דו האָסט, אַזאַ יאָר אויף מיינע שונאים". — „העשל בעל-
טאַקסע איז געווען אַ יונגערמאַן מיט אַ קיילעכיק בייכל, מיט אַ
רויט בערדל, מיט נאַסע אויגעלעך". — „רב שלום-שכנא דער
שדכן, אַ ייד מיט זעקס פינגער, מיט אַ געקרייזלטער שוואַרצער
באָרד און אַ גרויסער אביון". „געווען איז אפרים אַ נידעריטש-
קער, געהאַט קורצע פיסלעך, קליינע הענטלעך, רויטע בעקלעך
און אַ גענגל אַ גיכס, מיט אַ טענצל און מיט אַ דריי מיטן קע-
פּעלע. גערעדט האָט ער גיך מיט אַ קוויטשל, און געלאַכט האָט
ער מיט אַ דריבנע געלעכטערל ווי מען שיט אַרבעסלעך".

אָט-אָ די אַלע פיזיש-מינדערוועַרטיקע שלום-עליכמישע יידן
שליסן די „פּאַטערלעכע" סביבה. ניואַנסירן זי. די דראַמאַטישע
קאָנפליקטן, וואָס קעמפן צווישן זיך אין דער גענעזיס פון דער

י. י. טרונק, שלום-עליכם, 23.

נאַציאָנאַלער יידישער נשמה – דער קאָלעקטיווער (אידעאַליסטי־
שער) מ ו ז און דער אינדיווידועלער (רעאַלער) ו י ל ן – זיי
האָט שלום־עליכם פּלאַסטיש צעטיילט אין צוויי רוים־ספערן. אין
אָט דעם טראַגישן קאַמף אַנטשטייט דער יונגער מנחם־מענדל.
אַז די אינדיווידועלע רעאַלע נאַטורהאַפטיקע עלעמענטן אינם
יידישן קינד ווערן סוף־כל־סוף באַזיגט פון דעם אירעאַלן אַבס־
טראַקטן יידישן קאָלעקטיוויזם – דאָס געהער שוין צו די טענ־
דענצן פון דער קאָלעקטיווער שיקזאַלהאַפטיקייט.

## V

די גאַנצע טענדענץ שלום⸗עליכמס אין די קינדער⸗מעשׂיות
גייט נאָר דערין, אין פאַרשידענע אופנים און מיט פאַרשידענע
מיטלען צו באַשאַפן אָט די צוויי קעגנזאַצלעכע רוים⸗ספערן. יע⸗
דע באַזונדערע רוים⸗ספערע וויל ער אויסבויען אין פולער טאָ⸗
טאַליטעט. נישט בלויז די יידישע מיטשפּילער, נאָר אַפילו די
נישט⸗יידישע פיגורן, וואָס באַטייליקן זיך אין דער אַקציע, באַ⸗
מיט ער זיך אַריינצוציען אינם קרייז פון דער זיך⸗באַוועגנ⸗
דיקער פּסיכיק. נאָך מער: די חיות און די בהמות, די נאַטור
און כּלערליי מאָביליען נעמט שלום⸗עליכם אַריין אין דער באַ⸗
וועגונגס⸗ספערע פון דער פּסיכיק. אַזוי זעען מיר אין קאַמף נישט
בלויז צוויי מענטשן⸗שטייגער, נאָר טאַקע צוויי וועלטן⸗שטייגער.
די וועלט ווערט ביי שלום⸗עליכמען אויפגעבויט לויט דעם עבן⸗
בילד פון דעם מענטש. דער פלוס פון ווערן שפּיגלט דעם
מענטשן צוריק זיין אייגן פּנים. שלום⸗עליכם דריקט⸗אויס אין
זיינע יידישע טאָג⸗בילדער די צייט⸗בילדער פון יידישן היסטאָ⸗
רישן דאָזיין. די לעבנס⸗באַוועגונג פון זיינע יידישע טיפּן פאַר⸗
טיפערט ער דערמיט, וואָס ער פירט⸗אַריין אָט⸗אָ די באַוועגונג
אין דעם באַוועגונגס⸗קרייז פון דער וועלט. געשיכטע איז די סינ⸗
טעזע פון דער דינאַמיק פון דער מענטשלעכער פּסיכיק מיט דער
דינאַמיק פון דער צייט. כּדי אין אַן אָפּשניט פון דער קעגנוואַרט
אַדורכצופירן דידאָזיקע געשיכטלעכע סינטעזע, לאָזט שלום⸗
עליכם אין יעדן איינציקן אַטריבוט פון דער קעגנוואַרט שאַרף
דאָמינירן די דינאַמיק און די באַוועגונג פון דער פּסיכיק. ס'איז
אַ זשעסט, וואָס עס קאָן זיך דערלויבן נאָר אַ קינסטלער,

וועלכער פילט אין יעדער קעגנוואַרטיקייט דעם אָטעם און די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון אַ היסטאָרישן צייט־מהות. אין די פריערדיקע קאַפּיטלען האָב איך מיך באַמיט צו שילדערן די דראַמאַטיש־קעמפנדיקע ליניעס פון די צוויי רוים־ספערעס אַרום דער היסטאָריש־פּסיכישער גענעזיס פון שלום־עליכמס יידישן מענטש; די אַבסטראַקטע „פּאַטערישע" סביבה; דאַן די אונטער־שטע שיכטן פון דער קאַסרילעווקער געזעלשאַפט, וואָס גראָד צוליב זייער „אונטערשטקייט" שטייען זיי אין אַ פּסיכישער אַנטי־טעזע צו דער „פּאַטערישער" סביבה.

די פיגור פון טשעטשעקן איז אַ נייער מאָטיוו אין דער אַנטיטעטישער רוים־ספערע. אַ פיגור, וואָס שלום־עליכם האָט דאָרט אַריינגעבראַכט מחוץ פון דער יידישער געזעלשאַפט. אַן ענלעכע פיגור האָבן מיר אין אָברים דעם באַשטאַנטשיק אין דער קינדער־נאָוועלע „גרינס אויף שבועות". וועגן דער טענדענץ פון איר אַקטיוויטעט האָב איך פריער אויספירלעכער גערעדט. אין דער אַנטיטעטישער רוים־ספערע איז דאָס נישט־יידישע — וואָס שייך דעם מענטשלעכן פּערסאָנאַזש — דער שטאַרקסטער אויס־דרוק פון רעאַליטעט און נאַטורהאַפטיקייט. דאַקעגן, אָבער, אין דער שיקזאַלהאַפטיקער מנחם־מענדלשער רוים־ספערע — אין דער שלום־עליכמישער טעזע — ווערן די נישט־יידישע פיגורן פולשטענדיק אַסימילירט אין דעם מנחם־מענדלשן וועלט־געפיל. זיי זענען — ווי יעדע עקזיסטענץ, וואָס באַוועגט זיך נאָר און דעקאָרירט די מנחם־מענדלשע רוים־ספערע — פּסיכישע אָפּ־שפּאַלטונגען פון מנחם־מענדלס מהות. כוועדאָר דער שבת־גוי און האַפקע די גויה — די באַקאַנטע גוייִשע פּערסאָנאַזשן פון קאַסרילעווקע — זענען די בולטסטע ביישפּילן, ווי אַלצדינג, וואָס עקזיסטירט נאָר אין מנחם־מענדלס וועלט, לעבט שוין ממילא מיטן מנחם־מענדלשן לעבן, אינטערפּרעטירט און ניואַנסירט אים — מנחם־מענדלען.

„אויב כוועדאָר דער שבת־גוי, וואָס פאַרלעשט די ליכט פרייטיק־צו־נאַכטס פאַר גאַנץ קאַסרילעווקע און האַפקע די גע־שטופּלטע, וואָס שמירט די הייזער און מעלקט די ציגן פון דער

גאַנצער שטאָט, וכדומה נאָך אַ סך אַזעלכע ערלים (מיין קורסיוו. י. י. ט.), קאָן מען אָנרופן מיטן נאָמען „אַנדערע פעלקער״, מוזן מיר קומען דערצו, אַז קאַסרילעווקע האָט כּלל וכלל נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבן, און די דאָרטיקע יידן וואָלטן זיך געקאָנט זיצן רויִק ביז משיח וועט קומען, וואָרים זיי לעבן פון קדמונים מיט דידאָזיקע „פעלקער״ אַזוי גוט, וואָס בעסער קאָן שוין, דוכט זיך, גאָר נישט זיין. כוועדאָר ווייסט ווויל, אַז כאָטש דער מיוחס, דער תּושב פון קאַסרילעווקע איז ער, פונדעסטוועגן מוז ער הייצן שבת ביי יידן די הרובעס, פאַרלעשן זיי די ליכט און אַרויסטראָגן די פּאָמעניצע וכדומה אַזעלכע גראָבע אַרבעט, וואָס ער איז צו זיי געוווינט געוואָרן פון כּמה וכּמה יאָרן. און אויב איר מיינט, אַז עס פאַרדריסט אים אפשר אויף יידן, האָט איר אַ טעות; ער פאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז ער איז ער, און זיי זענען זיי.

„— אַחאָדי נאָ סיודי, כוועדאָר סערדצע! נאָ פּיי טשאַר־קאַ לחיים, אַ סיבּה דיר אין פּנים! — זאָגט מען אים שבת נאָכן קידוש, און כוועדאָר טוט אויס דאָס היטל, האַלט דאָס גלעזל מיט צוויי פינגער, בויגט זיך און ווינטשעוועט אַלעמען אַ גוט יאָר.

„— נאַ זאַקוסי, מיט אַ קרענק דיר אין די ביינער אַריין, שמאַטאָק שבתקאָווע בולקע! — זאָגט מען אים און מען איז אים מכבד מיט אַ שטיקל קוילעטש. — ווערליג די קאַסרילעווקער יידן שעלטן כוועדאָרן מיט טויטע קללות, קאָנט איר אפשר איבער־קלערן, אַז מע מיינט דאָס, חלילה, ערנסט? זאָל אייך גאָט היטן פון אַזאַ געדאַנק! זיי וועלן אייך פאַר כוועדאָרן נישט אַוועקגעבן קיין זאַק באָרשטש, דערפאַר וואָס ער איז אַן ערל אַן ערלעכער, און טוּן וועט ער אייך פאַר צען רוחות. אויסהייצן די הרובע, אויסגיסן די פּאָמעניצע, צוהאַלטן די ציג ביז האַפּקע וועט זי אויסמעלקן, אַריינטראָגן שפּענער, אָנגיסן וואַסער אַ פּאַס, איבערשווענקען דאָס געפעס ווי אַ רעכטע באַלעבאָסטע, און אונטער אַ נויט — זיך שטעלן צוזוויגן דאָס קינד אויך. קיינער קאָן נישט אַזוי פאַרשלעפערן אַ קינד ווי כוועדאָר; קיינער קאָן נישט אַזוי

זאַבאַווען, פֿאַרשפּילן אַ קינד ווי כוועדאָר, קנאַקן מיט דער צונג, פּייפֿן מיט די ליפּן, קלאַפּן מיט די פֿינגער, כאָרכלען מיטן האַלז און כריוקען ווי אַ חזיר וכדומה אַזעלכע שטיק. און דערפֿאַר האָבן די קאַסרילעווקער יידישע קינדער ליב דווקא כוועדאָרס שוואַרצע שטשעטינעדיקע מאָרדע און ווילן נישט אַראָפּ פֿון זיינע הענט. די קאַסרילעווקער באַלעבאָסטעס זענען דערפֿון דווקא ווינציק וואָס צופֿרידן, ווייל עס מאַכט זיך גאַנץ אָפֿט, אַז די קינדער ווילן עסן, און ס'איז נישטאָ וואָס, קאָן זיי אונטעררוקן כוועדאָר בסוד אַ שטיקל ברויט פֿון טאָרבע מיט עפּעס נאָך און אָנהאָדעווען זיי, חס־וחלילה, מיט מי יודע וואָס... נאָר ס'איז אַ טעות, כוועדאָר וועט אַזאַ זאַך נישט טון; ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז דאָס, וואָס זיי עסן, מעג ער, כוועדאָר, אויך עסן, און דאָס וואָס ער, כוועדאָר, עסט – טאָרן זיי נישט עסן. פֿאַרוואָס? דאָס איז שוין נישט זיין עסק. למאי אַ בלאָז טון דאָס ליכט אום שבת פֿון דער גרינג, אָדער אָנרירן זיך ביים לייכטער, אָדער אָפּ־טראָגן דעם סידור אין שול אַריין, וכדומה אַזעלכע גרינגע אַרבעט, איז ער – מעג, און זיי – נישט? קיין חקירות דערביי איז נישט שייך..."

„האָבן מיר געערעדט ביז אַהער פֿון ערלים, אַצינד וועלן מיר אַ ביסל שמועסן וועגן האַפּקע די געשטופּלטע.

האַפּקע רעדט יידיש, ווי אַ יידיש קינד; אין איר שפּראַך וואַרפֿן זיך דורך אַ גוזמא לשון־קודש־ווערטער, למשל: מירטשען, נאַכטייסע, קענאָרע נישט, לאָסאַטע, לאַוודל, גוטיאָנטע, מאַכריינוואַסער, און נאָך אַ סך אַזעלכע ווערטער; און כוועדאָר הינטער די אויגן האָט ביי איר קיין אַנדערן נאָמען נישט, אַ חוץ כפּרהניק. האַפּקע איז אַזוי צונויפֿגעוואַקסן מיט די קאַסרילעווו־קער ווייבער, אַז ס'איז פֿאַראַן צייטן, וואָס סיי זי, סיי זיי, אַליין פֿאַרגעסן זיך וואָס זי איז און ווער זי איז, און מע שאַפֿט זיך מיט איר אַזעלכע אַרבעט, וואָס געהערן זיך אָן צו לויטער יידישקייט. למשל: גיין צום רב מיט אַ שאלה, העלפֿן אויסזאַלצן פֿלייש כשר מאַכן די עופֿות, העלפֿן אַריינשלעפּן דעם פּסח אין שטוב אַריין וכדומה אַזעלכע זאַכן, וואָס האַפּקע איז אין דעם געהיט

מער ווי אַן אַנדער יידיש קינד. זי ציטערט פאַר מילכיקס מיט פליישיקס אימת מות און היט זיך פאַר חמץ אַלע זיבן טעג פּסח, עסט גלייך מיט אַלע יידישע קינדער מצה, רייבט דעם מרור אויף וואָס די וועלט שטייט..."

שלום־עליכם שילדערט דאָ צוויי נישט־יידישע מענטשן וואָס זענען פולשטענדיק אויפגעגאַנגען אין דער מנחם־מענדל־שער וועלט. נישט־קוקנדיק אויף זייער גוייִשקייט פאַרטיפערן זיי און ניואַנסירן דאָס מנחם־מענדלשע וועלט־דאַזיין. פון אַזעלכע „גויִים" האָט שלום־עליכם אַרויסעלימינירט יעדע נאַטורהאַפטי־קייט, כדי זיי זאָלן צושפּילן און האַרמאָנירן מיט דער מנחם־מענדלשער רוים־ספערע. כוועדאָר און האַפקע זענען אַפילו פּ י־ז י ש ־ מ י נ ד ע ר ו ו ע ר ט י ק, ווי אַלע „אַבסטראַקטע" פאַר־שוינען אין דער „פאָטערישער" סביבה. אויב עס טויכט אויף אַ ג ו י אין יענער סביבה — צ. ב., פּראָקאָפּ דער פּאַראָמטשיק („אויף פסח אַהיים") אָדער דער פויערישער פורמאַן אין דער וואונדער־לעכער נאָוועלע „עולם־הבא" — און שלום־עליכם פאַרמנחם־מענדלט אים נישט, דאַן טוט ער עס פשוט בכּיוון; ער שטעלט נענטער צו אַן אַנטיטעטישע נאַטורהאַפטיקע פיגור, אַלס קעגנ־שפּיל צו אַ מנחם־מענדלשן יידישן מענטש. מיט זיין גוייִשקייט ווירקט טאַקע דער נישט־פאַריידישטער ג ו י אין דערדאָזיקער סביבה ווי אַ ווילדער עקזאָט.

דאָסזעלבע זעען מיר אינם אַנדערן לעבעדיקן רעקוויזיט, וואָס שלום־עליכם פירט־אַריין אין דעם קרייז פון זיין קינסטלערי־שער אַקציע. מיר האָבן דאָרט קלאַסישע טיפּן פון מנחם־מענדל־שער פאַונאַ: „ראַבטשיק" אַ יידישער הונט, „משותלח" אַ יידיש פערד, די קאַץ „חנה לאה די רביצין". דאָס זענען באַ־שעפענישן, וואָס טראָגן אין זיך אַלע אַבסטראַקטע „אידעאַליסטי־שע" אַטריבוטן פון דער מנחם־מענדלשער „פאָטערישער" סביבה. אַפילו וואָס שייך דידאָזיקע יידישע חיות באַנוצט זיך שלום־עליכם מיט זיין באַקאַנט מיטל: ער שילדערט זיי אַלס פּ י ז י ש־מ י נ ד ע ר ו ו ע ר ט י ק ע, כדי בולטער אַפּערצוהויבן דאָס מנחם־מענדלשע בילד פון זייער פּסיכיק:

„ראַבטשיק איז געווען אַ הונט, אַ ווייסער מיט פלעקן, נישט קיין גרויסער, אַ מיטלמעסיקער, אַ שטילער, נישט קיין אָנכאַפּער. ער האָט פיינט געהאַט, ווי אַנדערע, אָנפאַלן אויף יענעם פון הינטן, אָפרייסן אַ פּאָלע, אָדער אַ ביס טון אין דער ליטקע. ער איז געווען צופרידן, אַבי יענער זאָל אים נישט טשעפּען. אדרבה, אים האָט דערקוטשעט יעדער, ווער עס האָט געהאַט גאָט אין האַרצן. געבן ראַבטשיקן אַ זעץ מיט אַ שטעקן פון הינטן, אָדער דערלאַנגען אים מיט אַן אָבצאַס אין זייט אַריין, אָדער וואַרפן אים אַ שטיינדל אין קאָפּ אַריין, אָדער אויסגיסן אויף אים אַ פּאָ־מעניצע — דאָס איז געווען ביי יעדן אַ שפּילעכל, כמעט אַ מצווה.

און ראַבטשיק, אַז ער האָט באַקומען אַ קלאַפּ, האָט ער זיך נישט אַנידערגעשטעלט, ווי אַנדערע הינט, אויסטענהן זיך, אויס־האַווקען זיך, באַווייזן די ציין; ניין, ראַבטשיק פלעגט זיך ביי איטלעכן קלאַפּ איינבויגן כמעט ביז דער ערד מיט אַ קוויטש; אַי—אַי! און אַנטלויפן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן ווידל, זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקעלע, פאַרטיפן זיך אין געדאַנקען און כאַפּן פליגן".

די אַנדערע קאַסרילעווקער הינט, וואָס קומען־פאָר אין דער „ראַבטשיק"־נאָוועלע, הגם זיי ליידן נאָך נישט פון ראַבטשיקס שיקזאַל, האָבן זיי אַלע פונדעסטוועגן ראַבטשיקס כאַראַקטער. ערשט דער אויסגעשפּראָכנסטער כאַראַקטער — ראַבטשיק — סימ־באָליזירט זיך אַלס שיקזאַל. אין „כפרות" שילדערט שלום־עליכם „יידישע" עופות. „משותלח"—דאָס „יידישע פערדל":

„משותלח" — אַזוי האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן אין קאַסרילעווקע דערפאַר, וואָס ער איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט יאָרן, נישט געהאַט שוין קיין איין צאָן אין מויל, אַ חוץ צוויי־דריי פּענקעס, וואָס מיט זיי פלעגט ער קוים מיט צרות קייען — אַבי ס'איז נאָר געווען וואָס. אַ הויכער, אַ מאָגערער, מיט אַן אָפּגעבאַרעטער פעל, מיט אַ צוהרגעטן רוקן, קאַליע אויגן, אויף איינעם אַ בעלמע, דאָס אַנדערע רויטלעך, אויסגעקנעכלטע פיס, שפּיציקע קליבעס, איינ־געפאַלענע זייטן, די אונטערשטע ליפּ אַ ביסל אַראָפּגעלאָזט, ווי פאַרוויינט; דער ווידל אַן אויסגעפליקטער — אָט האָט איר זיין פּאָרטרעט".

ווירקלעך, — אַ קלאַסיש פּאָרטרעט פֿון אַ פערד, וואָס באַדאַרף צו דינען אַלס לעבעדיקער רוים־רעקוויזיט אין דער פֿולער טעטי־קייט פֿון דער מנחם־מענדלשער וועלט! עס איז אַ פערד, וואָס באַדאַרף גראָד מיט זיין פּ ע ר ד י ש ק יי ט צו פאַרקערפּערן די מענטשלעכע פסיכיק פֿון קאַסרילעווקע. אין ראַבטשיקס „הינטישער״ פסיכיק גייט שלום־עליכם נאָך ווייטער: צוזאַמען מיטן סימבאָלי־זירטן יידישן כאַראַקטער אין דעם „הינטישן״ כאַראַקטער פֿון ראַבטשיקן וויל שלום־עליכם אויך אין ראַבטשיקס שיקזאַל סימבאָ־ליזירן דאָס שיקזאַלהאַפטיקייט פֿון יידן; נומער איינס: שיקזאַל איז די פאָרם־פולענדונג פֿונם כאַראַקטער. נומער צוויי: צוזאַמען מיטן מנחם־מענדלשן כאַראַקטער, וועלכן ער וויל אומעטום ניואַנסירן אין דער מנחם־מענדלשער רוים־ספערע, וויל ער אויך אין אַלע רעקוויזיטן דאָרט־ברייט און פֿול ניואַנסירן מנחם־מענדלס שיקזאַל. דאָסזעלביקע זעען מיר, וואָס שייך די לעבעדיקע מאָבילִיען אין דער אַנטיטעטי־שער רוים־ספערע, וואָס באַדאַרפן צו דערגאַנצן די נאַטורהאַפ־טיקע און רעאַלע עלעמענטן אין דער קינדערישער פסיכיק. יענער רוים־מאָבילִיאַר כאַראַקטעריזירט אין זיך פֿולשטענדיק די אַנטיטע־טישע רוים־טענדענצן, וואָס שלום־עליכם וויל אַרויסבאַקומען. גע־נוג דעם יי ד י ש ן ראַבטשיקן אַקעגנצושטעלן יענעם שוואַרצן הונט טשעטשעקס, ווי מיר געפינען אים אין אַ „פידל״. פאַר דער אַנטיטעטישער רוים־פונקציע באַדאַרפן מיר אַזאַ מין נאַטורהאַפ־טיקן כלב, פונקט אַזוי ווי מיר באַדאַרפן ראַבטשיקן צי משותלחן אַלס רוים־פונקציע אין דער מנחם־מענדלשער וועלט. געוויס גע־פינען מיר ביי שלום־עליכמען צווישן־שטופן. אָבער דאָרט, ווו עמיצער פֿון שלום־עליכמס פערסאָנאַזש פאַרבלאָנדזשעט זיך נאָר אַריין אין דער נישט צו אים געהעריקער רוים־ספערע, ווירקט ער מאָמענטאַל פּרעמדאַרטיק און עקזאָטיש. מיר האָבן, צ. ב., אַ נאָ־וועלע „המן און זיינע טעכטער״, ווו שלום־עליכם וויל דווקא אַריינ־פירן קיין קאַסרילעווקע אַ „דערוואָקסענעם״ ייד מיט אַ רעאַל און נאַטורהאַפטיק לעבנס־געפיל. „געווּינט האָבן זיי נישט ווי גע־ווינלעך, ד. ה., נישט ווי אַלע קאַסרילעווקער יידן: זיי האָבן זיך געהאַט אַ באַזונדערן הויף מיט אַ גאָרטן גאָר, און אַ הונט

איז געווען דאָרט אין הויף". עס איז נאָר אַ צופעליקער (יידיש-רעאַלער) עפּיזאָד אין דעם גאַנצן געביי פון שלום-עליכמס קאַסרילעווקע. עס גע-נוגן דידאַקטיש פלויזע עפּיזאָדישע פיגורן אין דער קאַסרילעווקער רוים-ספערע, אַז זיי זאָלן צעשטערן דאָרט די האַרמאָניע און אַרומדרייען זיך ווי עקזאָטן. אַזאַ מין יידן רופן די קאַסריליקעס „המן".

„אַ פּחד איז אויף מיר אָנגעפאַלן אַלע מאָל ווען איך בין דורכ-געגאַנגען פאַרביי המנס הויף, נישט פאַרן הונט, וואָרים אַלע האָבן געוווסט, אַז דער הונט איז אויף אַ קייט; נאָר פאַרן נאָמען „המן" אַליין האָב איך שוין געציטערט. נאָך אַז איך בין געווען אַ קינד, פלעגט מען מיך שרעקן מיט דעמדאָזיקן נאָמען: „אָט רוף איך אַריין המנען, אָט גיב איך דיך אָפּ צו המנען". שפּעטער, אַז איך האָב אָנגעהויבן גיין אין חדר אַריין, האָט מען מיר אָנגעוויזן המנס הויף און המנען אַליין, און אַלע מאָל, ווען איך האָב מיך מיט אים באַגעגנט, בין איך פון אים אַנטלאָפן".

אָט-אָ דער „המן" איז נישט חס-ושלום קיין שום וואַלד-גזלן. דאָס איינציקע, וואָס ער ווירקט אַזוי „געשפּענסטערהאַפטיק" אויף די קליינע מענטשעלעך פון קאַסרילעווקע איז נאָר דאָס, וואָס ער האָט אַ גאָרטן — דער איינציקער יידישער גאָרטן אין קאַסרי-לעווקע — און דאָרטן וואַקסן ווייַנשל-ביימער. אַז דערדאָזיקער „המן" — פּונקט ווי טשעטשעק — ציט-צו צו זיך דאָס קאַסרי-לעווקער קינד איז זעלבסטפאַרשטענדלעך. נאָר אָט די יידן מיט גויִישע אייגנשאַפטן געראָטן שלום-עליכמען פיל ווייניקער, ווי די אמתע גויִישע גויִים. אין דערדאָזיקער נאָוועלע וויל שלום-עליכם אַריינפלעכטן זיינע השכּלהשע טענדענצן. השׂכּלה איז פאַר שלום-עליכמען סיי הומאַניסטישער רענעסאַנס, סיי דער גאַנג פון דער יידישער געזעלשאַפט צו נאַטורהאַפטיקייט און צו אַ רעאַלערן לעבנס-שטייגער; מענטשן-גלייך. „השׂכּלה האָט געהייסן די נייע תּורה, „לערער" — דער נייער רבי". אין „המנען" וויל שלום-עליכם געבן דעם טיפּ פון דעם נייעם „געזונטן" ייד. ס'איז נישט קיין ענין פאַר שלום-עליכמען און ער פלאָנטערט זיך נאָר אין אַ טעמאַטיק, וואָס איז אים ווענספרעמד. וואָס עס ווילן דאָרט „המנס" צוויי טעכטער, די „געבילדעטע איידעלע נשמות", איז

נישט קלאָר. מן־הסתּם באַדאַרף זיי שלום־עליכם האָבן צום ראָ־מאַנטיש־השכּלהשן רומל. ביי אַזעלכע נישט־שלום־עליכמישע טע־מעס פאַרלאָזט שלום־עליכמען באַלד זיין ווונדערלעכסטער קינסט־לערישער אינסטרומענט – די שפּראַך.

צו דעמדאָזיקן רוים־זשאַנער געהער די נאָוועלע „פּסח אין דאָרף". אינם דאָרף וווינט אַ ייִד נחמן ווערדיוווקער. ער וווינט כּל־ימיו צווישן גויִים און די גויִים רופן אים „נאַש לאַכ־מאַן". פונדעסטוועגן איז ער פאַרבליבן אין זיין היסטאָרישער יידישער אָפּגעזונדערטקייט. דעם אויסגעשפּראָכנסטן טיפּוס ווי אַ ייד בלייבט אַ יי ד צווישן גויִים האָבן מיר ווידער אין טביה דעם מילכיקן. נחמן ווערדיוווקער איז נישט קיין טביה, – ד. ה., ער האָט זיין יידישן כאַראַקטער נישט דערפירט צו אַ גרויסער טראַ־גישער וועלט־אָנשויונג – אָבער אין זיין פּסיכישן עלעמענט איז ער אַ פולער שלום־עליכמישער ייד ; אין דער דאָרפישער רעאַלי־טעט לעבט ער פּסיכיש פולקום פרעמד. זיין קעגנשפּילער איז דער גוי קורעטשקאַ. אַ גוי נישט ווי דער פאַרמנחם־מענדלטער כוועֵ־דאָר, נאָר אַ ווירקלעכער נאַטורהאַפטיקער קעגנזאַץ צו נחמן ווער־דיוווקער. קורעטשקאַ איז נחמנס אַ שכן און כּלומרשט אַ „גוטער ברודער". דער דראַמאַטישער טראָפּ ווערט אין אָט דער נאָוועלע נישט געלייגט אויף די צוויי דערוואָקסענע מענטשן – צוגלייך צוויי פּסיכישע וועלטן, וואָס זענען זיך אַבסאָלוט פרעמד – נאָר אויף די צוויי קינדער זייערע, פייטל און פעדקאַ. צווישן אָט די צוויי קינדער, דאָס יידישע און דאָס גוייִשע, איז נאָך נישט פאַ־ראַן דער (היסטאָרישער) „פּסיכישער תּהום", וואָס ביי די גרויסע. זיי קאָנען זיך נאָך צוזאַמענרעדן און צוזאַמענפּילן. דאָס יידישע קינד פייטל, הגם עס האָט אַ „קעפּעלע", וואָס סך־הכּל איינ־מאָל נאָר האָט מען אים באַוויזן אין סידור אויף טשעקאַוועסט אַן „אַלף" מיט אַ „בית", ווייסט ער שוין וועלכעס איז אַן „אַלף" און וועלכעס איז אַ „בית", פונדעסטוועגן, וואַקסט אַזאַ גאָלד אין דאָרף, מישטיינס־געזאָגט, צווישן קעלבלעך און חזירים, שפּילט זיך מיט קורעטשקאָס זונדל פעדקאַ, פאָרט מיט אים רייטנדיק אויף אַ שטעקן, יאָגן זיך ביידע נאָך איין קאַץ,

גראָבןביידע איין גריבל, און טוען ביידע אַלצדינג, וואָס קליינע קינדער קאָנען טון. זעט נחמן, ווי זיין קינד שפּילט זיך מיטן „שרץ", פאַרדריסט דאָס אים, און ער טרוקנט ווי אַן אונטערגע־האַקטער בוים..."

אין דידאַזיקע מאָטיוון האָט שלום־עליכם די בעסטע גע־לעגנהייט צו ווייזן דעם פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ן ווילן און די רעאַלע נאַטורהאַפטיקע עלעמענטן, וואָס באַהערשן נאָך די קינדער־יאָרן פונם קליינעם קאַסריליק:

„אַ גאַנצן ווינטער ליגן ביידע קינדער, יעדער ביי זיין טאַטן אויפן אויוון, ציִען זיך צום פענצטער און בענקען איינס נאָך דאָס אַנדערע. נאָר אָט איז אַוועק דער ווינטער. אַלץ אַרום און אַרום האָט אויפגעלעבט, אַלץ גרינט, אַלץ פרייט זיך. דעמאָלט קאָן מען שוין מער נישט איינהאַלטן אין שטוב נישט פייטלען נישט פעד־קען. ביידע כאַפּן זיך אַרויס אויף גאָטס וועלט, וואָס האָט זיך געעפנט פאַר זיי ביידן גלייך. און ביידע נעמען זיי זיך פאַר די הענט און מע לאָזט זיך לויפן אַהין, צום באַרג, וואָס שמייכלט צו זיי ביידע גלייך: „קינדער, אַהער!..." און מע שפּרינגט אַקעגן דער זון, וואָס גרוסט זיי ביידן גלייך און רופט זיי ביידן צו זיך: „קינדער, אַהער!..." און אַז זיי מידן זיך איין לויפנדיק, זעצן זיי זיך ביידע אַוועק אויף גאָטס ערד, וואָס ווייסט נישט קיין יידן, וואָס ווייסט נישט קיין גוי: „קינדער צו מיר, צו מיר!"

ס'איז דאָס קול פון דעם אוממיטלבאַרן נאַטורהאַפטיקן מענטש, וואָס באַווייזט נאָך צו רעדן אין דער פּסיכיק פון די שלום־עליכמישע קינדער, איידער עס דאָמינירט דאָרט דער שיק־זאַלהאַפטיקער רוף פון די דורות. וואָרים אין הינטערגרונט פון דעם פּלאַץ, ווו די צוויי יונגע קינדער שפּילן זיך אַזוי נאַיִוו און אומשולדיק אין זייערע אוממיטלבאַרע פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ע מענטשלעכע געפילן, — שטייען שוין און וואַרטן די צוויי היסטאָ־רישע דורות — נחמן ווערדיוקער און זיין קעגנשפּילער קו־רעטשקאַ — צו באַקעמפן דעמדאָזיקן פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ן א ו ן אינדיווידועלן ווילן, וואָס שטייט אין קעגנזאַץ צו דעם קאָלעקטיוון מוזן פון שיקזאַל. אַ יעדער פון די צוויי דורות —

נחמן װערדיװוקער און קורעטשקאַ — שטייען װי צװיי שיקזאַל⸗
געשפּענסטער און טרייבן צוריק — נחמן פּייטלען און קורעטשקאַ
פּעדקען — אויף דעם װעג, װוּ עס שפּאַנט געהיימנישפול דער
היסטאָרישער שיקזאַל פון די קאָלעקטיװן. די סצענע, װי די ביידע
פּאָטערס טרייבן⸗צוריק די קינדער אַהיים איז טיף⸗דראַמאַטיש
און מיט זייער פיל טראַגישער ליידנשאַפט. שלום⸗עליכמס קינסט⸗
לעריש⸗אידעיִשע ליניע. דער מאָטיװ מיטן עלילת⸗דם, װאָס שלום⸗
עליכם פלעכט⸗אַריין אינמיטן דעם טראַגישן שפּיל פון אינדיװוי⸗
דועלן װילן און קאָלעקטיװן מוזן — אָט⸗אָ דער מאָטיװ שטרייכט
נאָר שטאַרק אונטער דעם געשפּענסטערהאַפטיקן תהום, װאָס שיידט
פּסיכיש פונאַנדער די צװיי היסטאָרישע דורות.

## VI

מיר וואָלטן נישט גוט פאַרשטאַנען שלום־עליכמס דערוואַק־
סענעם יידישן מענטש — דעם טרעגער פונם יידישן שיקזאַלהאַפ־
טיקן כאַראַקטער — ווען עס זאָלן אונז נישט געוויזן־ווערן די
פסיכישע קאַמפן פון זיין יוגנט. אָן שלום־עליכמס קינדער־מעשיות—
ווען מיר זאָלן האָבן בלויז די ווערק, ווו ער דערציילט אונז
וועגן זיינע דערוואַקסענע יידישע מענטשן — ביי דער גאַנצער
היסטאָרישער אייגנאַרטיקייט און ביי דער גאַנצער היסטאָרישער
טראַגיק פון דידאָזיקע מענטשן, וואָלטן זיי מיט זייער אויסטער־
לישער לעבנס־פרעמדקייט סוף־כל־סוף אויף אונז געמאַכט דעם
איינדרוק פון נפשות, וואָס האָבן אַהער פאַרבלאָנדזשעט פון אַן
אַנדערן פּלאַנעט. ווען אַפילו מיר קאָנען גריילעך דערקלערן די
היסטאָריש־עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וואָס האָבן געשאַפן די
אייגנאַרטיק־אַבסטראַקטע פסיכיק פון דידאָזיקע מענטשן, פונ־
דעסטוועגן איז עס בלויז דער מעטאָד פון אַ היסטאָרישער דער־
קלערונג וועגן דער אַנטשטייונג פון שלום־עליכמס מענטשן בכלל.
אַ דערקלערונג פון אַן אַלגעמיינער היסטאָרישער פערספעקטיוו.
אָבער בפרט — אינדיווידועל — ווי זיי זענען אַלס עקזיסטירנדי־
קער פאַקט, אַלס טאָג־טעגלעכע אינדיווידואומס אינם טאָג־טעגלעכן
לעבן — דאָ וואָלט אונז געפעלט פאַר זיי אוממיטלבאַרע באַציִונג
און קאָנטאַקט. דער קאָנטאַקט וואָלט געפעלט פשוט איבער זייער
פאַרשטאָקטער, פון אַלע רעאַליטעטן אָפּגעשלאָסענער אַבסטראַקציע.
שלום־עליכמס מענטשן וואָלטן צו־ווייניק אין זיך געהאַט פון אונ־
זערע אייגענע פסיכישע עלעמענטן, אַז מיר זאָלן זיי קאָנען באַ־
טראַכטן ווי פלייש פון אונזער פלייש און בלוט פון אונזער בלוט.

מיר וואָלטן זיך ריין־מענטשלעך סוף־כּל־סוף געבליבן ווייט און פרעמד. ערשט אין די קינדער־מעשיות אַנטפּלעקט שלום־עליכם אין זיינע העלדן עלעמענטן, וועלכע מאַכן זיי אונז מענטשלעך נענטער. נישט־קוקנדיק אויף דעם גרויסן אונטערשיד — סיי אין דער פּסיכישער קאָנסטרוקציע, סיי אינם גאַנצן וועלט־געפיל — וואָס שיידט־פונאַנדער אַ יעדן אינם לעבן רעאַל־שטייענדיקן מענטש פון די שלום־עליכמישע מנחם־מענדלס, זעען מיר דאָך, אַז אָט די מנחם־מענדלס זענען עפּעס נישט אַריינגעפאַלן סתּם אין דער וועלט אַריין ווי הינער־פּלעטערישע עקזאָטן. מנחם־מענדל איז נישט גלייך אַרויסגעשפּרונגען אויף דער שפּיל־בינע פון דער וועלט אין אָט דעם פולן שיקזאַלהאַפטיקן כאַראַקטער זיינעם, ווי מיר זעען אים אין פאַנאַנדערגעוויקלטער אַקטיוויטעט. נישט בלויז, אין דער געשיכטע פון זיין שטאַם, נאָר יעדער מנחם־מענדל **פּערזענ־לעך** — און דאָס איז דער עיקר, וואָס שלום־עליכם וויל ווייזן — איז אַדורכגעגאַנגען דעם וועג פון דער שטאַמישער גענעזיס. (דאָס ביאָגענעטישע גרונדגעזעץ פון דער פּסיכיק!). אויך מנחם־מענדלס נשמה איז אָפן־געווען פאַר אַלע רעאַלע ליידנשאַפטן פון דער רעאַלער וועלט, — בעפאָר זי האָט זיך פאַר זיי פאַרשלאָסן. די קינדער־מעשיות, נעמלעך, צעמענטירן, דערגאַנצן און דערקלערן און מאַכן אים אונז מענטשלעכער, נענטער און היימישער אָט דעם עקזאָטישן סוביעקטיוויסט, דעם שלום־עליכמישן ייד.

כּדי צו פאַרברייטערן די אַנטוויקלונגס־באַזע פון דער מנחם־מענדלשער פּסיכיק ווערט שלום־עליכם נישט מיד אין די פּאַר־שידנסטע מאָטיוון צו פאַראַפראַזירן די באַווייזן, אַז זיין דער־וואַקסענער קאַסריליק איז **פּערזענלעך** אין זיינע קינדער־יאָרן נאָך געווען אַ מענטש מיט רעאַלע לעבנס־געפילן. שלום־עליכמען גייט עס שטאַרק דערין, אַז זיין לעזער זאָל זיך אין דעם איבער־צייגן. נישט בלויז דערפאַר, ווייל ער וויל **מענטשלעך** דערנענ־טערן דעם לעזער מיטן אַקטיוון הויפּט־העלד, נאָר אויך טאַקע דע־ריבער, כּדי טראַגישער צו קאָנען אַרויספירן זיי, — זיינע דערוואַק־סענע יידן, — און צו ווייזן ווי שווער זייער כאַראַקטער האָט זיך גע־שטאַלטיקט אינם קאַמף פון די אייגענע קעגנזאַצן:

„סך־הכל איין פענצטער, איין שטיקל פענצטער. אַלע דריי קעפּלעך שלאָגן זיך פאַרן שטיקל פענצטער. און וואָס זעט מען דאָרט? אַ וואַנט, אַ הויכע, אַ ברייטע, אַ גרויע, אַ נאַסע וואַנט. שטענדיק, אייביק איז זי נאַס. אַפּילו זומער! קומט אַמאָל אַהער די זון? געוויס קומט אַמאָל אַהער די זון. דאָס הייסט, נישט די זון אַליין, נאָר אַ שיין פון דער זון. און דעמאָלט איז יום־טוב. אַלע דריי שיינע קעפּלעך שפּאַרן זיך צום שטיקל פענצטער, קוקן אַרויף גאַנץ אויבן, און זעען אַ לאַנגן שמאָלן בלויען פּאַס, ווי אַ לאַנגע בלויע סטענגע. אָ! זעט איר, קינדער? אָט דאָס איז הימל".

(„דריי קעפּלעך").

די דריי קעפּלעך, וואָס שלום־עליכם וויל אונז דאָ געבן — אַבראַמטשיק, מאָיסייטשיק און דבורקע — זענען אין זיין קינדער־פּערסאָנאַזש ניי. זיי זענען נישט געבוירן־געוואָרן — ווי די אַנדערע קינדער שלום־עליכמס — אויפן ראַנד פון די פעלדער; גייענדיק אין חדר אַריין צו ר' איצי מלאך־המות האָט זיי די נאַטור נישט גערופן „אַהער קינדער, צו מיר". די נאַטורהאַפטיקע געפילן פון יענע קינדער אינם קליינעם שטעטעלע קאַסרילעווקע, ווערן שליסלעך געוועקט פונם „פרייען דרויסן". דאָ אין די „דריי קעפּלעך" וויל אונז שלום־עליכם ווייזן טיפן פון זיינע יונגע יידן, וואָס באַשטעטיקן נאָך בולטער זיין פריערדערמאָנטע אידעיִשע טענדענץ. עס זענען קינדער, וואָס:

—„...זיי זענען געבוירן און געוואַקסן אַלע אויף איין אָרט — צווישן וואַנט און צווישן אויוון" — קינדער, וואָס ווייסן צומאָל נישט ווי אַזוי עס וואַקסן ביימער, — „וואָרים אויף זייער גאַס איז נישטאָ קיין פעלד, נישטאָ קיין גאָרטן, נישטאָ קיין ביימער, נישטאָ קיין גרעזל — נישטאָ! נישטאָ! אויף זייער גאַס זענען דאָ גרויסע מויערן, גרויע ווענט, הויכע קוימענס, וואָס סע גייט פון זיי אַ רויך". „געבוירן און אויפגעצויגן געוואָרן אין דער גרויסער שטאָט, אינם גרויסן מויער, אין גרויסער ענגשאַפט, עלנט און אַרמוט (!), האָבן אַלע דריי קינדער קיינמאָל נאָך נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו זעען פאַר זיך לעבעדיקערהייט נישט קיין עוף, נישט קיין חיה, נישט קיין בהמה, אויסער אַ קאַץ. אַ קאַץ האָבן

זיי אַן אייגענע, אַ לעבעדיקע. אַ גרויע קאַץ, גרוי ווי די גרויסע גרויע נאַסע וואַנט. די קאַץ איז זייער גאַנץ פאַרגעניגן. מיט דער קאַץ שפּילן זיי זיך שעהן לאַנג, טוען איר אָן אַ פאַטשיילע אויפן קאָפּ, רופן זי „מחותנתטע“ און לאַכן, לאַכן, לאַכן אָן אַ שיעור“.
„אַמאָל ברענגט די מאַמע פונם מאַרק אַ קעפּל פון אַן עוף מיט אַרויפגעגלאָצטע אויגעלעך, איבערגעצויגן מיט אַ דין ווייס הייטל. ס'איז טויט – זאָגט דער עלטערער אַבראַמטשיק“.

ס'זענען שלום־עליכמישע קינדער, וואָס דאָס היינטצייטיקע לעבן האָט זיי פאַרטראָגן פון ליבן קאַסרילעווקע אַריין אין די גרויע געמויערן פון אַ מאָדערנער אינדוסטריע־שטאָט. דער טאַטע — אין זיין שטעטעלע אַוודאי אַ קאַסריליק – האָט זיך געמוזט אינ־דוסטריאַליזירן. ער איז אַ שאַכטל־מאַכער. דאָ איז די מאַמע אַ בייזע און דערמאָנט אָן די באַקאַנטע קאַסרילעווקער פאַרביטער־טע ווייבער. דאָס נאַטורהאַפטיקע געפיל פון די קינדער, וואָס שלום־עליכם וויל דאָ געבן איז אַ פשוטער עלעמענטאַרער באַ־שטאַנד־טייל פון זייער פסיכיק. עס איז אַ רוף פון דער נאַטור אינעווייניק אינם נאַטירלעכן מענטש, – פון זייער אינדיווידועלן לעבנס־ווילן איז ער געבוירן־געוואָרן אין זיי גופא, אין די קינ־דער, צוזאַמען מיט אַלע זייערע מענטשלעכע ליידנשאַפטן. „יונגע קעפּלעך אַרבעטן, יונגע נשמות רייסן זיך, רייסן זיך — וווהין? אין דרויסן! צום ליכט! צום פענצטער! צום פענצטער!...“

אָט־אָ דעם רוף פון דער נאַטור אינעווייניק אינם מענטש נוצט שלום־עליכם אָפּט אויס אַלס מאָטיוו אין זיינע קינדער־נאָ־וועלן. שלום־עליכם פילט, אַז וואָס ברייטער, טיפער און פאַרבנ־רייכער ער וועט אַרויסבאַקומען דידאַקטיקע רעאַליסטישע אַנטיטע־טישע מאָטיוון אין קעגנשפּיל צו זיינע הויפּט־פיגורן, – אַלץ טיפער און וועלט־טראַגישער וועלן אַרויסקומען זיינע הויפּט־פיגורן. מיט דעמדאָזיקן קעגנשפּילערישן מעטאָד באַנוצט ער זיך אויף דער גאַנצער ליניע.

דאָס געפיל פון ליבע און צוגעבונדנקייט צו דער נאַטור שטרייכט שלום־עליכם גאָר אָפּט אונטער ביי די קליינע קאַסרי־ליקעס. ביי דידאַקטיקע מענטשן וועט אָט־אָ דאָס **ר ע אַ ל ע** געפיל

י. י. טרונק, שלום־עליכם, 24.

סוף־כל־סוף מוזן עלימינירט־ווערן דורך דעם כאַראַקטער און דורך דעם שיקזאַל פון זייער ראַסע. שלום־עליכם ווייסט גוט, אַז דאָס געפיל צו דער נאַטור וועט ער נישט קאָנען מיטגעבן זיינע פי־גורן אויפן וועג פון זייער ווייטערער כאַראַקטער־אַנטוויקלונג. דע־ריבער נעמט ער אַרום די נאַטור־אינסטינקטן פון די קינדער מיט אַ באַזונדערער ציטערדיקייט. דאָסדאָזיקע נאַטור־געפיל — וואָס האָט אין אָט־אָ דער מענטשלעכער פסיכיק נישט קיין שום צו־קונפט — פאַרוואַנדלט זיך דאָרט אין אַ מאָדנע געפיל פון באַרמ־האַרציקייט און רחמנות. די קליינע יידישע קינדער — וואָס דאָס שיקזאַל פון יידישן קאָלעקטיוו וועט אַרויסרייסן פון זייער האַרץ אַלע ליכטיקע בילדער פון זייער אינדיווידועלן ווילן, די בילדער פון דער פרייער נאַטור — האָבן צו זיך אַליין מיטגעפיל און מיטלייד. דידאָזיקע רירנדיקע מיטלייד־סצענעס ווערן אָפט אַריינ־געפלאָכטן אין די קינדער־נאָוועלן און זיי זענען שלום־עליכמען באַזונדערס געלונגען. מיר האָבן אַפילו אַ ספּעציעלע קליינע זאַמ־לונג פון דעמדאָזיקן זשאַנער אונטערן נאָמען „צער בעלי חיים”. איך וועל ענדיקן מיט אַ בילד, וואָס וועט דעם לעזער אַריינפירן אין דער טראַגיש־אָנמעכטיקער שטימונג, וואָס באַהערשט די נאַ־טור־פריידיקע שלום־עליכמישע קינדער, ווען עס רופט זיי דער שיק־זאַל פון יידישן קאָלעקטיוו:

„איינמאָל אין אַ פרייטיק, זומער איז דאָס געווען, זענען מיר געגאַנגען פון חדר אַהיים עטלעכע יינגלעך מיטאַמאָל. גע־גאַנגען זענען מיר גיך, כמעט געלאָפן.

פלוצים האָט איינער פון אונזער חברה אויסגעשריגן אויף אַ קול: „אוי, אַ פייגעלע” — און מיר האָבן זיך אַלע אָפּגעשטעלט.

ווי אַ קנײלעכין איז געזעסן אויף דער ערד, מיטן קעפּעלע אַרויף, אַ קליין יונג פייגעלע, מיט נאָך גאָר אַ געל פּיסקעלע. דאָס פייגעלע האָט, נעבעך, געציטערט, צעלאָזט די פעדערלעך, גע־טרייסלט זיך, געפלאַטערט, געמאַכט מיט די פליגעלעך, געעפנט אַלע מאָל דאָס געלע פּיסקעלע, ווי אַ קליין קינד בשעת עס וויל עסן און אַרויסגעלאָזט אויף אַ הייזעריק קולעכל „פּי!”... און עס האָט זיך אויפגעכאַפּט ביי אונז אַ געפיל פון רחמנות, און מיר

האָבן אָנגעהויבן קלערן: וואָס טוט מען מיטן פייגעלע? דער האָט געזאָגט: מע באַדאַרף דאָס לאָזן זיצן אויף דער ערד, ביז דעם פייגעלעס מאַמע וועט קומען. דער האָט געגעבן אַן עצה, מע זאָל דאָס געבן אַ וואָרף אין דער הויך, וועט דאָס אַוועקפליִען. און דער האָט געדרונגען, אַז מע באַדאַרף דאָס נעמען אַהיים. נאָר אַז ס'איז אַ רחמנות, אַ „צער בעלי חיים״ – דאָס האָבן אַלע מודה געווען.

און מיר האָבן געבראַכט דאָס פייגעלע אַהיים, פאַרגעסן, אַז מיר זענען הונגעריק, גענומען דאָס האָדעווען, דעם (פייגעלע) געגעבן וואַסער אין פיסקל אַריין. – דאָס פייגעלע האָט אַזוי לאַנג געצי־טערט, געפינטלט מיט די אויגעלעך, געטרייסלט זיך און געפלאַ־טערט ביי אונז אין די הענט, ביז עס האָט פאַרוואָרפן דאָס קעפל אויף אַ זייט, די אויגעלעך פאַרגלאַנצט און... ס'איז געווען טויט.

אויף וואָס האָט דאָס פייגעלע געלעבט? צוליב וואָס און צוליב וועמען איז דאָס באַשאַפן געוואָרן? אויף וואָס האָט מען דאָס באַדאַרפט אויף דער וועלט?... דאָס זענען געווען די מחשבות, וואָס האָבן מיר געפיקט אין מוח און האָבן נישט געהאַט דערויף קיין ענטפער. אין אַ האַלבער שעה אַרום האָבן מיר דאָס פייגעלע מיט גרויס כבוד מלווה געווען. אויסגעגראָבן אין גאָרטן אַ טיף גריבעלע, איינגעוויקלט דאָס פייגעלע אין תכריכים, מקבר געווען דאָס, און געשטעלט דערויף אַ צאַם – אַ ברעטל מיט אַן אויפ־שריפט: דאָ ליגט דאָס קליינע פייגעלע צפור בן בלק.

און געחתמעט אַלע נעמען פון די, וואָס האָבן זיך עוסק געווען אין דער קבורה: בערל, יוסל, דוד, מאָטל, קלמן, געצל״.

עס זענען אַבסטראַהירטע בילדער פון זעעלישע געפילן, וואָס האָבן נישט קיין צוקונפט אין דער ווייטערער אַנטוויקלונג פון דער פסיכיק.

# שלום ראַבינאָוויטש — שלום־עליכם

I

לויט מיינע באַשיידענע מעגלעכקייטן האָב איך מיך באַמיט אין דעמדאָזיקן בוך פֿאַנאַנדערצוּוויקלען פֿאַרן לעזער אַן אייגהייט־לעך בילד פֿון שלום־עליכמס שאַפֿן. איך האַלט, אַז עס איז שוין איצ־טער אין דער צייט — און עס געהער אויך צוּ דעם פּלאַן און צוּ דער קאָנסטרוּקציע פֿון דערדאָזיקער אַרבעט — אַרויסצופֿירן פֿון הינטער די קוליסן פֿון דער וווּנדערלעכער שלום־עליכמישער שפּיל־בינע שלום־עליכמען פּערזענלעך, דעם לייבהאַפֿטיקן און פּריוואַטן שלום ראַבינאָוויטשן: שלום־עליכמען, אַזוי־צו־זאָגן, אין די פּאַנטאָפֿל. נענטער און אינטימער צוּ באַקענען דעם לעזער מיט דעמדאָזיקן מאָדנעם שלום ראַבינאָוויטשן. שלום ראַבינאָוויטש — אַ נאָמען, וואָס קלינגט אַזוי באַנאַל, אַזוי וואָכעדיק, אַזוי באַלעבאַטיש, גאָרנישט־זאָגנדיק. גאַרנישט־זאָגנדיק — ווייל דער נאָמען שלום ראַבינאָוויטש רופֿט ביי אונז נישט אַרויס די אַסאָציאַציע, ווי, למשל, דער נאָמען שלום־עליכם. אונז איז פּשוט שווער צוזאַמענצופּאָרן דעם שטילן און באַשיידענעם נאָמען פֿון שלום ראַבינאָוויטש מיט דער בונטער, פֿאַנטאַזיע־פֿולער, אין שפּיל צעקלונגענער שלום־עליכמישער וועלט.

אַ וועלט אַזוי פֿאַנטאַסטיש און מערכנהאַפֿטיק, אַ מערכנ־האַפֿטיקע נאַיִווע וועלט, — און דאָך אין וועזן אירן פֿול מענטש־לעכער טיפֿקייט, פֿול אוצרות פֿון מענטשלעכער פּסיכיק און היס־טאָרישער טראַגיק, — צי כדי פֿאַנאַנדערצוּוויקלען אַזאַ וועלט, האָט דער באַלעבאַטישער און באַשיידענער שלום ראַבינאָוויטש זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַן אַנדערער אַנאָנימער פֿיגור? ער האָט אָנגע־נומען אַ נאָמען, וואָס קלינגט אין קעגנזאַץ צוּ שלום ראַבינאָוויטש

לגמרי נישט באַשיידן און גראָ. שלום־עליכם איז אונז באַקאַנט, ווי אַ ברייטלעך יידישער זשעסט, אַ זשעסט פון נאַיִוון פּאַרטרויען, היימישער האַרציקייט, צוגעבונדנקייט, האָפּערדיקער פריילעכקייט, גוט־ברידערישקייט, מענטשן־ליבשאַפט. האָט זיך שלום ראַבינאָוויטש איבער וואָסערע־ס׳איז מאָטיוון סתם־אַזוי אויסגעקליבן אַבי אַ פּסעוודאָנים, כדי צו פאַרבלייבן אינקאָגניטאָ פאַרן לעזער? שלום ראַבינאָוויטש האָט באַלד געגריפן נאָכן ווייטסטן עקסטרעם! שלום ראַבינאָוויטש פאַרוואַנדלט זיך אין אַ שלום־עליכם! איך בין נישט קיין גרויסער ליבהאָבער פון סימבאָלישע אויסטייטשונגען און וויל נישט באַלד זען הינטער יעדן צופאַל דעם גרויסן מיין. איך בין נישט קיין באַרופלעכער פסיכאָ־אַנאַליטיקער — אָבער גראָד דאָס טאָפּל־שפּיל פון שלום ראַבינאָוויטש און שלום־עליכם איז נישט קיין צופאַל. עס איז אַבסאָלוט אין פולן איינקלאַנג מיט דעם טאָפּל־שפּיל פון ווירקלעכקייט און פאַנטאַזיע ביי שלום־עליכמען; אין פולן איינקלאַנג מיט דעם אויסטערלישן פאַרהעלטעניש צווישן שלום־עליכמס לעבן און שלום־עליכמס שאַפן.

שלום ראַבינאָוויטש און שלום־עליכם — אין פלוג אַזאַ ווייטער מהלך, אַזאַ דיסטאַנס צווישן אָט דיביידע פאַרשוינען אין איין לייבהאַפטיקער פיגור! זעלטן באַלעבאַטיש, זעלטן קליינבירגערלעך, גאָר שטיל און גראָ איז דאָס לעבן פון שלום ראַבינאָוויטש. אַוואַנטוריסטיש, אין אייביקן רויש, קלאַנגפול שפּיל, ווילדע, פאַנטאַסטישע בונטקייט, זוניקע, מערכנהאַפטיקע לופט, הייסע שפּאַנונג צווישן פאַנטאַסטישן שאָטן־טאַנץ און איראָנישער געמיט־שווערער טראַגיק — די שאַפערישע פיזיאָנאָמיע שלום־עליכמס. ווי טיף דער אָפּגרונט, ווי גרויס דער ווידערשפּרוך! מיר וועלן שפּעטער זען, ווי שלום־עליכם פערזענלעך — שלום ראַבינאָוויטש הייסט עס — האָט ביז צו זיינע לעצטע עטלעכע יאָר בשום־אופן נישט געקענט געפינען דעם צוזאַמענהאַנג און די סינטעזע צווישן דעם קליינעם באַלעבאַטישן שלום ראַבינאָוויטשן און דעם גרויסן טאָפּל־שאָטן זיינעם — שלום־עליכם. שלום ראַבינאָוויטשעס אינטעלעקט האָט ערשט זייער שפּעט שלום־עליכמען דערזען און אים באַנומען. במשך דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן האָט זיך דער גרויסער

יידישער טראַגיקער געהאַלטן פאַר אַ פרייליכן שפּאַס־מאַכער, און פאַר אַ ליץ, וואָס מאַכט, אַז דער יידישער לייענער־עולם זאָל זיך „קאַטשען פון געלעכטער". צו דער ערשטער אויסגאַבע פון זיינע ווערק האָט שלום־עליכם אָנגעשריבן אַ מאָטאָ, וואָס באַווייזט נאָר זיין דעמאָלדיקע פאַרשטענדענישלאָזיקייט פאַר זיך אַליין. נעמלעך, דעם אַבסאָלוט נישט שלום־עליכמישן מאָטאָ, אַז „לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן". דאָס האָט דער דעמאָלדי־קער שלום ראַבינאָוויטש אַזוי אָפּגעשאַצט שלום־עליכמען.

נאָר וועגן דעם שפּעטער.

איך האָב געזאָגט, אַז אין פלוג איז פאַראַן אַ גרויסער אָפּ־גרונט צווישן אָט די ביידע פאַרשוינען. נאָר אין פלוג. אין זיין וווּנדערלעכסטן, געלייטערטסטן און איידלסטן ווערק—„פונם יריד"— זעט שלום־עליכם אַליין איין, ווי שיקזאַלהאַפטיק—סינטעטיש—גע־קנופּט־און־געבונדן מיטאַנאַנדער עס זענען גראָד די צוויי „פרעמדע"— שלום ראַבינאָוויטש און שלום־עליכם. אין דעם מאָמענט, ווען שלום־עליכם האָט נאָך אַ שווערן וועג דערגרייכט דידאָזיקע סינ־טעזע, האָט ער דערגרייכט זיך אַליין; האָט שלום ראַבינאָוויטש אָנגעהויבן צו זען און צו באַנעמען שלום־עליכמען; האָט שלום־עליכם אָנגעהויבן צו זען זיך אין זייןווירקלעכן מהות און אין זיין ווירקלעכער גרויסקייט. עס איז קיין צופאַל נישט, וואָס דאָס טיפסטע, אומעטיקסטע און ר י י פ ס ט ע ווערק שלום־עליכמס איז זיין אייגענע ביאָגראַפיע, „פונם יאַריד". דאָס איידלסטע, „דער שיר־השירים פון זיין נשמה", דאָס טראַגישסטע און שטילסטע געזאַנג פון זיינע טראַגישע געזאַנגען — אַזוי באַצייכנט שלום־עליכם דידאָזיקע ביאָגראַפיע. ווי קעגנזאַצלעך צו יענעם פריער־דיקן באַנאַלן מאָטאָ, אַז „לאַכן איז געזונט".

שלום־עליכם האָט זיך ערשט זעלבסט געפונען אין דער סינטעזע צווישן זיין פריוואַטן לעבן און זיין קינסטלערישן שאַפן, צווישן זיין וואָך און זיין יום־טוב, אין דער סינטעזע צווישן זיין חלום און זיין וואָר. אין דער זעלבסט־ביאָגראַפיע. פון אַלע קונסט־פאָרמען וועט די שוישפּילערישע זיין אונדז אַמנאָענטסטן ריכטיק צו באַנעמען דעם מהות פון דער שלום־עליכמישער קונסט. הגם

שלום־עליכם איז נישט געווען קיין שוישפילער. ער איז געווען דורך־און־דורך פעדער־מענטש. שרי־בשטעלער. דער שוישפילער האָט נישט קיין אַנדערע מיטלען נאָר זיין קונסט, אַ חוץ זיין אייגענער פערזאָן און זיין אייגענעם גוף. שאַפערישע טאַט הייסט — פאַרוואַנדלען דאָס איינצעלע און אָפּגעריסענע אין אַ סינטעטיש וועלט־עלעמענט. קונסט איז דאָס שטאַרקסטע און ריינסטע וועלט־געפיל. און וועלט־געפיל איז איינהייטס־געפיל. דער שוישפילער מוז זיך אַליין, זיין פערזאָן, זיין פערזענלעכן גוף קאָנען גע־שטאַלטיקן צו זיין וועלט־געפיל; אַלע ליכט־ און שאָטן־שאַטי־רונגען פון זיין פערזענלעכן „איך" — מוז ער סובלימירן צו די שאַטירונגען פון אַן „איך" אַלס מין, אַלס מענטשנטום. אַבסאָלוט נישט וועזנטלעך איז דאָס, וואָס צוליב זיין שפיל פאַרקאָסטיומירט זיך דער שוישפילער, פאַרגרימירט ער זיך, פאַרבאַהאַלט ער זיך מכלומרשט הינטער מאַסקע און שמינקע. נישט צו זיין ענלעך צו עמיצן אַנדערש, פאַרגרימירט און פאַרקאָסטיומירט זיך דער שוי־שפילער. ניין, בשום־אופן נישט. גרים און קאָסטיום פאַרטיפערן נאָר און שטרייכן־אונטער די ניואַנסן פון זיין אייגענער פערזענ־לעכקייט. דער שוישפילער „פאַרשטעלט זיך" נאָר, — כדי צו ווייזן די איינהייט פון זיין אַקטיווער פערזאָן אין אַלע באַדינ־גונגען און אין אַלע אופנים. אין גרים און קאָסטיום וויל דער שוישפילער אַפּערהויבן דאָס מין אין זיך — דעם כאַראַקטער; דאָס מענטשנטום אין זיין מענטש־זיין; דאָס אייביקע אין זיין פערזענלעכקייט. שלום־עליכם — הגם שריפטשטעלער, און אַלס שריפטשטעלער איז דאָך געשטאַנען אים צו געבאָט אַ גרוי־סער אויסוואַל פון מיטלען — פונדעסטוועגן, נישט־קוקנדיק אויף דעם גאַנצן טיפן רייכקייט פון זיין פערסאָנאַזש, האָט ער געהאַט זעלטן באַגרענעצטע מיטלען פאַר זיין שרייבערישן וואַרשטאַט. פאַר דעם פערסאָנאַזש, וואָס זאָל שפילן ראָלעס אין זיינע ווערק האָט שלום־עליכם געהאַט בלויז די מענטשן און די פאַסירונגען, וואָס שטאַמען קודם־כל פון זיין פּריוואַטן לעבן. ערשט דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען אינם לעבן פון שלום ראַבינאָוויטשן, האָט זיך סובלימירט צו דער קינסטלערישער אַקטיוויטעט פון שלום־עליכמען.

נאָר מיט זיך אַליין, און מיט זיינע נאָענטע האָט ער אויסגעפּוּלט דאָס רייכע לעבן און די בונטע באַוועגונג פון זיינע ווערק.

דער פּאַנטאַזיעפולער שלום־עליכם איז גראָד געווען אָרים אין מיטלען און אין מאָטיוון.

יידישע דאָן־קישאָטן, פאַרשוינען, וואָס פאַרמעסטן זיך צום לעבן מיט די פאַנטאַסטישסטע אַמביציעס, מנחם־מענדלס, וואָס שטעלן זיך אויפן קאָפּ, — שלום־עליכמס פּערסאָנאַזשן. ער האָט פאַר זיי אַ נאָמען: קליינע מענטשעלעך. זיי זענען די פּשוטע קליינע מענטשעלעך, די גראָע נפשותלעך פון שלום ראַבינאָוויטשעס לעבנס־קרייז. זיי האָבן נאָר באַקומען אַן אַנדערע היסטאָרישע באַלייכטונג, און אַן אַנדערע שיקזאַלהאַפּטיקייט אין שלום־עליכמס לעבנס־קרייז. מעטאַמאָרפאָזע: פון די קליינע מענטשעלעך אין וואָראָנקע זענען געוואָרן גרויסע שיקזאַלהאַפּטיקע יידישע מענטשן. דער גרויסער שיקזאַלהאַפּטיקער שלום־עליכם איז אויך נאָר די מעטאַמאָרפאָזע פון שלום־נחום וועוויקס.

מעטאַמאָרפאָזע פון אומבאַדייטנדיקסטער ווירקלעכקייט צו גרויסער שיקזאַלהאַפּטיקייט, — דאָס איז דאָס פאַרהעלטעניש צווישן שלום ראַבינאָוויטש און שלום־עליכם. אין דער טיר פונם קליינעם יידישן מענטשעלע האָבן זיך פּלוצלינג אָנגעהויבן צו הערן די אומהיימלעכע קלעפּ פונם טראַגישן שיקזאַל פון דעם יידישן קאָלעקטיוו.

## II

שלום־עליכם איז געבוירן־געוואָרן (1859) אין פּערעיאַסלאַוו. „אייגנטלעך וואָלט איך באַדאַרפט אָנרופן דעם נאָמען פון דער שטאָט, ווו ער איז געבוירן (דער שרייבער פון „פונם יאַריד") און דעם דאַטום, ווי עס פירן זיך אַלע ביאָגראַפישע (?) שרייבער. בין איך מיך אָבער מודה, אַז דאָס אינטערעסירט מיך נישט. מיך אינטערעסירט דווקא אָט דאָס קליינע קאַסרילעווקע, אָדער וואָראָנקע, ווייל קיין אַנדערע שטאָט אויף דער וועלט האָט זיך אים אַזוי נישט איינגעגעסן אין זכּרון, ווי אָט דאָס געבענטשטע קאַסרילעווקע־וואָראָנקע, און קיין אַנדערע שטאָט אויף דער וועלט האָט נישט געהאַט אַזוי פיל חן אין זיינע אויגן, אַזוי, אַז ער קאָן עס נישט פאַרגעסן און וועט עס נישט פאַרגעסן אייביק און אייביק". אַזוי הייבט שלום־עליכם אָן זיין ביאָגראַפיע. עס איז נישט אינגאַנצן ריכטיק. פּערעיאַסלאַוו, — ווי מיר וועלן שפּעטער זען, — נעמט אויך אַ היפּשן חלק אין די שטעט, וואָס שפּילן — אַלס רוים־מאָטיוון — אַנטיטעטישע ראָלן לגבי וואָראָנקע־קאַסרילעווקע, דעם פּאָזיטיוווסטן הויפּט־רוים פון שלום־עליכמס העלדן. אין וואָראָנקע האָט שלום־עליכם נאָר פאַרבּרענגט זיינע קינדער־יאָרן. זיין גאַנצע יוגנט איז פאַרפלאָסן אין פּערעיאַסלאַוו, וווהין שלום־עליכמס פאָטער האָט זיך אַריבערגעצויגן איבער דער „געשלאָגענער פּרנסה" אין וואָראָנקע. „משנה מקום, משנה מזל". אָבער — „איינגעגעסן אין זכּרון" איז שלום־עליכמען וואָראָנקע־קאַסרילעווקע. קאַסרילעווקע — דאָס קליינע שטעטעלע פון די קליינע מענטשעלעך. היימאַט־רוים זייערער. צוגעפּאַסט צו זייער מהות. קאַסרילעווקע אַלסווירקלעכקייט איז פּונקט אַזוי ווינציק אין

אָרים, ווי דיווירקלעכקייט פון די קאַסריליקעס, די קליינע מענטשעלעך. די קליינע קאַסריליקעס זענען שלום־עליכמס גרויסע וועלט־פיגורן. אויך קאַסרילעווקע מאַכט־מיט די שיקזאַלהאַפטיקע מעטאַמאָרפאָזע פון די קליינע מענטשעלעך; נאָר און גראָד דורך דער פריזמע פון קאַסרילעווקע זעט שלום־עליכם די וועלט.

שלום־עליכמס קינדער־יאָרן אין וואָראָנקע זענען פאַרלאָפן אָן באַזונדערע דערשיטערונגען. זיין פאָטער נחום ראַבינאָוויטש איז געווען, ווי שלום־עליכם זאָגט, „אַ נגיד מיט אַ סך פּרנסות". נחום ראַבינאָוויטש איז געווען „אַ שטילער מענטש, אַ שווייגער מיט אַ ווייכן נאָכגיביקן כאַראַקטער, אַ פאַראומערטער ייד, מיט אַ שטענדיק פאַרזאָרגט פּנים". זיין מוטער „חיה־אסתּר, אַ יידענע אַן אשת־חיל, אַ פאַרהאַוועטע אין קראָם, אַ פּראַקטישע באַלע־באָסטע, אַ מאַמע פון אַ סך קינדער. זי איז נישט געווען אַזאַ ווייכע, אַזאַ צוגעלאָזטע, ווי אַנדערע מאַמעס. מע פלעגט כאַפּן פון איר אָפּט פעטש, סטוסאַקעס און בוכענצעס, קינדער זאָלן נישט ליב האָבן שטשירען די ציין, כאַכאָטשען זיך, דאָס האָט באַדאַרפט הייסן, אַז קינדער זאָלן נישט לאַכן". „די ברידער שלום־עליכמס — כמעט אַלע געוויינלעכע באַלעבאַטישע מענטשן, ווייט פון העכע־רע גייסטיקע השגות, אַלע בעלי־תּכליתים, מיט ריין־מאַטעריעלע פּראַקטישע אַמביציעס. אַזוי זענען אויך צומייסטן די קרובים, פעטערס, מומעס, שוועסטער־קינדער, און אַזוי זענען אויך די ערשטע יוגנט־חברים". („שלום־עליכם־בוך").

מיר האָבן פאַרשידענע מקורים צו שלום־עליכמס ביאָגראַפּיע. קודם־כּל דאָס בוך „פונם יאַריד" און שלום־עליכמס אַ פולע בריוו, דאַן האָבן מיר זכרונות און נאָטיצן פון שלום־עליכמס הויז־געזינד. אומעטום אין די מקורים, וווּ מיר טרעפן זיך נאָר מיט שלום־עליכמס סביבה — איבערהויפּט פון דער צייט אין וואָראָנקע־קאַסרילעווקע — איז עס אַ מיליע פון מיטלמעסיקע מענטשן. ערשט אין פערעיאַסלאַוו באַגעגענען מיר אין שלום־עליכמס לעבן אינטערעסאַנטערע מענטשן און גרעסערע דערשיטע־רונגען. צ. ב.: נויט, דער טויט פון שלום־עליכמס מוטער, די

נסיעה צו זיינע אויסטערלישע גרויס-עלטערן אין באָהוסלאַוו; פאַרשידענע טיפן, וואָס האָבן זיך געדרייט ביי שלום-עליכמס פאָטער אין פּערעיאַסלאַוו. דאַן מוז דערמאָנט-ווערן דער הויפּט-מאָמענט פון די פּערעיאַסלאַווער יאָרן, נעמלעך — די שרעקלעכע שטיף-מאַמע, וואָס האָט זיך איינגעבאַקן שלום-עליכמען אין האַרצן. דאָס זענען די פּערעיאַסלאַווער געשעענישן. אין פּערעיאַסלאַוו האָט שלום-עליכם געליטן נויט. אין די גרעסטע פּרעסט האָט ער געמוזט זיצן פאַר דער טיר פון זייער איינפאָר-הויז און רופן אורחים. אין פּערעיאַסלאַוו איז אויך געקומען דער גייסטיקער אי-בערברוך אין שלום-עליכמס טראַדיציאָנעלער יידישער דערציִונג: נאָך גרויסע קאַמפן מיטן פעטער פּיניע איז ער געוואָרן אַ גימנאַ-זיסט און אָנגעהויבן סיסטעמאַטיש צו לערנען וועלטלעכע לימודים. אין פּערעיאַסלאַוו זענען אייגנטלעך געשען די ראַדיקאַלע אַנטשיי-דונגען אין שלום-עליכמס לעבן. אָבער נישט-קוקנדיק אויף דעם אַלעם, איז דאָך פּערעיאַסלאַוו נישט געוואָרן דער הויפּט-פּונקט. דער הויפּט-פּונקט, דער צענטראַל-פּונקט פון שלום-עליכמס לעבן איז און בלייבט וואָראָנקע. דאָס קליינע שטעטעלע וואָראָנקע. די קליינע מענטשעלעך. די קליינע השגות. די קליינע געשעענישן.

די אומבאַדייטנדיקסטע געשעענישן אין זיין לעבן און די אומבאַדייטנדיקסטע מענטשן פון זיין סביבה — פאַרוואָס האָבן זיי גראָד געהאַט אויף שלום-עליכמען די אַנטשיידנדיקע ווירקונג און באַשטימט דעם מהות פון זיין קינסטלערישן וועזן? שלום-עליכם איז דאָ ענלעך צו זיינע העלדן. פּונקט ווי זיי איז ער הונדערט-פּראָצענטיקער סוביעקטיוויסט. געשעענישן אָביעקטיווע, וואָס זענען נישט אינגאַנצן אָפּהענגיק פון זיין פאַנטאַזיע און געמיט, געשעענישן, אויף וועלכע ער קאָן בלויז רעאַגירן, אָבער זיי נישט פולשטענדיק אַליין באַשאַפן—ווי שטאַרק און אַנט-שיידנדיק אַזעלכע געשעענישן זאָלן נישט זיין געווען פאַר אים— האָט שלום-עליכם זיי דאָך נישט צוגערעכנט צו זיין זעלישן שיקזאַל. שטאַרקע געשעענישן און שטאַרקע פּערזאָנען האָט שלום-עליכם נישט געקאָנט אַסימילירן אין זיין פּסיכיק, ער האָט זיי נישט געקאָנט אויפלעזן אין זיין סוביעקט, ער האָט זיי נישט

געקאָנט אַריינגעמען אין זיין וועלט. זיי האָבן דעריבער נישט געקאָנט אָנטיילנעמען אין דעם וועלט־שפּיל פון זיינע העלדן. דאָס איז דער אייגנטלעכער סוד, פאַרוואָס שלום־עליכם האָט אויפגעשריבן נישט־געלונגענע ראָמאַנען און שלעכטע געזעלשאַפטלעכע און לעבנס־דראַמעס. דאָס וואָס איז קליין און גראָ און אומבאַדייטנדיק,— וואָס צייכנט זיך מיט גאָרנישט נישט אויס, — האָט נישט קיין אָביעקטיווע באַזונדערקייט, האָט אַלס מאָטיוו נישט קיין שום וואָג און לאָזט זיך פולשטענדיק אַרומשפּינען מיט דער באַוועגונג פון שלום־עליכמס פאַנטאַזיע — נאָר דאָס דעצידירט און אַנטשיידט אין דעם בילד פון שלום־עליכמס לעבן. די טעכניק פון שלום־עליכמס לעבן איז פולקום ענלעך־געווען צו דער טעכניק פון שלום־עליכמס שאַפן. דערפאַר איז וואָראָנקע — גראָד וואָראָנקע— די וואָראָנקער מענטשן און די וואָראָנקער „געשעענישן", — די צענטראַל־פּונקטן סיי פאַר שלום־עליכמס לעבן, סיי פאַר שלום־עליכמס שאַפן. וואָראָנקע איז פולשטענדיק אויפגעגאַנגען אַלס אָרגאַנישער עלעמענט אין שלום־עליכמס פּסיכיק. פּערעיאַסלאַוו, די אַנדערע שטעט פון זיין שפּעטערן לעבן, דאָס שווערע פּערזענלעכע לעבן, וואָס שלום־עליכם האָט שפּעטער געהאַט — האָט ער נאָר אויסגענוצט אַלס אַנטיטעזעס און קעגנשפּילן צו וואָראָנקע. אין יענע שטעט אַריין אַנטלויפן זיינע העלדן, ווען זיי ווילן דאָס, וואָס זיי חלומען אין וואָראָנקע, פאַרווירקלעכן אַלס אַ וואָר. אָ, שלום־עליכמס מענטשן זאָלן עפּעס פאַרווירקלעכן? יענע שטעט זענען די פלעצער פון די אַנטוישונגען. אַנטוישונגס־רוימען—ווייל אַלס אָביעקטיוויטעטן זענען זיי געווען צו שטאַרק אַריינצופּאַסן אין די ווונטש־חלומות פון שלום־עליכמס פאַרשוינען. ערשט וואָראָנקע, די וואָראָנקער מענטשן און די וואָראָנקער געשעענישן זענען געוואָרן די עלעמענטאַרע באַשטאַנד־טיילן פון גאַנצן שלום־עליכמישן וועלט־בילד. שלום־עליכמס וועלט־בילד איז אויך שלום־עליכמס לעבנס־בילד. וואָראָנקע איז געוואָרן אַ טייל פון שלום־עליכמען און מיט אים מיטגעלעבט זיין גאַנץ לעבן. ער האָט נאָר געהאַט איין היים, שלום־עליכם — וואָראָנקע. דידאָזיקע היים, וואָראָנקע, האָט ער מיט זיך מיטגענומען אומעטום. דאָרט האָט ער

זיין לעבנסלאַנג געוויינט צוזאַמען מיט זיינע פּאַרשוינען. פּונקט ווי ער האָט פון שלום ראַבינאָוויטשן געמאַכט אַ שלום־עליכם, אַזוי האָט ער פון וואָראָנקע געמאַכט אַ קאַסרילעווקע. וואָרים, ווו שלום־עליכם האָט געלעבט בקביעות, דאָרט האָט נישט געטאָרט זיין קיין שום רעאַלעווירקלעכקייט. אָרט, צייט און רוים האָבן אויך געמוזט אויפגעלעזט־ווערן אינם קלאַנגפולן צויבער פון די שלום־עליכמישע חלומות.

„וואַראָנקע איז אַ קליין־קליין שטעטעלע, דערפאַר איז דאָס צַבער פול מיט אַזעלכע שיינע מעשיות און לעגענדעס, וואָס מע וואָלט פון זיי אַליין געקאָנט אָנשרייבן אַ גאַנצן בוך". – אין וואָראָנקע, אין זיינע נאַיִוועסטע קינדער־יאָרן האָט זיך דער קליינער שלום־עליכם טאַקע אויסגעלעבט אין חלומות און אין הוריות. „אינם יריד" גיט זיך שלום־עליכם, ווי אונטערן איינפלוס פון זיין חבר שמואליק לעבט ער כסדר אין טרוימען און פאַנטאַזיעס– „די שיינע וווּנדערלעכע מעשיות פון שמואליק דעם יתום האָבן זיין יונגן חבר (שלום־עליכמען) אינגאַנצן פאַרכישופט און געבראַכט דערצו, אַז די פּרינצן מיט די פּרינצעסינס זענען אים געגאַנגען צו חלום, געוועקט, געשלעפּט ביי די אַרבל : „שטיי אויף שלום, טו דיך אָן און קום מיט אונז"... און נישט נאָר אין חלום – אויך אויף דער וואָר האָט ער זיך געפונען כמעט שטענדיק צווישן פּרינצן און פּרינצעסינס ערגעץ אין אַ קרישטאָלענעם פּאַלאַץ, אָדער אויפן פאַרגליווערטן ים, אָדער אויף אַ וויספּע, ווו עס געוועלטיקןווילדע מענטשן, אָדער גאָר אין גן־עדן התחתון, ווו עס געפינען זיך צוועלף ברונעמס מיט קוועקזילבער און דרייצן גערטנער מיט זאַפראַן, און גאָלד און זילבער וואַלגערט זיך אַזוי ווי מיסט; אָדער ער הויבט זיך אויף מיטן שטיינדעלע „ישפה" גאָר אין דער הויך, אויף יענער זייט כמאַרעס. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט אָנגעהויבן אָנרופן די אַלע זאַכן ביים נאָמען און זעען זיך מיט זיי אויף יעדן טריט און שריט".

„עטלעכע צונויפגעלייגטע באַלקנס אין הויף איינס אויף דאָס אַנדערע זענען שוין געווען גענוג פאַר אים, ער זאָל זיך אַרויפכאַפּן אויף זיי גאַנץ הויך און זיך פאָרשטעלן, אַז דאָס איז אַ „וויס־

פע" און ער איז דער פרינץ, און די גענז מיט די קאַטשקעס, וואָס שפּאַצירן אַרום אין הויף — דאָס זענען די ווילדע מענטשן־פרעסער, און ער איז איבער זיי דער מלך, וואָס קאָן זיי טרייבן וווהין ער וויל און קאָן טון מיט זיי, וואָס ער וויל, וואָרים זיי זענען דאָך זיינע אונטערטעניקע... עס איז גענוג געווען אַ שטיקל גלאָז, טאָמער האָט ער געפונען, זאָל עס ווערן ביי אים פאַר־וואַנדלט אין אַ טייערן ווונדערשטיין, אַ מין „כדכוד"... אַ שטיינ־דעלע, אַ פּראָסט, פון דער ערד אויפגעהויבן — קאָן עס זיין אפשר דאָס שטיינדעלע „ישפה" — ווער ווייסט? פוילט ער זיך נישט, נעמט און טוט דאָס אַ רייב, אַז קיינער זעט נישט, אין דער רעכטער לאַץ און אַ זאָג, ווי שמואליק זאָגט: „ס'זאָל מיר אַרויס־גיין און אַרויסגיין..."

„מער פון אַלץ האָבן זיך איינגעוואָרצלט אין אים שמואליקס מעשיות וועגן אוצרות. ער איז געווען מער ווי זיכער, אַז נישט היינט איז מאָרגן, נאָר אַן אוצר מוז זיך אים אַנטפּלעקן. דאָס גאַנצע געלד וועט ער, געוויינלעך, אַוועקגעבן דעם טאַטן מיט דער מאַמען. דער טאַטע וועט שוין נישט דאַרפן זיין אַזוי פאַר־זאָרגט און פאַרטראָגן אין די געשעפטן. די מאַמע וועט פאַר־שפּאָרן פרירן גאַנצע טעג אין קלייט. מיט דעם כּוח פונם שטיין „ישפה" וועט ער זיי אויסבויען אַ פּאַלאַץ פון קרישטאָל, אַרומ־גערינגלט מיט אַ גאָרטן פון סאַמע זאַפּראַן, און אין מיטן גאָרטן וועט זיך געפינען אַ ברונעם פון קוועקזילבער. אַ פלעג־הונט וועט היטן דעם אַריינגאַנג, און פּיפּערנאָטערס, שרעטעלעך, מיט ווילדע קעץ וועלן זיך דראַפּען אויף די ביימער. און ער, דער פרינץ אַליין, וועט אויסטיילן פון זיין ברייטער האַנט די וואָראָנ־קער אָרימעלייט נדבות, גרויסע נדבות און קליינע נדבות, איט־לעכן אַזאַ נדבה, ווי ער פאַרדינט..."

סיי אין שמואליקן, סיי אין דעם קינד שלום־עליכם איז נישט שווער צו דערקענען דעם פולן פּראָטאָטיפּ פון מנחם־מענדלען, וואָס זעט אויך אין איטלעכן שטיקל גלאָז דאָס וווּנ־דערטוּענדיקע שטיינדעלע „ישפה" און „איז מער ווי זיכער, אַז נישט היינט איז מאָרגן, נאָר אַן אוצר מוז זיך אים אַנט־

י. י. טרונק, שלום־עליכם, 23.

פלעקן״... שלום־עליכם גיט אַליין צו, אַז „שמואליק*) האָט זיין פאַנטאַזיע געמאַכט רייכער, זיין השגה ברייטער, און שמואליקס חלומות, און שמואליקס טרוימען וועגן אוצרות, וווּנדערשטיינער און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכן, טראָגט ער ביי זיך טיף אין האַרצן נאָך עד היום, אפשר אין אַן אַנדערער פאָרם, אפשר אין אַנדערע געשטאַלטן, — נאָר ער טראָגט זיי, טראָגט זיי ביז צום היינטיקן טאָג״. שמואליק האָט קינדוויייז שיקזאַלהאַפטיק דערצוּנדן שלום־עליכמס פאַנטאַזיע און מיר געפינען שמואליקס לעבעדיקן שאָטן אין אַלע שלום־עליכמס ווערק, — אין אים, אין שמואליקן האָבן מיר, אגב, דעם טיפּוס פון דעם אַנטוישטן מנחם־מענדל. דער שפּע־טערער שלום־עליכם („דער שרייבער, וואָס דערציילט אינם „יאַ־ריד״ די ריכטיקע ביאָגראַפיע פון „שלום־עליכם דעם מענטשן״), זוכט אין דעמדאָזיקן סינטעטישן ווערק זיינעם אַרום איבער דער וועלט דעם געשטאַלטענדיקן מנחם־מענדל, שמואליקן דעם בעל־חלומות, מיטן שטיינדעלע „ישפה״, וואָס אָט־אָט אַנטפּלעקט זיך דער וווּנדערלעכער אוצר; „ווו איז ער?״ — פרעגט דער אויסגעלייטערטער שלום־עליכם, — „און וואָס איז ער, למשל, אַצינד — אַ מגיד? אַ רב? אַ מלמד? אַ סוחר? אַ קרעמער? אַ מעקלער? אָדער גאָר אַן אָרימאַן, אַן עני ואביון? אָדער אפשר האָט עס אים פאַרטראָגן אינם גאָלדענעם לאַנד, אין אַמעריקע, און ער „מאַכט אַ לעבן״?... אָדער אפשר ליגט ער שוין דאָרטן, ווו מיר וועלן אַלע ליגן איבער הונדערט יאָר און די ווערים וועלן פון אונז הנאה האָבן. ווער „עס ווייסט עפּעס״ — דאָ לאָזט שלום־עליכם שפּאַציאָנירן די שורות, ווי ער וואָלט אויסגערופן הויך אויפן קול — „ווער עס האָט געהערט פון אים—זאָל זיך אָפּרופן״.

אַלס אַנטשיידנדיקע פאַר אים אויפן גאַנצן לעבן באַצייכנט שלום־עליכם צוויי הויפּט־מאָמענטן פון זיין לעבנס־טעטיקייט אין וואָראָנקע: נעמלעך, חלומען און שווישפּילן. די וווּנדערלעכסטע וואָראָנקער קאַפּיטלעך פון דער אויטאָביאָגראַפיע זענען פול מיט

*) שמואליק דער יתום איז געווען פּיזיש מינדערווערטיק. אויפן קאָפּ זיינעם, וואָס איז פול-געווען מיט אַזויפיל חלומות וועגן פּריגצן און אוצרות, האָט ער געהאַט אַ „צאַצקע״. אַ פּ אַ ר ך — אין פּראָסט יידיש.

סצענעס, ווי אַזוי שלום־עליכם אַלס קינד פלעגט שווישפּילן, זיך גרימירן, נאָכמאַכן. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס פאַר דידאַקטיקע אייגנשאַפט שלום־עליכמס „זענען געפלויגן פּעטש, און קלעפּ האָט מען געטיילט, און שמיץ האָט מען געציילט. אַי, שמיץ! בקיצור — ס׳איז געווען אַ לעבן!״. ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן. שלום־עליכמען האָט מען בשום־אופן נישט געקאָנט אָפּגעוויינען פון די אייגנשאַפטן, וואָס זענען געווען די אַקטיווסטע הויפּט־עלעמענטן פון זיין וועזן: בהקיץ כסדר לעבן אין טרוימען — און געשטאַלטיקן זיינע טרוי־מען אין פאַרגעשטעלטן שפּיל. זעלטן־ווען האָט מען מיט אַזויפיל פּסיכאָלאָגישער געשטאַלטלעכקייט פאַרגעשטעלט דאָס וועזן פון דעם שווישפּילערישן לעבנס־מעכאַניזם, ווי עס האָט עס, למשל, געטון שלום־עליכם אין די פריער־דערמאָנטע עטלעכע שורות פון זיין אויטאָביאָגראַפיע: „עטלעכע צוניפגעלייגטע באַלקנס אין הויף איינס אויף דאָס אַנדערע זענען גענוג געווען פאַר אים, ער זאָל זיך אַרויפכאַפּן אויף זיי גאַנץ הויך און זיך פאָרשטעלן, אַז דאָס איז אַ „ויספּע״ און ער איז דער פּרינץ״. וויפל שווישפּילע־רישקייט! נישט בלויז, וואָס דאַסדאָזיקע בילד גיט אונז אַ שליסל צו דער קאָנסטרוקציע פון שלום־עליכמס פאַנטאַזיע, נאָר מיר זעען אויך די ווינציקייט פון מאָטיוון, וואָס שלום־עליכמס פאַנטאַזיע באַדאַרף, כדי זיך אויסצובויען אין איר פולער אַקטיווּיטעט. אויך קאַסרילעווקע־וואָראָנקע איז נישט מער געווען פאַר שלום־עליכמען, ווי די „עטלעכע צוניפגעלייגטע באַלקנס״. אָרימע בינע־ברעטער. אויף זיי האָט ער געלאָזט זיך פאַנאַנדערשפּילן דאָס גאַנצע יידישע וועלט־בילד. דידאָזיקע „צוניפגעלייגטע באַלקנס״, זיין קאָמעדיאַנטן־בינע קאַסרילעווקע, האָט שלום־עליכם מיטגענומען אומעטום, וווּ ער האָט באַדאַרפט זיינע פאַרשוינען צו לאָזן געשטאַלטיקן דאָס שווי־שפּיל פון יידישן וועלט געפיל. שוין קינדווייז האָט שלום־עליכם געלעבט אינטענסיווער אין דער וויזיאָנערער ווירקלעכקייט און אין דער דעקאָראַטיווער פאָרשטעלונג פון אַן אימאַגינירטער ווירקלעכקייט, ווי אין דער ממשותדיקער ווירקלעכקייט. פונקט ווי די פאַרשוינען פון זיינע ווערק. דידאָזיקע אייגנשאַפטן, וואָס שלום־עליכם האָט זיי אַנטוויקלט צו אַזאַ גרויסן פאַרנעם,—עס זע־

נען געווען שלום־עליכמס שוישפּילערישע אייגנשאַפטן. ער דערציילט אונז פון זיי מיט אַזויפיל עקשנות־פרייד אין זיין אויטאָביאָגראַפיע.

שעקספּיר איז געווען דער גרעסטער שוישפּילער אין דעם וועלט־שוישפּיל, וואָס הייסט וועלט. שלום־עליכם איז געווען דער גרעסטער שוישפּילער אין דעם וועלט־שוישפּיל, וואָס הייסט יידן.

## III

עס וועט מיר נאָך אויסקומען צו רעדן דערפון, ווי אַ סך פון שלום־עליכמס שפּעטערע דערציילונגס־מאָטיוון זענען פּשוטע קליינע פּאַסירונגען, וואָס האָבן זיך מיט אים געטראָפן אין וואָ־ראָנקע. וואָראָנקע איז דער אַלף און דער תּיו פון שלום־עליכמס קינסטלערישן מהות. דעריבער שטעלט שלום־עליכם אַוועק וואָראָנ־קע אַלס דעם לעבעדיקסטן צענטראַל־פּונקט פון זיין לעבנס־בילד. גראָד ביי אַ שאַפערישן מענטש זעען מיר בולטער דעם ענגן צו־זאַמענהאַנג צווישן זיין כאַראַקטער און זיין שיקזאַל; דער וויי־טערער פאַרלויף פון שלום־עליכמס לעבן, הגם ער שטייט, וואָס שייך שיקזאַלהאַפטיקייט, אין אַ געוויסער מאָס אין קעגנזאַץ צו וואָראָנקע — טאַקע אין דידאָזיקע קעגנזאַצן וועט ער דערגאַנצן שלום־עליכמס פּערזענלעכן פּאָרטרעט.

כ׳האָב שוין פריער געזאָגט, אַז אין קעגנזאַץ צו זיינע קלאַ־סישע פּאָזיטיווע העלדן — די טעזן — האָט שלום־עליכם אַריינ־געפירט אין זיינע ווערק קלאַסישע נעגאַטיווע העלדן — אַנטי־טעזעס, — כּדי צו שאַפן דראַמאַטישע שפּאַנונג און דראַמאַטישן אימפּעט. דידאָזיקע אַנטיטעטישע עלעמענטן האָט ער נישט גע־נומען פון וואָראָנקע. אַנטיטעזעס ווערן געבוירן פון ווידערשטאַנד. וואָראָנקע האָט פאַר שלום־עליכמען נישט פאַרמאָגט קיין שום עלעמענטן פון ווידערשטאַנד. וואָראָנקע איז געווען דער פּאָזיטי־ווער אויפבויערישער עלעמענט אין שלום־עליכמס וועזן ווען מיר געפינען אַפילו קלאַסישע שלום־עליכמישע אַנטיטעזעס, ווי, למשל, מנחם־מענדלס ווייב שיינע־שיינדל און זיין באַרימטע שוויגער אַלס איינגעזעסענע קאַסרילעווקער (וואָראָנקער) תּושבים.

עס האָט נישט צו טון מיט דער זאַך. דאָס זענען די אַנטיטעטישע פיגורן, וואָס שלום-עליכם פלאַנצט בכיוון איין אויף זיין ליבער פּאָזיטיווער בינע — וואָראָנקע-קאַסרילעווקע, — כדי שטאַרקער צו אַקצענטירן דאָס שלום-עליכמישע קאַסרילעווקע אין טראַגיש-דראַמאַטישער שפּאַנונג.

וואָלט שלום-עליכם זיין גאַנץ לעבן פאַרבליבן אין זיין ליבן וואָראָנקע, אין זיין פּאָזיטיוון מיליע, צווישן די אַלע פּעטערס, מומעס, מלמדים, חדרים און אַלערליי קאַסריליקעס, דאַן קאָנען מיר זיכער-זיין, אַז ס'וואָלט פון אים נישט אַרויסגעקומען קיין שלום-עליכם. דאָ וויל איך ווידער מאַכן אַן אַנאַלאָגיע צווישן שלום-עליכמען און זיינע העלדן. לאָמיר זיך פאָרשטעלן: מנחם-מענדל פאַרבלייבט אויף תמיד אין קאַסרילעווקע, חלומט וועגן אוצרות און רירט זיך נישט אַרויס אויף דער וועלט מיט דעם משונהדיקן פאַרמעסט, דידאָזיקע חלומות צו פאַרווירקלעכן. ד.ה.,—מנחם-מענדל קומט נישט אין קאָנפליקט מיט דער ווירקלעכקייט. אָן זיינע קאָנפליקטן און אַנטוישונגען וואָלט מנחם-מענדל נישט אויסגעדרוקט דאָס, וואָס שלום-עליכם האָט געוואָלט אין אים אויסדריקן. מנחם-מענדל וואָלט פאַרבליבן אַ פּראָווינציאַלער, בלוטלאָזער בעל-חלומות, אָן זיין טראַגיש ליידן פון דער וועלט. ערשט אין די קאָנפליקטן מיט דער וועלט באַקומען מנחם-מענדלס חלומות וואָגיקייט און טראַגישן מהות. ווען שלום-עליכם שיקט זיין פּאָזיטיווע טעזע — מנחם-מענדלען — אַרויס אין דער וועלט, דאַן קאָנען שוין די אַנטיטעזעס — שיינע-שיינדל און איר מוטער — פאַרבלייבן אין קאַסרילעווקע. אַזוי-אַרום באַקומט די דראַמאַטישע שפּאַנונג איר גלייכגעוויכט און איר פּראָפּאָרציע. מיר דאַרפן אָט-אָ די אַנאַלאָגיע איבערצוטראַנספאָרמירן אויף שלום-עליכמס לעבנס-בילד; מיט זיין אַריבערפאָרן קיין פּערעיאַסלאַוו הייבט זיך פאַר שלום עליכמען אָן דער ביטערער קאַמף מיטן לעבן; כסדרדיקע קאָנפליקטן מיט דער האַרטער ווירקלעכקייט; כסדרדיקע אַנטוישונגען. אין האַרצן טראָגט ער ביי זיך אַרום וואָראָנקע. וואָראָנקער הינער-פּלעט. שמואליקן מיט די אוצרות. נאָר ער באַריט זיך כסדר אָפּ ביי דער ווירקלעכקייט.

שלום־עליכם. די ווירקלעכקייט איז פאַר אים פול מיט אַנטויש־ שונגען. שלום־עליכם ליידט פון זיינע אַנטוישונגען. ער אַנטוישט זיך אָבער נישט אין די אַנטוישונגען פון זיין לעבן. ער רעזיגנירט נישט פון וואָראַנקער חלומות און ווערט נישט אַנדערש. פונקט ווי מנחם־מענדל.

„אַלע מאָל, ווען דער פּאַרפאַסער פון דידאַזיקע באַשריי־ בונגען לאָזט זיך אַראָפּ אין די טיפע קאַטאַקאָמבן פון זיין וויי־ טער קינדהייט" — דערציילט שלום־עליכם אין זיין אויטאָביאָ־ גראַפיע — „טראָגט אַרויס אויף גאָטס וועלט און לופטערט דורך זיינע זכרונות, פּאַרטיפערט זיך אין זיינע שפּעטערע דערפאַרונגען פונם גרויסן וועלט־יאַריד, וואָס מען רופט דאָס „לעבן" און באַטראַכט דאָס אַלצדינג מיט אַ קלאָרן קאָפּ און מיט אַ קאַלטן (?) מוח, באַ־ וואונדערט ער, ווי ער האָט געקאָנט איבערטראָגן אַזעלכע אומדערי־ באַרמדיקע קלעפּ, מיאוסע אָפּנאַרעכטסן און ביטערע אַנטוישונגען, און בלייבן גאַנץ אויף צו כאַפּן פרישע קלעפּ מיט נייע אָפּ־ נאַרעכטסן, מיט נאָך גרעסערע אַנטוישונגען. אַ קלאַפּ פאַרהיילט זיך, אָבער אַן אַנטוישונג לאָזט איבער נאָך זיך אַ קרעל אין דער נשמה אויף אייביק".

„דער העלד פון דערדאָזיקער ביאָגראַפיע האָט שוין גע־ פּרווט געשלאָגן ווערן מאָראַליש און באַגומען ווערן מאַטעריעל פון קאָפּ ביז פיס, ער האָט פאַרזוכט דעם טעם פון צו פאַרלירן אַ ריזיקן קאַפּיטאַל אין אַ קורצער צייט דורך פאַרשידענע שפּע־ קולאַציעס, וואָס אַלערליי מנחם־מענדלס האָבן אים אין זיי אַריינ־ געפירט, און ער קאָן זאָגן מיט אַ ריינעם געוויסן, אַז אים האָט נישט אַזוי געגומען דער פאַרלוסט פון געלט, ווי דאָס, וואָס מענטשן האָבן אים אָפּגענאַרט און וואָס ער האָט זיך אָפּגענאַרט אין מענטשן. די אַנטוישונג — אָט וואָס אים האָט מקצר ימים גע־ ווען אַלע מאָל, אָט וואָס אים האָט געטריבן אין דער ערד אַריין".

דידאָזיקע אינטים־געהאַלטענע און נאַיווע לאַמענטאַציעס האָט גריילעך געמעגט שרייבן מנחם־מענדל אין זיין אויטאָביאָ־ גראַפיע. שלום־עליכם האָט ווייניק דערשאַצט די גענעזיס פון זיין ווען, אויב ער האָט אויף אַן אמת געגלויבט, אַז אָט די אַלע

לעבנס־אַנטוישונגען האָבן „אים געטריבן אין דער ערד אַריין״. אין דעם קאָנפליקטפולן צוזאַמענשפּיל צווישן זיינע ח ל ו מ ו ת און זיינע אַ נ ט ו י ש ו נ ג ע ן האָט זיך צוגלייך מיט זיינע העלדן אויך אויסגעפורעמט דער פערזענלעכער שלום־עליכם.

אין זיין אויטאָביאָגראַפיע שילדערט שלום־עליכם דעם ערשטן אַריבערטריט פון זיינע וויזיאָנערישע פאָרשטעלונגען וועגן דער ווירקלעכקייט צו דער ווירקלעכקייט גופא: מאיר־וועלוול דער בעל־עגלה ברענגט־אַריבער דעם קליינעם שלום ראַבינאָוויטשן צוזאַמען מיט זיינע געשוויסטער פון וואָראָנקע קיין פּערע־יאַסלאַוו. שלום־עליכמס פאָטער פירט אין פּערעיאַסלאַוו אַ לעבן פון גרויס דחקות. ער האָט אַ ביליקע אכסניה. שלום־עליכם ווערט עס ערשט איצט געוואָר. די עלטערן זענען די קינ־דער מקבל־פּנים מיט „אַ באַגעגעניש נישט אַזאַ, ווי די קינדער האָבן געוואַרט. מע האָט זיך אַפילו צעקושט, נאָר קאַלטלעך״. אין שלום־עליכמס עלטערן־הויז, וואָס איז אין וואָראַנקע געווען אַ באַלעבאַטיש־נגידישלעכע שטוב, הערשט איצט גרויס אָרימקייט*). מע קאַרגט די קינדער אַ שטיקל ברויט. „די מאַמע נעמט צו דאָס איבערגעבליבענע ברויט (וואָס די קינדער האָבן געגעסן) פון טיש און פאַרשליסט דאָס אין שאַפע. דאָס איז אויך נישט געווען ביי זיי דאָרטן אין וואָראָנקע״. „ליגנדיק דערנאָך אויף שטרויענע זעק, אויסגעבעט אויף דער ערד, אַלע קינדער אינאיינעם, אין אַ גרויסן פינצטערן חדר – האָט דער העלד פון דערדאָזיקער ביאָגראַפיע לאַנג נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. אין זיין קאָפּ האָבן זיך געבאָמבלט אַלערליי מחשבות און געדאַנקען מיט קשיות, קשיות און קשיות: פאַרוואָס איז דאָ אַזוי פינצטער און אומעטיק? פאַרוואָס זענען דאָ אַלע אַזוי פאַרזאָרגט? וואָס איז דאָס מיט דער מאַמע, וואָס

---

*) „דאָס זילבערנע חנוכה־לעמפל מיטן אַלטן זילבערנעם הדס־בעכער, די אַלע זילבערנע, באַגילדעטע כוסות, בעכער, בעכערלעך, גאָפּלען און דאָס גאַנצע זילבער — איז נישט געווען שוין מער. ווו איז דאָס אַהינגעקומען? ערשט הצט־שפּעטער, אין אַ צייט אַרום, זענען זיי געוואויר געוואָרן, אַז טאַטע־מאַמע האָבן עס אינאיינעם מיט דער מאַמעס פּערל און צירונג פאַרזעצט ביי אַ פּערע־יאַסלאַווער נגיד און נישט געקאָנט שוין מער אויסקויפן קיינמאָל״.

זי איז געוואָרן אַזוי קאַרג מיט סכּנות ? וואָס איז דאָס מיטן טאַטן, וואָס ער איז געוואָרן אַזוי איינגעבויגן, סוטולעוואַטע (?) און אַזוי שטאַרק פאַרעלטערט, אַז עס קלעמט דאָס האַרץ קוקנדיק אויף זיין געל־געקנייטשט פּנים? נישט שוין־זשע איז דאָס אַלצ־דינג נאָר צוליב דעם, וואָס מען האָט געזאָגט אין וואָראָנקע, אַז די פּרנסה איז געשלאָגן? נישט שוין־זשע איז דאָס דער „משנה מקום משנה מזל״ ? וואָס טוט מען דערצו? דערצו איז — דער אוצר. אַך! ווען ער ברענגט מיט זיך כאָטש אַ קליינעם חלק פון יענעם אוצר, וואָס ליגט באַהאַלטן אין וואָראָנקע !...

„דערמאָנט זיך אינם אוצר, קומט אים אויפן זינען זיין חבר שמואליק דער יתום מיט זיינע וווּנדערלעכע מעשיות וועגן שיינע אוצרות פון גאָלד און זילבער, דימענטן און בריליאַנטן, וואָס געפינען זיך אין גן־עדן התחתּון, און וועגן יענעם אוצר, וואָס געפינט זיך אויף יענער זייט וואָראָנקער בית־מדרש נאָך פון כמיעלניצקיס צייטן... און עס חלומען זיך אים אוצרות, גאָלד און זילבער, דימענטן און בריליאַנטן. און זיין חבר שמואליק קומט אים צו חלום, און עס מאָלט זיך אים אויס, ווי ער הערט זיין ווייך הייזעריק קול, ווי ער רעדט צו אים זיס, פריינטלעך, און ווי ער טרייסט אים מיט גוטע ווערטער: „זאָרג נישט, שלומוניו טייערער, אָט האָסטו פון מיר אַ מתּנה — אַ שטיין פון יענע צוויי שטיינער: קלויב דיר אויס וועלכן דו ווילסט — דעם שטיין, וואָס הייסט „ישפה״, אָדער דעם שטיין, וואָס הייסט „כּדכּוד״... שלום איז אין פאַרלעגנהייט. ער ווייסט נישט, ער האָט פאַרגעסן, וועל־כער שטיין איז בעסער: דער שטיין, וואָס הייסט „ישפה״, אָדער דער שטיין, וואָס הייסט „כּדכּוד״...״

וויפל שפּיל צווישן ווונטש און מעגלעכקייט, צווישן פאַר־שטעלונג און ווירקלעכקייט! אין דידאַזיקע שורות פון זיין אויט־טאָביאָגראַפיע דעקט אונז שלום־עליכם אויף דעם פולן מעכאַניזם פון מנחם־מענדלס פּסיכיק און אירע קאָנפליקטן מיט דער ווירק־לעכקייט. אין וואָראָנקע איז שוין געווען פולקום אויסגעבילדעט די דינאַמיק פון ווונטש און פאַרשטעלונג אין שלום־עליכמס וועזן.

מיט זיין לעבן אין פּערעיאַסלאַוו האָט זיך אָנגעהויבן דער קאָנ־פליקט.

דער איבערגאַנג פון וואָראָנקער חלומות צום צוזאַמענשטויס מיט דער האַרטער ווירקלעכקייט פון לעבן האָט זיך ביי שלום־עליכמען נישט אָנגעהויבן בהדרגה. פּונקט ווי זיינע העלדן — און פּסיכיש דערפאַר, ווייל זיי שטייען נישט מיטן לעבן אין קאָנ־טאַקט — האָט אים תמיד דאָס לעבן אומגעריכטערהייט געגעבן „איבערן קאָפּ". דער פּלוצלינגער איבערטריט פון זיינע פאַרשטע־לונגען צו דער ווירקלעכקייט האָט אויף שלום־עליכמען געווירקט, ווי אַ קאַטאַסטראָפע. די אָרימקייט פון זיין עלטערן־הויז אין פּע־רעיאַסלאַוו האָט דעם קליינעם שלומען אַריינגעבערענגט אין אַן אַטמאָספערע פון ליבלאָזיקייט און פאַרביטערטקייט. איבערהויפּט האָט אים דעפּרימירט די אַטמאָספערע פון אַ לעצטראַנגיקער יידי־שער אַכסניה אין אַ יידיש שטעטל, וווּ שלום־עליכם האָט אַפילו אין דער „היים" געלעבט, ווי אין הפקרדיקן דרויסן. דאָס פּאַט־ריאַרכאַלישקייט פון זיין שפּעטערן פאַמיליע־לעבן און דאָס אויס־טערלישע צוגעבונדנקייט צו זיין היים און זיינע קינדער האָט זיכער געשטאַמט פון דעם ווונטש צו קאָמפּענסירן זיך פאַר דער אָרימער ליבלאָזער אַטמאָספערע, וווּ שלום־עליכם האָט פאַרברענגט זיינע פּע־רעיאַסלאַווער יינגלישע יאָרן. באַלד שטאַרבט אים די מוטער, חיה־אסתר, וועלכע איז צו אים אויך נישט געווען באַזונדערס צערט־לעך. שלום־עליכם מיט נאָך עטלעכע געשוויסטער זיינע ווערן אַוועקגעשיקט קיין באָהוסלאַוו צו זיינע גרויס־עלטערן, דער זיידע משה־יאָסי און די באָבע גיטל. ווען שלום־עליכם קומט צוריק אַהיים, האָט באַלד זיין פאָטער חתונה צום צווייטן מאָל. אין שלום־עליכמס לעבן טרעט־אַריין די באַרימטע שטיף־מאַמע פון באַרדיטשעוו. ביי דערדאָזיקער בייזער און פאָלקסטימלעכער יידענע — שלום־עליכם האָט קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרגעסן אירע זאַפטיקע באַרדי־טשעווער קללות, און זיין ערשטע ליטעראַרישע אַרבעט איז געווען צו זאַמלען לויטן אלף־בית די ווונדערלעכע שפּראַך־אַסאָציאַציעס פון יענע באַרדיטשעווער קללות — האָט זיך פאַר שלום־עליכמען אָנגעהויבן אַן אמת גהינום. די סצענעס, וואָס שלום־עליכם גיט

אונז אין זיין אויטאָביאָגראַפיע פון דידאָזיקע ביטערסטע צייטן פון זיינע קינדער־יאָרן, זענען ווונדערפול סיי אין זייער סטיל, סיי אין זייער גאַלגנהומאָר. ביי אַלע מי שלום־עליכמס, די שטיף־מאַמע צו פאַרשוואַרצן פאַרן לעזער, פילט זיך דאָך אין דידאָזיקע ווונדערלעך־אָנגעשריבענע בלעטער דער שטיפמאַמעס פאָזיטיווער איינפלוס אויף שלום־עליכמס סטיל. דער טעם פון דעם זאַפטיקן סטילפולן יידיש פון דערדאָזיקער באַרעדעוודיקער באַרדיטשעווער יידענע ליגט נאָך שלום־עליכמען אויף דער פעדער, בשעת ער שרייבט אָט־אָ די בלעטער פון זיין אויטאָביאָגראַפיע. ביי אַלע צרות און ליידן, וואָס עס האָט אים פאַרשאַפט די שטיפמאַמע, פילט זיך ביי שלום־עליכמען אַן אינטימע דאַנקבאַרקייט צו איר צוליב איר נאָ־טירלעכן שפּראַך־געפיל און צוליב די שווונגפולע מעגלעכקייטן אירע צו ניואַנסירן די שפּעדיקע פאַרביקייט פון דער יידישער שפּראַך. מעגלעך, אַז גראָד אין דעם מענה־לשון פון דער־דאָזיקער שלעכטער שטיפמאַמע אַנטוויקלט זיך ביי שלום־עליכמען דאָס ערשטע געפיל פון דעם פאַרבנפולן יידישן שפּראַך־בילד. „דער העלד פון דערדאָזיקער ביאָגראַפיע איז זיך מודה, אַז אַ היבש ביסל קללות אין זיינע שפּעטערע ווערק האָט ער געגנאַשט פון דער שטיפמאַמע און פון איר מענה־לשון". ס'איז נישט ריכטיק. פון דער שטיפמאַמע האָט שלום־עליכם מער „געגנאַשט" ווי קללות און שלאָג־ווערטער. די שטיפמאַמע האָט געהאַט אַן איינפלוס אויף זיין יידישער שפּראַך און זי דינט אים אַלס פּראָטאָטיפּ צו אַ פולע פון זיינע שפּעטערע פרויען־פיגורן. אַ סך פון די באַרעדעוו־דיקע ווייבער אין די מאָנאָלאָגן דערמאָנען אָן דער שטיפמאַמע. מנחם־מענדלס שוויגער איז די גאַנצע באַרדיטשעווער שטיפמאַמע. אויך דאָס שטאַרקע מאַנסבילישע, — דאָס מאַנסביליש־כאַראַקטער־פולע פון שלום־עליכמס אַנטיטעטישע פרויען, איז דאָס בלוט־און־פלייש פון דער שטיפמאַמע. דאַקעגן שטאַמען פון שלום־עליכמס כאַראַקטער־שוואַכן פאָטער *) אָט די אַלע מאַנספּאַרשוינען מיט מער־

*) די מאַמע חיה־אסתר איז אויך מן־הסתם געווען מער כאַראַקטער ווי דער פאָטער. זי איז געווען די טאָכטער פון אַזעלכע אויסגעשפּראָכענע פיגורן,

אָדער־ווייניקער פּעמינאַליטעט. כ׳מיין, די אַזוי־געָרופענע כאַראַק־טערלאָזע מאַנסבילישע לעמעשקעס, וואָס זענען פאַראַן אַזויפיל אין שלום־עליכמס פּערסאָנאַזש. איך בין מודה: מיר איז נישט באַקאַנט קיין שום פולבלוטיקער כאַראַקטער, קיין הונדערט־פּראָ־צענטיקער מאַנספּאַרשוין אין שלום־עליכמס מענער־גאַלעריע. אין קעגנזאַץ צו זיי האָבן מיר ביי שלום־עליכמען גראָד אַ סך פרויען וואָס שפּראָצן מיט אַקטיוון כאַראַקטער.

שלום־עליכם פּערזענלעך האָט זיך געַנוג אָנגעליטן פון דער־דאָזיקער מאַנסבילישער „שלום־עליכמישער" יידענע. זי האָט אים געשאָלטן, געשלאָגן, געלאָזט אים הונגערן, און דערצו נאָך אויף גאַנצע ווינטערדיקע טעג, און זומער אין די גרעסטע היצן, געלאָזן זיצן אינדרויסן אויף אַ בענקעלע פאַר דער אַכסניה און „אַריינשרייען" אורחים. דערנעבן איז געווען אַ קאָנקורענט. אַ רייכערע אַכסניה. און שלום־עליכם האָט זיך נעבעך קנאַפּ גע־טויגט צום עסק. זומער אין די היצן און ווינטער אין די פרעסט זיצנדיק אויפן בענקעלע פאַר דער טיר, האָט אים דער יונגער קאָפּ געווימלט פון הוריות, חלומות און זיסע פאַרשטעלונגען. דער מיראַזש פון שמואליקס אוצר, — מיט דעם האָט ער גע־לעבט. אין דער גרויסער נויט זיינער האָט שלום־עליכם אַפילו די אָרימע פאָטערישע אַכסניה באַשפּונען מיט די ווונטש־פאַר־שטעלונגען פון זיין געמיט. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס אַלע רייכע סוחרים זענען גראָד פאַרפאָרן צום קאָנקורענט יאַסנע־גראָדסקי, האָט דער קליינער שלום זיך איינגעלעבט אין דער ווונטש־פאַרשטעלונג, אַז ס׳איז פונקט קאַפּויר: אַלע רייכע יידן פאַרפאָרן צו זיין פאָטער. „ראובן יאַסנעגראָדסקי ווערט ביי אים אַ סימבאָל פון מזל, פון עשירות און פון אַלדאָס גוטס. און אַ סך פעטע אורחים ווערט ביי אים אַן אידעאַל, אַ צווייטער אוצר, פון וועלכן ער חלומט אַצינד, ווי ער האָט געחלומט אַמאָל אין שמואליקס צייטן. און עס שטעלט זיך אים פאָר אין יעדן

---

ווי דער זיידע משה־יאָסי און די באָבע גיטל. מען קאָן עס נישט זאָגן וועגן דער באָבע מינצי. וועגן נחום ראַבינאָוויטשעס פאָטער חייסן מיר נישט.

פורל, וואָס פאָרט דורך פאַרביי, אַז דאָס פאָרט אַ באַלעגאָלע מיט בכבודע פאַרשוינען, פעטע אורחים אין בערענע פעלצן. עס פאָרט דורך דער באַלעגאָלע אַקוראַט נעבן זייער איינפאָר, און איידער שלום באַוויזט אַרויסצורעדן דאָס וואָרט: „אַהער", האָט דער באַלעגאָלע שוין אַליין אָפּגעשטעלט די פערדלעך: „טפּר—ר—רו!" און עס קריכן אַרויס פון דאָרט איינס נאָך דאָס אַנדערע די בכבודע פאַרשוינען אין זייערע בערענע פעלצן. און מען טראָגט אַראָפּ נאָך זיי געלע לעדערנע טשעמאָדאַנעס, אָנגעפּאַקט מיט כל־טוב, יעדער טשעמאָדאַן וועגט אַ פוד! און זיי מאַרשירן אַריין אין שטוב אַריין, און זיי הייסן זיך געבן איטלעכן באַזונ־דער אַ נומער, און בעטן, מע זאָל זיי דערלאַנגען סאַמאָוואַרן און הייסן קאָכן וואַרעמעס און וועטשערע. און עס קומט אַריין צו זיי דער טאַטע אין דער יאַרמלקע, מיט אַ שמייכלדיק פנים, און שטעקט זיי אָפּ אַ ברייטן שלום־עליכם און פרעגט זיי, ציי רעכע־נען זיי דאָ שבת האַלטן? צעלאַכן זיי זיך און זאָגן: וואָס עפּעס איין שבת? פאַרוואָס נישט דריי שבתים? און לאָזן לאָזט זיך אויס, אַז דאָס זענען גאָר סוחרים, וואָס זענען געקו־מען קויפן ווייץ, און ביי קויפן ווייץ וועט דער טאַטע קאָנען כאַפּן אַ שיין פאַרדינסטל קאָמיסיע, און טאַקע פאַרוואָס נישט אָפּלעקן אַ ביינדל? אין דעם קומט אָן די שטיף־מאַמע, אַרויפגעכאַפּט אויף זיך די שבתדיקע זיידענע פאַטשיילע; דאָס פנים פלאַקערט איר פאַר פרייד, און זי קוקט מיט איין אויג אויף די פעטע אורחים און טוט אַ פרעג שטילערהייט: „ווער האָט דאָס זיי געבראַכט צו פירן?" „ס'האָב איך זיי פאַררופן, איך!" — ענטפערט איר שלום מיט גדלות און איז גליקלעך מיטן ליגן, וואָס ער האָט דאָ נאָר וואָס אָפּגעטאָקט. גליקלעך, וואָס אויך ביי זיי וועט אַמאָל זיין אַ גוטער טאָג, כאָטש איין טאָג אַ גוטער און אַ שבת אַ גו־טער. — אַך, וואָס פאַר אַ פריילעכער שבת ביי זיי וועט זיין! און פאַרוואָס עפּעס נאָר איין שבת? פאַרוואָס נישט אַלע דריי שבתים?

„דאָס אַלצדינג וואָלט געווען זייער גוט, ווען ס'זאָל נישט זיין קיין דמיון, קיין חלום. דידאָזיקע פעטע אורחים אין די בע־

רענע פעלצן מיט די געלע טשעמאָדאַנעס זענען טאַקע צוגעפּאָרן און טאַקע אָפּגעשטעלט זיך, נאָר נישט ביי זייער איינפאָר — אַקוראַט אַקעגן האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, ביי ראובן יאַסנע־גראָדסקיס איינפאָר... אַך! וואָסערע שלעכטע, שלעכטע אורחים! וואָס וואָלט זיי געאַרט, זיי זאָלן בעסער געווען פאַרפאָרן צו אונז?— טראַכט זיך דער שטענדיקער בעל־דמיון און קומט אַריין אין שטוב אַ דורכגעפרוירענער דורך־און־דורך און טרעפט דעם טאַטן אינם קעצענעם כאַלאַט, איינגעבויגן אין דרייען איבער אַ ספר און די שטיפמאַמע גליט ווי אויף פּאָקן: נישט געקומען קיינער? וואָס וועט זי טון מיטן ברויט, וואָס זי האָט אָנגעבאַקן, און מיט די פיש, וואָס זי האָט אָנגעקאָכט? כאָטש נעם וואַרף זיי אַרויס פאַר די הינט! צי איר מיינט אפשר, אַז ס׳וועט זיין פון אייערט־וועגן? — ווענדט זי זיך צו די שטיף־קינדער. — איר זענט גאָר נעבעך קראַנק צו עסן אַלט־געבאַקן ברויט? ס׳וועט זיך אייך אַוודאי שטעלן פּאָפּעריק אין האַלז, אָדער אייער מאָגן וועט עס חלילה נישט פאַרדייען? אַ קליניקייט, אַזעלכע איבערגעוואַשענע קינדערלעך, אַ גאַנצע כאַליאַסטרע, קיין עין־הרע, און אַלע אַזוי איידל געפּאַצקעט? מע האָט זיי גאָרנישט געקאָנט איבערלאָזן, ווי די מיידלעך אין באָהוסלאַוו ביים זיידן מיט דער באָבע, זאָלן זיי בעסער דאָרטן קרענקען, איידער נעמען זיי אַהער, נעמען זאָל אייך דער רוח, זיי זאָלן העלפן עסן, עסן זאָלן אייך ווערים און טאָטשן אייער לייב לעבעדיקער־הייט, ס׳זאָל פאַלן פון אייך שטיקער, ווי סע פאַלט פון מיר, אַז עס קומט ווינטער, קומען זאָל אויף אייך אַן אויסכאַפּעניש, מיט אַן איינדאַרעניש, מיט אַן איינשרומפּעניש...״

„דאָ גייט אַוועק אַ באַקאַנטער מענה־לשון, און שלום דער בעל־החלומות פאַרגעסט, אַז ס׳איז אים קאַלט, און ער לויפט אַרויס צוריק אויף דער קעלט, צוריק צום טויער אויפן בענקעלע. דאָרט איז בעסער. דאָרט קאָן מען כאָטש זיצן רויִק און חלומען...״

אויך דאָ זעען מיר דאָס פולע בילד פון שלום־עליכמס דענקונגס־מעכאַניזם. ער לעבט זיך אויס אין דער הוילער פאָרשטעלונג. די ווירקלעכקייט איז נאָר די קאָנפליקטפולע טראַגישע אַנטיטעזע

צו דער פֿאָרשטעלונג. אין מנחם־מענדל־בוך און אין דעם טביה־בוך דאָמינירט אַלס טראַגישער הויפּט־מאָטיוו דער אייביקער קאָנפֿליקט, וואָס ליגט אין דער פּסיכישער אייגנשאַפֿט סיי פֿון שלום־עליכמס פּערזענלעכן לעבן, סיי פֿון שלום־עליכמס — פֿון זיין פּערזענלעכן לעבן — אַבסטראַהירטן וועלט־געפֿיל: נעמלעך, דער קאָנפֿליקט צווישן דער פֿאָרשטעלונג און דער ווירקלעכקייט. אין דעם אויבנדערמאָנטן בילד האָבן מיר אויך די שאַרפֿסטע פּעדער־צייכנונג פֿון שלום־עליכמס פֿאָטער, דעם פּעמינאַלן כאַ־ראַקטער־שוואַכן מאַנסבּיל־פּראָטאָטיפּ. נעבן אים — די כאַראַק־טערפֿולע מאַנסבּילישע יידענע, די בייזע שטיפֿמאַמע פֿון באַר־דיטשעוו. זי איז די ערשטע אָנזאָגערין פֿון דער שטאַרקסטער אייגנ־שאַפֿט שלום־עליכמס—די וואונדערלעכע געשטאַלטונגס־מעגלעכקייטן, וואָס עס גיט אים זיין שפּראַך־געפֿיל.

דעמדאָזיקן פּאַטאַלן לעבנס־מצב זיינעם האָט שלום־עליכם אַליין קאָמפּענסירט מיט ווונטש־פֿאָרשטעלונגען און חלומות וועגן „טעלערל פֿון הימל". דעריבער — איבערן „טעלערל פֿון הימל" — האָט ער אַפֿילו נישט געפּרוווט מיט וואָסערע־עס־איז ווירקלעכע און רעאַלע טאַטן אַריינצוברענגען אַ שינוי אין זיין לעבן. מיר דערמאָנען זיך ווידער אָן מנחם־מענדלען. נחום, דער פֿאָטער — הגם שלום־עליכם איז געווען זיין ליבלינגס־קינד — איז געווען צו כאַראַקטערלאָז, כּדי דעם פּעיִקן און ליבן קינד צו געבן אַן אַנדערע, בעסערע דערציִונג. ס'איז נישט געווען די שולד פֿון דער אָרימקייט, נאָר די שולד פֿון דער כאַראַקטערלאָזיקייט פֿון שלום־עליכמס פֿאָטער. שפּעטער, בעת אין שטוב אַריין איז אָנגע־קומען די אַקטיווע כאַראַקטערפֿולע שטיפֿמאַמע, איז נחום ראַבי־נאָוויטש געוואָרן נאָך אָפּהענטיקער און ווייבערישער. די שטיפֿ־מאַמע איז אין איר היים אין באַרדיטשעוו אויך, מן־הסתּם, נישט געווען פֿון די ליב־האַרציקע אמהות. ביי דעם נייעם כאַראַקטער־שוואַכן מאַן איז זי גאָר געוואָרן פֿאַרביטערטער, געררייצטער און—צוגלייך אַקטיווער. שלום־עליכם דערציילט אונז ווייניק פֿון דעם צוזאַמענלעבן פֿון זיין פֿאָטער מיט דער שטיפֿמאַמע, נאָר איך גלויב, אַז ווען דידאָזיקע יידענע וואָלט געהאַט אַ כאַראַקטער־

פולערן, מער באַצווינגענדיקן און באַפעלנדיקן מאַן, וואָלט זי פאַר אונז ארויסגעקומען אין אַ סך ווייניקער שוואַרצע פאַרבן. אַזעלכע אַקטיווע נאַטורן, ווי די באַרדיטשעווער שטיפמאַמע, קאָנען נאָר באַצווינגען אָדער באַצווונגען־ווערן. זי האָט אויסגעלאָדנט אין די קינדער אַ סך פונם טעמפעראַמענט, וואָס איז געהעמט־געוואָרן אין איר פסיכיק צוליב דער פאַסיוויטעט און כאַראַקטער־שוואַכקייט פון דעם מאַנספאַרשוין, וועלכער איז איר געווען ווידערווייליק. ווי עס זעט זיך אויס, האָט זי אירע אַפעקטן אַריבערגעטראָגן אויף די שטיפקינדער. אין אירע אַפעקטירטע אינסטינקטן איז די באַרדי־טשעווער יידענע אַוודאי נישט געווען אינטערעסירט צו טון אַזוינס פאַר די קינדער, וואָס דורכדעם זאָל זי אַרויסלאָזן פון אירע הענט די „קרבנות".

אין נחום ראַבינאָוויטשעס אכסניה פלעגן אַריינקומען פאַר־שידענע פעריאַסלאַווער טיפּן. קודם־כּל אַלערליי משכּילים. דאָס גאַנצע, וואָס שלום־עליכמס פאָטער נחום ראַבינאָוויטש האָט גע־טון פאַר שלום־עליכמען, איז געווען, וואָס ער האָט זיך מיט אים באַרימט (איבערהויפּט מיטן תּנ"ך־קענען שלום־עליכמס) פאַר די פעריאַסלאַווער משכּילים. מער איניציאַטיוו האָט ער נישט באַוויזן צו האָבן. איינער פון די „אַריינגייער" צו שלום־עליכמס פאָטער איז געווען אַ געוויסער „אַרנאָלד פון די פּידוואָרקעס", אַ מענטש אַ טשודאַק, וואָס אין יענער צייט — אַ זעלטנהייט — האָט ער שטודירט אויף נאַטאַריוס און „אויסגערעדט על ה' ועל משיחו". „אַרנאָלד פון די פּידוואָרקעס" האָט זיך נענטער אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט דער צוקונפט פון דעם יונגן „בעל־תּנך". ער האָט דער ערשטער דערזען, אַז דאָסדאָזיקע יינגל איז געבוירן צו עפּעס בעסערס, ווי צו זיצן אויף אַ בענקל פאַר דער אַכסניה, פוצן פאַר די אורחים די שטיוול, שטעלן דעם סאַמאָוואַר, לויפן אַ גאַנג, אָדער גאָר צוהעלפן דער שטיפמאַמע אין איר בידנער באַלעבאַטישקייט: צווויגן די נייע „שטיפמאַמעשע" קינדער, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן צו יאַווען. „אַרנאָלד פון די פּידוואָרקעס" האָט צוגערעדט נחום ראַבינאָוויטשן מער צו זאָרגן פאַר שלום־עליכמס תּכלית און אים געבן סיסטעמאַטישע בילדונג, אים לאָזן

לערנען אין דער שטאָטישער גימנאַזיע. עס קוקט־אויס, אַז די אַקטיוויטעט פון אַרנאָלדן האָט געענויט דעם משכּילישן נחום ראַ־ בינאָוויטשן אַרויסצובאַווייזן מער איניציאַטיוו אין דעמדאָזיקן ענין. שלום־עליכם האָט אָנגעהויבן צו לערנען אין גימנאַזיע.

זעלבספאַרשטענדלעך, אַז די שטיפמאַמע האָט זיך אין דערדאָזיקער „גימנאַזיע״ געזען פאַרשמעלערט אין אירע אַפעקטן. זי האָט געקעמפט קעגן דער „גימנאַזיע״. אָבער זי האָט פאַר־ שפילט. אַקעגן זיך האָט זי געהאַט נישט בלויז דעם כאַראַקטער־שוואַכן פאָטער. אויף דעם „פראָנט״ קעגן איר זענען איצטער געשטאַנען אָקטיווע, כאַראַקטערפולע מענטשן. דאָ גראָד האָט די מאַנסבילישע שטיפמאַמע באַוויזן איר ווייבערישקייט, וואָרטשענדיק אין זיך, האָט זי זיך צוריקגעצויגן.

עס הייבט זיך אָן אַ נייע תּקופה אין שלום־עליכמס לעבן. די בלעטער אין שלום־עליכמס אויטאָביאָגראַפיע קלינגען נישט מער מיט אַזאַ גאַלגנהומאָר. מער זעלבסווירדע. אין דער היים הייבט ער אָן מער צו גילטן. שלום־עליכם איז זייער אַ פעיִקער שילער. ער באַקומט אַפילו אַ מלוכהשע סטיפּענדיע. דידאָזיקע פּלוצלינגע דערפאָלגן מאַכן אַפילו דעם פאָטער זיינעם „שטאָל און אייזן פאַרן קלאַסניק״. דער פאָטער באַווייזט לגבי שלום־עליכמען מער איניציאַטיוו, און דאָס מאַכט נחום ראַבינאָוויטשן אין דער היים גופא פאַר מער „מאַנספאַרשוין״. ער שיצט שוין איצטער שלום־עליכמען פאַר דער שטיפמאַמען. די שטיפמאַמע זעט אין שלום־עליכמס דערפאָלגן אַ העמונג פאַר אירע אַפעקטן. זי פּרוווט ווידער אַקעגן שלום־עליכמען צו קעמפן. דערזעענדיק אָבער מער ווידערשטאַנד – איצט גאָר מצד דעם פאָטער – ווערט זי אַביסל שטילער. אויף דעמדאָזיקן באָדן האָבן מיר אין „יאַריד״ אַ וווּנ־ דערלעכע סצענע: ס׳איז אַ פרימאָרגן. שלום־עליכם שפּאַנט־אַרום איבער דער שטוב און חזרט לעקציעס. דער טאַטע, אָנגעטון אין טלית און תּפילין, שטייט און דאַוונט. די שטיפמאַמע, ווי געוויינ־ לעך, „יאַדעט דעם טאַטן״. נאָר דאָ צעלאָזט זי זיך מיט איר מענה־לשון אויף שלומען, למאי ער גייט־אַרום און לערנט:

„ער מיינט, דער שיינער קלאַסניק, אַז כריין איז זיין פּע־

י. י. טרונק, שלום־עליכם, 26.

טער, און אַז ער איז שוין אַ גאַנצער פריץ און איז שוין פטור פון אַלסדינג, אַ חוץ עסן! די סך משרתים, וואָס מען האָט דאָ, מיט די דינסטן! נישקשה. עס מעג דיר נאָך אָנשטיין, דו שיינער קלאָסניק מיט די אויסגעדרייטע שטיוועלעך, זיך מטריח זיין אַריינ־טראָגן דעם אורח דעם סאַמאָוואַר, עס וועט חלילה נישט אָפּפאַלן פון דיר קיין האָר אַפילו, און צום אַפּעטיט וועט דאָס דיר נישט שאַדטן, און צום שידוך אוודאי נישט"...

„דער קלאָסניק איז שוין גרייט געווען אַוועקלייגן דעם „אוראָק" און לאָזן זיך אין קיך אַריין נאָכן סאַמאָוואַר, אַז עס טוט זיך נישט אַ וואָרף דער טאַטע און כאַפּט אים נישט אָן פאַר אַ האַנט און צעלאָזט זיך נישט מיט אימפּעט אויף לשון־קודש (נישט געוואָלט אין דאַוועגען מפסיק־זיין):

– אי–אָ–נו–פע–לא! לא! בשום־אופן! מע דאַרף נישט! איך הייס נישט! איך וויל נישט! – האָט ער אויסגעלאָזט אויף יידיש און איז אָנגעפאַלן אויף דער שטיפמאַמע מיט אַ פייער, אפשר דאָס ערשטע מאָל, זינט זי איז זיין ווייב, אַז זי זאָל זיך נישט דערוועגן מער שאַפן מיט אים פון דאַנען אַהין! מיט אַלע קינדער קאָן זי זיך שאַפן, נאָר נישט מיט שלומען! שלום איז נישט גלייך צו אַנדערע! שלום באַדאַרף לערנען!

איינמאָל פאַר אַלע מאָל! אָט אַזוי וויל איך, און אָט אַזוי איז דאָס, און אָט אַזוי וועט דאָס זיין!".

„צי דערפאַר, וואָס יעדער דעספּאָט, יעדער שלאַק־פורעניות, אַז ער דערהערט אַ הויך וואָרט, דערשרעקט ער זיך און ווערט אַנטשוויגן, אָדער דערפאַר, וואָס דאָס איז געווען דעם טאַטנס ערשטער ווידערשטאַנד, זינט זיי קענען זיך און פירן אַזאַ זיס לעבן – נאָר ס'איז געשען אַ נס: די שטיפמאַמע האָט צוגעביסן די צונג און איז אַנטשוויגן געוואָרן, ווי אַ קעצעלע. פון דעמאָלט־אָן איז זי צו שלומען געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש, דאָס הייסט, שטעכווערטלעך און קללות האָט זי נישט געזשאַלעוועט, אַלע מינוט אים אויפגעוואָרפן די „קלאָסן", געגעבן אָנצוהערעניש בדרך גוזמא, אַז עס גייט אַוועק אַ פוד פּאַפּיר אַ וואָך און דריי בוטעלקעס טינט אַ טאָג און זי פלעגט פאַרגעסן מיט אַ כיוון אָני־

צוגיסן דאָס לעמפּל אויף ביינאַכט, אָנצוגרייטן אָנבייסן, און נאָך אַזעלכע זאַכן. דערפאַר אָבער שאַפן זיך האָט זי מיט אים מער נישט געשאַפּט, סיידן אַזוי, אין גוטן מוט, אַז ער האָט געוואָלט פּאָלגן אַ גאַנג, אָדער אַ קוק טון צום סאַמאָוואַר, אָדער פאַרוויגן דאָס קינד — מהיכא־תיתי״.

„— שלום? — זאָגט צו אים די שטיפמאַמע ווייך און מיט אַ ניגון, ווי מע רעדט אין באַרדיטשעוו. — וואָס איז דאָס, וואָס דו, אַז דו טוסט נאָר אַ קוק אויפן סאַמאָוואַר, אַזוי הייבט ער אָן זידן?״

„אָדער: שלום? קום נאָר אַהער! פאַרוואָס ווערט דאָס קינד ביי דיר אַנטשלאָפן מיט דער מינוט?״

„אָדער: שלום? וואָס געדויערט ביי דיר אַ שפּרונג אין מאַרק, הין־און־צוריק, אַ האַלבע מינוט? קיין האַלבע מינוט אויך נישט!...״

IV

שלום־עליכם האָט אָנגעהויבן צו פֿאַרדינען געלט מיט רו־
סישע לעקציעס. זיין אָנזען אין דער היים שטייגט. נישט בלויז
חלומות און פֿאַנטאַזיעס, — אויך דאָס רעאַלע ווירקלעכע לעבן
ווינקט צו אים מיט דערפֿאָלגן. שלום־עליכם אַסאָצירט אַפֿילו
באַלד זיינע ווינציקע לעבנס־דערפֿאָלגן מיט די ערשטע צייכענעס
פֿון שמואליקס אוצר, און וויל דווקא דאָס לעבן זיינס צוריק
אַריינשלעפּן אין דעם שטח פֿון פֿאָרשטעלונגען און מיראַזשן. עס
האָט נישט צו דער זאַך. דער פֿאַקט, אַז דאָס ווירקלעכע לעבן
שמייכלט זיך צו אים אויס, מאַכט שלום־עליכמען האָפֿערדיקער,
זעלבסבאַוווסטער. נישט נאָר חלומען פֿון אוצרות — טאַקע אויך
געניסן פֿון לעבן! ער פֿילט זיך פֿרייער מיט די נייע חברים
פֿון גימנאַזיע. ער גייט שפּאַצירן און דערלויבט זיך פֿון גוטן מוט
אַפֿילו מחלל־שבת־צו־זיין. דער פֿעטער פּיניע כאַפּט אים דערביי.
ער וויל זיך לערנען שפּילן אויפֿן פֿידל. דידאַזיקע זעלבסשטענ־
דיקייט שאָקירט שוין דעם פֿאָטער. דער עיקר, עס געשעט אין
שלום־עליכמס לעבן דער ערשטער דערשיטערנדיקער פֿאַקט. די
שענסטע סינטעזע צווישן ווירקלעכקייט און פֿאַנטאַזיע. ליבע.
שלום־עליכם פֿאַרליבט זיך. די געליבטע איז דעם פּערעיאַסלאַווער
חזנס מיידל.

אין זיין אַקטיאָרן־ראָמאַן „בלאָנדזשענדיקע שטערן” נוצט
שלום־עליכם אויס דידאָזיקע ערשטע ליבע זיינע מיטן חזנס מיידל
אַלס דעם הויפּט־מאָטיוו פֿון שיקזאַל און אַקציע. די מאָטיוון פֿון
געשלעכט און ליבע זענען אין שלום־עליכמס ווערק בכלל געװױען
נאַיִוו און סענטימענטאַל. די עראָטישע מאָטיוון אין זיין פּערזענ־

לעכן לעבן זענען געווען נאָך פיל נאַיִווער. שלום-עליכם האָט צו-
וויניק רעאַגירט כּלפּי-חוץ, כּדי ער זאָל קאָנען זיין אַ ווירקלע-
כער ראָטאָמאַן. וואָס האָט טאַקע ליב די פאַנטאַזיע. וואָס האָט
אָבער אויך ליב די ווירקלעכקייט. שלום-עליכם — ווי אויך זיינע
העלדן — קאָנען זיך פולקום באַגנוגן-לאָזן מיט דער סוביעקטי-
ווער פאָרשטעלונג. זיי באַדאַרפן וויניק די ווירקלעכקייט אַלס
קעגנפּאַרטנערין צו זייערע פאָרשטעלונגען. איך מיין, אַז דערי-
בער זענען די ליבע-מאָטיוון אין שלום-עליכמס ווערק אַזוי ווײַ-
ניק דראַמאַטיש אין זייער שפּאַנונג. די געליבטע פרויען האָבן,
זעט זיך אויס, וויניק פאַרשטענדעניש פאַר פאַרחלומטע דאָן-קי-
שאָטן, וואָס זענען אין דער געליבטער פרוי נישט מער, ווי די
ווינט-מילן פון זייערע חלומות. נאָר די ווייבלעכע פרוי און נישט
די אויסגעחלומטע דולצינעאַ איז די דראַמאַטישע קעגנשפּילערין
אין דעם ליבע-קאַמף. „עס וועט נישט זיין איבערגעטריבן אויף אַ
האָר, ווען איך וועל זאָגן, אַז די באַציִונגען צווישן מלאכים קאָן
נישט זיין ריינער און אומשולדיקער, ווי יענע באַציִונגען, וואָס
זענען געווען צווישן דעם חזנס מיידל און צווישן דעם יונגן
העלד פון דערדאָזיקער ביאָגראַפיע". זעט זיך אויס, אַז פאַר צאַ-
לי, דעם חזנס מיידל, איז ווינציק-געווען אַזאַ מנחם-מענדליש-
ראָמאַנטישער לבנה-ריטער, ווי שלום-עליכם. זי האָט אים גאַנץ
שיין געלאָזט חלומען און אַליין חתונה-געהאַט פאַר אַ פּשוטן חי-
וקים, פאַר אַ פריקאַזטשיק אַ גוי. די באַרימטע לאַמענטאַציע
וועגן אַנטוישונגען — וואָס כ'האָב פריער ציטירט — קומט-פאָר
אין שלום-עליכמס ביאָגראַפיע נאָך דעם ערשטן דורכפאַל זיינעם,
אַזוי-צו-זאָגן, אויפן „פעלד פון דער ליבע". שלום-עליכם קניפּט-
אָן אַלע שפּעטערע אַנטוישונגען פון זיין לעבן מיט דעמדאָזיקן
דורכפאַל אין דער ריינער „מלאכישער" ליבע. מן-הסתּם איז עס
נישט בלויז קיין שרייבערישער טריק. ס'איז אַ נישט פאַר-
היילטע וווּנד פון מינדערווערטיקייטס-געפיל. שלום-עליכם האָט
געקאָנט פאַרשטיין געשלאָגן-צו-ווערן פון דער לעבנס-ווירק-
לעכקייט. צו דער ווירקלעכקייט פון לעבן האָט ער אין דער
אמתן געהאַט די באַציִונג פון אַ פרעמדן. אַלס קאָמפּענסאַציע

האָט ער תמיד גרייט־געהאַט אַן אַנדערע לעבנס־דימענסיע, — דעם שטח פון סוביעקטיווע חלומות און סוביעקטיווע פאַנטאַזיעס: זיין אייגנטלעכע היים. אויף דעם היימישן פלאַץ פון געפיל און פאַנטאַזיע האָט שלום־עליכם געגלויבט ענדלעך אָנצוטרעפן אַן אָביעקטיווע ווירקלעכקייט — ליבע — אַרום וועלכער עס קאָנען זיך גריילעך פאַנאַנדערשפּילן אַלע אַקאָרדן פון סוביעקט. אָבער אויך אין דער ליבע האָט שלום־עליכם איצט דערלעבט דעם האַרטן פּראָזאַיִש־ניכטערן קלאַפּ פון דער ווירקלעכקייט. מען מוז מודה־זיין: עס איז געווען אַ שווערע אומגעריכטע אַנטוישונג. די־דאָזיקע טיפע וווּנד פון אַנטוישונג האָט ביי שלום־עליכמען איבער־געלאָזט די שפּורן פון פאַרביטערטקייט.

ער איז געוואָרן „אָפּגענאַרט אין זיינע הייליקסטע געפילן".

אויף דערדאָזיקער סוביעקטיוו־טראַגישער איבערלעבונג האָט שלום־עליכם רעאַגירט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן. אין דער פּסיכאָ־אַנאַליז האָבן מיר דערפאַר אַ טערמין: „אַנטלויפן אין דער קראַנקהייט". נעוראָטיקער האָבן זייער ליב אָט־אָ דעם אויס־וועג. ווי שלום־עליכם באַשרייבט אונז דידאָזיקע קראַנקהייט, איז עס געווען אַ שווערע היץ־קראַנקהייט, אַ נערוון־שאָק, אין וועלכן ער איז אַריינגעפאַלן נאָך דער ערשטער ליבעס־אַנטוישונג. (וואָר־שיינלעך!) דער גוט־באַקאַנטער „אַנטלויף אין דער קראַנקהייט" פון מענטשן, וואָס קאָנען קיינמאָל נישט ביישטיין דעם קאַמף מיט דער ווירקלעכקייט און ווערן „קראַנק", כדי צו דעקן די „ד ע־ז ע ר צ י ע" פון לעבן. אַן אויסוועג אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך אין לעבנס־קאַמף אַלע אַחריותן פאַרן רעאַלן לעבן. דידאָזיקע נעוראָ־טישע דעזערציע פונם לעבנס־שוואַכן איז שלום־עליכמען נישט פרעמד געווען פ ע ר ז ע נ ל ע ך. אַ סימן, ער נוצט זי אויס — פונקט ווי ער נוצט־אויס אַלע קאָמפּלעקסן פון זיין פּערזענלעך לעבן — אַלס אַ קאָמפּאָזיציע־מיטל אין זיינע ווערק. ביישפּיל: „דאָס מעסערל" איז אַ ריינע רעקאַפּיטולאַציע פון דעם, וואָס האָט זיך מיט שלום־עליכמען פּערזענלעך געטראָפן, בעת ער האָט צו־געגנבעט ביי איינעם פון זיין פּאָטערס געסט — דעם „ליטוואַק" — אַ בייטעלע. (זע אויטאָביאָגראַפיע.) אין דער אויטאָביאָגראַפיע גע־

פינען מיר דידאַזיקע פּאַסירונג זייער אויספירלעך באַשריבן. באַ־שריבן מיט דעם פּאַנאַנדערשפּיל פון אַלע פּסיכישע ניואַנסן פון זעלבס־חרטה און זעלבסבאַשטראָפונג. דערדאָזיקער פּסיכישער קאַמף ווידערהאָלט זיך פונקט־פּאַר־פונקט אינם „מעסערל". אָבער אויך יענער העלד אין „מעסערל" אַנטשיידט זיך ווי דער העלד פון דער ביאָגראַפיע, ווען עס קומט צום קאָנפליקט צווישן ווונטש און טאַט — אַ קאָנפליקט, וואָס מוז דורכויס אַנטשידן־ווערן אָביעקטיוו, — ער „אַנטלויפט אין דער קראַנקהייט".

V

אַ מכּלומרשט „אָביעקטיווע" אַנטשיידונג אין שלום-עליכמס לעבן: קראַנק-ווערן נאָך דער גרויסער אַנטוישונג. דערדאָזיקער „אַנטשיידונג" גיט שלום-עליכם צו גאָר אַ באַזונדערע באַדייטונג. ער גלויבט: נישט בלויז, אַז ער האָט זיך פאַרענדערט אויסערלעך — „פון דעם רירעוודיקן פוכקען יינגל איז געוואָרן אַ בלאַסער אויסגעצויגענער בחור מיט אַ פאַרטראַכטן קוק" — נאָר אינערלעך, אין דער נשמה, האָט ער „זיך אינגאַנצן איבערגעאַנדערשט". אינעווייניק, ביי זיך אין דער נשמה, איז פאָרגעקומען אַ קריזיס. „און עס טוט אים באַנג, האַרצעדיק באַנג זיין נאַרישע נאַיִווע פאַרגאַנגענהייט, וועלכע וועט זיך שוין נישט אומקערן און נישט איבערחזרן קיינמאָל, קיינמאָל!"... דידאָזיקע מיינונג וועגן זיך, אויב זי איז ביי שלום-עליכמען מער געווען, ווי ביטערע פאַרבייגייענדיקע שטימונג און ער האָט טאַקע אַזוי געמיינט אויף אַן אמת,— נו, האָט ער געהאַט אַ ביטערן טעות. ניין, שלום-עליכם האָט במשך זיין גאַנץ לעבן נישט אָפּגעשלאָסן דעם חשבון מיט דער „נאַרישער, נאַיִווער פאַרגאַנגענהייט" פון זיינע קינדער-יאָרן. ער האָט אין איר כּסדר געלעבט און געאָטעמט. אין זיין אויטאָביאָגראַפיע הייבט דאָ שלום-עליכם אָן אַ נייעם טייל. אָבער בשום-אופן הייבט ער נישט אָן קיין נייעם לעבנס-שטייגער, קיין ניי ווענטלעכקייט. שלום-עליכם איז ווייטער פאַרבליבן דאָס גרויסע קינד אין לעבן. דער נאַיִווער בעל-חלומות. פאַר זיינע אויגן האָט אים כּסדר פאַרגעשוועבט שמואליקס אוצר.

נאָך זיין קראַנקהייט גיט שלום-עליכם ווידער לעקציעס. דאָס איינציקע וויכטיקע, וואָס ער טוט — ער ציט זיך אַרויס פון

דער היים. אין מאָמענטן, ווען שלום־עליכם הייבט־אָן צו ווערן ווי עס איז זעלבסשטענדיקער, וויל די שטיפמאַמע אים נישט אַרויס־לאָזן פון די הענט: „עס געפעלט איר נישט דער פּלאַן. ערשטנס, וואָס וועט די וועלט זאָגן? די וועלט וועט זאָגן, געזאָגט זאָל זיי ווערן פרעהס מכות, אַז שולדיק איז די שטיפמאַמע. איז איינמאָל אַוועק. און ווידער – ווען מאַכט קאַליע אַ קינד, אַז ער איז ביים טאַטן? מער מיט אַ מויל, ווינציקער מיט אַ מויל – מע וועט שוין דערמיט די יויך נישט פעט מאַכן”...

די פאַרשידענע פריינט, וואָס זענען אַריינגעקומען צו זיין פאָטער אין שטוב – ווונדערלעכע און אויסטערלישע פיגורן, וואָס האָבן שפּעטער באַרייכערט די גאַלעריע פון שלום־עליכמס ווערק–האָבן זיך אַריינגעלייגט דערין, אַז שלום־עליכם – אַ יונגער בחור, וואָס שטייט פאַר עקזאַמענס – זאָל ווינען באַזונדער. שלום־עליכם האָט טאַקע באַלד געענדיקט מיט אַן אויסצייכנונג די רו־סישע קרייז־שול. ס'איז אַננאָ 1878. נאָך אַ געוויסע צייט האָט ער אין פערעיאַסלאַוו פאַרטגעזעצט צו געבן רוסישע לעקציעס.

עטלעכע מאָל האָט שלום־עליכם געפּרוווט צו פאַרלאָזן זיין היים־אָרט. ס'זענען געווען פּלענער, וואָס זענען צערונען־געוואָרן, ווי רויך. פּרוּוון, וואָס האָבן זיך פאַר שלום־עליכמען אויסגעלאָזט מיט הונגערן. ער איז געווען, ווי ער זאָגט, „עלנט און פאַריתומט”. אַזעלכע רייזע־פּרוּוון דערמאָנען אונז זייער אַ סך אָן מנחם־מענד־לען. אָבער אויך די אַנטוישונגען פון דידאָזיקע פּרוּוון דערמאָנען אונז אָן מנחם־מענדלען. ס'זענען געווען אָבענטויערן. אָבענטויערן,–נישט אין דער הינזיכט פון דרייסטע פאַרמעסטן מיט דער ווירק־לעכקייט. סוביעקטיווע אָבענטויערן. שלום־עליכמס פאַנטאַזיע האָט תּמיד געזען אין יעדער פּשוטער ווינט־מיל אַ שוואַרצן קעמפנ־דיקן ריטער. באַזונדערס דערמאָנט שלום־עליכם אַ שטעטעלע ט., וווּהין ער האָט געהאַט אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו צו אַ דאָרטיקן „יידישן מאַגנאַט”. מ'האָט אים ביים „מאַגנאַט” נישט געוואָלט לאָזן איבער דער שוועל. שלום־עליכם שילדערט אַ „מאַגנאַטישן” טיר־היטער: „אַ יונג, אַ משרת, וואָס טראָגט אַ קויטיקע מאַניש־קע, אַ גאָלדענעם רינג און גייט פאַרקעמט מיט אַ שרונט אַקו־

ראַט אינמיטן קאָפּ. די שוואַרצע האָר שטאַרק אָנגעשמירט מיט פּעטס און שמעקן מיט אַ ריח פון אָדעקאָלאָן געמישט מיט ציבע־לעס, נאָר די אויערן זענען פול מיט בלאָטע און די נעגל אַרומ־געברעמט מיט שוואַרצן". צו דעמדאָזיקן משרת האָט שלום־עליכם געטראָגן אין האַרצן אַ באַזונדערן פאַרדראָס. דעם פּראַנטאָוואַטן גראָב־יונגישן משרת ביי דער פאַרמאַכטער טיר פון יידישע גבירים האָט ער כסדר אויסגענוצט אין זיינע ווערק. ער שפּילט ביי שלום־עליכמען די ראָל פון דער ניכטערער, טרוימלאָזער און ברוטאַלערווירקלעכקייטס־פיגור, ביי וועמענס האַרטקייט עס שלאָגן זיך אָן און וואַכן־אויף די שלום־עליכמישע לבנה־גייער. מיר טרעפן אים אין די טביה־מעשיות און אין אַנדערע שלום־עליכמישע ווערק. בכלל – אָפּטמאָל, ווען פאַר די באַפליגלטע טרוימערישע שלום־עליכמישע פאַרשוינען דאַרף זיך אַקעגנשטעלן דער שווער־פעליקער מיטלמעסיקער חי־וקים – די שווונגלאָזע ווירק־לעכקייט – דאַן איז עס יענער משרת פון שטעטעלע ט.

פון דעם מליצה־בריוו צום „מאַגנאַט" האָט זיך אויסגע־לאָזט אַ טייך. שלום־עליכם איז פאַרבליבן אין שטעטעלע ט. אַ הונגעריקער. אין אַזעלכע מאָמענטן האָט שלום־עליכם תמיד אַ רייב־געטון דאָס שטיינדעלע „ישפה", ד. ה., ער האָט זיך פאַר אַלע נויטן קאָמפּענסירט מיט שמואליקס אוצר, וואָס האָט פול־געמאַכט דאָס געמיט זיינס: „בכדי אָפּצוטרייבן פון זיך דעם יצר־הרע (פון עסן), מאַכט ער צו די אויגן און פאַרטיפט זיך אין מחשבות און געדאַנקען, וועלכע כאַפּן אים אויף און טראָגן אים אַוועק אויף די פליגלען פון דער היציקער פאַנטאַזיע אין עולם־הדמיון, אין דער צויבער־וועלט פון זיסע גאָלדענע חלומות. אַהין האָט ער ליב צו פאַרקלויבן זיך אַלע מאָל, ווען ער בלייבט אַליין מיט זיך. קיינער האָט אַהין קיין שליטה נישט, אַפילו זיינע סאַמע נאָענטע חברים. דאָס איז יענע כישופדיקע וועלט, וואָס איז אים פאַרבליבן פון זיין אַמאָליקן חבר שמואליק. אַ וועלט פון אוצרות און פון וווּנדער־שטיינער, וואָס איינער פון זיי הייסט „ישפה" און דער אַנדערער „כדכוד". אַ רייב מיטן ערשטן שטיין: „ס'זאָל מיר אַרויסגיין און אַרויסגיין!" – באַווייזט זיך אַן אָנבייסן, הייסע

שמעקעדיקע פראַנזעלן מיט פוטער־קיכלעך, וואָס צעגייען זיך אין מויל, און אַ ריח פון הייסער קאַווע מיט מילך צעגייט זיך אין אַלע ווינקעלעך — איז איידער ער רירט זיך נאָך צו צו דער קאַווע איז שוין אויסגעוואַקסן אַ פעטע יויך מיט מאַנדלען און אַ פערטל עוף, און געבראָטענע קאַטשקע מיט מערלעך און אַ קוגע־לע פון מצה־מעל מיט גענזנשמאַלץ". דאָס שטיינדעלע „ישפה" האָט דעם הונגעריקן שלום־עליכמען צוגעטראָגן אַ טעלערל פון הימל מיט די אַלע גוטע יידישלעכע מאכלים — נאַר איך ווייס נישט, צי האָט עס טאַקע שלום־עליכמען זאַט־געמאַכט. אַ מאָגן האָט אַ קנאַפּע פאַרשטענדעניש פאַר אַזעלכע זיסע קאָמפּענסירנ־דיקע פאַרשטעלונגען. דער אויבנדערמאָנטער ציטאַט זאָגט אונז גענוג קלאָר און דייטלעך, אַז אויפן ערשטן פלאַן פון שלום־עליכמס לעבנס־פונקציעס איז נישט געשטאַנען קיין שום ווירק־לעכקייטס־געפיל. די הוילע פאַנטאַזיע און דער ווונטש פון דעם טרוימהאַפטיקן האָבן תמיד ביי אים געצומען די אויבערהאַנט. שלום־עליכם האָט זיך פולשטענדיק באַגנוגן־געלאָזט מיט די אַבסטראַקטע אויסגעבורטן פון זיינע ווונטשן.

## VI

אין אַן אַרבעט וועגן שלום־עליכמען דרייט מען זיך כּסדר אַרום אין אַן אַטמאָספער פון חלומות און חלום־ווונטשן. עס איז זייער לייכט, אַז דער, וואָס שרייבט וועגן שלום־עליכמען און וויל אויף אַ ברייטערן אופן אַנאַליזירן דאָס וועזן פון שלום־עליכמס ווערק, זאָל זיך — ווילנדיק אָדער נישט־ווילנדיק — אָננעמען אַ סך מיט נחם־מענדלס טבע, ד. ה., אַז שלום־עליכמס קריטיקער זאָל צו־פיל נעמען דעם חלום פאַר אַ וואָר און גלויבן, אַז די אַלע מענטשן, מיט וועלכע ער האָט צו טון במשך זיין אַרבעט, שטייען טאַקע אונטער אַ באַזונדער שלימזל אָדער גאָר אונטער אַ באַ־זונדער מזל. איך באַמי מיך דערפאַר אויסצוהיטן. באַהאַנדלענדיק אַבסטראַקטע פיגורן און אַבסטראַקטע טעמעס, שאַדט גאָרנישט אַפילו אַביסל איבערצוטרייבן אין רעאַליסטישער וואַכקייט. אויף די ראַנדן פון דעם שלא כּדרך הטבע — אויב מ׳וויל אַליין נישט מיטגעשלעפּט־ווערן אין די הינער־פּלעט פון דער פאַנטאַזיע און פאַרשטעלונג — באַדאַרף מען אַלע מאָל צוריקצוקוקן אויף דעם ושמודנעם פּראָזאַישן דרך הטבע. איך מיין עס אַקעגן דער פראַ־גע: צי די אַלע, וואָס קוקן־אויס דאָס טעלערל פון הימל, אַנטוישן זיך כּסדר?

ניין, זיי אַנטוישן זיך נישט כּסדר.

גראַד, ווען שלום־עליכם האָט זיך אַרומגעדרייט אַ הונגע־ריקער אין שטעטעלע ט. און געהאַט נאָר דאָס, וואָס עס האָט אים געגעבן דאָס שטיינדעלע „ישפה“, האָט זיך מיט אים גע־טראָפן — אַ צופעליקער שאַנס פון קיין נישט־איבעריק מזלדיקן שפּילער ביים שפּיל־טיש — אַ פּאַסירונג, וואָס האָט ווירקלעך

געקאָנט אויסקוקן, ווי אַ רעאַליזירט לבנה־טעלערל. אין דער אַכסניה, וווּ דער יונגער לערער שלום ראַבינאָוויטש האָט געוווינט אין געהאַקטע צרות, אָן אויסזיכטן, האָט נישט מער געהאַט, ווי אין דער קעשענע אַ מליצה־בריוו צום גביר ק. און אין קאָפּ די זיסע האָפענונגען פון שמואליקס אוצר — האָט זיך פּלוצלינג געיאַוועט, אויב מ׳קאָן אַזוי זאָגן, אַ פּאַרשוין פון שלום־עליכמס עולם־הדמיון: „אַ מלאך פון הימל אינם געשטאַלט פון אַ מענטשן״. דערדאָזיקער „הימלישער מלאך״ איז נישט געווען קיין אַנדערער, ווי אַ זון פון אַ גוטס־אַרענדאַטאָר, וואָס האָט דערקענט אין שלום ראַבינאָוויטשן אַ ווייטן קרוב. געוויר־ווערנדיק, אַז דערדאָזיקער קרוב איז צוגלייך אַ לערער און קאָן שרייבן רוסיש און לשון־קודש, האָט אים דער „הימלישער מלאך״ נאָך אַ מאָדנעם, נאַיִוו־משכּילישן עקזאַמען אַנגאַזשירט אין דאָרף אַריין צו זיין פאָטער אלימלך לאָיעוו. שלום ראַבינאָוויטש האָט דאָרט באַדאַרפט צו זיין הויז־לערער פון אלימלך לאָיעווס טאָכטער און דערביי דעם אַלטנס קאָרעספּאָנדענט, סעקרעטאַר, בכלל אַ כּל־וּלך אין ענינים, וואָס געהערן זיך אָן מיט די קליינע אותיות.

פאַר שלום־עליכמס פּערזענלעכן לעבן איז דאָס געווען אַ קאַלאָסאַלע ענדערונג. לויט זיינע דאַמאָלסדיקע עקאָנאָמישע פאַר־העלטענישן איז ער מיטאַמאָל אַריינגעפאַלן אין אַ גן־עדן התחתון. שמואליקס חלומות האָבן פאַר אים אָנגעהויבן פאַרווירקלעכט צו ווערן. ביי דעם „יידישן פריץ״ אלימלך לאָיעוו איז געפירט געוואָרן גבירישער „שטאַט״. מ׳האָט גוט און ברייט געגעסן. שלום־עליכם האָט געהאַט אַ באַזונדערע שוואַכקייט צו גוטע מאכלים. (זע שלום־עליכמס ווערק). שלום־עליכם שילדערט דעם ערשטן טיש ביי אלימלך לאָיעוו: „דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס דער העלד פון דער ביאָגראַפיע האָט זיך געפונען ביי אַן אַריסטאָקראַטישן טיש, ווו דאָס עסן קומט־פאָר מיט דער גאַנצער צערעמאָניע, סערווירט פון אַ לאָקיי מיט ווייסע הענטשקעס. דער לאָקיי איז אַפילו אַ פראָסטער שייגעץ מיטן נאָמען „וואַנקאַ״, נאָר דער אַלטער האָט אים אויסגעקליידט און אויסדרעסירט אויפן פּריצישן שטייגער״. דער עיקר — ער איז אַריינגעקומען אין אַ

היים, וואָס איז נישט בלויז סאָציאַל, נאָר אויך פּסיכיש געווען דער פּולסטער קעגנזאַץ צו זיין פאָטער־הויז. אָנשטאָט אַ פּעמי־נאַלן מאַנספּאַרשוין, ווי זיין פאָטער, דער אָרנטלעך־שטילער און באַשיידן־כאַראַקטערלאָזער נחום ראַבינאָוויטש, און אַ מאַנסבילישע יידענע, ווי די באַרדיטשעווער שטיפמאַמע — האָט שלום־עליכם אין דעם אַלטן אלימלך לאָיעוו אָנגעטראָפן אַ כאַראַקטערפולן און פולבלוטיקן מאַן, אַ מאַנסבילישן הערשער ביי זיך אין הויז: „חדרים אָן אַ שיעור, אין שטוב דרייען זיך אַרום דינסטן מיט שטילע טריט, אַזוי ווי שאָטנס. אויף די פּיס ביי זיי — ווייכע שיך, ס'זאָל נישט קלאַפּן. קיינער וואַגט נישט אַ וואָרט אויסצו־רעדן בעת דער אַלטער איז אין דער היים. אַ שטרענגע דיסציפּ־לין. רעדן הערט מען נאָר אים אַליין, דעם באַלעבאָס. זיין לייבנ־שטים קלינגט, ווי אַ גלאָק". שלום־עליכמען אימפּאָנירט דערדאָ־זיקער שטאַרקער מאַנסבילישער ייד. ער אימפּאָנירט אים אַלס קעגנזאַץ צו די ווייבערישע קאַפּריליקעס. עס איז כדאי צו באַ־מערקן, אַז גראָד דעמדאָזיקן אלימלך לאָיעוו, — צו וועלכן שלום־עליכם האָט אַזויפיל סימפּאַטיעס, — געפינען מיר קיינמאָל נישט אין שפּעטערן פּאַרשוינען־צעטל פון שלום־עליכמס ווערק. אין דער פּעמינאַלישער מנחם־מענדלשער חלום־וועלט וואָלט אַזאַ קרעפּטיקע און ברוטאַל־רעאַלע פיגור אַריינגעבראָכן אַן אמתן דיסאָנאַנס. ער וואָלט זיך דאָרט נישט אַריינגעפּאַסט, לאָיעוו. אויף דעם דאָן־קישאָטישן שלום־עליכם האָט דער אַלטער לאָיעוו גע־ווירקט, ווי אַן אָפּפריש. אַזאַ פּערזאָן, ווי לאָיעוו, האָט זיך אָבער לגמרי נישט געקאָנט באַטייליקן אין דעם פּאַנאַנדערשפּיל פון שלום־עליכמס וועלט־געפּיל.

דערצו מוז מען צוגעבן, אַז אלימלך לאָיעוו איז געווען אַ ייד אַ משכיל, אַ ליטעראַטור־קענער און „מיט זיין קול, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ גלאָק, האָט ער געהאַט אַן אמתן טאַלאַנט אויף איבערצודערציילן אַ זאַך מיט זיין אייגענעם לשון, איך וואָלט געזאָגט, אַז ער איז געווען אַן אָראַטאָר. ער האָט געהאַט אין זיך אַ גוזמא הומאָר. זיינע מעשיות זענען געווען שפּאַנענדיק. אַ מענטש מיט גרויסע דערפאַרונגען און אַ סך איבערלעבענישן".

דאָך, ווי כאַראַקטעריסטיש פאַר שלום־עליכמען! פון שלום־עליכמס ווערק קאָנען מיר זיך נישט קאָנסטרויִרן קיין שום פאָרשטעלונג וועגן לאָיעווס מעשיות און לאָיעווס שפּראַך. לאָיעוו האָט זיך נישט אַריינגעפּאַסט צו שלום־עליכמען, ווי צ. ב. די באַרדיטשעװער שטיפמאַמע, וואָס איר שאָטן שוועבט־אַרום איבערן גאַנצן שלום־עליכמישן (ווייבלעכן) פערסאָנאַזש און דער טעם פון איר זאַפטיקן סטילפולן יידיש שמעקט־אַרויס פון שלום־עליכמס שפּראַך.

אַרום אָט דעם כאַראַקטערפולן און שטאַרקן מאַנספאַרשוין אלימלך לאָיעוו האָבן זיך נישט געקאָנט האַלטן קיין מאַנסבילישע ווייבער, אַזוי ווי, למשל, אַרום נחום ראַבינאָוויטשן. די פרויען, וואָס מיר טרעפן אין לאָיעווס סביבה — דאָס האָט אויך צוגעצויגן דעם ראָמאַנטישן שלום־עליכמען — זענען צאַרט און פרויענהאַפטיק ביז גאָר. זיי זענען ביז גאָר ווייבלעך. „אינם ערשטן גרויסן חדר ביי אַ לאַנגן, שיין־געדעקטן טיש איז געזעסן אַ פרוי, אַ יונגע, אַ הויכע, אַ שיינע, דאָס איז דעם אַלטנס ווייב, די צווייטע פרוי. נעבן איר איז געזעסן אַ מיידל פון אַ יאָר דרייצן־פערצן, זייער איינציקע טאָכטער, אַ קאָפּיע פון דער מוטער". אויף די בלעטער פון שלום־עליכמס אויטאָביאָגראַפיע, וואָס זענען געווידמעט זיינע גליקלעכסטע יאָרן,—ביי אלימלך לאָיעוון, אין דאָרף סאָפּיאָווקע,—הערן מיר גאָרנישט די פרויען רעדן. זיי זענען אַבסאָלוט נישט אַקטיוו. זיי זענען פּאַסיוו. די פולע אַקטיוויטעט פון דער האַנדלונג איז קאָנצענטרירט אויף לאָיעוון. די פרויען באַגלייטן דידאַקטיקע מאַנסבילישע אַקטיוויטעט, ווי צאַרטע, אידילישע נעבן־פיגורן. עס פילן זיך דאָ די שאַרפסטע קאָנטראַסטן פון די געשלעכטער: דער אַקטיווער מאַן און די פּאַסיווע פרוי ווי קעגנזאַצלעך צו קאַסרילעווקע! אין קאַסרילעווקע הערשט אַ פסיכישער בין־השמשות צווישן די קאָנטורן פון די געשלעכטער. די כאַראַקטער־גרענעצן צווישן מאַן און פרוי זענען היפש מטושטש. אין סאָפּיאָווקער פערסאָנאַזש דאָמינירט אַ פולבלוטיקער מאַנסביל — אלימלך לאָיעוו, אַ ייד מיט ווירקלעכקייטס־געפיל און געזונטער באַציִונג צו דער ווירקלעכקייט. פאַר שלום־עליכמען אַן אָפּפרישנדיקע, אָבער עקזאָטישע פיגור. נאָר דאָס בולטע

קאָנטראַסטן־שפּיל פון די געשלעכטער איז דאָס שטאַרקסטע ליכט־
און שאָטן־שפּיל פון דער ווירקלעכקייט. אין דער טרוימהאַפטי־
קער דאָן־קישאָטישער וועלט פון קאַסרילעווקע איז פּאַראַן ווײ־
ניק זין פאַר געשלעכט. ווו עס האָבן די איבערהאַנט דער נישט־
קאָנטראָלירטער ווילן און די נישט־געהאַמעוועטע פאָרשטעלונג, —
דאָרט איז דאָ געגנוג פּלאַץ אַפילו פאַר דער צוויטער־געשטאַלט,
פאַר דעם טומטום און אַנדרוגינוס. די פּערסאָנאַזשן פון שלום־
עליכמס ווערק — די אַקטיווע שפּיל־פיגורן פון זיין געמיט —
זענען טאַקע, אַזוי־צו־זאָגן, צוויטער־געשטאַלטן.

דאָס פסיכיש נישט־דיפערענצירטע געשלעכט פּאַסט זיך גי־
כער צו צום הינערפלעטערישן לעבנס־אופן.

דאָס איז אפשר דער סוד, וואָס די גליקלעכע יאָרן אין
סאָפּיאָווקע, יאָרן פול זוניקער לעבנס־פרייד, די יאָרן, אין וועל־
כע עס דאַכט זיך, אַז עס זענען רעאַל דערפולט־געוואָרן אַ סך
פון שלום־עליכמס ווונטש־פאָרשטעלונגען — דער עיקר יאָרן פון
ליבע — אָט דידאָזיקע יאָרן גראָד, האָבן איבערגעלאָזט אַזוי
ווייניק קענטיקע שפּורן אין שלום־עליכמס שאַפן. שלום־עליכמס
טראַגיק איז געווען דער האָפענונגסלאָזער לעבנס־טרויער פון דעם
נישט־דערפולטן. שלום־עליכמס שוווּנג איז געווען דער טראַגי־
שער פאַרמעסט פון פליגלען, וואָס זענען אָדלעריש פונאַנדערגע־
שפּרייט, אָבער זיי זענען צעבראָכן. שלום־עליכמס הומאָר איז גע־
ווען דער פריילעכער גאַלגנהומאָר פון אַ גרויסער רעזיגנאַציע.
שלום־עליכמס וועלט איז אַ וועלט פון אָרימע אומפאַרבעסערלעכע
טרוימער, וואָס דרייען זיך אַרום אין אייביקן שאָטן־טאַנץ אויף די
ראַנדן פון נישט־דערפולטע ווירקלעכקייטן. דאָרט אַהין אַריינצו־
פירן רעאַלע דערפולונגס־מאָטיוון — אָ, עס וואָלט געווען אַ בי־
טערער לועג לרש.

---

„געשלאָפן אין אַ גרויס ליכטיק צימער ביי פאַרמאַכטע
לאָדן, כאַפּט זיך אויף דער לערער אינדערפרי, טוט אַ שטופּ מיט
דער האַנט פון זיך — עפנט זיך אויף דאָס פענסטער מיטן לאָדן

אינאײנעם, און עס רײַסט זיך אַרײַן אַ סנאָפּ ליכט, מיט אַ וואַ=
רעמקײט פֿון דער זון, מיט אַן אַראָמאַט פֿון רעזעדאַ, אויסגע=
מישט מיט אַ ריח פֿון מיענטע און פֿון פּאָלין". דידאָזיקע אײנ=
ציקע גליקלעכע יוגנט=יאָרן שלום=עליכמס שפּילן זיך אָפּ – וואָס
שײך זײער רוים – אויף אַנדערע פּלײנען, ווי די פּלײנען פֿון
קאַסרילעווקע. אויך די פּײזאַזשן געהערן צום שיקזאַל און צום
כאַראַקטער! אין דידאָזיקע אויטאָביאָגראַפֿיע=בלעטער געפֿינען
מיר זיך נישט – ווי תּמיד בײַ שלום=עליכמען – אויף צונויפֿ=
געקלאַפּטע און אימאַגינירטע דעקאָראַציעס, נאָר טאַקע אין ווירק=
לעכער נאַטור=לופֿט. (אַזאַ מין נאַטור=לופֿט פּאַסט זיך נישט
אַרײַן אין דער רוים=אַטמאָספֿערע פֿון שלום=עליכמס ווערק. שלום=
עליכמען זענען דעריבער נישט געראָטן די רוים=באַשרײַבונגען
פֿון זײַנע גליקלעכסטע יוגנט=יאָרן. סענטימענטאַלע באַשרײַבונגען
פֿון אַ שילער=אויפֿזאַץ. עס פֿעלט זײ דער סוביעקטיווער כאַראַק=
טער פֿון שלום=עליכמס טאַלאַנט). עס האָט שלום=עליכמען גע=
שמעקט מיט רוי=ערד, מיט פֿעלד. נישטאָ קײן פֿערד משותּלחס,
הינט ראַבטשיקס, קעץ „חנה=לאה די רביצין", כּפּרה=עופֿות און
אַנדערע מנחם=מענדלשע רעקוויזיטן. „דעם אַלטנס פּרוי איז בײַ
די אינדיקעס, בײַ די גענז מיט די קאַטשקעס. פֿון די ברײטע
פֿעלדער ציען זיך פּאַוואָלי גרויסע אָקסן=פֿורן מיטן אָפּגעשניטע=
נעם ברויט. פֿון דער װײַטן קאָן מען כאַפּן מיטן אויג דעם לאַן
מיטן װײץ". אין דערדאָזיקער דאָרפֿישער אידיליע איז שלום=
עליכם דער יונגער לערער פֿון לאָיעווס בת=יחידקעלע. אָבער
שלום=עליכם פֿילט זיך דאָ ראָמאַנטיש, ווי אַ ריטער. זײַן לעבן איז
איצט אַ רײנע קאָפּיע פֿון דעם, ווי אַזאַ ריטער=לעבן פֿון אַן
אָרימען לערער שטײט באַשריבן אין די וווּנדערשײנע ראָמאַנען.
גליקלעכע יוגנט=יאָרן! ער גײט שפּאַצירן מיט דער שילערין
צווישן די ווײַנשל=בײמער און צווישן װײץ און קאָרן. זײ פֿילן
זיך, ווי ברודער און שוועסטער און לײענען צוזאַמען ביכער. ווינ=
טער=צײַט: „דער ווינטער האָט זײַנע גוטע מעלות – ס'איז דאָ
צײַט גענוג אויף צו לעזן און אויף צו שרײַבן. אין די כמעט דרײַ
יאָר, וואָס דער העלד האָט פֿאַרבראַכט אין דאָרף, האָט ער אָנ=

י. י. טרונק, שלום-עליכם, 27.

געשריבן אַ סך מער, ווי ער האָט געשריבן נאָכדעם, ווען ער איז שוין געווען אַ שרייבער און געהייסן „שלום־עליכם" אין צען יאָר. עס האָט זיך אים קיינמאָל אַזוי גרינג נישט געשריבן, ווי אין יענער צייט. און געשריבן האָט ער גאַנצע נעכט—גרויסע האַרצרייסנדיקע ראָמאַנען, שרייענדיקע דראַמעס, פאַרפלאָנטערטע טראַגעדיעס און קאָמעדיעס. עס האָבן זיך געגאָסן די געדאַנקען ווי פון אַ פאַס. עס האָט געשפּרודלט די פאַנטאַזיע, ווי אַ פאָנ־טאַן. קוים איז פאַרטיק־געוואָרן ביי אים אַ „זאַך", האָט ער דאָס איבערגעלייענט פאַר זיין שילערין — און ביידע זענען געווען אַנטציקט. ביידע זענען געווען איבערצייגט, אַז דאָס איז אַ מייס־טער־ווערק".

„אַז דער בחור איז געבוירן געוואָרן צו זיין אַ שרייבער—אין דעם איז ביי זיי ביידען נישט געווען קיין שום ספק. דער לערער מיט דער שילערין האָבן דערפון גערעדט, געפאַנטאַזירט. געבויט די שענסטע לופט־שלעסער. רעדנדיק פון פאַרשידענע פלאַנען פון פאַרשידענע ווערק, האָבן זיי פאַרגעסן פון זייערע אייגענע פלאַ־נען.... וועגן דעם איז איבערהויפּט נישט געווען ביי זיי קיינמאָל קיין שום רייד. עס איז קיינמאָל נישט געקומען אויף די גע־דאַנקען צו דערקלערן זיך איינס דאָס אַנדערע אין זייערע גע־פילן, אָדער צו פאַרטראַכטן זיך אויפן גורל פון זייער אייגענעם ראָמאַן... דער נאָמען „ראָמאַן" איז אַפנים געווען צו־שאַבלאָן, דאָס וואָרט „ליבע" איז געווען צו־באַנאַל פאַר די געפילן, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט און אויסגעוואַקסן צווישן די צוויי יונגעלייטלעך". סיי אין דער דאָרף־אידיליע, ווו ער האָט איצטער געלעבט, און סיי אין זיין ליבע אַנטפּלעקט זיך ווידער אַמאָל דער פולער מע־כאַניזם פון שלום־עליכמס לעבן. נישט נאָר אין זיינע וואונטשן, אַפילו אין דער דערפולונג, לעבט ער נישט אין דערפולונג, נאָר לעבט אין די וואונטשן. שלום־עליכם האָט אַ פאַרטנערין. לאָ־יעווס טעכטערל. זי איז נישט, אַזוי ווי צאַלי דעם חזנס מיידל, וואָס וויל נישט זיין די בלויזע דולצינעאַ פאַרן דאָן־קישאָט, האָט נישט קיין פאַרשטענדעניש פאַר שלום־עליכמס לעבנס־אופן און פאַראַט אים — פון איר שטאַנדפונקט אויס, זיכער

מיט פולער רעכט ביי דער ערשטער געלעגנהייט. צו שלום־
עליכמען האָט זיך — עקזאָטישער קוריאָז! — איינמאָל אין לעבן
נענטער אַ רוק־געטון דאָס טעלערל פון הימל. אַלצדינג, וואָס איז
סערווירט־געווען פאַר אים אויף דעמדאָזיקן הימל־טעלערל, איז
געווען אין פולשטענדיקער האַרמאָניע מיט זיין כאַראַקטער. אַלע
זיינע פּאַרטנערן האָבן אים נישט אַקעגנגעשפּילט, נאָר מיטגע־
שפּילט. די שילערין, לאָיעווס טאָכטער, שלום־עליכמס ליבע, ווערט
די פולשטענדיקע פּאַרטנערין פון שלום־עליכמס ווונטש־שפּיל.
די שטילע פּאַסיווע פרויען־פיגורן אין לאָיעווישן הויז זיצן, ווי
די צאַרטע הינדעלעך אונטער דעם אַלטן לאָיעווס שטאַרקן מאַנס־
ביליש־באַצווינגענדיקן כאַראַקטער. אַלע זעלבסשטענדיקייטן ביי
די פרויען זענען דאָ געווען אונטערדריקט. אין אַזעלכע באַדינ־
גונגען ווערט דער רעאַלער אַרויספּאָדערנדיקער געשלעכט־טריב
ביי דער פרוי זייער שפּעט אַנטוויקלט. דאָס ג ע ש ל ע כ ט איז ביי
איר נאָר אַ ווייטער ראָמאַנטישער אידעאַל. אויך פאַרבלייבט דער
מאַנסביל אַ פרעמדער באַצווינגענדיקער ריטער. די פרוי קוקט
אים אויס, אַז ער זאָל זיך פאַנטאַסט'ש אַרויסשיילן פון דעם
נעפּל פון אירע מיידלשע דערוואַרטונגען. פאַר לאָיעווס טאָכטער
האָט שלום־עליכם אין יענער צייט געהאַט אַלע וואַלאָרן פון דעמ־
דאָזיקן ריטער. ער האָט אין איר נישט געוועקט צופיל די פרוי
און נישט אומרויִק־געמאַכט דאָס באַהאַלטענע לעבן אין אירע
אינסטינקטן. ער איז געקומען צו איר אויפן פּעגאַזוס־פערד פון
האַרץ־רייסנדיקע ראָמאַנען. אין יענע ראָמאַנען האָט דאָס פאַר־
ליבטע פּאָרל געזען דאָס שפּיגל־בילד — די פאַטאַ מאָרגאַנאַ —
פון זייערע עראָטישע אַמביציעס. אַ נאַיִווער גאָלד־געלאָקטער
אַמאָר האָט מיט ווייסע מלאכים־פליגל געפעכערט איבער זייערע
פאַרליבטע קעפּ. דאָס שווערע לעבן פון דער צוקונפט איז פאַר
זיי געלעגן, ווי אַ שטילע ראָמאַנטישע לאַנדשאַפט, אַ לאַנדשאַפט
זיס און פאַרחלומט, אַ לאַנדשאַפט מיט מאָלערישע ווינט־מילן.
דאָרט אַהין איז דאָס פאַרליבטע פּאָרל אַקעגנגעטרעטן זייערע
ווונטשן.

---

אַ טונקעלער וואָלקן האָט זיך באַוויזן אויף די שטילע הימלען פון דער ראָזער ראָמאַנטישער לאַנדשאַפט. מיט דעמדאָזיקן טונקעלן וואָלקן – די מומע טויבע פון באַרדיטשעוו, – ווידער באַרדיטשעוו! – הייבט־אָן שלום־עליכמס שפּראַך אין זיין אויטאָביאָגראַפיע צוריק צו באַקומען אַלע אירע יידישע זאַפטן און אַלע אירע שלום־עליכמישע אייגנטימלעכקייטן. איך האָב שוין פריער געזאָגט, אַז פון דידאָזיקע גליקלעכע ראָמאַנטישע יאָרן געפינען מיר נישט קיין שום ווענטלעכן אָפּקלאַנג אין שלום־עליכמס ווערק. מיר האָבן פון זיי אויך נישט קיין שום אָפּקלאַנג אין שלום־עליכמס שפּראַך. שלום־עליכם באַמיט זיך צו דערציילן פון זיי וואַרעם, ליב און געפיל־פול. עס קומט פאָרט מער נישט אַרויס, ווי מיטלמעסיקער „פּאַרליבטער” באַריכט. מיט דער מומע טויבע פון באַרדיטשעוו קומט מיטאַמאָל אַריין אין אָט דעם „פּאַרליבטן” באַריכט אַ פּאַרשוין פון שלום־עליכמס פּערסאָנאַזש; אַ מאַנסבילישע, אַנטיטעטישע יידענע. צוזאַמען מיט דערדאָזיקער פיגור קומט אַריין צוריק אין דער אויטאָביאָגראַפיע דער אורשפּרינגלעכער לעבנס־עלעמענט פון שלום־עליכמס שפּראַך.

אויפן פאָן פון יענע יונגע ראָמאַנטישע יאָרן טויכט־אויף די מומע טויבע, ווי אַ שיקזאַל: קאַסרילעווקע רופט־צוריק שלום־עליכמען. שלום־עליכם וויל דאָ, אין סאָפּיאָווקע, זיין אַ מנחם־מענדל אָן די מנחם־מענדל־רעקוויזיטן. דער מנחם־מענדלשער דאָן־קישאָט באַדאַרף נישט צו רייטן אויף קיין פּעגאַזוס. ניין. ער האָט זיינע ספּעציעלע קאַסרילעווקער ראָזינאַנטעס. אויפן עכטן קאַסרילעווקער אופן – נישט מיט קיין שום טאַט, מיט בלויזער באַרעדעווודיקייט – פלוידערט די מומע טויבע אויס פאַר די לאָיעווס דעם סוד, וואָס דאָס פּאָרל אַליין האָט נישט געהאַט דעם מוט זיך זעלבסט אָנצופּאַרטרויען – נעמלעך, אַז לאָיעווס טאָכטער און דער אָרימער לערער זענען צו זיך נישט גלייכגילטיק. אלימלך לאָיעוו האָט עס נישט ליב־געהאַט, אַז מען טוט עפּעס הינטער זיינע פּלייצעס. נישט קעגן שלום־עליכמען פּערזענלעך האָט לאָיעוו געהאַט – אָרימקייט איז פאַר לאָיעוון נישט קיין שאַנדע – נאָר קעגן דעם אופן, „ווי אַזוי האָט מען געוואַגט פירן אַ ראָ־

מאַן ביי אים אין שטוב אָן זיין וויסן?". לאָיעוו האָט צומאָל נישט געוווּסט, אַז דאָס פּאָרל האָט כלל נישט צוזאַמען „געפירט" קיין ראָמאַן. איטלעכער באַזונדער פון זיי האָט נאָר „געטראַכט" אַ ראָמאַן. בלויז פאַרליבטע שטילע זיפצן און פאַרליבט אויגן-שפּיל. אַזאַ מין פּאַסיוון מנחם-מענדלשן ראָמאַן האָט זיך דער אַק-טיוועד מאַנסביל-ישער מענטש פון טאַט-לאָיעוו-גאָר נישט געקאָנט פאָרשטעלן. ער האָט געגלויבט, אַז דאָ „טוט זיך עפּעס" און ער האָט דערפילט די גרענעצן פון זיין אַקטיוון ווילן פאַרשמעלערט. לאָיעוו האָט עס געוואָלט ליקווידירן.

צו ליקווידירן דעם דאָן-קישאָטישן ראָמאַן האָט לאָיעוון נישט געקאָסט קיין סך מי. ער האָט דעם לבנה-גייערישן ריטער, דעם לערער שלום ראַבינאָוויטשן, גאַנץ שיין משלח-געווען — און געזען, אַז דער גאָלד-געלאָקטער אַמאָר זאָל פון זיין פייל-און-בויגן נישט אַרויסשיקן קיין פאַרבענקטע ליבע-בריוולעך.

---

נאָך דעמדאָזיקן דורכפאַל גיט שלום-עליכם אין זיין אויטאָ-ביאָגראַפיע צוויי שורות מיט פּינטעלעך. ער גיט-צו: „וואָס באַ-טייטן דידאָזיקע פּינטעלעך? זיי באַטייטן אַ לאַנגע פינצטערע נאַכט. אַלץ איז איינגעוויקלט אין אַ געדיכטן נעפּל. דער עלנטער וואַנדערער טאַפּט דעם וועג. ער שלאָגט זיך אָן אַלעמאָל אויף אַן אַנדערן שטיין, אָדער ער פאַלט אַריין אין אַ גרוב... ער פאַלט, ער כאַפּט זיך אויף, גייט ווייטער און שלאָגט זיך אָן אויף אַ פרישן שטיין און פאַלט אין אַ נייעם גרוב... נישט זעענדיק פאַר זיך די ליכטיקע וועלט, טוט ער נאַרישקייטן, באַגייט פעלערן, איין פעלער גרעסער פונם אַנדערן... מע קאָן נישט אַרויפשלאָגן זיך מיט פאַרבונדענע אויגן אויפן גלייכן וועג. מיט פאַרבונדענע אויגן מוז מען בלאָנדזשען... און ער האָט געבלאָנדזשעט. לאַנג געבלאָנדזשעט, ביז ער האָט זיך אַרויפגעשלאָגן אויף דעם ריכ-טיקן וועג. ביז ער האָט זיך אַליין אויסגעפונען".

דידאָזיקע עטלעכע שורות קומען-אויס אין דער אויטאָ-ביאָגראַפיע, ווי אַ צופעליק „פאַרשפּרעכן", אַן אינטים, אפשר

אַליין נישט געוואָלט „האַרץ זיך אַראָפּרעדן" פאַרן לעזער. זיי גיבן אַ קורצע און זייער אָפּנהאַרציקע „זעלבסקריטיק" פון שלום-עליכמען. שרייבנדיק דידאָזיקע שורות, האָט שלום-עליכם זיכער מער נישט געהאַט אין דער דעה, ווי צו געבן אַ סימבאָליש שטימונגס-בילד פון יענע ביטערע טעג, ווען ער האָט זיך נעבעך אַרומגעדרייט, ווי אַן אַרויסגעוואָרפענער אַמאַנט הינטער די פאַרהאַקטע פענצטער פון דער געליבטערס הויז — ד. ה., ווען ער האָט גאַנץ שיין געשריבן בריוועלעך צו לאָיעווס טעכטערל און נישט באַקומען קיין צייכן פון אַן ענטפער. אָבער — שלום-עליכם האָט דאָ אונז מער געגעבן. ער האָט אונז געגעבן, ווי יעדער גרויסער אויטאָביאָגראַף, אין די געשעענישן פון זיין שיקזאַל די געשעענישן פון זיין כאַראַקטער.

## VII

נאָך אַ לאַנגן נע־ונד־זיין ווערט שלום־עליכם אין ערשטן דעצעמבער 1886 אויסגעקליבן פאַר ראַבינער אין לובען. אין דערדאָזיקער ראַבינער־צייט שרייבט ער לאַנגע, געשמאַקלאָזע לשון־קודשדיקע מליצה־אַרטיקלען אין „המליץ". זעלטענע „טעמעס" פאַרן צוקונפטיקן שלום־עליכם. צ. ב. : „החנוך ויחוסו לעבודת הצבא", אָדער „שאלת המלמדים". דידאָזיקע „מאמרים" חתמעט ער אונטער : „הצעיר באלפי יהודה, שלום ראַבינאָוויטש, רב מטעם הממשלה". שלום־עליכם ??? דריי יאָר שפּעטער האָט שלום־עליכם חתונה, און טאַקע נישט מיט קיין אַנדערער, ווי מיט זיין געליבטער, אלימלך לאָיעווס טאָכטער. ווער פון דעם יונגן פּאָרל עס האָט פלוצלינג אַרויסגעוויזן אַזוי פיל מוט און צעבראָכן דעם ווידערשטאַנד פון אַלטן לאָיעוו — פון דעם געפינען מיר נישט ביי שלום־עליכמס ביאָגראַפן קיין שום ידיעות. איך וועל מיר געמען דעם מוט מסופק צו זיין, צי עס איז געווען שלום־עליכם. גיכער פּאַסט עס פאַר לאָיעווס טאָכטער. לאָיעוו האָט נישט ליב־געהאַט קיין האַלבע זאַכן. קוים האַט ער ביי זיך געפועלט צו נעמען שלום־עליכמען פאַר אַן איידעם, האָט ער עס שוין געטון אָפנהאַרציק און מיט דער פולער האַנט. לאָיעוו האָט, מן־הסתם, נישט געקאָנט סובל־זיין אַזעלכע אַבסטראַקטע פּראָפעסיעס, ווי רבנות, נאָך דערצו אַזאַ מין פאַרזעעניש־פאַך, ווי „קאַזיאָנע" רבנות. שלום־עליכם פאַרלאָזט טאַקע דידאָזיקע הויך־געשעצטע שטעלע „רבנות מטעם הממשלה" און ציט זיך אַריבער מיט זיין יונגער פרוי נאָך סאָפּיאָווקע. אין סאָפּיאָווקע וווינט ער נישט לאַנג און פאָרט אַריבער נאָך ביעלאָצערקאָוו. דאָרט נעמט ער אָן אַ שטעלע ביי די

בראָדסקיס. אויך דידאָזיקע שטעלע מוז ער אויפגעבן פאַרלאַנג פון אַלטן לאָיעוו. לאָיעוו וויל נישט, אַז זיין איידעם זאָל זיין אַ „מענטש״.

נישט לאַנג דערנאָך שטאַרבט אלימלך לאָיעוו. שלום־עליכם ווערט מיטאַמאָל דער אָפּיעקון פון לאָיעווס ירושה. אין יענער צייט הייבט ער אָן דרוקן קליינע נאָוועלן און אַרטיקלען אין פּעטערבורגער „פאָלקסבלאַט״. מיר טרעפן דאָ צום ערשטן מאָל זיין פּסעוודאָנים: „שלום־עליכם״. דידאָזיקע זאַכן — אויף יידיש אַפילו — זענען נאָך אַלץ געווען ווילדע געוויקסן. „דאָס איז אָבער ביי מיר געווען אין יענער צייט נישט מער, ווי אַ שפּילעכל״ — דערציילט שלום־עליכם אַליין. מיט רעכט. דער אַנטוויקלונגס־וועג פון שלום־עליכמען איז געווען זייער אַ שווערער; בפרט דערפאַר, וואָס סיי אין זיינע יונגע שלעכטע זאַכן, סיי אין זיינע עכטסטע און רייפסטע ווערק — האָט ער נישט געביטן דעם אופן. ער האָט דעם שרייבערישן שטייגער זיינעם נאָר כסדר פאַרטיפערט און געשטעלט אים אויף אַן אַנדערער פּערספּעקטיוו, כ׳מיין די טיפּישע שלום־עליכמישע באַרעדעוודיקייט. די־דאָזיקע באַרעדעוודיקייט, — אַלס שלום־עליכמס אַ פּרימערע טבע, — טרעפן מיר בכלל ביי אים אומעטום. אַפילו אין זיין פּערזענלעכן אומגאַנג מיט מענטשן. אָט די באַרעדעוודיקייט קאָן מען גיכער אָנרופן די באַשרייבעוודיקייט. מיר טרעפן זי שפּעטער אין שלום־עליכמס לייכטקייט צו שרייבן לאַנגע באַריכותדיקע בריוו צו וועמען עס האָט זיך נאָר געלאָזט. באַרעדעוודיקייט ליגט אויפן ערשטן פּלאַן פון שלום־עליכמס שרייבערישע מיטלען. שרייבנדיק, — זיך „אַראָפּצורעדן פון האַרצן״. ער האָט זיך „אַראָפּגעמאַמרט״ פון האַרצן אין יענע ווילדע געוויקסן פון זיין יוגנט־צייט. אויך זיינע שפּעטערע קלאַסישע פיגורן און דאָס גרויסע וועלט־בילד זיינס פון יידן האָט ער קאָנסטרויִרט מיט זיינע אָרגאַנישע מיטלען פון באַרעדעוודיקייט. שלום־עליכם האָט טאַקע צוזאַמען מיט זיין פולער אַנטוויקלונג אַדורכגעמאַכט דעם גרויסן וועג פון דער יידישער שפּראַך, ד. ה., דעם וועג פון זשאַרגאָן צו יידיש.

## VIII

דעם פאָלגנדיקן קאַפּיטל וואָלט איך, אייגנטלעך, בדעה־גע־
האַט אַ נאָמען צו געבן שלום־עליכמס ק י ע ו ו ע ר י אָ ר ן. די
קיעווער יאָרן, פּונקט ווי די יאָרן אין וואָראָנקע, זענען געווען
שלום־עליכמס גרויסע שיקזאַל־יאָרן, וואָס האָבן דעצידירט אויף
דער וועלט־פֿאָרשטעלונג פֿון זיין כאַראַקטער. אין שלום־עליכמס
ביאָגראַפיע זענען די קיעווער יאָרן באַזונדערס וויכטיק אַלס
קעגנשפּיל צו וואָראָנקע. אין וואָראָנקע האָט זיך שלום־עליכמס
כאַראַקטער אויסגעשטאַלטיקט מיט דעם פֿולן בילד פֿון זיינע
אייגנשאַפטן. אַדלעריש גערעדט: אין וואָראָנקע האָט זיך אויס־
געשטאַלטיקט די „ציל־ליניע" פֿון שלום־עליכמס כאַראַקטער.
שמואליקס אוצר איז געווען דער וועזנטלעכער סימבאָל פֿון שלום־
עליכמס וועלט־פֿאָרשטעלונג; דער ווונטש־חלום און די באַוועגונגס־
ליניע פֿון זיין כאַראַקטער. אין קיעוו האָט שלום־עליכם געוואָלט
אָנהייבן דעם גרויסן שפּאַנונגס־קאָנפליקט צווישן דעמדאָזיקן
ווונטש־חלום און דערווירקלעכקייט. ער האָט זיך געוואָלט פֿאַר־
מעסטן מיט דער גרויסער וועלט, דער קליינער שלום וועוויקס פֿון
וואָראָנקע! דער אומדערוואַרטעטער זיג איבערן אַלטן לאָיעוו און
זיין גליקלעך פֿאַמיליע־לעבן האָט שלום־עליכמען באַזונדערס, מן־
הסתם, דערמונטערט אין דעם גלויבן, אַז די ווירקלעכקייט איז נישט
מער און נישט ווייניקער, ווי דער צווייטער טייל פֿון דער ווונדערשיי־
נער וועלט־פֿאָרשטעלונג אין די קינדער־יאָרן, און אויף דעם גילדער־
נעם בוים, וואָס וואַקסט אין גן־עדן התחתון, וואָס מען רופֿט
לעבן, זענען שוין פֿאַר אים צייטיק די זיסע, גלוסטיקע פּירות.
ער באַדאַרף נאָר אויסצושטרעקן די האַנט און זיי אָפּצורייסן. ווי

הייסט דאָ דאָס וווּנדער־שטיינדעלע „ישפה", וואָס ווען מען טוט עס נאָר אַ דריי, קומען אָנצופליען, ווי די טויבן, אַלע טעלערלעך פון הימל? געלט! אַלע ווירקלעכקייטן פון דער וועלט זענען סובלימירט אין אָט דעם וווּנדער־שטיינדעלע—געלט. עס איז פאַראַן אַ יידיש פראָווערביום, וואָס עס איז זייער באַלערנדיק, וואָס שייך יידישער פסיכיק: „ווער עס האָט דאָס געלט, דער האָט די וועלט". אין „געלט" ליגט די „וועלט". געלטעניו! מיר ווייסן שוין, ווי וווּנדערלעך זיס און וווּנדערלעך פאַנטאַזיע־פול דאָסדאָזיקע טייערע וואָרט קלינגט־אָפּ אין די אויערן פון שלום־עליכמס פאַרשווינגען. אַלע זייערע ווונטשן און אַלע זייערע חלומות ווערן גלייך מקוים, וויבאַלד זיי האַלטן בלויז מיט די ציטערדיקע הייסע פינגער זייערע אָט דאָס טייערע שטיינדעלע. אָ, הימלישער פעגאַזוס, געלט! פלי נאָר, חלום־פערדעלע, מיט אונז קאַסריליקעס צו די וווּנדערלעכע ווירקלעכקייטן! אין קיעוו האָט זיך טאַקע שלום־עליכם מיט דעם גאַנצן באַגאַזש פון זיין פאַנטאַזיע אַ נעם־געטון צו דער „וועלט". צו דער וועלט אַלס „שמואליקס אוצר". צו ג ע ל ט. ער עפנט זיך אַ קאַנטאָר. „טוט געשעפטן" מיט ווייץ און צוקער. האַנדלט מיט ווערט־פּאַפּירן אויף דער בערזע. און זע — עס גייט אים „מיט דער פוטער אַרויף", דעם קאַסריליק שלום־עליכם, עס געראָט אים. אָ, וועלט! דו וווּנדערלעכער שפּיל־טיש! „איך האָב זיך אַריינגעכאַפּט, ווי מע זאָגט, אין די פעדערן, אין די גרויסע שווערע טויזנטער". פון יאָר 1887 ביז יאָר 1899 דרייט זיך שלום־עליכם אַרום אין דעם קאַראַהאָד פון נישט־פּראָדוקטיווע ווילדע מנחם־מענדליש־קאַפּיטאַליסטישע שפּעקולאַציעס. מיר באַדאַרפן נאָר צו לייענען דאָס מנחם־מענדל־בוך—הגם אין דעמדאָזיקן שפּעטערדיקן מנחם־מענדל־בוך געפינען מיר די שפּעקולאַציע־צייטן אין שלום־עליכמס לעבן אין אַ טראַגיש־איראָנישער ווידערהאַלונג—כדי צו האָבן דאָס קלאָרסטע בילד פון יענע יאָרן אין שלום־עליכמס לעבן. משונהדיקע געשעפטן. האַס און בעס. ווילדע מעקלערייען, שפּעקולאַציעס און נעכטיקע טעג, וואָס ברענגען טייל־מאָל מיט זיך — מעשה־שטן — „זעק מיט געלט". „אין אָדעס וואַלגערט זיך גאָלד אין די גאַסן", „איך האָב דאָך גאַנצע ביסל

מזומנים אַריינגעבראַקט אין „לאָנדאָן", איינגעהאַנדלט אַ רעעלע סחורה, האָסלעך און בעסלעך, און דאַנקען השם־יתברך, מע זאָגט, אַז עס וועט זיין ריווח". „עס פליען דעפּעשן אַהין און צוריק און יידן לויפן־אַרום, ווי אויף אַ יאַריד, מאַכן געשעפטן און ווערן גליקלעך און איך אויך בתוכם. עס איז אַ טומל, אַ בהלה, מען קאָן פאַרדולט ווערן". „הכלל יעהופּעץ איז טאַקע אַ מקום פּרנסה, אַלע שפּעקולירן, אַלע וואַקסן, אַלע פאַרדינען געלט און איך אויך בתוכם". „מיר האָבן, זאָגט ער, געשעפטן זייער אַ סך, מיט גאָטס הילף. מיר האָבן קוילן אין פּאָלטאַוועער גובערניע, מיר האָבן אייזן אין קיעווער אויעזד, מיר האָבן אַ מיל אַן אָפּגע־ברענטע אין פּערעיאַסלאַוו; היינט האָבן מיר אַ פּריץ, וואָס וויל אויסבייטן אַ וואַלד אויף אַ „גוראַלניע", און אַ יידן האָבן מיר, וואָס וויל קויפן אַ גרויס הויז אין יעהופּעץ אָן געלט. היינט אימיעניעס, וועלדער". עס איראָניזירט דאָ טראַגיש מנחם־מענדל. אָבער עס רעדט דער לייבלעכער שלום ראַבינאָוויטש. „מנחם־מענדל איז נישט קיין העלד פון אַ ראָמאַן און איבערהויפּט נישט קיין אויסגעקלערטע פיגור. דאָס איז נעבעך אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר, מיט וועלכן דער פאַרפאַסער איז פּערזענלעך און נאָענט באַ־קאַנט. ער איז דורכגעגאַנגען מיט אים אַ שטיק לעבן פון כמעט צוואָנציק יאָר. באַגעגנט זיך אין יאָר 1892 אויף דער אָדעסער „קליינער בערזע", האָבן מיר נאָכדעם דורכגעמאַכט האַנט ביי האַנט אַלע שבעה מדורי גיהנום, אין יעהופּעץ אויף דער בערזע, „געגאַנגען" מיט אים קיין פּעטערבורג און קיין וואַרשע, אויס־געשטאַנען אַ סך קריזיסן, זיך געוואָרפן מיט אים פון איין פּרנסה אויף דער אַנדערער, און — אוי — וויי! — נישט געפונען קיין גליק אין ערגעץ, געמוזט סוף־כל־סוף טון דאָס, וואָס אַלע יידן טוען — עמיגרירן קיין אַמעריקע".

אין דערדאָזיקער הקדמה צו דער צווייטער אויפלאַגע פונם מנחם־מענדל־בוך וויל שלום־עליכם אויסזאָגן דעם סוד פאַר גאַנץ בראָד, אַז מנחם־מענדל איז נישט קיין אַנדערער, ווי ער אַליין. שלום־עליכם, אין יענע גוטע יאָרן פון קיעוו און אָדעס. אַזעלכע לופטיקע געשעפטן זענען אָבער, ווי זאָגט טביה, עולים ויורדים.

דאָס רעדעלע טוט זיך גאָר לייכט אַ דריי צוריק. ס׳דויערט עט־לעכע יאָר און שלום־עליכם פאַרלירט דאָס פאַרמעגן, באַנקראָ־טירט, כּלערליי בעלי־חובות יאָגן אים אַרום, און ער מוז עוקר־זיין נאָך אויסלאַנד. די פאַמיליע שיקט ער אַוועק נאָך אָדעס און אַליין איז ער נע־ונד אין פּאַריז, אין ווין, אין טשערנאָוויץ.

מיר קאָנען זיך פאָרשטעלן, ווי דער וואַרעמסטער פאַמיליע־מענטש, שלום־עליכם, האָט זיך דאָ געמוזט אָנליידן אין זיין פאַר־וואָגלטקייט.

אין טשערנאָוויץ טרעפט מיט אים אַ קוריאָז. שלום־עליכם האָט זיך ליב שפּילן אין אַנאָנימיטעט. דאָס ליגט אין זיין וועזנ־האַפטיקער שווישפּילערישער נאַטור. ער האָט ליב גרים און מאַסקע. אין טשערנאָוויצער האָטעל פאַרשרייבט זיך שלום־עליכם אונטערן נאָמען „סאַלאָמאָן“. גראָד האָט די עסטרייכישע פּאָליציי דאַמאָלט געזוכט אַ שווינדלער מיטן פאַמיליע־נאָמען סאַלאָמאָן. שלום־עליכם ווערט אַרעסטירט. דער טעות מוז ערשט אויפגעקלערט־ווערן.— פּרי־לינג־צייט — עס איז 1891 — האָט זיין שוויגער רחל לאָיעוו פון איר ירושה־טייל באַצאָלט אַלע שלום־עליכמס חובות. ער קומט־צוריק צו זיין פאַמיליע קיין אָדעס. אין אָדעס — פּונקט ווי מנחם־מענדל — שטעלט שלום־עליכם ווידער אויפן קאָן פון דער בערזע און ער פאַרלירט דעם רעשט פאַרמעגן, וואָס איז אים פאַרבליבן אין ווערט־פּאַפּירן. ווען אין יאָר 1893 קומט ער צוריק קיין קיעוו, קאָן ער שוין נישט מער זיין, ווי אַ פּשוטער מעקלער אויף דער קיעווער בערזע און אַרומדרייען זיך אַרום דער צוקער־פאַברי־קאַציע. ווי זאָגט מנחם־מענדל, „זיך דרייען מיטן שטעקעלע, ווי אַלע יידן אַרום בראָדסקין, און איך אויך בתוכם“.

## IX

קינסטלעריש שאַפן איז די גרויסע קאָמפּענסאַציע פאַר נישט⸗דערגרייכטע אָדער נישט⸗געלעבטע ווירקלעכקייטן. קונסט איז די עולם⸗הבא⸗וועלט פאַר אַ סך פאַרשפּילטע עולם⸗הזהס. קונסט איז די ווירקלעכקייט פון אַלע מעגלעכקייטן. דעריבער איז די קונסט אַזאַ פּסיכישער פענאָמען. אין דער קונסט — פּונקט ווי אין דער פּסיכיק — זענען סובלימירט נישט בלויז אַלע ווירקלעכקייטן, נאָר טאַקע אַלע מעגלעכקייטן. נאָר די מעגלעכקייט איז דער ווירקלעכקייטס⸗עלעמענט פון דער פּסיכיק. די ווירקלעכע וועלט⸗פאַרשטעלונג פון דעם מענטש איז די פאָרשטעלונג פון דער וועלט אַלס מעגלעכקייט. דאָס פּסיכישע וועלט⸗בילד איז דאָס בילד פון די מענטשלעכע ווונטשן אין דעם געשטאַלט פון דער דערפילונג. ווי אָרים און ווינציק זענען די ווירקלעכקייטן! ווי רייך און פאַרשידנאַרטיק זענען די מעגלעכקייטן!

די אַלע שפּעקולאַציעס און הינער⸗פלעטערישע געשעפטן שלום⸗עליכמס, הגם כלומרשט „ווירקלעכקייט", געהערן זיי מער צו דער פאַנטאַזיע און צום מעגלעכקייטס⸗שפּיל פון דער פּסיכיק, ווי צו דער ווירקלעכקייט. פונדעסטוועגן — מעגלעכקייטס⸗שפּיל,— האָבן זיי דאָך שלום⸗עליכמען אַבסאָלוט נישט באַפרידיקט. עס איז זיכער: אין ווען זייערן האָבן שלום⸗עליכמס מסחרים מער געהאַט שייכות צום שפּיל⸗לוסט פון זיין נאַיִווער אָבער אומרויִקער פאַנטאַזיע, ווי צו זיין חשק צו געלט און צו מאַטעריעלן פּראָפיט. פּונקט ווי מנחם⸗מענדל, איז אויך דער „בערזע⸗מענטש" שלום⸗עליכם גראָד אין געלט⸗זאַכן געווען נאַיִוו, ווי אַ קינד. מ'האָט

אים זייער לייכט געקאָנט אָפּנאַרן, און אויך שפּעטער האָט ער מיט זיינע פאַרלעגער געמאַכט די אומזיניקסטע קאָנטראַקטן. מענטשן, וואָס זענען געווען ווייניקער „סוחריש” פאַר אים,–דער־פאַר אָבער לעבנס־פּראַקטישער, – האָבן אים תמיד געמוזט אַרויס־שלעפּן פון אַלע „בלאָטעס”. שלום־עליכם האָט באמת די ווירק־לעכקייטן באַטראַכט אַלס אַ שפּיל פון מעגלעכקייטן – דעריבער האָט ער זיך אַזוי אָפט אָפּגעבריט! אויך דאָ – ווען ער איז גע־שטאַנען אינמיטן פון די צעוואָרפענע שפּיל־קאָרטן פון די ווירק־לעכקייטן – איז זיין פאַנטאַזיע אַריבערגעפלאָסן איבער די ברע־געס אַפילו פון דידאָזיקע שפּיל־מעגלעכקייטן. שלום־עליכם איז געווען אַ קאַפּריליק. ווי אַלע קאַפּריליקעס האָט ער זיך נישט געקאָנט דערצידירן וועגן זיין באַרוף. קאַפּריליקעס גייען תמיד „דערנעבן” פון זייער באַרוף. שלום־עליכם האָט זיך נאָר געקאָנט אויסלעבן אין דער ריינער אַבסטראַקציע, אין די גרענעצלאָזע פאָרמען פון גייסט. זיין אייגנטלעך לעבנס־וואַסער איז געווען די ליטעראַטור. ער האָט אויך אין לעבן געזוכט ליטעראַטור. דערין האָט געשטעקט זיין נאַיִוויטעט און זיין טעות. וואָס שלום־עליכם איז ווירקלעך געווען מיט זיין פולן לייב־און־לעבן – ער איז געווען שריפטשטעלער. „ער האָט געברענט אין זיין שרייבן, ווי אַ קנויט אין בוימל, און אין שרייבן איז אויסגעפּלאַקערט־געוואָרן זיין לעבן” – זאָגט זייער ריכטיק שלום־עליכמס ביאָגראַף, בער־קאָוויטש. דאָס האָט נישט קיין שייכות בלויז צו די עלטערע און רייפערע יאָרן שלום־עליכמס – ווען שלום־עליכם האָט שוין דער־קענט זיין אמתן באַרוף און ער איז געווען נישט מער, ווי שריפט־שטעלער. אַפילו אין די „סוחרישע” קיעווער יאָרן איז זיין שטאַרקס־טע ליידנשאַפט געווען דאָס „שרייבן”. ער האָט „נישט געקאָנט גלייכגילטיק צוזען ווייס גלאַט פּאַפּיר” – דערציילט שלום־עליכם וועגן זיך אַליין. אין זיינע בריוו רעדט ער תמיד אומפאַרבעסער־לעך וועגן „שרייבן”, ווי אַן אומפאַרבעסערלעכער שיכור וועגן בראָנפן. בין מסחר למסחר, אין הו־האַ פון כלערליי ווינט־גע־שעפטן און בערזע־שפּעקולאַציעס איז ער גראָד זייער פרוכטבאַר אין זיין שריפטשטעלערישער טעטיקייט. ער שרייבט און פאַר־

עפנטלעכט פאַרשידענע ווערק. אַרום זיינע „ווירקלעכקייטס־טאַטן" גיסט זיך שלום־עליכמס לעבנס־געפיל צענפאַן פאַנאַנדער אין דער קאָמפּענסאַציע פון קאַסרילעווקער מעשיות. אימאַגינירטע מנחם־מענדלס באַגלייטן אים, ווי שאָטענעס, און מישן זיך היימיש צו־נויף מיט די לייבלעכע פאַרשוינען, מיט וועלכע ער פאַרקערט. עס איז שווער צו זאָגן, אַז אין יענע קיעווער יאָרן האָט שלום־עליכם געלעבט אַ טאָפּל־לעבן. ניין. ער האָט פולקום געלעבט מיט פאַרמאַכטע אויגן אין זיינע קאַסרילעווקער וויזיעס, און דאָס לעבן זיינס אין קיעוו איז אויך נאָר געווען אַ קאַסרילעווקער וויזיע; אַ גרויסע ווונטש־כימערע, וואָס אין די ברעגעס אירע האָט זי זיך געהאַט מכלומרשט „מאַטעריאַליזירט". צו זיין אינמיטן די שאָטנהאַפטיקע ווירקלעכקייטן פון „יידיש־קאַפּיטאַליסטישן" לעבנס־שטייגער און אינמיטן דער צעוויגטער שאָטן־וועלט פון זיינע גע־מיט־זעונגען — דאָס איז געווען דער דאַמאָלסדיקער צושטאַנד פון שלום־עליכמס פּסיכיק. דעמדאָזיקן צושטאַנד שילדערט אונז שלום עליכם זעלבער אין איינעם פון זיינע בריוו: „איך בין איצט מעוברת מיט אַזויפיל מחשבות און בילדער, אַז איך בין שטאַר־קער פון אייזן, וואָס איך ווער נישט צעשפּרונגען. ברענען זאָל די בערזע! ברענען זאָל דאָס קערבל! מע פרעגט מיך, די וואָס קענען מיך און זעען מיך אַלע טאָג: ווען שרייב איך? אָט אַזוי שרייב איך, גייענדיק, לויפנדיק, זיצנדיק ביי יענעם אין קאַבינעט, פאָרנדיק אויפן טראַמוויי, און פּונקט בשעת מע דולט מיר אַ קאָפּ מיט אַ וואַלד, נישט־געהאַקטן וואַלד, אַן אימיעניע אַ טייערע, אַ זאַוואָדל — פּונקט דעמאָלט וואַקסן אויס די שענסטע בילדער, און מע קאָן זיך נישט אָפּרייסן אויף איין מינוט, אויף קיין רגע, דאָס אַלצדינג אַרויפּצונעמען אויף פּאַפּיר. ברענען זאָלן די גע־שעפטן! ברענען זאָל די וועלט!".

מיר זעען, אַז דאָס שווערע בלאָנדזשען שלום־עליכמס איז נישט געווען בלויז זיין שרייבעריש בלאָנדזשען. ער האָט אויך געבלאָנדזשעט אין לעבן. אַזוי ווי ער געפינט שפּעטער מיט גרוי־סער מי זיין שרייבערישן סטיל, אַזוי געפינט ער אויך מיט גרויס מי זיין לעבנס־באַרוף — דעם „בוימל", אין וועלכן זיין „לעבנס־

קנויט" האָט געקאָנט „ברענען" – דעם באַרוף פונם שריפטשטע־לער. עס זענען געווען שריפטשטעלער, און זייער באַדייטנדיקע שריפטשטעלער, וואָס האָבן זיך איינגעאָרדנט אין לעבן מיט אַנ־דערע באַרופן, אַ חוץ דעם באַרוף פון זייער פעדער. דאָס זענען אָבער געווען מענטשן, וואָס האָבן גוט געקענט די גרענעצן צווישן זייער נויטווענדיקן פראַקטישן באַרוף און זייער אינערלעכער וועלט. זיי האָבן נישט פאַרטוישט די יוצרות. אויפן פראַקטישן באָדן זענען זיי נישט געווען קיין לבנה־גייער און נישט געגלויבט, אַז זיי עסן זייער טאָג־טעגלעך ברויט פון טעלערל פון הימל. עס איז גאָרנישט געזאָגט, אַז מענטשן, וואָס לעבן זיך אויס אין גרוי־סע שאַפערישע וויזיעס, טאָרן נישט האָבן קיין זין פאַרן טעגלעכן פראַקטישן לעבן. זיי מעגן דורכויס האָבן זין פאַרן פראַקטישן לעבן. שלום־עליכמס גרויסער לעבנס־טעות איז באַשטאַנען נעמלעך דערין, וואָס ער האָט נישט געקאָנט פונאַנדערשיידן צווישן אָבּ־יעקטיווע רעאַליטעטן און סוביעקטיווע זעונגען פון אַ שאַפערישן ווילן. דיווירקלעכקייט אַלס פראַקטישער פענאָמען איז פאַר אים געווען פונקט אַזוי רעלאַטיוו, ווי זי איז רעלאַטיוו אויפן זע־פעלד פון דער פאַנטאַזיע. אַקוראַט אַזוי ווי ביי זיינע פאַרשוינען. שלום־עליכם האָט אויך פאַר דעמדאָזיקן לעבנס־טעות געצאָלט ביטער באַ־צאָלט. אַקוראַט אַזוי ווי זיינע פאַרשוינען.

## X

ווי געזאָגט, צוזאַמען מיט זיין שריפטשטעלערישן סטיל הייבט שלום-עליכם אויך פּאַמעלעך אָן צו געפינען דעם סטיל פון זיין לעבן. ער הערט אײנציקװייז אויף צו זיין דער „פּראַקטי-שער" „ווירקלעכקייטס-מענטש", ד. ה., דער מנחם-מענדל אין טעטיקן לעבן. כ'וויל דאָ נישט איבערטרייבן און עס פאַרשרייבן אויף שלום-עליכמס חשבון — אַז דאָס האָט ער אַליין, הייסט עס, ענדלעך איינגעזען, אַז ער מוז „אָפּהאַקן" מיט בראָדסקין. די אָביעקטיווע אומשטענדן — וואָס שלום-עליכם האָט נישט דאָס מינדסטע געקאָנט זיי באַהערשן — האָבן אים ברוטאַל אַרויסגעוואָרפן פון די „יעהופּעצער גליקן". גענוג, — שלום-עליכם זאָגט: פּאַס! ער זעצט זיך נישט מער צו צום יעהופּעצער שפּיל-טיש און ווידמעט זיך אינגאַנצן זיין לעבנס-עלעמענט, דער פּעדער. אין יענער צייט גראָד קומט אַן אויפ-שוווּנג פון דער יידישער פּרעסע, און שלום-עליכם אָרדנט זיך איין אַלס שטענדיקער מיטאַרבעטער אין פאַרשידענע אויסגאַבן. אין דעם לעבנס-שטייגער זיינעם טרעטן איצט אַריין פאַרשידענע שינויים. קודם-כל: שלום-עליכם זאָגט זיך אָפּ, אַזוי-צו-זאָגן, „מיטצווווירקן" אין דעם „שוישפּיל" פון דער אָביעקטיווער וועלט. — ער גיט זיך אָפּ דעם „שוישפּיל" פון זיין אינערלעכער וועלט — דער ליטעראַטור. דורכדעם הייבט זיך אָן מיט אַ באַזונדערער אינטענסיוויטעט ביי שלום-עליכמען צו אַנטוויקלען אַן אינסטינקט, וואָס איז תּמיד ביי אים געווען זייער שטאַרק, נאָר דאָס רוישיקע לעבן זיינס אויף די יעהופּעצער גאַסן און אַרום די יעהופּעצער „גליקן" האָט אים געשטערט דערין זיך אויסצולעבן. נעמלעך,

י. י. טרונק, שלום-עליכם, 28.

דאָס פאַמיליע־לעבן. פון שלום־עליכמס קינדער־יאָרן ווייסן מיר שוין, ווי ווייניק וואַרעמקייט און צערטלעכקייט ער האָט אַפילו אין די פריסטע קינדער־יאָרן געזאָסן. זיין מוטער חיה־אסתּר האָט בכלל אַרויסגעוויזן צו די קינדער ווייניק מוטערלעכע צערט־לעכקייט. האָט זיי כּסדר געקנייפּט און געשלאָגן. ווען שלום־עליכם ווערט אַ יתום, הייבט זיך פאַר אים אָן די צייט פון שרעקלע־כער נויט, דער עיקר — פון שרעקלעכער היימלאָזיקייט. שלום־עליכם איז געווען פון די נאַטורן, וואָס האָבן זיך שטאַרק גענויי־טיקט אין ליבע, אין וואַרעמקייט, אין געמיינשאַפטס־געפיל. מיט וויפל ליבע און מיט וויפל געפיל פון געמיינשאַפטלעכקייט האָט ער אַרומגענומען זיין פּערסאָנאַזש און אַפילו די לעבעדיקע און טויטע רעקוויזיטן פון זיינע ווערק! אין דעם זעען מיר איבערגעע־נוג, ווי שטאַרק די געפילס־עלעמענטן פון געמיינשאַפט זענען גע־ווען ביי שלום־עליכמען. געמיינשאַפטס־געפיל האָט ער באַדאַרפט האָבן צו זיין לעבן, ווי לופט און זון. און ער האָט עס נישט גע־האַט. ס'קומען די זון־טעג אין סאָפּיאָווקע. ער פאַרליבט זיך. האָט חתונה מיט דער פיל־געליבטער פרוי. האָט קינדער. ער קאָן זיך אָבער נישט פול אויסלעבן אין דער היים, אין דער פיל־אויסגע־בענקטער היים. דאָס שווערע לעבן פאַריאָגט אים פון דאָרט, ווי אַ פויגל פון דער נעסט. ער איז פאַרהאַוועט אין די כּלערליי מסחרים, און די היים קאָן נישט זיין פאַר אים דאָס, אין וואָס ער נויטיקט זיך: די וואַרעמע, היימישע נעסט. ערשט, ווען ער געפינט זיין ריכטיקן לעבנס־ציל, געפינט ער אויך זיין אָרגאַנישן לעבנס־אופן. זיין פולן טעמפּעראַמענט אין זיין פולער אַקטיוויטעט הייבט ער אָן אויסצובויען אין דער ליטעראַטור. פונקט ווי ער בויט זיך אויס די וועלט — זיין וועלט — לויט זיין געמיט, אַזוי אויך בויט ער אויס די היים — זיין היים — לויט זיין געמיט. פון איצטער־אָן לעבט שלום־עליכם כּסדר אין די שטחים פון זיין סוביעקט. די היים איז די איינציקע „אָביעקטיווע" ווירקלעכקייט, צו וועלכער שלום־עליכם שטייט אין טיפסטער באַציִונג. אויב ער האָט זיך אָפּגעקערט פון אַלע אָביעקטיווע ווירקלעכקייטן צו זיך, צו זיין מהות, צו זיין אינערלעך געמיטס־לעבן, — ווו איז דאָס

געמיינשאַפטס־געפיל: די היים איז ביי שלום־עליכמען געוואָרן די איינציקע באַזע פון דעם שטאַרקן געמיינשאַפטס־געפיל. (הגם עס האָט זיך טאַקע אין פלוג נישט באַדאַרפט פאָרן מיט דעם אָפּגעשלאָסענעם שלום־עליכמישן סוביעקטיוויזם). די היים — דאָרט האָט זיך אויסגעכאָוועט שלום־עליכמס געמיינשאַפטס־געפיל, — און פון דאַנען האָט עס מיט אַן אויסטערלישער וואַרעמקייט געשטראָמט אין אַלע זיינע ווערק. „ווילסטו שלום־עליכמען דערקענען — זאָגט זיין ביאָגראַף בערקאָוויטש — גיי צו שלום־עליכמען אַהיים". „די היים איז געווען זיין באַקוועם וואַרעם נעסט — זאָגט ווייטער בערקאָוויטש — ווהין ער האָט זיך געצויגן אַן אָנגעלאָדענער, ווהין ער האָט צונויפגעטראָגן פון דער גאָרער וועלט די קערנער פון זיין שאַפונג".

אין דערדאָזיקער היים האָט שלום־עליכם אויסגעבויט די רייפסטע און די לעצטע עפּאָכע פון זיין לעבן. דאָ האָט ער גע־לאָזט פולקום זיך פאַנאַנדערוויקלען אַלע אייגנשאַפטן און אַלע קאָמפּלעקסן פון זיין פּסיכיק. די „היים־ווירקלעכקייט" האָט זיך אים נישט אַקעגנגעשטעלט, ווי די ווירקלעכקייט מחוץ דערדאָזי־קער וואַרעמער נעסט — היים. זי, די ווירקלעכקייט פון דער „היים", האָט זיך אים אונטערגעגעבן, זי האָט אים אויסגעטראָגן. אַלע געפילן צו פאַמיליע, פאָטערלעכקייט און מוטערלעכקייט, צו וועלכע שלום־עליכם האָט פון תמיד־אָן געבענקט זיך צו טוליען— און דאָס לעבן האָט אים גראָב אָפּגעשטויסן — האָבן זיך פון איצטער־אָן אָנגעהויבן ברייט פאַנאַנדערשפּילן אויף דעם באָדן פון דער היים. אויף דעמדאָזיקן באָדן האָט ער כסדר געוואָלט האָבן אַרום זיך נישט בלויז זיינע נאָענטע, די קינדער, די איי־ניקלעך, די איידעמעס, נאָר אויך אַלע זיינע העלדן. די ליבע קאָס־רילעווקער פאַרשוינדלעך, מיט וועלכע ער האָט געשפּילט דאָס גרויסע שוישפּיל פון זיין וועלט. „זיינע געשאַפענע פאַרשוינען זענען פון זיך אַליין אַריינגעטראָטן אין דער משפחה: טביה דער מילכיקער איז געווען פאַררעכנט ווי עפּעס אַ ליבער נאָענטער קרוב, אַ קליינשטעטלדיקער פעטער; מנחם־מענדל איז געווען אַ גוט־באַקאַנטער שכן, אַן אָפּטער אַריינגייער; און מאָטל פייסי דעם

חזנס — אַ ליב, טייער, מחיהדיק געשוועסטער־קינדל"... (בערקאַוויטש: „שלום־עליכם־בוך"). אויך זי, דידאָזיקע „היימישע" ווירקלעכקייט איז נאָר געווען אַ טייל פון דעם גרויסן חלום, וואָס האָט פול־געמאַכט שלום־עליכמען. די טראַגישע שאָטן־פיגורן פון זיינע שאַפונגען האָבן זיך היימיש „אַרומגעדרייט" ביי אים אין שטוב און געהערט צו דער משפחה. אַזוי האָט ער אוממיטלבאַר פאַרקערט מיט די טראַגישע געשפענסטער פון זיין אינערלעכער וועלט. די ווירקלעכקייט זאָל זיין באַהערשט פון טיפע פסיכישע זעונגען — דאָס איז שלום־עליכמס לעבנס־מהות.

נישט בלויז זיינע קרובים און זיינע געשפענסטער האָט שלום־עליכם געוואָלט האָבן אַרום זיך אין זיין היים. ער האָט אויך געהאַט די נייגונג, זיין שטאַרקן פאָטער־קאָמפלעקס צו אידענטיפיצירן מיט זיין געמיינשאַפטס־געפיל. אין יעדער באַציִונג זיינער צו דער וועלט האָבן גלייך געמוזט מיטשפילן אַלע קאָמפלעקסן פון זיין פסיכיק. ער האָט דעריבער זיינע פאָטער־ *) אונ־

*) וואָס שלום־עליכם האָט גערופן מענדעלען „זיידע" און זיך — „אייניקל", האָט מער געשטאַמט פון משפחה־קאָמפלעקסן — אור־פאָטער, טאָטעמיסטיק — ווי פון שריפטשטעלערישער פאַרערונג. כ'בין פון תמיד־אָן מסופק געווען, צי שלום־עליכם האָט טאַקע אויפריכטיק געהאַלטן מענדעלען פאַר דעם ליטעראַרישן רײז און זיך — פאַרן שקאָצישן אייניקל. זיין קאַלטע באַציִונג צו פרצן האָט זיכער אין אַ גרויסער מאָס געשטאַמט דערפון, וואָס פרץ איז געווען אַ צו שטאַרקע און אויסגעשפראָכענע אינדיווידואַליטעט און שווער געקאָנט אַריינפאַסן אין שלום־עליכמס „משפחה". אגב, איז זייער כאַראַקטעריסטיש דער בריוו, וואָס שלום־עליכם האָט געשריבן צו פרצן נאָכדעם, ווי ער האָט איבערגעלייענט די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן": „אַז איך האָב דורכגעלייענט די פאָלקסטימלעכע געשיכטן" — שרייבט שלום־עליכם — „בין איך צוגעגאַנגען צום שפיגל און זיך אַליין געגעבן צוויי פעטש — דערפאַר, וואָס איך האָב ביז אַהער נישט געוווּסט צו שאַצן אייער הויכן ווערט" (שלום־עליכם־בוך). איך פערזענלעך געדענק, ווי פרץ פלעגט זיך מיט דעמדאָזיקן בריוו אַרומטראָגן, ווי מיט אַן אבן־טוב. עס איז אויך אַ פאַלשע לעגענדע, אַז פרץ האָט מכלומרשט נישט געהאַלטן פון שלום־עליכמען. פרץ האָט אין די לעצטע יאָרן אויסערגעוויינלעך פאַרערט

משפחה־געפילן אַריבערגעטראָגן אויף כמעט אַלע באַציִונגען צו מענטשן. נאָר טוליען זיך צו עמעצן און נאָר מ׳זאָל זיך צו אים טוליען — דאָס איז אים פאַרבליבן אַלס אַן אומגעשטילט באַדערפעניש נאָך פון זיינע ליבלאָזע קינדער־יאָרן. אין דערדאָזיקער הינזיכט דערציילן אונז אַ סך די מענגע בריוו, וואָס שלום־עליכם האָט געשריבן צו יעדן איינציקן ייד. וועלכער האָט געפּרוווט אַ קלאַפּ־אָן צו טון אין זיין טיר. שלום־עליכמס פעדער האָט געוואַרט דערויף, אַז מ׳זאָל זיך צו איר ווענדן. עס איז זיכער, אַז נאָר אַ גאַנץ קליינער טייל פון שלום־עליכמס בריוו איז געוואָרן אָפּגעהיט און פאַרעפנטלעכט. אָט דער קנאַפּער טייל פון שלום־עליכמס בריוו ווייזט אונז גענוג, ווי אינטים עס איז דער צוזאַמענהאַנג צווישן זיין פּאָטער־ און פאַמיליע־געפיל און דעם געפיל פון געמיינשאַפט. נאָך מער: די בריוו באַווייזן אונז אויפן בולטסטן אופן, ווי אין יענע יאָרן, — ווען שלום־עליכם האָט אָנגעהויבן צו ווערן נאָר שריפטשטעלער, — זענען אַלע זיינע איבעריקע פערזענלעכע אייגנשאַפטן און פערזענלעכע באַציִונגען איינגעגאַנגען אין זיין קינסטלערישן לעבנס־מהות. שלום ראַבינאָוויטש הערט־אויף צו עקזיסטירן אַלס שלום־עליכמס נעבן־פיגור. שלום־עליכם שיינט שלום ראַבינאָוויטשן פולשטענדיק צו האָבן פאַרגעסן. אין אַלע לעבנס־נערוון שלום־עליכמס, אין אַלע שאַטירונגען פון זיין טעטיקייט, אַפילו אין די פּריוואַטסטע זאַכן און אין די ווינציקסטע טאָג־טעגלעכקייטן זיינע פליסט נאָר איין לעבן: דאָס שלום־עליכמישע לעבן. אין דער ביאָגראַפיע זיינער האָבן מיר איצט צו טון מיטן הוילן הונדערט־פּראָצענטיקן שלום־עליכם. די פערזענלעכע ווירקלעכקייט — שלום ראַבינאָוויטש — איז פולשטענדיק פאַרדרענגט פון דער פערזענלעכער אילוזיע. פון שלום־עליכמען דעם שוישפּילערישן אַנאָנים. דאָס גרויסע קינד און דער גרויסער טראַגיקער. אַזוי וויל ער דעם גאַנצן קרייז פון זיינע

---

שלום־עליכמען. אין אַ געשפּרעך מיטן שרייבער פון דידאָזיקע שורות האָט זיך פרץ אַמאָל אויסגעדריקט, אַז אויף דער וועלט איז ער מקנא צוויי שריפטשטעלער: שעקספּירן און שלום־עליכמען.

באַציִונגען אַריינציען אין דעם שטח פון זיין שאַפן און פון זיין פאַמיליע. אין זיינע פריוואַטע בריוו געפינען מיר שלום־עליכמען פונקט אויף דער האָר דעמזעלביקן, ווי מיר געפינען אים אין זיי־נע ווערק. דיזעלביקע שפּראַך. דיזעלביקע באַרעדעוודיקייט. דער־זעלביקער אופן ווי עס בויט זיך כסדר אויף זיין לעבנס־בילד. אומעטום שלום־עליכם. פּונקט ווי ביי זיינע העלדן זענען אויך ביי אים, ביי שלום־עליכמען, פאַרווישט אַלע רעאַלע גרענעצן צווישן ווירקלעכקייט און אילוזיע. די פּערזאָנען פון זיין לעבן שפּילן־מיט אַלס אילוזיע אין זיינע ווערק, און די פּערזאָנען פון זיינע ווערק דרייען זיך אַרום אים אַרום, ווי ווירקלעכקייטן. אין דעמדאָזיקן ליכט־ און שאָטן־קרייז פון ווירקלעכקייט און אילוזיע פּילט ער זיך, שלום־עליכם, מיט זיין שטאַרקן געמיינשאַפטס־געפיל דער Pater Familias. דער Pater Familias דעריבער, — ווייל אין דער ספּעציפישער קאָנסטרוקציע פון זיין שלום־עליכמישן לעבן שטייט זיין סוביעקט, ווי דער איינציק־רעפלעקטירנדיקער מיטל־פונקט אינמיטן זיין גאַנצער אַרומיקייט. די וועלט אַרום שלום־עליכמען ליגט פאַר זיין געמיט אין אַ בין־השמשות פון מעגלעכקייט און ווירקלעכקייט און נאָר דערדאָזיקער סוביעקט — שלום־עליכם — וואַרפט ליכט אויף אַלעם, וואָס לעבט און באַוועגט זיך אין יענעם בין־השמשות. ער איז דער מיטל־פונקט — דער Pater Familias— אין זיין וועלט, ווי יעדער (אין זיך) אָפּגעשלאָסענער סוביעקטיוויסט. אין זיינע הענט — דאָס איז שלום־עליכמס לעבנס־געפיל — גלויבט ער צו האַלטן די פעדים פון דעם גרויסן מאַריאָנעטן־טעאַטער, וואָס הייסט יידישע וועלט. אַלע געהערן זיי, די יידן, צו דער משפּחה פון אַקטיווע מיטבאַטייליקטע אין זיין גרויסן וויזיאָנע־רישן שוישפּיל. דאָס שוישפּיל, וואָס הייסט יידישע וועלט. אַזוי קלאַפּט שלום־עליכם צונויף זיין היים אַלס בינע און קוליסן פאַר דעם שוישפּיל פון זיינע וויזיעס.

## XI

אין די יאָרן פון זיין פּרוכטבאַרסטער שריפטשטעלערישער טעטיקייט, איבערהויפּט אין די לעצטע צען-פופצן יאָר פון זיין לעבן, קומט שלום-עליכמען אויס אַ סך אַרומצופאָרן איבער דער וועלט. עס זענען דער עיקר עקאָנאָמישע סיבות, פּרנסה-נויטווענ-דיקייטן. שלום-עליכם האָט אַ גרויס הויז-געזינד. דער שרייב-טיש גיט צו-ווייניק אויסקומעניש. שלום-עליכם פאָרט-אַרום איבער די תּפוצות-ישראל מיט פאָרלעזונגען. שלום-עליכם איז שוין דאַמאָלס געוואַלדיק פּאָפּולער צווישן די יידישע מאַסן. אינסטינקטיוו פילן זיי, אַז אין דידאָזיקע קוריאָזע ווערק אויף יידיש געשריבן „אויף צו לאַכן" אַנטפּלעקט זיך די פולע נאַציאָנאַלע פּסיכיק פון יידן און דער פולער מעכאַניזם פון דערדאָזיקער פּסיכיק. שלום-עליכמס נסיעות צווישן יידן פאַרוואַנדלען זיך אין אמתע טריומף-צוגן. דערצו — און דאָס געהער לגמרי צו שלום-עליכמס ווען—שלום-עליכם איז שוישפּילער. ער לייענט עפנטלעך זיינע זאַכן מיט ג"ויסער אַקטיאָרישער קונסט. ער שפּילט זיינע זאַכן נישט בלויז שרייבנדיק, ער שפּילט זיי אויף לעבנדיק. דידאָזיקע גרויסע דערפאָלגן זיינע מאַכן אויף שלום-עליכמען פּערזענלעך אַ מעכטיקן איינדרוק. פּסיכיש: דער אומפאַרבעסערלעכער סוביעק-טיוויסט, שלום-עליכם, איז „אַנטלאָפן" אין דער ליטעראַטור אַריין אַ געשלאָגענער און אַנטוישטער פון דערווירקלעכקייט. איצט זעט ער פּלוצים, ווי די „ווירקלעכקייט" יובלט אים אַנטקעגן. ער איז גאָר איר ליבלינג, זי באַשיט אים גאָר מיט בלומען, די ווירק-לעכקייט, זי גיט אים גאָר געלט און טראָגט אים אויף די הענט. עס שמעקט דאָ ווידער מיט שמואליקס „אוצר". דערצו איז שלום-עליכם געווען דורכויס אַ פּראָווינציאַל. אין וועלט-רום און אין גרויסע פאָלקס-דערפאָלגן איז ער פאַרבליבן שלום נחום וועוויקס. אויך דאָ האָט ער זיין קאַסרילעווקער פּסיכיק רעאַל נישט גע-קאָנט צופּאַסן צו די רעאַלע פאַרהעלטענישן. זיינע פאָרשטעלונ-גען וועגן רום זענען געווען זייער סוביעקטיווע. זיי האָבן זיך בּסדר געפּאָרט מיט שמואליקס אוצר. דעם בעסטן פּסיכישן שפּיגל

פון אָט־אָ די פּראָווינציאַלע רום־פאַרשטעלונגען שלום־עליכמס האָבן מיר אין דעם מאַנאָלאָג פונם קאַסרילעווקער מלמד: „ווען איך וואָלט געווען ראָטשילד". מיר האָבן אים אויך אין דער בראָשור, וואָס שלום־עליכם האָט ספּעציעל אָנגעשריבן צו זיין אייגענעם יובילעום: „שמואל שמעלקעס דער יובילייאַר פון קאַסרילעווקע". שלום־עליכמס אייטלקייט איז נישט געווען צוגעשניטן אויף גרויס־וועלטישע דימענסיעס. איבער זיינע לאָרבער־בלעטער איז ער נישט רויִק געטרעטן, ווי דער זיגרייכער מייסטער. זיי האָבן אים באַרוישט, די דערפאָלגן, און איבעראַשט ווי אַ נאַיִוו, צעבאַלעוועט קינד. אויך אין זיין רום איז ער פאַרבליבן דער פּראָווינציאַלער קאַסרילִיק. מיר דאַרפן נאָר צו לייענען די בריוו, וואָס ער שרייבט אַהיים פון דידאָזיקע דערפאָלגן: „וואָס זאָל איך דיר שרייבן וועגן מיין אויפהאַלט אין בריסק? ס'איז געווען אַ פולשטענדיקער טריִומף. אָוואַציעס אָן אַ שיעור. אַ באַגלייטעניש צום וואָקזאַל א.אַ.וו. א.אַ.וו. דער עולם האָט מיך גאָר אינגאַנצן צעבאַלעוועט" (צו דער טאָכטער טיסי). אָדער: „פריינט טיסי, וואָס זאָל איך דיר שרייבן וועגן מיין נעכטיקן טריִומף? איך אַליין פלעג זיך אַמאָל באַטייליקן אין משוגענע אָוואַציעס, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן צו באַליבטע אַרטיסטן. נאָר אַזעלכעס האָב איך נישט געזען אַפילו אין מיין שרייבערישער פאַנטאַזיע. נאָכן ערשטן אַקט האָט מען מיך (בוכשטעבלעך) פאַרשאָטן מיט בלומען". „דאָס פובליקום האָט געוואַלדעוועט: גיט אונז שלום־עליכמען! איין דאַמע איז געוואָרן היסטעריש. מע האָט געמוזט אויסלעשן דאָס ליכט. אום צו באַרויִקן דאָס פובליקום, וועט מען מיך שוין היינט אַרויספירן עפנטלעך אויפן מאַרק־פּלאַץ, אַז אַלע זאָלן זען און זיך איבערצייגן, אַז שלום־עליכם איז נישט קיין מיטאָס, קיין פאַנטאַזיע, נאָר אַ ווירקלעכקייט". אַז ער זעט זיין אייגענע פאָטאָגראַפיע אין אַ שוי־פענסטער, ווערט ער דערפון ווילד נתפעל און שרייבט באַלד וועגן דעם אַ באַגייסטערטן בריוו צו דער טאָכטער. אין אַלצדינג טיילט ער זיך מיט דער „היים". ווען ער וויל פאָרן נאָך אַמעריקע, שרייבט ער צו ד"ר ש. פיש־בערג, כדי זיך צו „רעקאָמענדירן": „זאָלט איר זען, וואָס דאָ

טוט זיך מיט שלום־עליכמען און מיט זיינע אָוונטן; מע צערייסט אים אויף שטיקלעך. מע פּאַרוואַרפט אים מיט בלומען, מיט יאַר־מעלקעס און מיט געלט". איינע פון די כאַראַקטעריסטישע אינ־פאַנטילי: עטן שלום־עליכמס: ווען ער פילט זיך גאָר האָפערדיק אין זיינע דערפאָלגן, הייבט ער אָן צו רעדן וועגן זיך אין דער דריטער פּערזאָן. אַזוי מאַכן זיך וויכטיק קינדער. „שלום־עליכם האָט געטון דאָס", „שלום־עליכם האָט געשריבן"... דאָסגלייכן – טאָמער דאַכט זיך אים אויס, אַז מע רעדט נישט וועגן אים, אָדער גאָר ער האָט צופעליק נישט באַקומען קיין תשובה אויף אַ בריוו, דאַן פאַלט ער גלייך אַריין אין קעגנזאַצלעכן עקסטרעם. ער ווערט מיסטרויאיש צו זיינע דערפאָלגן. דעם סוביעקטיוון און נערוועזן פּראָווינציאַל שלום־עליכם, גלויבט זיך, אַז יענע דערפאָלגן זענען נאָר געווען הוילע צופעליקייטן. ער איז תמיד נישט זיכער מיט דערווירקלעכקייט. פּונקט ווי ביי מנחם־מענדלען, איז אויך ביי שלום־עליכמען נישטאָ קיין גרויסער מהלך צווישן באַרויש־טער האָפערדיקייט און ביטערער נידערגעשלאָגנקייט: צווישן אי־בערווערטיקייטס־געפיל און מינדערווערטיקייטס־געפיל. עס דאַכט זיך אים אויס, אַז „מ'האָט שלום־עליכמען שוין פאַרגעסן".

איבער אַלע זיינע רייזעס באַמיט ער זיך מיטצופירן מיט זיך די „היים". „ער האָט ליב געהאַט אַרומצופאָרן און צו זען די וועלט, זען נייע שטעט, נייע לענדער, נייע מענטשן. אָבער דאָס אַלץ האָט געהאַט אַ טעם, ווען אַרום אים האָט זיך געפונען זיין פאַמיליע" (בערקאָוויטש: „שלום־עליכם־בוך"). אויף דער „וועלט" פון זיין בינע אין די דעקאָראַציעס און רעקוויזיטן פון דער אילוזיע וויקלען זיך פאַנאַנדער פאַרן שוישפּילער אַלע זיינע באַציִונגען צו דער וועלט. אויך שלום־עליכם, – כדי צו זיין אינ־גאַנצן שלום־עליכם, האָט ער באַדאַרפט האָבן אַרום זיך אַלע זיי־נע אילוזיעס און דעם גאַנצן באַגאַזש פון זיינע פּסיכישע רעק־וויזיטן. גראָד אין דער פּרימיטיוו סטער אַטמאָספער פון אַ געמיינ־שאַפטס־געפיל – אין דעם קרייז פון זיינע נאָענטסטע – האָבן זיך ביי אים פאַנאַנדערגעוואַקסן זיינע טיפסטע געפילן צו דער געמיינ.שאַפט.

אַזוי זעען מיר שלום־עליכמען אַלס Pater Familias אינ־
מיטן דעם פולן קאָמפּלעקס פון זיינע באַציִונגען. עס מוז דורכויס באַמערקט־ווערן: נישט בלויז זיין נאַיִוויטעט און זיינע פאַרדרענג־טע קינדהייטס־קאָמפּלעקסן האָבן זיך סובלימירט אין דערדאָזיקער שלום־עליכמישער פּאַטערישקייט, אויך די גרויסע היסטאָרישע טראַ־גיק אין שלום־עליכמס שאַפן האָט זיך אַנטוויקלט אין דער אַטמאָ־ספער פון דעמדאָזיקן אָרגאַנישן געפיל שלום־עליכמס. Pater Familias. זיין פּאַטעריש „היים"־געפיל האָט ער אויסגעברייט איבער אַלע די־יעניקע פּאָזיציעס, איבער וועלכע עס האָבן זיך באַדאַרפט טראַגיש און שיקזאַל־שווער פאַנאַנדערצושפּילן די גרויסע שוישפּיל־זעונגען פון זיין וועלט־געפיל. און שלום־עליכמס וועלט־געפיל האָט זיך נאָר געקאָנט סובלימירן אין קאַסרילעווקער מאָטיוון. אויף דעם פּסיכישן באָדן פון אָט דער פּאַטערישקייט האָט ער אויסגעשטעלט די פולע האַנדלונג און דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון פאַרשוינען, וואָס, ער האָט באַדאַרפט צו זיינע ווערק. ער איז געווען צווישן זיי געלעבט און געליטן מיט זיי, און דער עיקר — ער איז אויסגע־וואַקסן און געוואָרן אַ שלום־עליכם צוזאַמען מיט אָט־אָ די יידישע פיגורן. ער איז דער מיטל־פונקט פון זייער לעבן. זיי זענען אַלע געווען נאָר די טאָפּל־שאָטענעס פון זיין אייגענעם שאָטן — דעם אַנאָנים שלום־עליכם. שפּעטער, וואַנדערנדיק איבער דער וועלט, איז עס געווען איין גרויסע משפּחה, דאַכט זיך אַלע יידן, וועלכע זענען מיטגעפאָרן מיט שלום־עליכמען אין זיין יידישער טביה־בויד. אַפילו איבער די אָקעאַנען פאָרן זיי מיט אים מיט. אומע־טום, ווו ער שטעלט נאָר אַרויף זיין פוס, שטעלט ער באַלד פאַ־נאַנדער זיינע דעקאָראַציעס און מיר האָבן די יידישע וועלט אַלס קאַסרילעווקע — שלום־עליכמס היים קאַסרילעווקע — און די יידן אַלס קאַסריליקעס. דידאָזיקע אָרימע יידישע קליינע מענטשעלעך אַלס טרעגער פון גרויסע מענטשלעכע שיקזאַלן — עס איז שלום־עליכמס וויכטיקע טאַט, וואָס ער האָט זיי דער ערשטער (אָבער טאַקע דער ערשטער!) אַרויסגעפירט אויף די פאָדערגרונטן פון דער יידישער געשיכטע. די לעבנס־באַוועגונגען פון שלום־עליכמס קאַסריליקעס זענען די טיפּישסטע אַקטיוויטעטן פון דער יידישער

פסיכיק. זייער שפּראַך איז יידיש. די קלאַנגען און ניואַנסן פון דערדאָזיקער שפּראַך יידיש האָט שלום־עליכם לײדנשאַפט־לעך געגאָסן, ווי דעם איידלסטן האָניק פון דער יידישער פסיכיק. אָ, דידאָזיקע יידן זענען געווען שלום־עליכמס לייד, — אָבער זיי זענען אויך געווען זיין גרויסע טרייסט און זיין גרויסער בטחון. ער האָט מיט גאָרנישט געוואָלט זיין אַרויסגעהויבן פון זיי. אים איז געווען, — גלייך ווי ער וואָלט זיי אַלעמאָל און תּמיד געהאַט אַרום זיך, אָט־אָ דאָס פּראָסטע פאָלק פון די יידישע קליינע מענטשעלעך. זיי זענען אויסגעוואַקסן מיט זיין אויסגעוואַקסן־ווערן און זיי האָבן זיך פאַרטיפערט מיט זיין אינערלעכער פאַר־טיפונג. תּמיד מיט זיי — דאָס איז געווען די גרויסע לעבנס־ליניע שלום־עליכמס. אַפילו נאָך זיין טויט האָט ער געוואָלט, „אַז די מצבה, וואָס מע וועט דערנאָך אַוועקשטעלן אויף מיין קבר, זאָל באַשיינען די איינפאַכע קברים אַרום מיר, און די איינפאַכע קברים זאָלן באַפּוצן מיין מצבה". די עפּיטאַפּיע, וואָס שלום־עליכם האָט איבערגעלאָזט, אַז מ׳זאָל זי „אויף פּראָסט יידיש" אויסקריצן אויף זיין מצבה, האָט מיט אַ דערשיטערנדיק־טראַגי־שער אינטימיטעט דערציילט פון שלום־עליכמס וועזן:

„דאָ ליגט אַ ייד, אַ פּשוטער,<br>
געשריבן יידיש־דייטש פאַר ווייבער<br>
און פאַרן פּראָסטן פאָלק האָט ער —<br>
געווען אַ הומאָריסט, אַ שרייבער.<br>
דאָס גאַנצע לעבן אויסגעלאַכט,<br>
געשלאָגן מיט דער וועלט כּפּרות.<br>
די גאַנצע וועלט האָט גוט געמאַכט,<br>
און ער — אוי ווי — געווען אויף צרות!<br>
און דווקא דעמאָלט, ווען דער עולם האָט<br>
געלאַכט, געקלאַטשט און פלעגט זיך פרייען,<br>
האָט ער געקרענקט — דאָס ווייסט נאָר גאָט —<br>
בסוד, אַז קיינער זאָל נישט זען.

שלום־עליכם"

# אינהאַלט:


זייט

צום לעזער

קליינע מענטשעלעך . . . . . . . . . . . . 9

די יידישע פסיכיק און די היסטאָרישע באַדינגונגען פון איר אַנטוויקלונג . . . . . . . . . . 85

מאַנאָלאָגן . . . . . . . . . . . . . . 161

ראָמאַן און טעאַטער־שפּיל . . . . . . . . . . 227

קאַסרילעווקער קינדער . . . . . . . . . . 313

שלום ראַבינאָוויטש – שלום־עליכם . . . . . . 375


## תיקון טעות

אויף זייט 442 שורה 14 פון אויבן, אַנשטאָט: דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון פאַרשוינען, דאַרף זיין: דעם גאַנצן קאָמפּלעט פון פאַרשוינען.

## ווערק פון י. י. טרונק

**פון דער נאַטור,** נאָוועלן.

**פייגנביימער,** און אַנדערע דערציילונגען.

**מידע,** נאָוועלן.

**אידעאַליזם און נאַטוראַליזם אין דער ייד. ליטעראַטור,**
טענדענצן און וועגן פון אונזערע מאָדערנע שריפט־
שטעלער.

**צווישן ווילן און אָנמעכטיקייט** (ה. ד. נאָמבערג), פּרוון פון
אַנאַליז און כאַראַקטעריסטיק.

**יאָסעפוס פלאַוויוס פון ירושלים,** און אַנדערע היסטאָרישע
נאָוועלן.

**יידישע קולטור־פראַגן און דער סאָציאַליזם**
(Pro domo nostra).

**נאָענט און פרעמד,** עסייען.